STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04407

IDISHE FOLKS-GESHIKHTE

Heinrich Graetz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

H-13,7

פערלאג „יהודיה"

אידישע פאלקס־געשיכטע

פון

פראפעסאר צבי גרעטץ

איבערזעצט דורך י. שפירא.

פיערצעהנטער באנד

אינהאלטס-פערצייכניס פון פיערצעהנטען באנד.

די הומאניסטישע און רעפארמאציאנס צייט-עפאכע.

עלפטען קאפיטעל (פארטזעצונג)

זייטען:

די אומאנער שחיטות — — — — — — — — 9—3

די אידישע אויטאנאמיע אין אלט-פוילען — — — — — 30—9

די רענעסאנס-עפאכע.

ערשטען קאפיטעל

מענדעלסאן׳ס צייט (1786—1760) — — — — 81—31

צווייטען קאפיטעל

דער אבערגלויבען פון רעכטס און לינקס (1789—1760) 133—82

דריטען קאפיטעל

די פראנצויזישע רעוואלוציע און די גלייכבערעכטיגונג 160—133

Drukarnia „REKORD", W-wa, Zamenhofa 18, Tel. 11-37-36

עלפטעס קאפיטעל (פארטזעצונג)

די פערווילדערונג

הומאניסטישע און די רעפארמאציאנס-צייט-עפאכע

די אומאנער שחיטות.

די פוילישע מדינה, וועלכע איז פריהער געווען א בליהענד לאנד, איז שטארק אבגעשוואכט געווארען דורך די שטענדיגע קלאסען- און גלויבענס-קאמפען און האט זיך געשווינד דערנעהנטערט צו איהר פולקאמען חורבן. זינט מען האט אויסגעקליבען פאר א מלך (1764) ס ט א נ י ס ל א ו פ א נ י א ט א ו ס ק י, איז פוילען פאקטיש שוין געווען אונטער'ן פראטעקטאראט פון רוסלאנד. אין איינינע פוילישע געזעלשאפטליכע קרייזען האט מען שוין געהאט אנגעהויבען אנצוערקענען, ווי נויטווענדיג עס איז צו מאכען גרינדליכע רעפארמען, וועלכע זאלען קאנען אבראטעווען די מלוכה פון א פולקאמען חורבן; אבער דער אלטער רעזשים, וועלכער האט זיך געהאלטען אויף דער שליאכטא און אויף די קאטוילישע גלחים, האט זיך אליין נישט געקאנט פעראורטיילען צום טויט, און עס האט אויסגעוויזען, ווי ער ערווארטעט דעם פערדינטען טויט דורך א פרעמדער מאכט. די פריהערדיגע פאליטיק אין דער בעציהונג צו אידען האט זיך אויך געהאלטען אין דער רעגירונג פון סטאניסלאוו פאניאטאווסקי. אנשטאט צו טראכטען וועגען דעם אויסבעסערן דאס לעבען פון די אידען, וועלכע זענען דאך געווען דער וויכטיגסטער עלעמענט אין דער שטאדטישער בעפעלקערונג, האט די נייע פוילישע רעגירונג געטראכט נור וועגען דעם, ווי אזוי צו בעקומען פון אידען וואס גרעסערע אבצאהלונגען. דער ווארשאווער סיים פון 1764, וועלכער איז פארגעקומען פאר'ן אויסקלויבען א נייען מלך, און האט זיך אויך געהאט פערנומען מיט'ן בעטראכטען די אינערליכע רעפארמען, האט נישט געפונען פאר נויטיג צו רעפארמירען אין אידישען לעבען קיין אנדער זאך, ווי דאס סיסטעם פון אויפמאהנען די אבצאהלונגען. פריהער פלעגט מען דעם קאפ-אבצאהל פון די אידען ארויפלעגען יעהרליך אויף אלע פוילישע און ליטווישע אידען „הורטאוונע" — דאס הייסט, מען פלעגט מודיע זיין, וויפיל אידען ברויכען צו צאהלען, און די אידישע „ועדים" אדער „צוזאמענפאהרען" פלעגען שוין אליין איינטיילען דעם

אבצאהל צווישען די בעזונדערע קהלות. לויט דער נייער קאנסטיטוציע אבער, האט מען דעם דאזיגען אבצאהל ארויפגעלעגט אויף יעדען אידישען נפש בעזונדער, וועלכער האט געדארפט צאהלען צוויי גילדען א יאהר; פאר'ן דאזיגען אבצאהל איז געוועזן פעראנטווארטליך ווידער יעדע קהלה. די דאזיגע „רעפארמע" האט נור שווערער געמאכט דעם אבצאהל פאר די אידען, וועלכע איז שוין אהן דעם אויך געוועזן זעהר שווער, ווייל פאר די אידען האבען זיך פערשלאסען פיעל קוועלען פון פרנסה. די שליאכטא האט געזארגט קודם כל פאר איהרע אייגענע אינטערעסען און, אויסקלייבענדיג דעם קעניג, האט זי ארויפגעלעגט אויף איהם א פליכט, נישט צו דערלאזען די אידען זיין פערוואלטער פון די מלוכה=גיטער, פון אבצאהלונגען און אנדערע מלוכה=הכנסות. כדי צופרידענצושטעלען די אייביגע אידישע קאנקורענטען. די קריסטליכע סוחרים און מיעשטשאנעס, האט דער סיים פון 1768 בעשטעטיגט אן אלט געזעץ פון יאהר 1538, אז די אידען האבען אין פיעל שטעדט געקאנט האנדלען נישט אנדערש, ווי מיט דער ערלויבניש פון די מאגיסטראטען, וועלכע זענען בעשטאנען טאקי פון די אידישע קאנקורענטען גופא, פון די קריסטליכע סוחרים און מיעשטשאנעס.

אין דער זעלביגער צייט האט זיך אבער אויפגעהויבען אין יענעם טייל אוקראינא, וואס האט נאך געהערט צו פוילען (אויפ'ן רעכטען זייט דניעפר) — א רוסישע פאלקס=בעוועגונג אי געגען די פאליאקען אי געגען די אידען. די בעוועגונג האט געשטאמט פון נידעריגסטען קלאס פון דער בעפעלקערונג, — פון די פערקנעכטעטע מאלארוסישע פויערן (כלאפעס), און איז געוועזן עהנליך צום אויפשטאנד פון כמיעלניצקי אין יאהר 1648 (ת"ח). צווישען דער נידעריגער בעפעלקערונג אין אוקראינא האט נאך געלעבט דאס אנדענקען וועגען יענער צייט, ווען די כלאפעס האבען זיך געבאדען אין בלוט פון די שטאלצע פריצים און אידען; די דאזיגע זכרונות האט מען דארט בעזונדערס אבגעפרישט אין די מאמענטען פון פאליטישע מהומות, וועלכע זענען געווארען אפטע געסט אין דער צייט פאר'ן ענדליכען חורבן פון דער פוילישער רעפובליק. די אנטלאפענע פראוואסלאווע פויערן=קנעכט פון די מאיאנטקעס פון די פוילישע פריצים און די אנגעלאפענע קאזאקען און זאפאראזשצעס פון דער רוסישער אוקראינא פלעגען זיך אפט פעראייניגען אין פרייע **הידאמאקישע מחנות**, וועלכע פלעגען זיך לאזען געהן ראבעווען אין די פריצישע מאיאנטקעס און אין די קליינע שטעדטלעך ביי אידען. די דאזיגע רויב=אנפאלען האבען אין די צייטען פאר א מלך=וואהל און מהומות אנגענומען א כאראקטער פון גרויסע פאלקס=אויפשטאנדען. אזוי, למשל, אין די יאהרען 1734 און 1750 האבען די כלאפעס אונטער'ן אנפיהרען פון הײדאמאקישע פולקאווניקעס זיך גוט ארגאניזירט און חרוב געמאכט פיעל שטעדט און דערפער אין קיעווער סביבה, אין וואהלין און פאדאליען, וואו זיי האבען בעראבעוועט און אויסגעהרגעט פיעל פוילישע פריצים און אידען. מיט א בעזונדערער

קראפט אבער האט זיך ענטוויקעלט די הײדאמאקישע בעוועגונג אין יאהר 1768. רוסלאנד, וועלכע האט געהאט דעם פאקטישען קאנטראל איבער דער רעגירונג אין פוילען, זינט דארט איז קעניג געווארען סטאניסלאוו פאניאטאווסקי, האט געפאדערט, אז מען זאל געבען די „דיסידענטען", דאס הייסט, די פראוואסלאווע אונטערטאנען פון פוילען פאלקאמע גלויבענס-פרייהייט און פאליטישע רעכט. א גרויסער טייל פון דער שליאכטא און פון די גלחים זענען ארויסגעטראטען נעגען דער דאזיגער פאדערונג און, אבפאלענדיג פון דער רעגירונג, וועלכע איז געווען ערגעבען צו רוסלאנד, האבען זיי געגרינדעט די בעוואוסטע „פ ר י צ י ש ע ק א נ פ ע ד ע ר א צ י ע", צו פערטיידיגען די אלע רעליגיעזע און פאליטישע יסודות פון דער פוילישער מלוכה נעגען די פאדערונגען פון די אויסלענדישע מלוכות. און וועהרענד די פעראייניגטע ארמעען פון דער פוילישער מלוכה און פון רוסלאנד האבען געקעמפט מיט די קאנפעדעראטען, האבען זיך אנגעהויבען אונרוהען צווישען די פראוואסלאווע פויערן אין דער פוילישער אוקראינא. די אגיטאטארען פון די פראוואסלאווע גלחים און זאפאראזשצעס האבען אויפגערייצט די פויערן, אז זיי זאלען אנהויבען א מלחמה פאר'ן גלויבען געגען די פאליאקען, וועלכע האבען געגרינדעט די פריצישע קאנפעדעראציע, כדי צו פערניכטען דעם פראוואסלאווישען גלויבען. מען האט אויך פערשפרייט צווישען דעם המון א פאלשען אוקאז (א בעפעהל) פון דער רוסישער קייזערין יעקאטערינא II צו די כלאפעס, אז זיי זאלען „פערניכטען די פאליאקען און אידען אין אוקראינא".

אין שפיץ פון דער נייער הײדאמאקישער בעוועגונג איז געשטאנען דער זאפאראזשער קאזאק ז ש ע ל י ע ז נ י א ק. אנהויבענדיג פון אפריל 1786 האבען זיינע באנדעס געבושעוועט אין דער איצטיגער קיעווער גובערניע, אויס'הרג'ענדיג די פריצים און די אידען, מאכענדיג א געוואלדיגען חורבן פון די מאיאנטקעס און שטעדטלעך. די הײדאמאקען פלעגען אויפהענגען אויף א בוים א אידען, א פאליאק און א הונד, מאכענדיג אויפ'ן בוים אנ'אויפשריפט: „א איד, א פאליאק און א הונד האבען איין זייער אמונה איין בגד". אנ'אימה'דיגע שחיטה האבען די הײדאמאקען געמאכט אין די שטעדטלעך ל י ס י א נ ק א און ט ע ט י ע ו. פון דארט האבען די הײדאמאקען זיך געלאזט געהן קיין אומאן, וועלכע איז געווען א גרויסע בעפעסטיגטע שטאדט און אהין זענען זיך צוזאמענגעלאפען צעהנדליגער טויזענד אידען און פאליאקען, באלד ווי דער הײדאמאקען-אויפשטאנד האט זיך אנגעהויבען. די שטאדט איז אזוי פול געווארען מיט מענשען, אז עס האט שוין פערפעהלט דארט ארט פאר אלעמען, און די אנגעלאפענע האבען געמוזט זיך אויפהאלטען אין א לאנגער ארום שטאדט. אומאן האט געהערט דעם קיעווער וואיעוואדא פ א ט א צ ק י און איז געשטאנען אונטער דער פערוואלטונג פונ'ם גובערנאטאר מ ל א ד א נ א ו י ט ש, וועלכער האט געהאט אין זיין רשות א מחנה פון קאזא-

קישער מיליץ אונטער דער קאָמאַנדע פונ'ם סאָטניק ג אָ נ ט א. נישט געהמענדיג אין אכט, וואָס מען האָט אויפ'ן דאָזיגען גאָנטא נאָך פריהער אויך געהאָט געוואָרפען א חשד, אז ער שטעהט אין פריינדליכע בעציהונגען מיט די היידאַמאַקען, האָט מלאַדאַנאָוויטש איהם געשיקט מיט זיין מחנה געגען זשעלעזשניאַק'ן, וועלכער איז צוגעקומען נעהנטער צו דער שטאָדט. ווי מען האָט געקאָנט לייכט פאָראויסזעהען, האָט גאָנטא זיך פעראייניגט מיט זשעלעזשניאַק'ן, און דעם 18-טען יוני 1768 זענען ביידע אָנפיהרער צוגעגאַנגען מיט זייערע מחנות צו די טויערען פון אומאַן. דעם ערשטען טאָג האָט זיך די שטאָדט פערטיידיגט מוטיג. די פוילישע פריצים האָבען צוזאמען מיט די אידען פריינדליך געאַרבייט אויף די מויערן פון שטאָדט, שיסענדיג מיט האַרמאַטען און ביקסען אויף די בעלאַגערער. אָבער נישט אַלע פּאָליאַקען האָבען זיך פעסט געהאַלטען ביי דער איבערצייגונג, אז מען מוז די שטאָדט פערטיידיגען; פיעל פון זיי האָבען געהאַלטען נור אין איין טראַכטען, ווי אַזוי אַליין ארויסצוראַטעווען זיך פון שטאָדט און אַנטלויפען. דער גובערנאַטאָר מלאַדאַנאָוויטש אַליין האָט אויך געפיהרט פריינדליכע אונטערהאַנדלונגען מיט די היידאַמאַקען, בערוהיגענדיג זיך מיט זייער הבטחה, אז זיי וועלען די פריצים נישט אָנריהרען, נור די אידען וועלען זיי אויסשחט'ן. ווען די היידאַמען מיט זייערע אָנפיהרער זשעלעזניאַק און גאַנטא האָבען זיך ענדליך אריינגעריסען אין שטאָדט, האָבען זיי אין דער ווירקליכקייט קודם כל זיך געוואָרפען אויף די אידען, וועלכע זענען אין אימה ארומגעלאָפען אין די גאַסען פון שטאָדט. די היידאַמאַקען האָבען מערדעריש געשחט'ן, געטראָטען מיט זייערע פערד אויף די אידען, וועלכע זיי האָבען בעגעגענט, אָדער אראָבגעוואָרפען פון די הויכע מויערן די אידישע קינדער אויף די שפּיזען, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען אונטען אויף דער ערד. די אידישע פרויען האָבען זיי פערגעוואַלדיגט און דערהרגעט אויף א מערדערישען אופן. לערך דריי טויזענד אידען האָבען זיך געהאַט פערשלאָסען אין דער גרויסער שוהל. ווען די היידאַמאַקען זענען צוגעקומען נעהנטער צו דער שוהל, האָבען עטליכע אידען זיך געוואָרפען אויף זיי מיט מעסערס און שווערדען און אויסגעהרגעט עטליכע פון זיי. אַלע איבעריגע אידען זענען אָבער געשטאַנען אין שוהל און מתפלל געווען מיט געוויין און תחנונים צו גאָט. כדי צו מאַכען גיכער א סוף מיט די דאָזיגע אידען, האָבען די היידאַמאַקען צוגעפיהרט א האַרמאַט צו די טהירען פון שוהל און אויפגעריסען מיט זיין שיסען די טהירען. דערנאָך האָבען די היידאַמאַקען זיך אריינגעריסען אין שוהל און געמאַכט פון איהר א שעכט-הויז: אַלע אידען, וואָס זענען דאָרט געווען האָט מען אויסגעשחט'ן. געענדיגט מיט די אידען, האָבען די היידאַמאַקען זיך גענומען צו די פּאָליאַקען. פיעל פון זיי האָבען זיי אויסגעשחט'ן אין די קאָשציאָלען. אויך דעם קלוגען און גוטען מלאַדאַנאָוויטש, וועלכער האָט זיי געהאָט איבערגעגעבען די שטאָדט, בתנאי, אז זיי זאָלען נור די אידען

אויסהרגענען, — אויך איהם מיט אלע זיינע פוילישע פריצים האבען די הײדאמאקען אויסגעהרגעט. די שטאדט איז פול געווארען מיט הרוגים און פערוואונדעטע. צוואנציג טויזענד פאליאקען און אידען האבען געפונען זייער שרעקליכען טויט אין דער „אומאנער שחיטה“.

אין דערזעלביגער צייט האבען אזעלכע הײדאמאקישע באנדעס אויסגעשחט'ן אידען און פוילישע פריצים אין אנדערע ערטער פון קיעווער קאנט און פאדאליען, ווי, למשל, אין פאסטאוו, זשיוואטאוו, גראנאוו און טולטשין. אין יענע ערטער, וואו עס האט פריהער זיך געבאדען אין אידיש בלוט כמיעלניצקי מיט זיינע ווילדע מחנות, האבען זיך איצט ווידער צוגאסען טייכען אידיש בלוט און עס האבען זיך געלאזט הערען די שרעקליכע געשרייען פון די געפייניגטע אידען. אבער דאס מאל האט די קאטאסטראפע נישט אנגענומען אזא גרויסען מאסשטאב, ווי אין יאהר 1648. אי די פוילישע, אי די רוסישע ארמעען האבען זיך גענומען דערשטיקען דעם הײדאמאקישען כונט. באלד נאך דער אומאנער שחיטה האט מען אויפ'ן בעפעהל פון רוסישען גענעראל ק ר ע ט ש ע ט ני ק א וו עסטגענומען זשעלעזניאק'ן און גאנטא'ן. דעם לעצטען האט מען מיט זיין גאנצער באנדע ארויסגעגעבען דער פוילישער רעגירונג, וועלכע האט איהם דערהרגעט, לויט די דאמאלדיגע ווילדע מנהגים, דורך א מיתה משונה: מען האט פון איהם אבגעשינדען די הויט און צוהאקט איהם לעבעדיגערהייד אויף פיער טיילען. די איבריגע הײדאמאקישע באנדעס האט מען אדער אויסגעהרגעט אין קאמף, אדער מען האט זיי גענומען געפאנגען דורכ'ן פוילישען פעלד־העטר ס ט ע מ פ ק א ו ס ק י.

אויף אזא אופן זענען די אידען אין אוקראינא שוין דעם צווייטען מאל געווארען א קרבן פון די טיפיש־רוסישע פאגראמען, וועלכע זענען אין פוילען פארגעקומען, צוליב דעם נאציאנאלען־ און קלאסען־אנטאגאניזם (געגענזייטיגע ווידערשפרעכענדע אינטערעסען), וואס האט דארט געהערשט. דאס יאהר 1768 איז געווען א מיניאטור־קאפיע פונ'ם יאהר 1648. ביידע יאהרען האבען אבער דערוויזען עטוואס זעהר טרויעריגעס פאר פוילען: א לאנד, וואו אין א משך פון פיעל יאהרהונדערטען האט צווישען די פערשידענע גרופעס פון דער בעפעלקערונג געהערשט שנאה און קנאה און די מלוכה־אינטערעסען זענען דאדורך רעגולירט געווארען, — אזא לאנד האט ווייטער נישט געקאנט עקזיסטירען, אלס א זעלבסטשטענדיגער מלוכה־ארגאניזם. א לאנד, וואו די העכערע שליאכטא האט געהאסט די נידעריגערע שליאכטא; די נידעריגערע שליאכטא האט געהאלטען פאר א ערנידעריגונג, צו חבר'ן זיך מיט די סוחרים אדער מיעשטשאנעס, און געהאלטען די פויערן פאר קנעכט, גלייך ווי פיה; וואו די קאטוילישע גלחים האבען זיך בעצויגען מיט שנאה צו אלע אנדערע אמונות; וואו די שטאדטישע בעפעלקערונג האט גערודפט די אידען, צוליב קאנקורענץ, און די פויערן האבען געאטעמט מיט שנאה צו די העכערע און נידעריגערע קלאסען — אזא לאנד

האָט געמוזט צופאַלען ווערען און אונטערגעהן. פוילען איז אונטערגע־גאַנגען.

אין יאָהר 1772 איז פאָרגעקומען די ערשטע חלוקה פון די פוילישע עק־קאַנטען צווישען די דריי שכנות'דיגע מלוכות — רוסלאַנד, עסטרייך און פרייסען. רוסלאַנד האָט בעקומען אַ גרויסען טייל פון ביעלאָרוסיע, עסטרייך — גאַליציען און אַ טייל פון פּאָדאָליען, פרייסען — פּאָמערן און די קאַנטען פון ווייסעל אַרום ים. די גרעסטע אידישע בעפעלקערונג איז אַנגעקומען צו רוסלאַנד און צו עסטרייך.

דער דאָזיגער ערשטער טרויעריגער קלאַפּ האָט געצוואונגען די פּאָ־ליאַקען אַ טראַכט צו טהון ערנסטער וועגען די אינטעסערען פון זייער פאָטערלאַנד. אונטער רוסלאַנד'ס השפעה איז אין פוילען געגרינדעט גע־וואָרען אַ נייער מלוכה־אָרגאַן — דער „שטענדיגער ראַט“ (1775—1788), וועלכער האָט זיך אָבגעגעבען מיט אויפזוכען מיטלען, ווי אַזוי צו רע־פאָרמירען דאָס אינערליכע לעבען פון דער פוילישער מאַנאַרכיסטישער רעפובליק אויף מעהר ראַציאָנאַלע יסודות. די בעסערע פאַרשטעהער פון דער געזעלשאַפט האָבען בעשלאָסען אַנצוהויבען די רעפאָרמען דערמיט, וואָס מען זאָל געבען דער יוגענד אַ בעסערע ערציהונג. אין יאָהר 1773 האָט דער פויבסט קלעמענס XIV מבטל געמאַכט דעם יעזואיטען־אָר־דען אין פוילען און דערמיט האָט ער בעפרייט די פוילישע יוגענד פונ'ם דעמאָראַליזירענדען יעזואיטישען ערציהונגס־סיסטעם. אין דער פוילישער געזעלשאַפט האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטרעבונג צו בילדונג; מען האָט געגרינדעט די „עדוקאַציאָנס־קאָמיסיע“, וועלכע האָט געעפענט פיעל נייע שולען און איבערגעמאַכט די אַלטע. איינער פון די מיטגלידער פון דער דאָזיגער קאָמיסיע, דער געוועזענער קאַנצלער אַנדריי זאַמאָיסקי, וועלכען די רעגירונג האָט בעפולמעכטיגט מחבר צו זיין אַ פּראָיעקט פון אַ נייעם געזעץ־קאָדעקס, האָט אויך אויסגעאַרבייט אַ פּראָיעקט וועגען רעפאָרמירען דאָס אינערליכע אידישע לעבען (1778). דער דאָזיגער פּראָ־יעקט צייכענט זיך נאָך אויס מיט זיין קאָנסערוואַטיווען גייסט. דער מחבר לעגט־פאָר, אַז מען זאָל בעוואָרענען די אידען מיט אונבעריהר־ליכקייט פון פערזאָן און פערמעגען און געבען זיי אויך אַ געוויסע גלויּ־בענס־טאָלעראַנץ; אָבער ער פאָדערט, אַז מען זאָל אין די שטעדט אָבזונ־דערן די אידען פון די קריסטען; אַז יענע אידען, וועלכע האָבען נישט קיין בעזונדערע פּראָפעסיע, קיין בעשטימטע בעשעפטיגונג, אָדער קיין געוויסען קאַפּיטאַל, זאָל מען אַרויסטרייבען פון פוילען; אַז די אידען, וועלכע בעשעפטיגען זיך אַפילו אַליין מיט לאַנדאַרבייט, זאָלען אויך נישט קאָנען האָבען קיין אייגען לאַנד א. א. וו. — דער גאַנצער פּראָיעקט פון זאַמאָיסקי'ן דערווייזט, אַז אַפילו די בעסערע מענשען אין פוילען, די פאַרשטעהער פון דער אַלטער הויכער שליאַכטע, האָבען זיך נישט געקאָנט צוגעוואוינען צו קוקען אויף אידען, ווי אויף געוועהנליכע בירּ־

גער אין פוילען. נאר שוין גאר אין די לעצטע יאהרען פון דער פוילישער מלוכה, אין דער עפאכע פון „פיער-יעהריגען סיים" (1788—1791), האבען אין דער פוילישער געזעלשאפט זיך ארויסגעוויזען אמת'ע הומאנע (מענשליכע) שטרעבונגען צו רעפארמען — שטרעבונגען, וועלכע האבען געשטאמט פון דער מערב-אייראפעאישער השפעה פון די ענציקלאפעדיסטען. אבער דאס זענען שוין געווען די „לעצטע פראבעס", וואס מען האט געמאכט פאר דער אונגליקליכער פוילישער מלוכה אין איהר גסיסה. אינ'ם פריהמארגען פון דער נייער עפאכע אין דער היסטאריע, אין די שטורם-יאהרען פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע, האט אלט-פוילען בעקומען עהרליך חרטה אויף איהרע זינד און געמאכט די לעצטע העלדישע אנשטרענגונג צו איהר בענייאונג און — דערשטיקט צו ווערען אין די אייזערנע נעגעל פון די רויב-פויגלען, וועלכע זענען זיך שוין לאנג צוזאמענגעפליגען ארום איהר, שפירענדיג די מעגליכקייט פון א נייעם רויב — דער געוועזענער צענטר פון דער אידישער וועלט אין פוילען האלט ביים אריינגעהן אין א נייע געשיכטליכע עפאכע, נישט קיין בעסערע, ווי די פריהערדיגע. —

די אידישע אויטאנאמיע אין אלט-פוילען.

אויב די אידען האבען זיך נאך געקאנט האלטען אלס אן ארגאניזירטער געזעלשאפטליכער ארגאניזם אין פוילען אין דער צייט פון איהר ירידה (געפאלענקייט), ווען אנשטאט געזעץ און רעכט, האט מען זיך סומך געווען אויף „פריווילעגיעם" און אנשטאט פרייהייט האט מען געהאט ווילקירליכקייט — איז דאס מעגליך געווען נאר א דאנק יענער גוט איינגעארדענטער זעלבסטפערוואלטונג פון די קהלות, וועלכע האט זיך געהאט איינגעארדענט ביי די אידען נאך אין דער פריהערדיגער עפאכע. געפינענדיג זיך אין פוילען צווישען שונאים, לעבענדיג אבגעזונדערט פון אלע איבריגע קלאסען און גרופעס פון דער געזעלשאפט, האט דאס פוילישע אידענטום געשטרעבט צו פעראייניגען אלע זיינע כחות, כדי צו קאנען שטעלען זיך געגען די שונאים אין פערטיידיגונגס-קאמף. איינער פון די אויפרופען פון צענטראלען ארגאן פון די אידען אין פוילען — דער „וועד פון די פיער מדינות" — פון יאהר 1676 הויבט זיך אן מיט פאלגענדע ווערטער: „מיר האבען שווער געזינדיגט פאר גאט. די מהומות וואקסען פון טאג צו טאג; עס ווערט אלץ שווערער צו לעבען; מיר האבען קיין שום בעדייטונג נישט צווישען אנדערע פעלקער. עס איז אפילו אן אמת'ער וואונדער, ווי אזוי מיר לעבען נאך, נאכדעם ווי עס זענען געקומען אויף אונז אזוי פיעל אונגליקען. דאס איינציגע, וואס עס בלייבט אונז צו טהון, איז — אחדות; מיר דארפען זיך פעסט פעראייניגען גאט צו דיענען און געהארכען זיינע געבאטען און די בעפעהלען פון אונזערע רבנים און מנהיגים. — נאך דער דאזיגער הקדמה געהט א גאנצע רייהע

פונקטען, וועלכע בעפעהלען דורכאויס צו פאָלגען אלע פעראָרדנונגען
פון די קהל'ס־לייט, נישט צו נעהמען אין אַרענדע קיין מלוכה־אָבצאָהלונ־
גען אָדער פריצישע מאַיאָנטקעס און נישט אריינצוטרעטען אין אַ קריסט־
ליכע האַנדעלס־געזעלשאַפט אָהן דער ערלויבניש פון קהל, ווייל אַזעלכע
אונטערנעהמונגען פיהרען צו צוזאַמענשטויסען מיט די קריסטען, ווי
אויך צו תרעומות מצד די קריסטען געגען די אידען. עס ווערט אויך פער־
באָטען „איבערצוגעבען אידיש פערמעגען אין גוי׳אישע הענד“, צו גע־
ברויכען די פערמיטלונג פון דער פוילישער רעגירונג, כדי צו הערגריי־
כען אַזעלכע ענינים, וואָס זענען שעדליך פאַר'ן כלל ישראל, אָדער ארויס־
צורופען מחלוקת און אַ פירוד ביי אידען א. אַ. וו. די אַדמיניסטראַציע
פון קהל מיט די רבנים האָט זיך בעמיהט אונטערצואָרדנען זיך יעדען
אידען אין דער קהלה, צו רעגולירען זיין עקאָנאָמישען און גייסטיגען
לעבען און מעגליכסט דערוויטערן איהם פון קומען אין בעריהרונג מיט
דער נישט־אידישער וועלט. די פוילישע רעגירונג האָט זיי אין דער הינ־
זיכט בעזונדערס שטאַרק געהאָלפען. שעצענדיג די אָרגאַניזאַציע פון
„קהל“ אלס אַ גוט געוועהר איינצומאָהנען די אָבצאָהלונגען ביי אידען,
האָט די פוילישע רעגירונג געגעבען דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע אַ וויט־
געהענדע מאַכט צו פערוואַלטען און משפט'ן די אידישע כללישע און
פריוואַטע ענינים (אַנ'אַדמיניסטראַטיווע און אַ יורידישע מאַכט). פאַר
דער פוילישער רעגירונג איז גלייכער געווען צו האָבען צו טהון מיט
קהל, איידער מיט דער פריוואַטער פערזאָן. פאַר די מעשים פון דער
פריוואַטער אידישער פערזאָן, אָדער פאַר זיין נישט־איינצאָהלען דעם
שטייער האָט געדראַפט זיין פעראַנטוואָרטליך דער קהל, און אַט צוליב
דעם האָט מען פערגרעסערט די מאַכט פון קהל לויט'ן ערך (פּראָפּאָרציאָ־
נעל) פון זיין פעראַנטוואָרטליכקייט. די דאָזיגע אַפּוטרופּסות פון קהל
האָט פערשטאַרקט די אחדות פון דער קהלה, כאָטש זי האָט אויך פיעל
שטאַרקער פערקלענערט די פערזענליכע פרייהייט, איידער דאָס איז נוי־
טיג אפילו אויך אין אַ גוט אָרגאַניזירטער קהלה.

ווי געזאָגט, האָט פאַר דער פוילישער רעגירונג געהאַט אַ בעדייטונג
פון אַ מלוכה־אָרגאַן די אָרגאַניזאַציע פון אידישען קהל. אויף די אַלגע־
מיינע סיימען פלעגט מען בעשטימען, ווי גרויס עס דאַרף זיין די אַלגע־
מיינע סומע פונ'ם קאָפּ־אָבצאָהל; מען פלעגט אויך איינטיילען די דאָזיגע
סומע צווישען די מדינות (ראַיאָנען); אָבער אין די ראַיאָנען פלעגען שוין
איינטיילען די סומעס צווישען די קהלות די גבאים פון דער קהלה־אָר־
גאַניזאַציע, וועלכע פלעגען אויך אליין איינמאָהנען די סומעס און אי־
בערגעבען זיי דער רעגירונג, לויט דער אייגענער פעראַנטוואָרטליכקייט
פאַר דער פינקטליכקייט אי פון די סומעס, אי פון טערמינען. און אַט דער־
פאַר האָט די רעגירונג געגעבען דער קהל'שער אָרגאַניזאַציע אַ גרויסע בע־
פולמעכטיגונג. אין יאָהר 1672 האָט דער קעניג געגעבען די גבאים פון

אַלע ליטווישע קהלות דאָס רעכט אויסצושליסען פון דער קהלה די נישט־
געוואונשענע מיטגלידער אָדער צו בעשטראָפען אויף אַנ'אַנדער אופן יע־
נע פערבּרעכערישע מיטגלידער, וועלכע דערוועקען מיט זייערע מעשים די
שנאָה אָדער די תרעומות געגען די אידען. צעהן יאָהר שפּעטער האָט דער
בריסקער פּרנס אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז קיינער פון די פּריצים טאָר
נישט באָרגען אַ אידען קיין געלד אָהן דער ערלויבניש פונ'ם „קהל". דער
דאָזיגער בעפעהל איז אַרויסגעגעבען געוואָרען לויט'ן פערלאַנג פון די
גבאָים גופא, וועלכע זענען געווען פעראַנטוואָרטליך פאַר די אידישע
בעלי־חובות פון זייער ראַיאָן ביי די קריסטען. נאָך פאַר דעם (1670) האָט
דער צוזאַמענפאָהר פון די פאָרשטעהער פון די אידישע קהלות אין דער
ליטאַ, וועלכער איז פאָרגעקומען אין סעליז, בעשלאָסען, אַז מען זאָל בע־
שטראָפען יעדען אידען, וועלכער וועט באָרגען געלד ביי אַ פּוילישען
פּריץ אָדער ביי אַ גלח אָהן דער ידיעה פון זיין קהל. דער לעמבערגער
וואַיעוואָדאַ האָט בעפוילען (1692), אַז מען זאָל נישט אָבגעבען די אי־
דען קיין אַרענדאַ פונ'ם מלוכה־אָבצאָהל, אויסער פון בראָנפען־ברויערייַ
און פערקויפען בראָנפען, אָהן דער ערלויבניש פון קהל און זיין צייגניש,
אַז דער אַרענדאַר האָט אַ „גוטע אויפפיהרונג". דאָס רעכט אויף אַרענדע
פון גיטער אָדער אָבצאָהלונגען פלעגט מען געבען פּריוואַטע פּערזאָנען
נאָר לויט'ן בעשלוס פון קהל (אויפ'ן סמך פון „חזקת" (jus Chasaca)
אָהן אַזאַ ערלויבניש און אָהן דעם אָבצאָהל פון א בעזונדערען שטייער
האָט קיינער נישט געקאָנט בעזעצען זיך ערגעץ וואו אין אַ קהלה און
ווערען איהר מיטגליד

די גרעניצען פון דער אויטאָנאָמיע פון דער אידישער קהלה זענען
נישט געווען אָנגעוויזען און בעשטימט דורך אַ מלוכה־געזעץ: זיי פלעגען
ווערען גרעסער אָדער ענגער, לויט דער ווירקליכקייט פון דער אָרטיגער
אַדמיניסטראַציע — די וואָיעוואָדאָ'ס און סטאַרשינאָ'ס — אין איהר אָבּ־
מאַך מיט'ן קהל. אַלס אַ מוסטער פון אַ פרייער קהלה־קאָנסטיטוציע
קאָן דיענען דער סטאַטוט, וועלכער איז געגעבען געוואָרען דעם צענטראַ־
לען לעמבערגער „קהל" דורכ'ן וואָיעוואָדאַ פון די רוסינען אין יאָהר 1692.
לויט'ן דאָזיגען סטאַטוט קלויבט אויס די אידישע קהלה איהרע גבאים אין
בעשטימטע צייטען, לויט איהרע אייגענע מנהגים און געזעצען אָהן דער
זייטיגער אריינמישונג פון דער אַדמיניסטראַציע. די אויסגעקליבענע
גבאים האָבען דאָס רעכט פון געזעצליכע מושלים און ריכטער (דיינים)
פון די אָרטיגע אידען. אַלע מחלוקת און משפטים צווישען אידען ווערען
בעטראַכט אין דער ערשטער אינסטאַנץ נאָר ביים בית־דין, וועלכער בע־
שטעהט פון די רבנים און די קהל'ס־לייט—גבאים. משפטים און מחלוקות
צווישען אידען און נישט־אידען, ווי אויך אַפּעלאַציעס אויפ'ן פסק־דין
פון בית־דין, ווערען בעטראַכט ביים פאַד־וואָיעוואָדאַ (דעם וואָיעוואָדאָ'ס
געהילף) און דעם „אידישען ריכטער" — דאָס הייסט, דעם קריסט, וועל־

כער איז בעשטימט ספּעציעל צו בעטראַכטען אידישע פּראָצעסען. דער דאָזיגער ריכטער ווערט אויסגעקליבען און בעשטעטיגט דורכ'ן פּאַר־וואַיעוואָדאַ פון צוויי קאַנדידאַטען, וועלכע עס שטעלען אַרויס די אידישע גבאים. דער דאָזיגער ריכטער האַלט אָב זיינע זיצונגען „אין אַ בעשטימטען אָרט ביי דער שוהל" (אין קהל'ס־שטוב) אין דער געגענוואַרט פון די גבאים און אין זיינע פּסקים דאַרף ער זיך סומך זיין נישט בלויז אויף אַלגעמיינע מלוכה־געזעצען, נאָר אויך אויף די אידישע געוועהנליכע געזעצען (ווי חזקה, למשל, און אַנדערע). די זיצונגען קומען־פאַר צוויי מאָל אין דער וואָך, אין אויסערליכע פאַלען אָבער קאָנען זיי בעשטימט ווערען, ווען מען געפינט פאַר נויטיג, נאָר נישט אין אידישע יום־טובים אָדער שבתים. דאָס פאָדערן צום געריכט ווערט געמאַכט דורך אַ בית־דין־שמש. די פּסקים ווערען צוזאַמענגעשטעלט שריפטליך און זיי בלייבען איבער אין אידישען אַרכיוו ביי דער שוהל. די אַפּעלאַציעס אויפ'ן דאָזיגען געריכט פון פאַר־וואַיעוואָדאַ ווערען אַנגעגעבען צום וואַיעוואָדאַ.

די וואַהלען פון אַלערליי גבאים פלעגען געמאַכט ווערען חול־המועד פּסח. דער דאָזיגער מנהג האָט אין די אויגען פון דער אָרטיגער מלוכה־אַדמיניסטראַציע געהאַט די בעדייטונג פון אַ געזעץ. אין יאָהר 1719, ווען די געוועזענע גבאים פון בריסקער קהל האָבען פאַר פּסח נישט געמאַכט קיין הכנות צו נייע וואַהלען, צוליב אייגענע כונות, וואָס זיי האָבען געהאַט אויף דוחה צו זיין די וואַהלען, האָט פון ווילנא דער העטמאַן פון דער ליטאַ אַריינגעשיקט אַ בעפעהל, אַז מען זאָל אַנערקענען די מעשים פון די בריסקער גבאים פאַר אונגעזעצליך, ווייל „זייענדיג מחויב לויט'ן געזעץ און לויט'ן מנהג צו מאַכען די וואַהלען חול־המועד פּסח, מאַכען זיי דאָס נישט, צוליב זייערע פּריוואַטע אינטערעסען". — די וואַהלען זענען געווען נישט קיין דירעקטע. מען פלעגט פריהער אויסקלויבען אַ בעשטימטע צאָהל בוררים, וועלכע פלעגען דאַרפען ערשט אויסקלויבען גבאים. קאַנדידאַטען אויף גבאות זענען געווען מענשען מיט זעהר אַ הויכען פערמעגענס־צענז. איבריגענס, מען האָט אויך געשעצט דעם גייסטיגען צענז אין די לומדים האָבען תמיד פערנומען דעם עהרען־אָרט אינ'ם ראַט פון דער קהלה.

די קהל'שע פערוואַלטונג האָט דעריבער געטראָגען אַנ'אַריסטאָקראַטישען כאַראַקטער. דער המון און די אָרימע קלאַס פון דער אידישער בעפעלקערונג האָבען דאָרט קיין פערטרעטער נישט געהאַט און זייערע אינטערעסען פלעגען אָפט ליידען. אין אַכצעהנטען יאָהרהונדערט קומען פאָר אָפט „זשאַלאָבעס" פון אידישע בעלי־בתים אויף די קהל'ס־לייט, אַז זיי האָבען נישט עהרליך איינגעטיילט די שטייערען, אָדער אַז זיי האָבען געמאַכט אַנדערע אונגעזעצליכקייטען. אָפט פלעגען אויך פאָרקומען סכסוכים און מחלוקת צווישען איין קהל און דעם אַנדערען איבער די גרעניצען פון זייערע ראַיאָנען; די אידישע איינוואוינער פון די קליינע

שטעדטלעך און דערפער פלעגען געמליך צוגערעכענט ווערען צום נאָהענטטען קהל פון דער שטאָדט און פערגרעסערן אַזוי-אַרום איהר הכנסה; ווייל אָבער קיין אָפיציעלע אָבגרענצונג צווישען די קהלות איז נישט געווען, פלעגען אָפט פאָרקומען מחלוקות צווישען די קהל-אָרגאַניזאַציעס פון די נאָהענטע שטעדט, דען יעדער פון זיי פלעגט טענה'ן, אַז דאָס אָדער יענע דאָרף און שטעדטעל אָדער ישוב, געהערט צו איהם. אַזעלכע סכסוכים פלעגען געמשפט ווערען אָדער אויף די צוזאַמענפאָהרען פון די קהל'-לייט פון דער גאַנצער „מדינה“ (פון ראַיאָן), אָדער אין די אַנדערע אידישע סיימען: אינ'ם „ועד פון די פיער מדינות“ און דעם „ועד פון די הויפט-קהלות פון ליטאָ“.

די צענטראַליזירונג פון דער זעלבסטפערוואַלטונג אין ביידע „ועדים“ — פון קרוין-פוילען און פון דער ליטאָ — איז געוועזן איינע פון די הויפט-בעדינגונגען פאַר דער פעסטקייט פון דער אידישער אויטאָנאָמיע אין יענער עפּאָכע פון אַלגעמיינער צעפאַלענקייט און חורבן. אויף די אידישע צוזאַמענפאָהרען אָדער „סיימען“, אין וועלכע עס פלעגען אָנטיילנעהמען די פאָרשטעהער פון קהל אין דער רבנות, פלעגט מען בעטראַכטען אַלגעמיינע פאָלקס-פראַגען און בעשטימען די בעציהונג צו דער רעגירונג און צו מלוכה-סיימען. ביי די „ועדים“ האָבען זיך אויך געפונען כפיציעלע שתדלנים, וועלכע פלעגען פאָהרען קיין וואַרשא אין דער צייט, ווען דאָרט פלעגען פאָרקומען די זיצונגען פון די פוילישע סיימען, כדי צי פיהרען דאָרט די חשתדלות וועגען פערטיידיגען די אידישע אינטערעסען, אָדער פאָרצושטעלען די רשימות פון די שטייערן, וואָס די אידישע קהלות דאַרפען געבען. דער „ועד“ פון קרוין-פוילען פלעגט, ווי פריהער, האָבען זיינע זיצונגען אין בעשטימטע צייטען אין לובלין, יאַראָסלאַוו (גאַליציען) און אַנדערע ערטער; דער „ועד“ פון דער ליטאָ פלעגט זיך פערזאַמלען אין חאָמסק, זאַבלודאָווע, סעלץ, מיר, סלוצק און בריסק. די דאָזיגע ועדים האָבען בעזונדערס פיעל אויפגעטהון אין דער צווייטער העלפטע פון זיבצעהנטען יאָהרהונדערט נאָך די גזרות און שחיטות פון ת"ח ות"ט, ווען מען האָט געברויכט פון דאָס ניי אויפבויען פיעל קהלות און שטאַרקען די, וועלכע האָבען זיך נאָך געהאַלטען נאָך די גרויסע חורבנות. די רעגירונג האָט דאַמאָלס געשטיצט דעם אויטאָריטעט פון די „ועדים“ צווישען די אידען, ווייל פאַר איהר איז גלייכער געוועזן צו האָבען צו טהון מיט צוויי הויפט-אָרגאַניזאַציעס איידער מיט יעדער קהלה בעזונדער. אין יאָהר 1687 האָבען די אידישע „קרוין-גבאים“ אינ'ם נאָמען פון יאַראָסלאַווער ועד זיך געקלאָגט פאַר'ן קעניג יאַן דעם 3-טען, אַז זיי קאָנען נישט נעהמען אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די שטייערן (קאָפּ-אָבצאָהל), לויט דער פריהער בעשטימטער סומע, ווייל די אידען אין די שטעדט און דערפער זאָגען זיך אָב פון בעצאָהלען דעם שטייער, שטיצענדיג זיך אויף דער פראָטעקציע

פון די פריצים און אפילו פון דער קעניגליכער קאנצעלאריע און אנערקענען אויף זיך גאר נישט די יורידיקציע (התמנות) פון די „קרוין־גבאים". דער קעניג האט דעריבער ארויסגעגעבן א דעקרעט, אין וועלכען ער האט שטרענג פערבאטען אזא „אונארדנונג און מיש־מאש". דער דעקרעט האט בעפוילען דעם קהל פון די שטעדט צו ערפילען שטרענג די פאדערונגען פון די „קרוין־גבאים" און בעצאהלען דעם שטייער לויט זייער הערכה, און בכלל האט ער אנערקענט זייער יורידיקציע, סטראשענדיג מיט א שטרענגער בעשטראפונג אלע, וואס וועלען זיי נישט פאלגען

ווען עס זענען ערגער געווארען די סאציאל־עקאנאמישע בעדינגונגען אין פוילען, איז אויך שווערער געווארען די טעטיגקייט פון די „ועדים". עס איז זיי אויסגעקומען צו רעגולירען אי דאס אינערליכע לעבען פון די קהלות, אי זייערע בעציהונגען צו דער רעגירונג, צו דער שטעדטישער בעפעלקערונג, צום מאגיסטראט און די צעכען. מען קאן נישט זאגען, אז די ועדים זאלען האבען שטענדיג פערשטאנען פאלקאם זייער פאליטישע לאגע, לויט א ברייטען פראגראם פון אנ'אמת'ער פאלקס־פארשטעהענדער אינסטיטוציע. די דעלעגאטען פון די וועדים זענען דערצו געווען צו ווייניג דעמאקראטיש, דען זיי פלעגען אויסגעקליבען ווערען, ווי שוין דערמאהנט, בלויז פון די רבנים און גבאים, פון די „קצינים" און „איינפלוסרייכע מענשען". אבער אפילו אויך אין דער פארם האבען זיי פיעל מיטגעווירקט ביי דער אחדות צווישען די קהלות אין פערשטארקען די דיסציפלין פונ'ם פויליש־ליטווישען אידענטום. בעזונדערס שטארק פלעגען זיי משגיח זיין, אז מען זאל שטיצען די תלמוד־תורה'ס און ישיבות, וואו עס פלעגען לערנען בעזונדערס קינדער פון ארימע עלטערן און „ארים־בחורים" אויפ'ן חשבון פון דער קהלה. פון די גאנץ־געבליבענע „פנקס'ן" פון די ליטווישע ועדים זעהט מען ארויס, אז בראש פון אלע ענינים, מיט וועלכע די ועדים פלעגען זיך פערנעהמען, האבען זיך געפונען די פונקטען וועגען דער פליכט פון יעדער קהלה אויסצוהאלטען די ישיבות און תלמוד־תורה'ס און וועגען דעם חוב, וואס עס ליגט אויף די עלטערן, צו שיקען זייערע קינדער לערנען, ווי אויך וועגען די פראגראמען און תקנות פון די דאזיגע לעהר־הייזער. די ארבייט פון די ועדים אין דער הינזיכט האט געהאט גרויס ערפאלג: די גייסטיגע ענטוויקלונג ביי אידען אין דער ליטא איז געשטאנען זעהר הויך, פערשטעהט זיך, נישט אין זין פון אלגעמיינער בילדונג, נאר אין תלמוד, פוסקים און דער אלטער רבנישער ליטעראטור. — די „ועדים פון די פיער מדינות" האבען אויך בעשטימט א געוויסע צענזור אויף די ספרים, וועלכע פלעגען געדרוקט ווערען אין לובלין און קראקוי, אדער וואס מען פלעגט אריינפיהרען פון אנדערע מדינות (פון אויסלאנד). אויפ'ן ספרים־מארק האבען זיך געמעגט געפינען נור יענע ספרים, אויף וועלכע עס איז געווען א „הסכמה" פון די ועדים אדער פון א „גאון". די „ועדים" האבען זיך אויך פיעל מאל אריינ

געמישט אין די אינערליכע קאמפען צווישען די פארטייען און סעקטעס, וועלכע זענען ענטשטאנען אויפ'ן באדען פון דער שבתיאנישער בעוועגונג.

פיעל ענינים פון די קהלות, מיט וועלכע די צענטראלע ועדים פלע-
גען זיך נישט קאנען אבגעבען, פלעגען בעטראכט ווערען אויף די צוזא-
מענפאהרען פון די ארטיגע קהלות-פארשטעהער, דורך די קהלות-פערבאנ-
דען פון ראיאן (מדינה). אפיציעל פלעגען אזעלכע פערבאנדען אפט גערו-
פען ווערען „כנסיות“. אין דער איצטיגער עפאכע האבען געהאט א בעזונ-
דערע בעדייטונג די „כנסת וואהלין“ און די „כנסת רוסיא הלבנה“—די ער-
שטע—אלס דער פערבאנד פון אלע וואהלינער קהלות און די צווייטע—אלס
דער פערבאנד פון די קהלות אין מאהליווער גובערניע. די ערשטע האט
געהאט איהרע פארשטעהער אויך אין „ועד פון די פיער מדינות“ און די
צווייטע איז געווען פעראייניגט מיט'ן ליטווישען ועד. אין די צוזאמענ-
פאהרען פוןביידע כנסיות, וועלכע פלעגען פארקומען אין בעשטימטע
צייטען, פלעגט מען נישט בלויז פונאנדערלעגען די שטייערען דורך א
הערכה (שאצונג) אויף די קהלות, נור מען פלעגט אויך בעטראכטען אל-
געמיינע פראגען, ווי, למשל, וועגען שיקען א השתדלות צום אלגעמיינעם
מלוכה-סיים, וועגען אינסטרוקציעס פאר די דעפוטאטען צו די צענטראלע
„ועדים“, וועגען ישיבות און תלמוד-תורות , וועגען אויסקלייבען רבנים
און זייערע התחייבות א.א.וו. וועניגער וויכטיג איז שוין געווען די ארבייט
פון די „קהל-צוזאמענפאהרען“ פון די דריי קרוין-פראווינצען: קליין פוילען
מיט דעם צענטר קראקוי, גרויס-פוילען מיט'ן צענטר פאזען און פא-
דאליען און גאליציען מיט'ן צענטר לעמבערג; אבער אויך זיי פלעגען
אפט צוזאמענגערופען ווערען , לויט דער אייגענער איניציאטיווע (התחלה
אויפטהו), אדער לויט דער פאדערונג פונ'ם ארטיגען וואיעוואדא. די האזיי-
גע צוזאמענפאהרען זענען געווען א קאפיע פון די קליינע פוילישע פרא-
ווינציעלע סיימען; זיי האבען זיך געהאט זייערע „מנהיגים“ — אדער
„מארשאלקען“; בעוואוסט איז וועניגסטענס, אז דער וואיעוואדא אליין
פלעגט פאדערען, דאס מען זאל בעשטימען „א מארשאלעק“, ווייל פאר'ן
וואיעוואדא איז גלייכער געווען צו האבען צו טהון מיט איין פעראנט-
ווארטליכען פארשטעהער, איידער מיט'ן גאנצען צוזאמענפאהר.—אין דער
ערשטער העלפט פון אכצעהנטען יאהרהונדערט האבען אפט אנגעהויבען
פארקומען פאלען, ווען די רעגירונג פלעגט זיך אריינמישען אין די ענינים
פון דער אידישער קהלה-פערוואלטונג. דאס איז שוין געווען אין דער צייט
ווען עס האט זיך פערשטארקט דער חורבן פון פוילישען מלוכה-לעבען.

א שטארקען קלאפ האט בעקומען די אידישע קהל'שע ארגאניזאציע,
אדער די זעלבסטפערוואלטונג, אין יאהר 1764. ווי שוין דערמאנט, האט די
גענעראלע קאנפעדעראציע, וועלכע האט זיך געגרינדעט פאר דעם אויס-
קלייבען דעם קעניג סטאניסלאוו אויגוסט, זיך אויך בעשעפטיגט מיט'ן

איבערמאַכען דאָס סיסטעם פון איינמאָהנען דעם קאָפּ־אָבצאָהל פון דער אידישער בעפעלקערונג. אַנשטאַט דער אַלגעמיינער (הורטאָוונער) סומע פונ'ם אָבצאָהל, וועלכע מען פלעגט איינטיילען אין די וועדים לויט אַ הערכה פון די קהלות, האָט מען אַרויפגעלעגט אויף יעדען „נפש פון דער רעוויזיע" דאָס הייסט אויף יעדען רעגיסטרירטען אידען סיי אַ מאַנסביל סיי אַ פרוי אַנ'אָבצאָהל פון צוויי גילדען. די דאָזיגע „רעפאָרמע" איז מאָטיווירט (ערקלערט) געוואָרען דורך פאָלגענדעס: אין דער ווירקליכקייט נעהמט „קהל" ביי די אידישע אָבצאָהלער אַ פיעל העכערע סומע איידער די וואָס איז בעשטימט געוואָרען לויט דער הערכה; צוזאַמען מיט'ן קאָפּ־אָבצאָהל נעהמט „קהל" נאָך אויך אַנדערע פערשידענע אָבצאָהלונגען; דאָס לעגט זיך זעהר שווער אויף דער אידישער בעפעלקערונג און אויך דער „סקאַרב"— דאָס הייסט, די מלוכה־קאַסע האָט דערפון שאָדען, גייל מען האָט געקאָנט בעקומען פון די אידען אַ פיעל גרעסערע הכנסה פאַר דער מלוכה. כדי אָבער צו קאָנען רעאַליזירען (אויפמאָהנען) דעם אָבצאָהל, לויט'ן נייעם סיסטעם, האָט מען בעשטימט אַנ'אַלגעמיינע פאָלקס־צעהלונג („רעוויזיע") פון דער אידישער בעפעלקערונג אין גאַנץ פוילען. פאַר דער אַלגעמיינער סומע אָבצאָהל פון אַלע מיטגלידער פון יעדער קהלה האָט מען געמאַכט פעראַנטוואָרטליך דעם אָרטיגען „קהל", וועלכער האָט דורך זיינע גבאים געדאַרפט איינמאָהנען און אָבגעבען אין דער מלוכה־קאַסע דעם גאַנצען אָבצאָהל פון די מיטגלידער פון דער קהלה. אויף אַזאַ אופן האָט דער קהל פערלוירען זיין רעכט, צו מאַכען הערכות פון אָבצאָהל, און די גבאים זענען געוואָרען אַ מין בעאַמטע, וועלכע האָבען געדאַרפט אויפמאָהנען דעם אָבצאָהל ביי יעדען, לויט ווי די רעגירונג האָט בעשטימט, און אָבגעבען דאָס געלד אין „סקאַרב". דער „קהל" האָט אַלזאָ פון דאַמאָלס אָן פערלוירען פאַר דער רעגירונג די בעדייטונג פון אַ אינסטיטוציע, וואָס שטעלט צו דעם מלוכה־שטייער און דעריבער האָט די רעגירונג אויך אויפגעהערט צו שטיצען דעם קהל, וועלכער האָט ממילא פערלוירען זיין מאַכט און אויטאָנאָמיע. די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער אידישער זעלבסטפערוואַלטונג—די קליינע און גרויסע „סיימען" (צוזאַמענפאָהרען), די צענטראַלע וועדים און די פּראָווינציעלע—דאָס אַלץ האָט די רעגירונג אָנגעהויבען בעטראַכטען אַלס אַ גאַנץ איבריגע, אפשר גאָר אויך אַ שעדליכע זאַך. און אָט האָט דער זעלבער קאָנפעדעראַטיווער סיים פון יאָהר 1764 מבטל געמאַכט אינגאַנצען די צוזאַמענפאָהרען פון די קהלס־פאָרשטעהער, צוליעב אַ וועלכען עס איז צוועק דאָס זאָל נישט זיין.

די דאָזיגע בעגרענצונג אין דער טעטיגקייט פון אידישען קהל, ווי אויך דאָס מבטל מאַכען פון די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער אידישער זעלבסטפערוואַלטונג, איז געמאַכט געוואָרען ערב דעם בטל ווערען פון פּוילישען מלוכה־לעבען גופא,— אכט יאָהר פאַר דעם ערשטען צוטיילען

פוילען. די עפאכע פון מהומות און מיש־מאש, וואס האט זיך אנגעהויבען באלד נאכדעם, ווען א גרויסער טייל פון די פוילישע פראווינצען זענען איבערגעגאנגען צו רוסלאנד, האט געדארפט נאכמעהר פערניכטען די פריהערדיגע בעפעסטיגטע אידישע אחדות אין די אויטאנאמע ארגאניזאציע, צונעהמענדיג אזוי ארום ביים אידישען פאלק איינעם פון די הויפט־פונדאמענטען פון זיין נאציאנאלער עקזיסטענץ (לעבען).

דער סאציאל־עקאנאמישער חורבן צווישען די אידען אין פוילען נאך די שחיטות פון יאהר 1648 האט, נאטירליך, נישט געקאנט מיטווירקען, אז דאס אידישע גייסטיגע לעבען, וועלכע האט אנגענומען א בעשטימטען כאראקטער אין דער פאריגער עפאכע, זאל זיך איצט ענטוויקלען ווייטער. אויב פריהער, ווען עס האט געבליהט די אידישע קולטור אין פוילען, האט אין דער שול און אין דער ליטעראטור געהערשט דער רבניש'ער גייסט, האבען שוין איצט נישט געקאנט מנצח זיין די דאזיגע אויבערהערשאפט קיין שום אנדערע גייסטיגע שטרעמונגען. דער איינציגער קאנקורענט פון דער רבניש'ער ריכטונג, פון פלפול אין תלמוד און פוסקים, איז געווען די קבלה, דער מיסטיציזם, וועלכער האט בעקומען א רייכע יניקה אין די גזרות, רדיפות און שחיטות, וואס זענען פארגעקומען איבער אידען. דער מיסטיציזם האט פון איין זייט געהאלטען אין אנווייזען, אז די אלע אונגליקען זענען געקומען אויף אידען צוליעב זייער אייגענער שולד, צוליעב זייער צו־קנאפער פרומקייט, און פון דער אנדערער זייט האט ער דער־וועקט פאנטאסטישע האפנונגען און ארויסגערופען אין לעבען שטרעמונ־גען, וועלכע זענען געווארען העכסט פערדערבליך פאר'ן יודענטום (שבתיא־ניזם און פראנקיזם).

די תלמודישע קולטור, וועלכע עס האבען פערפלאנצט אין א משך פון כמה דורות די רבנים און די ראשי ישיבות איז געווען איצט שוין איינ־געטיילט נישט גלייך אין פערשידענע לענדער. אין די לענדער, וועלכע האבען אמשרעקליכסטען געליטען אין די „בלוטיגע צעהן יאהר“ (1648—1658), אין דער פוילישער אוקראינא און אין א גרויסען טייל פון פאדאל־יען און וואהלין, האט די תלמודישע וויסענשאפט אנגעהויבען פערשווינדען; אנשטאט דעם, וואס פריהער איז זי געווארען פערשפרייט אין דיברייטע שיכטען פון פאלק, איז זי איצט געבליבען נאר ביי א גאנץ קליינעם טייל פון לומדים, ביי די אזוי גערופענע „כלי־קדש“; די ארעמע מאסע דאגעגען איז געווארען פערגרעבט און אבערגלויביש. פעסטער האט זיך געהאלטען די תלמוד־וויסענשאפט אין דער ליטא און די הויפט־מדינות פון פוילען; אבער אויך דא בעמערקט מען א גרויסע געפאלענקייט אין גייסטיגען אי־דישען לעבען, נישט אזוי אין דער צאהל פון די לומדים, ווי אין מהות פון דער לומדות. מען קאן אנווייזען פיעל נעמען פון גרויסע תלמודיסטען

און רבנים. וועלכע זענען אין יענער צייט געווען שטארק פערעהרט נישט בלויז אין פוילען, נאָר אויך אין אויסלאַנד; אבער אין דער רבניש'ער לי־טעראַטור האָבען זיי שוין נישט איבערגעלאָזען נאָך זיך אַזא שטארקע השפעה, ווי די גאונים פון פריהערדיגען דור — דער ר ש " ל, דער ר מ " א, ר ב י מ ר ד כ י י פ ה (דער בעל ה„לבושים"), אָדער דער מ ה ר " ם. אפילו אינ'ם ענגען קרייז פון דער רבנישער לומדות בעמערקט מען שוין מעהר אויך נישט קיין אָריגינעלע שעפונג. די „גאונים" פיהרען אין זייערע „שאלות ותשובות" פלפולים און מחלוקות וועגען פראַקטישע רעליגיעז־יורידישע ענינים, טיילמאָל גאָר וועגען אַזעלכע, וואָס זענען אין דער פּראַק־טיק כלל נישט בנמצא. אַנדערע שרייבען מפולפל'דיגע פירושים און „חדושים" (נאָוועלען) צו פערשידענע סדרים פון תלמוד, אפילו צו אַזעלכע, וואָס האָבען פערלוירען יעדע בעדייטונג פאַר דער געגענוואַרט (קדשים, אָדער טהרות און אַנדערע). אַזוי למשל, דער רב פון קראקא, וועלכער האָט זיך כמעט על פי נס אַרויסגעראַטעוועט פון די שחיטות פון יאָהר 1648, ר ב י א ה ר ן ש מ ו א ל ק אַ י ד אַ נ אָ וו ע ר, האָט אָנגעשריבען אַ פירוש צום סדר קדשים וועגען די קרבנות אין בית המקדש. אַנדערע האָ־בען געשריבען נייע פירושים צום שלחן ערוך: ר ב י מ ש ה ר ב ק ש (דער „באר הגולה"), וועלכער האָט בעוויזען צו אַנטלויפען פון ווילנא בשעת דער שחיטה אין יאָהר 1655; ר ב י א ב ל י ג ו מ ב י נ ע ר, דער ראש ישיבה אין קאַליש, וואָס זיינע עלטערן זענען דער'הרג'עט געוואָרען בשעת די שחיטות, האָט אָנגעשריבען דעם פירוש צום שלחן ערוך אורח חיים — „מגן אברהם" א. א. וו. די ליטא האָט זיך בעזונדערס שטאַרק אויסגעצייכענט אין יענער צייט מיט פיעל מחברים אין רבנישען פלפול, וועלכע האָבען אויסער זייער פלפול נישט אָנערקענט קיין שום וויסענשאַפט, נישט קיין אלגעמיינע, נישט אויפ'ן געביט פון יודענטום גופא.

צוזאַמען מיט'ן פלפול האָט אָבער אויך אויפגעבליהט די ליטעראַטור פון „מוסר". איהרע שעפער זענען געווען די „דרשנים", אָדער „מגידים", וועלכע האָבען געהאַט אַ שטענדיגע שטעלע אין דער קהלה, אָדער ביי דער שוהל, אָדער זענען אַרומגעפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט. די דאַמאָלס־דיגע דרשות פון די מגידים, לויט ווי זיי זענען פערבליבען אין זייערע ספרים („נתיב הישר" 1712) פון ר ב י נ פ ת ל י מ י נ ס ק ע ר „מאור הקטן" 1697 פון ר ב י מ א י ר ט אַ ר נ אָ פּ אָ ל ע ר, „עמודי התשובה", 1666, פון ר ב י ב צ ל א ל ק אָ ב ר י נ ע ר און אַנדערע) האָבען ענטהאַלטען מאמרים פון אגדתות און קבלה־ספרים, דורך וועלכע מען פלעגט ערקלערען די פסו־קים פון תנ"ך אין דרש אויפ'ן שטייגער פון פלפול, נאַטירליך, גאַנץ ווייט פונ'ם אייגענעם זין (פשט). די מגידים האָבען געשטרעבט נישט בלויז צו זאָגען „מוסר" פאַר'ן עולם און לערנען איהם, צו פיהרען אַנ'אָרענטליך לע־בען, זיי האָבען אויך געוואָלט אַרויסווייזען זייער גרויסע בקיאות און שטאַלצירען מיט זייערע המצאות און וואונדערליכע פשט'לעך. עס זענען

געווען מגידים, וועלכע האבען בעזונדערס זיך משתדל געווען צו פער־שפרייטען צווישען דעם אידישען פובליקום די בעגריפען פון דער „פראק־טישער קבלה". פיעל זענען דאמאלס געווען פערשפרייט אין פוילען די „כתבים" פון ארי ז"ל און פון זיינע תלמידים אין קבלה; צווישען דעם המון האט מען פערשפרייט די אידעען פון די בעלי מקובלים דורך „פיר־טערליכע מעשיות" (מעשה נורא) וועגען „חבוט הקבר", וועגען דעם גיהנם, וועגען „כף הקלע", וועגען שדים און לצים א. א. וו.

די ספרים, וועלכע האבען געלערנט דאס פאלק פרום צו זיין דורך אזעלכע מעשיות, זענען געווארען זעהר געשווינד פאפולער ביים פאלק. סוף דעם זיבצענטען יאהרהונדערט האט דער בעל מקובל רבי יוסף דובנא אנגעשריבען אזא ספר „יסוד יוסף"; אבער נאך איידער דער ספר איז אבגעדרוקט געווארען, האט איהם אויסגענוצט רבי הירש קאי־דאנאווער, א זוהן פונ'ם איבענדערמאנטען רבי אהרן שמואל (דער בעל „ברכת הזבח") און אבגעדרוקט איהם אין פראנקפורט (1705), נאכדעם ווי ער האט איהם ניי בעארבייט און צוגעגעבען געוויסע טיילען, אונטער'ן נאמען „קב הישר" (א ריכטיגע מאס). דער ספר איז באלד שטארק פערשפרייט געווארען ביי אידען, און א פאר יאהר שפעטער האט מען איהם אויך איבערזעצט אויף אידיש (זשארגאן), כדי אויך פרויען און „עם הארצים" זאלען איהם קענען לייענען. דורך דער דאזיגער איבערזע־צונג איז דער קב הישר געווארען א בעליבטער ספר אין יעדען אידישען הויז, וואו עם האבען איהם געלייענט מיט א פרום געפיהל קליין און גרויס. א גייסט פון פינסטערען אסקעטיזם (אבגעזונדערטקייט פון דער וועלט) און אבלים־שטימונג הערשט אינ'ם דאזיגען ספר.— „אה, דו מענש—רופט אוים דער מחבר — ווען דו וואלסט נור געוואוסט, ווי פיעל שדים און מלאכי חבלה עס דורשטען נאך דיין בלוט, וואלסטו מיט'ן גאנצען הארץ זיך צוגעווענדעט צו גאט, דעם אלמעכטיגען!" — די גאנצע אטמאספערע איז, לויט'ן „קב הישר", פול מיט נשמות פון מתים, וועלכע קאנען זיך ניט געפינען קיין רוה אין עולם האמת און מוזען ארומבלאנדזשען אויף דער וועלט אין כף הקלע, ווי אויך פון רוחות, וועלכע געהען אריין אין לע־בעדיגע מענשען (דבוקים) און צווינגען זיי אבצוטהון שענדליכע מעשים. עס ווערען אויך דערצעהלט פיעל „אמת'ע מעשיות" וועגען דעם צוזאמענ־שטויס צווישען שדים און רוחות מיט מענשען, ווי אויך וועגען די מופתים, וואס עס האבען בעוויזען צדיקים („בעלי שם") ארויסטרייבענדיג די רוחות פון די מענשען. אונטער אנדערע ווערט דערצעהלט וועגען דעם, ווי אזוי מען האט ארויסגעטריבען אין יענער צייט רוחות פון א הויז אין פאזען— א געשיכטע, וועלכע האט דאמאלס אנגעמאכט פיעל טומעל.— די „רוחות" האבען נישט געגעבען קיין רוה די איינוואוינער פון א הויז אין פאזען; די איינוואוינער האבען זיך געהאט געווענדעט מיט א ביטע צו די ארטיגע גלחים־יעזואיטען, אז זיי זאלען ארויסטרייבען די רוחות. ווען די גלחים

האָבען מיט זייערע קונצשטיק און סגולות נישט געקאָנט פועל זיין, האָט מען איינגעלאַדען דעם „בעוואוסטען" רבי יואל בעל־שם פון זאַמאָשץ, וועלכער האָט קודם כל געמאַכט א שטרענגע אויספאָרשונג ביי די רוחות, פאָדערנדיג ביי זיי אַנ'ערקלערונג, פאַרוואָס זיי ווילען נישט ארויסגעהן פון אונגליקליכען הויז. די רוחות האָבען אָבער דערוויזען דעם בעל־שם, אַז דאָס הויז געהערט צו זיי בירושה, ווייל זיי זענען די געזעצליכע קינדער פונ'ם פערשטאָרבענעם בעל־הבית,— א אידישער שוסטער, וועלכער איז געשטאַנען אין געוויסע בעציהונגען מיט א שד'יכע, און זי האָט איהם געבוירען אַט די רוחות.— און אַט איז געקומען דער פּאָזענער בית־דין און די רוחות האָבען געהאַט א דין־תורה מיט'ן בעל־שם. דער בית־דין האָט גע'פסקנ'ט, אַז די רוחות האָבען נישט קיין רעכט צו נעהמען בירושה א נחלה, וואו עס וואוינען לעבעדיגע מענשען, און זייער אָרט איז נאָר אין וויסטע מדבריות און ווילדע וועלדער.

מיט אזא מין גייסטיגע שפּייז האָבען די דאַמאָלדיגע גייסטיגע אידישע מנהיגים אויסגעהאַלטען די אידישע מאַסע. א געוויסער שריפטשטעלער פון אָנפאַנג אַכצעהנטען יאהרהונדערט שרייבט: „עס איז נישטאָ קיין לאַנד, וואו די אידען זאָלען זיך אזוי פיעל פערנעהמען מיט מיסטישע ענינים, מיט געשיכטעס וועגען שדים, רוחות און מלאכי־חבלה, מיט קמיעות און השבעות, ווי אין פוילען". די פאָדערונג אויף מופתים מצד דעם פאָלק האָט זיך פערשטאַרקט, און דעריבער האָבען זיך אָנגעהויבען אַבצוגעבען מיט פּראַקטישער קבלה טיילמאָל אפילו אויך בעוואוסטזיניגע רבנים. אזוי, למשל, האָט געטהון דער רב פון אוסטראָה און פּאָזען, רבי נפתלי הכהן (1640—1719), מיט וועלכען עס איז פּאָרגעקומען א קוריאָזע געשיכטע: בעזעצענדיג זיך אין פראַנקפורט־אַם־מאיין, האָט ער אָנגעהויבען פערזיכערען, אז ער האָט געפונען א השבעה געגען שרפות. צום אונגליק איז אויסגעבראָכען א שרפה דוקא אינ'ם הויז, וואו ער אליין האָט געוואוינט, און א גרויסער טייל פון דער אידישער גהעטא האָט אָבגעברענט. דעם אונגליקליכען בעל־מקובל האָט מען אריינגעזעצט אין תפיסה, בעשולדיגענדיג איהם, אַז ער האָט זיך בעגאַנגען אונפאָרזיכטיג מיט פייער, מאַכענדיג זיינע פּראָבעס מיט די השבעות געגען שרפות (1711). ווען מען האָט איהם ענדליך בעפרייט, האָט ער אָנגעהויבען פיהרען א לעבען פון א נע־ונד'ניק און אויך געהאַט געוויסע בעציהונגען מיט נחמיה חיון; ווען מען האָט חיונ'ען איבעראַל מחרים געווען, האָט ער זיך פון איהם אבגעזאָגט.— וועהרענד דער פיעל־יעהריגער מחלוקת צווישען רבי יעקב עמדען מיט רבי יהונתן אייבשיץ, זענען די פוילישע רבנים על פי רוב געשטאַנען אויפ'ן צד פון לעצטען, ווייל זיי האָבען געהאַלטען פאַר א גאַנץ נאָרמאַלע זאַך דאָס קורירען חולאים דורך קמיעות און השבעות. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס אין אזא אַטמאָספּערע האָט

זיך לאנג געהאלטען געהיים די שבתיאנישע סעקטע און איז לסוף פער-
קערפערט געווארען אינ'ם פאנאטישען שגעון פון דער משיחיות פון א יעקב
פראנק.

אין דער צווייטער העלפט פון אכצעהנטען יאהרהונדערט האבען צוויי
פארפאלען צוגעצויגען די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט אויף די אידען
אין ענגלאנד און אין פראנקרייך, אויף זייער מהות, זייער געגענווארט און
פערגאנגענהייט: די פראגע, וואס מען האט געמאכט אין ענגלאנד צו
געבען די אידען א געזעצליכען צושטאנד אין דער מלוכה און וואלטער'ס 1)
אנפאלען אויף אידען.— אין ענגלאנד, וואוהין די אידען האבען זיך
מיט א יאהרהונדערט פאר דעם, אזוי צו-זאגען, אריינגעגנב'עט דורך א
הינטער טהיר, האבען זיי געלעבט, בעזונדערס אין דער הויפט שטאדט לאנ-
דאן אין א אבגעשלאסענער געזעלשאפט, נישט זייענדיג אנערקענט דורך
דעם געזעץ, אבער אויך נישט ווערענדיג בעזונדערס שטארק גע'רודפ'ט.
מען האט זיי געהאלטען פאר פרעמדע—פאר שפאניער, פארטוגיעזען, הא-
לענדער אדער דייטשען, און זיי האבען אויך געמוזט צאהלען א געוויסען
אבצאהל, וואס מען פלעגט ארויפלעגען אויף פרעמדע דאמאלס אין ענג-
לאנד. (Alien duty) נאר אלס אויסנאהם האט מען פאר די רייכע
און אנגעזעהענע אידען פון דער פארטוגיעזישער קהלה בעקומען פונ'ם
קעניג בירגער-רעכט. די נישט נאטוראליזירטע פלעגט מען אפט רודפ'ן,
בעשטראפענדיג זיי, פארוואס זיי היטען נישט אב צו קומען אין קירכע
אריין, אדער פארוואס זיי האבען עובר געווען אויף א וועלכען עס איז
פונקט פון די שטייער-געזעצען. נאך ערגער האבען אבער געהאט די אי-
דען, וועלכע זענען געקומען קיין ענגלאנד פון פוילען און דייטשלאנד, און
וועלכע אפילו די פארטוגיעזישע אידען אליין פלעגען בעהאנדלען מיט
פעראכטונג. פונדעסטוועגען פלעגען די רייכער געהמען אין אכט זייער
יודענטום און נישט איינלאדען זיי אום שבת און יום-טוב אין געריכט אלס
עדות. נאכדעם ווי נישט פיעל אידען האבען זיך בעזעצט אין די ענגלי-
שע קאלאניעס אין אמעריקא און זענען דארט נאטוראליזירט געווארען,
האבען סוחרים און פאבריקאנטען, עס פערשטעהט זיך, לויט די השתדלות
פון די אידען און זייערע פריינד, אנגעגעבען א ביטע צום פארלאמענט,
אז מען זאל זיי אויך אנערקענען פאר נאטוראליזירטע אין ענגלאנד. דער
מיניסטער פעלהאם (Pelham) האט אונטערשטיצט די דאזיגע
ביטע, בעטאנענדיג, דאס פאר'ן לאנד וועט זיין נוצליך, אז די פארטוגיע-

---

1) וואלטער — בעוואוסטער פראנצויזישער שריפטשטעלער, געבוירען 1694, גע-
שטארבען 1778 — איינער פון די גרעסטע פריידענקער פון זיין צייט, אבער אויך א
גרויסער שונא ישראל.

זישע אידען מיט זייערע גרויסע קאַפּיטאַלען און פעהיגקייטען זאָלען זיין איבערגעגעבען ענגלאַנד און בעטראַכטען איהם אַלס זייער פאַטערלאַנד. די אידישע געגנער דאָגעגען האַבען אַרויסגעשטעלט געגען די אידען טיילווייז אייגענגוציגע טענות, טיילווייז רעליגיעזען אבערגלויבען. אייניגע האַבען גע'טענה'ט, אז ווען מען וועט די אידען גלייכשטעלען מיט די קריסטען, וועלען זיי באלד פערהאַפּען די גאנצע עשירות פון לאַנד, אבקויפען אלע גיטער און נחלאות און צונעהמען די ירושה ביי די קריסטען, וועלכע וועלען ביי די אידען פערקנעכטעט ווערען און עס וועט אפילו אויך קומען דערצו, אז די אידען וועלען אויסקלייבען פון זיך אויך די ענגלישע מלכים אַנדערע ווידער, מאַמינים אָהן פערשטאַנד און געפיהל, האָבען גע'טענה'ט, אז די אידען מוזען לויט די ערקלערונגען פון די קריסטליכע נבואות, בלייבען אייביג אָהן א פאַטערלאַנד, ביז זיי וועלען איינגעזאַמעלט ווערען צוריק אין ארץ־ישראל. עס איז אָבער איבערראַשענד גענוג, אז די ביל (דער געזעץ־פּראָיעקט) איז אָנגענומען געוואָרען אין דער ענגלישער לאָרדען־פּאַלאַטע (אָבער־הויז)— אַז אלע אידען, וועלכע וואוינען אָדער האָבען געוואוינט דריי יאהר נאָכאַנאַנד אין ענגלאנד, אָדער אירלאַנד, דאַרפען נאַטוראַליזירט ווערען. די לאָרדען און בישאָפען זענען אלזאָ נישט געווען געגען די אידען. אויך אינ"ם פּאַרלאַמענט (אונטערהויז) האָט די מעהרהייט איינגעשטימט מיט דער ביל און דער קעניג געאָרג דער צווייטער האָט זי בעשטעטיגט אלס א געזעץ (מערץ 1753). עס איז אָבער א גרויסער ספק געווען אויב דאָס ענגלישע פאלק האָט אין זיין מעהרהייט איינגעשטימט אויפ'ן נייעם געזעץ, ווייל באלד האָבען זיך געלאָזט הערען פון די גלחים דרשות אין די קירכען, פון די צעכען און שענקען קללות געגען דעם מיניסטעריום, וואָס האָט דורכגעפיהרט דאָס געזעץ וועגען איינבירגערען די אידען אין ענגלאַנד. איין גלח, דער דעקאַן טורקער, וועלכער האָט געהאָט פערטיידיגט דאָס נאַטוראַליזירונגס = געזעץ, איז פערשפּאָטעט געוואָרען דורך דער אָפּאָזיציע אין פּאַרלאַמענט, דורך די צייטונגען און פלוג־בלעטער, אָפילו פערזענליך איז מען אויף איהם אָנגעפאַלען, און זיין בילד מיט זיין ספר, אין וועלכען ער האָט פערטיידיגט די אידען, האָט מען עפענטליך פערברענט אין בריסטאָל. צום פערדרוס פון די בעסטע געזונדע אידישע פריינד האָט דאָס מיניסטעריום געהאָט די שוואכקייט נאָכצוגעבען דאָס געשריי פון דער קנאָה און שנאָה און אליין מבטל געמאַכט זיין אייגענעם געזעץ (1754), „ווייל דאדורך איז דערוועקט געוואָרען אַג'אונצופרידענהייט און די געמיטער פון פיעל קעניגליכע אונטערטאַנען זענען בעאונרוהיגט געוואָרען". ווייל אבער אפילו אויך די שונאים האָבען נישט געקאָנט ארויסשטעלען עטוואס ממשות'דיגעס געגען די אידען און אָנווייזען זייערע פעהלערען, האָט דאָס מבטל מאַכען פון געזעץ דאָך אלענפאַלס נישט געבראַכט די אידען קיין שאַדען.

דער צווייטער פאָרפאַל, חאָטש ער האָט דאָך געשטאַמט נור פון א פּריוואַטער, איינצעלנער פּערזאָן, האָט נאָכמעהר געמאַכט אויפמערקזאָם אויף די אידען, ווי דאָס בעטראַכטען פונ׳ם נאַטוראַליזירונגס-געזעץ אין ענגלישען פּאַרלאַמענט. אַרוע דע וואָלטער, (Aronet de Voltaire) וועלכער איז אין אַכצעהנטען יאָהרהונדערט געווען דער קעניג אין דער מלוכה פון דער ליטעראַטור און מיט זיין טייוולאָנישען געלעכטער האָט ער צובלאָזען און צושטערט, ווי א קאָרטען-הויז די פעסטונג פון מיטעלאַלטער, וועלכע האָט זיך נאָך אַלץ שטאַרק געהאַלטען ביז יענער צייט,—וואָלטער, וועלכער איז געווען א חכם אין זיינע שריפטען און א שוטה אין זיין לעבען, א קנעכט פון נידעריגע, געמיינע תאוות, האָט זיך געוואָרפען אויף די אידען און פערשפּאָטעט זייער גאַנצע פערגאַנגענהייט. זיין שנאָה צו זיי האָט אָבער געשטאַמט נישט אזוי פון דער איבערצייגונג, ווי פון ריין פּערזענליכען כעס. ווי ער אליין דערצעהלט, האָט ער, אין דער צייט פון זיין אויפהאַלטען זיך אין לאָנדאָן, געליטען זעהר פיעל שאָדען פונ׳ם באַנקראָט פון אידישען קאַפּיטאַליסט, ד ע מ ע ד י נ א.

אָבער וואָלטער—אַנ׳אמת׳ער האַרפּאַגאָן (א טיפּ פון א קאַרגען אין מאָליער׳ס קאָמעדיעס) — האָט פאַר זיין גרויסען, אדער קליינעם שאָדען פיינד בעקומען נישט בלויז איין אידען, וועלכער האָט איהם דעם שאָדען געבראַכט, נאָר דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, וועלכעס איז אַלגעמאלם דערין ווענינ וואָס שולדיג געווען. א צווייטער פאַל האָט נאָכמעהר אויפגערייצט וואָלטער׳ן געגען די אידען. ווען וואָלטער איז געווען אין בערלין און אין פּאָטסדאַם ביי׳ם פּרייסישען קעניג פרידריך דעם צווייטען, הויף-דיכטער, קאָרעקטאָר און קאָמערהער, האָט ער געמאַכט א שמוציגען פּאָרשלאַג א אידישען יובעליר ה י ר ש א ד ע ר ה י ר ש ע ל (1750), וועלכען ער האָט דערנאָך אליין צוריקגענומען, לויט דער עצה פון הערשעלס א קאָנקורענט א פ ר י ם פ ײ ט ע ל. דאַדורך איז עס געקומען צו רייבונגען צווישען וואָלטער און דעם אידען הירשעל. וואָלטער איז בעגאַנגען א גאַנצע רייהע פון שענדליכע מעשים און שווינדלערייען געגען זיין אידישען קאָמיסיאָנער, אָבנאַרענדיג איהם מיט פיעל דימענטען, בעהאַנדלענדיג איהם שלעכט, זאָגענדיג שקרים, פעלשענדיג דאָקומענטען, דערביי האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, א שטייגער, ווי ער וואָלט געווען גאָט די נשמה שולדיג. און דער שווינדלער איז נאָר דער איד. די זאַך איז ענדליך געקומען אין געריכט און עס האָט זיך אָנגעהויבען א פערוויקעלטער פּראָצעס. דער קעניג, פרידריך, וועלכער האָט זיך בעקענט מיט די דאָקומענטען און אויך ערהאַלטען א אנקלאַגע געגען וואָלטער׳ן, איז שטאַרק בייז געווארען געגען דעם דיכטערישען און פילאָזאָפישען שווינדלער. ער האָט אָנגעשריבען געגען וואָלטער׳ן א קאָמעדיע אין פראַנצויזישע שירים: „טאָנסאָלום אין פּראָצעס“. וואָלטער׳ס געשעפט מיט א פּרייסישען אידען האָט

געמאַכט א שטאַרקע איבערראַשונג אין דער גאַנצער געבילדעטער וועלט. און וואָלטער'ס געגנער האָבען בעקומען א רייכען מאַטעריאַל אָבצושפּאָטען פון איהם און אויך דערפאַר האָט געדאַרפט זיין פעראַנטוואָרטליך די גאַנצע אידישע נאַציאָן. ווען נאָר וואָלטער האָט געהאַט די געלעגענהייט צו רעדען וועגען די אידען, אדער וועגען דעם יודענטום, האָט ער בעשפּיגען מיט זיין אונציכטיגער סאַטירע די אידען אין זייער געגענוואַרט און אין זייער פערגאַנגענהייט. די זאַך האָט אויך געפּאַסט צו זיין קאַמף מיט'ן קריסטענטום. אויף דאָס קריסטענטום האָט ער נישט געקאָנט אָנפאַלען צו שאַרף עפענטליך, ווייל דערפאַר וואָלט מען איהם בעשטראָפט. ער איז דעריבער אָנגעפאַלען אויפ'ן יודענטום, אלס דעם פאָטער פון קריסטענטום און האָט אָנגעהויבען שליידערען געגען איהם זיינע שאַרפע, שענע, אָבער דערפאַר נאָך גיפטיגער ווירקענדע פיילען. בעזונדערס גיפטיגע גאַל האָט ער אויסגעגאָסען געגען אידען און דעם יודענטום אין אַנ'אַרטיקעל אין דער ענציקלאָפּעדיע.

דאָס דאָזיגע אָבשפּאָטען פון גאַנצען פאָלק און זיין פיעל טויזענד־יעהריגע פערגאַנגענהייט, האָט זעהר בייז געמאַכט פיעל פריינד פון דער וואַהרהייט; קיינער האָט זיך אָבער נישט דערוואויגען אונטערצונעהמען א קאַמפף מיט אזא שרעקליכען געגנער, ווי עס איז געוועזען וואָלטער. מען האָט געדאַרפט דערצו האָבען פיעל מוט, און דאָס האָט ארויסגעוויזען א געבילדעטער איד יצחק פינטאָ (געבוירען אין באָרדאָ 1715, געשטאָרבען אין אמשטערדאַם 1787) פון די פּאָרטוגעזישע אָנוסים, וועלכער איז געוועזען פון אַנ'אידעלען אונאייגענוציגען כאַראַקטער, ער האָט אָבער געהאַט א צו גרויסען קלאַסען־עגאָאיזם. איבערוואַנדלענדיג פון באָרדאָ קיין אמשטערדאַם, האָט ער פיעל אויפגעטהון דאָרט פאַר דער פּאָרטוגיעזישער קהלה און אויך דער האָלענדישער מלוכה האָט ער געבאָרגט גרויסע סומען געלד. דערפאַר האָט ער פערנומען זעהר א אָנגעזעהענעם אָרט אין דער קהלה. זיין גאַנצע ליבע האָט ער אָבער געווידמעט נור די ספר'דישע אידען, מיט וועלכע ער איז געוועזען פעראייניגט אי דורך דער שפּראַך, אי דורך זיין אָבשטאַמונג; דאַגעגען האָט ער זיך בעצויגען קאַלט און גלייכגילטיג צו די דייטשע און פוילישע אידען. ער האָט געקוקט אויף זיי מיט יענער גאוה און פעראכטונג, מיט וועלכער עס קוקען קריסטען־מיוחסים אויף אָרעמע אידען. ווען די פּאָרטוגיעזישע קהלה פון באָרדאָ האָט איינמאָל געהאַט מיאוס'ע סכסוכים מיט די אשכנזישע אידען, האָט פינטאָ זיך געשטעלט אויפ'ן צד פון די אונגערעכטע פּאָרטוגיעזען און האָט בעהאַנדעלט די דייטשע אידען מיט א גרויזאַמער אכזריות און האַרטקייט. די זאַך איז בעשטאַנען אין פאָלגענדען: נאָך אין מיטען פון זעכצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען זיך בעזעצט אין באָרדאָ אָנוסים פון פּאָרטוגאַל און שפּאַניען, וועלכע עס איז געלונגען צו אנטלויפען פון גיהנום פון דער אינקוויזיציע. די

אנוסים האבען געבראכט מיט זיך גרויסע קאפיטאלען און פעהיגקייט צום
מסחר. א דאנק דעם האבען זיי בעקומען גרויסע פריווילעגיעס און וואוי־
נונגס־רעכט, אבער בלויז אונטער דעם נאמען פון קריסטען־פארטוגיעזען,
אדער שפאניער. פיעל יאהר האבען זיי געמוזט פיהרען א פערמאסקירט
לעבען, געהן אין קירכע און לאזען שמד'ען זייערע קינדער ביי דעם גע־
בורט. ביסלעכווייז איז זייער צאהל געשטיגען ביז דריי טויזענד פערזאן.
די מייסטע פון זיי האבען געהאט גרויסע באנקיר־געשעפטען אדער גע־
וועהר־פאבריקען; זיי פלעגען אויך שיקען אויפ'ן ים שיפען מיט סחורה
אין די וויטע מדינות און פלעגען פיהרען גרויסע געשעפטען מיט פראנ־
צויזישע קאלאניעס. דאס געשעפטס־הויז גראדים איז געוועזן מפורסם
וויט און ברייט אין דער האנדעלס־וועלט און שיפעריי. אלס רייכע סוחרים
און שיפס־בעזיצער האבען די פארטוגיעזען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער
עהרליכקייט אין מסחר, מיט זייער אנשטענדיגקייט און פרייגיביגקייט
סיי פאר אידען, סיי פאר נישט־אידען, ווי אויך מיט זייער שטאלצען האל־
טען זיך—א מדה, וואס זיי האבען מיטגעבראכט פון זייער מערדערישער
מוטער־לאנד. דורך אזא כאראקטער און אויפפיהרונג האבען זיי געבראכט
דערצו, אז די קריסטליכע בעפעלקערונג זאל זיך בעציהען צו זיי מיט דעם
גרעסטען דרך־ארץ און האכאכטונג.— די גרויסע האנדעלס־שטאדט באררא
האט אבער צוגעצויגען אויך דייטשע אידען פון דער פראווינץ עלזאס, וועל־
כע פראנקרייך האט צוגענומען ביי דייטשלאנד, ווי אויך אביניאן, וועלכע
האט זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון פויפסט. די אלע דאזיגע
אידען האבען אין באררא בעקומען דאס רעכט צו וואוינען פאר גוט געלד.
די פארטוגיעזישע אידען איז אבער די זאך נישט געפעלען געווארען; זיי
האבען מורא געהאט, אז מען זאל זיי נישט שטעלען אויף איין ליניע מיט
די דאזיגע אידען וועלכע זענען געוועזן ווענינ געבילדעט און האבען זיך
אבגעגעבען מייסטענס מיט קליין־האנדעל אדער מיט פראצענט. דער דא־
זיגער עגאאיזם האט זיי ענדליך געבראכט דערצו, אז זיי האבען אונטער־
גענומען א השתדלות, דאס מען זאל די עלזאסער און אביניאנער אידען
ארויסטרייבען פון באררא; דערביי האבען זיי אנגעוויזען אויפ'ן אלטען
עדיקט, לויט וועלכען עס איז פערבאטען געוועזן צו וואהנען אין פראנקרייך.
די ארויסגעטריבענע אידען האבען אבער געפונען א הויכע פראטעקציע
צווישען די גרויסע שרים פון הויף און געפועל'ט, אז מען זאל זיי ערלויבען
צו וואוינען אין באררא. די פארטוגיעזען איז די זאך געוועזען צווידער און,
כדי, לפחות, צו פערהיטען, אז עס זאלען נישט קומען קיין נייע איינוואנ־
דערער־אידען פון דייטשלאנד , האט זייער געמיינדע ארויסגעגעבען א רע־
זאלוציע (1760), וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט דורך איהר הארטהער־
ציגקייט און אכזריות געגען זייערע אייגענע אידישע ברידער; זיי האבען
ערקלערט, אז אלע נישט־פארטוגיעזישע אידען זענען בעטלער און בראד־
יאגעס, וועלכע לעגען זיך שווער אויף דער קהלה. זיי האבען אויך אויס־

געטראַכט אויף די דייטשע אידען, אַז זיי זענען אַלע שווינדלער און נישט קיין עהרליכע לייט, וועלכע פערנעהמען זיך מיט אַלערליי פערבאָטענע געשעפטען און דערוועקען דאַדורך געגען זיך די שנאה פון די בירגער און פון דער אַדמיניסטראַציע. לויט זייער רעזאָלוציע, האָבען זיי געדאַרפט האָבען דאָס רעכט אַרויסצוטרייבען די אָנגעקומענע פרעמדע אידען אין א משך פון דריי טעג פון דער שטאָדט. די דאָזיגע שענדליך גרויזאַמע רעזאָלוציע האָט געדאַרפט בעשטעטיגט ווערען דורכ'ן קעניג לודוויג דעם פופצעהנטען. ביי'ם דאָזיגען פון ווייבער בעהערשטען און דורך הויפלייט אַרומגערינגעלטען קעניג, איז נישט שווער געווען דורכצופיהרען אַזאַ רעזאָלוציע. א פריינד פון יצחק פינטאָ האָט זיך אונטערגענומען די זאַך צו פועל'ן ביים קעניג. דער דאָזיגער פריינד איז געווען ראָדריג (יעקב) פערייראַ (געבוירען אין שפּאַניען 1715, געשטאָרבען אין פּאַריז 1780).

ראָדריג פערייראַ איז געווען דער שטאַם-פאָטער פון די פאַריזער סוחרים עמיל און איסאַק פערייראַ. דאָס איז געווען א מענש מיט גרויסע פעהיגקייטען. א קינסטלער אין זיין אייגענאַרטיגען פאַך, וועלכער האָט אויך בעקומען א גרויסען נאָמען, ער האָט נעמליך ערפונדען א צייכען-שפראַך פאר טויב-שטומע, כדי צו געבען די דאָזיגע אונגליקליכע די מיטעל איבערצוגעבען זייערע געדאַנקען און איבערצונעהמען פרעמדע. מיט דער דאָזיגער קונסט האָט ער זיך נאָך בעשעפטיגט זייענדיג אין שפּאַניען. זיין מוטער איז אָבער אָנגעקלאָגט געוואָרען אין שפּאַניען אין אידישע אפּיקורסות און זי האָט געמוזט אויסשטעהן גרויסע ענוים, תשובה טהוענדיג א יאָהר לאַנג פאר דער טהיר פון א קירכע. די דאָזיגע ענוים האָבען בעוואוינען די משפחה צו אַנטלויפען פונ'ם לאַנד פון דער אינקוויזיציע (1740) און צו קומען קיין באָרדאָ. דאָרט האָט פערייראַ געגרינדעט א שול פאר טויב-שטומע נאָך לאַנג פאר'ן גלח דע ל'עפּע און ענטוויקעלט זיך אַזאַ גרויסען ערפאָלג זיין טעאָריע, ווי אַזוי צו לערנען מיט די טויב-שטומע, אַז דער קעניג האָט איהם דערפאַר בעשאָנקען מיט א גרויסער בעלוינונג און די ערשטע מענער פון דער וויסענשאַפט האָבען איהם שטאַרק געגלויבט. פערייראַ איז שפּעטער געוואָרען קעניגליכער טאָלמאַטש און מיטגליעד פון דער קעניגליכער וויסענשאַפטליכער געזעלשאַפט אין לאָנדאָן. די פּאָרטוגיעזישע קהלה פון באָרדאָ האָט איהם בעשטימט צו זיין איהר אַדוואָקאַט און פערטרעטער אין פּאַריז, כדי דורך איהם אָנצוגעבען איהרע ביטעס און השתדלות. און אָט דער מענש, וואָס זיין גאַנצ לעבען האָט ער געווידמעט דער טעטיגקייט פון רחמנות פאר די אונגליקליכע, פון דער נאַטור-ליידענדע מענשען, האָט איינגעשטימט, צוליעב קלאַסען-עגאָאיזם מיטצווירקען ביי'ם אונגליקליך מאַכען זיינע דייטשע און אַביניאָנישע אידישע ברידער. ער האָט טאַקי אויך געפועל'ט ביים קעניג אַז ער זאָל בעשטעטיגען די שענדליכע רעזאָלוציע. אָבער אין דער דאַ-

מאלסדיגער אונארדנונג, וואס האט געהערשט אין רעגירונגס-שטייגער פון
פראנצויזישען קעניגליכען הויף, איז צווישען א בעפעהל און זיין פער-
ווירקליכונג געווען א גאנצער תהום. דער גירוש פון די עלזאסער און אבי-
ניאנער אידען פון באָרדא איז אבגעהאנגען ענדליך פון גוטען אדער שלעכ-
טען ווילען פון גובערנאטאר, הערצאג פון רישעליע. יצחק פינטא
איז געווען מיט איהם בעפריינדעט און האט בעוויזען צו פועל'ן ביי איהם,
אז מען זאל דעם בעפעהל וועגען דעם גירוש פערווירקליכען. רישעליע האט
ארויסגעגעבען א דרינגענדען בעפעהל (נאוועמבער 1761), אז מען זאל אלע
פרעמדע אידען ארויסטרייבען פון באָרדא אין א משך פון צוויי וואכען.
נאר צוויי אלטע אידען, פאר וועלכע דאס וואנדערען איז געווען געפעהרליך,
ווי אויך פאר דעם אידען יעקב דע פערפיניאן, וועלכער האט פיעל
גוטס אויפגעטהון פאר דער שטאדט,— האט מען ערלויבט אין שטאדט צו
פערבלייבען, אלע איבריגע אידען האט מען ארויסגעטריבען אהן קיין
שום רחמנות. די דאזיגע זענען ארייננעשטויסען געווארען אין טיפען
עלענד, ווייל אין אנ'אנדער שטאדט אין פראנקרייך איז זיי געווען פער-
באטען צו בעזעצען זיך און אין אנדערע ערטער אדער שטעדט, וואו אי-
דען האבען יא געוואוינט, האט מען נישט ארייננעגומען קיין נייע אידען.

די אכזריות פון די פארטוגיעזישע אידען גענען זייערע איינענע
ברידער אין באָרדא האט ארויסגערופען אבער אויך א רעאקציע געגען די
פארטוגיעזישע אידען גופא. עס איז דערוועקט געווארען א פראגע וועגען
זייער וואוינונגס-רעכט, ווייל אויך די דאזיגע אידען איז פערבאטען גע-
ווארען צו וואוינען אין פראנקרייך, טא מיט וואס פאר א רעכט וואוינען
דארט די שפאניש-רייזענדע אידען? די פארטוגיעזישע אידען האבען
דעריבער זיך געזעהען גענויטיגט צו פערטיידיגען זיך, און זיי האבען דע-
ריבער געבעטען יצחק פינטא, וועלכער האט געהאט א ליטערארישע
בילדונג, אז ער זאל מחבר זיין א פערטיידיגונגס-בוך און אנווייזען, וואס
פאר א גרויסער אונטערשיעד עס איז צווישען די אידען, וואס רעדען פארטו-
גיעזיש, און די אידען פון אנדערע לענדער. פינטא האט דאן אנגעשריבען זיין
בוך „בעטראכטונגען“ („Reflexions“ 1762) וועלכע בעציהען זיך
אויף וואלטער'ס לעסטערונגען געגען די אידען און דעם יודענטום. פינטא
זאגט ארויס אין זיין בוך דעם פראנצויזישען ווילדען לעסטערער, אז די
רכילות, וועלכע מען ברענגט געגען א גאנצען פאלק, איז א גרעסערער
פערברעכען, ווי די רכילות געגען איינציגע מענשען; דאס פערברעכען דער-
גרייכט אבער די העכסטע מדרגה פון שענדליכקייט, ווען די רכילות ווערט
ארויסגעזאגט געגען א פאלק, וואס ליידעט שוין אהן דעם אויך געגוג
רדיפות און פערשפאטונגען; בפרט נאך איז עס א זינד, ווען מען מאכט
אזא אונגליקליך פאלק פעראנטווארטליך פאר איינצעלנע מענשען. די אי-
דען זענען אבער בכלל גארנישט גלייך איינע צו די אנדערע. א איד פון
באָרדא און א איד פון מעץ זענען צוויי גאנץ פערשידענע מענשען; פונקט

ווי מען קאָן נישט פערגלייכען א כינעזער מיט א טערק, אזוי קאָן מען זיי
נישט פערגלייכען איינעם מיט'ן אנדערען. וואָלטער האָט אָבער אַלע אי-
דען גלייך געזידעלט און פערשפּאָטעט און געשילדערט אויך אזוי אבשוי-
ליך, ווי נישט ריכטיג. וואָלטער, וועלכער האָט זיך בעשטימט אויסצוואָרצ-
לען אַלע אָבערגלויבענס, האָט געווידמעט זיין פעדער דוקא דעם בלינדעס-
טען אבערגלויבען, דער שנאה צו אידען. „די אידען זענען נישט מעהר
אונוויסענד, נישט מעהר אָבערגלויביש, ווי די איבריגע נאַציאָנען". יצחק
פינטאָ האט אייגענטליך געוואָלט בלויז פערטיידיגען די פּאָרטוגיעזישע
אָדער ספר'דישע אידען און דערוויזען, אז וואָלטערס אָבשפּאָטונג און
זידלעריי קאָן זיך אויף זיי ניט בעציהען. צום ראַזיגען צוועק האָט ער אויס-
געגראָבען א תהום צווישען די ספר'דישע און דייטשע אידען מיט די פּוי-
לישע. די פּאָרטוגיעזישע און שפּאַנישע אידען—האָט ער ערקלערט —
שטאמען פון איידעלסטען שבט ביי אידען, פון שבט יהודה, און זייער הוי-
כע אָבשטאַמונג דערוועקט זיי אויך תמיד צו מעשים טובים און פערהיט
זיי פון פערברעכענס און שפלות, אדער געמיינהייטען; זיי האָבען דערי-
בער קיינמאָל נישט געהאט יענע פעהלערען, וועלכע וואָלטער האָט געפו-
נען ביי אידען: זיי האָבען זיך נישט בעשעפטיגט מיט פּראָצענט און
קיינמאָל נישט בדלות געשטעלט דאָס פאָלק, צווישען וועלכע זיי האָבען
געוואוינט; אדרבה, זיי האָבען נאָך איהם איינגעבראַכט עשירות. וועגען
די אידען פון דייטשלאנד און פוילען, דאַגעגען, איז ער מודה, אז אליז, וואָס
וואָלטער האָט וועגען זיי געזאָגט, איז דער גאַלער אמת... נאַטירליך, יצחק
פינטאָ שטעלט זיך נישט אָב ביי דער דאָזיגער בעשולדיגונג, ער ענטשול-
דיגט די דאָרטיגע אידען פיעל מעהר דורך די גרויסע ענוים און רדיפות,
קנעכטשאפט און שפלות, אין וועלכע די פעלקער האָבען זיי געהאלטען און
האַלטען זיי נאָך עד היום. דאדורך האָט פינטאָ דערגרייכט זיין ציעל אינ-
גאנצען: וואָלטער האָט צו איהם געשיקט א בריעף, אין וועלכען ער
מאַכט די פּאָרטוגיעזי'שע אידען פיעל קאָמפּלימענטען און איז מודה, אז
ער איז נישט גערעכט געווען דערמיט, וואָס ער האָט אויך אויף זיי ארויפ-
געלעגט אלע אידישע חטאים, דערביי אָבער האָט ער ווידער בענאַסען מיט
גאל די גאנצע פערגאנגענהייט פון אידישען פאָלק.

פינטאָ'ס בראָשורע האָט געמאַכט א רושם אין דער וועלט. די פראַנ-
צויזישע און ענגלישע צייטונגען האָבען זי בעטראַכט גינסטיג און גרויס-
געזאָגט זיך געגען וואָלטער'ס אנפאַלען אויף די אידען. אייניגע האָבען
אָבער פעראורטיילט פינטאָ'ס סיסטעם צו פערטיידיגען בלויז א קליינעם
טייל פון אידישען פאָלק און ארויסצוטרעטען געגען א גרויסען טייל, אנ-
ערקענענדיג וואָלטער'ס אַלע בעשולדיגונגען געגען זיי. א קאַטוילישער
גלח איז ארויסגעטרעטען מיט א פערטיידיגונג פון דער אידישער פערגאנ-
גענהייט, געשריבען אין נאָמען פון א אידען. ער האָט ארויסגעגעבען „אי-
דישע בריעף"—בריעף פון אשכנזישע און פּאָרטוגיעזישע אידען צו וואָל-

מער'ן (די „בריעף" האט דער גלח אליין מחבר געווען). די דאזיגע בריעף האט מען זעהר פיעל געלעזען, און זיי האבען מיטגעווירקט נישט ווייניג אויף צו געווינען די געזעלשאפטליכע מיינונג לטובת די אידען געגען וואלטער'ן.

אבער די גאוה פון די פארטוגיעזישע אידען האט ארויסגערופען אויך א געוויסע שנאה צו זיי. אין פראנקרייך איז ערשיענען (1767) א בראשורע געגען זיי: „א ביטע פון די סוחרים געגען די אידען, וועלכע מען דארף נישט דערלאזען צו האבען די רעכט פון סוחרים"; די דאזיגע „ביטע" האט זיך געווענדעט בעזונדערס געגען די פארטוגיעזישע אידען אין בארדא, וועלכע מען האט אויפגעווארפען, אז זיי האבען זייערע אלטע פריווילעגיעס, אין א געוויסער מאס, געפעלשט, ווייל די פריווילעגיעס, וואס עס האבען זיי ארויסגעגעבען דער קעניג היינריך דער צווייטער און די שפעטערדיגע מלכים האבען זיך בעצויגען נישט אויף אידען, נאר אויף ניי-קריסטען (אנוסים-קריסטען). די פארטוגיעזען אין בארדא זענען אבער אידען און, אלס אזעלכע, האבען זיי נישט קיין רעכט צו וואוינען אין פראנקרייך , ווייל מען האט זיי פון דארט געהאט ארויסגעטריבען נאך מיט עטליכע יאהרהונדערט פריהער און מען איז זיי דארט גארנישט סובל. מען האט זיי אויך דערמאנט די אלטע בעשולדיגונג, אז זיי האבען קריסטוס'ן דערהרג'עט, אז זיי שענדען די האסטיעס און אנדערע אויסגעטראכטע חטאים, אין וועלכע מען בעשולדיגט תמיד די אידען. די פארטוגיעזישע אידען האבען דעריבער געקאנט איצט איינזעהען, אז זיי האבען זיך אבימעל צוגעאיילט אויסצושליסען זיך פון כלל ישראל און צו פערנעהמען א בעזונדערס פריווילעגירטע שטעלע. דער גייסט פון אונטאלעראנץ האט זיי דאך אלע איינס געשטעלט אין דער זעלביגער לאגע, וואס אלע איבריגע אידען. ווייל אבער די אידען האבען שוין געהאט צווישען זיך פיעל געבילדעטע לייט, האבען זיי געקאנט ארויסטרעטען מיט א ענטפער געגען די אנפאלען אויף זיי. דער שוין דערמאנטער ראדריג פערייראַ איז ארויסגעטראטען מיט א ענטפער געגען די קריסטליכע אנפאלער (1767); א צווייטער איד האט מחבר געווען אנ'אפאלאגיע (1769) מיט דעם נאמען: „בריעף פון א לארד", אין וועלכע ער ווייזט אויף, וואס פאר א גרויסע פערדינסטען די אידען האבען אין די אייראפעאישע מלוכות. דער מסחר פון האלאנד און ענגלאנד האט אויפגעבליהט ערשט נאכדעם, ווי די אידען האבען זיך דארט בעזעצט; פראנקרייך נויטיגט זיך נאך בעזונדערס שטארק אין די ריהרעוודיגע און פעהיגע אידען. ווייל די ליעבע צו כבוד ווילען די פראנצויזען בעפרידיגען נאר דורך דעם קלאנג פון געווער, דורך מלחמות, אדער דורך הויכע מלוכה-שטעלעס און פאר דער נאטירליכער עשירות פונ'ם לאנד האט מען נאך דארט נישט קיין פערשטאנד.

אבער אט דער גאנצער טומעל און די עפענטליכע מיינונג, וועלכע

איז אויפמערקזאם געמאכט געווארען אויף די אידען, ווי אפילו אייך די פריינדליכע שטימען, וועלכע האבען זיך געלאזט הערען לטובת די אידען— דאס אלץ האט בכלל נישט געבראכט קיין פערענדערונג אין דער אידישער לאגע, נישט אויסערליך, נישט אינערליך, ווען עס וואלט נישט ערשינען א הויך-בעגאבטע פערזענליכקייט — מען קאן כמעט זאגען—א וואונדערליכע פערזעגליכקייט , וועלכע האט געעפענט דעם וועג פאר דער אונערווארטעטער פעריונגונג פון אידישען פאלק.

די רענעסאנס-עפאכע.

ערשטעס קאפיטעל.

מענדעלסאנ'ס צייט

1786—1760

צי קאן א פאלק אין איין טאג געבוירען ווערען? אדער צי קאן א פאלק געבוירען ווערען פון דאס ניי? א צבור (געזעלשאפט-חברה), וואס איז געווארען צום שפאט נישט בלויז פאר שלעכטע מענשען און פאר שפשים. נאר כמעט אויך פאר גוט-פיהלענדע און עהרליך-דענקענדע מענשען,— א צבור, וועלכער איז זיך אליין פארגעקומען פערהאסט און פעראכטליך. וועלכער האט זיך נאר נאך אויסגעצייכענט מיט זיינע אלטע צדקות, מיט זיין כשר'ען פאמיליען-לעבען, מיט דעם געפיהל פון רחמנות און בושה, און אויך מיט זיינע גרויסע אלטע זכרונות, ביי וועלכע אבער אי דאס איינע, אי דאס אנדערע, איז פער"חשכ'ט געווארען דורך זייטיגע מעשים און פערלוירען דעם גאנצען חן, אז מען קאן עס מעהר כלל נישט דערקענען; א צבור, וועגען וועלכען אייגער פון זיינע בעסטע זיהן, וואס האט איהם פערטראכטען מיט פולער בעוואוסטזיניגקייט, האט געקאנט זאגען: „מיין נאציאן איז אזוי ווייט געהאלטען געווארען פון דער קולטור, אז מען קאן זיך כמעט מיאש זיין אין דער מעגליכקייט, דאס זי זאל זיך נאכאמאל אויסבעסערען און דערהויבען פון איהר שפלות!"— אט אזא צבור האט זיך דאך פארט דערהויבען!— די אידישע נאציאן האט זיך דערהויבען מיט אזא געשווינדיגקייט פון איהר שפלות, ווי זי וואלט א שטיינער געהערט, ווי דער אלטער נביא רופט צו איהר: „שטעה אויף, שטעה אויף, ווארף אראב דעם אש פון זיך, בינדט פונאנדער דיינע קייטען, דו געפאנגענע ציונס טאכטער!"—און פון וועמען איז די דאזיגע דערהויבונג ארויסגעקומען?— פון א מענשען, וועלכער איז, אין א געוויסער מאס, אליין געוועזען א בילד פון זיין געפאלען פאלק, פון משה בן מנחם מענדעלסאן, לויט זיין געשטאלט, אנ'עלענד אידעל מיט א הויקער, נישט דיהרעוודיג, שטמעוודיג, כמעט אהן א שפראך, און נישט שען פון געשטאלט. אבער אין דער דאזיגער נישט-שענער פאלקס-געשטאלט האט

געלעבט און געאַרבייט א הענקענדער גייסט, וועלכער האָט זיך עוסק גע־
וועזען אין א ווייסטער קאָפּ־דרעהעניש נאָר דערפאר, ווייל מען האָט איהם
פון גלייכען וועג ווייט געהאַלטען, און האָט נישט געהאַט קיין געפיהל פון
עהרע פאַר זיך זעלבסט , נאָר דערפאר, וואָס ער האָט תמיד זיך בעגע־
גענט מיט דער פעראַכטונג מצד דער ארומיגער וועלט. ווי נאָר אָבער מען
האָט דעם דאָזיגען פאָלק בעוויזען דעם אמת אין איהר גאנצער שענ־
הייט און מען האָט איהם אויפגעקלערט, אז אָט דער אמת שטאמט
פון איתם אליין און געהערט אינגאַנצען איהם, האָט עס
באלד אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם שפּינוועבס, אין וועלכען עס איז אינ־
גאנצען געוועזען ארומגעוועבט, און פערטרייבענדיג די שאָטענס , וואָס האָ־
בען איהם ארומגערינגעלט, האָט עס זיך צוגעווענדעט צו דער ליכטיגקייט;
צוזאמען מיט'ן גייסט האָט אָבער אויך אָנגעהויבען געזונד צו ווערען דער
קערפּער : די געבויגטע געשטאַלט האָט זיך אויפגעשטעלט גלייך, די
העסליכע מינע אויפ'ן פּנים איז פערשוואונדען געוואָרען און עס האָט גע־
פעהלט נישט פיעל, אז פונ'ם זידעל־וואָרט „יודע“—„זשיד“ זאָל יוערען
אַנ'עהרען־נאָמען — א איד!

די דאָזיגע פעריוֹנגונג, דאָס צוריקגעבוירען ווערען פון אידישען
פאָלק, וועלכע מען קאָן מיט פולען רעכט האַלטען פאַר א פרוכט פון מענ־
דעלסאָנ'ס גייסט, האָט אין זיך א חאַראַקטעריסטישען פונקט: דער שעפער
פון דאָזיגען גרויסען ווערק האָט כלל נישט געהאַט קיין כונה צו בעשאַ־
פען איהם, ער האָט כמעט נישט געהאַט אפילו געשפּירט, אז ער טהוט
עס און, ווי שוין דערמאָנט—אויך נישט געהאָפט, אז מען זאָל קאָנען
פעריונגען דאָס אידישע פאָלק. ער האָט אויך פערווירקליכט זיין גרויסע
היסטאָרישע אויפגאַבע , נישט האָבענדיג קיין אָפיציעלע שטעלע, אויף
וועלכער ער זאָל האָבען פאַר זיך אַזאַ אויפגאַבע, ווי אויך נישט זייענדיג
פון געבורט בעשטימט דערצו. ער איז נישט געוועזען קיין נביא אין דעם
מדבר, וועלכער רופט זיין פאלק צום לעבען, פיעל מעהר האָט ער זיך
תמיד געהאַלטען אָן א זייט, אָבהאַלטענדיג זיך מיט בישנות פון יעדער
בכיונ'דיגער השפעת אויף זיינע ברידער. אפילו ווען מען האָט איהם גערו־
פען דערצו, האָט ער זיך אָבגעהאַלטען פון דער ראָליע פון א אידישען
מנהיג. כמעט אונבעוואוסטזיניג האָט ער געוועקט די שלעפערדיגע כחות
פון אידישען פאָלק, וועלכע האָבען נור געדאַרפט בעקומען איין שטוים
פון אויסענוועניג, כדי ארויסצוטרעטען פון זייער געבונדענעם צושטאַנד
און זיך ענטוויקלען אלס א ווירקענדער פאַקטאָר אין לעבען. מענדעלסאָנס
לעבען אליין איז אין דער היגזיכט געוועזען א עכטע קאָפּיע פון דער געשיכ־
טע פון אידישען פאָלק אין דער לעצטער צייט.

משה בן־מנחם מענדעלסאָן (געבוירען אין דעסאַו 17־טען אויגוסט
1728 געשטאָרבען אין בערלין 4־טען יאנואר 1786), איז געוועזען אין דער
יוגענד אויך אַזוי אָבגעלאָזען און עלענד, ווי אלע אָרעמע אידישע קינדער־

די קנעכט-געשטאלט האבען דאמאלס געטראגען אידישע קינדער שוין אין דער וויעג. פאר פעהיגע קינדער איז כמעט קיין יוגענד נישט געווען; שוין אין דער פריהער יוגענד פלעגען זיי פערזוכען דעם טעם פון שווערען לעבען, דערפאר אבער פלעגען זיי זיך אויך פריה ענטוויקלען און געוואוינען זיך צו דענקען, פערהארטעווענדיג זיך צום קאמף מיט דער טרויעריגער ווירקליכקייט. אין א געוויסען טאג האט דער קוים פיערצעהן-יעהריגער שוואכער און אויסגעמאגערטער מענדעלסאן אנגעקלאפט אין טהירעל פון איינעם פון די בערלינער טהויערען. דער אידישער משגיח, וועלכער האט געדארפט אכטונג געבען, אז עס זאל אין שטאדט נישט אריינקומען קיין אידישער וואנדערער, וואס האט נישט קיין לעבענס-מיטעל און איז דעריבער געווען א שרעק פאר אלע אידישע איינוואנדערער, האט בעגעגענט אויך שארף און שטרענג דעם ארעמען משה'ן, נישט וועלענדיג איהם אריינלאזען אין שטאדט. צום גליק אבער האט דאס ארעמע אינגעל געקאנט ארויסשטאמלען די ערקלערונג, אז ער איז געקומען לערנען אין דער ישיבה פון נייעם בערלינער רב. פון א ישיבה-בחור האט מען קיין רייכע קעשענע נישט געפאדערט, מען האט דאס טהירעל געעפענט, און דעם ארעם-בחור אריינגעלאזען אין שטאדט. משה מענדעלסאן איז באלד אוועקגעגאנגען צום רב, רבי דוד פרענקעל, וועלכער איז אויך געווען פון דעסאו און משה'ס א רבי, ווען ער איז נאך געווען אין דעסאו. רבי דוד פרענקעל (געבוירען 1704 געשט. 1762) איז געווען בעוואוסט מיט זיין פירוש אויפ'ן תלמוד ירושלמי „קרבן העדה“ און האט געשטאמט פון א וויינער יחוס-משפחה; זייענדיג אליין געקומען פון דעסאו מיט א קורצער צייט פאר דעם יונגען משה מענדעלסאן, האט ער אויפגענומען זיין געוועזענעם תלמיד פריינדליך אין זיין ישיבה און פערזארגט זיין מאטעריעלע לאגע אויף אזוי פיעל, אז ער זאל נישט דארפען אויסגעהן פון הונגער. דער יונגער משה האט געהאט זעהר א שענע האנדשריפט און דעריבער האט איהם זיין רבי, רבי דוד פרענקעל, געגעבען איבערשרייבען זיינע פירושים צום תלמוד ירושלמי. די השפעה פון דאזיגען רבי'ן אויף זיין יונגען תלמיד איז געווען א גאנץ גוטע, ווייל ער האט איהם נישט מבלבל געווען דעם מח מיט דעם פלפול, ווי אלע דאמאלדיגע רבנים און ראשי ישיבות און איהם פיעל מעהר צוגעוואוינט צו א געזונדערען מעטאד אין לערנען, פערגלייכענדיג תמיד די טעקסטען פון תלמוד ירושלמי און תלמוד בבלי און בעמיהענדיג זיך דורך דער דאזיגער פערגלייכונג צו ערקלערען די שטעלען אין ערשטען, וועלכע זענען ביז יענער צייט געווען ווייניג ערקלערט און דונקעל.

ווי אלע בחורים פון די ישיבות, האט משה מענדעלסאן געפיהרט א ארעם לעבען, וועלכען דער תלמוד האט אליין געהאט פארגעשריבען פאר די ישיבה-בחורים: „עסען זאלסטו ברויט מיט זאלץ, טרינקען וואסער מיט א מאס, שלאפען אויף דער הארטער ערד, פיהרען א לעבען פון צער

און דחקות און תורה זאָלסטו לערנען". ווייטער איז דאמאָלס נישט נע־
גאַנגען מענדעלסאָנ'ס אידעאל, ווי צו ווערען א למדן אין תלמוד. צי איז
עס געווען דער צופאל, וואָס האָט געבראַכט משה מענדעלסאָן קיין בער־
לין? פון דער פרייסישער הויפּט־שטאָדט האָט פאַר מענדעלסאָנ'ען אָנגע־
הויבען בלאָזען א פריש ווינטעל, וועלכעס איז צו איהם אריינגעקומען
אַזש אינ'ם ענגען שטיבעל פון זיין ישיבה. מיט' ארויפשטייגען אויף דעם
טראָהן פון פרידריך דעם גרויסען, וועלכער איז נישט בלויז געווען
א גבור אויפ'ן שלאכט־פעלד, נאָר אויך א ליעבהאָבער פון די מוזען (א
דיכטער), האָט מען אין בערלין אָנגעהויבען שטארק צו קולטיווירען די
פראַנצויזישע ליטעראַטור און איינפיהרען די פראַנצויזישע מנהגים, אבי־
שפּאָטענדיג אויך פון דער צו־שטארקער צוגעבונדענקייט צו דער רעליג־
יע. די אידישע לאַגע אין פרייסען איז דאמאָלס אפילו געווען זעהר א
בעגרענעצטע און זיי זענען געווען כמעט ווי אויסגעשלאָסען פון אלגע־
מיינעם געזעלשאַפטליכען לעבען. פיעל אידען זענען שוין דאמאָלס אָבער
רייך געוואָרען, און דער נייער גייסט האָט דעריבער האָטש עטוואס אויך
זיי בעריהרט, עס האָט זיך דערוועקט א חשק צו בילדונג, צו נייערונגען,
מען האָט אויך אָנגעהויבען נאָכצוטהון די קריסטען אין זייער בוקען זיך
פאַר דער פראַנצויזישער קולטור. איין איד, אברהם פויזנער, האָט
זיך ערלויבט צו טהון א זאַך, וואָס האָט דערוועקט די אלגעמיינע פער־
וואונדערונג: ער האָט זיך אונטערגעשוירען די באָרד מיט א שעהר —
א זאַך, וואס האָט דאמאָלס געהייסען א געוואלדיג פערברעכען. לויט א
השתדלות ביי'ם קעניג, האָט מען געפועל'ט, אז פויזנער זאָל בעקומען א
אָפיציעלען בעפעהל, ווידער צו לאָזען אבוואַקסען זיין באָרד. איין יונגער־
מאַן (דער שטאמפאָטער פון באנקיר־געשעפט בלייכרעדער) איז
ארויסגעטריבען געוואָרען פון בערלין דורך איינעם פון די גבאים דער־
פאַר, וואָס מען האָט ביי איהם געפונען א דייטשען ביכעל

אין יענער צייט איז געקומען קיין בערלין א פוילישער איד א למדן,
רבי ישראל לוי זאַמאָשץ (געבוירען פאַר 1700, געשטאָרבען אין
בראָדי 1772) און האָט געבראַכט מיט זיך א חבור, אין וועלכען עס האָבען
זיך געפונען אויך איניגע פרייע געדאנקען, לויט די דאמאָלסדיגע בעגרי־
פען. ישראל זאמאָשץ האָט געהאַט א אָרענטליכע ידיעה אין מאטעמא־
טיק, וועלכע ער האָט אויסגעלערנט כמעט גאָר אָהן ספרים; ער איז גע־
ווען א שטיקעל משורר אין העברייאיש, אָבער קיין אַנדער שפּראַך אוי־
סער העברעאיש האָט ער נישט געקענט. מיט זיין גרויסער ליבע צו דער
וויסענשאַפט האָט ישראל זאמאָשץ אויך געהאַט א שטארקען איינפלוס
אויפ'ן יונגען אַהרן שלמה גאָמפּערץ (געבוירען 10־טען דעצעמבער 1723
געשטאָרבען 1770) און לסוף האָט גאָמפּערץ שטודירט און איז געווען איינער
פון די ערשטע אידישע דאָקטוירים, וואָס האָבען געענדיגט זייער קורס
פון דער הויכער וויסענשאַפט אין פרייסען. מיט אט די צוויי לייט, זא־

מאשע און גאמפערץ האט זיך בעקענט דער יונגער מענדעלסאן, און פון זיי האט ער זיך דערוואוסט, אז אויסער דעם תלמוד איז פארהאן נאך א גאנץ גרויסע וועלט, וועלכע איז ווערט, אז מען זאל זיך מיט איהר בעקע־נען. זאמאשע האט אויך בעקאנט געמאכט מענדעלסאנ'ען מיט די פילא־זאפישע ספרים פון רמב"ם, וועלכער איז פאר איהם און דורך איהם געווארען אנ'אמת'ער „פיהרער פון די פערבלאנדזשעטע" („מורה נבוכים"). אזוי ארום איז דער רמב"ם געווארען דער לעהרער פון מענדעלסאן אין פי־לאזאפיע; זאמאשע האט מיט איהם געלערנט מאטעמאטיק און גאמ־פערץ—די שענע ליטעראטור. אבער ביי אלעם דעם איז אין דער ווירק־ליכקייט מענדעלסאן געווען פאר זיך אליין דער לעהרער און ערציהער. ער האט אויסגעארבייט אין זיך א פעסטען חאראקטער און האט צוגע־וואוינט זיך מתגבר צו זיין אויף זיינע לייךענשאפטען און זיין איינגע־האלטען אזוי, אז ער זאל געהארכען דעם פערשטאנד און נישט זיין פער־לאנג; נאך איידער ער האט געוואוסט, וואס איז חכמה, האט ער זיך שוין געוואוינט צו געהן אין איהרע דרכים און לעבען לויט איהרע געזעצען. אין דער הינזיכט איז אויך דער רמב"ם געווען זיין „פיהרער".

די שול פון עלענד, וועלכע ער האט דורכגעמאכט אין א משך פון פיעל יאהרען, האט נישט דערדריקט זיין גייסט, נאר דערהויבען איהם און פעראיידעלט. די דחקות האט ענדליך אויפגעהערט איהם צו פלאגען, ווען ער האט בעקומען א שטעלע פון א מלמד אינ'ם הויז פון א רייכען אידען יצחק בערנהארד. די שטעלע איז אפילו נישט געווען קיין גלענצענדע, אבער פאר מענדעלסאנ'ס קנאפע הצטרכות איז זי געווען גענוג. זיינע לעהר־יאהרען האט ער אבער נאך נישט געהאלטען פאר געענדיגט. אין איהם האט נאך געקאכט און געזאטען דאס אלטע און דאס נייע, די מסורה און די פרייע לאגיק. קלארהייט און בעוואוסטזיניגקייט האט איהם ערשט געזאלט ווערען געבראכט פון א אנדער זייט.

צו די גרויסע גייסטער, וועלכע עס האט ארויסגעגעבען דייטשלאנד אין אכצעהנטען יאהרהונדערט, האט געהערט גאטהאלד אפרים לעסינג. (וועלכער איז געווען מיט עטליכע חדשים עלטער פאר מענ־דעלסאנ'ען). דאס איז געווען דער ערשטער פרייער מאן אין דייטשלאנד, מעגליך נאך פרייער, ווי דער קעניגליכער העלד פרידרריך דער גרויסער. מיט זיין ריעזען־גרויסקייט האט לעסינג שפעטער אומגעווארפען אלע גרע־נעצען און געזעצען, וועלכע דער פערדארבענער געשמאק, די גרויסע בקיאות פערבונדען מיט גייסט־ארעמקייט, די גאוה'דיגע אמונה און אלער־ליי עקשנות'דיגער פאנאטיזם האבען געוואלט פערהייליגען און פעראייבי־גען. די בעפרייאונג, וועלכע לעסינג האט געבראכט פאר דייטשלאנד איז געווען פיעל טיפער און פעסטער, ווי די, וואס וואלטער האט דערוועקט אין דער פערדארבענער פראנצויזישער געזעלשאפט מיט זיין בייסענדער וויץ.— דאס איז געווען זעהר א וויכטיגער מאמענט אין דער געשיכטע

פון אידישען פאלק, וועןביידע יונגע לייט, מענדעלסאָן און לעסינג האָ-
בען זיך איינער מיט דעם אַנדערען בעקענט. מען זאָגט, אז א פערברע-
טער שאך־שפּילער, יצחק העס, האָט זיי צוזאמענגעפיהרט ביי׳ם שאך-
שפּיעל (1764). דאָס קעניגליכע שפּיעל האָט פעראייניגט צוויי מלכים אין
דער מלוכת פונ׳ם געדאנק. לעסינג, א זוהן פון א דייטשען גלח (פּאַסטאָר)
איז געווען א דעמאָקראַטישע נאַטור; ער האָט געזוכט גראָד די בעקאַנט-
שאַפט פון די פערשטויסענע און פעראַכטעטע אין דער עפענטליכער מיי-
נונג; ער האָט זיך נישט געשראָקען צו פיהרען בעקאַנטשאַפט מיט פער-
אַכטעטע אידען אין בערלין. זיין ערשטע דראמע האָט ער געווידמעט
דוקא דעם פעראַכטעטען פאלק, די אידען. מיט זיין דראַמע: „די אי-
דען“ האָט לעסינג געוואָלט דערוויזען, אז א איד קאָן זיין נישט איי-
גענוציג און איידעל. דאדורך אָבער האָט ער דערוועקט געגען זיך די אונ-
צופרידענהייט אין די געבילדעטע קריסטליכע קרייזען.

ווי נאָר לעסינג און מענדעלזאָהן האָבען זיך איינער מיט דעם אַנדערען
בעקענט, האָבען זיי געלערנט איינער דעם אַנדערען צו פערעהרען און
ליעבען. מענדעלסאָן האָט בעוואונדערט אין זיין קריסטליכען פריינד די גע-
שיקטקייט און פרייהייט און זיין בעציהונג צו מענשען, זיין מוט און זיין
פאלקסמע בילדונג, זיין גייסטרייכקייט און די קראַפט, מיט וועלכער ער
האָט געטראָגען אויף זיינע פּלייצעס א גאנצע נייע וועלט; לעסינג ווידער
האָט בעוואונדערט אין מענדעלסאָנ׳ען די ערהאַבענהייט פון געדאַנק, די
שטרעבונג צום אמת און די פעסטקייט פון חאַראַקטער, וועלכע שטיצט
זיך אויף א טיפער מאָראַליטעט. אין זיין אידישען פריינד האָט לעסינג
ערוואַרטעט צו דערזעהען א צווייטען שפּינאָזאַ, וועלכער וועט ווערען
א כבוד פאַר זיין פאָלק. לעסינג, וועלכער איז דאַמאָלס געווען נור
„שענגייסט“ (ווי מען פלעגט עס רופען), האָט געבראַכט מענדעלסאָנ׳ען
דעם פערשטאנד פאַר דער שענער פאָרם, פאַר דער פּאָעזיע אין דער
קונסט; מענדעלסאָן ווידער האָט ביי לעסינגען דערוועקט דעם פילאָזאָ-
פישען געדאַנק. אזוי ארום האָבען די צוויי נייע פריינד איינער דעם
אַנדערען געגעבען פיעל נוטס און ערהאַלטען איינער פון אַנדערען זעהר
פיעל. דורך לעסינגען איז מענדעלסאָן אריינגעפיהרט געוואָרען אין א נייעם
קרייז פון געבילדעטע קריסטען, וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט צו זיין
וועלטליכער און אַנגענעהמען שענע אומגאַנגס־פאָרמען, אַראָבוואַרפענדיג
פון זיך זיין שעמעוודיגקייט, וועלכע ער האָט מיט זיך געבראַכט פון דער
אידישער גהעטאָ. קודם כל האָט מענדעלסאָן אַנגעווענדעט אלע זיינע
כוחות און זיין גאנצע פלייסיגקייט צו בעקומען א שענע דייטשע שפּראַך
און אויסשפּראַכע—אַנ׳אויפגאבע, וועלכע איז פאַר איהם געווען זעהר
שווער, ווייל די דייטשע שפּראַך איז איהם געווען גאַנץ פרעמד, און די
ווערטער, וועלכע ער פלעגט געברויכען אין זיין אידישער שפּראַך, זענען
געווען פערעלטערט און פלעגען געברויכט ווערען נישט אין זייער איי-

געגטליכער בעדייטונג. קיין גוטען מוסטער פאר זיך האט ער אויך נישט געהאט, ווייל איידער ער האט זיך בעקענט מיט לעסינג'ן און איידער לעסינג האט מיט זיין רייכען גייסט בעפרוכטעט די דייטשע שפראך, איז זי געווען נאך נישט געטאקט, נישט ריהרעוודיג, שווער צום געברויך און נישט שעהן. מענדעלסאהן האט אבער מנצח געווען אלע שוועריגקייטען.

איידער עס איז נאך פארבייגעלאפען א יאהר זינט זיין בעקאנטשאפט מיט לעסינגען, האט שוין מענדעלסאהן געקאנט בעארבייטען זיינע „פילאזאפישע געשפרעכען" (אנפאנג 1755) אין א פרישער שענער שפראך—„געשפרעכען", אין וועלכע ער, דער איד, האט געמאכט פארוואורפען די דייטשען, פארוואס זיי זענען פרעמד פון טיפען אינהאלט פון אייגענעם גייסט און בויגען זיך אונטער'ן יאך פונ'ם פראנצויזישען געשמאק. דער איד איז געווען מעהר דייטש-געזינט, מעהר דייטשער פאטריאט, ווי דאס רוב דייטשען אין זיין צייט, מעהר אפילו פאר'ן פילאזאפישען קעניג אליין. זיינע „פילאזאפישע געשפרעכען" האט מענדעלסאהן איבערגעגעבען זיין פריינד מיט דער שפאס-בעמערקונג, אז ער איז אימשטאנד אויך עטוואס צו שרייבען, ווי דער ענגלישער שעפטסבורי. לעסינג האט אבער, אהן מענדעלסאנס וויסען, אבגעגעבען די „געשפרעכען" צום דרוקען; דערמיט האט ער איהם איינגעפלאכטען דאס ערשטע בלאט אין זיין קינפטיגען כבוד-קראנץ. א דאנק לעסינגס השתדלות צו שטיצען מענדעלסאנען, איז דער לעצטער באלד בעוואוסט געווארען אינ'ם קרייז פון דער בערלינער געלעהרטער וועלט. ביז יענער צייט איז בערלין געווען זעהר ארים אין ליטעראַרישע קרייזען, און, ווען דאמאלס האט זיך געעפענט דאס „געלעהרטע קאפע-הויז", האט מען איינגעלאדען אהין מענדעלסאנען פאר א מיטגליד. יעדער מיטגליד האט דארט געמוזט איינמאל אין פיער וואכען פארלעזען אויף אנ'אריגינעל בעארבייטע וויסענשאפטליכע טעמא. מענדעלסאהן אבער, וועלכער איז דערצו נאך געווען צו-שעמעוודיג און זיין אויסשפראך איז נאך אויך נישט געווען קיין גוטע, האט זיין ארבייט אריינגעגעבען שריפטליך. דאס איז געווען זיין: „בעטראכטונג איבער די וואהרשיינליכקייט", אין וועלכער מענדעלסאהן וויזט אן, אז צוליב די בעגרענצטע כחות, וואס דער מענש בעזיצט פון דער נאטור, מוז ער די וואהרשיינליכקייט אננעהמען פאר א ריינע וואהרהייט און געוויסהייט. נאך בשעת'ן לעזען האבען די בייוואהנענדע דערקענט, אז מענדעלסאהן איז דער מחבר פונ'ם „אויפזאץ" און די מבינים האבען איהם בעשאנקען מיט א ווארימען בייפאל (הסכמה און צופרידענהייט). אזוי ארום איז מענדעלסאהן געווארען א בירגער אין דער דייטשער ליטעראטור און האט אנגעהויבען אנטיילצונעהמען אין אלע ליטעראַרישע ערשיינונגען פון יענער צייט, דרוקענדיג זיינע ארבייטען אין דער „ביבליאטעק דער שענען וויסענשאפטען", וועלכע זיין פריינד ניקאלאי האט געהאט ארויסגעגעבען. מענדעלסאנס געשמאק האט זיך פערפיינערט מיט יעדען טאג מעהר און זיין שפראך איז געווארען שענער. זיין שילדערונג איז בע-

זונדערס אָנציהענד געווען צוליב דעם וואָס ער פלעגט זי פערפוצען מיט זיין פיינעם וויץ

דוקא דאָס, וואָס די אידישע וועלט האָט אין אַ משך פון טויזענד-יעה־ריגער ערנידריגונג געהאַט פערלוירען — די ריינע און שענע שפּראַך — האָט מענדעלסאָן פאַר איהר צוריק בעקומען אין דער קירצעסטער צייט. די אידישע וועלט האָט, אויסער דער קליינער אויסנאַהם פון די פּאָרטוגע־זישע און איטאַליענישע אידען, פערלוירען דעם בעסטען מיטעל פון גייסטי־גען לעבען — די ריינע שפּראַך, אנשטאַט וועלכער זי האָט זיך בעדינט מיט אַ צובראָכענעם קוידערוועליש. מענדעלסאָן האָט מיט אַ שווידער תמיד דערמאָנט דאָס דאָזיגע אידישע אונגליק. ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט, אַז די פערדאָרבענע אידישע שפּראַך האָט נישט ווייניג מיטגעבראַכט אויך „פערדאָרבענע זיטען ביים געמיינעם מענשען" און ער האָט אויך געהאָפט, אַז מיט'ן אויסבעסערען די שפּראַך וועט דאָס פאָלק אויך אויסבעסערען זיינע זיטען. די פערדאָרבענע שפּראַך האָט אָבער מיטגעבראַכט נאָך איין אַנדער פערדערבונג: די דייטשע און פּוילישע אידען האָבען, מיט אַ קליינער אויס־נאַהמע, פערלוירען דעם פערשטאַנד פון דער שענער פאָרם, דעם געשמאַק פון קינסטלערישער שענהייט און דעם עסטעטישען געפיהל. דער דרוק פון אויסענווייניג און די בעשווערונג פון אינעווייניג, וועלכע האָבען דערנידע־ריגט דאָס אידישע פאָלק צו אַן'אמת'ער קנעכטשאַפט, האָט ביי זיי אויך פערוויסטעט און צוגענומען אַט דעם אַדעלינגען געפיהל, ווי נאָך פיעל אַנ־דערע. אָבער אויך דאָס דאָזיגע גייסטיגע פערמעגען האָט מענדעלסאָן פאַר זיי צוריק בעקומען. ער האָט זיך אנגעאייגנעט אַזאַ פיינעם און בעוואונדע־רונגס־ווערטען פערשטאַנד פאַר דער שענהייט פון דער פאָרם, אַז ער איז שפּעטער אָנערקענט געוואָרען פאַר אַ ריכטער אין פראַגען וועגען געשמאַק. דאָס פערדרעהטע סיסטעם אין לערנען און ערציהונג האָט זינט דעם דריי־צעהנטען יאָהרהונדערט צוגענומען און טעמפּיג געמאַכט ביי אידען אויך דעם איינפאַכען קלאָרען פערשטאַנד. זיי האָבען זיך אַזוי שטאַרק צוגע־וואוינט צו המצאת'לעך, פּשטלעך, צו עטוואָס קונציגעס, פערדרעהטעס און געוויצעלטעס, אַז די איינפאַכע, נישט בעפוצטע וואַהרהייט איז ערשיינען אין זייערע אויגען קינדיש און לעכערליך. מענדעלסאָן, וועלכער האָט זיי געדאַרפט צוריקבריינגען זייער יוגענד, האָט זיך אַליין אין אַ קורצער צייט אַזוי שטאַרק איבערגעאַרבייט און ערצויגען, אַז יעדער פערדרעהטער גע־דאַנק, יעדעס פּשט'ל און אנגעשטרענגטער פּלפול איז איהם נמאס געוואָ־רען. צוגלייך מיט'ן פיינעם פערשטאַנד פאַר אַלץ, וואָס איז איינפאַך, שעהן און אמת, האָט זיך פאַר איהם געעפענט אויך דער טיפער קלאָרער זין פון תנ"ך, וואָס זיין גרונד־כאַראַקטער בעשטעהט טאַקי אין זיין איינפאַכקייט און אמת. דורך די געדיכטע שיכטען פון פירושים און פירושים צו פירו־שים, וועלכע האָבען זיך אנגעזאַמעלט און געלעגט ווי אַ באַרג אַש אויפ'ן ריינעם זין פון תנ"ך, איז מענדעלסאָן אריינגעדרונגען אין טיפען קערן און

איז געווען אימשטאנד אבצורייניגען די שענע בילדער פונ'ם שטויב, צו פערשטעהן דאס אלטע און פארצייטיגע אלס א נייע ענטפלעקונג און מא־כען עס אויך אזוי פערשטענדליך פאר אנדערע. אזוי ארום האט ער אין זיך פעראייניגט פיעל אייגענשאפטען, וועלכע די נאטור האט איהם געשאנקען און די, וועלכע ער האט מיט גרויסער מיה זיך ערווארבען, כדי צו בעשאפען א גליקליכען קאנטראסט פאר'ן יאמער־בילד, וואס עס האט דאמאלס פארגעשטעלט דאס דייטשע און פוילישע יודענטום. נור איין איינציגער זין האט מענדעלסאנען געפעהלט, און דער דאזיגער פעהלער איז געווארען זעהר שעדליך פאר דער נאהנטער צוקונפט פון יודענטום: עס האט איהם געפעהלט יעדער פערשטאנד פאר דער געשיכטע, פאר'ן טראגישען גאנג פון דער מענשהייט אינ'ם משך פון הונדערטער און טויזענדער יאהרען — א גאנג, וועלכער ערשיינט פון דער נאהענט קליינליך און נישטיג און אין דער ווייטקייט (פערספעקטיווע) — גרויסארטיג, אי קאמיש, אי טראגיש.

פון מענדעלסאנס אויגען און פון פנים האבען ביי איהם ארויסגעשיינט, אויב נישט אלע, טא לפחות א טייל פון זיינע גלענצענדע אייגענשאפטען, וועלכע האבען איהם צוגעצויגען אלע הערצער, וואס וועניגער ער האט וועגען דעם געטראכט. אפילו אין הויף פון פריעדריך דעם גרויסען האט מען אנגעהויבען צו קוקען מיט נייגיריגקייט אויפ'ן „דאזיגען אידען". דער אונערשראקענער לעסינג האט אויך מענדעלסאנען אריינגעגעבען אזוי פיעל מוט, אז ער האט זיך דערוואוינגען צו קריטיקירען אין א זשורנאל א פאעטיש ווערק פונ'ם קעניג און אנווייזען אין איהם פעהלערן (1760). דער „איד" מענדעלסאן האט זיך דערשפירט בעליידיגט פונ'ם האס, וואס דער דייטשער קעניג האט ארויסגעוויזען פאר'ן דייטשען גייסט, ווי אויך מיט זיין אבערפלעכליכער פילאזאפיע. ווייל אבער עס איז פערבאטען דעם קעניג צו זאגען די וואהרהייט, האט מענדעלסאן פערשטאנען אינ'ם גרויסען לויב, וואס ער האט דעם קעניגליכען ווערק געזאגט, אריינצופלעכטען אלע טענער פון אונצופרידענהייט מיט זיין שרייבען פראנצויזיש, אין וועלכען ער איז דוקא נישט קיין מייסטער, ווי אויך מיט זיין פילאזאפירען, וועלכע שטעהט נידריגער פאר דער נייער וויסענשאפט.

אין קעניגליכען הויף האט זיך דאמאלס געפונען א חונף, דער דרשן יוסטי, וועלכער האט איינגעזעהען די בייסענדע קריטיק געגען דעם קעניג און אנגעגעבען א מסירה אויף מענדעלסאנען, אז ער „אלס א איד, האט פערלוירען די עהרפורכט פאר דער הייליגער פערזאן פונ'ם קעניג אין זיין חוצפה'דיגען אורטייל איבער דעם קעניגס פאעזיע". מענדעלסאן האט פלוצלונג ערהאלטען א שטרענגען בעפעהל צו קומען אום שבת אין קעניגליכען פאלאץ סאנסוסי. דאס איז געווען ווי אנגעמאסטען לוים'ן דאמאלסדיגען גראבען כאראקטער פון דער צייט. פול שרעקען איז מענדעלסאן אבגעגאנגען קיין פאטסדאם אין קעניגליכען שלאס. וואו

מען האָט איהם אויסגעפּאַרשט, אויב ער איז עס דער מחבר פון'ם אַרטיקעל, וועלכער זאָגט זיך אַרויס מיט קנאַפּער עהרע (וועגען דעם קעניג'ס אַ ווערק). מענדעלסאָהן האָט מודה געווען, אַז די זאַך שטאַמט פון זיין פעדער און האָט זיך ענטשולדיגט מיט דער פיינער ערקלערונג: „ווער עס שרייבט שירים, איז גלייך צו איינעם, וואָס שפּיעלט עפענטליך מיט קוילען; ווער עס וואַרפט אָבער עפענטליך קוילען, מעג ער קעניג זיין. אָדער פּויער, מוז ער איינשטימען, דאָס דער קוילען־יונג זאָל זיך אַרויסזאָגען, צי ער וואַרפט גוט, צי שלעכט“. — ווי עס שיינט, האָט פריעדריך זיך געשעמט פאַר זיינע פראַנצויזישע הויפלייט צו בעשטראָפען דעם אידען פאַר זיין קריטיק, דען ער האָט מענדעלסאָהנען געלאָזען געהען אין פרידען.

דער דאָזיגער מאַן, וועלכער האָט אונבעוואוסט געטראָגען מיט זיך אַ נייע צוקונפט, האָט אויך געהאַט הצלחה; ער איז בעגליקט געוואָרען מיט עטליכע אמת'ע גוטע פריינד, וועלכע האָבען מיט פערגעניגען גרויס און בעריהמט געמאַכט זיין נאָמען; עס האָט איהם פערשאַפט, אויב אפילו אויך נישט אַ זעהר גלענצענדע, דאָך אַנ'אָבהענגיגע שטעלע, אי'ם בוכהאַלטער אינ'ם הויז, וואו ער האָט פריהער פערנומען די אָרימע שטעלען פון אַ מלמד; עס האָט איהם געגעבען אַ געטרייע, צערטליכע, כאָטש אויך איינפאַכע פרוי, וועלכע האָט איהם ליעב געהאַט און אָבגעהיט איהם, זאָרגענדיג פאַר איהם מיט איהר גאַנצער מעגליכקייט; דערצו האָט עס איהם אויך געבראַכט אַ גרויסען טריאומף. די בערלינער אַקאַדעמיע האָט דאַמאָלס געהאַט בעשטימט אַ פרעמיע פאַר אַ מאמר אויף דער טעמאַ: „אויב די פילאָזאָפישע (מעטאַפיזישע) וואהרהייטען קאָנען דערוויזען ווערען אויך אַזוי דייטליך, ווי די מאַטעמאַטישע טהעאָרעמען“. מענדעלסאָהן איז צוגעטראָטען אויסצואַרבייטען אַנ'ענטפער אויף דער פראַגע עטוואָס ערשראָקען. ער האָט נישט געהערט צו די פאַך־פילאָזאָפען און די דייטשע שפּראַך האָט ער געלערנט שרייבען און לעזען שוין זייענדיג אַ מענש אין יאָהרען. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין פריינד, דער געלעהרטער טהאָמאַש אַבאַט, אַרבייט אויך אויף דערזעלביגער טעמאַ, איז ער גאָר אָבהענגיג געוואָרען און געוואָלט זיך אָבזאָגען פון זיין אַרבייט. אַרויסגעוויזען האָט זיך אָבער, אַז מענדעלסאָהן האָט מנצח געווען נישט בלויז זיין פריינד אַבאַט, נאָר אַפילו אויך דעם גרויסען פילאָזאָף קאַנט (יוני 1763), וועלכען די אַקאַדעמיע האָט נור דערמאָנט מיט אַנערקענונג פאַר זיין אַרבייט, וועהרענד מענדעלסאָהן האָט בעקומען די אויסצייכנונג אין דעם פּריז פון פופציג דוקאַטען גאָלד. זיין אַרבייט האָט געהאַט גרויסע מעלות דורך איהר קלאָרקייט און פערשטענדליכקייט. „פון די ראָזען אין דער פילאָזאָפיע האָט ער די דערנער אָבגעטהון“, מאַכענדיג דעם שווערען פילאָזאָפישען ענין פערשטענדליך דורך זיין שעהנעם און פּאָפּולערען פאָרטראַג. קאַנט'ס אַרבייט איז געווען טיעפער פאָר

מענדעלסאָנ'ס, די אידישע ארבייט איז אָבער געווען שענער און לייכט־פערשטענדיגער, די אקאדעמיע האָט מענדעלסאָנ'ס ארבייט צוזאַמען מיט קאנט'ס געלאָזט באַלד אויף איהר חשבון איבערזעצען אין פראַנצויזיש און לאַטייניש און אָבדרוקען, און מענדעלסאָן איז דאָדורך אַ מפורסם געוואָרען אין דער וועלט. דאָס, וואָס ער איז אַ איד געווען, האָט נאָך מעהר פערגרעסערט זיין כבוד. אין דעמזעלביגען יאָהר (אָקטאָבער 1763) האָט מענדעלסאָן בעקומען אַנ'אויסצייכנונג פון פרייסישען קעניג פריעדריך דעם גרויסען — אַנ'אויסצייכנונג, וועלכע כאַראַקטעריזירט שאַרף די שפּל'דיגע לאַגע פון די פרייסישע אידען אין יענער צייט. דער קעניג האָט איהם געגעבען דאָס פּריווילעגיום פון אַ שוץ־יודען, דאָס הייסט: די פערזיכערונג, אַז מען וועט איהם פּלוצלונג נישט ארויסטרייבען פון בערלין. ביז יענער צייט האָט מענדעלסאָן געוואוינט אין בערלין נור אינ'ם זכות פון זיין בעל־הבית, ביי וועלכען ער האָט געהאַט אַ שטעלע. דער פילאָזאָפירענדער פרייסישער קעניג האָט אויך אַזוי, ווי מאַריא טערעזא, ארויסגעוויזען, ווי ווייניג מענשליך ער בעציהט זיך צו אידען, דורך זיין בעפעהל פון 17־טען אַפּריל 1750, וואָס זיין צוועק איז געווען צו פערהיטען, אַז עס זאָל נישט שטייגען די צאָהל פון די אידישע איינוואוינער אין פרייסען. דעם שוץ־בריעף, וואָס מענדעלסאָן האָט בעקומען, האָט דער קעניג איהם געגעבען אויך נישט לויט זיין אייגענער איניציאַטיווע, נאָר צוליעב דעם, וואָס איינער פונ'ם קעניג'ס הויף־לייט, דער פראַנצויז מאַרקיז ד'ארזשאַן, האָט זיך ארויסגעזאָגט, אַז ער קאָן נישט פערשטעהן, ווי אַזוי אַזאַ מענש, ווי מענדעלסאָן זאָל קאָנען ווערען ארויסגעטריבען פון בערלין דורכ'ן ערשטען בעסטען פּאָליציאַנט.

פיעל מעהר גליק האָט דער פילאָזאָפישער „שוציודע" פון בערלין געהאַט מיט אַ ספר, פאַר וועלכע[illegible] [illegible]מדיגע מענשען פון אלע קלאַסען האָבען ארויסגעוויזען אַ התפעלות'דיג בעוואונדערונג. אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר שפּעטער איז דער ספר שוין פערעלטערט געוואָרען, אָבער בשעת זיין ערשיינען איז זיין בעדייטונג זעהר גרויס געווען, ווייל מענדעלסאָן האָט צוגעטראָפען דעם מאָמענט און ארויסגעזאָגט דאָס נויטיגע וואָרט. ווען מען האָט עס געברויכט. דאָדורך איז ער געוואָרען איינער פון די וויכטיגסטע מענשען פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט. כמעט זעכציגסטען הונדערט יאָהר האָט דאָס קריסטענטום ערצויגען און געלערנט די אייראָפּעאישע פעלקער און געשטאַפּט זיי מיט די אמונות אין נסים און איבערנאַטירליכע זאַכען. אַלערליי מיטלען האָט עס דערצו אָנגעווענדעט — די קונסט, די ליטעראַטור, די איבערעדונג, די צווינגונג און אפילו אויך אין די רמאות און לסוף, ווען די ערוואַכטע דענקער האָבען, בעפרייענדיג זיך פון די וויעג־ליעדער, געשטעלט די פראַגע, וואו נעהמט מען די געוויסהייט, אַז אלע הבטחות וועגען די גרויסע ישועות און נחמות, צו וועלכע די מאמינים וועלען זוכה זיין אין עולם־הבא, וועלען באמת

סקוים ווערען, האָבען די ערנסטע אייראָפּעער געמוזט אנערקענען מיט וועהטאָג אין הארצען, אַז מען האָט זיי געשפּייזט מיט פאַנטאַזיען־בילדער, איינשטועסענדיג זיי, אַז דאָס איז די ריינע וואהרהייט; די אָבשפּאַטער האָבען דעמזעלביגען געדאנק ארויסגעזאָגט מיט א בייסענדער סאַטירע.

ערנסט אָדער סטאַריש האָבען די פראַנצויזישע דענקער פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט — וואָלטער, דידרא, האָהלבאַך און אַנדערע — צוגענומען ביי דער וועלט איהר אַלטען גאָט און פונ'ם פריהערדיגען הימעל האָבען זיי איבערגעלאָזען אַ רויך. די אמונה, וועלכע איז ביז יענער צייט געווען אַ טרייסט פאַר די פעלקער און האָט אַלעמען אויסגעוויזען צו זיין מויערפעסט, איז דורך זיי צושלאָגען געוואָרען אין ווינט. דער קריסטליכער גלויבען איז געוואָרען פאַר זיי אַ קינער־מעשה'לע; צוזאַמען דערביי האָט מען אָבער אבגעלייקענט אין א גאָט בכלל און אויך געוואָרפען אַ ספק אין דער אמונה, אַז דעם מענשענס נשמה איז אונשטערבליך. פון דער דאָזיגער אמונה איז אָבער אין יענער צייט אָבהענגיג געווען נישט בלויז די רוהיגקייט פונ'ם מענשען וועגען זיין צוקונפט, נור אויך די פּאָליטישע מאָראַל. מען האָט זיך געשטעלט די פראַגע: אויב דער דענקענדער טייל פון מענשען, די נשמה, פערשווינדעט צוגלייך מיט'ן טויט פון זיין קערפּער און נאָכ'ן מענשענס טויט בלייבט פון איהם אבסאָליוט גאָר נישט איבער, טאָ וואָס פאַר א זין האָט עס צו ליידען און קעמפּפען פאַר דער וואהרהייט, פאַר דער מדינה־אָרדנונג, פאַר'ן גליק פינ'ם חבר א. א. וו.? קיין געצאָהלט פאַר צדקות און קיין שטראָף פאַר רשעות איז דאָך דייווי־סיי נישטאָ! — אַזוי אַרום איז דער ציוויליזירטער טייל פון דער מענשהייט, נאָך אַ לאַנגען חלום פון פיעל הונדערטער יאָהרען, צוריקגעקומען צום טרויעריגען מאָראַלישען, אָדער אונמאָראַלישען צושטאַנד, אין וועלכען די רוימישע געזעלשאַפט האָט זיך געפונען אין דער צייט פון די רוימישע קיסרים: ער איז געבליבען אָהן אַ גאָט, אָהן אַ שטיצונגס־פונקט און דערוועקונגס־מאָטיוו פאַר אַ בעסערען, מעהר מאָראַלישען לעבען.

אויך מענדעלסאָן האָט זיך מצטער געווען איבער'ן געדאנק, וואָס דעם מענשענ'ס כבוד, זיין ערהאַבענע בעדייטונג ווערט זעהר ערנידעריגט דאדורך, וואָס מען פערלירט דעם גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה. דעריבער האָט ער אונטערגענומען די אויפגאַבע אבצוגעבען צוריק די געבילדעטע מענשען דאָס גייסטיג פערמעגען, וואָס זיי האָבען פערלוירען, צו ענטדעקען ווידער, אין א געוויסער מאָס, די פערלוירען געגאַנגענע וואהרהייט און אויפצושטעלען איהר אַזוי קלאָר און פעסט אָבוואַרפענדיג אינגאַנצען אַלע אָנפאַלען אויף איהר, אַז דער שטאַרבענדער זאָל קאָנען מיט א רוהיגען געמיט קוקען אויף דער צוקונפט, וואָס ערוואַרטעט איהם אויף יענער וועלט און זאָל קאָנען האָפען אויף גאָט'ס גנאָד. און צו אָט דעם צוועק האָט ער מחבר געווען זיין דיאַלאָג (געשפּרעך): „פעדאָן, אדער די אונשטערבליכ־

קייט פון דער נשמה". דאָס האָט געדאַרפט זיין א פאָלקס-בוך, א תורה פון ישועה און נחמה פאַר דער נישט-גלויבענדער און צווייפלענדער וועלט. זיין „דיאַלאָג" האָט מענדעלסאָן געשריבען אין אַן'אַנציהענדער און פּאָפּולערער שפּראַך, לויט'ן מוסטער פון גריכישען פילאָזאָף פּלאַטאָנס דיאַלאָג מיט'ן זעלביגען נאָמען. אָבער נור די פאָרם האָט מענדעלסאָן גענומען ביי פּלאַטאָן, אָבער נישט זיין אינהאַלט. דען פּלאַטאָנס פילאָזאָפיע איז שוין דאַמאָלס געווען פעראַלטערט, און מענדעלסאָן האָט זיך אויך אַזוי ווייניג געקאָנט געברויכען, ווי זיינע פאַנטאַזיען וועגען א שענערער בליהענדער ערד, וואוהין עס פליהען אוועק די נשמות, נאָכדעם ווי זיי שיידען זיך פון גוף.

מענדעלסאָנס אויסגאַנגס-פונקט און זיינע בעווייזען, אַז די נשמה איז אונשטערבליך, איז געווען די אמונה, אַז עס איז פאַרהאַן א גאָט — אַנ'אמונה, וועלכע איז פאַר מענדעלסאָנ'ען געווען העכער איבער אלע ספקות. די נשמה האָט גאָט בעשאַפען אויך אַזוי, ווי דעם גוף; דער לעצטער אָבער ווערט דאָך אייגענטליך נישט אינגאַנצען צו נישט נאָכ'ן מענשענס טויט, פיעלמעהר ווערט ער צופאַלען אויף פערשידענע כעמישע עלעמענטען, וועלכע עקזיסטירען דאָך ווייטער אויך. א פשיטא שוין די נשמה, וועלכע איז גאַנץ איינפאַך, לויט איהר כאַראַקטער, קאָן דאָך געוויס נישט פערשווינדען אינגאַנצען און ווערען צו-נישט. „אויב אונזער נשמה וואָלט געווען שטערבליך — שרייבט מענדעלסאָן — וואָלט דעם מענשענס פערשטאַנד געווען בלויז א פוסטער און וויסטער חלום, וועלכען גאָט האָט אונז צוגעשיקט, כדי אָבצונאַרען אונז, און מיר אליין וואָלטען געווען נישט בעסער פאַר די בהמות, וועלכע האָבען נור איין ציעל — צו זוכען פאַר זיך פאַשע און צו שטאַרבען". יעדער געדאַנק, וועלכער לעבט אינ'ם מענשען און איז זיין נשמה, מוז דעריבער אויך עקזיסטירען אין דער ווירקליכקייט און זיין וואָהר.

מיט זיין דאָזיגען ספר האָט מענדעלסאָן דערגרייכט נאָך מעהר, ווי ער האָט פערלאַנגט. זיין כונה איז געווען און ער האָט געפאָדערט צו אנטוויקלען אינ'ם מענשען „די ריינע איבערצייגונג און די וואַרימקייט פון געפיהל" פאַר דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה. דער „פעדאָן" איז געוואָרען דאָס אַממעהרסטענס געלעזענעם בוך פון זיין צייט, און מען האָט איהם געלעזען מיט האַרץ און פערשטאַנד. מען האָט איהם באַלד איבערזעצט אין אלע אייראָפּעאישע שפּראַכען, פערשטעהט זיך, אויך אין העברעאיש. טהעאָלאָגען, פילאָזאָפען, קינסטלער, דיכטער (הערדער, גליים און דער נאָך יונגער געטהע), מלוכה-לייט און פירשטען, פרויען, ווי מאַנס-לייט, האָבען אין איהם געפונען א מוסר-השכל און פערשטאַרקט דורך איהם זייער געפאַלענעם רעליגיעזען גייסט; זיי האָבען דעריבער געדאַנקט מיט א התלהבות, וועלכע וואָלט אין אונזער צייט פאַרגעקומען לעכערליך, דעם אידישען פילאָזאָף, וועלכער האָט זיי געבראַכט א טרייסט, וואָס זיי

האָבען מעחר נישט געקאָנט געפינען אין קריסטליכען גלויבען. די גייע אויסלייזונג און ישועה, וואָס דער איד מענדעלסאָן האָט געבראַכט דער וועלט איז בעגריסט געוואָרען אויך מיט אַזאַ שמחה דורך די געצענדינעריש געוואָרענע וועלט, ווי די פריהערדיגע געצענדינער האָבען אויפגענומען די גייע לעהרע פון קריסטוס און פון'ם אפּאָסטאָל שאול, אדער פּאָול פון טאַרסוס. פון אַלע זייטען האָט מען דעם אידישען עניו אָנגעהויבען שיקען דאַנק־בריעף. דער הערצאָג פון ברוינשווייג האָט ערנסט געטראַכט וועגען דעם, צו בעקומען מענדעלסאָנען פאַר אַ בירגער אין זיין מדינה; דער פירשט פון ליפּע־שוימבורג האָט איהם בעהאַנדעלט, ווי זיינעם אַ פריינד. די בערלינער אַקאַדעמיע פון וויסענשאַפט האָט פאָרגעלעגט, אַז מען זאָל איהם אַריינעהמען אין איהר פאַר אַ מיטגליד; דער קעניג פריעדריך האָט אָבער אויסגעשטראָכען זיין נאָמען פון דער קאַנדידאַטענליסטע. צוויי בענעדיקטינער מאָנאַכען האָבען זיך געווענדעט צום אידען מענדעלסאָן מיט אַ ביטע, אַז ער זאָל געבען אַ'ענטפער אויף זייערע ספקות אין אמונה־פראַגען און אַן'עצה, ווי אַזוי צו פיהרען אַ לעבען פון אמת־פרומע און קלוגע (פילאָזאָפישע) לייט.

אפילו אויך אַ פערדריסליכע געשיכטע, וואָס איז מיט מענדעלסאָנען פאָרגעקומען, האָט מיטגעווירקט צו דערהויבען איהם אין די אויגען פון די מענשען פון זיין צייט און בעחנ'ען איהם מיט אַ קרוין פון אַ מענשען, וואָס ליידעט פאַר זיין רעליגיאָן. אַן'עוואַנגעלישער גלח פון ציריך, יאָהאַן קאַספּער לאַפאַטער, האַלב אַ פאַנטאַזיאָר און האַלב אַ צבוי'אַק און אַ אינטריגאַן, וועלכער איז שפּעטער אַריינגעטראָטען אין אַ בונד מיט די יעזואיטען, האָט אין מענדעלסאָנס גייסטפולען קאָפּ און געזיכט געוואָלט געפינען אַ בעוויין אויף זיין פאַלשער קונסט, צו דערקענען נאָכ'ן פּנים דעם כאַראַקטער און די פעהיגקייט פון דער נשמה („חכמת הפרצוף — פיזאָנאָמיק). נאָכדעם ווי מענדעלסאָן האָט זיין פעדאָן געלאָזט ריידען, ווי אַן'עכטער פאַרשטעהער פון די פאַרצייטיגע גריכישע פילאָזאָפען, און מען האָט אינ'ם מחבר בשום אופן נישט געקאָנט דערקענען, אַז ער זאָל זיין אַ איד, איז לאַפאַטער געקומען אויפ'ן משונה'דיגען איינפאַל, אַז מענדעלסאָן איז אינגאַנצען פערפרעמדעט פון זיין אידישער רעליגיאָן. בעזונדערס האָט זיך לאַפאַטער פערשטאַרקט אין דער האַזיגער מיינונג נאָך אַ געשפּרעך, וועלכען ער האָט געהאַט מיט מענדעלסאָנען געגען מענדעלסאָנ'ס ווילען, און מענדעלסאָן האָט רוהיג און געלאַסען גערעדט וועגין קריסטוס'ן, אין אַ געוויסער מאָס אָנערקענענדיג די גוטע זייט פון עוואַנגעליום, האָטש ער האָט דערביי בפירוש ערקלערט „ווען ער וואָלט נור געוואָלט זיין בלויז אַ גוטער מענש". לאַפאַטער האָט אָנגענומען מענדעלסאָנ'ס פריינדליכע בעציהונג צום קריסטענטום פאַר אַן'אָנפאַנג צו זיין איבערגאַנג צום „גלויבען פון דער ליעבע און גנאָד" און ער האָט געטראַכט: ווען אָט דער עכטער מוסטער פון דער

פילאָזאָפיע וואָלט נור געקאָנט אריינגעבראַכט ווערען אין קריסטענטום, נאָכדעם ווי ער איז גלייכגילטיג געוואָרען פאַר'ן יודענטום! — און לאַפאַטער האָט אויסגעשטעלט א נעץ פאַר מענדעלסאָנ'ען, צי בתמימות, צי מיט א ביטרער כונה — איין זאַך האָט לאַפאַטער זיכער דערוויזען: ער האָט לגמרי נישט געקענט און פערשטאַנען מענדעלסאָנען — א געוועזענער פראָפעסאָר קאָספּאַר באָנעט האָט דאַמאָלס געהאַט געשריבען א בוך אויף פראַנצויזיש, כדי צו פערטיידיגען דאָס קריסטענטום געגען זיינע כופרים. לאַפאַטער האָט דאָס בוך איבערזעצט אין דייטש און צוגעגעבען צום אָנפאַנג פון זיין איבערזעצונג א געשמאַקלאָזע ווידמונג פאַר מענדעלסאָנען, וועלכע איז מעהר עהנליך געווען צו אַן'אויסגעשטעלטער נעץ (סעפּטעמבער 1769). ער האָט איהם דערביי פייערליך בעשוואָרען, אז ער זאָל סותר זיין באָנעט'ס בעווייזען פאַר'ן קריסטענטום, אויב ער וועט זיי געפינען אונריכטיג, אָדער אויב ער וועט זיי געפינען ריכטיג, צו טהון דאָס, „וואָס די עהרליכקייט, די קלוגשאַפט און די ליעבע צום אמת בעפעהלט, דאָס וואָס א סאָקראַטעס וואָלט געהאַט געטהון, ווען ער וואָלט באָנעט'ס בוך געלעזען און געפונען, אז זיינע בעווייזען זענען ריכטיגע". — מען קאָן נישט זאָגען, אז לאַפאַטער האָט דוקא געוואָלט שטעלען מענדעלסאָנ'ען אין א שווערע לאַגע, פיעל מעהר קאָן מען גלויבען, אז ער האָט בלויז געוואָלט אויפהויבען א טומעל, דערביי האָט ער אינגאַנצען נישט בעמערקט, ווי שווער ער איז אַנגעטראָטען דעם אידישען פילאָזאָף.

נאָך אַלעם האָט מענדעלסאָן געמעגט זאָגען א דאַנק לאַפאַטער'ן דערפאַר, וואָס ער האָט, דורך זיינע חסידות מיט איהרע ביטרע איינפאַלען, אָדער דורך זיין טפשות און אונבעדאַכטקייט, אַרויסגעריסען איהם פון זיין איבערטריבענער צניעות און בישנות. מענדעלסאָן האָט ביז יעצער צייט זיך אָבגעהאַלטען פון ערקלערען עפענטליך זיין בעציהונג צום יודענטום און ער האָט זיך אַזוי געקאָנט אָבלעבען זיין גאַנצען לעבען, נאָר נישט בעמערקענדיג, ווי די זייטיגע מענשען מיינען, אז ער האָט זיך באמת אָבגעווענדעט פון יודענטום. די קריסטען האָבען געזעהען אין איהם א שעהן־גייסט און א פילאָזאָף, א דענקער, וואָס רעדט און שרייבט נור וועגען מענשענליעבע און קעמפּפט פאַר א שענעם געשמאַק, און מחוץ דערביי גאַנץ וועניג פאַר זיין אייגען פאָלק. אין דער אידישער פערחושבטער גהעטאָ דאַגעגען איז ער געווען א כשר'ער איד, וואָס איז מדקדק אין מצוות און מנהגים און טראַכט גאָר נישט וועגען די געזעצען פון שעהנהייט און גוטען געשמאַק. מענדעלסאָן האָט אַלזאָ געמוזט ערשיינען פאַר די, וואָס האָבען איהם נישט גענוג גוט געקענט, פאַר א פאַלשען מענשען — א פריי־דענקער צווישען קריסטען און א פרומער מאַן צווישען אידען. לאַפאַטער מיט זיין געשמאַקלאָזער צודרינגליכקייט האָט איהם געצוואונגען אַרויסצוגעהן פון זיין נדר און ערקלערען עפענטליך זיין בעציהונג צום קריסטענטום און צום יודענטום. שווייגען האָט ער שוין

מעהר נישט געטאָרט נאָכדעם, ווי מען האָט איהם עפענטליך פראָוואָ־צירט. אויב ער וואָלט געשוויגען, וואָלטען פיעל געמיינט, אַז ער איז אין גרונד איינשטימיג מיט לאַפאַטער'ן, נור ער איז אַ מענש מיט אַ שוואַכען כאַראַקטער. אויך זיינע פריינד האָבען איהם שטאַרק געבעטען, אַז ער זאָל אָננעהמען דעם קאַמף אויף וועלכען לאַפאַטער האָט איהם אַרויסגערו־פען—מענדעלסאָן איז אַלזאָ אַרויסגעטראָטען אין קאַמף, וועלכען מען האָט איהם אויפגעדרונגען, און האָט איהם געפיהרט מיט גרויסער געשיקטקייט, אַרויסגעהענדיג פון איהם ענדליך אַלס מנצח. אין דער מילדעסטער פאָרם האָט ער אין אַנ'עפענטליכען בריעף (סוף יאהר 1769) צו לאַפאַטער אַרויס־געזאָגט דעם ביטערן אמת איהם און דעם קריסטענטום, וואָס אין זיין נאָמען האָט לאַפאַטער גערעדט — ווערטער, פאַר וועלכע מען וואָלט אין די פריהערדיגע צייטען געווים דערטרינקען אין בלוט, אָדער דער־שטיקען אין פלאַמען פייער. זיין אידישע רעליגיאָן — שרייבט מענ־דעלסאָן — האָט ער נאָך פון דער יוגענד אָן גרינדליך אונטערזוכט און געפונען, אַז זי איז די ריכטיגע. די פילאָזאָפיע און די שטרעבונג צו דער שענער קונסט און ליטעראַטור זענען פאַר איהם געוועזען נישט קיין צוועק, נור אַ מיטעל, ווי אַזוי פאַרצובערייטען זיך אונטערצוזוכען קריטיש דאָס יודענטום. אויב זיין קריטישע בעטראַכטונג וואָלט איהם דערוויזען, אַז די אידישע רעליגיאָן איז נישט קיין ריכטיגע, טאָ וואָס וואָלט איהם אָבגעהאַלטען צו פערלאָזען אַ רעליגיאָן, וועלכע איז אַזוי שטרענג און דאָך אַזוי פעראַכטעט אין אייראָפּאַ? קיין מאַטעריעלער נוצען געווים נישט. „אָה, מיין געעהרטער פריינד! די בעדינגונגען, אין וועלכע עס לעבען מיינע רעליגיאָנס־בריהדער, זענען אַזוי ווייט פון דער מעגליכקייט פאַר זיי, צו קאָנען אויסנוצען פאָלקאָמען די גייסטיגע קרעפטען, אַז עס וועט זיך מיט זיי געווים נישט פרעהען, דער וואָס האָט זיך בעקענט מיט די רעכט, וועלכע קומען דעם מענשען, לויט דער נאַטור. ווער עס פערשטעהט אונז, ווי געהעריג איז, אויב ער האָט נאָר אַ פיהלענד מענשען־האַ־ץ, וועט אין דעם הינזיכט אַליין פיהלען מעהר, וויפיעל עס איז מיר מעגליך אַרויסצוזאָגען.— „פיעלייכט וואָלט מיך אָבגעהאַלטען פון שיידען זיך מיט מיין רעליגיאָן די מורא פאַר מיינע רעליגיאָנס־ברידער? — אָבער דאָס יודענטום איז דאָך שוואַך אין לעבען און עס פערמאָגט נישט צו בע־שטראָפען די, וועלכע פערלאָזען עס. איך וועל עס נישט אָבלייקענען, אַז איך האָב אין מיין רעליגיאָן געפונען צוגאָבען, וואָס מענשען האָבען גע־מאַכט, ווי אויך שלעכטע מנהגים, וועלכע פערפינסטערען איהר גלאַנץ און ווערט — אַזעלכע זאַכען קומען דאָך פאַר מיט יעדער רעליגיאָן אינ'ם משך פון הונדערטער יאָהרען. — אָבער אין דער ריכטיגקייט פון די הויפט־פרינציפען פון מיין רעליגיאָן בין איך אַזוי פעסט און זיכער איי־בערצייגט, אַז איך ערקלער עס פאַר גאָט, דאָס איך וועל די דאָזיגע פרינציפען בלייבען געטריי, כל זמן מיין גאַנצע נשמה וועט נישט אָנ־

נעהמען אנ'אנדער נאטור". „צום קריסטענטום איז ער איצט אויך נישט גוטה, ווי פריהער, ווייל ער קאן נישט אננעהמען זיינע פרינציפען. די פעראכטונג, וואס די קריסטען האבען צו די אידען, וואלט ער געוואלט מאכען פערשווינדען דורך מעשים טובים, אבער נישט דורך פאלעמיק". — דערביי האט דער „דייטשער סאקראטעס, וועלכער האט געהאט א נשמה, טיעף דורבגעדרונגען מיט דער געטליכער וואהרהייט", ארויסגעזאגט גאנץ דייטליך, אז ער וועט פעסט האלטען ביי דער פעראכטעטער אידישער רעליגיאן, דאגעגען דאס קריסטענטום אנערקענט ער פאר א פעהלער; צוליעב געוויסע גרונדען פיהלט ער אבער זיך נישט בעשטימט צו בעווייזען, אין וואס דאס בעשטעהט.

מענדעלסאנ'ס בריעף צו לאפאטערן האט, נאטירליך, געמאכט א שטארקען רושם. אויב מענדעלסאן האט שוין אהן דעם אויך געהע"ט צוליעב זיין „פעדאן" צו די בעסטע דייטשע שריפטשטעלער, איז נאך איצט צוגעקומען דער אומשטאנד, וואס די שטרייט-פראגע מיט לאפאטער האט געהאט א גרויסען אינטערעס פאר דער געגענווארט. דער קרוין-פרינץ פון ברוינשווייג האט איהם ארויסגעזאגט זיין בעוואונדערונג (1770) דערמיט, וואס מענדעלסאן האט אויף אזא שווערע פראגע געענטפערט מיט אזוי פיעל טאקט און א הויכער מדרגה פון מענשען-ליעבע. באנעט אליין, וואס צוליעב זיין ווערק האט זיך דער קאמף אנגעהויבען, האט געגעבען מענדעלסאנ'ען גערעכט און זיך געקלאגט אויף לאפאטער'ס נישט-פאסיגען און אונקלוגען ארויסטריט. לאפאטער איז געוועזען געצוואונגען, צו בעטען מחילה ביי מענדעלסאנען אין אנ'עפענטליכען בריעף, געשריבען אין א זים-זויערן טאן. —

משה מענדעלסאן האט אבער נישט געוואלט דורכלאזען דעם גינסטיגען מאמענט צו דערהויבען דעם כבוד פון יודענטום, וועלכען די קריסטען פעראכטען אזוי שטארק, אדער, לפחות, קלאר צו מאכען אז דאס יודענטום שטעהט כלל נישט אין א וועלכער עס איז סתירה מיט געזונדען פערשטאנד. דאגעגען האט ער אנגעוויזען, וואס פאר א טיעפער תהום עס ליגט צווישען דעם קריסטענטום און דעם פערשטאנד, וועגען דעם דאזיגען ענין האט מענדעלסאן זיך פריי ארויסגעזאגט אויך פאר'ן קרוינפרינץ פון ברוינשווייג. „געלויבט איז גאט — שרייבט מענדעלסאן — וואס האט אונז געגעבען אנ'אמתע תורה. מיר האבען נישט קיין רעליגיאנס-פרינציפען, וואס זאלען זיין געגען דעם שכל, אדער שטעהן העכער פאר איהם. מיר לעגען נישט צו קיין זאך צו דער נאטירליכער רעליגיאן; אלע כללים און פרינציפען זענען געגרינדעט אויפ'ן ריינעם פערשטאנד און אט דאס איז אונזער כבוד און שענהייט. אלע ספרים פון אונזערע חכמים זענען פול מיט'ן דאזיגען געדאנק". —

אלע יענע דאמאלסדיגע קריסטען, וועלכע האבען זיך נישט אבגעזאגט פון ריינעם פערשטאנד, האבען געגעבען מענדעלסאנ'ען גערעכט און

האבען געקוקט מיט פערוואונדערונג, ווי דאס פון אלעמען פעראכטעטע יודענטום שטעהט פיעל העכער פאר'ן ארטאדאקסישען קריסטענטום, וועלכען אלע דערהויבען אזוי שטארק. לאפאטערס אונגליקליכער פארשלאג און מענדעלסאנס ענטשיידענער ענטפער, וועלכער איז אויך אזוי פיין, ווי דרייסט, זענען געווארען א לאנגע צייט א טעמא פאר'ן געשפרעך אין די געבילדעטע קרייזען אין דייטשלאנד און אויך ווייט איבער איהרע גרענעצען. פון ציריך קיין בערלין אהין און צוריק זענען געפלויגען אנעקדאטען, מען האט גערעדט וועגען מענדעלסאנס-לאפאטערס מלחמה, ווי וועגען דער זיבעניעהריגער מלחמה. יעדער יאריד האט מיטגעבראכט נייע בלעטער אין דייטש און פראנצויזיש, וועלכע האבען געהאט אבער א גאנץ קליינעם ווערט. מען האט דערצעהלט, אז לאפאטער האט געזאגט וועגען זיך, אז ווען ער וואלט נור געקאנט צוברענגען עלף טאג נאכאנאנד אין תפלה און מעשים-טובים, וואלט ער געוויס געמאכט מענדעלסאנען פאר א קריסט. ווען מען האט דעם אנעקדאט איבערגעגעבען מענדעלסאן, זאל ער האבען געענטפערט: „אויב איך וועל קאנען דאס טהון, זיצענדיג אויף מיין פילאזאפישען שטוהל און רויכערנדיג א ציגאר, וועל איך עס טהון". די אלע פליהענדע בלעטער, וועלכע האבען צופויקט דעם ענין, האבען זעהר ווייניג גוטס גערעדט וועגען מענדעלסאנען, על פי רוב האבען זיי זיך פערנומען מיט'ן פערטיידיגען דאס קריסטענטום געגען דער „אידישער חוצפה" פון מענדעלסאנען, וועלכער האלט עס פאר אן אונכבוד פאר זיך צו שמד'ן זיך. — ביי דער דאזיגער געלעגענהייט האט א געוויסער יאאן באלטהאזאר קעלבעלע — א נאגיגער מענש און אנ'עלענדער שריפטשטעלער — בעגאסען מיט גיפט און גאל מענדעלסאנען, די אידען, די רבנים און דאס יודענטום, און געשאטען מיט אזעלכע געמיינע זלזולים, אז ער האט דאדורך גופא אבגעשוואכט די ווירקונג פון זיינע אנפאלען. זיין גאנצע גאל האט ער אויסגעגאסען אין א בריעף „צום העררן מענדעלסן וועגען דער לאפאטער'שען און קעלבעלישען אנגעלעגענהייט" (מערץ 1770). מענדעלסאנס ריינער, אונאייגענוציגער כאראקטער איז געווען בעקאנט, קאן מען זאגען, אין דער גאנצער געבילדעטער אייראפעאישער וועלט. פונדעסטוועגען האט קעלבעלע איהם אינסינואירט (פארגעווארפען), אז ער האלט זיך ביי'ם יודענטום, נאר צוליעב דעם, וואס זיינע מאטעריעלע אינטערעסען פאדערען דאס, ווייל „מען האט מעהר הכנסה פון בוכהאלטעריע אין א אידישער קאנטאר, איידער זייענדיג א קריסטליכער פראפעסאר, און אפילו אין די פאדער-שטופען פון די פירשטען גיעט מען אב מעהר כבוד דעם ערשטען, איידער דעם לעצטען". אויף מענדעלסאנ'ס פערזיכערונג, אז ער וועט כל ימיו בלייבען א איד, האט דער דאזיגער טפש געענטפערט: „וואס פאר א בעדייטונג קאן האבען די אידישע שבועה אין די אויגען פון א קריסט!" מענדעלסאן האט איהם אבער אבגעפארטיגט אין א פאר קורצע ווערטער אין א בריף

צו לאַפּאַטערן. אויך פון די הויגע אנפאלען האָט מענדעלסאָן געהאַט נוצען, דען די אַנשטענדיגע שריפטשטעלער האָבען איהם געלאָזט צורוה, נישט וועלענדיג שטעהן אויף איין ברעטעל מיט אַ קעלבעלען. מענדעלסאָן האָט געהאַט אַ פאָלקאָמען נצחון; ער האָט פיעל געוואונען אין דער עפענטליכער מיינונג דורך זיין ענערגישען און געלונגענעם ארויסטריט פאַר זיין רעליגיאָן.

אָבער מצד די פרומע אידען איז איהם צוליעב דעם אויך אויסגעקומען צו פיהרען אַ קאַמף. ליעבענדיג דעם אמת, האָט מענדעלסאָן געשריבען אין זיין עפענטליכען בריעף צו לאַפאַטערן, „אז ער האָט אין יודענטום געפונען מענשליכע צוגאָבען און שלעכטע מנהגים, וועלכע פער׳חושכ׳ן זיין ליכטיגקייט“. דאָס האָט שטאַרק בעליידיגט אלע יענע אידען, וועלכע זעהען אַ הייליגע זאַך אויך אין פרעמדע מנהגים, וואָס זענען אין יודענטום אריינגענומען און פערהייליגט געוואָרען מיט דער צייט. ווי עס שיינט, איז עס געוועזען דער דאַמאָלסדיגער בערלינער רב רבי הירשעל לעווין, וועלכער האָט איהם וועגען דעם געשטעלט פאַר אַ גענויער אויספאָרשונג. ווי עס שיינט, איז מענדעלסאָנ׳ס ענטפער געפעלען געוואָרען דעם רב, וועלכער איז, איבריגענס, נישט געוועזען קיין פאַנאַטיקער, און מען האָט איהם געלאָזט צורוה. נישט אזוי לייכט האָבען די זאַך אויפגענומען די פאַנאַטיקער, וועלכע מענדעלסאָן האָט געהאַט אָנגערופען די „קעלבעלעך צווישען אונזערע אידען“. די דאָזיגע לייט האָבען פון דאַמאָלס אָן געוואָרפען אַ חשד אויף מענדעלסאָנ׳ס פרומקייט.

באלד האָט זיך פאָרגעשטעלט די געלעגענהייט, צו פערשטאַרקען דעם דאָזיגען חשד. דער הערצאָג פון מעקלענבורג־שווערין האָט פערבאָטען די אידען מקבר צו זיין די מתים תיכף נאָך יציאת נשמה (אפריל 1772). קיין שלעכטע כונה האָט ער דערביי כלל נישט געהאַט, ער האָט פשוט געוואָלט פערהיטען פון אַ טרויעריגען פאַל, ווען מען איז מקבר אַ מת, וועלכער ליגט אין דער ווירקליכקייט בלויז אין טיפער חלשות. דער דאָזיגער בעפעהל איז אָבער אין די אויגען פון די פרומע אידען בעטראַכט געוועזען, אלס אַ שווערע גזירה, ווייל דאָס איז געגען אידישען דין און דעם פאָלקס־חאַראַקטער, דען די אידען בעציהען זיך מיט׳ן העכסטען געפיהל פון כבוד צו אַ מת און זיי ווילען נישט מבזה זיין איהם דורכ׳ן לאָזען פוילען פאַר די אויגען פון די לעבעדיגע. דער מנהיג פון דער אידישער קהלה אין שווערין האָט זיך דעריבער געווענדעט מיט אַ ביטע צו רבי יעקב עמדען אין אלטאָנאַ, וועלכער איז שוין מפורסם געוועזען ביי אידען פאַר אַ פערטיידיגער פונ׳ם אַלטען יודענטום; ער האָט ביי איהם אַלזאָ געבעטען, אז ער זאָל זיי העלפען און דערווייזען, אז לויט׳ן תלמודיש־רבנישען דין איז שטרענג פערבאָטען, צו פערזוימען מיט דעם מקבר זיין מתים, און דאָס איז אַ וויכטיגער פונקט אין יודענטום. רבי יעקב עמ־ען האָט אָנגעוויזען די שווערינער אידען אויף משה מענדעלסאָנ׳ען, ווייל זיין

וואָרט האָט א גרויסע געוויכט ביי'ם הערצאָג. די שווערינער אידען האָבען געפאָלגט די עצה. אבער ווי איבערראַשט זענען זיי געוואָרען, ווען זיי האָבען דערהאַלטען א בריעף פון מענדעלסאָנ'ען (מאַי 1772), וועלכער שרייבט זיי, אז ער איז אינגאַנצען איינפערשטאַנדען מיט דעם בעפעהל פון הערצאָג דאָס מען זאָל די מתים נישט מקבר זיין פריהער פאר דעם דריטען טאָג, ווייל לויט דער ערפאהרונג פון גרויסע דאָקטוירים זענען פאָרגעקומען פאלען, ווען מען האָט מקבר געווען מתים, וועלכע זענען גאָרנישט געווען ווירקליך טוידט. כדי צו פערשטאַרקען זיין מיינונג, האָט ער נאָך דערוויזען אויך, אז נאָך אין דער צייט פון תלמוד האָט מען אונטערגענומען פערשידענע מיטלען, כדי צו בעוואָרענען זיך פון שרעקליכען פאל מקבר צו זיין א לעבעדיגען מענשען.— זיין ענטפער איז געווען בעאַרבייט לויט דעם דין פון די פוסקים, נאָר אין איין פונקט האָט ער א טעות געהאָט. דערביי האָט ער אויך צוגעשיקט די שווערינער אידען א נוסח פון א ביטע צום הערצאָג, אז ער זאָל עטוואָס פערלייכטערען זיין גזרה. אָבער רבי יעקב עמדען האָט ערקלערט אין זיין שטרענגער חסידות, אז דער ענין איז איינער פון די הויפּט־פּרינציפּען אין יודענטום און, ווי באַלד אז ביי אַלע אידען אין איטאַליען, פּאָרטוגאַל, דייטשלאַנד און פּוילען איז די זאַך אָנגענומען געוואָרען פאַר הייליג, טאָר מען בשום אופן נישט מזלזל זיין דערין. אויך האָט רבי יעקב עמדען געגעבען אָנצוהערעניש מענדעלסאָנ'ען, אז דאס וואָס ער שטראָפט איהם, טהוט ער עס צוליעב זיין טובה וועגען, כדי אראָבצונעהמען פון איהם דעם חשד, אז ער איז א קנאָפּער מאמין, דען ער האָט שלעכטע חברים. צווישען מענדעלסאָנ'ען און די אָרטאָדאָקסען האָט זיך דריבער אָנגעהויבען א שטיקעל פּירוד, וועלכער האָט זיך שפּעטער פערשטאַרקט.

דערווייל האָט מענדעלסאָנ'ס פריינד לעסינג שוין נישט לאַנג פאַר זיין טוידט דערוועקט א שטורם אין דייטשלאַנד גאָר נישט ווילעניג,— א שטורם, וועלכער האָט געמאַכט ציטערען די קירכע און דערביי געשטעלט מענדעלסאָנ'ען און דאָס אידישע פאָלק אין זעהר א שענעם ליכט דורך זיין פאָלקאָמענער פּאָעטישער שאַפונג. דער ערשטער מאָטיוו צום שטורם איז געווען מענדעלסאָנ'ס קאַמף מיט לאַפאַטערן. לעסינג איז נעמליך געווען אַזוי שטאַרק אויפגערעגט פון לאַפאַטערס אַרויסטריט און זיין זעלבסטהייט, מיט וועלכער ער האָט גערעדט וועגען דעם קריסטענטום, אז ער האָט דער ערשטער געפאָדערט דורכאויס פון מענדעלסאָנ'ען און צוגעגעבען איהם מוט, צו געבען א שאַרפען ענטפער לאַפאַטערן.— „איהר אליין—האָט לעסינג געשריבען צו מענדעלסאָנ'ען—זענט אימשטאַנד צו רייען און שרייבען וועגען אַזעלכע ענינים און זענט אויך דערמיט פיעל גליקליכער פאַר אַנדערע מענשען, וועלכע קאָנען מיטאַרבייטען ביי'ם אומוואַרפען די געביידע פון א וועלכער עס איז טפשות נישט אַנדערש, ווי מיט דער בעדיינגונג אונטערצוביען עס ווידער". פיהרענדיג א וואָ־

דער לעבען, איז לעסינג געקומען אין דער לעצטער צייט קיין האמבורג, און דארט האט ער זיך בעקאנט געמאכט מיט דער געעהרטער און פריי-דענקענדער משפחה פון רײמארוס. דער טיפער פארשער הערמאן סאמועל רײמארוס (געבוירען 1694 געשטארבען 1768), אין זיין גרויסען פערדרוס אויף די לוטעראנישע גלחים, וועלכע זענען פערשטיי-נערט געווארען אין זייער שטרענג-גלויביגקייט און ארויסגעטרעטען מיט א געוואלדיגער נישט פערדיגטער גדלות — האט אנגעשריבען א בוך „צו פערטיידיגען די פערשטענדיגערע פערעהרער פון גאט". אינ'ם דאזי-גען בוך זאגט זיך ארויס רימארוס בכלל געגען יעדער רעליגיאן, וועלכע איז געבויט אויף דער געטליכער ענטפלעקונג און ער שטעלט דאגעגען זעהר הויך דעם ריינעם פערשטאנד. רײמארוס האט אבער נישט געהאט דעם מוט אנצעווייזען עפענטליך אויף די שאדענס, וואס ער ברענגט דער וועלט די עפענטליכע רעליגיאן לויט זיין איבערצייגונג. ער האט איבער-געלאזען זיין בוך זיין משפחה און זיינע געהיימע פריינד פריידענקער; דאס בוך האט ענטהאלטען אין זיך זעהר פיעל אויפריים-מאטעריאל געגען דעם קריסטליכען גלויבען. רײמארוס'עס טאכטער, עליזא רײמארוס, א נ'עכט קינד פון איהר פריידענקענדען פאטער, האט איבערגעגעבען איי-ניגע פראגמענטען פון איהר פאטערס ווערק לעסינגען, וועלכער האט זיי געלעזען מיט דער גרעסטער התלהבות און געוואלט זיי פערעפענטליכען, דען אלס ממונה איבער דער הערצאגליך-ברוינשווייגישער ביבליאטעק אין וואלפענביטעל, האט לעסינג געהאט דאס רעכט צו פערעפענטליכען די כתבי-יד'ן (מאנוסקריפטען) פון דער רייכער ביבליאטעק. ער האט זיך אפילו געהאט געווענדעט אויך מיט א אנפראגע צו מענדעלסאנ'ען וועגען דעם, ווייל ער האט איהם געהאלטען פאר א בר-סמכא (אויטאריטעט) אין רעליגיאנס-פראגען, און מענדעלסאן האט איהם געראטען, נישט צו פער-עפענטליכען די פראגמענטען, ווייל זיי זענען צו-וועניג גרינדליך בעארבייט און צייכענען זיך אויס בלויז מיט זייער עקסטען פריידענקען. לעסינג האט אבער געהאפט, אז דורך די פראגמענטען וועט איהם געלינגען אונטערצו-האקען די פליגלען ביי די גלחים, און ער האט דעריבער בעשלאסען די פראגמענטען יא צו לאזען אבדרוקען. לטובת דעם אמת האט ער געהאל-טען, אז מען מעג בעגעהן אויך א שטיקעל פאלשקייט, און אט האט ער די פראגמענטען פון רײמארוס ארויסגעגעבען אונטער דעם נאמען: פראג-מענטען פון א נ'אלטען אויטאר, וועלכע ער האט כלומרשט ענט-דעקט אין דער ביבליאטעק. אונטער דעם דאזיגען נאמען האט ער אנגע-הויבען פערעפענטליכען (1770—1775) א סעריע מאמרים: „צו דער גע-שיכטע און ליטעראטור פון די אוצרות פון דער ביבליאטעק אין וואלפענ-ביטעל".

אין איין פראגמענט איז אנגעוויזען געווארען, ווי אונמעגליך עס זענען די איבערנאטירליכע מופתים און בעזונדערס וועגען דער תחיה פון קריס-

טום'ן דריי טעג נאָך זיין טויט — אַ פונקט, וועלכער איז דער הויפּט־פּרינציפּ פאַר אַלע קירכען פון קריסטליכען גלויבען. אין אַ קאַפּיטעל: „וועגען קריסטוס'עס צוועק ווי אויך וועגען דעם צוועק פון זיינע תלמידים", ערקלערט ער, אז קריסטוס האָט זיך געהאַט ארויסגעגעבען פאַר אַ אידישען משיח און געוואָלט ווערען אידישער קעניג; צוליעב דעם זאָל ער האָבען געמאַכט אַ פערשווערונג מיט זיינע תלמידים, כדי אַראָבצוואַרפען דעם סנהדרין ביי אידען. ווען דער דאָזיגער פּלאַן איז איהם נישט געלונגען און ער האָט געמוזט בעצאָהלען מיט דעם טויט, האָבען זיינע תלמידים ערקלערט: „קריסטוס'עס מלכות געהערט נישט צו דער וועלט". דעם דאָזיגען מאמר האָט מען דערנאָך אויסגענוצט און ערקלערט איהם פאַר אַ גואל פון דער גאַנצער וועלט. די עוואַנגעליסטען זאָלען אלזאָ האָבען פערענדערט זיינע גאַנצע די ערשטע לעהרע פון קריסטוס'ן, לויט ריימאַרוס'עס מיינונג.

די דאָזיגע אנשויאונג וועגען אָנפאַנג פון דער קריסטליכער געשיכטע האָט געקאָנט איינגאַנצען אונטערגראָבען דעם קריסטענטום, און געווירקט דעריבער ווי אַ בלענדענדער בליץ אין דער קריסטליכער וועלט. דאָס איז געווען אַ מין געפיהל פון ערשטוינען און בושה, וואָס האָט אַלעמען ארומגענומען, סיי הויכע שרים, סיי מיושב'דיגע בעלי־בתים, סיי טהעאָלאָגען. דער גאַנצער כעס פון די פרומע קריסטען האָט זיך אויסגעגאָסען אויפ'ן אַרויסגעבער לעסינג. מען איז פון אלע זייטען אויף איהם אָנגעפאַלען און קיינער איז איהם נישט בייגעשטאַנען. אבער זייענדיג שוין פון פריהער געוואוינט, צו קעמפען מיט זיין שטאַרקען אָרעם געגען יעדען שלעכטען געשמאַק און טעמפּיגען פערשטאַנד, איז לעסינג געווען גענוג העלד צו קאָנען זיך פערטיידיגען אליין. אלע זיינע פריינד האָט ער פערניכטעט און בעזונדערס דעם לייכט־גלויביגען, בעל־גאוה'דיגען פאַנאַטישען גלח פון האמבורג געצע. ווייל אבער די אומגעלומפּערטע און קליין־קעפּיגע געגנער פון לעסינג האָבען איינגעזעהען, אז אויפ'ן ליטעראַרישען געביטע ווען זיי צו־שוואַך צו קאָנען מיט איהם קעמפען, האָבען זיי גערופען צו הילף דעם וועלטליכען קולאַק. מען האָט פערבאָטען לעסינג'ס אויסגאַבע און צוגענומען ביי איהם דאָס רעכט צו פערעפענטליכען דורך דער דרוקעריי שריפטען אהן אַ פאָדער־צענזור, ווי אויך בכלל נישט צו שרייבען וועגען דער פראַגע (1778). אין די קירכען האָבען די גלחים אָנגעהויבען דרשענ'ען געגען לעסינגען. אבער לעסינג האָט געפונען אַ מיטעל זיי צו ענטפערען געגען די אָנפאַלען אויף איהם פון דער בימה אין די קירכען, דורך דער בימה פון טעאַטער. דאָס שענסטע און פאָלקאָמענסטע קינד פון זיין מוזע, „נתן החכם", האָט געדאַרפט נעהמען נקמה פאַר אַלע אָנפאַלען אויף לעסינגען.

להכעיס די בעלי־גאוה'דיגע פאַנאַטישע קריסטען, וועלכע האָבען ביי זייער גאַנצער שלעכטסקייט און מענשען־פיינדליכקייט, ביי זייער העסליכען נקמה־געפיהל און דער ליבע צו רדיפות, נאָך געהאַלטען אין איין

בעריהמען זיך מיט אַלערליי מדות טובות און אויסקלערען אַלערליי מיני חטאים און רשעות אויף אידען, האָט לעסינג געשילדערט אין זיין דראמע „נתן החכם“ א אידען, אַלס אידעאַל פון די שענסטע מדות, פון חכמה און פון עהרליכקייט. אזא אידעאל האָט ער געפונען פערקערפערט אין „נתן החכם“. דער הויפט־העלד פון אונשטערבליכען דראמא איז א סוחר און פיי לאָזאָף, ווי מענדעלסאָן, „אויך אזוי גוט ווי קלוג און אויך אַזוי קלוג ווי גוט“. זיין פאָלק פערעהרט איהם אלס א פירשט, אָבער אַנשטאט צו רופען איהם „נתן דער קלוגער“, האָט מען איהם געדאַרפט בעסער רופען „נתן דער גוטער“.

„ווי פריי זיין גייסט פון אבערגלויבען
זיין האַרץ ווי אָפען יעדער צדקות,
ווי ליעבט ער שענהייט היילינ, טייער,
אַנ'עניו, ווייכט ער ווייט פון כבוד.
וואָס פאר א איד!...
און דאָך א איד וויל ער נור זיין“...

אלס א זוהן פון יודענטום, האָט זיך נ ת ן דערהויבען צו דער העכסטער הומאַנער (מענשען־ליבענדער) מדרגה, ווייל זיין תורה לערנט איהם אין בעפעהלט איהם דאָס צו טהון. אין דער פאנאַטישער מלחמה בשעת די קרייצצוגען, האָבען די קריסטען אויסגעהרג'עט אין ירושלים אַלע אידען מיט ווייב און קינד; ביי איהם אַליין האָבען זיי פערברענט א פרוי מיט זיבען טייערע זיהן. אין ערשטען מאָמענט האָט איהם אַרומגענומען א גע־וואלדיגע פערצווייפלונג, לסוף אָבער האָט ער, ווי איוב אויסגערופען:

„גאָט האָט דאס אזוי געוואָלט, נו—נו!“.

און ווען נתן זיצט אזוי טרויערנד מיט'ן ברענענדיגען וועהטאָג אין הארצען, ברענגט איהם א רייטער־קנעכט א יונג קריסטליך קינד, א צאַרטע יתומה'לע, און נתן נעהמט עס צו זיך אין שטוב אריין קושט עס און, וואר־פענדיג זיך אויף די קניע פאר גאָט, דאַנקט ער איהם פאַר זיין חסד, וואָס ער האָט איהם געגעבען חאָטש איין קינד, אנשטאט די פערלוירענע זיבען. ער ליעבט דאס קריסטליכע מיידעלע און ערציהט עס מיט פאַרזיכטיג און מיט דער גרעסטער עהרליכקייט. נישט די אדער יענע רעליגיאָן לערנט ער איהר, נאָך וועניגער בעקענט ער איהר מיט זיין אייגענער אידישער רע־ליגיאָן; די יונגע נשמה פון ר ע כ א אָדער ב ל א נ ק א זאָל וויסען נאָר צו פערעהרען א יי ן גאָט, די אידעאַלע צדקות און זיטליכקייט. אָט אַזוי בע־געהט זיך דער פערטרעטער פון יודענטום אין לעסינג'ס דראמא.

ווי אזוי אבער בעגעהען זיך די פערטרעטער פון קריסטענטום? דער פאטריארך (אויבער־גלח) פון ירושלים, וועלכען מען איז בלויז סובל מיט זיין קירכע אין דער מחמד'אנישער שטאדט, טראכט אוים פעררעטערישע פלענער געגען דעם סולטאן און טרייבט אינטריגעס:

„נאָר — מיינט דער פאטריארך —

פאַר מענשען זיין א פּאַרך
הייסט פרום גאָר זיין פאַר גאָט".

פאַר דעם קלוגען נתן וויל ער אָנצינדען פלאַמען-פייער צו פערברענען איהם, ווייל ער האָט ערצויגען און ליעב געהאַט א קריסטליך קינד און מיט זיין גרויסער ליעבע אויסגעבילדעט איהר, ביז זי איז אויסגעוואקסען און געוואָרען א רייצענד שענע יונג-פרוי מיט א פיין-פיהלענדער נשמה. דאָס קינד וואָלט אָהן דעם רחמנות פונ'ם אידען אומגעקומען.

„עס העלפט נישט, דער איד ווערט פערברענט!"

און דער טעמפּעל-מאָנאך לעאָ פון פילנעק, פערטרעט א צווייטע זייט פון קריסטענטום. ער איז אַפילו אַ גאַנץ איידעלער מאַן, אָבער צום אידען בעציהט ער זיך מיט גאוה און פעראַכטונג. און דאס איז שוין דער בעסטער קריסט! ערשט ביסלעכווייז דורך דער וואונדערליכער קראַפט פון דער ליבע וואַרפט פון זיך אַראָב דער טעמפּעל-מאָנאך די גראָבע, העסליכע שאלעכץ פון זיין קריסטליכען אבערגלויבען. אין זיינע אָדערן פליסט אָבער גאָר מחמדאניש בלוט. נאָר דער תמימות'דיגער פרומאַק, דער מאָנאָך באָנאַפיזעס, פעראייניגט אין זיך מענשען-ליעבע מיט קירכליכער קריסטליכקייט. אָבער ער ווייסט, דאָס אויף איהם ליגט נאָר איין פליכט — צו פאָלגען. עס איז נישטא קיין שרעקליכער פערברעכען, וואָס ער זאָל נישט גרייט זיין צו ערפילען, ווען נור דער פאַנאַטישער פּאַטריאַרך וועט איהם בעפעהלען.

אט דאָס האָט לעסינג געפּרעדיגט און געלערנט פון דער דייטשער ביהנע אין טעאַטער מיט די פערשטיינערטע הערצער און געמיטער פון די דאמאָלדיגע קריסטליכע פאַנאַטיקער. דער קלוגער איד נתן—עס הייסט אייגענטליך מענדעלסאָן — שטעהט שוין אויף דער הויכער מדרגה פון מענשליכקייט; דער בעסטער קריסט, דער טעמפּעל-מאָנאך, יעדער געבילדעטער קריסט — ניקאָלאַי, אבאט, הערדער און זייערע חברים — זיי מוזען ערשט אַראָבוואַרפען פון זיך די גראָבע שאָלעכץ פון אבערגלויבען כדי צו דערגרייכען צו אזא מדרגה. דאָס טענה'ן, אז די אייגענע רעליגיאָן איז נור די אמת'ע— איז א פּוסטער געדאנק. ווער בעזיצט דעם אמת'ען געאָלדענעם רינג? דורך וואָס קאָן מען אונטערשיידען צווישען דעם עכטען רינג און דעם נישט-עכטען? אלענפאַלס נישט דורך מילדקייט, דורך הארציגער גוטסקייט, דורך אמת'ער ערגעבענהייט צו גאָט, קורץ דורך אלעם דעם, וואָס די דאמאָלדיגע קריסטליכע קירכע האָט ארויסגעוויזען בכלל גאַנץ ווענינג און וואָס מענדעלסאָן האָט געהאַט אין זיך אין אזא גרויסער מאָס.

מיט יעדען נייעם שטריך אין זיין דראמא „נתן החכם" האָט לעסינג פּשוט געשמיסען דאָס דאמאָלדיגע פערשטיינערטע קריסטענטום. וועלכע האָט נאָר געהאַלטען אין איין טראַכטען וועגען רדיפות געגען אַנדערע אמונות; דערביי האָט ער אָבער אויך דערהויבען דאָס יודענטום, ווייני-

מטענס, אין דער פערזאָן פון זיין הויפּט־פּערטרעטער, משה מענדעל־
סאָן. ווי נור דאָס דראַמאַ איז פערעפענטליכט געוואָרען (פריהלינג 1779),
האָט אויפגעפלאַקערט א גליהענדער צאָרן געגען דעם דיכטער, א שטיי־
גער, ווי ער וואָלט דערנידעריגט דאָס קריסטענטום. אפילו זיינע פריינד
האָבען זיך אָנגעהויבען פון איהם מרחיק צו זיין און געוויזען איהם א קאַלט
פּנים; זיי האָבען איהם אויסגעשלאָסען פון זייער געזעלשאפטליכען קרייז,
חאָטש זיי האָבען גוט געוואוסט, ווי שטארק ער ליעבט דאָס געזעלשאפט־
ליכע לעבען; זיי האָבען זיך פון איהם כמעט ווי אָבגעזאָגט, איבערלאָזענ־
דיג איהם צו די רדיפות פון זיינע פיינד. לעסינג האָט זיך געשפּירט זייער
געקרענקט דורך דעם דאָזיגען נישט אָפיציעלען חרם און האָט פערלוירען
זיין גלענצענדען גייסט, זיין חריפות, ווערענדיג מיעד, פערשלאָפען, כמעט
טעמפּיג. דערצו איז נאָך געקומען אויך זיין שווערע מאַטעריעלע לאַגע.
די קריסטען האָבען אויפגעהערט איהם צו שטיצען, און נאָר איין איד,
משה וויזעל—א ברודער פונ׳ם דיכטער רבי נפתלי הירץ וויזעל —
האָט איהם געשטיצט מיט געלד, חאָטש ער איז אליין אויך געווען נישט
רייך. פאַר זיין שטיצע האָט ער נאָר פערלאַנגט צו האָבען לעסינגס
אַנ׳אויטאָגראַף (א בריעף געשריבען מיט זיין אייגענער האַנד)—די פרומע
קריסטען האָבען זעהר פערביטערט דעם גרויסען דייטשען דיכטער דאָס
לעבען אין זיינע לעצטע יאָהרען, און ער איז אלט געוואָרען אָהן א צייט.
אזוי ארום איז געשטאָרבען לעסינג אין זיינע בעסטע יאָהרען אלט און
מיעד,— א קדוש, וואָס האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַר זיין ליעבע צום
אמת. אבער זיין האַרץ־איינעהמענדע שטימע, וועלכע ער האָט דערהויבען
אויף צו פערטרייבען די אומזיסטע שנאה צווישען מענשען און צו לערנען
זיי סובל זיין איינער דעם אַנדערען—די דאָזיגע שטימע האָט געטראָגען
גוטע פרוכטען. זי איז ביסלעכווייז אריינגעדרינגען אין די הערצער מיט
איהר מילדקייט און האָט פערטריבען פון חאַרט די הייזעריגע, רויהע טע־
נער פון אבערגלויבען און מענשען־פיינדשאפט.

ווי מענדעלסאָן האָט, אליין נישט וויסענדיג און אָהן א כונה, דערוועקט
לעסינגען צו בעשאפען א אידעאַלען העלד, וואָס זאָל מיטווירקען אויף צו
פערטרייבען דעם אבערגלייבען געגען די אידען, אזוי האָט ער, ווידער אָהן
א בעשטימטער כונה געבראַכט זיינע אידישע ברידער א גייסטיגע בעפריי־
אונג און ממילא אויך א גייסטיגע בענייאונג. נאָך וועלכער עס האָט זיך
אָנגעהויבען א נייע עפּאָכע אין אידישען לעבען.— דער תנ״ך. בעזונדערס,
דער חומש, וועלכער איז דער הויפּט־פונדאמענט פון דער אידישער רע־
ליגיאָן, איז פאַר די אידען אזוי פערעמד געוואָרען. אז ער איז געוואָרען פאַר
זיי אַנ׳אונפערשטענדליכער ספר, חאָטש זיי זענען איהם קלאָר געווען אוי־
סענווענינג. די מפרשים, סיי די רבנים, סיי די דרשנים, סיי די בעלי מקובלים,
האָבען אין זייערע פירושים זיך אזוי ווייט דערווייטערט פון אמת׳ען פשט,

פּ'ן איינפאַכען קלאָרען זין פון די פסוקים פון דער תורה, אַז זיי האָבען דאָרט אלץ, וואָס איינער וויל נאָר, געזעהען דעריין, נאָר נישט דעם ריינעם קלאָרען זין און זיין נאַטירליכען אינהאַלט.

ווען דאָס אידישע קינד איז נאָך יונג געווען, האָבען די פוילישע מלמדים — קיין אַנדערע זענען דאַמאָלס נישט געווען אין דייטשלאַנד — אַריינגעשטאָפּט, מיט ריטער און מיט אַ ווילדען כעס, אין יונגינקען מוח'ל די ווילדעסטע בעגריפען וועגען יעדען וואָרט פון דער תורה, וועלכע זיי פלעגען „פּערטייטשען" אין זייער אונמעגליכער אויסשפּראַכע און, האָבען דעם טעקסט פון דער תורה אַזוי ענג פערבונדען מיט זייער משונה'דיגער שפּראַך, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, דאָס משה בן עמרם אַליין האָט אויך גערעדט נאָר אויף דער דאָזיגער שפּראַך און אַליין אַרויסגעזאָגט די כונות פון די פוילישע מלמדים. אַזוי אַרום איז גראָד יענער קוואַל פון גייסטיגען לעבען, וועלכער האָט געדאַרפט ווערען פאַר די אידישע קינדער אַ סם חיים, געוואָרען אַ קוואַל פון פערגיפטונג פאַר זיי. משה מענדעלסאָן, וועלכער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער ח ו מ ש ענטהאַלט כלל נישט אַט דאָס, „וואָס די אידען און קריסטען גלויבען אין איהם צו געפינען" — משה מענדעלסאָן האָט זעהר טיעף געשפּירט, ווי אונגאַרמאַל עס איז דאָס לערנען די אידישע תורה דורך די פוילישע מלמדים; ער האָט אויך איינגעזעהען, אַז אַן'איינפאַכע געשמאַקפולע איבערזעצונג פון דער תורה אין דייטש וועט פיעל מיטווירקען אויף צו דערהויבען די קולטור פונ'ם אידישען פאָלק. אָבער אין זיין גרויסער ענִיוות און בישנות איז איהם כלל נישט איינגעפאַלען, אַז אויף איהם ליגט דער חוב אַנצעווענדען אַזאַ הילפסמיטעל אויף צו ערציהען דאָס אידישע פאָלק. נור פאַר זיינע אייגענע קינדער האָט ער דעם חומש איבערזעצט אויף דייטש. ערשט ווען זיינע פריינד האָבען עס דורכאויס פערלאַנגט, האָט ער זיך בעשלאָסען צו פערעפענטליכען זיין דייטשע איבערזעצונג פונ'ם חומש פאַר די אידישע לעזער

ער האָט אָבער צו-גוט געקענט זיין אידיש פובליקום און געוואוסט, אַז אַן'איבערזעצונג אַליין, ווי אויסגעצייכענט זי זאָל נישט זיין, וועט וועניג וואָס אויסנעהמען ביי אידען אויב מען זאָל דערצו נישט צוגעבען אַ פּירוש אויף העברעאיש. דער געשמאַק איז דאַמאָלס געווען אַזוי פערדאָרבען ביי אידען, אַז אַ בלויזע איבערזעצונג אָהן אַ פירוש וואָלט אפשר גאָרנישט געלעזען ווערען אויך. פון אַלטע צייטען אָן זענען שוין די פירושים און פירושים צו די פירושים געווען ביי אידען פיעל בעליבטער, ווי דער שענער טעקסט מיט זיין ריכטיגען זין אַליין. מענדעלסאָן האָט דעריבער צוגעצויגען צו זיין אַרבייט אַ טיכטיגען קענער אין דער העברעאישער שפּראַך פון פוילען, ר ב י ש ל מ ה פ ו ן ד ו ב נ א (געבוירען 1734, געשטאָרבען 1813 דעם 23-טען יוני), כדי אַז ער זאָל בעאַרבייטען דעם נייעם „פירוש" צום חומש. — ביים זאַמלען פרענומעראַנטען (אַבאָנענטען) פאַר'ן נייעם ספר האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז מענדעלסאָן האָט שוין זעהר פיעל פריינד און

פערעהרער צווישען אידען, סיי אין דייטשלאנד, סיי אין אויסלאנד, און זיין
אונטערנעהמען ווערט פון פיעל זייטען זעהר ווארים בעגריסט, אלס א מיט־
טעל, וואס דארף אבטהון די חרפה פון אונוויסענהייט פון אידישען פאלק
אין זיין אייגענער וועלט, ווי אויך — אויף אויסצובעסערען די שפראך אויף
וועלכע אידען רעדען (אידיש). אלס א צייכען פון דער נייער צייט, קאן מען
אויך בעטראכטען דעם פאקט, וואס אויך פיעל קריסטען האבען אויך גע־
שטיצט די אויסגאבע, — קריסטליכע פראפעסארען, גלחים, הויף־דרשנים,
ראטמענער פון קאנסיסטאריום (סינאד), מלוכה־לייט און הויכע שרים —
האבען זיך אונטערגעשריבען אויפ'ן חומש, איינצאהלענדיג זיין פרייז. צווי־
שען די אידען האט מען בעזונדערס פיעל געפאדערט דעם חומש אין בער־
לין און אין דעסוי, אבער אויך פון פוילען, בעזונדערס פון ווילנא, האט מען
צוגעשיקט פארערונגען אויב מענדעלסאנס „איבערזעצונג און ביאור". צווי־
שען די קריסטען האבען, נאטירליך, פיעל געארבייט לטובת מענדעלסאנס
איבערזעצונג זיינע קריסטליכע פריינד און פערעהרער. עליזא רייי־
מארוס — די ערגעבענע פריינדין פון לעסינג און מענדעלסאן — האט
געזאמעלט די פרענומעראנטען. — אבער די פערשטיינערטע אנהענגער פון
דער אלטער וועלט האבען געקוקט זעהר בעזארגט אויף מענדעלסאנס נייעם
אויפטהו. זיי האבען מיט רעכט געשפירט, אז צוגלייך מיט מענדעלסאנס
איבערזעצונג פון דער תורה פיהרט מען צו דער לויה די אלטע צייט, די
תמימות'דיגע אמונה, וועלכע בעטראכט אלץ, אלס אבשטאמענד פון דעם
געטליכען קוואל, — אלץ, אפילו אויך דאס ווילדעסטע און משונה'דיגע.

ווי נור עס זענען פערעפענטליכט געווארען פראבע־בלעטער פון
דער איבערזעצונג, האבען גענען איהר אנגעהויבען מתרעם זיין די אלטע,
פארצייטיגע רבנים און אנגעהויבען טראכטען, ווי אזוי צו דערווייטערן
דעם דאזיגען שטן פון די אידישע הייזער. צווישען די געגנער פון דער אי־
בערזעצונג זענען געווען דריי גרויסע רבנים, וועלכע האבען געשטאמט
פון פוילען און זיך אויסגעצייכענט מיט זייער אמת'ער פרומקייט און
טיפער עהרליכקייט, אויסער דעם וואס זיי זענען געווען גרויסע לומדים־
גאונים. דאס זענען געווען רבי יחיאל לאנדא (געווארען רב
אין פראג 1752 און געשטארבען 1793, בעוואוסט מיט זיין ספר „נודע־
ביהודה"); רבי רפאל הכהן, דער זיידע פון גבריאל ריסר (געבוירען
1722 געשטארבען 1803), וועלכער איז געקומען פון פאזען אלס רב אין
די „דריי קהלות", אלטאנא, האמבורג און וואנדסבעק; דאס איז געווען א
מענש מיט א שטארקען כאראקטער, א גרויסער תקיף ביי זיך, אבער א
גרונד־עהרליכער מאן, ווייט פון יעדער פאלשקייט און א פייערדיגער אנ־
הענגער פונ'ם אמת. דער דריטער רב איז געווען דער יונגער רבי
הירש יאנאב, אדער רבי הירש חריף (1785—1750) רב
אין פאזען און שפעטער אין פורט). זייענדיג אליין זעהר ארים, פלעגט
ער אויסטיילען זיינע הכנסות פון דער רבנות פאר ארימע לייט, וועניג

נאָכפרעגענדיג, אויב זיי זענען פרום, אָדער נישט. צו די דאָזיגע דריי רבנים
דאַרף מען אויך צורעכענען דעם פראַנקפורטער רב, רבי פנחס הלוי
הורוויץ (1805—1730), וועלכער איז אויך געווען פון פוילען, און
דערצו נאָך א חסיד; דאָס לייענען א דייטש ביכעל האָט ער געהאַלטען
פאַר א געוואַלדיגע אפּיקורסות. אָט די רבנים האָבען באַלד איינגעזעהען,
אַז פון דער איבערזעצונג וועלען די אידישע קינדער לערנען נישט אַזוי
שטאַרק די תורה, ווי די דייטשע שפּראַך. וועלכע וועט ביי זיי ווערען
ביסלעכווייז דער הויפּט-געגענשטאַנד פון לערנען, דאַגעגען דעם תלמוד
וועלען זיי פערנאַכלעסיגען. אמת, משה מענדעלסאָן איז זיי אפילו געווען
בעוואוסט, אַלס א גאַנץ פרומער איד, און איהם אַליין האָבען זיי אין קיין
בייז נישט חושד געווען; ער האָט אָבער געהאַט אַנהענגער, תלמידים און
חברים, וועלכע זענען שוין כלל נישט געווען פרום און אָט זיי האָבען
זיך דאָס משתדל געווען אַזוי שטאַרק צו פערשפּרייטען מענדעלסאָנס
חומש. — עס איז געווען נאָך איין אומשטאַנד, וועלכער האָט געוואָרפען
א חשד אויפ'ן חומש. דער בערלינער רב, רבי הירשעל לעווין,
(1800—1721) האָט צוזאַמען מיט אַלע בערלינער מורי-הוראה'ס געגעבען
א הסכמה אויף מענדעלסאָנס איבערזעצונג, ערקלערענדיג, אַז מענדעלסאָן
טהוט אויף מיט זיין אויסגאַבע א זאַך, „וואָס דאַרף געפעלען גאָט און
לייט” די בערלינער רבנים זענען אפילו אַלע געווען זעהר פרומע אידען
אויפ'ן פּאַרצייטיגען שטייגער, אָבער די בערלינער אַטמאָספערע איז שוין
דאַמאָלס געווען אַנ'אַנדערע. אַזוי, למשל, דערצעהלט מען, אַז איינמאָל האָ-
בען די בערלינער פּרנסים געהאַט פערבאָטען צו שטעלען א קאָמעדיע אינ'ם
הויז פון א רייכער פרוי. אָבער פּלוצלונג איז געקומען אין קהלה-שטוב
דאָס שענע פריילין הענריעטע דע לעמאָס (שפּעטער הענריעטע
הערץ) און אָנגעהויבען בעטען, אַז מען זאָל ביי איהר נישט צונעהמען דאָס
פערגעניגען אַנטייל צו נעהמען אין דער פאָרשטעלונג, און די פרומע אי-
דען האָבען באַלד נאָכגעגעבען די ביטע פונ'ם שענעם מיידעל. צוליעב עהנ-
ליכע מעשים האָט די בערלינער קהלה שוין געהאַט א נאָמען פון א היינטי-
וועלטישע, און די הסכמה פון בערלינער רב וואָלט נישט געקאָנט מאַכען
קיין שטאַרקען איינדרוק לטובת דער איבערזעצונג. מענדעלסאָן האָט דע-
ריבער די הסכמה גאָר נישט געדרוקט צוזאַמען מיט זיין אויסגאַבע, האָ-
בענדיג דערביי אויך אַנ'אַנדער כונה. ער האָט, נעמליך, מיט זיין גרויסער
עניוות נישט געוואָלט דרוקען די גוזמאות'דיגע שבחים, וועלכע די בערלי-
נער רבנים האָבען אויף איהם געזאָגט, לויט'ן אַלטען אידישען מליצה-
שטייגער. און אָט האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען ערקלערט, אַז
נור צוליעב גאוה האָט מענדעלסאָן נישט געדרוקט די הסכמות, ווייל עס
פּאַסט איהם נישט צו נויטיגען זיך אין א הסכמה פון א רב. קורץ, עס
האָבען נישט געפעהלט קיין חסרונות-זאָגער, און מענדעלסאָנס חומש האָט
בעקומען א שלעכטען שם צווישען די פרומע אידען. באַלד האָט מען אין

פורט טאקי אויך אריינגעלעגט דעם נייעם חומש אין חרם (יוני 1779), ווי אויך אלע די, וואס וועלען אין איהם לערנען. מען האט אויך געסטראַשעט מיט א שטרענגער בעשטראַפונג פאַר'ן לערנען „משה דעסער", ווי מען האט דעם חומש א נאָמען געגעבען. אין א טייל פוילישע שטעדט, אין ליסא און פּאָזען, זאָל מען אפילו אויך האבען געהאט עפענטליך פערברענט דעם נייעם חומש. פיעל האט דאס אבער נישט געקאָנט שאַדען ביים פערשפרייטען דעם חומש. פיעל מעהר האט מען אבער געדאַרפט מורא האבען פאַר'ן איבעראַל אָנגעזעהענעם רב פון האמבורג — אלטאנא — וואַנדסבעק, רבי רפאל הכהן. אין דער ווירקליכקייט האט ער ארויפגעלעגט א חרם, אבער נישט אויף משה מענדעלסאָן, וועלכער האט געהאט פיעל פריינד און קרובים מצד זיין פרוי אין האמבורג, נור אויפ'ן חומש. מענדעלסאָנס פריינד האבען אבער געפונען אַ'נעצה אויך געגען דעם. דער מלוכה-ראַט פאַן הענינג האט געפועלט, אז די נעמען פונ'ם קעניג כריסטיאן פון דענעמארק און פונ'ם קרוין-פרינץ זאָלען אריינגעטראָגען ווערען אין דער רשימה פון די אבאָנענטען צום חומש, און צוליעב דעם האט דער רב זיך נישט געקאָנט ערלויבען עפענטליך ארויסצוטרעטען געגען דעם חומש. פיעל מעהר האבען די יונגע אידישע תלמידים ערשט רעכט בעקומען חשק צו לערנען מענדעלסאָנס איבערזעצונג, דוקא ווייל די רבנים האבען איהם אין חרם אריינגעלעגט. היגטער רוקען פון זייערע רביים האבען די תלמידים געלערנט פלייסיג די איבערזעצונג, שעפענדיג דערפון עלעמענטארע ידיעות אין דער דייטשער שפראך, ווי אויך אין דער העברעאישער גראמאטיק און פאעזיע און, בעקענענדיג זיך דורך אגב אויך מיט דער רעליגיאָנס-פילאזאפיע. די תלמידים האבען דאדורך בעקומען א נייע וועלט-אנשויאונג. די אויסגעמאטערטע ישיבה-בחורים האבען דאדורך, ווי דורך א צויבער-שטעקעלע, בעקומען נייע פליגלען, וועלכע האבען זיי געהאָלפען געשווינד צו פערלאָזען די ארימע, פערחושכטע ישיבות און ארויספליהען אין דער גרויסער וועלט. אלע האבען זיי דערשפירט א געוואלדיגען חשק צו דער וויסענשאפט, וועלכע זיי האבען אנגעהויבען געשמאַק צו לערנען מיט גרויס ערפאָלג. די פריהערדיגע חריפות, די געשווינדע תפיסה (דאס פערשטעהן א ענין), דאס פערטיעפען זיך אין א ענין — אט די אלע מעלות, וועלכע זיי האבען געבראַכט מיט זיך פון דער ישיבה אין דעם לערנען דעם תלמוד, האבען זיי איצט געהאָלפען אין שטודירען די וויסענשאפט, וועלכע איז דעריבער פאר זיי געווען גאנץ לייכט. טויזענדער בחורים פון די פערשידענסטע גרויסע ישיבות אין האמבורג, פראג, ניקאלסבורג, פראנקפורט און פורט, אפילו אויך פון פוילען זענען געווארען אלע לייענע מענדעלסאָנס. אלע יענע אידישע כלל-טוער און געלעהרטע, וועלכע האבען סוף דעם אכצעהנטען יאהרהונדערט געווירקט אין עפענטליכען לעבען אויף אלע געביטען, זענען תחלת געווען ישיבה-בחורים און נור

אונטער מענדעלסאָנס איינפלוס זענען זיי געוואָרען די קולטור-טרעגער ביי אידען. מענדעלסאָנס איבערזעצונג פון חומש האָט ארויסגערופען אַן אמת'ע רענעסאַנס (א גייסט-געבורט, אַן אויפלעבען) ביי אידען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען געהען געשווינד פאָרווערטס צום אייראָפּעאישען קולטור-לעבען.

די געגנער פון מענדעלסאָן האָבען נישט אויפגעהערט צו שטערען איהם אין זיין ארבייט: זיי האָבען ביי איהם צוגענומען זיין הויפּט-מיטאַר-בייטער, רבי שלמה פון דובנא. גראַד אין יענער צייט איז גע-קומען קיין בערלין דער דובנא'ער רב, רבי נפתלי הירץ, וועלכער איז געוועזען רבי שלמה'ס א רבי, און וויל רבי רפאל הכהן און רבי יחזקאל לאנדא האָבען איהם אויפמערקזאם געמאכט אויף דער סכנה, וואָס עס שטעקט פאַר'ן פארצייטיגען יודענטום אין מענדעלסאָנס איבערזייגונג, האָט ער, רבי נפתלי הירץ, געצוואונגען רבי שלמה פון דבנא, אז ער זאָל זיך אָבזאָגען פון זיין צוזאמענארבייטען מיט מענדעלסאָן. פאַר מענדעלסאָנען איז דאָס געווען אַן אמת'ער קלאַפּ, וויל עס איז איהם שווער געווען אויסצופיהרען אליין די גרויסע ארבייט. (מענדעלסאָן האָט געמאכט דעם „ביאור" צו דער פרשה „בראשית" און דעם גאנצען ספר „שמות"; שלמה מדובנא האָט געשריבען דעם ביאור אויפ'ן גאנצען ספר בראשית פון פרשת נח ביז'ן סוף). מענדעלסאָן האָט דאַן איינגעלאַדען פערשידענע אידישע געלעהרטע צו מאַכען דעם „ביאור" רבי נפתלי הירץ וויזעל, זיין זונ'ס לעהרער, הערץ האַמבערג, און אהרן יאַראָסלאַוו. די לעצטע צוויי זענען אָבער געווען בע-אוסט אַלס פריי-דענקער, און דעריבער האָט דער חומש נאָך מעהר פערלוירען אין די אויגען פון די פרומע אידען. געענדיגט האָט מען די גאַנצע ארבייט ערשט אין יאָהר 1783.

ווי די הערוועקונג צו דער אינערליכער בעפרייאונג, אזוי איז אויך די אויסערליכע, פּאָליטישע אידישע בעפרייאונג פון זייער טויזענד-יעה-ריגער פערקנעכטונג געוועזען ענג פערבונדען מיט מענדעלסאָנס נאָמען, כאָטש ער האָט אויך אין דער היגזיכט געווירקט אהן א בעזונדערער כונה, אָדער פּלאַן. די זאַך קומט פאַר הערינבער ווי אַן אמת'ער וואונדער, כאָטש אין דער ווירקליכקייט זענען דאָ קיין שום מופתים נישט פאָרגע-קומען. מענדעלסאָן האָט פערשאַפען די אידען צוויי קעמפּפער, וואָס זיי האָבען קיין בעסערע נישט געקאָנט געפונען: לעסינג און דאָהם. דאָס פעראינטערעסירהען זיך מיט אידען און דאָס דערהויבען זיי פון שקלאַ-פען-צושטאנד איז דערוועקט געוואָרען דורך די רדיפות, וועלכע מען האָט געגען זיי דאַמאָלס אויפגעהויבען.

מעגליך, אז אין קיין איינציגען טייל פון אייראָפּאַ איז די שפלות פון אידען נישט געווען גרעסער, ווי אין עלזאס און אין מעץ, וועלכע האָבען פריהער געהערט צו דייטשלאַנד און זענען געוואָרען דערנאָך פראַנ-

צוויזיש. אלע מאטיוון פון דער פערביסענער אידישער שנאה: די אונטא-לעראנץ פון דער קירכע, די ראסען-אנטיפאטיע, די ווילקירליכקייט פון אדעל, דער דורשט נאכ'ן אידישען געלד, די קליינליכע קנאה פון די צעכען און די אונקולטורעלע גראבקייט — דאס אלץ האט זיך פער-אייניגט נעגען די אידען אין עלזאס, כדי צו מאכען פון זייער לעבען א גהנום אינ'ם יאהרהונדערט פון דער אויפקלערונג (XVIII-טען); די רדיפות נעגען אידען זענען נאך דארט געווען דערצו קליינליכע, און זייער צוועק איז געווען מעהר דאס דערנידעריגען די אידען, ווי אנצוטהון זיי יסורים, אזוי אז זיי האבען אויך נישט געקאנט אפילו ארויסרופען ביי אידען קיין מאמענטאלען כעס, קיין דערוועקונג פון א גבורה-געפיהל. נישט די פריצים, נישט די מעשטשאנעס אין עלזאס האבען נישט געדאט קיין מענשליך געפיהל, וועגען וועלכען מען האט אזוי פיעל און שעהן געשריבען אין דער פראנצויזישער ליטעראטור, און האבען נישט אבגע-טראטען אין קיין איינציגען פונקט פון זייערע פריווילעגיעס נעגען די אי-דען, וועלכע זיי האבען בעטראכט, ווי אטשערעדע קנעכט פון וועלכער זיי ברויכען צו האבען זייער הכנסה. אין עלזאס האבען די פריצים זיך האט דאס רעכט ארייגצולאזען נייע אידען אין לאנד, אבער אויך ארויסצו-טרייבען אלטע אידישע איינוואוינער. אין מעץ האבען די קריסטליכע סוחרים נעפועלט, אז די אידישע בעפעלקערונג זאל זיך נישט פערגרעסע-רען איבער 480 משפחות. די דאזיגע בעשטימונג האט געהאט די זעלביגע רעזולטאטען, ווי אין עסטרייך און פרייסען: חתונה האבען געקאנט הא-בען בלויז די עלטסטע זיהן אין דער משפחה, די יונגערע דאנעגען האבען געמוזט בלייבען בחורים איביג, אדער אויסוואנדערן; די טעכטער הא-בען געמוזט בלייבען זיצען אין זייער פאטערס הויז, אלס איביגע מייד-לעך. עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט, אז די אידען זענען אין עלזאס און אין מעץ געווען איינגעשפארט אין די גהעטא'ס און נור, אלס אנ'אויס-נאהם, האבען זיי געקאנט וואוינען אויך אין אנדערע שטאדט-טיילען. שטייערן האבען זיי דערפאר געדארפט צאהלען זעהר פיעל. לודוויג XIV האט געשאנקען א טייל פון דער הכנסה, וואס די מלוכה האט געהאט פון די מעצער אידען — דעם הערצאג פון בראנקאס און דער גרעפין דע פאנטען, וועלכע די אידען האבען געמוזט אויסצאהלען יעהרליך צוואנ-ציג טויזענד ליר און אויסער דעם נאך צאהלען קאפ-שטייער, האנדעלס-שטייער, הייזער-שטייער, אבצאהלונגען אויף אויסצוהאלטען א קירכע, א שפיטאל, דאס מיליטער און נאך פיעל אנדערע זאכען. אין עלזאס האבען זיי געמוזט נאך אויסער דעם צאהלען שוץ-געלד דעם קעניג, א בעזונדערן אבצאהל דעם בישאף פון שטראסבורג, די גראפען פון האגענוי, אויסער דעם נאך וואוינונגס-שטייער — די פריצים, וואס אין זייערע גיטער הא-בען זיי געוואוינט און — ווידער מלחמה-שטייער. ביי אלעם דעם פלעגט אפילו נישט איבערגעהען דאס וואוינונגס-רעכט פונ'ם פאטער אייפ'ן

עלטערן זוהן, וועלכער פלעגט נאָך זיין פאַטערס טויט ערשט מוזען קויפען דאָס דאָזיגע רעכט ביים פריז, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט געווען ערשט אַן אַנגעקומענער פון דער פרעמד, וועלכער קומט בעטען פון רחמנות וועגען, אַז מען זאָל איהם אין לאַנד אַריינלאָזען. פונוואַנען אָבער האָבען די אידען געקאָנט נעהמען אַזוי פיעל געלד אויף אַבצאָהלונגען, ווערענד זיי האָבען דאָך נאָך געדאַרפט אליין אויסהאַלטען די שוהלען, ישיבות, רבנים, בתי־מדרשים און אַנדערע הצטרכות פון די קהלות? — כמעט יעדע מלאכה און מסחר איז פאַר זיי געווען אין עלזאַס פערבאָטען. לויט'ן געזעץ האָבען זיי געמעגט בלויז האַנדלען מיט בהמות און אויסאַרבייטען גאָלד־ און זילבער־כלים. אויב זיי האָבען געוואָלט אַרויספאָהרען פון זייער פראָווינץ, האָבען זיי געמוזט בעצאָהלען אויסלייז־געלד. אין שטראַסבורג האָט קיין פרעמדער איד נישט געטאָרט איבערנעכטיגען. וואָס זשע האָבען די אידען געקאָנט טהון אַנדערש, ווי נעהמען פראָצענט פאַר געלד, כאָטש אויך אונגעזעצליך, אבי נור צו קאָנען עקזיסטירען ווי עס איז און אויסצאָהלען די גרויסע שטייערן, וואָס מען האָט פון זיי געפאָדערט? יענע אידען, וועלכע האָבען עטוואָס געלד געהאַט, פלעגען דעריבער אויסבאָרגען עס די קלענערע, אָרימע בעלי־מלאכות, לאַנד־אַרבייטער אָדער ווייִן־גערטנער, נעהמענדיג זעהר הויכע פראָצענטען, אָדער בענוצענדיג פערשידענע שווינדעל, אבי אַרויסצובעקומען ביים בעל־חוב וואָס מעהר געצאָהלט פאַר דער הלואה. דאַדורך פלעגט זיך שטאַרקען די שנאה צו די אידען, וועלכע מען פלעגט בעשולדיגען אין דער פערשטאַרקונג פון דער אָרימקייט צווישען דעם פאָלק. די אידען זענען געווען אין דער טרויעריגער לאַגע, וואו זיי האָבען געמוזט אונגליקליך מאַכען אי זיך, אי אַנדערע.

און אַט די עלענדע לאַגע פון די עלזאַסער אידען האָט אויסגענוצט אַ געוויסער מענש צו זיין נוצען און געבראַכט די אידען צו בלוטיגע רדיפות. אַ שרייבער פון געריכט מיט עטוואָס קאָפּ און ליטעראַרישער בילדונג, מיט'ן נאָמען העל, וועלכער איז געווען זעהר אָרים פון דער היים און האָט געהאַט גרויס חשק צו אַ רייכער שטעלע, זייענדיג גוט בעקאַנט מיט די אידישע פראָצענט־געשעפטען, האָט בכיון אויסגעלערנט העברעאיש, כדי צו קאָנען אויספרעסען ביי די אידען געלד, נישט מורא האָבענדיג, אַז מען וועט זיין האַנדשריפט דערקענען. ער האָט אַריינגעשיקט בריעף צו די רייכערע אידען און געסטראַשעט זיי, אַז אויב זיי וועלען איהם נישט געבען קיין געלד, וועט ער זיי אַנקלאַגען אין געריכט פאַר נעהמען גרויסע פראָצענטען און מאַכען שווינדעל און רמאות. דער דאָזיגער העל איז אָבער ענדליך גאָר געוואָרען לאַנדריכטער ביי איינגע פריצים און ערשט דאַמאָלס האָט ער אָנגעהויבען צו שינדען די הויט פון די אידען גאָר אָהן קיין שום רחמנות. יענע אידען, וועלכע האָבען איהם נישט געגעבען אַזוי פיעל געלד, ווי ער האָט פערלאַנגט, האָט ער אַנגעקלאָגט אין געריכט און פערוּרטיילט. און ווען זיינע מעשים זע־

זען ענדליך דערקענט געווארען און די רעגירונג האט איהם אנגעהויבען חושד זיין אין געלד-פרעסונג, האט דאס נאך מעהר פערשטארקט זיין שנאה געגען די אידען און ער האט זיך גענומען דערוועקען געגען זיי אויך רעליגיעזע רדיפות. די אידישע בעלי חובות האט ער געלערנט, ווי אזוי פטור צו ווערען פון דער פליכט צו בעצאהלען די אידען דאס, וואס זיי זענען זיי שולדיג. ער האט זיי געלערנט אויסצונוצען געגען די אידען פאלשע קוויטונגען אויף געלד, וועלכע זיי האבען שוין געהאט אויסגעצאהלט. איינינע פון זיינע לייט זענען ארומגעפאהרען אין עלזאס און געשריבען אזעלכע קוויטונגען, כדי דאדורך די אידען צו פערדערבען. יענע בעלי חובות, וועלכע זענען געווען ערענטליכער און האבען זיך נישט געוואלט בעדיענען מיט אזא שענדליכען מיטעל, האבען די גלחים איינגעשמועסט, אז עס איז א מצוה צו פערדערבען די אידען; מען האט אויך פיעל פון זיי בערוהיגט אויף אנ'אנדער אופן: מען האט געשיקט א געוויסען שווינדלער, וועלכער האט אויסגעטיילט אינ'ם נאמען פון קעניג ארדענס און צלמים יענע בעלי-חובות, וועלכע האבען אזעלכע פאלשע קוויטונגען אנגענומען און איינגעשטימט אנצוקלאגען אויפ'ן סמך פון די דאזיגע קוויטונגען די אידען און אבנארען זיי אין אויספרעסען ביי זיי געלד. די אונגליקליכע ארימע בעלי-חובות האבען אזוי ארום געמאכט יד-אחת מיט די שווינדלער און גלחים, כדי צו פארען פון שוואבקאפיגען קעניג לוויג XVI, אז ער זאל מאכען א סוף פון אלע מהומות דאדורך, וואס ער וועט די אידען ארויסטרייבען פון עלזאס. כדי זיין אויפטהו זאל אבער האבען ערפאלג, האט דער שענדליכער ה.ע.ל זיך בעמיהט צו דער-וועקען אלע טייוולאישע כחות געגען די אידען. ער האט ארויסגעגעבען געגען זיי א גיפטיג ביכעל (1779): „בעמערקונגען פון אנ'עלזאסער איבער די מסחרים פון די איצטיגע אידען אין עלזאס", וואו ער האט געשילדערט די אידישע עסקים אויף א שוידערהאפטען אופן, כדי דורך דעם צו פע-שטארקען די שנאה געגען די אידען און צוגרייטען זיי א פאלקאמען חורבן. אין זיין ביכעל האט ער אפילו אנערקענט, אז די קוויטונגען קא-נען זיין געפעלשטע, אבער דערביי האט ער ערקלערט, אז די געטליכע השגחה אליין קעמפט געגען די אידען, כדי זיי צו פערדערבען דערפאר, וואס זיי האבען קריסטוס'ן דערהרג'עט. די צייט איז אבער איצט פארט געווען אנ'אנדערע. די טאלעראנז האט זיך שוין געהאט פערשטארקט, און מיט אזעלכע דרכים האט מען פיעל נישט געקאנט אויפטהון. די גע-מיינע מעשים פונ'ם אויסוואורף זענען ענטדעקט געווארען, און מען האט איהם אויפ'ן בעפעהל פון קעניג ארעסטירט און ארויסגעטריבען פון על-זאס. דער קעניג האט אויך ארויסגעגעבען א דעקרעט (מאי 1780), אז מען זאל די פראצעסען וועגען פראצענט נעהמען מעהר נישט משפט'ן אין לאנדעס-געריכט פון די פריצים, נור אין מלוכה-ראט פון עלזאס.

אַט די מעשים האָבען ענדליך בעוואויגען די עלזאַסער אידען צו ווענדען זיך צום מילדען קעניג לודוויג XVI מיט אַ ביטע צו ערלייכטערן זייער אונערטרעגליכע לאַגע. זייערע פערטרעטער (סערף בער?) האָבען אויסגעאַרבייט אַ מעמאָראַנדום פאַר'ן מלוכה־ראַט וועגען די אוּנמענשליכע געזעצען, וועלכע עקזיסטירען וועגען זיי און געמאַכט אויך פאָרשלאַגען, ווי אַזוי אויסצובעסערען זייער לאַגע. זיי האָבען אָבער געשפירט, אַז חאָם מעמאָראַנדום דאַרף זיין אַזוי צוזאַמענגעשטעלט, אַז עס זאָל אויך האָבען אַ גוטע ווירקונג אויף דער עפענטליכער מיינונג, וועלכע איז דאַמאָלס, קורץ פאַר דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך, געווען אויך אַזוי מעכטיג, ווי דעם קעניגס מיינונג. אָבער צווישען די עלזאַסער אידען איז נישט געווען קיין איינציגער, וועלכער זאָל האָבען גענוג גייסט און פעהיגקייט אויסצואַרבייטען אַזאַ ווערק אין אַן'אָנציהענדער פאָרם.

צו וועמען האָבער האָבען זיי זיך געזאָלט ווענדען אויב נישט צו מענדעלסאָנען, אויף וועלכען די אייראָפּעאישע אידען האָבען שוין דאַמאָלס געקוקט, ווי אויף זייער פאָדער־קעמפּפער? צו איהם האָבען די עלזאַסער אידען דעריבער צוגעשיקט דעם נויטיגען מאַטעריאַל און געבעטען איהם, אַז ער זאָל זייער מעמאָראַנדום געבען די געהעריגע שענע פאָרם און שאַרפקייט. מענדעלסאָן איז אָבער דאַמאָלס געווען בעשעפטיגט מיט אַנדער וויכטיגער אַרבייט אָדער, מעגליך, אַז ער איז כלל נישט געווען דער מענש אַזאַ דאָקומענט צו פערפערטיגען. צום גליק האָט ער אָבער אין דער זעלביגער צייט געפונען אַ נייעם פריינד און בעוואונדערער, וועלכער איז דורך זיין קענטעניש און שטעלע געווען אַמבעסטען פעהיג צו אַזאַ אַרבייט. דאָס איז געווען כ ריסטיאַן ווילהעלם דאָהם (געבוירען 1751 געשט. 1820), וועלכער איז מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם, צוליעב זיין גרינדליכער קענטניש אין דער געשיכטע, בעשטימט געוואָרען דורך פריעדריך דעם גרויסען אויף אַ שטעלע אין מלוכה־אַרכיוו און בעשאָנקען געוואָרען מיט אַ טיטול קריעגס־ראַט. — ווי אַלע יונגע און עלטערע געלעהרטע פון יענער צייט, האָט אויך דאָהם געהאַלטען פאַר אַ חוב צו קומען פאָרשטעלען זיך דעם אידישען פילאָזאָף, קומענדיג קיין בערלין; אין מענדעלסאָנס קרייז האָט דאָהם זיך געשפירט זעהר בעצויבערט דורך זיין פערזענליכקייט. יעדער געבילדעטער קריסט וועלכער איז נור געשטאַנען נאָהענט צו מענדעלסאָנען, האָט זיך בּיסלעכווייז געוואוינט אָפּצוקוואַרפען זיינע אבערגלויבענס געגען די אידען און געשפירט אַ געפיהל פון רחמנות און בעוואונדערונג פאַר אַ פאָלק, וואָס האָט נאָך אַזוי פיעל ענוים און רדיפות געקאָנט אַרויסגעבען אַזאַ פערזענליכקייט, ווי מענדעלסאָן. דאָהם האָט אין יענער צייט שוין זיך געהאַט בעשלאָסען צו ווידמען זיין צייט דעם שטודיום פון דער אידישער געשיכטע, כדי צו קאָנען שרייבען „די געשיכטע פון אידישען פאָלק, זינט נאָכ'ן חורבן פון זיין מלוכה“. ער האָט דעריבער גערן איינגעשטימט

אויסצואַרבייטען צוזאַמען מיט מענדעלזאָנען דאָס מעמאָראַנדום פאַר די עלזאַסער אידען. ביי דער בעאַרבייטונג פונ'ם דאָזיגען ווערק איז אָבער אין איהם ענטשטאַנען דער געדאַנק, צו אַרבייטען נישט בלויז לטובת די עלזאַסער אידען, נור פאַר אַלע אידען אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבען גע-ליטען די זעלבע חרפות און שפלות, ווי די עלזאַסער אידען. אַזוי אַרום איז ענטשטאַנען דער טייערער מאמר: „איבער די בירגערליכע פערבעסע-רונג דער אידען“ (געענדיגט: אויגוסט 1781) — אַ ווערק, וואָס האָט צו-ערשט געהאָלפען אַראָבנעהמען דעם שווערען יאָך פון אידישען נאַקען. דערמיט האָט דאָהם, אויך אַזוי ווי לעסינג מיט זיין „נתן החכם“, אויס-געצאָהלט כאָטש אַ קליינעם טייל פון דער גרויסער שולד פון דייטשען פאָלק געגען די אידען, וועלכע די דייטשען האָבען פערקנעכטעט און דערנידעריגט אויף אַ שענדליכען אופן.

אויך פריהער זענען אַרויסגעטראָטען אין פערשידענע ציימען איי-ניגע דייטשען, אַלס פערטיידיגער פאַר די אידען, ווי, למשל, רייכלין און אַנדערע. אָבער אין זייערע שריפטען האָט מען געשפירט אַ געמיש פון רעליגיעזע אַנשויאונגען, מייסטענס, פריידענקענדע און דעריבער איז זייער ווירקונג געווען אַ שוואַכע; אין דאָהם'ס ווערק דאַגעגען זענען קיין רעליגיעזע מאָטיווען גאָר נישט געווען. דאָהם האָט זיך געווענדעט נור צו דענקענדע און געבילדעטע מלוכה-לייט און בעטאָנט בעזונדערס שטאַרק דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען שטאַנדפונקט אין דער אי-דישער פראַגע. בלי ספק, דער גרויסער מענשענפריינד, וואָס האָט דער ערשטער דערהויבען זיין שטימע לטובת דער בעפרייאונג פון די נעגערן אין אַמעריקאַ האָט זיך בעגעגענט מיט קלענערע שוועריגקייטען, איידער דאָהם מיט זיין בעשטרעבונג, צו בעפרייען די אידען. דען דוקא יענע אומשטענדען, וועלכע האָבען געדאַרפט זיין אַלס אַ מליץ-טוב פאַר'ן אי-דישען פאָלק, נעמליך: די אידישע פעהיגקייט און ריהרעוודיגקייט, דאָס וואָס דורך זיי האָבען די פעלקער צוערשט דערקענט דעם איינציגען גאָט און די פּרינציפּען פון דער הויכער מאָראַל, ווי דער גרויסער, אַלטער אי-דישער יחוס — אָט די אַלע מעלות האָט מען געהאַלטען פאַר דער גרעס-טער אידישער זינד. די אידען זענען פעהיג צום מסחר — זיי זענען חיטריע און נישט-עהרליך; זיי האָבען געלערנט די פעלקער דערקענען גאָט און צייכענען זיך אויס מיט זייער גרויסען יחוס — זיי זענען בעלי-גאוה און עס איז אונמעגליך זיי סובל צו זיין אין דער געזעלשאַפט. וואָס פאַר אַ העלדישקייט מען האָט געמוזט האָבען, אַרויסטרעטענדיג אַלס פערטיידי-גער פון די אידען, נישט אַכטענדיג אויף דער אַלגעמיינער שנאה, איפּ'ן אַלטען איינגעוואָרצעלטען אַבערגלויבען געגען זיי!

דאָהם האָט געשילדערט בערעדעוודיג און וואַרים די שרעקליך עלענדע אידישע לאַגע. אָדער מען פערבאָט איינגאַנצען די אידען צו וואוי-נען אין לאַנד, אָדער מען ערלויבט עס זיי נור אויף אַ קורצע ציים אין

פאַר גוט געלד. פיעל שטעדט זענען פאַר די אידען איינגאַנצען פערשלאָסען; מיט געוואַלדיגער אכזריות פעריאַגט מען די אידען פון יעדען קאַנט, פון יעדער גרעניץ, און עס קומט זיי אויס דעריבער אָדער צו שטאַרבען פון הונגער, אָדער צו בעשעפטיגען זיך מיט כשר'ע עסקים. די צעכען פון בעלי-מלאכות האַלטען פאַר א חרפה פאַר זיך אריינצונעהמען אין זייער חברה אַ אידען. דער איד איז דעריבער ווייט פון יעדער מלאכה און קונסט. אפילו פאַר אַ געניאַלען אידען בלייבט אויך קוים-קוים די מעגליכקייט און דער מוט און גייסטקראַפט, ווי עס איז דורכצושלאָגען זיך ביי אַזעלכע דריקענדע אומשטענדען און קאָנען זיך אַבגעבען מיט וויסענשאַפטען און קונסט. און אפילו אויך אַט די זעלטענע מענשען, וועלכע האָבען דערין דערגרייכט צו אַ הויכער מדרגה, ווי אויך יענע, וועלכע זענען דורך זייער עהרליכקייט אַ כבוד און אַ ציערונג פאַר דער מענשהייט — אפילו אויך זיי קאָנען נור מיט גרויס שוועריגקייט און ביי גאַנץ וועניג מענשען דערשלאָגען זיך, אַז מען זאָל זיי כאָטש פיעל וועניג אַכטען און עהרען. ביי די מאַסען קאָנען אפילו דער העכסטער גייסט און דאָס שענסטע האַרץ נישט אויסקויפען דעם פעהלער — אַ „איד צו זיין". — די רעגירונג האָט געדאַרפט זיך משתדל זיין צו לאָזען אידען בילדען זיך און מיטווירקען זייער זיטליכקייט, וועלכע איז נישט אַבהענגיג פון דער רעליגיאָן. מען זאָגט: די אידען זענען אַזוי שטאַרק פערדאָרבען מאָראַליש, אַז עס איז אונמעגליך צו געבען זיי מענשליכע רעכט. די זאַך איז אָבער, ראשית, כלל נישט ריכטיג, די אידען שטעהען כלל נישט נידעריגער מאָראַליש, ווי די נישט-אידען, און ווידער, אויב אפילו מען זאָל שוין אָננעהמען, אַז די זאַך איז יאָ ריכטיג, שטאַמט דאָך דאָס נור פון זייער אונמעגליך שווערער לאַגע. זאָלען נור די קריסטען זיך פאָרשטעלען, אַז עס וואָלט זיי אַליין אויסגעקומען צו לעבען כאָטש נור אַ קורצע צייט אין אַזעלכע בעדינגונגען, אין וועלכע די אידען מאַטערן זיך, וועלען זיי באַלד איינזעהען, ווי אַזוי זיי אַליין וואָלטען דאַמאָלס אויסגעזעהען מאָראַליש..

דאָהם וואַרפט אויך אַן'איבערבליק אויף דער געשיכטע פון די אידען אין אייראָפּאַ, ווי זיי האָבען אין די ערשטע יאהרהונדערטען געהאַט אין רוים פולע בירגער-רעכט און זענען אַלזאָ געווען אָנערקענט ווערט דאָס צו האָבען; ווי די אידען זענען, צוערשט דורך די ביזאַנטינער און דערנאָך דורך די גערמאַנישע באַרבאַרען, בעזונדערס וועסטגאָטען אין שפּאַניען, דערנידעריגט און בערויבט געוואָרען פון אַלע מענשען-רעכט. פון דער רוימישער מלוכה האָבען די אידען געבראַכט מעהר קולטור, איידער עס האָבען געהאַט אין אייראָפּאַ די הערשענדע נאַציאָנען. אין שפּאַניען האָבען די אידען און אַראַבער געהאַט אַ העכערע קולטור, איידער מען האָט געקאָנט געפינען ביי די קריסטליכע פעלקער אין אייראָפּאַ. — דאָהם הויבט דאַן אָן אויסצורעכענען די פאַלשע בעשולדיגונגען און די רדיפות געגען די אידען אין מיטעלאַלטער

און פון זיין דאָזיגער שילדערונג זעהט מען אַרויס, אַז די אמת'ע באַרבּרען זענען די דאַמאָלסדיגע קריסטען, וועהרענד די אידען ערשיינען אַלס צדיקים, וועלכע ליידען גאָר אומזיסט און געהען אין טויט על קדוש השם — פאַר די ריינקייט פון זייער אמונה און געדאַנקען. — זיין דאָזיגער שילדערונג ענדיגט דאָהם מיט פאָלגענדע ערקלערונג: אַזעלכע מיינונגען בּעגעגען די אידען, ווי מען האָט וועגען זיי בּעשאַפען אין מיטעלאַלטער, פּאַסטען כלל נישט פאַר אונזער אויפגעקלערטער צייט, ווייל זיי זענען אַי בּעגעגען די מענשליכע געפיהלען, אַי נישט-פּאָליטיש. אונזער מלוכה, וועלכע איז געגרינדעט אויף געזונטע אנשויאונגען, דאַרף אַכטען און שעצען יעדען איינוואָהנער, וועלכער היט אָב איהרע געזעצען און פערגרעסערט דורך זיין אַרבּייט און פלייסיגקייט די עשירות פון לאַנד. אויך דער איד האָט דאָס פאָלקאָמע רעכט צו פאָדערן אַזאַ בּעציהונג צו איהם מצד דער מלוכה. צוליב זיין רעליגיאָן דאַרף ער זיין רעכט געוויס נישט פערלירען, ווייל ער קאָן זיך זיין אַ גאַנץ פרומער איד און דערצו אויך אַ גוטער בּירגער. אויב דער איד האָט אונטער דער שרעקליכער בּעדריקונג און צוליעב די גרויסע בּעגרענצונגען, זיך גענומען צו נישט-כשר'ע עסקים, ווערט ער זיי געוויס אָוועקוואַרפען, ווי נור מען ווערט זיך מיט איהם בּעגעהן בּעסער. עס איז אויך מעגליך, אַז די אידען האָבען אַזעלכע אַלטע איינגעוואָרצעלטע פעהלערן, וועלכע זיי וועלען פערלאָזען ערשט אין דריטען, אָדער אין פיערטען דור; אָבער דאָס קאָן נאָך נישט דיענען פאַר אַ מאָטיוו אויף נישט מבטל צו מאַכען אַלע בּעגרענצונגען געגען זיי, ווייל אָהן דעם דאָזיגען מבטל מאַכען, וועלען זיך די אידען קיינמאָל נישט אויסבּעסערן. — ענדליך ערקלערט חאָהם פאָלגענדעס: פון די אידען קאָן דאָס לאַנד ערוואַרטען זעהר פיעל גוטס, ווייל זיי האָבען קאַפּיטאַל, פעהיגקייט און געשיקליכקייט. זיי בּעזיצען בּעזונדערס קלוגשאַפט, שאַרפע מחות, פלייסיגקייט, התמדה אין דער אַרבּייט און אַ פעהיגקייט צו קאָנען זיך צופּאַסען צו יעדער לאַגע.

דעם רעזומע (סך הכל) פון זיינע בּעווייזען לטובת די אידען פיהרט אויס דאָהם אַזוי: די אידען האָבען פון דער נאַטור ערהאַלטען גלייכע פעהיגקייט, צו קאָנען ווערען בּעסערע מענשען און נוצליכערע מיטגלידער אין דער מלוכה, און נור די צייט און די רדיפות האָבען זיי פערדאָרבען; די מענשליכקייט, די גערעכטיגקייט און אויך די קלוגע פּאָליטיק מוזען דעריבּער מאַכען אַ סוף צו די רדיפות און בּעגרענצונגען, און אויסבּעסערן דעם אידישען צושטאַנד, כדי דאַדורך צו דערהויבען דעם צושטאַנד פון דער מלוכה גופא. „איך ערלויב מיר אפילו — רופט אויס דאָהם — גליק צו ווינשען יענע מלוכה, וועלכע וועט די ערשטע פערווירקליכען די דאָזיגע פּרינציפּען בּנוגע צו אידען און אויסבּילדען אַליין פאַר זיך געטרייע און דאַנקבּאַרע אונטערטאַנען; אַזאַ מלוכה וועט פון איהרע אידען מאַכען געטרייע בּירגער.

דאָהם האָט אויך אַנגעוויזען די מיטלען, ווי אַזוי מען קאָן פאַרבערייטען די אויסבעסערונג פון די אידען, און זיינע פאַרשלאַגען זענען געוואָרען א פּראָגראַם פאַר דער צוקונפט. קודם כל האָבען די אידען געדאַרפט בעקומען פאָלקאָם גלייכע רעכט מיט אַלע אַנדערע דייטשע בירגער. זייער זיטליכע דערהויבונג האָט געדאַרפט פערווירקליכט ווערען דאָדורך, וואָס מען זאָל ערלויבען צו גרינדען אייגענע גוטע שולען, אָדער אַריינלאָזען זיי אין די אַלגעמיינע שולען, וואו די קריסטען לערנען, ווי אויך צו דערהויבען דעם גייסט פון די דערוואַקסענע אידישע בחורים אין די ישיבות. מען דאַרף אָבער אויך די קריסטליכע בעפעלקערונג דורך דרשות און אַנדערע מיטלען תמיד לערנען, אַז זיי ברויכען צו בעטראַכטען די אידען אַלס זייערע ברידער און מיטבירגער. דאָהם האָט אויך געוואָלט, אַז מען זאָל די אידען געבען פאָלקאָמע פרייהייט אין זייערע אינערליכע רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען: אין די מנהגים פון די שוהלען, צו בויען שוהלען, וואו און ווען זיי ווילען, בעשטימען לעהרער, שטיצען אָרימע לייט א. ד. ג. נור איין איינציגעם רעכט האָט ער געוואָלט ביי זיי צונעהמען: מען זאָל זיי נישט דערלאָזען פערנעהמען קיין עפענטליכע מלוכה-שטעלעס. אַז אידען קאָנען זיין פעהיג אויך דערצו — אַזוי הויך האָט אויך דאָהם זיך נישט געקאָנט דערהויבען. אָבער די נאָהענטע צוקונפט האָט דערוויזען, ווי פאַלש דאָהם'ס דאָזיגע מיינונג איז געוועזען וועגען די אידען.

דאָהם האָט פאָראויסגעזעהען, אַז זיין עמאַנציפּאַציאָנס-פּראָגראַם פאַר די אידען וועט בעגעגענען די העכסטע געגנער צווישען דעם צעד פון די פּראָפעסאָרען און טהעאָלאָגען. ער האָט זיך דעריבער געווענדעט צו דער „חכמה פון דער רעגירונג", אַז זי זאָל פערווירקליכען זיין פּראָגראַם, דען זי האָט דאַמאָלס מעהר נוטה געוועזען צו רעפאָרמען, ווי די פעלקער אַליין. מען זעהט גאַנץ קלאָר, אַז הינטער דאָהם שטעהט מענדעלסאָהן און אויב ער דיקטירט איהם נישט וואָרטליך אַלץ, וואָס ער שרייבט, בעגייסטערט ער דאָך איהם מיט זיינע געדאַנקען פון מילדקייט און מענשענליעבע, ערקלערענדיג איהם אויך פיעל פונקטען, וועלכע זענען געוועזען אונבעקאַנט די קריסטליכע שריפטשטעלער וועגען די אידען. אויב אַלזאָ מענדעלסאָהן איז נישט דער אמת'ער פאָטער פון דאָהם'ס בוך, איז ער דאָך ווענינגסטענס זיין גייסטיגער פאָטער.

דאָהם'ס בוך איז באַלד נאָך זיין ערשיינען געוואָרען העכסט פאָלקסטימליך; מען האָט עס פיעל געלעזען, פיעל גערעדט וועגען איהם, נאַטירליך אויך פיעל קריטיקירט, גערעדט געגען איהם און נור זעהר ווייניג מענשען האָבען מיט איהם איינגעשטימט. קודם כל האָבען יענע לייט, וועלכע ליעבען רכילות, באַלד אַרויסגעלאָזט א קלאַנג, אַז די אידען האָבען אונטערגעקויפט דאָהם'ען מיט זעהר פיעל געלד. די איינציגע סימנים פון צופרידענהייט און דאַנק, וואָס די אידען האָבען אָבער אין דער ווירקליכקייט אַרויסגעוויזען דאָהם'ען, זענען געוועזען נור דאָס, וואָס

די בערלינער קהלה האָט אין זיין געבורטסטאָג געשאָנקען איהם אַ זילבער־נעם שייד, אַז די אידען פון בראַזיליען האָבען איהם אַריינגעשיקט אַ דאַנק־בריעף און איין אידישע משפחה אין ברעסלוי האָט אַנגענומען, איהם צו עהרען, דעם פאַמיליען־נאָמען ד אָ ה ם. אָבער לטובת די אידען האָט דאָהם'ס ווערק געמאַכט אַ שטאַרקען רושם. דאָס גליק האָט זיך צוגעווענדעט צו די אידען, נאָכדעם ווי עס האָט אין אַ משך פון אַזוי פיעל הונדערטער יאָהרען זיך אָבגעווענדעט פון איהם. ווי נור דאָהם'ס בוך איז ערשינען, האָט דער קייזער י אָ ז ע ף, דער ערשטער עסטרייכישער קייזער, וועלכער האָט זיך בעצויגען מענשליך צו אידען, אַרויסגעגעבען אַ גאַנצע רייהע געזעצען וועגען אידען, וועלכע זענען אפילו געוועזען צוואַנגס־געזעצען, אָבער דאָך דורכגעדרונגען פון ריכטיג אמת'ער מענשענליעבע.

קודם כל האָט מען זיי ערלויבט (19 אָקטאָבער 1781) צו לערנען מלאכות, קונסט, וויסענשאַפטען און אויך צו בעשעפטיגען זיך מיט לאַנד־אַרבייט, אויך אפילו אונטער געוויסע בעגרענצונגען. די טויערען פון די אוניווערזיטעטען און אַקאַדעמיען, וועלכע זענען ביז יענער צייט געוועזען פאַר זיי פערשלאָסען, האָבען זיך פאַר זיי געעפענט. די אויסבילדונג פון דער אידישער יוגענד איז זעהר טייער געוועזען דעם דאָזיגען קייזער, וועלכער איז געוועזען אַ ליעבהאָבער פון דער פילאָזאָפישער מאָראַל. ער האָט דעריבער בעפוילען צו גרינדען עלעמענטאַרע און העכערע נאָרמאַל־שולען פאַר אידען און אויף די דערוואַקסענע האָט ער אַרויפגעלעגט אַ חוב, אַז זיי מוזען זיך אויסלערנען די לאַנד־שפּראַך. דעם רעליגיאָנס־צוואַנג האָט ער אָבער דערביי דערווייטערט; אַלץ וואָס איז געגען דער אידיישער אמונה, האָט געדאַרפט אויסגעשלאָסען ווערען פון דער שול. אַ ספּעציעלען בעפעהל האָט קייזער יאָזעף אַרויסגעגעבען (2־טען נאָוועמבער 1787), אַז מען זאָל זיך מיט די אידען בעגעהן פריינדליך, בעהאַנדלען זיי אַלס „נ ע ב ע נ־מ ע נ ש ע ן“ און אויסמיידען אַלע עקסצעסען (ווילדקייטען) געגען זיי. אויך דעם לייבצאָהל, וועלכער איז נאָך אַ גרעסערע חרפה פאַר די קריסטען, אַלס פאַר די אידען, האָט י אָ ז ע ף ד ע ר צ וו י י ט ע ר, זכרונו לברכה, דער ערשטער מבטל געמאַכט. צו מאַכען די אידען פאַר פאָלקאָם גלייכבערעכטיגטע בירגער, האָט ער אפילו נישט געטראַכט, פערקעהרט, עס איז זיי נאָך געבליבען, ווי פריהער פערבאָטען, צו וואוינען אין פיעל שטעדט, וואו די בעפעלקערונג האָט זיי אויסגעשלאָסען צוליעב רעליגיעזע מאָטיווען. אפילו אין וויען גופא האָבען אידען געמעגט, וואוינען נור אַלס אַנ'אויסנאַהם, אי דאָס פאַר אַ בעזונדער געצאָהלט (שוץ־געלד); אייך קיין שוהל האָבען זיי דאָרט נישט געטאָרט האָבען. די גרויסע אידישע סוחרים און זייערע געעהרטע לייט, ווי אויך זייערע זיהן האָט דער קייזער ערלויבט צו טראָגען אַ שווערד (2 יאַנואַר 1782). ער האָט בעזונדערס שטרענג בעפוילען די קריסטען, אַז זיי זאָלען רעדען פריינדליך מיט די אידען. דער דייטשער דיכטער קלאָפּשטאָק האָט צוליעב דעם געדיכטעט אַ

לויב-געזאנג (אדע) לכבוד דעם קייזער יאזעף I.

אזוי ארום איז געמאכט געווארען די התחלה. די טויזענד-יעהריגע חרפה, וועלכע עס האבען געווארפען אויף דעם אידישען פאלק די קירכע מיט איהר פיינדשאפט, די פירשטען מיט זייער תאוה צו געלד און די פעלקער מיט זייער טפשות פון אבערגלויבעריי איז, לפחות אין איין לאנד, טיילווייז פון זיי אראבגענומען געווארען. דאדורך האבען דאהם'ס פארשלאגען בעקומען א פיעל בעדייטענדער בעאכטונג; מען האט זיי שוין מעהר נישט בעטראכט אלס פוסטע חלומות פון א אידעאליסט, נור אלס פאליטישע אנשויאונגען, וועלכע פערדינען ערנסט בעטראכט צו ווערען. געלעהרטע, גלחים, מלוכה-לייט און פירשטען האבען אנגעהויבען זיך ערנסטליך בעשעפטיגען מיט דער אידישער פראגע. דיעז, דאהם'ס פריינד, איינער פון די בעסטע לייט פון יענער איבערגאנגס-צייט און שפעטער פרייסישער געזאנדטער אין טערקישען הויף, האט געהאלטען, אז דאהם האט צו-ווייניג פערלאנגט פאר די אידען: „איהר זאגט זעהר ריכטיג — שרייבט ער צו דאהם — אז די איצטיגע זיטליכע פערדארבענהייט פון די אידען שטאמט פון די גרויסע רדיפות געגען זיי. אבער כדי בעסער צו בעפארבען דאס בילד און מילדערן אויך די פארוואורפען, וועלכע מען מאכט די אידען, וואלט אויך נוצליך געווען צו שילדערן אין דער זעלבינער צייט די פערדארבענהייט פון די קריסטען וועלכע איז געווים נישט קלענער ווי די אידישע און איז פיעל מעהר איהר סבה“.

עס פערשטעהט זיך, אז עס האבען אויך נישט געפעהלט אין יענער צייט קיין צוררים, וועלכע זענען אין זייערע שריפטען אנגעפאלען אויף אידען. בעזונדערס האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע אנפאלען איין ביכעל געדרוקט אין פראג: „וועגען דעם אונגוצען פון די אידען פאר די מדינות בעהמען און מעהרען“, וואו דער שרייבער חזר'ט איבער אלע אלטע פערשימעלטע און פערזשאווערטע טענות געגען די אידען, אז זיי פערסמ'ן די ברונענס א. ד. ג. דער קייזער יאזעף האט דאס ביכעל פערבאטען (2-טען מערץ 1782), — א פערביסענעם שונא האבען די אידען אויך געהאט אין דער פערזאן פון פריעדריך טרויגאט הארטמאן, וועלכען אייניגע אידען האבען אבגענארט אין א סומע פון עטליכע גילדען; אבער אויך הארטמאנ'ס ווערק האט פיעל נישט געקאנט שאדען ברענגען די אידען דוקא פאר זיינע גראבע אויסדריקען און זידלערייען. פיעל מעהר האבען געבראכט שאדען די אידען מיט זייער פראפאגאנדע די דייטשע שולעהרער, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער נישט-טאלעראנטען גייסט און געקוקט אויף די אידען ווי אויף א נידעריגע ראסע, וועלכע מען מוז האלטען פאר קנעכטעט. צווישען די דייטשען האבען כמעט קיינמאל נישט געפעהלט קיין מלומדים, וואס זענען געווען פערביטערטע אידענפיינד און פער'עקשנט אין זייער שנאה מיט אנ'עכטען דייטשען פעדאנטיזם. אפילו אזא גרויסער געלעהרטער ווי יאהאן דויד מיכאעליס,

א טעאלאג און א קענער אין העברעאיש, האט זיך אויך געהאלטען ביים אבערגלויבען געגען די אידען. נאך מיט א פאר צעהנדליג יאהר פאר דעם, בשעת עס איז ערשינען לעסינגס דראמא: „דער איד“, ערקלערט ער אין א רעצענזיע, אז „אנ'איידעלער איד איז א פאעטישע אונמעגליכקייט“. די ערפאהרונג האט איהם אפילו דורך מענדעלסאָנען און פיעל אנדערע גרויסע אידען דערוויזען, ווי פאלש זיין מיינונג איז, אבער א דייטשער פראפעסאר טאר נישט מודה זיין, אז ער האט א טעות געהאט אמאל. מיכאעליס האט אין א רעצענזיע וועגען דאהמ'ס שריפט אויך איצט ערקלערט, אז די אידען זענען א ראסע, וועלכע מען קאן נישט אויסבעסערן; אפילו שווייגעלד צו נעהמען פון די אידען איז א גאנץ כשר'ע און גערעכטע זאך. דער איד טהוט פינף און צוואנציג מאל מעהר פערברעכענס, ווי דער קריסט. די אידען פערמעהרען זיך זעהר געשווינד און, אויב מען וועט די אידען געבען בירגער-רעכט אין דייטשלאנד, וועלען זיי איינעהמען גאנץ דייטשלאנד. קיין גוטע סאלדאטען וועלען די אידען קיינמאל נישט זיין, ווייל זייער תורה און רגילות זענען געגען עס. מיכאעליס האט זיך אפילו אויך נישט געשעמט איבערצוחזר'ן אייזענמענגער'ס רכילות, אז די אידען שווערען פאלש און פארבייגעהענדיג האט ער אויך צבוע'יאקיש ערקלערט, אז ער פערשטעהט כלל נישט, וואס עס פעהלט די אידען אין דייטשלאנד, און פארוואס דאהם קלאגט זיך אזוי שטארק. — אבער אינ'ם געגענווערטיגען מאמענט האבען מיכאעליסעס אנפאלען אויף די איהען זיי קיין שאדען נישט געבראכט, ווייל סיי ווי סיי וואלטען דאמאלס די דייטשע פירשטען נישט געגעבען די אידען קיין בירגער-רעכט, און אויב זיי האבען טיילווייז דאס יא געטהון, איז עס פארגעקומען צוליב דער היסטארישער נויטווענדיגקייט, געגען זייער ווילען. אפילו פריעדריך דער גרויסער, וועלכען דאהם האט בעזונדערס געהאט אין זינען, ווען ער האט זיין ספר געשריבען, האט אין קיין הינזיכט נישט פערלייכטערט די אידישע לאגע. ווען דער רייכער איד א פ ר י ם פ יי ט ע ל (וועלכער האט מיטגעווירקט ביים פערערגערן די מטבעות) האט אנגעגעבען דעם קעניג א ביטע, אז ער זאל לפחות ערלויבען די אידען, צו בעשעפטיגען זיך מיט פערשידענע מלאכות, האט פריעדריך אויך די דאזיגע ביטע אבגעזאגט. דאהמ'ס גרויסארטיגער פערדינסט בעשטעהט אבער דערין, וואס ער האט בעשאפען אנ'עפענטליכע מיינונג וועגען די אידען. די דאזיגע האט קודם כל געווירקט אין פראנקרייך לטובות די אידען. אזוי ארום האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס, וואס דער גיפטיגער עלזאס'ער לאנדריכטער ה ע ל האט אגיטירט, אז מען זאל די אידען פון עלזאס ארויסטרייבען, האט געפיהרט דערצו, אז די אידען זאלען אין פראנקרייך גאר בעקומען גלייכבערעכטיגונג.

מענדעלסאָן האט אויך אין דער דאזיגער בעוועגונג לטובת די אידען אבגעהיט די פארזיכטיגקייט און נישט ארויסגעטראטען עפענטליך אלס א מליץ-טוב פאר אידען, דען ער האט נישט געוואלט ציהען

אויף זיך דעם חשד, אז ער איז פּאַרטייאיש און ער פערטרעט אין יעדען פּאַל די אינטערעסען פון זיינע ברידער, לויט רעליגיאָן און אַבשטאַמונג. ער איז אָבער העכסט גליקליך געוועזען צו זעהען, ווי עס האָבען זיך געפונען מענשען, וואָס נעהמען אַנטייל אין׳ם אידישען צער: „אַ דאַנק דער העכסטער גוטיגער השגחה, וואָס זי האָט מיך אין מיינע לעצטע יאָהרען מזכה געוועזען, צו זעהען די גליקליכע צייט, ווען די רעכטע פון דער מענשהייט ווערען אַנערקענט אין זייער גאַנצען אומפאַנג". אָבער צוויי פונקטען האָבען איהם פּאָרט דערוועקט צו ברעכען זיין שווייגען. ער האָט איינגעפונען, אז דאָהם האָט נאָך צו־וועניג אויפריים־מאַטעריאַל געוואָרפען געגען דער דיק־הויטיגער חיה פון אידענפיינדשאַפט, כדי אָבצווענדען אַלזאָ די אידישע פראַגע פון יענעם דרך, אויף וועלכען דאָהם האָט איהר געפיהרט, ווי אויך מעגליכסט מעהר און שטאַרקער צו ווירקען געגען דער שנאה צו אידען, האָט ער געלאָזט איבערזעצען דורכ׳ן יונגען אידישען דאָקטאָר מ אַ ר ק ו ס ה ע ר ץ ר ב י מ נ ש ה ב ן י ש ר א ל ׳ ס ווערק פון ענגליש אויף דייטש, — אַ ווערק, אין וועלכען עס ווערען אָבגעלייקענט פיעל שקרים און פאַלשע בעשולדיגונגען געגען די אידען; צו דער איבערזעצונג האָט מענדעלסאָהן צוגעגעבען אַ הקדמה מיט פיעל קלאָרע און האַרציגע געדאַנקען (מערץ 1782). דאָס איז געוועזען דאָס ווערק „תשועת־ישראל" — „די רעטונג פון די אידען". דאָס ווערק האָט געדאַרפט בעגלייטען אין דער וועלט אריין דאָהם׳ס בוך.

דורך דעם דאָזיגען ספר האָט מענדעלסאָהן געוואָלט אויך ווירקען געגען דער צווייטער זאַך, וואָס איז איהם נישט געפעלען געוועזען אין דאָהם׳ס ווערק — אויף זיין פערלאַנג, אז די רעגירונג זאָל ערלויבען די רבנים און פרנסים אריינצולעגען אין חרם די אידען, וועלכע בעגעהען אַ וועלכע ס׳איז זאַך געגען זייערע בעגריפען. מענדעלסאָהן ערקלערט דעריבער אין זיין הקדמה צו דער איבערזעצונג, אַז אויב די פאָרשטעהער פון די רעליגיאָנען האָבען גענומען אליין פאַר זיך דאָס רעכט, צו בעשטראָפען זייערע אָנהענגער פאַר׳ן עובר זיין אויף זייערע געזעצען, האָט אָבער די רעליגיאָן גופא קיין אַנטייל נישט דערין, ווייל „די רעליגיאָן נויטיגט זיך כלל נישט אין הענד און אָרעמס צו שטיצען איהר, דען זי איז אינגאַנצען אַ גייסטיגע זאַך, מוח און האַרץ, און אויך דעם זינדיגען מענשען פערשטויסט זי נישט אריינצוקומען צוריק אין איהרע טויערן". — „איך דענק — שרייבט ווייטער מענדעלסאָהן, — אַז די גרויסע חכמים, וואָס זענען געוועזען צווישען אונזערע עלטערן, האָבען נישט פערלאַנגט אַזאַ זכות פאַר זיך, אַז זיי זאָלען קאָנען פערטרייבען עמיצען פון אַנטייל נעהמען אין׳ם גאָטעסדיענסט". — דערביי דערמאָהנט ער שלמה המלך׳ס תפלה, אַז גאָט זאָל אויסהערען אויך די תפלה פון געצענדינער, וואָס וועלען קומען אין בית־המקדש אריין תפלה טהון צו איהם, און אין צווייטען בית המקדש פלעגט מען אפילו אויך אַננעהמען קרבנות פון

געצענדיענער. אין וויטער: „די מענשהייט האט נאך נישט דערגרייכט צו אזא מדרגה פון ברידערשאפט, אז מען זאל קאנען ערלויבען בעדיענען זיך מיט אזא שארף געוועהר, ווי פויסט, דען אויב מען וועט די רעליגיאנס־בעאמטע געבען דאס רעכט צו בעשטראפען עמיצען, וועלען זיי געוויס מיסברויכען אזא רעכט, ווייל עס איז נאך כלל נישטא קיין רעליגיעזע קאנגרעגאציעס, קיין פריעסטער, וועלכע מען זאל קאנען אנטרויען אזא זאך אהן סכנה פאר די בירגער". די אידישע רבנים און פרנסים בעשווערט מענדעלסאן, אז זיי זאלען זיך היטען אנצווענדען דעם חרם אדער קללות געגען זייערע מיטגלידער. די אידען ווייסען אמבעסטען, וויפיעל מען לייד'ט פון רעליגיעזען אבערגלויבען און אונטאלעראנז; מען טאר נישט גלויבען, אז די רעליגיע קאן מען שטיצען נור מיט אן אייזערנעם יאך... „מיינע ברידער! געהט בעסער אין וועג פון דער ליעבע, ווי איהר זענט געגאנגען ביז איצט אין וועג פון דער שנאה!"...

אין יענער צייט איז מענדעלסאן שוין געשטאנען אזוי הויך אין דער עפענטליכער מיינונג, אז יעדעס ווערק פון איהם פלעגט גלעזען ווערען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט. די הויפט־געדאנקען פון דער הקדמה, אז די רעליגיאן דארף ~~נישט~~ אנווענדען קיין צוואנגס־מיטלען, זענען געווען גאנץ פרעמדע פאר די קריסטליכע לעזער, דען זיינט די קריסטליכע רעליגיאן האט דערגרייכט צו דער הערשאפט האט זי געוואלדיג גערודפ'ט די האלב־גלויביגע, די אפיקורסים און כופרים דורך חרמים, תפיסה, ענוים און ענדליך האט זי זיי פערברענט אין פלאמען־פייער. און אט קומט א איד און ערקלערט, אז די רעליגיאן מוז גאר ליעבע און מילדקייט קענען און געברויכען, אבער נישט צווינגונג! — אויפגעקלערטע קריסטליכע געלעהרטע און גלחים האבען עפענטליך ארויסגעזאגט זייער איינשטימונג מיט מענדעלסאנ'ס געדאנק, אבער די פאנאטיקער האבען דערין געזעהען א חורבן פון דער רעליגיאן. אויך צווישען אידען האבען זיך געפונען אזעלכע, וואס האבען מיט זיין מיינונג נישט איינגעשטימט, ווייל אין דער תורה זענען דאך יא פארהאן שטראפען פאר עבירות, וואס מען בעגעהט געגען גאט. א געוויסער קריסט האט פארגעווארפען מענדעלסאנען אין א ווערק: „די פארשונג נאך ליכטיגקייט און וואהרהייט", אז ער האט ענדליך אראבגענומען פון זיך די מאסקע און צוגעווענדעט צו דער רעליגיאן פון ליעבע, אבווענדענדיג זיך פון דער אידישער רעליגיאן, וועלכע ענטהאלט קללות און שטראפען פאר פערשידענע עבירות. מענדעלסאן איז דאדורך צום צווייטען מאל געצוואונגען געווארען ארויסצוטרעטען פון זיין צוריקהאלטונג און ארויסצוזאגען זיך אין רעליגיעזע פראגען. געטהון האט ער עס אין זיין נייעם ספר „ירושלים" (אויף דייטש: „יערוזאלעם") אדער „וועגען רעליגיעזער מאכט און יודענטום" (פריהלינג 1783).

אינ'ם דאזיגען ספר שטעלט אויף מענדעלסאן אן אייגענע מלוכה־טעאריע,

לויט וועלכער די רעגירונג קאָן בעשטראָפען נור פאַר מעשים, אַבער נישט פאַר געדאַנקען, אָדער מיינונגען. נאָך וועניגער רעכט האָט די קירכע צו בעשטראָפען, ווייל איהר גאַנצע מאַכט בעשטעהט נור אין לערנען און טרייסטען. קירכליכע אויסשליסונג, חרמים, אָדער גאָר רדיפות און פערברענען זענען אַ טעות און אַ פערכאַפּען קיין נישט געהעריגע מאַכט אָהן קיין שום רעכט.

דאָס יודענטום אַנערקענט די אינערליכע פרייהייט פון רעליגיעזע איבערצייגונגען. דאָס אַלטע עכטע יודענטום ענטהאַלט דעריבער כלל נישט קיין גלויבענס־פּרינציפּען (עקרים), קיין סימבאָלישע ביכער, אויף וועלכע מען דאַרף בעשווערען אָדער פערפּליכטען די מאמינים צו גלויבען; עס פאָדערט כלל נישט קיין גלויבען, נור וויסען און פערשטעהן. מען פעראַכטעט דאָך אַזוי שטאַרק דאָס יודענטום ביי די קריסטען, אַבער אין יודענטום האָט יעדער דאָס רעכט צו דענקען גלויבען אָדער אַ טעות האָבען, ווי עס געפעלט איהם, נישט חייסענדיג דערפאַר אפּיקורסות. די בעשטראָפונגען אין יודענטום הויבען זיך אָן ערשט דאַמאָלס, ווען די געדאַנקען פערווירקליכען זיך אין מעשים. דאָס יודענטום איז נישט קיין רעליגיאָן, וועלכע גאָט האָט געגעבען, נור אַ געזעצגעבונג. אין דער קאָנסטיטוציע, וואָס גאָט האָט געגעבען אידען איז מלוכה און רעליגיאָן איין זאַך. אין דער פריהערדיגער גאַנץ אַלטער צייט איז דאָס בירגערליכע אויך געווען דאָס רעליגיעזע: בירגערדיענסט האָט אויך געהייסען גאָטעסדיענסט. יעדע עבירה, דאָס הייסט, יעדעם עובר זיין אויפ'ן געזעץ האָט זיך גערעכענט פאַר אַ פּגיעה, אָדער אַ בעליידיגונג פון גאָטעס כבוד, געגען זיין מאַיעסטעט, אַלזאָ איז עס געווען אויך אַ מלוכה־פערברעכען. נאָכדעם ווי דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, דאָס הייסט, ווען די אידישע מלוכה האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען, האָבען אויך אויפגעהערט אַלע „קנסות און דיני נפשות", דאָס הייסט: אַלע געלד־ אָדער לייב־ און לעבענס בעשטראָפונגען פאַר רעליגיעזע עבירות.

געגען יענע לייט, וועלכע האָבען געטענהט, ערנסט אָדער כדי צו רייצען מענדעלסאָנען, אַז ער האָט זיך אָבגעווענדעט פון יודענטום, בעטאָנט מענדעלסאָן נאָך איין פּונקט, וועלכער האָט אייגענטליך גאָר נישט קיין שייכות צו זיין געגענווערטיגער פאַרשונג: דאָס ריטואַלע געזעץ פון יודענטום שטאַמט אויך פון גאָט און דאָס איז אַ פליכט פאַר די אידען, ביז „עס וועט דעם אויבערשטען געפעלען אויך אַזוי עפענטליך און זיך אָבצושאַפען עס, ווי ער האָט עס אונז געגעבען". די נויטווענדיגקייט פון ריטואַליען, און איהר בעגרינדונג דורך דעם פערשטאַנד בעווייזט מענדעלסאָן אויך אויף אַנ'אָריגינעלען אופן.

אויך געגען דער פאַלשער בעשולדיגונג, אַז די אידען שווערען פאַלש

איז מענדעלסאָן ארויסגעטרעטען. ער ווייזט נעמליך אָן, אַז ביי די קריס-
טען זענען זיך נוהג צו שווערען פאלש נישט בלויז דער המון, נור דיקא
די אויפגעקלערטע און געלעהרטע לייט: גלחים, פראָפעסאָרען און מלוכה-
לייט. זיי שווערען, למשל, אַז זיי גלויבען אין געוויסע פרינציפּען, לויט
ווי מען ערקלערט עם זיי, כאָטש אין דער ווירקליכקייט גלויבען זיי אין
זיי כלל נישט, אָדער זיי גלויבען אויף אַנ'אַנדער אופן, לויט ווי זיי אַליין
פערשטעהען עס. ביי אַלעם דעם פערלאָזען זיי נישט זייערע מלוכה-שטע-
לעס און בעקומען אַלע הנחות און הכנסות, וואָס די שטעלעס גיבען זיי,
חאָטש אין דער ווירקליכקייט האָבען זיי, לויט זייער פאַלשער שבועה
גאָר קיין רעכט נישט צו פערבלייבען אויף זייערע שטעלעס. די סבה
דערפון איז וואָס די מלוכה אין די רעליגיאָן מישט זיך אין די אינער-
ליכע מיינונגען און אמונות פון די מענשען: „צעהלט נור אויס פריהער
אַלע אייערע פראָפעסאָרען און גלחים, וועלכע צווייפלען אין די גלויבענס-
פרינציפּען. אין וועלכע זיי זענען געשוואָרען אָננעהמענדיג זייער שטעלע,
אַלע אייערע בישאָפען, וועלכע זיצען אין אבער-הויז (מלוכה-ראַט), אַלע
אמת-גרויסע לייט אין ענגלאַנד אויף די הויכע שטעלעס, וועלכע גלויבען
כלל נישט אין יענע נייען און דרייסיג פרינציפּען, אין וועלכע זיי האָ-
בען צוגעשוואָרען צו גלויבען, לויט דער ערקלערונג פון די, וואָס האָבען
זיי בעשוואָרען, און דערנאָך — נאָכדעם ווי ער וועט אָט די לייט אויס-
צעהלען, קאָנט איהר זיך זאָגען, אַז מען ברויך מיין אונגליקליך פאָלק
נישט געבען קיין פּאָליטישע פרייהייט, ווייל זיי זענען מזלזל אין שבועות!
אָה, זאָל מיך גאָט אָבהיטען פון געדאַנקען פון מענשענפיינדשאַפט! בשעת
די דאָזיגע טרויעריגע בעטראַכטונגען שטעהט איך אין געפאַהר, אָנצוהוי-
בען נישט ווילענדיג פיינד האָבען די מענשען".

דער ערפאָלג פונ'ם ספר „ירושלים" איז געוועזן פיעל גרעסער, ווי
מענדעלסאָן האָט ערוואַרטעט. אַנשטאָט צו פערטיידיגען זיך איז ער
ארויסגעטראָטען אַלס אַנקלאָגער און האָט צאַרט, אָבער אויך גאַנץ
ערנסט אויפגעדעקט די העסליכע זייטען פון דער דאַמאַלסדיגער קירכע
און פון דער קריסטליכער קאָנסטיטוציע. דער פילאָזאָף קאַנט, וועלכער
איז שוין דאָס מאָל געוועזן אַ מפורסם אַלס אַ גרויסער דענקער, האָט גע-
שריבען צו מענדעלסאָנען פאָלגענדעס: „איך האָב אייער בוך „ירושלים"
געלעזען און בעוואונדערט די פיינקייט און קלוגשאַפט פון אייער בעאַר-
בייטונג. איך האַלט דאָס בוך פאַר אַ פאָראויסזאָגונג (פאַר אַ בשורה
טובה) פון אַ גרויסער רעפאָרם, וועלכע וועט זיך בעציהען נישט בלויז
אויף אייער נאַציאָן, נור אויך אויף אַנדערע פעלקער. איהר האָט פער-
שטאַנען צו פעראייניגען אייער רעליגיאָן מיט אַזאַ הויכער מדרגה פון
געוויסענספרייהייט, וועלכע מען האָט גאָר פון איהר נישט ערוואַרטעט
און קיין אַנדער רעליגיאָן קאָן זיך נישט ריהמען מיט עטוואָס ענליכעס".
מיכאַעליס, דער ראַציאָנאַליסטישער אידענפיינד, איז געשטאַנען פאַר

די געוואַגטע געדאַנקען פון ספר „ירושלים“ ווי צוטומעלט, פערוואונדערט און בעשעמט. דאָס יודענטום, אויף וועלכער ער האָט געקוקט מיט אַזאַ פעראַכטונג, האָט זיך דערהויבען אַזוי הויך און שעהן, פול מיט נצחון. אַזוי אַרום האָט מענדעלסאָן שטענדיג אַהן אַ כונה, נור זייענדיג. ווי תמיד, געצוואונגען דורך די אימשטענדען, בעריהמט געמאַכט דאָס יו־דענטום און אַראָבגעוואָרפען די חרפה פון זיין פאָלק. דערווייל האָט דאָהם אויך צוגעהאָלפען מענדעלסאָנען. ער האָט נאָך ווייטער בעלויכ־טען דאָס יודענטום אין אַ גינסטיגער בעלייכטונג און פערגרעסערט זיין כבוד, מבטל מאַכענדיג אַלע ערנסטע, אָדער פיינדליכע טענות געגען איהם. אָבער נאָך מעהר האָט דאָהם געווירקט לטובת אידען דאָדורך, וואָס ער האָט פאַר זיי געוואונען דעם גראַף מ י ר א ב א, דעם מאַן מיט די מעכטיגע אַקסלען, וועלכער האָט געדאַרפט טראָגען אויף זיך אַליין אַ גאַנץ וועלט־אָרדנונג.

אין דערזעלביגער צייט און אויף׳ן זעלביגען אופן האָט מענדעל־סאָן דערוועקט ווידער די אינערליכע כחות אין יודענטום און מיטגע־בראַכט די פעריודנגונג און בענייאונג פון אידישען פאָלק, — אַ בעניי־אונג, וועלכע האָט געדאַרפט פאָרקומען אין איין צייט מיט זיין פאָלי־טישער בעפרייאונג. דאָהם׳ן האָט ער דערוועקט אַלס קעמפפער פאַר איין זייט און אַנ׳אַנדער פריינד האָט ער אויפגעשטעלט פאַר דער אַנ־דער אויפגאַבע, — אַ מענשען, וועלכער איז געווען, ווי בעשאַפען דער־צו. דורך מענדעלסאָנען האָט וויזעל (וועסעלי) מיט אַלע זיינע כח׳ות געאַרבייט איבער דער אינערליכער אויסבעסערונג פון די אידען, פע־ענדיגענדיג דאָס, וואָס מענדעלסאָן אַלייז וואָלט נישט געקאָנט אויפ־טהון. —

הארטוויג אָדער הארטאָג וועסעלי — דאָס הייסט: רבי נפתלי הירץ ווייזעל (געבוירען אין האַמ־בורג 1725 געשט. 1805) איז געווען אַ וואונדערליכע נאַטור, אי אַ בעל־חלום, אַ אידעאַליסט, אי אַ פראַקטישער מענש. געשטאַמט האָט ער פון אַ פוילישען אידען, וועלכער איז נצול געוואָרען און אַנטלאָפען איינער אַליין פון דער שרעקליכער שחיטה וואָס די קאָזאַקען האָבען געמאַכט איבער אידען אין באַר (פאָדאָליען). קומענדיג קיין אַמשטערדאַם, איז ער רייך געוואָרען, אַ דאַנק זיין גרויסער פעהיגקייט און פלייסיגקייט. נפתלי הירץ׳ס פאָטער, יששכר בער, און זיין זיידע משה. וועלכער האָט זיך אויסגעקליבען דעם פאַמיליען־נאָמען ווייזעל פון דער שטאָדט ווייזעל, וואו ער האָט געוואוינט, זענען געווען רייכע לייט און גרויסע חשובים אינ׳ם דענעמאַרקער קעניגליכען הויף. זיין זיידע האָט געהאַט געגרינדעט אַ געוועהר־פאַבריק אין האָלשטיין און איז געוואָרען בעשאַנקען מיט׳ן טיטול מלוכה־רייט און פערוואַלטער פונ׳ם קעניגס עסקים. זיין פאָטער האָט אויך געפיהרט גרויסע געשעפ־

טען, צוליעב וועלכע ער איז געהאַט געקומען קיין קאָפּענהאַגען, וואו
עס איז שוין געווען אַ גרויסע פּאָרטוגיעזישע אידישע קהלה און אויך
אייניגע אידען פון דייטשלאַנד. דער יונגער נפתלי האָט בעקומען אַן ער־
ציהונג, ווי דאָס רוב אידישע קינדער אין יענער צייט: מעכאַניש געזאָגט
„עברי“, נישט פערשטעהענדיג, וואָס ער זאָגט, געלערנט תנ"ך מיט פער־
דרעהטע און פערגרייזטע פירושים און ערקלערונגען אָהן אַ סוף — צו
נייען יאָהר — תלמוד. צו זיין גליק האָט ער אָבער געהאַט אויך פאַר אַ
רבי'ן דעם בעוואוסטען מדקדק (גראַמאַטיקער) רבי זלמן הענע־
ווער (געבוירען אין האַנאָווי 1687, געשטאָרבען 1746), וועלכער האָט
אין איהם ענטוויקעלט זייערע נאַטירליכע פעהיגקייטען. די דאַמאָלסדיגע
פרומע אידען האָבען געקוקט אויף רבי זלמן הענערוועער מיט חשד, ווייל ער
האָט זיך עוסק געווען אין „דברים בטלים“ — אין דקדוק און תנ"ך, און
דעריבער איז ער געווען געצוואונגען צו פיהרען אַ וואַנדער־לעבען, איבער־
ציהענדיג זיך פון פראַנקפורט קיין קאָפּענהאַגען, פון דאָרט קיין אַמ־
שטערדאַם און לסוף קיין פורט. מיט נפתלי הירץ האָט ער געלערנט דקדוק,
ווען ער איז געווען אַ יונגעל פון צעהן יאָהר, אָבער ער האָט אין איהם
פערפלאַנצט אַזאַ גרויסע און שטאַרקע ליעבע צו העברעאיש, אַז דער יונ־
גער תלמיד איז שפעטער ווייט איבערגעשטיגען זיין רבין. דאָס שטודיום
פון תנ"ך און דאָס פערשטעהן איהם אַלזייטיג איז געוואָרען די אויפגאַבע
פון וועיזעלס לעבען. פונקט ווי מענדעלסאָן איז אויך וועיזעל געווען איי־
נענער לעהרער. פריהצייטיג האָט אין איהם זיך ענטוויקעלט דער געשמאַק
פאַר דער שענער ליטעראַטור, פאַר אַ ריינער שפּראַך און אַ שענער פאָרם
און מיט אונצופרידענהייט פלעגט ער רעדען וועגען דער פערדאָרבענער
שפּראַך, אויף וועלכער די אידען פלעגען דאַמאָלס רעדען. אויך דערין איז
וועיזעל גלייך געווען צו מענדעלסאָנען, וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגעבי־
דעט אַלס אַ הויכע מאָראַלישע פערזענליכקייט, אַרבייטענדיג מיט אייגענע
כחות אויף איבערצומאַכען דעם אייגענעם כאַראַקטער. פון דער געבורט
האָט ער נישט געהאַט אַזאַ מילדען כאַראַקטער, ווי מענדעלסאָן; ער איז
געווען פיעל מעהר אַ שטייפער מאַן, אַ פּעדאַנט, אַ גרויסער אויסקלייבער
אויפ'ן וואָרט, מעהר מליץ, איידער דענקער, און האָט אויך נישט געהאַט
קיין ריכטיגען בעגריף פון די כחות, וועלכע ווירקען על פי רוב אין דער
וועלט; אויף דער וועלט האָט ער בכלל געקוקט דורך פערגרעסער־גלעזער
פון אַ דיכטער. מערקווירדיג איז אָבער, אַז דוקא אין זיינע שירים איז ער
בכלל קיין דיכטער נישט געווען, נור אַ שענער פערזען־מאַכער. זיינע פער־
זען זענען געווען וואוילקלינגענד, ריין און געוואויגען, זיין שפּראַך — גע־
טאַקט און לייכט, די פּאָעזיע פעהלט אָבער אין זיי. איין שיר פון רבי משה
חיים לוצאַטי וועגט איבער אַלע שירים וועיזעל'ס. דאָס איז געווען דער אי־
דישער קלאַפּשטאָק.

וועיזעלס נישט מוצלח'דיגע געשעפטען האָבען איהם געצוואונגען צו־

קומען פון קאפענהאגען קיין בערלין, וואו ער האט זיך פעראייניגט מיט מענדעלסאָנען (אין יאהר 1774), וועלכער האט איהם אנגעטרויט די אויפגאבע צו שרייבען דעם „באור“ צום ספר „ויקרא“. — ווען דער קייזער יאזעף האט ארויסגעגעבען דעם טאָלעראַנז־געזעץ, האט וויזעל זיך מיט איהם העכסט געפרעהט. בעזונדערס איז פאַר איהם געווען א שמחה דער בעפעהל, אז די אידען זאלען עפענען שולען. וויזעל איז אזוי גענארט געווען, אז איהם האט זיך געדאכט, דאס עס הויבט זיך אן דערפון א גאלדענע צייט פאַר אידען. מענדעלסאָן האט אבער געזעהען קלערער אין דער זאך און ערקלערט, אז קיין שום נוצען וועט דערפון נישט ארויסקומען. וויזעל האט דאמאלס אנגעשריבען לכבוד דעם קייזער א לויב־געזאנג (אָדע), פול התלהבות וועגען יאָזעפ'ס גרויסקייט און גוטסקייט און, ווען ער האט זיך דערוואוסט, דאס די פרומע אידען אין וויען זעהען אינ'ם בעפעהל א שרעקליכע גזרה, מיט וועלכער מען וויל זיי אראבפיהרען פון זייער רעליגיע, האט ער אנגעשריבען זיין בריף „ד ב ר י ש ל ו ם ו א מ ת“ — „ווערטער פון פרידען און וואהרהייט“ צו די אידישע קהלות אין עסטרייך, בדי צו דערוויזען זיי און ערקלערען, אז זיי ברויכען זיך צו פרעהען מיט'ן בעפעהל און באלד ערפילען איהם, ווייל דער קייזער האט זיי דערין בעוויזען א חסד. דערביי בעווייזט וויזעל פון תלמוד, אז די אלגעמיינע בילדונג איז א חוב, לויט דער גמרא, אז זי איז אפילו וויכטיג, ווי דאס לערנען תורה, און דורך דעם קייזער'ס חסד וועלען די אידען אראבנעהמען פון זיך די חרפה פון אונוויסענהייט, וואס ליגט אויף זיי שוין פיעל יאהרען פאר זייער פרעמדקייט אין אלגעמיינער בילדונג. בעזונדערס הארציג האט וויזעל אנגעוויזען אויף דער נויטווענדיגקייט אבצוזאגען זיך פון דער נישט־שענער שפראך און אנהויבען רעדען מיט א קלארער שפראך אהן פעהלערן. ער האט אויך אנגעוויזען א פראגראם, וואס צו לערנען מיט אידישע קינדער פון אנפאנג ביז'ן תלמוד. — דער בריף איז געווען געשריבען ווארים און הארציג, זיין שפראך איז שען, די ערקלערונג — נאטירליך און פאפולער, דעריבער האט ער געקאנט מאכען דעם בעסטען איינדרוק. וויזעל האט אבער געכאפט איבער דער מאס, ערקלערענדיג, אז די אידישע קינדער דארפען אלע לערנען נישט בלויז געשיכטע און געאגראפיע, נור אויך פיזיק, אסטראנאמיע און רעליגיעזע פילאזאפיע, ערקלערענדיג, אז נור דאדורך קאָנען אידען פערשטעהן גוט דעם תנ"ך און דאס יודענטום

דער בריף האט געבראכט ווייזלען גוטע און שלעכטע רעזולטאטען. די טריעסטער קהלה, וועלכע איז על פי רוב בעשטאנען פון איטאליענישע און פארטוגעזישע אידען, וואס האבען די אלגעמיינע בילדונג כלל נישט געהאלטען פאר א פערברעכען און אפיקורסות, האט זיך געהאט געווענדעט צום שטאטהאלטער, גראף צ י נ צ ע נ ד א ר ף מיט א ביטע, אז ער זאל איהר געבען אַ'עצה, ווי אזוי זי זאל בעקומען שול־ביכער פאר רעליגיאנס־אונטערריכט און זיטענלעהרע אין די נארמאל־שולען, וואס זי וויל גרינדען,

לוימ'ן בעפעהל פון קייזער יאזעף. צינצענדארף האט זיי געגעבען אנ'עצה, צו ווענדען זיך צו מענדעלסאנען. דאן האט רבי יוסף חיים גאלאיגא אין נאמען פון דער טריעסטער קהלה זיך געווענדעט צו מענדעלסאנען מיט זייער ביטע, און מענדעלסאן האט זיי אנגעוויזען אויף נפתלי הירץ וויזעל, וועלכער דארף פערפערטיגען פאר זיי די נויטיגע ספרים. אבער אין דערזעלביגער צייט האבען די פרומע אידען אויפגעהויבען אנ'אמת'ן שטורם געגען וויזעל'ן. זיי זענען געווען געוואלדיג אויפגערעגט געגען איהם פאר זיין בריף „דברי שלום ואמת“, אין וועלכען ער טרעט ארויס זעהר ווארים פאר קייזער יאזעפ'ס רעפארמען, אין וועלכע זיי זעהען א שווערע גזרה. רבי נפתלי הירץ וויזעל האט געהאט געמאכט נאך דערצו זעהר אנ'אונקלוגען פעהלער, ער האט אנגעווענדעט געגען די בילדונגס־געגנער דעם מאמר פון תלמוד: „א תלמיד־חכם, וואס האט נישט קיין אלגעמיינע בילדונג (דעת), איז א נבלה בעסער פאר איהם“. דער דאזיגער מאמר האט שרעקליך אויפגערעגט די „תלמידי חכמים“, וועלכע האבען פערשטאנען דעם ווארט „דעה“ לגמרי אויף אנ'אנדער אופן. עפענטליך אבער ארויסטרעטען געגען וויזעל האבען די וויענער רבנים נישט געקאנט, ווייל ער האט דאך געשריבען אינ'ם זין פון קייזער יאזעפ'ס „גזרות“. ווי עס שיינט, האבען זיי דעריבער דערוועקט געגען איהם די פוילישע רבנים, אז זיי זאלען פעראורטיילען זיין בריף און אריינלעגען איהם אליין אין חרם. אויך דער בערלינער אויבער־רב, רבי הירש, האט געמאכט תחלת דעם אנשטעל, אז ער וויל אריינלעגען וויזלען אין חרם, אבער אין דער שטאדט, וואו מענדעלסאן האט געוואוינט, איז אזא זאך שוין געווען שווער דורכצופיהרען; אפילו אויסרופען וויזלען פאר אנ'אפיקורוס איז אונמעגליך געוועו. די פארשטעהער פון דער בערלינער קהלה, וואס פיעל פון זיי זענען געווען מענדעלסאנס פערעהרער און צווישען זיי אויך דוד פרידלענדער און זיין שווער דניאל איטציג, האבען אזוי אנגעשראקען דעם רב, אז ער האט זיך אבגעזאגט פון זיין פערלאנג (אפריל 1782). מענדעלסאן האט איהם דאמאלס אנ'עצה געגעבען, אז ער זאל ענטפערן די עסטרייכישע פרומע אידען, דאס אין דייטשלאנד עקזיסטירט א געוויסע וועגען פרעסע־פרייהייט און דעריבער קאנען זיי שרייבען און דרוקען געגען וויזלען, וואס עס געפעלט זיי, אבער נישט פערבאטען איהם ארויסצוזאגען זיינע געדאנקען.

אבער כאטש די פרומע אידען זענען געבליבען אהן שטיצע פון בערלין, האבען זיי דאך נישט אויפגעהערט צו פיהרען ווייטער זייער אגיטאציע געגען וויזלען; אין די שוהלען פאר'ן ארון הקודש האבען זיי איהם פערשאלטען און אין ליסא האבען זיי זיין „בריף“ פערברענט עפענטליך. וויזעל איז געשטאנען אין דער דאזיגער מלחמה איינער אליין, קיינער פון זיינע חברים האט זיך נישט דערוואויגען צו שטיצען איהם עפענטליך. מענדעלסאן האט שטענדיג פיינד געהאט אזא מין פאלעמיק און דערצו איז ער שוין דאמאלס געווען קראנק אי מאראליש, אי פיזיש. וויזעל האט העריבער

געמוזט אויפנעהמען דעם קאמף איינער אליין. ער האט (24־טען אפריל) ארויסגעגעבען נאך א בריף צו דער טריעסטער געמיינדע, וואו ער ערקלערט ווידער, ווי נויטיג עס איז איינצופיהרען א קינדער־ערציהונג לויט'ן נייען, גוט איינגעארדענטען סיסטעם, און אבזאגען זיך פון אלטען פערצייטישען חדר. דערביי ענטפערט וויזעל אויך אויף אלע אנפאלען געגען איהם מיט טאקט און רוהיגקייט, ווי א'ן'עכט אויפגעקלערטער מאן. נישט ווילענדיג אבער זאגט ער ארויס אויך איניגע טרויעריגע וואהרהייטען וועגען דער איבערגעטריבענער פרומקייט אין דער ריין־תלמודישער ערציהונג, וועלכע דערוויטערט דעם מענשען פון וועלטליכער בילדונג. דער אנפאל פון די פרומע אידען דוקא אויפ'ן פרומסטען פון מענדעלסאן'ס קרייז, אויף וויזלען, ערשיינט אונז איצט, ווי א איראניע פון דער געשיכטע. דער פרומער וויזעל האט געדארפט דער ערשטער אונטערנעהמען דעם קאמף געגען די רבנים אין זייער ריכטונג, ווי דער בעל מקובל רבי יעקב עמדען האט אונטערגענומען דעם קאמף געגען דער ריכטונג פון די בעלי־מקובלים. ביםלעכוויז האבען זיך ארויסגעזאגט לטובת רבי נפתלי הירץ וויזעל פיעל איטאליענישע רבנים פון טריעסט, פאסכארא און ווענעדיג, און וויזעל איז געבליבען דער מנצח. די רבנים האבען זיך אבגעזאגט פון קאמף געגען איהם, און אין פערשידענע שטעדט האט מען אנגעהויבען עפענען שולען; אפילו אין פראג גופא, וואו עס איז געוועזן רב רבי יחזקאל לאנדא, האט מען אויך געעפענט שולען, לויט דער נייער ארדנונג. — ווי עס האט זיך אבער איינגיכען ארויסגעוויזען, זענען דאך די פרומע אידען פארט גערעכט געוועזן מיט זייער מורא פאר דער בילדונג. זיי, מיט זייער תמימות, האבען די צוקונפט בעסער פאראויסגעזעהן, ווי מענדעלסאן און וויזעל מיט זייער צו־גרויסער זיכערקייט. די הארבע אידישע אלטע מנהגים האבען זיך נישט געקאנט האלטען פאר די נייע ווינטען. מענדעלסאן און וויזעל, וועלכע האבען אזוי שטארק ליעב געהאט דעם אלטען אידישען בנין, דאס יודענטום, און האבען בלויז געוואלט אבריינינגען איהם פון די שפינוועבס און אונגעזונדע שוואמען, וואס זענען ארום איהם אנגעוואקסען, האבען אלייז מיטגעווירקט צו צושטערען זיינע פונדאמענטען ביסלעכוויז.

וויזעל, וועלכער האט צו קיין זאך קיין הצלחה נישט געהאט, האט נאך געזעהען דאס מיט פערוויינטע אויגען. מענדעלסאן אבער, דער מוצלח אין יעדער זאך, האט שוין דאס נישט געזעהן, דער טויט איז געקומען צו איהם פריהער, איידער דאס פערדערבען האט אריינגעבראכען אין דער אידישער וועלט, נאך איידער ער האט געקאנט זעהען, ווי זיינע חברים און אנהענגער, ווי זיינע אייגענע טעכטער האבען מיט עקעל זיך אבגעווענדעט פון דעם, וואס ער האט אזוי שטארק געליעבט און זיך בעמיהט צו דערהויבען. אבער אויך א ביטער הארצוועהטאג האט מענדעלסאן נאך געהאט איבערצולעבען אין זיינע לעצטע יאהרען, ווען ער האט געוואלט

מאַכען אַ מאָנומענט פאַר זיין טייערען פריינד לעסינג, כדי צו דערוויזען די צוקונפטיגע דורות זיין אמת'ע גרויסקייט, האָט ער זיך דערוואוסט פון זיין פריינד יאַקאָבי, אַז אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט איז לעסינג געוואָרען אַן'ערגעבענער שפינאָזיסט. פאַר מענדעלסאָנען איז דאָס געווען אַן'אמתער שטאָך אין האַרצען, ווייל קיין זאַך איז נישט געווען אַזוי צווידער מענדעלסאָנען ווי שפינאָזאָ'ס פאַנטעיסטישע סיסטעם, וועלכע איז מבטל אינגאַנצען די עקזיסטענץ פון אַ פערזענליכען גאָט, זיין העכערע השגה איבער דער וועלט און די אונשטערבליכקייט פון דער נשמה — פּרינציפּען, וועלכע מענדעלסאָן איז געווען ערגעבען מיט'ן גאַנצען האַרצען. איצט האָט ער געשפירט, אַז זיין אייגענע פילאָזאָפיע וועט איננגיכען פעראַלטעט און פערוואָרפען ווערען, אויב אפילו זיין פריינד לעסינג אליין האָט זיך געקאָנט אָבזאָגען פון איהר. דער דאָזיגער געדאַנק האָט ביי איהם צוגענומען זיין גאַנצע רוהיגקייט און נעהנטער געמאַכט זיין טויט. און זיין לעצטען פילאָזאָפישען ספר „מאָרגענשטונדען” — פילאָזאָפישע לעקציעס, וועלכע מענדעלסאָן האָט געלעזען פאַר זיינע קינדער אין דער געגענוואַרט פון זייטיגע יונגע לייט, אידען און קריסטען — האָט זיך מענדעלסאָן בעמיהט צו בלייבען רוהיג, אָבער דאָס איז איהם נישט געלונגען; זיין אויפרעגונג איז אַזוי גרויס געווען, אַז ער איז דורך איהר געשטאָרבען (4-טען יאַנואַר 1786). דער דאָזיגער שענער טויט פאַר ליעבשאַפט צו אַ פריינד און צו דער פילאָזאָפיע האָט אמבעסטען געפּאַסט צום שענעם לעבען פונ'ם אידישען פילאָזאָף, און ער דערוויזט, אַז מענדעלסאָן איז אין דער ווירקליכקייט געווען אַ מענש, וואָס האָט ליעב געהאַט מעהר פאַר אַלץ דעם אמת און נישט געוואוסט פון קיין שום צביעות. — וועגען דעם מענשען, וועלכער האָט מיט אַ יאָהר פריצער פריהער דערשראָקען און מיט בישנות אַנגעקלאַפּט אין טויער פון בערלין, בעטענדיג, אַז מען זאָל איהם אריינלאָזען, — וועגען אָט דעם אידען האָט איצט געטרויערט גאַנץ בערלין און אויך פיעל מענשען, וואָס האָבען געשטרעבט צו דער וויסענשאַפט, און פיעל אַנדערע לענדער, אויסער דייטשלאַנד. אַמבעסטען קאָן מען ארויסזעהען, ווי די צייט האָט זיך דאַמאָלס געהאַט פערענדערט צום בעסערן, דערפון, וואָס מענדעלסאָנס קריסטליכע פריינד און פערעהרער, ניקאָלאַי, פּיעסטער און ענגעל (דער ערציהער פונ'ם פרייסישען קרוין-פּרינץ, פריעדריך ווילהעלם III) צוזאַמען מיט זיינע אידישע פערהערער, האָבען זיך משתדל געווען, אַז מען זאָל מענדעלסאָנס בילד אויפשטעלען אויף אַ פּיראַמידע אויפ'ן אָפּעראפּלאַץ נעבען לייבניץ, לאַמבערט און זולצער. די השתדלות האָט זיך נישט איינגעגעבען, אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט איז דאָס געווים: דער הויקערדיגער זוהן פונ'ם ספר-תורה-שרייבער פון דעסוי איז געוואָרען אַ צירונג פאַר בערלין.

צווייטעס קאַפּיטעל.

דער אבערגלויבען פון רעכטס און לינקס.

(1760—1789)

ווי מען האָט געקאַנט פאַראויסזעהען, האָט דאָס פעריוונגונג פון אידישען פאָלק, פאַר וועלכער מענדעלסאָן האָט געמאַכט די התחלה, געדאַרפט פיהרען צו פיעל פערענדערונגען אין אידישען רעליגיעזען לעבען, ווי אויך צו דער פערניכטונג פון פערשידענע רעליגיעזע פאָרמען. די, וועלכע האָבען געגאַרט נאָך נייעס, האָבען דאָס ערוואַרטעט מיט אונגעדולד; די שטרענג פרומע דאַגעגען האָבען דאָס פאָראויסגעזעהען מיט שרעק און אונרוהיגקייט. — אַ אינערליכע פערענדערונג איז אָבער אויך פאָרגעקומען אין דער אידישער וועלט גאָר אויף אַנ'אַנדער שטייגער, אין אַנ'אַנדער אָרט און ביי גאַנץ אַנדערע בעדינגונגען ווי אויך מיט אַזעלכע מיטלען, וועלכע מען האָט כלל נישט געקאָנט פאָראויסזעהען. אין פוילען איז ענטשטאַנען אַ נייע סעקטע פון עסייער מיט גלייכע פאָרמען, ווי דאָס אַלטע, מיט טבילות, מיט ווייסע קליידער, מיט וואונדער-היילונגען און נביאישע חלומות. ווי דאָס אַלטע עסייער'טום, האָט עס אויך געשטאַמט פון דער צו-גרויסער פרומקייט און פרישות; אָבער באַלד האָט עס זיך געווענדעט געגען דער אייגענער מוטער, געגען דעם אַלטען אידישען לעבען, פון וועלכען עס איז אַרויסגעקומען. עס קלינגט כמעט ווי אַ וואונדער, דאָס אין דערזעלבינער צייט, וואָס מענדעלסאָן האָט ערקלערט, אַז דאָס לאָגישע דענקען איז דער הויפּט-תוך פון יודענטום און זיין עצם מהות, און ער האָט געגרינדעט, אַזוי צו זאָגען אַ נייעס, ווייט פערברייטעטען אָרדען פון אויפגעקלערטע אידען, — אין דערזעלביגער צייט איז ענטשטאַנען אין פוילען אַנ'אָרדען (רתה), וועלכער האָט הויך ערקלערט, אַז דער עיקר פון יודענטום און זיין אמת'ער מהות איז דאָס גלויבען אין אַלע איבערנאַטירליכע זאַכען. ביידע נייע כתות, דער שכל און אויפקלערונג מיט דער קבליסטישער מיסטיק האָבען זיך פעראייניגט צוזאַמען אין איין צוועק — צו אונטערגראָבען דעם פונדאַמענט פון תלמודישען יודענטום. די סעקטע פון די נייע חסידים, וועלכע גראָבט נאָך איצט אויך אונטער אין רוסלאַנד אַלע אויסגעקעמפּפטע אוצרות פון דער מענשליכער קולטור און טרעט אַרויס געגען איהר פיינדזעליג, איז ענטשטאַנען אין מענדעלסאָנס צייט, און איהר גרינדער איז געווען אַ גאַנץ פשוט'ער איד.

רבי ישראל פון מעדזשיבוז (ת"נח — תקי"ט 1688 געבוירען און געשטאָרבען 1-טען יוני 1759), וועלכען זיינע אַנהענגער האָבען אַ נאָמען געגעבען דער „בעל-מופת", אָדער „בעל-שם-טוב" (פערקירצט: בעש"ט), איז געוועזן דער גרינדער פון דער נייער חסידות. פון זיין פריהער יוגענד איז אונז וועניג בעוואוסט. זיינע עלטערן

זענען ביי איהם געשטארבען, ווען ער איז נאך א יונגער אינגעל געווען, און ער האט פערבראכט א גרויסען טייל פון זיינע קינדער־יאהרען אין די וועלדער און היילען פון די קארפאטען־בערג. דארט האט ער פון דער סוטער־נאטור געלערנט דאס, וואס ער וואלט נישט געקאנט לערנען אין די ענגע, פער'חושכ'טע ישיבות — די נאהענטע בעקענטשאפט מיט גאטס וועלט. דארט האט ער אויך געזעהען, ווי די ארטיגע פויערטעס זאמלען גרעזער און קרייטעכצער, כדי מיט זיי צו קורירען פערשידענע מחלות און האט זיך דאס אויסגעלערנט פון זיי. אבער ווי די פויערטעס האבען ווענינ געגלויבט אין די נאטירליכע כחות פון די קרייטעכצער און פלעגען ביי דער קוראציע נאך אויך זאגען פערשידענע לחשים און מאכען „אבשפרעכונגען", אזוי האט אויך דער יונגער ישראל זיך געוואוינט צו אזא מעטאדע פון קוראציע, און איז געווארען — א וואונדער־דאקטאר (א בעל־מופת). די נויט האט איהם געלערנט גאט צו בעטען אין דער איינזאמקייל אויך נישט אזוי, ווי מען בעט גאט אין א שוהל, כאטש אפילו אויך מיט די זעלבינע ווערטער. וויפיעל מאל האט דעם ארימען יתום געפעהלט ברויט צום עסען, וויפיעל מאל האט ער זיין לעבען געזעהען אין אנ'אמת'ער אדער א געדאכטער סכנה! — און אט פלעגט ער די געוואוינליכע אידישע תפלות זאגען מיט א כונה און פערשטאנד, אבער אויך מיט א געוואלדיגער התלהבות און א טיעפער אמונה אין גאט, אז ער הערט אוים יעדעס ווארט זיינס; אפט האט ער אויך געשריען גאט און פלעגט זיך דערביי צוהערען, ווי די הויכע בערג ענטפערן איהם מיט א הילכיגען ווידערקלאנג; דערביי פלעגט ער אויך מאכען שטארקע בעוועגונגען מיט'ן גאנצען לייב, כדי צו קומען צו גרעסערע התלהבות. די בעוועגונג האט אריינגעטריבען דאס בלוט אין קאפ, די אויגען האבען אנגעהויבען פינקלען פון גרוים ברען און דבקות, דאס לייב און די נשמה זענען אריינגעקומען אין אזא התלהבות און פייער פון גרוים ליעבשאפט צו גאט און דער נאטור, אז דער מענש איז געבליבען האלב־טויט אבגעשוואכט.

רבי ישראל בעל־שם־טוב פלעגט זאגען, אז דורך אזא שטורמישער תפלה און דורך זיינע שטארקע בעוועגונגען פלעגט ער קומען צו אזא התלהבות, אז עס פלעגען זיך פאר איהם עפענען אלע עולמות עליונים און ער פלעגט קאנען טיעף אריינקוקען אין דער אונענדליכקייט. זיין נשמה פלעגט זיך דערהויבען ביז אין די ווייטע, גרויסע וועלטען ארויף, זעהען דארט גאט'ס סודות און שמועסען מיט די אויבערשטע רוחות, וואס מיט זייער הילף האט ער געקאנט ארויבציהען גאט'ס גנאד און ברענגען הצלחה, בפרט אבער ארויסצוראטעווען פון יעדער סכנה דורך זיין תפלה. אויך מיט'ן גייסט פון נבואה האט ער זיך בעריהמט, ערקלערענדיג, אז ער האט רוח־הקודש. צי איז דאס געווען בלויז א בעריהמעריי, א זעלבסט־נארעריי, אדער גאר א פסיכישע קרענק?

עס זענען פאָרהאַן פערזאָנען, צייטען און ערטער, אין וועלכע עס איז שווער אונטערצושיידען פון רמאות און זעלבסט-נאַרעריי אין פוילען. אין רבי ישראל בעל שם-טוב'ס צייט, איז אַלץ מעגליך געווען. די אַלגעמיינע פערעהרונג פון דער קבלה, וועלכע האָט געבראַכט צו דער שבתיאַנישער און פראַנקיסטישער בעוועגונג, האָט פערנעבעלט אַלע מחות; די פאַנטאַזיע האָט געוועלטיגט שטאַרק אי צווישען אידען, אי צווישען קריסטען, און קיינער האָט נישט געקאָנט אונטערשיידען צווישען נאַטירליך און מעגליך און אוננאַטירליך און אונמעגליך. רבי ישראל אַליין האָט בתמימות געגלויבט אין זיינע „זעהונגען", וועלכע ער האָט געהאַט בשעת דער התלהבות און אויפרעגונג און ער פלעגט תמיד זאָגען, אַז די תפלה איז אַ פעראייניגונג צווישען דעם מענשען און דער „שכינה", און דעריבער איז די תפלה אונמעגליך אָהן התלהבות. זיינע וואונדערליכע קוראַציעס האָבען איהם באַלד בעריהמט געמאַכט צווישען אידען און אפילו אויך ביים פוילישען אדעל און מען האָט איהם אַנגעהויבען צו רופען צו חולאים, פעסט גלויבענדיג אין זיין איבערנאַטירליכער קראַפט. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז רבי ישראל האָט נישט אויסגענוצט זיינע „מופתים", כדי צו פערדינען געלד. תחלת איז ער געווען אַ פשוט'ער בעל עגלה, — אַ בעשעפטיגונג, וועלכע איז ביי אידען געווען זעהר בזוי'דיג דערנאָך איז ער געוואָרען אַ פערד-הענדלער און, ווען ער איז עטוואָס רייכער געוואָרען, האָט ער זיך געדונגען אַ קרעטשמע און פערקויפט בראַנפען.

אַ לאַנגע צייט האָט רבי ישראל געוואוינט אין מעדזשיבוז — אַ קליין שטעדטעל אין פּאָדאָליען, וואו ער פלעגט קורירען חולאים צווישען אידען און פוילישע פריצים. בעזונדערס שטאַרק איז ער בעריהמט געוואָרען דורך זיין דאַווענען, ווען ער פלעגט מאַכען אַזעלכע משונה'דיגע קולות און אַריינקומען אין אַזאַ שטאַרקער התלהבות, אַז דער פנים פלעגט ביי איהם שיינען, און מען האָט אין איהם שוין נישט געקאָנט דערקענען דעם פערד-הענדלער אָדער דעם פשוט'ן בעל-עגלה. ער פלעגט אויך ענטדעקען סודות און האָט זיך דאַדורך קונה-שם געווען.

דער בעל שם-טוב איז נישט געווען קיין גרויסער תלמודיסט, ווי ער איז אויך נישט געווען קיין טיעפער בעל מקובל. סיי אין תלמוד, סיי אין קבלה איז ער געווען כמעט אַ'ן עם הארץ און האָט זיך גאַרנישט בעמיהט צו פערדעקען דאָס. אויך אין זיין פריוואַטען לעבען האָט ער זיך כלל נישט נוהג געווען, ווי אַ בעל-מקובל. ער פלעגט נישט פערברענגען די צייט אין פרישות, אין תעניתים אָדער אַנטהון זיך ענוים. ער פלעגט דאָגען תמיד זיין פרעהליך און זאָגען גלייכווערטלעך, ערקלערענדיג, אַז אָהן שמחה איז די תפלה נישט קיין תפלה, און נור דורך שמחה קאָן מען אויף זיך אַראָבציהען גאָט'ס חסד. מיט אַ פרעהליך פנים און אַ גוטען מוט פלעגט ער זיך שפּאַצירען אין די גאַסען מיט דער ליולקע אין

מויל, פיהרענדיג זיינע פערדלעך, וועלכע ער פלעגט מיט ליעבשאַפט גלעטען אָדער פריינדליך קלאַפּען אויף די זייטען. שמועסען פלעגט ער מיט אַלעמען, סיי מיט מאַנסלייט, סיי מיט ווייבער — פאַר אַנ'אנשטענדיגען מענשען האָט דאָס אין פוילען דאַמאָלס גאָר נישט געפּאַסט. דערביי אָבער פלעגט ער זיך מתיחד זיין אין זיין קליין שטיבעל ביים דאַווענען, ווען ער פלעגט דורכ'ן זינגען און שרייען, דורך שפּרינגען און גרוים דבקות שיער נישט הלש'ן, און דאַמאָלס פלעגט ער האָבען „רוח־הקודש“. באַלד האָבען זיך אַרום איהם פערזאַמעלט מענשען, וועלכע האָבען נוטה געווען צו אַזאַ רעליגיעזען לעבען, וועלכע האָבען אָבער גע־טראַכט, אַז נישט דורך תשובה, נישט דורך דער געוועהנליכע תפלה קאָן מען דאָס דערגרייכען, זיי האָבען, אויך אַזוי, ווי ער, אָנגעהויבען דאַווענען מיט גרויס כונה און נגונים, מיט אַ האַנד־פּאַטשעריי, אַ קנאַקעריי און אַ שאַקלעניש, אַ שפּרינגעריי און אַ געפּילדער. — כמעט אין דערזעלבי־גער צייט איז אין ענגלאַנד (אין אויעלם) ענטשטאַנען אַ קריסטליכע סעקטע „די שפּרינגער“ Jumpers וועלכע פלעגען אויך דורך שטאַרקע בעוועגונגען בשעת דער תפלה אַרויסרופען אין זיך אַ שטאַרקע התלהבות, וואָס פלעגט זיי ברענגען צו אַנ'אונגאַרמאַלען צו־שטאַנד, ווען עס פלעגט זיך זיי דאַכטען, דאָס זיי האָבען „זעהונגען“; אין צפון־אַמעריקאַ איז דאַמאָלס ענטשטאַנען די סעקטע „שאַקלער“ Shakers דורך אַ אירלענדישע פרוי יאָהאַנאַ לי, וועלכע האָט אויך געהאַט כמעט דעמזעלביגען צוועק. די מיסטיק און דער שגעון ווירקען, ווי אַנ'אַנשטעקענדיגע קרענק. נאָך מעהר האָט אָבער רבי ישראל צוגעצויגען צו זיך אַזעלכע מענשען, וועלכע האָבען געגאַרט צו לעבען אַ פרעהליך לעבען, בעזונדערס, ווען אַזאַ לעבען ברענגט צו עולם הבא און איז מקרב די גאולה דורך משיח'ן. זיי האָבען שוין מעהר נישט געברויכט צו זיצען געבויגען איבער די גרויסע און שווערע מסכתות פון תלמוד כדי זוכה צו זיין צו דער מדרגה פון צדיקים, און אָט אַזוי אַרום איז ענט־שטאַנען די כתה פון די נייע „חסידים“. עס איז גאַנץ מעגליך, אַז מיט די ערשטע חסידים האָבען זיך אויך פעראייניגט פיעל אַנהענגער פון יעקב פראַנק, וועלכע האָבען נישט געוואָלט שמד'ן זיך, אָבער אויך נישט אומקעהרען זיך צוריק צו די תלמוד־אידען. אין אַ משך פון אַ יאָהר צעהן האָט די חסידישע „כת“, ווי מען האָט געזאָגט, שוין גע־האַט ביז צעהן טויזענד אַנהענגער, וועלכע האָבען זיך פערזאַמעלט אַרום רבי ישראל בעל שם־טוב, און זיי האָבען זיך אונטערשיידעט פון די איבריגע אידען אין פוילען נור דורך זייער לאַנגען דאַווענען מיט משונה'דיגע העויות און געהען אין „מקוה“ פאַר'ן דאַווענען, ווי די פאַרצייטיגע עסייער, ווי אויך דורך זייער זיין תמיד פרעהליך, אָדער מיט'ן טראָגען זיידענע גאַרטלעך און לאַנגע פאות, ווייל אָבער די רבנים פלעגען אָבי־שפּאַטען פונ'ם גרינדער פון דער נייער כתה, דערפאַר וואָס ער איז נישט

געווען קיין חריף ובקי אין תלמוד, האבען די חסידים אנגעהויבען צו דערנידעריגען די תלמודישע לומדות, ערקלערענדיג, אז דער תלמוד גיעט נישט זיינע לערנער קיין „יראה" (גאט'ס-פורכטיגקייט) און קיין „עבודה" (גאטטעסדיענסט). מען דערצעהלט אויך, אז ווען דער בישאף פון קאמענעץ פאדאלסק האט געהאט בעפוילען אבצונעהמען ביי די אידען די מסכתות פון תלמוד און פערברענען, האט רבי ישראל בעל שם-טוב געזאגט, אז שולדיג זענען דערין די רבנים, ווייל מיט זייער שלעכטער אויפפיהרונג האבען זיי מעגליך געמאכט, דאס מען זאל אויסטראכטען רכילות. מען האט אויך דערצעהלט, אז דער „ועד פון די פיער מדינות" האט געשיקט נאך רבי ישראל'ן און געפרעגט ביי איהם, ווי אזוי קאן עס א איד, נישט קיין למדן, זאגען אויף זיך, אז ער האט רוח-הקודש. דער בעל שם-טוב זאל זיי האבען דערויף געענטפערט זעהר שארף. אבער די אלע דאזיגע ערצעהלונגען קאנען נישט אנגענומען ווערען פאר היסטאריש ריכטיגע. זיכער איז נור, אז צווישען די חסידים און די רבנים איז פארגעקומען א מחלוקת, נור די רבנים האבען נישט געקאנט טהון קיין שלעכטס די חסידים, כל זמן זיי האבען אבגעהיט הייליג אלע אידישע דינים. ערשט דאן, ווען דער גרינדער פון דער חסידות, רבי ישראל בעל שם-טוב, איז געשטארבען און די פערווילדערונג פון דער נייער כתה האט זיך פערשטארקט אין די צייטען פון זיין תלמיד, רבי בער פון מעזריטש, ערשט דאן איז עס געקומען צו א פארמעלען פירוד ביי אידען.

רבי דוב בער, אדער רבי בעריש פון מעזעריטש (געבוירען 1700, געשט. 1772) האט איבערגענומען די הנהגה ביי די חסידים נאך רבי ישראל בעל שם-טוב'ס טויט. ער איז נישט געווען קיין פאנטאסט, ווי רבי ישראל, פיעל מעהר א קלוגער קאפ, וועלכער האט גוט פערשטאנען, וואס פאר א גרויסער כח עס ליגט אין די מופתים און ווי אזוי מען קאן דורך זיי געוועלטיגען איבער די מענשען און מאכען זיך אונטערטעניג זייערע געמיטער. צו רבי ישראל בעל שם-טוב איז ער געקומען ערשט א קורצע צייט פאר זיין טויט, אבער פונדעסטוועגען איז די הנהגה איבער די חסידים איבערגעגאנגען צו איהם און נישט צום זוהן, אדער צום איידעם פון בעל שם, צי ווייל אזוי האט דער בעל שם געלאזען צוואה, אדער צוליעב אנ'אנדער סבה. רבי בעריש האט איבערגעפיהרט דעם צענטר פון דער חסידות קיין מעזעריטש, — א קליין שטעדטעל אין וואהלין, ער איז געווען אין פיעל זאכען גרעסער פאר זיין רבי'ן. ער איז געווען א גרויסער בקי אין תלמוד און אין קבלה און דערצו אנ'אויסגעצייכענטער דרשן (מגיד), וועלכער האט פערשטאנען די פסוקים פון תנ"ך, אדער די מאמרים פון אגדה און זוהר אויסצונוצען אין זיינע דרשות, כדי צו געפינען אין זיי א סמך פאר די דרכים פון חסידות, כדי אזוי ארום צו בעצויבערן זיינע צוהערער און כמעט איבערראשען זיי. דאדורך האט ער אויך ארב-

גענומען די חרפה פון די חסידים, וועלכע מען פלעגט פארווארפען, אז זייער רבי איז אנ'עם הארץ, און איהם איז געלונגען שטארק צו פערגרעסערן די צאהל פון די חסידישע אנהענגער. — ער האט געהאט א הדרת-פנים (א שעהן געשטאלט) און האט זיך נישט געמישט מיט'ן פראסטען עולם, נור געלעבט די גאנצע וואך ביחידות אין זיין קליין צימער'ל, וואוהין עס פלעגען צו איהם קאנען אריינקומען בלויז געצעהלטע מקורבים; דאדורך האט ער דערגרייכט, אז די חסידים האבען איהם בעטראכט, ווי א מענשען, וועלכער האט עסקים מיט די עולמות עליונים און די סודות פון דער תורה זענען פאר איהם אפען. נור אום שבת פלעגט ער זיך ווייזען פאר אלע יענע חסידים, וועלכע פלעגען אבווארטען צו האבען די זכיה צו זעהען זיין הייליגען פנים. אינ'ם דאזיגען טאג פלעגט ער ערשיינען אינגאנצען אנגעטהון אין ווייסען אטלאס, אין ווייסע שיך און זאקען, אפילו זיין טאבאק-פושקע איז געווען דאן א ווייסע. (ווייס איז ביי די מקובלים די פארב פון חסד — גנאד). אום שבת פלעגט ער דאוונען צוזאמען מיט זיינע מקורבים און די חסידים, וועלכע זענען געקומען צו איהם פון דערווייטען, סיי מיט די ערגעבענע אנהענגער, סיי מיט יענע, וואס פלעגען קומען נייגעריג נור זעהען דעם קדוש, דעם בעל-מקובל און בעל-מופת. די תפלה פלעגט אום שבת פארקומען אויפ'ן שטייגער, ווי פאר רבי ישראל בעל שם-טוב, מיט געזאנג, דבקות און רקודים. כדי צו דערוועקען ביי די חסידים א פרעהליכע שטימונג צום דאוונען, פלעגט רבי בעריש מאכען געמיינע שפאסען, ביז דער עולם פלעגט ווערען לוסטיג. ער פלעגט, למשל, בעפוילען מיט איינעם פון דער חבריא צו מאכען א שפיעל און אנידערווארפען איהם און, ווען דער עולם פלעגט זיך שטארק צולאכען, פלעגט ער אויסרופען פלוצלונג: „איצט געהט דיענען גאט מיט שמחה!"

אונטער רבי דובערס הנהגה איז די חסידות פון אויסענווייניג געבליבען די זעלביגע, ווי זי איז געווען אין רבי ישראל'ס צייטען. דאס דאוונען מיט דבקות, ברען און התלהבות, דאס בעווייזען מופתים און פאראויסזאגען די צוקונפט; אבער ווייל דאס אלץ איז נישט געקומען, ווי ביי רבי ישראל'ן פון א אינערליכער שטימונג, אדער א פסיכישער מחלה, נור דאס איז געווען בלויז נאכגעמאכט, האט מען געמוזט אנווענדען קונצען און פערבלענדעניש, כדי צו דערגרייכען די זעלביגע רעזולטאטען, וואס די נאטור אדער די איבערנאטירליכקייט האט געמאכט. דער מנהיג פון די חסידים, אדער דער צדיק האט בשעת'ן דאוונען געמוזט קומען צו אזא צושטאנד, וואו דער מענש פערגעסט אין גאנצען אן זיין גוף און ווערט בלויזער געדאנק, א ריינע נשמה, וועלכע פעראייניגט זיך מיט גאט און זעהט וואונדערליכע ערשיינונגען, ווי אזוי אבער קאן קומען דערצו א קלוג אויסגערעכענטער מענש, וואס אלע זיינע מעשים טהוט ער אלץ מיט א חשבון און פלאן? — מען האט דעריבער געמוזט

זובען די התלהבות, וועלכע האָט געפעהלט אין האַרצען, אינ'ם פלעשעל בראַנפען, וועלכע איז אין פוילען געוועזען אַזוי שטאַרק בעליעבט. דער שנאַפּס האָט דערוואַרימט דאָס האַרץ און געבראַכט צו אַ געוויסען צוּ־שטאַנד, וואו אַ מענש קאָן זיך אײַנגאַנצען פערגעסען. רבי בערשי'ן האָ־בען אויך געפעהלט די ידיעות און קרייטעכצער, וועלכע דער בעל שם האָט געהאַט געלערנט ביי די פויערטעס אין די קאַרפּאַטען; חוּלאים האָט ער אָבער אויך געמוזט קורירען, און אָט האָט ער דריבער אויס־געלערנט עטוואָס פון די רפואה־ספרים, וועלכע ער האָט געפונען אין העברעאיש, און פלעגט געבען אויך רפואות. אויב זיי פלעגען נישט וויר־קען, איז, נאַטירליך, שולדיג געוועזען דער חולה, וועלכער איז מן־הסתם געוועזען אַ זינדיגע נשמה. שווערער איז געוועזען מיט'ן דערקענען פרעמדע מענשען און זאָגען עתידות; אָבער אויך דאָ האָט מען זיך אַנ'עצה געגע־בען: מען האָט געהאַט אַרום זיך זעהר קלוגע און געשיקטע אויספרעגער און אויספאָרשער, וועלכע פלעגען בעסער ווי אַנדערע געהיים־פּאָליציאַנ־טען אויספרעגען די געקומענע חסידים, ווער און וואָס זיי זענען. אַ גאַנ־צע וואָך פלעגען די ניי־געקומענע דעם רבי'ן נישט זעהען; דער רבי אָבער פלעגט זיך דערוויסען דערווייל דורך זיינע מענשען אַלץ, וואָס איז איהם נויטיג געוועזען צו וויסען וועגען זיי, און אָט ווען די חסידים פלעגען ענד־ליך אַריינקומען צו איהם פלעגט ער זיך אַזוי ווי פאַרבייגעהענד אַרויס־זאָגען וועגען זיי אַלץ וואָס ער האָט זיך דערוואוסט, און די ניי־אָנגעקו־מענע פלעגען פּשוט ערציטערט ווערען, הערענדיג ווי דער רבי וויים אַלץ און ווי פאַר איהם איז קיין פערבאָרגענע זאַך נישטאָ, זיינע לייט פלעגען טיילמאָל אויך בכיון צונעהמען ביי עמיצען עטוואָס (חלילה, נישט גנב'ענען!) און בעהאַלטען עס, אָדער אָבפיהרען וואוהין עס איז און ווען דער בעגנב'עטער פלעגט קומען צום רבי'ן נאָך אַנ'עצה, וואו און ווי אַזוי די גנבה צו געפינען, פלעגט איהם דער רבי שוין אָנווייזען דעם ריכטיגען אָרט. דורך אַזעלכע און אַנדערע עהנליכע מיטלען איז דער רבי געוואָרען אַ מפורסם פאַר אַ מענשען, וואָס וויים אַלץ און קיין פערבאָר־גענע זאַך איז פאַר איהם נישטאָ. די צאָהל פון דעם רבינ'ס אָנהענגער, אָדער חסידים איז דאַדורך זעהר פערגרעסערט געוואָרען. יעדער ניי־גע־וואָרענער חסיד פלעגט, קומענדיג צוריק פון רבי'ן אַהיים, דערצעהלען וועגען איהם אותות ומופתים און צוגעצויגען דאַדורך נייע חסידים, וועלכע פלעגען פאַהרען זעהען די מופתים.

אָבער אויך אַ נייע טעאָריע וועגען דעם מהות פון צדיק, אָדער פון רבי'ן האָט דער מנהיג פון די חסידים, רבי בעריש, ערפינדען. שטי־צענדיג זיך אויפ'ן אויסדרוק „וצדיק יסוד עולם“ — דער פרומער מאַן איז דער פונדאַמענט פון דער וועלט, וועלכער דאַרף פערשטאַנען ווערען בילד־ליך: דורך גערעכטע מעשים ווערט אַ וועלט געבויט, דורך אונגערעכטע ווערט זי חרוב — האָט רבי בעריש אָנגעווענדעט דאָס פיעל מעהר וואָרט־

ליך אויפ'ן חסידישען „צדיק“ — דאָס הייסט, אויפ'ן רבי'ן, אַז ער איז דער פונדאַמענט פון דער וועלט. דער צדיק איז נישט בלויז דער פאָלקאָמענסטער מענש, וואָס איז ריין פון עבירות, נור ער איז דער שטעלפערטרעטער פון גאָט און זיין בילד, אַזוי צו זאָגען. אַלץ און יעדעס, וואָס דער צדיק טהוט, דענקט אָדער אונטערנעהמט, האָט אַנ'ענדגילטיגע השפעה אין די עולמות העליונים און אויך אויף אונזער וועלט. אפילו ווען ער טרינקט בראָנפען מיט התפעלות פון זיין פלעשעל, ווירקט ער דערמיט אויף די עולמות העליונים. דעם דאָזיגען געדאַנק האָט שוין אפילו אויך געהאַט אַרויסגעזאָגט דער ארי ז"ל: דער צדיק קאָן אַראָבברענגען אַ שפע אויף דער וועלט און צווינגען דערצו די גאָטהייט. אָבער רבי בעריש האָט דעם געדאַנק פערברייטערט און דערוייטערט. די גאָטהייט געפינט זיך איבעראַל, אָבער בעזונדערס אין די מעשים פונ'ם רבי'ן. אין דער קלענסטער זאַך, וואָס דער רבי טהוט, אין זיין הלבשה, אין זיין פערבינדען די זאָקען-בענדלעך, אין זיין רויכערן די ליולקע, אין זיין זאָגען אַ טיפע דרשה, אָדער אַ פשוט'ן גלייכווערטעל — איבעראַל ליגט אַ גרויסע בעציהונג צו דער גאָטהייט און דאָס האָט אַ בעדייטונג, ווי אַ מצוה פון דער תורה. וואָס פאַר אַ אונבעגרינדעטער שגעון! און געשטאַמט האָט דאָס אַלץ פון דער קבלה, וועלכע האָט נאָך אַלע אונגליקען, וואָס זי האָט געבראַכט אידען מיט'ן שבתיאַניזם און פראַנקיזם, נאָך דער שאַרפער קריטיק וואָס איז געגען איהר אַרויסגעשטעלט געוואָרען דורך איינעם פון די גרויסע רבנים, ר ב י י ע ק ב ע מ ד ן, האָט זי נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו פערפינסטערן דעם מוח פון די אידען אין פוילען. דער צדיק, אָדער דער רבי, איז דער סימבאָל, די פערקערפערונג פון אַלץ וואָס איז שען און ערהאַבען אויף דער וועלט. אין זיין „שטיבעל“ אָדער „קלויזעל“, דאָס הייסט, אין זיין שמוציגען צימערל זיצענדיג איינזאַם ביחידות, איז דער רבי אויך אַזוי גרויס, ווי דער פויפסטליכער שטעלפערטרעטער פון גאָט אויף דער ערד אין זיינע פראַכט-פאַלאַצען. דער צדיק ברויכט, לויט זיינע רייד, אויך צו פיהרען זיך מיט גדלות פון גאָט'ס כבוד וועגען — אַ נייער גלויבען, אַ קאַטאָליציזם אין יודענטום!

זיין דאָזיגע תורה האָט רבי בעריש נישט אויפגעטהון נישט אָהן דער כונה צו פערשטאַרקען זיין אייגענע לאַגע און תקיפות צווישען די חסידים. עס איז געבוירען געוואָרען אַ נייע וועלט-אַנשויאונג: דער צדיק זאָרגט פאַר דער וועלט; ער ברענגט אַראָב אויף איהר די השפעה פון די עולמות העליונים, כדי צו דערהויבען דאַדורך דאָס פאָלק ישראל; דעריבער זענען דעם צדיקס תלמידים מחויב אָפט צו קומען צו איהם אויף קבלת-פנים און אויסקלאָגען זיך פאַר איהם אויף זייערע עבירות (אייגענטליך, מתודה זיין זיך פאַר איהם...) און נור דאַדורך קאָנען זיי האָפען, אַז זייערע עבירות זאָלען זיי פערגעבען ווערען. אָבער „דער, וואָס פערדעקט זיין זינד איז נישט מצליח“, זיי מוזען איהם אָבער אויך ברענגען מתנות, ווייל

מיט געלד פערשטעהט דער רבי בעסער וואָס צו טהון פון אידענם וועגען, אידער א געוועהנליכער בשר־ודם. די דאָזיגע תורה, וועלכע האָט אייגעטליך גאַנץ ווענינ געמיינזאַמעס מיט'ן ריינעם יודענטום, האָט גיך געפונען פיעל אָנהענגער צווישען די אידען אין פוילען. דאָס שטענדיגע איינזייטיגע לערנען תלמוד האָט געבראַכט דערצו, אַז דער געשמאַק ביי אידען איז קאַליע געוואָרען, דער קריטישער זין איז פערשוואונדען, האָט מען אָנגענומען יעדע אונגעזונדע שפייז פאַר א גאַנץ נאַטירליכע און א געזונדע.

רבי בעריש האָט זיך אָבער נישט בעגינט מיט'ן פערשפּרייטען זיין תורה בלויז צווישען די חסידים, וואָס פלעגען צו איהם קומען; ער האָט אויך פונאַנדערגעשיקט שליחים איבער דער אידישער וועלט, צו פערשפרייטען איהר אויך צווישען די ווייטע אידען. די וויכטיגסטע צווישען די דאָזיגע שליחים זענען געווען רבי יעקב־יוסף פון ראשקאָוו, רבי אלימלך פון ליזענסק און רבי נחום פון טשערנאָביל, וועלכע זענען אַלע געווען אויסגעצייכענטע דרשנים, וועלכע האָבען פערשטאַנען, ווי אַזוי אויפצעווייזען די ריכטיגקייט פון זייער וועלט־אַנשויאונג אין יודענטום אויפ'ן סמך פון פסוקים אין תלמוד אָדער זוהר. אין פוילען האָבען דאַמאָלס נישט געפעהלט קיין טפשים, שווינדלער און בטלנים. זיי אַלע האָבען זיך פעראייניגט מיט די חסידים. די ערשטע — צוליב זייער ווילדען אָבערגלויבען, די אַנדערע — צוליב א מאַטעריעלען צוועק, צו לעבען א גוטען טאָג, לוסטיג און פרעהליך, אָהן קיין שום אַרבייט, און די בטלנים — זיי האָבען בעקומען א פאָלקאָמע בעפרידיגונג אין פערברענגען זייער צייט אין רבי'נ'ס הויף. די בטלנים פלעגען זיך גאַנץ ערנסט מיינען, אַז, ארומבלאָנקענדיג זיך טאָג און נאַכט מיט זייער ליולקע אין שטיבעל ביים רבי'ן, דינען זיי דערמיט צו גאָט. עס זענען אָבער געווען אויך אַזעלכע ברענענדיגע חסידים, וועלכע פלעגען אַזוי לאַנג און שטאַרק זיך דבק'ען ביים דאַוונען, ביז זיי פלעגען פאַלען אין חלשות.

צוויי אומשטענדען האָבען מיטגעווירקט, אַז די חסידות זאָל זיך פערשפרייטען: פון איין זייט, די אחדות און ברידערשאַפט צווישען די חברים־חסידים, און פון דער אַנדערער — די טרוקענקייט און פערגליווערונג, וואָס איז אריינגעטראָגען אין לערנען תלמוד שוין א פאַר הונדערט יאָהר. די חסידים זענען פון אָנפאַנג אָן געוואָרען אַ'ענג צוזאַמענגעבונדענע חבריא, א חברותא, וועלכע האָבען אפילו נישט געהאַט, ווי די אַמאָליגע עסייער, קיין שותפות'דיגע קאַסע, אָבער דאָך פלעגען זיי שטאַרק זאָרגען פאַר זייערע מיטגלידער. האָט אַפטע צוזאַמענקומען זיך ביים רבי'ן האָט מעגליך געמאַכט אַזאַ זאַך. פלעגט עמיצען פון זיי פעהלען פרנסה, אָדער ארבייט, פלעגען די חסידים שוין באַלד אויפזוכען פאַר איהם ביידע זאַכען ביי זייערע אָנגעקומענע חברים. די חסידים פון דער סביבה פלעגען קומען צום רבי'ן גאַנץ אָפט, אָבער אויף ראש השנה און

יום כפור פלעגען קומען די חסידים אפילו אויך פון די ווייטעסטע מקומות
צום צדיק; ווייב און קינדער פלעגט מען לאָזען אין דערהיים, כדי צו
פערברענגען די ימים=נוראים צוזאַמען מיט'ן רבי'ן און, זעהענדיג זיינע
הנהגות, אָבלערנען זיך פון איהם. ביי אַזאַ גרויסען צוזאַמענפאָהר פלעגען
זיך די חסידים בעקענען איינער מיט'ן אַנדערן און, אַרומרעדענדיג זייערע
היימישע עסקים, אויך העלפען איינער דעם אַנדערן מיט אַנ'עצה, אָדער
מיט עטוואָס ממשות'דיגעס. רייכע סוחרים פלעגען זיך דערביי אויך דער=
וויסען וועגען נייע געשעפטען, טאַטעס פון דערוואַקסענע טעכטער פלע=
גען זיך אויסזוכען אַנ'איידעם. די אָפטע און רייכע שותפות'דיגע סעודות,
וועלכע מען פלעגט דערביי מאַכען, פלעגען מיטווירקען צו פערשטאַרקען
די ברידערשאַפט צווישען די חסידים. — פון וואַנען פלעגט זיך נעהמען
געלד אויף אַלעם דעם? — די רייכע חסידים האָבען געהאַלטען פאַר אַ
הייליגען חוב צו געבען געלד, ווייל מען פלעגט זיי תמיד זאָגען, אז דאַ=
דורך קויפט מען זיך אויס פון אַלע צרות און פגעים רעים. טאָמער פלעגט
אַ רייכער חסיד דאַרפען אויפטהון עפּעס אַנ'עסק, פלעגט ער קודם כל
קומען צום רבי'ן פרעגען אַנ'עצה, ברענגענדיג דערביי אַ שענע מתנה און,
אויב דער עסק פלעגט מצליח זיין, פלעגט ער אויך איינטיילען דעם רבי'ן
אַ געוויסען פראָצענט פון ריוח. — די אחדות און אויך טיילמאָל די הילף,
וואָס אַ חסיד פלעגט בעקומען, זייענדיג ביים רבי'ן — דאָס צוזאַמען האָט
שטאַרק געהויבען די שטימונג צווישען די חסידים און, קומענדיג אַהיים
פלעגען זיי דעריבער אַלץ מעהר דערצעהלען נסים ונפלאות און דאַדורך
פערשטאַרקען די אמונה אינ'ם רבי'ן און פערגרעסערן די צאָהל פון זיינע
אַנהענגער.

אָבער אויך גאַנץ ערנסטע אידען האָבען געשפירט די גייסטיגע בע=
דערפעניש צו=צושטעהן צו די חסידים. דאָס רבנישע יודענטום, אין דער
פאָרם, וואָס עס האָט אָנגענומען אין פוילען, האָט דעם הארצען נישט
געגעבען קיין שום דערקוויקונג. אין לערנען תלמוד איז די הויפט=זאַך גע=
ווען דער טיפער און פערקרימטער פלפול, ווי אויך די בקיאות און די
אונצעהליגע פירושים, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען צו איהם און צו די
פוסקים. בעזונדערס שטאַרק האָט מען זיך בעשעפטיגט מיט יענעם טייל
פון תלמוד, וואו עס ווערען בעטראַכט ציווילע ענינים, דיני ממונות, וועל=
כע האָבען געהאַט אויך אַ פראַקטישען נוצען. אין פוילען פלעגען די אי=
דען, ווי שוין דערמאָנט, זיך משפט'ן ביי די רבנים לויט'ן תלמוד און
פוסקים און דעריבער פלעגט אָפט אויסקומען דורך פלפול געפינען ענט=
פערן אויף פערשידענע נייע שאלות און סכסוכים צווישען די צדדים. די
חריפות, אָדער דער קונץ אַרויסצוזאָגען אַ נייע סברא, אָדער אויפטהון אַ
נייען פשט'ל, פערענטפערן אַ האַרבע קשיא איז דעריבער געווען דער
הויפט=צוועק אין לערנען און ווען עס האָט אָבגעגליקט עמוואָס אויף=
כעם צו בעווייזען, יענער האָט זיך געשעצט העכסט גליקליך, זייענדיג זי=

בער, אַז ער וועט האָבען זיין חלק אין גן-עדן. דאָס דאַוונען, די רעליגיעזע אויפרעגונג, דאָס אַריינטראַכטען אין געטליכע ענינים אָדער אין דער מאָראַל, דאָס בעשעפטיגען זיך מיט מוסר-ספרים, אָדער אפילו מיט אגדתות, מיט איין וואָרט — אַלץ, וואָס שפּייזט דאָס האַרץ פון מענשען און זיין געפיהל, דאָס אַלץ האָט מען געהאַלטען פאַר אַ קלייניגקייט, מיט וועלכען עס לוינט זיך נישט צו פערנעהמען. די מגידים אָדער דרשנים זע- נען געווען כמעט ווי פעראַכטעט, זיי פלעגען פיהרען אַנ'אָרים לעבען, שטאַרבענדיג פון הונגער. און אָט האָבען, אי די וואָס האָבען ליעב גע- האָט צו הערען אַ וואַרימע דרשה, אי די דרשנים גופא זיך צוגעווענדעט צו דער חסידות, ווייל די ערשטע האָבען דאָרט תמיד געהערט וואַרימע דרשות און די אַנדערע האָבען ביי די חסידים אַ ערשט ריכטיגע אָבשאַצונג און בעלוינונג פאַר זייער טאַלענט. דורך אַזעלכע עלעמענטען האָט די חסידות זיך פערגרעסערט פון טאָג צו טאָג. כמעט אין יעדע שטאָדט האָט זי שוין געהאַט איהרע אַנהענגער.

די אַנטיפּאַטיע פון די נייע חסידים צו די רבנים און תלמידי חכמים האָט זיך פערשטאַרקט אַלץ מעהר, ווי די חסידישע סעקטע האָט אָנגע- הויבען וואַקסען. די טרוקענהייט און „די בערג וואָס הענגען אויף אַ האָר" מיט וועלכע עס האָט זיך אויסגעצייכענט דאָס לערנען תלמוד אין די ישיבות, איז געווען שטענדיג אַ געגענשטאַנד פון אָבשפּאָטונג פאַר די חסידים. איינער פון רבי דובעד'ס תלמידים, רבי ליב שערהאָס (רבי ליב שרה'ס?) האָט ערקלערט: „איך בין נישט געקומען צו רבי בעריש מע- זעריטשער, כדי צו הערען פון איהם תורה און חריפות, נור כדי צו זע- הען, ווי אַזוי ער טהוט אויס די שיך און טהוט זיי אָן צוריק. דאָס איז פאַר מיר פיעל וויכטיגער. וואָס איז תורה? דער מענש מוז אַליין זיין תורה אין זיינע מעשים, אין זיינע תנועות, אין זיין רעדען, אין זיין אויפ- פיהרונג מיט מענשען און אין זיין דבקות אין גאָט (דורכ'ן דאַוונען)" — אין די קבלה-ספרים האָבען די אידען געפונען פיעל ראיות, אַז דאָס לער- נען תלמוד האָט נישט אַזאַ חשיבות, ווי די קבלה און סתרי תורה. איי- דער די חסידים האָבען נאָך בעוויזען אַרומצוקוקען זיך, זענען זיי שוין גע- ווען אַ בעזונדערע סעקטע, וועלכע האָט אויסגעמידען צו חבר'ן זיך מיט די רבנישע אידען. רבי דובער האָט זיך אין איהר שפּיץ געשפּירט שוין שטאַרק גענוג, איינצופיהרען אַ נייעס, וואָס האָט געדאַרפט אַרויסרופען געגען די חסידים דעם כעס פון די רבנישע אידען, ווי מען האָט לייכט געקאָנט פאַראויסזעהען. ווייל די תפלה און די מנהגים, וואָס זענען דער- מיט געווען פערבונדען, האָבען געשפּילט אין חסידות די הויפּט-ראָלע, האָבען זיי זיך נישט געקימערט וועגען די דינים און פרטים וועגען דעם שיעור פון דאַוונען, ווי אויך נישט וועגען דער צייט, ווען מען דאַרף דאַוונען. דער עיקר איז דאָך פאַר זיי געווען די כונה פון האַרצען און די שטימונג צום דאַוונען, און אָט דעריבער האָבען זיי

לאנג געדרויבערט די ליולקע, געפראוועט מקואות און אנדערע זאכען, ביי ארויסצורופען די נויטיגע שטימונג, ממילא פלעגט דער דאוונען אויס־קומען נאך האלבען טאג. די לאנגע נגונים און שפרינגעניש פלעגט זיך אויך פערציהען אפט צו לאנג. דעריבער פלעגען זיי נאר אריבערהיפען גאנצע שטיקער און דאוונען. בעזונדערס איבריג זענען פאר זיי אויסגע־קומען די פיוטים אין שבת'דיגען דאוונען און, כדי פטור צו ווערען פון זיי מיט איין מאל, האט רבי דובער איינגעפיהרט צו האלטען זיך ביים סדור פון אריז"ל, וואו עס זענען קיין פיוטים גארנישט געווען. דער דאזיגער סדור איז מייסטענס לויט'ן נוסח פון די ספרדישע אידען און אין די אויגען פון די אשכנזישע אידען איז געווען אנ'אמת'ער פער־ברעכען דאס משנה זיין דעם אלטען נוסח פון די אשכנזים, וועלכער איז פאר זיי פערהייליגט געווארען פון כמה דורות.

די געגנער פון די חסידים, אדער מתנגדים, לויט ווי די חסידים האבען זיי אנגעהויבען רופען, וואלטען, בלי ספק, שטרענג בעשטראפט זיי פאר'ן בייטען פלוצלונג דעם אלטען נוסח פון דער תפלה, אבער די פאליטישע מאכט אין פוילען איז שוין דאמאלס געווען געבראכען און, צוזאמען מיט איהר, האבען אויך די אידישע קהלות פערלוירען זייער מאכט. נאך בשעת'ן עפענען דעם פארלאמענט אין יאהר 1764 האט זיך שוין געקלאגט דער גניעזענער ארציביסקופ פרימאס, אז „די פוילישע פרייהייט איז בטל געווארען, איהרע געזעצען ווערען נישט אבגעהיט, קיין געריכטען זענען נישטא, דער מסחר איז כמעט בטל, די הויפען און דערפער — וויסט, די מלוכה־קאסע לעדיג און די מטבעות פון דער מדינה האבען פערלוירען זייער ווערט". די שטענדיגע פארטיי־סכסוכים און די אינטריגעס פון די יעזואיטען האבען געבראכט דערצו, אז רוס־לאנד האט שוין דאמאלס געקאנט בעטראכטען פוילען פאר א פראווינץ, וועלכע זי וועט אינגיכען איינעהמען, און אריינגעזעצט אהין פאר א קעניג א מענשען מיט א שוואכען כאראקטער, דעם פירשט סטאניס־לאוו אויגוסט פאניאטאווסקי, וועלכער איז פריהער געווען פון די מקורבים ביי דער רוסישער קייזערין יעקאטערינא דער צווייטער און ווערענדיג קעניג אין פוילען (סעפטעמבער 1764) איז ער געווארען א שפיעלצייג ביי די אינערליכע פארטייען און ביי פוי־לענס אויסערליכע פיינד. אין ערשטען יאהר פון זיין רעגירונג האט פאניאטאווסקי, אונטער אנדערע אויך ארויסגעגעבען א געזעץ, וואס האט מבטל געמאכט דעם אינערליכען פערבאנד פון די פוילישע אידען. דער „ועד פון די פיער מדינות", וועלכער האט געהאט דאס רעכט און די מאכט צו בעשטראפען מיט א חרם און געלד אלע אידען, וועלכע וועלען איהם נישט געהארכען, האט פערלוירען דאס דאזיגע רעכט און זיך מעהר נישט געטארט צוזאמענפאהרען. דער דאזיגער וויכ־

טיגער אידישער אינסטיטוט פון אינערליכער אויטאָנאָמיע האָט עקזיסטירט הונדערט און פופציג יאָהר אין, נאָכדעם ווי ער איז בטל געוואָרען, האָבען די דאַמאָלסדיגע פוילישע אידען אפילו נישט געפונען פאַר נויטיג, לפחות, גאַנץ איבערצולאָזען פאַר די קומענדיגע דורות די דאָקומענטען און פערשידענע כתבים פון זיין טעטיגקייט. — פאַר די חסידים איז דאָס בטל ווערען פון „ועד“ געווען זעהר נוצליך, ווייל זיי זענען בעפרייט געוואָרען פון דער פליכט אָבצוגעבען עמיצען א רעכנונג פאַר זייערע מעשים. זיי האָבען שוין נישט געדאַרפט מורא האָבען, אז מען זאָל זיי נישט אַריינלעגען אין חרם אין דער גאַנצער מדינה, דען עס האָט געפעהלט דער אינסטיטוט, וואָס האָט דאָס געקאָנט טהון, און יעדע קהלה בעזונדער איז שוין דאַמאָלס אויך געווען אין פוילען צו־שוואַך אונטערצונעהמען א קאַמף געגען זיי און פערבאָטען זיי צו פערזאַמלען זיך. די שוואַכקייט פון דער מדינה בכלל האָט זיך שטאַרק אָבגערופען אויך אויף די קהלות און זייער אינערליכען לעבען.

אזוי אַרום האָבען די חסידים ביסלעכווייז זיך פערשטאַרקט אין די אַלטע גרויסע קהלות. זייער צאָהל איז שוין אזוי גרויס געוואָרען, אז זיי האָבען זיך צוטיילט אין צוויי גרויסע צווייגען: די קאַרלינער און די מעזעריטשער. די לעצטע האָבען זיך אזוי גערופען נאָכ'ן נאָמען מעזעריטש, וואו זייער רבי, רבי בעריש, האָט געוואוינט; די ערשטע האָבען זיך א נאָמען געגעבען קאַרלינער, נאָכ'ן נאָמען פונ'ם קליינעם שטעדטעל קאַרלין (נעבען פינסק), וועלכע האָט געהאַט איהר אייגענעם רבי'ן, רבי אַרעלע (אהרן) קאַרלינער, איינער פון די הייסעסטע אָנהענגער פון מעזעריטשער רבי'ן. די קאַרלינער האָבען זיך פערשפּרייט אין שקלאָוו, מינסק, ווילנאָ און בראָדי און די אַרומיגע שטעדטלעך, וואו נור עס פלעגען זיך שוין געפינען לפחות א „מנין“ (צעהן) פון זיי, פלעגען זיי באַלד גרינדען אַנ'אייגען „שטיבעל“ — אַנ'אָרט צו דאַווענען בצבור אויף זייער שטייגער און אויך זוכען נייע חברים. תחלת זענען זיי געווען זעהר פאָרזיכטיג און געפיהרט זייער אַגיטאַציע בשתיקה, כדי מען זאָל וועגען זיי גאָר נישט וויסען, ביז זיי וועלען זיך פערשטאַרקען. אין דער ליטאָ האָט מען טאַקי וועגען זיי אויך גאָר נישט געוואוסט. ווען אָבער א געוויסער חסיד, רבי איסר, האָט בעוויזען איינצואָרדנען אויך א חסידישע קהלה אין ווילנאָ, האָט זיך געגען זיי איינגעהויבען אַנ'אמת'ער שטורם, וועלכער האָט זיי שיער נישט געהאַט פערניכטעט, און נור א דאַנק זייער גרויסער עקשנות און געשיקליכקייט צו פערשטעלען זיך, איז עס געלונגען די חסידים איבערצולעבען דעם שטורם און אַרויסגעהען פון איהם פערשטאַרקט, אַלס מנצחים.

דער העפטיגער קאַמף געגען זיי האָט זיך אָנגעהויבען דורך א מענשען, וואָס די אידען אין ליטאָ דערמאָהנען נאָך איצט אויך מיט'ן גרעסטען געפיהל פון כבוד, א מענש, וועלכער האָט געגעבען דעם ליטווי־

שען יודענטום א פעסטע ריכטונג און כאראקטער. דאס איז געווען רבי אליהו פון ווילנא (געבוירען 2-טען אפריל 1720, גע-שטארבען 10-טען אקטאבער 1797), וועלכער איז נאך עד היום בעוואוסט מיט'ן סתם-נאמען „דער גאון“. צווישען די פוילישע רבנים איז ער געווען א זעלטענע אויסנאהמע, א מענש פון א העכסט שענעם כאראק-טער און הויכער בענאבונג, וועלכע ער האט נישט אויסגענוצט אויף וויסטע פלפולים. זייענדיג א זעלטענער בקי אין תלמוד און דער גאנצער אלטער ליטעראטור, האט ער פונדעסטוועגען נישט געוואלט אננעהמען קיין שטעלע אויף רבנות. ער וואלט געקאנט מחבר זיין פיעל ספרים, און האט נישט געדרוקט ביי זיין לעבען. ער איז געווען אזא גרויסער עניו, אז ער האט זיך אפילו אבגעהיט ארויסצוטרעטען עפענטליך מיט זיינע אייגענע מיינונגען; זיין גרעסטער תענוג איז געווען נור חאס לער-נען און זוכען דעם אמת, עס פערשטעהט זיך, אז דער תלמוד, זיינע מפרשים אין אלע געביעטען, וואס זענען מיט איהם פערבונדען, זע-נען געווען זיין הויפט-בעשעפטיגונג. ער האט אבער ממאס געווען אינ'ם וויסטען פלפול און געשטרעבט נור צום איינפאכסטען זין פון אלטען טעקסט פון די אידישע ספרים; דעריבער פלעגט ער אויך פיעל צייט און מיה אבגעבען צו בעלייכטען איהם קריטיש און ארויסגעפינען די ריכטיגסטע נוסחאות אין תלמוד און אין אלע אנדערע אלטע ספרים. אין דער הינזיכט איז דער גאון געווען א העכסט אריגינעלע ערשיינונג אין יענער צייט, ווען קיינער האט זיך נישט דערוואויגען צו בעציהען זיך קריטיש צו א געדרוקט ווארט און אלץ איז געווען פערהייליגט און פער'חתמ'עט מיט זיבען שלעסער פון קדושה. אויך אין זיין ערציהונג איז שוין דער גאון געווען אנ'אויסנאהם: ער האט נישט געלערנט אין קיין ישיבה, נור שטענדיג אליין, נור איין רבי'ן האט ער געהאט, רבי משה מרגליות פון קיידאן, וועלכער האט אויך אזוי, ווי זיין רבי, רבי דוד פראנקל, זיך שטארק פערטיעפט אין תלמוד ירושלמי, און אט פון איהם האט דער גאון איבערגענומען זיין „פער-גלייבענדען מעטאד“, ווי אזוי צו שטודירען דעם תלמוד בבלי, נאטירליך, אויף ווי פיעל דאס איז מעגליך געווען ביי דער קנאפער וויסענשאפט-ליכער פארבערייטונג. אבער וואס איז געווען אנ'אמת'ע זעלטענהייט אין יענער צייט און אין דער סביבת פונ'ם גאון — איז זיין בעשעפטיגונג מיט'ן תנ"ך און דקדוק; דער גאון האט אויך נישט געווייכט פון די ווי-סענשאפטען בכלל, ער האט זיך בעשעפטיגט מיט מאטעמאטיק און אסטראנאמיע און אפילו אויך אליין געשריבען וועגען דעם א ספר. ער האט בפירוש ערקלערט, אז דאס יודענטום פערלירט דאדורך גאר נישט, נור עס פערדינט. דער ווילנער גאון איז שטארק געווען טרויעריג וועגען די שלעכטע רעזולטאטען, וואס עס האט געבראכט דאס לערנען קבלה אין פוילען, וואו עס איז דאדורך מעגליך געווארען דעם שווינדלער

יעקב פראַנק מבלבל צו זיין די מחות און פיהרען פיעל אידען צום שמד. אָבער פונדעסטוועגען האָט איהם דאָס נישט אָבגעהאַלטען אַליין פון לערנען קבלה. ווען אין ווילנאַ איז אַריינגעדרונגען די נייע חסידות, האָט דער גאון דערזעהען אין איהר אַ בעוועגונג, וועלכע איז עהנליך צו דער פראַנקיסטישער; בעזונדערס שטאַרק האָט ער זיך אויפגערעגט, ווען מען האָט איהם איבערגעגעבען, אַז די חסידים לאַכען פונ'ם לערנען תלמוד. ער האָט געהאַלטען דאַן, אַז אויף איהם ליגט אַ חוב, אַרויסצוטרעטען געגען דער נייער כתה, וועגען וועלכער ער האָט געהאַלטען, אַז זי האָט גאַנץ וועניג שייכות צו דער קבלה, נור זי שטאַמט פון שלעכטע מענשען, וועלכע ווילען אויסנוצען דעם אַלגעמיינעם אבערגלויבען.

אין ווילנאַ האָבען די חסידים, אָדער די „קאַרלינער" זיך אַריינגע'גנב'עט בשתיקה אויף אַזאַ אופן: איינער פון די מקורבים ביים רבי'ן, אַ געוויסער רבי איסר, און אַ שליח מיוחד פון מינסק, אַ געוויסער מענדעל, האָבען געבראַכט אַהין די נייעס וועגען דער חסידות, און פיעל ווילנער אידען האָבען זיך באַלד פעראייניגט מיט זיי; צווישען זיי איז אויך געווען דער מגיד, רבי חיים. ווען עס איז דערוואוסט געוואָרען, אַז זיי פערזאַמלען זיך בייזאַמען און דאַווענען אין אַ בעזונדערן סדור, אָבשפּאַטענדיג פון די תלמידי חכמים, האָט זיך אויפגעהויבען געגען זיי אַן אַלגעמיינע אונצופרידענהייט, בפרט נאָך, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז זיי שפּאָטען אָב פון גאון און זאָגען אויף איהם: „ער איז שקר און זיין תורה איז שקר". די ווילנער אידען האָבען באַלד צוזאַמענגערופען אַן אסיפה פון די פרנסים און פון די דיינים און מען האָט צוטריבען דאָס חסידישע שוהלעכ'ל און געמאַכט אַ שטרענגע אויספאָרשונג. וואָסזשע האָט מען זיך דערוואוסט? וועניג און פיעל. מען האָט ביי די חסידים ענטדעקט כתבים, וועלכע האָבען געלערנט, אַז מען ברויך אויסמיידען עצבות. אויך אפילו ווען מען טהוט תשובה אויף די בעגאַנגענע זינד; צוזאַמען דערמיט האָט מען זיך אָבער אויך דערוואוסט, אַז די נייע כתה מאַכט חוזק פון די תלמידי חכמים און האָט אַ נייעם נוסח פון תפלה. דער גאון איז אפילו אָפיציעל קיין רב נישט געווען, אָבער אין דער אסיפה האָט ער אַנטייל גענומען, און, כאָטש ער איז שטענדיג געווען אַ שטילער מענש איז ער אין דעם פאַל געווען זעהר שטרענג און האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל געגען די חסידים אָנווענדען די גרעסטע בעשטראָפונג, ווייל, לויט זיין מיינונג, זענען זיי אַ פאָרטזעצונג פון די פראַנקיסטען. דעם מגיד רבי חיים האָט מען דערוויטערט פון זיין שטעלע און, ווען ער האָט עפענטליך תשובה געטהון און געבעטען מחילה ביים גאון, האָט איהם דער גאון שאַרף געענטפערט: „מיין בזיון בין איך דיר מוחל, אָבער פאַר גאָטס כבוד און דעם כבוד פון דער תורה וועט איהר נישט בעקומען קיין מחילה ביז'ן טויט". — וועגען דעם אַנריידער צו חסידות איסר האָט דער גאון געפאָדערט, אַז מען זאָל

איהם שטעלען ביים שאַנד־סלופּ, אָבער די פּרנסים האָבען זיך בעגאַנגען לייכטער: אום שבת האָט מען איהם עפענטליך אין שוהל אַריינגעלעגט אין חרם; איהם אליין האָט מען איינגעשלאָסען און געשלאָגען מלקות, און די חסידישע כתבים וועלכע מען האָט ענטדעקט האָט מען פערברענט ביים שאַנד־סלופּ (1772). דערנאָך האָבען די רבנים און פּרנסים צוזאַמען מיט'ן גאון פונאַנדערגעשיקט בריעף צו אַלע גרויסע קהלות, אַז זיי זאָלען שטרענג אַכטונג געבען אויף די חסידים און אַריינלעגען זיי אין חרם, ביז זיי וועלען חרטה האָבען און תשובה טהון אויף זייערע מעשים. פיעל קהלות האָבען נאָכגעטהון אַזוי ווי ווילנאַ. אין בראָדי האָט מען בשעת'ן גרויסען יאַריד אויסגערופען דעם חרם אויף אַלע, וועלכע דאַוונען לויט אַנ'אַנדער נוסח און היטען אָב נייע מנהגים. אין איין קהלה האָט מען די חסידים גאָר פערבאָטען צו פערזאַמלען זיך און דאַוונען בצבור, אפילו זאַלבענאַנד צו זיצען האָט מען זיי פערבאָטען און קיין שום התמנות און די קהלות האָט מען זיי נישט געגעבען. דאָס איז געווען דער ערשטער קלאַפּ, וואָס די חסידים האָבען בעקומען. אינ'ם זעלביגען יאָהר איז אָבער אויך געשטאָרבען דער חסידישער רבי, דובער פון מעזעריטש — די רבנים האָבען דאַמאָלס געגלויבט, אַז זייער חרם האָט איהם דער'הרג'עט — די חסידים האָבען זיך געשפירט עלענד, ווי יתומים.

— אין יענער צייט איז אויך געקומען דאָס ערשטע אונגליק אויף פוילען: צוליעב דער דורשטיגקייט נאָך פערמעד לאַנד מצד די שכנים, איז פוילען צוטיילט געוואָרען: דריי טויזענד קוואַדראַט־מייל לאַנד זענען פון איהר אָבגעריסען געוואָרען. אַ גרויסער טייל דערפון, גאַליציען, איז אָבגעגאַנגען צו עסטרייך, דאָס איבריגע איז אָבגעגאַנגען צו רוסלאַנד און פּרייסען. דאַדורך איז צוריסען געוואָרען אויסערליך דער פערבאַנד צווישען די חסידים; די אָבגעזונדערטע חברים זענען געוואָרען אָבהענגיג פון די געזעצען פון יענע לענדער, צו וועלכע זיי האָבען איצט געהערט, און צו דער ווילקירליכקייט פון די נייע רעגירונגס־בעאַמטע.

אָבער אויך אָט דער שטורם האָט די חסידים נישט פערניכטעט; זיי זענען געבליבען פעסט אויף זייערע ערטער, נישט אונטערגעבענדיג זיך צו זייערע געגנער, די מתנגדים. דער קאַמפּף האָט זיי נאָך צוגעגעבען מוט און ענערגיע. וועגען דעם חרם האָבען זיי זיך גאָרנישט געקימערט: דאָס דאָזיגע געוועהר איז אַזוי אָפט געברויכט געוואָרען אין די צייטען פון רבי יהונתן אייבשיטץ, אַז עס איז געוואָרען טעמפּיג און פערלוירען זיין שאַרפקייט. די צאָהל פון די חסידים האָט שוין דאַמאָלס געהאַט דערגרייכט ביז 50—60 טויזענד מאַן, וועלכע האָבען זיך גרופּירט צוזאַמען אין די שטעדטלעך, וואו זיי האָבען געוואוינט און זענען זיך געפאָהרען צו אַ בעזונדערן „רבי'ן". דער צוזאַמענהאַנג צווישען אַלע חסידים און זייער אחדות האָט זיך געהאַלטען דאַדורך, וואָס איינער פון רבי בעריש'עס יורשים איז געוואָרען „הויפּט־רבי" און אַלע איבריגע חסי-

דישע רביים זענען געפאהרען צו איהם און געמוזט איהם אבגעבען א טייל פון זייערע הכנסות. דער ערשטער הויפט־רבי איז געווען רבי בער־ישעס זוהן, רבי אברהם, וועלכען די חסידים האבען א נאמען נעגעבען „המלאך“, צוליעב זיין גרויסער קדושה און פרישות. אין דער ענטוויקלונג פון דער חסידות האט ער געשפיעלט א קליינע ראליע און טאקי דערפאר האבען די איבריגע רביים איהם אנערקענט פאר אנ'אויבער־רבי איבער זיך. די איבריגע רביים זענען רבי אלימלך פון ליזענסק (געשט. 1786), רבי יעקב יוסף הכהן (געשט. 1790) און רבי נחום פון טשערנאביל, כדי אז יענע חסידים, וועלכע זענען נאך געווען צו־שוואך אין זייער אמונה און רבי'ן, זאלען נישט אבפאלען צוריק צו די מתנגדים, האבען די רביים ארויסגעגעבען א בעפעהל צו די חסידים, אז זיי זאלען נישט לעזען, אדער אפילו נישט א קוק טהון אויף א געדרוקט ווערק, אויף וועלכען עס געפינט זיך נישט זייערס א הסכמה. די חסידים זענען שוין דאמאלס געווען אזוי שטארק ערגעבען זייערע רביים, אז זיי האבען דעם דאזיגען בעפעהל שטרענג אבגעהיט. דערפאר האבען די רביים זיי ארויסגעטיילט די זאמלונגען פונ'ם בעל שם־טוב'ס כתבים אדער פון רבי בעריש מעזעריטש־יזר'ס דרשות, אין וועלכע עס איז שטארק געלויבט געווען די הויכע בעדייטונג פונ'ם צדיק און פון חסידישען לעבען, דאגעגען אבגעשפאטעט געווארען פון די תלמוד־אידען. די דאזיגע ספרים און לקוטים זענען געווען על פי רוב געשריבען אהן קיין שום געשמאק, אבער די חסידים, וועלכע מען האט געהאלטען שטענדיג אין אנ'אויפגערעגטען צושטאנד, האבען געלעזען די דאזיגע ספרים מיט גרוים חשק און התפעלות און געהאלטען זייערע אנווייזונגען פאר תורת־משה, וואס מען איז מחויב שטרענג צו האלטען זיך אן זיי.

צוויי חסידישע מנהיגים און רביים האבען נאך רבי בעריש'עס טויט שטארק מיטגעווירקט אויף צו דערהויבען די חסידות, איינער מיט זיין לומדות און דער אנדערער מיט זיין גרויסער אמונה און התלהבות. דאס זענען געווען רבי שניאור זלמן פון ליאדי (פון לאזני) און רבי ישראל פון קאזעניץ (נישט ווייט פון ראדאם),ביידע — תלמידים פון רבי בעריש מעזעריטשער. דער לעצטער איז געווען מפורסם אויך מיט'ן נאמען דער קאזעניצער מגיד און געשמ'ט פאר א גרויסען בעל מופת, אין וועלכען עס זאלען האבען געגלויבט אפילו אויך די קריסטען און זיך געווענדעט צו איהם מיט ביטעס, צו קורירען זייערע חולאים. ווי מען האט דערצעהלט וועגען איהם, איז ער אבער געווען אזא שונא־בצע, אז ער האט אויסגעטיילט פאר ארימע לייט אלע גרויסע נדבות און מתנות, וואס מען האט איהם געבראכט פון נאהענט און ווייט. זיינע אנהענגער האבען אין איהם פעסט געגלויבט אז ער קאן אבהיטען א מענשען פון אלע מחלות און דערוויי־טערן פון איהם אלע פגעים־רעים.

דער ערשטער פון זיי, ר ב י ש נ י א ו ר ז ל מ ן פון ליאדי (געבוירען אין ל א ז נ י, ביי וויטעבסק אין יאהר 1751 און געשטארבען 1813), וועלכער האט געהייסען קורץ „ד ע ר ל י א ד ע ר“, האט זיך שטארק אויסגעצייכענט אי מיט זיין גרויסער לומדות אין תלמוד און קבלה אי מיט זיין חסידות. ווי מען האט וועגען איהם דערצעהלט, האט ער געוואלט עמיגרירען קיין ארץ ישראל, אבער פון הימעל האט מען איהם מודיע געווען, אז ער מוז בלייבען אין פוילען און זיין א חסידישער רבי. און אט האט ער זיך בעזעצט אין זיין קליין שטעדטעל ליובאוויץ און געמאכט עס פאר א צענטר פאר די ליטווישע חסידים. רבי שניאור זלמן האט אין פיעל פרטים זיך אבגעווענדעט פון די קארלינער און מעזעריטשער. ער האט מבטל געמאכט דעם טומעל און שפרינגען אין דאווענען און צוריק איינגעפיהרט פאר א חוב צו לערנען תורה און קבלה. די ליבאוויצער חסידים האבען זיך אויך גערופען „ח ב ד'נ י ק ע ס“ (חב"ד — א ראשי־תבות פון די ווערטער חכמה, בינה, דעה) און האבען זיך אויסגעצייכענט געגען אנדערע חסידים דערמיט, וואס זיי האבען נישט געהאלטען פאר א מעלה צו זיין דוקא אנ'עם הארץ און נור עוסק זיין זיך אין חסידות. אבער אויך דער ליאדיער פלעגט תמיד זאגען, אז ווער עס קוקט אריין אין א ספר, געשריבען אין א פרעמדער שפראך, איז פוגם אין זיין נשמה און איהר מטמא, און האט אויך אנגעוויזען אין קבלה־ספרים, אז דאס איז א אידען פערבאטען. דאגעגען פלעגט ער שטארק מתרעם זיין אויף די, וואס פלעגען קומען צו איהם פרעגען עצות אין זייערע עסקים, מאכענדיג איהם פאר א נביא און א בעל־מופת.

די חסידים האבען זיך דערוויל אזוי פערשטארקט, אז די מתנגדים האבען געפונען פאר נויטיג ווידער אריינצולעגען זיי אין חרם. און אויך איצט האט זיך דאס אנגעהויבען פון ווילנא און דורכ'ן גאון. די סבה דערפון איז געווען, וואס ר ב י י ע ק ב ־ י ו ס ף האט דאמאלס אבגעדרוקט א זאמלונג פון זיינע חסידישע דרשות, אין וועלכע מען האט אויך ארויסגעזעהען בולט די שנאה צו די תלמוד־אידען (1780). דער דאזיגער ספר איז זעהר פערשפרייט געווארען ביי די חסידים, און כדי די חסידות זאל זיך נישט פערשפרייטען מעהר און ווייטער, האבען די מתנגדים זיי ערקלערט פאר אמת'ע אפיקורסים, מיט וועלכע מען טאר זיך נישט מתחתן זיין (זומער 1781). פון ווילנא האט מען ארויסגעשיקט צוויי בית־דין שליחים צו די ליטווישע קהלות, אז זיי זאלען אויך אויסרופען ביי זיך דעם חרם. אין בראדי און קראקא האט מען עפענטליך פערברענט די חסידישע ספרים צוזאמען מיט רבי יעקב יוסף'ס ספר. אין זעלווע (נעבען סלאנים) האט מען עפענטליך אויסגערופען א חרם בשעת'ן גרויסען יריד אויף די חסידים און זייערע ספרים (21־טען אויגוסט 1781). אבער אט די אלע תחבולות האבען ווייניג וואס געווירקט געגען די חסידים און דער חסידות. אין דער פוילישער פראווינץ, וואס האט שוין איצט

געהערט צו עסטרייך (גאליציען), האבען מענדעלסאנס תלמידים און אנהענגער אונטערגענומען א קאמף געגען דער חסידות מיט אנדערע מיטלען און תחבולות. יאזעף II־טענס דעקרעט וועגען גרינדען נייע עלעמענטאר־שולען האט אפילו בעגעגנט א שטארקען ווידערשטאנד מצד די פרומע אידען בכלל, אבער בעזונדערס, מצד די חסידים. דעריבער האבען די משכילים, מענדעלסאנס אנהענגער, ענטוויקעלט א נאך שטארקערע טעטיגקייט אויף צו פערשפרייטען צווישען די אידען בילדונג (השכלה) און אויפהויבען זיי דארורך פון זייער שפל׳דיגער לאגע און פערווילדערונג. זעהר ענערגיש האט געארבייט אין גאליציען אויף צו פערשפרייטען בילדונג צווישען אידען אלעקסאנדער קאליר אין בראדי, וועלכער האט געשטיצט א בעגאבטען יונגענמאן בער גינצבורג, אז ער זאל פיהרען דעם קולטור־קאמף. קאליר און זיינע חברים האבען, ווי עס שיינט, זיך משתדל געווען און געפועלט ביי דער רעגירונג אין וויען, אז מען זאל פערבאטען אריינצופיהרען אין גאליציען די חסידישע ספרים און קבלה־ספרים (1785). אויך אין יענעם טייל פוילען, וואס איז אבגעגאנגען צו רוסלאנד, האט מען אונטערגענומען אזעלכע מיטלען געגען די חסידים. מען האט אנגעגעבען א מסירה אין פעטערבורג, אז די חסידים זענען א סכנה פאר דער מדינה. רבי שניאור זלמן פון לאדי איז דאמאלס פעסגענומען געווארען און אבגעפיהרט געווארען קיין פעטערבורג. די חסידים האבען דערין בעשולדיגט דעם גאון, וועלכער האט כל ימיו זיי גערודפט. וואס זשע האבען געטהון געגען דעם די חסידים? זיי האבען אונטערגעשטעלט א חסיד, וועלכער איז ארומגעפאהרען איבער דער מדינה מיט א יונגעל, אויף וועלכען ער האט געזאגט, אז דאס איז דעם גאונ׳ס א זוהן, און דאס יונגעל פלעגט דערצעהלען, אז זיין פאטער וויינט און האט חרטה אויף זיינע רדיפות געגען די חסידים. דער גאון האט זיך געפונען געצוואונגען, צו ערקלערען עפענטליך, אז די מעשה איז שוא־ושקר. נאכ׳ן גאונ׳ס טויט האבען די חסידים אן איהם נקמה גענומען אויף א מאוס׳ן אופן: זיי האבען אינ׳ם טאג פון זיין קבורה געמאכט א שמחה מיט טענץ און געזאנג און שפעטער זענען זיי אויך געקומען טאנצען אויף זיין קבר. — בכלל האבען אבער אלע רעפרעסיווע מיטלען פון די מתנגדים געגען די חסידים נישט געהאט קיין שום ווירקונג, ווייל אין איין הינזיכט האט די חסידות געהאט א געוויסע בערעכטיגונג אין לעבען: זי איז אויפגעטראטען אלס א פראטעסט געגען דעם שטענדיגען טרוקענעם לערנען תלמוד. איידער עס האט זיך נאך געענדיגט דאס אכצעהנטע יאהרהונדערט, האבען די חסידים שוין געהאט ביז הונדערט טויזענד חברים און פון דאמאלס אן זענען זיי געווארען אליין רודפים אין יענע קהלות, וואו זיי האבען זיך פערשטארקט, און האבען גערודפ׳ט די מתנגדים. די חסידות האט זיך געשווינד אנגעהויבען פערשפרייטען אין דער אידישער וועלט אין ליטא און פוילען.

די מענדעלסאָנישע שולע—ער האָט אָהן קיין שום כונה דערצו געגרינדעט א שולע — איז אויך געוואָרען א מין נייע כתה (אָרדען). די דאָזיגע כתה איז בעשטאַנען פון בחורים און יונגעלייט אין דייטשלאַנד, מערב־און דרום־אייראָפּאַ, מייסטענס, געוועזענע תלמידים פון די ישיבות, וועלכע האָבען איצט געלערנט און פערשפּרייט אַ נייע חכמה, אָדער זיי האָבען פיעל מעהר געוואָלט אריינברענגען נייע פרישע כוחות אינ'ם אַלטען אָרגאַניזם פון אידישען פאָלק. די כנסת־ישראל האָט דאַמאָלס געקאָנט מיט רעכט אויסרופען: „ווער האָט מיר אָט די אַלע געבוירען? איך בין געוועזען שוין גאָר אָהן מענשען, איינזאַם אויסגעמידען און פערטריבען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, ווער האָט מיר אָט די לייט ערצויגען?“ אַ נייער גייסט איז אַריינגעקומען אין די יונגעלייט. ווי צוזאַמענגערעדט זיך, האָבען זיי פּלוצלונג אַלע פערמאַכט די אַלטע גרויסע גמרות און גענומען זיך צום אַלטען אידישען קוואַל — צום תנ"ך. מענדעלסאָנס איבערזעצונג צום תנ"ך האָט אָט דעם גייסט דערוועקט, ער האָט זיי געגעבען אַ נייע שפּראַך און געלערנט זיי זינגען נייע לידער. ווי אַזוי האָט די השכלה אַזוי שטאַרק פּלוצלונג געווירקט אויף דער יוגענד? ווי אַזוי איז די השכלה געקומען צו זיי, אָדער זיי צו איהר? מען ווייסט עס נישט. פּלוצלונג האָט די אידישע יונגע וועלט זיך דערהויבען, פּלוצלונג האָבען זיך בעוויזען נייע נביאים, וואָס האָבען פאָראויסגעזאָגט אַ נייע צוקונפט, אַליין נישט וויסענדיג און נישט פערשטעהענדיג די גרויסע בעדייטונג פון זייער נבואה; נישט האָבענדיג נאָך קיין פליגלען, האָבען זיי אָנגעהויבען הויך פליהען. פון קעניגסבערג ביז עלזאַס, פון איטאַליען ביז אַמשטערדאַם, לאָנדאָן און קאָפּענהאַגען הערט מען דעם יונגען פרישען געזאַנג, וועלכער ברענגט די בשורה פון אַ נייען מאָרגען, און די זינגער ווייסען אַליין נישט, פון וואַנען עס קומען צו זיי די יונגע פרישע טענער. זיי זינגען אַלע אין כאָר און גיבען אַרויס דיזעלביגע טענער מיט דערזעלביגער הויך און קראַפט, און מען קאָן זיי דעריבער זעהר שווער אונטערשיידען איינעם פונ'ם אַנדערן. זייער בעדייטונג בעשטעהט טאַקי אויך נור אין זייער געמיינזאַמער האַרמאָניע, אין זייער צוזאַמענקלאַנג; פעראיינצעלט איז יעדע שטימע זייערע שוואַך און נאָך נישט געשולט, נישט געלערנט און בעאַרבייט, פעראייניגט אָבער גיבען זיי אַ שטאַרקען אָנגענעהמען טאָן, וועלכער דרינגט אַריין אין האַרצען. זיי, די יונגעלייט, וועלכע זענען נור וואָס בעקענט געוואָרען מיט דער העברעאישער שפּראַך, טרעטען אַרויס אַלס פאָלקס־לעהרער און מוכיחים, פאָדערנדיג, אז מען זאָל די העברעאישע שפּראַך ריין האַלטען און בעצירען, נאָכדעם ווי מען האָט אין אַ משך פון פיעל יאָהר פערדאָרבען איהר שענהייט. לויט די מעטאָדעס, וועלכע עס האָט זיי אָנגעוויזען דער בערלינער אידישער פילאָסאָף, האָבען זיי אָנגעהויבען שטודירען דעם תנ"ך און דערוועקען אַ ליעבשאַפט צו דער העברעאישער פּאָעזיע און אַ פערשטאַנד פאַר דער וויסענשאַפט. און ווייל זיי זענען געוועזען ווי שכור

פון גרויס התלהבות, און האָבען כלל נישט געזעהען, ווי שווער עס איז פאַר אַ פאָלק, וואָס איז הונדערטער יאָהרען געווען פערקנעכטעט און געלעבט אין שפלות און חרפות, צו דערהויבען זיך צו דער פּאָעזיע און דער פילאָסאָפיע — דוקא, ווייל זיי האָבען אָט די שוועריגקייט נישט געזעהען, איז זיי געלונגען צו פעריונגערן דאָס אידישע פאָלק און פיהרען איהם צו אַ נייען לעבען. בכלל האָבען זיי אין דער הינזיכט אויפגעטהון מעהר, ווי זייער אידעאַל, משה מענדעלסאָן, ווייל ער איז געווען צו-פיעל מיושב'דיג, צו מאַכען אַנ'ערסטען שריט, וועלכער וואָלט זיך געקאָנט אויסלאָזען לעבערליך; די יונגעלייט אָבער זענען זיך געגאַנגען פאָרווערטס „מיט שטורם און דראַנג"; זיי האָבען זיך נאָך נישט געמאַכט קיין בעריהמטען נאָמען און אויך נישט מורא געהאַט איהם צו פערלירען, זיי האָבען נישט פערטראַכטען אַ זאַך, וואָס האָט געקאָנט קאָמפּראָמיטירט ווערען.

צוויי אומשטענדען האָבען מיטגעווירקט ביי די שטרעבונגען פון יונגען אידישען דור — אַ מאַטעריעלער און אַ גייסטיגער. דער פּריישער קעניג פריעדריך דער צווייטער האָט געשטרעבט רייך צו מאַכען זיין לאַנד און דערוועקט און כמעט געצוואונגען די אידען אין פּרייסען, בפרט אָבער, אין בערלין, צו גרינדען פאַבריקען און מאַכען גרויסע געשעפטען, כדי אַנצוזאַמלען עשירות. די אידישע פעהיגקייט און פלייסיגקייט פון איין זייט און זייער בעגניגען זיך מיט ווייניג פון דער אַנדערער האָט זיי געהאָלפען דערביי, און אָט זענען די ערשטע מיליאָנערען ערשינען צווישען אידען אין בערלין. אויסער די מיליאָנערען זענען אָבער אויך נאָך זעהר פיעל קלענערע עשירים געווען דאָרט. די בערלינער אידען זענען געשווינד אריבערגעשטיגען זייערע קריסטליכע מיטבירגער, די מיעשטשאַנעס. וואָס האָבען זיי אָבער געזאָלט אָנהויבען טהון מיט זייער עשירות? אין דער געזעלשאַפט פון די פּריצים (דעם אדעל) און די הויפלייט האָט מען זיי נישט אריינגעלאָזען; אפילו אויך די רייכע בירגער, וועלכע האָבען זיך תמיד אויסגעצייכענט מיט זייער קאָנסערוואַטיווען גייסט, האָבען נישט געוואָלט אריינעהמען אין זייער געזעלשאַפט די רייך געוואָרענע אידען און האָבען נור געשפּירט אַ קנאה צו זייער עשירות. די אידישע עשירים האָבען דעריבער געקאָנט געפינען געזעלשאַפט נור צווישען די ליטעראַטען, און ליעבהאָבער פון ליטעראַטור און דענקער זענען זיי דאָך געווען אַלע. כמעט אַלע אָדער, לפחות, דער רוב פון זיי האָט אין דער יוגענד געלערנט אין די ישיבות גמרא, און די ביכער-וועלט איז זיי געווען נאָהענט צום הארצען. דער דאָזיגער אומשטאַנד האָט זיי צונעגעבען אַ געוויסען אידעאַלען גלאַנץ און כבוד, דען זיי זענען נישט געווען בלויז געלד ליעבהאָבער, וועלכע טראַכטען נור וועגען רייך ווערען, נור געבילדעטע מענשען, וועלכע ליבען אויך אַ בוך און אין דער לעדיגער צייט גיבען זיי זיך אָב מיט אַלע הויכע קולטורעלע מענשליכע בעדערפעניסען. ווען אין דער אידישער וועלט איז אויך אריינגעבראַכט געוואָרען

דורך מענדעלסאָנען די דייטשע ליטעראַטור, האָבען זיי זיך אָנגעהויבען אָבצוגעבען מיט איהר אויך, צי צוליב דעם וואָס זיי האָבען באמת ליעב געהאַט קולטור און אויפקלערונג, אָדער ווייל אַזוי איז דאַמאָלס געווען די מאָדע. אַלענפאַלס זענען זיי אין דער הינזיכט געשטאַנען פיעל העכער פאַר די דייטשע בירגער, וועלכע האָבען מייסטענס גאָרנישט געוואָלט אַריינקוקען אין אַ ספר. מיט דער ליטעראַטור און איהרע אינטערעסען האָבען זיך אָבגעגעבען נור אידישע סוחרים, פאַבריקאַנטען און באַנקירען, אַ שטייגער, ווי זיי וואָלטען געווען דעריין פאַכלייט, ווערהרענד דער קריסטליכער בירגער אָדער בעל־מלאכה פלעגט פערברענגען זיין לעדיגע צייט אין שענק ביים גלאַז ביער.

דעם ערשטען שריט אין דער נייער ריכטונג האָט אָבער געמאַכט נישט בערלין, נור קעניגסבערג, וועלכע איז געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ בערלינער קאָלאָניע. ווי אין אַלע שטעדט, וואָס זענען געווען בעוואוינט פון דייטשען, איז אויך אין דער שטאָדט אין מזרח־פרייסען דער ישוב פאַר אידען געווען זעהר בעשווערט און בעגרעניצט דורך אַלערליי געזעצען און שטערונגען. ערשט אין מיטען פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט האָט די קליינע קעניגסבערגער קהלה זיך געקאָנט דערשלאָגען אויסצובויען אַ שוהל. אָבער אויך ביי די שווערע בעדינגונגען איז עס אַ טייל אידען געלונגען דורך פלייסיגקייט און פעהיגקייט צו ענטוויקלען דעם מסחר און רייך צו ווערען, און זיי האָבען עס אַנטיילגענומען אין דער נייער ענטוויקלונג פון דער קולטור, וועלכע איז דערוועקט געוואָרען דורך דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. די טאָנגעבער פון דער קהלה זענען געווען דריי ברידער פון דער משפחה פריעדלענדער (בערמאַן, מאיר און וואָלף). צו דער דאָזיגער משפחה האָט אויך געהערט דוד פריעדלענדער (געבוירען 1750 — געשט. 1834), וועלכער איז געווען ווי אַ אָפּע (מאַלפּע) געגען מענדעלסאָנען און צוליב דעם, וואָס ער איז געוואָרען אַנ'איידעם פונ'ם רייכען בערלינער באַנקיער דניאל איטציג, האָט ער בעקומען אַ גרויסע השפעה אין בערלין און איז געוואָרען פערמיטלער צווישען קעניגסבערג און בערלין. אויך ער איז געווען צווישען די נייע משכילים, וועלכע האָבען געוועקט די אידישע געזעלשאַפט צו אַ נייעם לעבען. פאַר די קעניגסבערגער אידען איז דאַמאָלס פאָרגעקומען אַ וויכטיגע געשעהעניש: מענדעלסאָן איז (1777) געשעפטסהאַלבער געקומען קיין קעניגסבערג, און איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס כבוד דורך די אָנגעזעהענסטע מענשען פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג, צווישען וועלכע עס זענען געווען אויך פיעל פראָפעסאָרען, אַקאַדעמיקער און שריפטשטעלער. דער בעריהמטער פילאָסאָף, עמנואל קאַנט, האָט איהם עפענטליך אומגעאַרעמט, דער עקסצענטרישער האַמאַן, דער „צויבערער פון די צפון־לענדער" האָט איהם אויף זיין שטייגער „דערהויבען ביז אין הימעל אַריין". אַט דער איינפאַכער אומשטאַנד

איז געוואָרען פאַר די קעניגסבערגער געבילדעטע אידען אַ העכסט וויכטיגע געשעהעניש, וואָס האָט זיי דערוויזען, אַז אכטענדיג זיך אַליין, קאָן דער איד זיך געווינען הויכאַכטונג אויך ביי די געבילדעטע און הערשענדע קריסטען. דערצו איז נאָך געקומען דער אומשטאַנד, וואָס די קעניגסבערגער אוניווערזיטעט האָט אונטער דער השפעה פון אייניגע הומאַנע פּראָפעסאָרען, בעזונדערס עמנואל קאַנט, אַריינגענומען אַלס סטודענטען־אַקאַדעמישע בירגער אייניגע אידישע יונגעלייט, וועלכע האָבען גע־שטרעבט צו דער וויסענשאַפט. צווישען די דאָזיגע סטודענטען, וועלכע זענען געווען האַלב אַקאַדעמיקער און האַלב ישיבה־בחורים, זענען דאַמאַלס געווען צוויי, וועלכע זענען געווען די פאָדער־קעמפער פונ'ם נייעם גייסט און זיי האָבען פאַרטגעזעצט הויך און שאַרף מענדעלסאָנס שטילע טעטיגקייט; דאָס זענען געווען י צ ח ק א ב ר ה ם א י י כ ע ל און מענדעל ברעסלוי,ביידע הויז־לעהרער אין דער רייכער, בילדונגס־ליבענדער משפחה פריעדלענדער. י צ ח ק א י י כ ע ל (געבוירען אין קאָפּענהאַגען 1756, געשטאָרבען אין בערלין 1804) האָט געלערנט פון מענדעלסאָנען און וויזעל שרייבען מיט אַ שענער העברעאישער שפּראַך. כאָטש אויך זעהר אַ טרוקענער און טאַלאַנטלאָזער, אָבער דאָך קאָרעקטער און ענטוויקעלטער אין פערגלייך מיט דעם דאַמאַלסדיגען פערדאָרבענעם העברעאיש, מיט וועלכען די רבנים פלעגען שרייבען.

בעדייטענדער פאַר איהם איז געווען זיין יונגערער חבר מ ע נ ד ע ל ב ר ע ס ל ו י (געבוירען 1760 געשט. 1827), וועלכער האָט שפּעטער אַנטייל גענומען אין גרויסען קאַמף געגען דער אַלטער וועלט און איז שטאַרק אָנגעפאַלען אויף די רבנים. אין דער העברעאישער שפּראַך איז ער געווען אַן אמת'ער קינסטלער און האָט פערשטאַנען אויסצונוצען די העברעאישען ווערטער־שאַץ (אוצר) אויף די מאָדערנע בעדינגונגען אָהן קיין שום אָנשטרענגונג. — מיט דער הילף פון צוויי יונגעלייט פון דער משפחה פריעדלענדער (שמעון און שמואל) האָבען אייכעל און ברעסלוי נאָך ביי מענדעלסאָנס לעבען, בשעת וויזעלס מלחמה מיט די פאַרצייטיגע אַלט־פרומע אידען (פריהלינג 1783), אַרויסגעלאָזען אַן אויפרוף צו אַלע אידען, צו גרינדען אַ חברה (אַ פעראיין) צו פערשפּרייטען און ענטוויקלען די העברעאישע שפּראַך און אַרויסצוגעבען אַ פעריאָדישען אָרגאַן „ד ע ר ז אַ מ ל ע ר“ — „ה מ א ס ף“. דער אויפרוף האָט געהאַט ערפאָלג. פון פיעל זייטען האָט מען זיך אויף איהם פריינדליך אָבגערופען. אייכעל און ברעסלוי האָבען בעזונדערס געהאָפט, אַז דער אַלטער וויזעל וועט זיי שטיצען מיט זיין פעדער, און געווענדעט זיך צו איהם מיט אַ ביטע וועגען דעם. דער אַלטער מאַן האָט מיט גרויס צופרידענהייט זיך אָבגערופען אויפ'ן בריף פון די יונגעלייט, נור ער האָט זיי מתרה געווען, אַז זיי זאָלען נישט אַרויסטרעטען אַלס קעמפער מיט'ן יודענטום און נישט אַנווענדען געגען איהם קיין סאַטירע. אייכעל און ברעסלוי האָבען געפונען דאָס ריכ־

טיגע מיטעל, ווי אזוי צו געבען דעם אידישען פאָלק בילדונג, ערפילענדיג דאדורך א נויטווענדיג בעדערפעניש. די העברעאישע שפּראַך איז געוועזען די פערמיטלערין צווישען דעם יודענטום און דער בילדונג; אין איהר נייער שענער פאָרם האָט נור זי אַליין געקאָנט ערפילען די דאָזיגע גרויסע אויפגאַבע.

דאָס רוב טיילנעהמער אין ערשטען העברעאישען זשורנאַל „המאסף“ זענען געווען אין בערלין, דער דאַמאָלסדיגער צענטר פון בילדונג ביי אידען. אין בערלין זענען געווען אי משכילים, וועלכע האָבען געגעבען ליטעראַרישען מאַטעריאַל, אי רייכע לייט, וועלכע האָבען דעם זשורנאַל געשטיצט מיט געלד. דאָ זענען שוין געווען פיעל יונגעלייט, וועלכע זענען געווען בעלעבט מיט׳ן זעלביגען גייסט, וואָס אייכעל און ברעסלוי; זיי אַלע האָבען פאַנטאַזירט וועגען „ליעבע צו דער גרויסער העברעאישער שפּראַך“, וועלכע זיי האָבען געשטרעבט צו פעריונגערן. אויך מענדעלסאָן האָט געגעבען פאַר׳ן זשורנאַל אייניגע העברעאישע שירים אָהן זיין אונטערשריפט, און איז כלל נישט געווען צופרידען, אַז עס זאָל איהם נישט פּאַסען צו פערבינדען זיך מיט יונגע לייט, אַנפאַנגער, ווערהרענד ער איז שוין געווען א בערימהמטקייט. נייע נעמען האָבען זיך בעוויזען אינ׳ם „המאסף“ (ערשינען צוערשט אין הערבסט 1783), און זיי אַלע זענען געווען דורכגעדרונגען מיט׳ן זעלביגען גייסט, ווי די גרינדער אייכעל און ברעסלוי. אין שפּיץ פון די נייע שריפטשטעלער, וועלכע האָבען זיך גערופען „מאספים“, אַלס מיטאַרבייטער פון „המאסף“, זענען געשטאַנען זיינע שפּעטערדיגע רעדאַקטאָרען, יואל הלוי (געבוירען 1762, געשט. 1802) און אהרן האַלי אָדער וואָלפסאָן (געבוירען 1754, געשט. 1835). דער ערשטער איז געווען אַן׳ערנסטער פאָרשער, דער אַנדערער — א פייערדיגער קעמפּפער. בערלינער מיטאַרבייטער פון „המאסף“ זענען אויך געווען, אויסער דוד פרידלענדער, וועלכער איז צו אַלץ וואָס ניי איז צוגעשטאַנען, אויך יוסף האַלטערן, יוסף וויטצענהויזען אָדער פייט, ברוך לינדוי פון האַנאָווער (דער מחבר פון א „תולדות הטבע“ — „נאַטור־געשיכטע“ אין העברעאיש) און מרדכי גאַמפּערץ — לעווייסאָן, דאָקטאָר פון שוועדישען קעניג גוסטאַוו דער 3־טער, וועלכער האָט איהם בעשטימט פאַר א פּראָפעסאָר אין דער אוניווערזיטעט אין אופּסאַלאַ אין דער מעדיצינישער פאַקולטעט. דיביידע לעצטע שריפטשטעלער האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער גרויסער ליעבשאַפט צו העברעאיש, האָטש זיי זענען געווען פאַכמענער אין דער אַלגעמיינער וויסענשאַפט. — אויך צוויי פּוילישע אידען, וועלכע זענען דאַמאָלס אין ברלין געווען און האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער שענער העברעאישער שפּראַך, האָבען געהערט צום קרייז פון די „מאספים“; דאָס זענען געווען יצחק סאַטאַנאָוו און בן־זאב.

יצחק סאַטאַנאָוו (געבוירען 1732 געשט. 1804), וועלכען דער

באנקיר דניאל איטציג האט געשטיצט תמיד, איז געווען א זעלטענער סטיליסט: ער האט געקאנט נאכאהמען יעדענס שפראך—משלים פון „משלי שלמה", מזמורים פון תהלים, דעם אלחריזי'ס שירים, דעם זוהר'ס שפראך און דאס גלייכען. אין די פריהערדיגע צייטען וואלט פון איהם ארויסגעקומען א רבי משה די ליאן און ער וואלט געווים ארויסגעגעבען אלטע ספרים אויף א געפעלשטען נאמען. אין רעליגיעזע פראגען איז ער געווען זעהר אונבעשטענדיג און טיילמאל פלעגט ער ערשיינען, אלס עכטער פריידענקער, טיילמאל אלס אלט-פרענקישער איד.— יהודה לייב בן-זאב (געבוירען ביי קראקוי 1764 געשט. אין ווין 1811) איז אויך געווען פון די בעגאבטע שריפטשטעלער. ער האט זעהר פיעל געארבייט פאר'ן „מאסף" און געדרוקט האַרט שענע שירים. ער האט אויך איבערזעצט דעם ספר „בן-סירא" אויף העברעאיש. א העכסט וויכטיגע בעדייטונג האבען אבער זיינע ספרים „תלמוד לשון עברי" און זיין „אוצר השרשים"—א גראמאטיק און א לעקסיקאן, ווי אויך זיין „מסלת הלמוד"—א העברעאישע מעטאדע. פון די דאזיגע ספרים האבען עטליכע דורות נאכאנאנד געלערנט די העבראישע שפראך.— צו די זייטיגע מיטארבייטער פון „מאסף" האט אויך געהערט רבי וואלף היידענהיים (געבוירען אין היידענהיים 1737 און געשטארבען אין רעדעלהיים 1832). דאס איז געווען א וואונדערליכער מענש. ער האט ממאס געווען אין דעם אלטען אומגעלומפערטען רבניש'ען העברעאיש מיט זייער אבערגלויבען, אבער אויך די לייכטע פריידענקער צווישען די יונגע שריפטשטעלער. זיין גאנצע צייט האט ער געווידמעט א ליטעראַרישער געשיכטליכער ארבייט וועגען די פיוטים און זייערע מחברים, ווי אויך אין דקדוק און מסורה, און האט ארויסגעגעבען עלטערע ספרים מיט א אויסגעצייכנעטער קארעקציע, האטש איגנאַנצען איז איהם אויך נישט געלונגען מיט דער אבגעלאזענקייט ביי'ם דרוקען עלטערע ספרים מיט אונמעגליכע פעהלערען.

פון די פראנצויזישע אידען האבען אנטיילגענומען אין דער ארבייט פון די „מאספים" משה אינסהיים (ענסהיים) אדער משה מעץ (געבוירען 1760 געשט. 1838). איינינע יאהר איז ער געווען לעהרער ביי משה מענדעלסאנס קינדער (1782—1787) און זיינע תלמידים האבען איהם שטענדיג דערמאנט צום גוטען. ער איז געווען א העכסט ליעבענסווירדיגער, מילדער מענש און אזא עניו, אז ער האט קיינמאל נישט געוואלט פערעפענטליכען דורכ'ן דרוק זיינע פילאזאפישע געדאנקען. ער איז געווען אזא אויסגעצייכענטער מאטעמאטיקער, אז אזעלכע ערשטקלאסישע חכמים און אנאליסטען, ווי לאגראנזש און לאפלאס האבען שטארק געריהמט זיין ווערק וועגען דערפערענציאל- און אינטעגראל-רעכנונג. ער האט אויך אנגעשריבען איינינע שירים לכבוד דער פאלקס-פרייהייט, וועלכע די פראנצויזען האבען פאר זיך אויסגעקעמפט דורך דער רעוואלוציע. איינינע פון די דאזיגע שירים האבען די פראנצויזישע אידען געזונגען אין די שוהלען.

עגסהיים האט דורך זיין השתדלות געפועל'ט ביי'ם בעוואוסטען פריי־הייטס־קעמפפער גרעגואר, אז ער זאל זיך משתדל זיין פאר די פראנצויזישע אידען, דאס מען זאל זיי געבען גלייכבערעכטיגונג.— א צווייטער לעהרער פון מענדעלסאָנס קינדער איז געווען הערץ האמבערג (געבוירען אין לעוועץ, ביי פראג, 1749 געשט. אין פראג 1841). האמבערג האט שטארק נושא־חן געווען ביי מענדעלסאָנ'ען, וועלכער האט איהם געלאזען אויך אנטיילנעהמען אין דער ארבייט ביי'ם „באור“ צום תנ"ך. האמבערג איז אבער וועניג פעהיג געווען צו אזא ארבייט. ווען דער קייזער יאזעף דער צווייטער האט ארויסגעגעבען זיין טאלעראנץ־געזעץ און בעפויהלען די אידען צו עפענען נייע שולען, איז האמבערג אבגעגאנגען קיין עסטרייך האפענדיג צו בעקומען דארט א שטעלע אין די נייע בילדונגס־אנשטאלטען. נאך א לאנגער בעמיהונג איז איהם געלונגען בעשטימט צו ווערען פאר א ראטמאן איבער די אידישע שולען אין גאליציע און לאדאמעריא. דאדורך האט זיך אבער דארט זעהר פערשטארקט דער קאמף פון די חסידים געגען דער השכלה. זיין ערשטער קאטעכיזים פאר די אידישע שול־קינדער האט געמאכט זעהר א שלעכטען איינדרוק אויף די דארטיגע אידען. דורך האמבערג'ן און רבי אליהו מארפורגו איז די השכלה־שטרעמונג אריינגעבראכט געווארען אויך אין איטאליען.

אזוי ארום האט די העברעאישע שפראך און די ניי־העברעאישע פאעזיע אויסגעשמידעט א נייעם באנד ארום די מערב־אייראפעאישע אידען; אריינגעהמענדיג טיילוויז אויך די פוילישע אידען און בעשאפענדיג א געשווינדע קראפט צו בענייען דאס אידישע פאלק און מאכען איהם יונג. די העברעאישע שפראך איז דאמאלס געווען בעקענט אלע אידיש־שטעדטישע איינוואוינער, און נאר די ווייטע ישוב'ניקעס זענען פון איהר פרעמד געווען; צוליעב דעם האט זי אמבעסטען געקאנט דינען פאר א אינסטרומענט ביי'ם פערשפרייטען בילדונג און וויסענשאפט.— די ישיבה־בחורים האבען טויזענדערוויז, מייסטענס בשתיקה, אנגעהויבען בעקענען זיך מיט דער נייער העברעאישער ליטעראטור און מיט'ן נייעם גייסט, מיט וועלכען זי איז געווען איינגעזאפט; אין פיעל ערטער האט דער נייער גייסט שוין אויך געהאט געבראכט צו בטל ווערען א טייל בעגרענצענדע געזעצען געגען די אידען, אזוי אז מען האט אין איהם געזעהען אנ'אמת'ע הילף פאר אידען און נאך שטארקער געהאלטען זיך אן איהם. די נייע העברעאישע ליטעראטור איז נאך געווען א געמיש פון דעם אלטען מיט דעם נייעם גייסט און דאריבער האט זי אריינגעבראכט אין דאמאלסדיגען אידישען לעבען א וואונדערליכען מיש־מאש, וואס מען האט געקאנט געפינען עהנליכעס נאר אין דער ערשטער צייט נאך דעם חורבן פון צווייטען בית־המקדש, בשעת עס האבען זיך בעוויזען ביי אידען די ערשטע נייע קריסטען מיט זייער לעהרע און פיעל רעדנער פון דער אלעקסאנדרינישער שולע זענען ארויסגעטרעטען מיט פארשידענע פילאזאפישע לעהרען, וועלכע זענען געווען

פרעמד דעם אלטען אידישען גייסט. פאר דער פרום ערצויגענער אידישער
יוגענד האט זיך געשטעלט די הארבע פראגע, אויב מען מעג בכלל לערנען
אזעלכע ענינים, וואס זענען פרעמד דעם תלמוד. די גרויסע אלטע רבנים און
גאונים—רבי יחזקאל לאנדוי, רבי רפאל הכהן און אנדערע—האבען ער־
קלערט, אז מען טאר דאס נישט; די אויפגעקלערטע אידען, מענדעלסאן,
וויזעל און אנדערע, האבען עס נישט בלויז ערלויבט, נאר ערקלערט פאר
העכסט נוצליך און נויטווענדיג, כדי צו דערהויבען דאס יודענטום. וועמען
זאל מען פאלגען? די פראגע איז געווען זעהר א הארבע און די דענקענדע
אידישע יוגענד איז צוליעב איהר געווארען זעהר אונרוהיג. על פי רוב האט
אבער מנצח געווען די מיינונג פון די אויפגעקלערטע, ווייל דאס נייע האט
געהאט אין אלעמענס אויגען א בעזונדערען חן: די שענע שפראך פון די
„מאספים“, די שטרעבונג צו בעפרייען זיך חאטש פיעל ווייניג פון די זעהר
פיעל דינים און חומרות אין אלטען יודענטום—דאס אלץ האט מיטגעווירקט,
אז מען זאל צושטעהן צו דער נייער שטרעמונג. די צאהל פון די, וואס
האבען אנטייל גענומען אין „המאסף“, האט זיך שטארק פערגרעסערט. מענ־
דעלסאנ׳ס טויט האט געגעבען א פאהן זיינע אנהענגער, וועלכע האבען
איהם אידעאליזירט, שילדערנדיג זיין בעדייטונג מיט די ליכטיגסטע פארבען
און דערצעהלענדיג זיין לעבענס־געשיכטע אין פראזא און אין שירים: אויף
מענדעלסאנ׳ען האבען זיי אנגעוויזען, ווי אויף א אידעאל, וועלכען מען
דארף שטרעבען נאכצוטהון, און זיין כבוד האבען זיי אין א געוויסער מאס
איבערגענומען אויך אויף זיך. די „מאספים“ האבען אבער געמאכט אויך
נאך א שריט ווייטער: זיי האבען זיך ניט בענוגענט שוין בלויז מיט רעד־
פערפיינערונג פון העברעאיש, נאר געשטרעבט צו פערפיינערען דאס לעבען
בכלל. זיי האבען זיך א נאמען געגעבען (פון יאהר 1787) „דער פעראיין
פאר גוטס און איידעלעס“—(„חברת שוחרי הטוב והתושיה“), נישט קא־
נענדיג נאך גענוי בעשטימען דעם ציעל פון נייעם „פעראיין“. די אנהענגער
פונ׳ם אלטען האבען שוין נישט געקאנט מעהר אבהאלטען די נייע שטר־ע־
מונג, וועלכע האט זיך אריינגעריסען מיט געוואלד; זיי האבען נישט געפ־
נען דאס נויטיגע און געהעריגע געוועהר און דעריבער זענען זיי דורכגעפא־
לען אין קאמף, פערלירענדיג אינגאנצען זייער איינפלוס אויפ׳ן פאלק.

אזוי ארום איז ענטשטאנען כמעט אין יעדער גרויסער קהלה א פאר־
טיי פון „משכילים“ אדער „לינקע“, וועלכע האבען נאך אינגאנצען נישט
געבראכען מיט דער אלטער וועלט, אבער זיי זענען שוין געווען נאהנט
דערצו; די פרומע אידען, אדער קאנסערוואטארען (חרדים), האבען זיי ער־
קלערט פאר „אפיקורסים“, דערפאר וואס זיי האבען ליעב א שענע העב־
רעאישע שפראך, די אייראפעאישע ליטעראטור און האבען בעקומען בכלל
א גוטען געשמאק פאר א אנשטענדיגער פארם. די „מאספים“ אבער האבען
זיך שוין ווייניג וואס געשראקען פאר דעם נאמען „אפיקורסים“ און זענען
זיך געגאנגען פארווערטס אין זייער בעפרייאונגס־טעטיגקייט. זייער דו־

מאָלסדיגע ליטעראַרישע אַרבייט האָט קיין גרויסען ווערט נישט געהאָט. זייערע פּראָזאאישע שריפטען וועגען השכלה, קינדער־ערציהונג, דקדוק, פּירושים אין תנ"ך און פילאָזאָפיע, קומען אונז פאָר איצט קינדעריש. זייערע שירים און איבערזעצונגען האָבען זיי נאָכגעמאַכט על פּי רוב די קלענערע דייטשע שריפטשטעלער; די נייע דייטשע פּאָעזיע, שילער און געטהע האָבען די „מאספים" אליין נאָך ווייניג פערשטאַנען; די אידיליעס, וואָס דוד פרידלענדער האָט געשריבען מיט זייער שווערער שפּראַך און טרוקענקייט, קאָנען איצט דערוועקען בלויז א געלעכטער. נור וויזעל'ס שירים („שירי תפארת") האָבען, לפּחות א ליטעראַרישען ווערט, אויב אפילו קיין פּאָעזיע איז אין זיי נישטאַ. — דאָס ערשיינען פון העברעאישען זשורנאַל „המאסף" האָט דערוועקט די אויפמערקזאמקייט אויך אין קריסטליכע קרייזען. מען האָט איהם געריהםט אלס א נייער „פריהמאָרגען" און ער איז זיין דער ווירקליכקייט געווען אַ נייער פריהמאָרגען פאר דעם אידישען פאָלק, דען ער האָט געוועקט ביי אידען דעם גוטען געשמאַק, דעם חשק צו א קולטורעלען לעבען, וועלכעס די אידען האָבען פערלוירען אין דער שווערער צייט פון רדיפות מצד די פעלקער. מעהר האָט מען פון „המאסף" נישט געקאָנט פערלאַנגען און מעהר האָט ער טאַקי אויך נישט געקאָנט געבען.

אין יענער צייט זענען פון דער אידישער וועלט אַרויסגעקומען אויך דריי טיעף־פילאָזאָפישע דענקער, וועז אויך נישט פון דער ערשטער גרויס, דאָך פון דער צווייטער; זיי האָבען געהערט צום מענדעלסאָנישען קרייז און זענען געוואָרען די אידישע קולטור־פערמיטלער. זייענדיג אויסגעוואַקסען אונטער מענדעלסאָנ'ס איינפלוס, האָבען זיי אבער דערקענט באַלד די פעהלערען פון זיין סיסטעם און זיך געווענדעט צו נייע סיסטעמען. דאָס זענען געווען: מאַרקוס הערץ, שלמה מיימון און בן־דוד. די ביאגראַפיע פון די דאָזיגע דריי אידישע דענקער קאָן דינען פאר אַ גוט בילד פון דער דאמאָלסדיגער אידישער שטרעבונג צו דער פרייהייט און ליכטיגקייט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען אין ארומיגען חושך. מאַרקוס־מרדכי הערץ (געבוירען אין בערלין 1747 געשטאָרבען 1803) איז געווען א זוהן פון א אָרעמען ספר־תורה־שרייבער, ווי מענדעלסאָן. ער איז געווען א ישיבה־בחור, אָבער צוליעב זיין פאָטערס אָרעמקייט, האָט ער געמוזט אריינטרעטען צו פּופּצעהן יאהר אין א געשעפט, אלס משרת. דער חשק צו בילדונג און וויסענשאַפט האָט איהם אָבער געבראַכט אין דער אוניווערזיטעט, אין דער מעדיצינישער פאַקולטעט, וואוהין מען האָט דאמאָלס ערלויבט אָנצונעהמען אידען. זיין הויפּט־שטודיום האָט ער אָבער געווידמעט דער פילאָזאָפיע, ווי אלע ישיבה־בחורים, וואָס האָבען געהאָט בעזונדערס שטאַרק חשק צו דער אָבסטראַקטער וויסענשאַפט. ווי זיינע דערמאָנטע חברים, איז ער אויך געווען שטאַרק דורכגענומען פון גרויסען בעפרייענדען גייסט, וועלכער לעבט אין קאַנט'ס פילאָזאָפיע, און דע=

ריבער זענען הערץ מיט זיינע חברים געוואָרען זיינע איבערגעגעבענע
תלמידים און זיי האָבען זיין שווערע פילאָזאָפישע שפּראַך ערקלערט און
פּאָפּולאַריזירט. בשעת קאַנט האָט געהאַלטען אין בעאַרבייטען זיין פי־
לאָזאָפיש סיסטעם, האָט ער בעמערקט דעם יונגען הערץ צווישען זיינע
תלמידים, דען הערץ פלעגט אָפטער קומען הערען קאַנט'ס לעקציעס. איי־
דער די לעקציעס פון זיינע מעדיצינישע פּראָפעסאָרען. הערץ איז באַלד
געוואָרען איינער פון קאַנט'ס געליעבטעסטע סטודענטען - צוהערער, און
ווען קאַנט האָט געדאַרפט זיך אויסקלייבען א קאַנדידאַט בשעת ער האָט
צום ערשטען מאָל, אלס פּראָפעסאָר, געלעזען זיין לעקציע, האָט ער קיין
אַנדערען נישט אויסגעקליבען, ווי נאָר דעם אידישען מעדיקער הערץ.
איינינע פּראָפעסאָרען האָבען אפילו פּראָטעסטירט געגען אזא כבוד פאר א
אידען, אָבער קאַנט האָט זיך פעסט געהאַלטען ביי זיין בעליעבטען הערץ
און האָט אויסגעפיהרט נאַטירליך. ווען הערץ האָט זיך בעזעצט אין בער־
לין, אלס געשיקטער דאָקטאָר, און אָנגעהויבען דאָרט האַלטען זיינע פאָר־
לעזונגען וועגען פילאָזאָפיע און עקספּערימענטאַלער פיזיק, זענען געקומען
איהם הערען גרויסע לייט, צווישען זיי אויך איינינע פּרינצען. אין זיינע
לעקציעס האָט ער שוין אָבער אָבגעוויכט פון מענדעלסאָנ'ס סיסטעם אין
איז געווען אַנ'עכטער קאַנטיאַנער. באַלד האָט ער חתונה געהאַט מיט דער
שענער הענריעטע דע לעמאָס, די טאָכטער פון א ספר'דישען אידען, וועל־
כער איז אויך דאָקטאָר געווען; די שענהייט פון זיין פרוי און זיין לייכטער
וויץ און גייסטרייכקייט האָבען באַלד געמאַכט זיין הויז פאר א צענטער פון
דער הויכער בערלינער געזעלשאַפט, און דער נייער צענטער האָט געהאַט
גרויסען איינפלוס אויף דער אידישער און אויך קריסטליכער בילדונג. שוין
דער דאָזיגער פאַקט אליין, וואָס א אידיש הויז איז געוואָרען א בילדונגס־
צענטער, וועהרענד דער פּראָפעסאָר מיכאעלים האָט נאָך מיט א קורצער צייט
פאר דעם געהאַט ערקלערט, אז די אידען זענען כלל נישט מסוגל צו ביל־
דונג און קולטור— דער פאַקט האָט געהאַט א גרויסע בעדייטונג.

אָבער א בעוויז פון בעזונדערס געשווינדער בילדונגס - פעהיגקייט ביי
אידען האָט זיך ארויסגעוויזען אין דער פּערזאָן פון שלמה זלמן מיי־
מון. דער דאָזיגער פוילישער איד, וועלכען מען האָט געוועהנליך גערו־
פען זלמן דער ליטוואַק, אדער זלמן דער ניעשוויעזער (געבוירען לערך
1753 געשט. 1800), האָט זיך, אָהן קיין שום זייטיגער הילף, אליין ארויפ־
געאַרבייט פון דער גרעבסטער אידיש־פוילישער אונוויסענהייט ביז דער
העכסטער מדרגה פון פילאָזאָפישען דענקען, און נאָר צוליעב זיין מיסט
סקעפּטיציזם איז ער אריינגעפאלען אין שרעקליכע פעהלערן. זיין לעבענס־
געשיכטע איז פול וואַנדערונגען און עלענדקייט. א קינד פון עלענד,
אָרעמקייט און שרעקליכער פינסטערניש, האָט ער שוין אין דער יוגענד
צוזאַמען מיט זיינע עלטערן אָנגעהויבען פיהרען א וואַנדער־לעבען פון דאָרף
צו דאָרף, צוליעב דער שלעכטסקייט פון דער בעפעלקערונג און די פריצים,

בדי צו זוכען א שטיקעל פרנסה. אין אזא צושטאנד וואלטען זיינע פעהיג-קייטען איינגאנצען פערלוירען געגאנגען, ווען נישט דאס לערנען גמרא, וועלכע האט איהם געגעבען א גייסטיגע שפייז. אויך אין מאראלישען זין האט דאס גמרא-לערנען געהאט זעהר א גוטע ווירקונג אויף איהם. גמרא האט געלערנט מיט איהם זיין פאטער און נאך אנדערע מלמדים אין פער-שיהענע קליינע שטעדטלעך און באלד האט מען בעמערקט אין איהם זעל-טענע פעהיגקייטען, א שארפע תשוקה צו וועלען אלץ וויסען און פערשטעהן און א טיפער אנאליטישער פערשטאנד צו קאנען צוגלידערען יעדע פראגע. זייענדיג נאך כמעט גאר א קינד, פלעגט ער פאר דער ליכטינקייט פון א קינעלע (דין-געשפאלטענע סאסנאווע האלץ) לייענען ערגיץ וואו בגנבה די היסטאריע געשריבען אין העברעאיש, וועלכע ער האט געפונען צווישען זיין פאטערס ספרים, ווי אויך א ספר אין אסטראנאמיע. אלס עלף-יעהריגער אינגעל איז ער שוין געווען א מפורסם אין דער סביבה פאר אנ'עלוי, און עס האבען זיך געפונען פיעל בעלנים, וואס האבען איהם געוואלט בעקומען פאר א חתן פאר זייערע טעכטער. זיין פאטער האט איהם אנגעגרייט צווי כלות, פון וועלכע ער האט אבער קיין איינציגע נישט געהאט בעקומען צו זעהען. דער פאטער פון איין כלה האט מורא געהאט, אז דער עלוי זאל נישט אנקומען אנ'אנדערען, דעריבער האט ער צוגעאיילט איהם אבצו-גנב'ענען ביי זיין פאטער; ער איז אבער געווען געצוואונגען אבצוגעבען איהם צוריק, און דאס אינגעל זלמן איז געווארען א מאן פון זיין צווייטער כלה. עטוואס שפעטער האט איהם די נויט געצוואונגען צו ווערען א מלמד אין א קליין שטעדטעל און דאדורך האט ער בעקומען עטוואס פרייהייט און געווארען א אידישער „חקרן“.

ווי מענדעלסאנ'ען, אזוי האט אויך איהם דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים“ געעפענט די אויגען. ער האט אזוי שטארק זיך פערטיעפט אין דאזיגען ספר, אז ער האט דערשפירט, דאס דער „מורה“ איז א שטיק פון זיין איי-גענער נשמה, און דעריבער האט ער זיך א נאמען געגעבען „מיימון“; שטענדיג ווען עס פלעגט איהם קומען אויפ'ן געדאנק א שלעכטע מחשבה, פלעגט ער זיך שווערען ביי'ם רמב"ם'ס נאמען, און דאס פלעגט איהם אבהאלטען פון טהון שלעכטס. אבער אנשטאט דעם, וואס מענדעלסאנען האט דער „מורה“ בעוויזען דעם ריכטיגען וועג אין לעבען, איז שלמה מיימון געווארען איינער פון יענע אונגליקליכע בלאנדזשער, וועלכע קאנען זיך נישט געפינען אין זייער גאנצען לעבען דעם ריכטיגען וועג. שטענדיג צוויפ-לענד, שטענדיג אבלייקענדיג, האט שלמה מיימון זיך נישט געקאנט געפינען קיין רוה אין לעבען. אין גרויסער פערצווייפלונג, האט ער זיך געחאפט צו דער „קבלה“ און געוואלט ווערען א אידישער „פויסט“, צו בעשווערען די רוחות און דורך זיי דערגעהן די אייביגע סודות פון דער וועלט. אזוי ארום איז ער אוועקגעגאנגען צום חסידישען רבי'ן רבי בעריש דעם מעז-ריטשער, אבער די פאלשקייט און שווינדלעריי, וואס האבען דארט גע-

הערשט, זענען איהם ...ס געוואָרען און ער האָט זיך באַלד אָבגעווענ־
דעט פון די חסידים. וואָס האָט אָבער געקאָנט טהון דער דאָזיגער סקעפּטי־
קער אין דער אידישער וועלט, וואו אויפ'ן ערשטען פּלאַן איז געשטאַנען
יראת־שמים? אייביג צו טראָגען א מאַסקע איז פאַר איהם געווען אונמעג־
ליך.— און אָט האָט מען אין יענער צייט שוין אָנגעהויבען רעדען אין פּוי־
לען, אַז אין דייטשלאַנד איז עטוואָס פרייער געוואָרען אין אידישען רעלי־
גיעזען לעבען און אַז עס איז דאָרט פאַרהאַן אַ מעגליכקייט אויך פאַר אַ
אידען צו ווידמען זיך דער פילאָזאָפיע. פאַר שלמה מיימון איז זעהר אַ
לייכטע זאַך געווען אָוועקצוואַרפען ווייב און קינדער, ווייל צום ווייב
האָט מען איהם געבונדען, ווען ער איז נאָך אליין א קינד געווען און ממילא
האָט ער אויך צו די קינדער נישט געשפּירט קיין שום צוגעבונדענקייט.
אַזוי אַרום האָט ער פערלאָזען די ליטא (פריהלינג 1770), זייענדיג פינף און
צוואַנציג יאהר אַלט, א איד מיט א גרויסער שמוציגער באָרד, אין צעריסע־
נע, שמוציגע קליידער, מיט א שפּראַך, געמישט פון העברעאיש־ אידיש־
פּויליש, און אָט אַזוי האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער אליין דערצעהלט,
ווי א משונה'דיגע בריאה, פאַר איינינגע משכילים אין קעניגסבערג און ער־
קלערט, אַז ער וויל זיך ווידמען דער וויסענשאַפט. די נייע וועלט, וואָס ער
האָט דא דערזעהען, האָט אין איהם אויף יעדען שריט דערוועקט נייע טי־
פע געדאַנקען און זיין וועלט־אַנשויאונג האָט זיך שנעל אַנטוויקעלט. זיין
רייזע פון קעניגסבערג קיין בערלין איבער שטעטין איז געווען פול מיט עגוים
און צרות. אין בערלין האָבען די פרנסים איהם נישט געוואָלט ערלויבען צו
וואוינען, ווייל מען האָט דאָרט געוואוסט, אַז די פּוילישע אידען, וועלכע
וואַרפען אוועק דעם תלמוד ווערען אלע מיאוס'ע אפיקורסים. מיימון אליין
האָט פאַר זיי מודה געווען, אַז די זאַך איז אַ גאַנץ נאַטירליכע: „די פּוילישע
אידען, וועלכע דורשטען נאָך דער וויסענשאַפט, זענען גלייך צו איינעם, וואָס
האָט פיעל צייט געפאַסט און פּלוצלונג דערזעהען פאַר זיך א טיש מיט
אלעם גוטען". אַזא מענש חאַפּט, נאַטירליך, פון אלץ וואָס מעהר,
כדי צו שטילען זיין הונגער, און חאַפּט, פערשטעהט זיך, איבער די
מאָס. נישט קאָנענדיג זיך בעזעצען אין בערלין, האָט ער זיך געלאָזט
געהן איבער דער מדינה צוזאַמען מיט א פּראָפעסיאָנעלען בעטלער, ביז ער
איז געקומען כמעט נאַקעט קיין פּאָזען. דאָרט האָט זיך אויף איהם דערבאַ־
רעמט דער שוין דערמאָנטער רב, ר ב י ה י ר ש י א נ ו ב, מענדעל־
מאַנס געגנער, א מענש, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט א עכט אי־
דישען געפיהל פון רחמנות. נישט נאָכפרעגענדיג זיך שטאַרק אויף מיימונ'ס
איבערצייגונגען, האָט ער איהם קודם־כל בעקליידעט און געגעבען עסען.
אָבער מיימון האָט זיך אויך דאָ נישט געקאָנט בערוהיגען. פערזעהענדיג
איינגאַנצען דעם וויכטיגסטען טייל פון יודענטום, די עטיק און מאָראַל, די
מעשים טובים און די שענע מדות, האָט מיימון זיך צוגעווענדעט נאָר צום
נאָכטראַכטען, נאָכזיניען דענקען, און געזוכט איבעראַל נאָר פעהלערען

און שקרים , לויט זיין מיינונג. דאדורך אָבער האָט ער זיך געקויפט זעהר פיעל שונאים און גאַנץ ווענינ גוטע פריינד. ער האָט דעריבער באלד געמוזט פערלאָזען פאָזען. איבריגענס, ער האָט דערביי געהאַט אויך אַ געוויסען צוועק; ער האָט געדאַרפט נאָך לערנען עטוואָס אויך פון די עלעמענטאר=וויסענשאפטען און אזוי ארום איז ער ווידער געקומען קיין בערלין אין יאהר 1779, דאָרט האָט מען דאַמאָלס זעהר פיעל זיך אָבגעגעבען מיט דער פילאָזאָפיע אונטער מענדעלזאָנ'ס איינפלוס. מיימון האָט צום ערשטען מאָל בעקומען א מעטאפיזיק (פילאָזאָפיש לעהר=בוך) און האָט דערין אויסגעלערנט די פילאָזאָפיע, נאָך איידער ער האָט גוט געקענט די דייטשע שפּראַך. שטארק געשאדט האָט איהם דאָס אָבער נישט, ווייל פון דער גמרא האָט ער זיך געוואוינט צו פערשטעהן אלץ אויפ'ן וואונק; פון דער גמרא האָט ער אָבער אויך מיטגעבראכט די פעהיגקייט אַריינצודרינגען טיעף אין יעדען ענין און געפינען אין איהם זיין שוואכע זייט. אזוי האָט ער אויך דא באלד געפונען א שטארקע איינווענדונג געגען דער עקזיסטענץ פון גאָט, לויט ווי זי פלעגט דאמאָלס דערוויזען ווערען אין דער פילאָזאָפיע. זיינע איינווענדונגען האָט ער צוזאמענגעשטעלט אויף העברעאיש און אַריינגעשיקט צו מענדעלסאָנ'ען. מענדעלסאָן האָט באַלד דערקענט דעם עכטען אידישען חריף און פוילישען וואנדערס=מאַן, און מקרב געווען איהם צו זיך. ער האָט איהם אויך געפונען א שטיקעל אָרעמע פרנסה, וועלכע איז אָבער גאַנץ גענוג געווען פאַר שלמה מיימון, וואָס איז געוואוינט געווען צו א אָרעם לעבען. אין בערלין איז אָבער מיימון געוואָרען נאָך אַ שטארקערער סקעפּטיקער. די מאָראַל איז אין זיינע אויגען געווען א זאך, וואָס האָט נישט קיין פילאָזאָפישען גרונד, די גאטהייט—א זאך אָהן אינהאַלט; דער מענש דאַרף זיך נאָר געוואוינען לאָגיש צו דענקען און ווייטער איז אלץ גאָרנישט. מיט אזא, כמעט אנאַרכיסטישער אַנשויאונג האָט מיימון זיך נישט געקאָנט צופרידען שטעלען מיט א וועלכער עס איז נישט פּאָזיטיווער טעטיגקייט. זיינע פריינד האָבען איהם אַ עצה געגעבען, אז ער זאָל זיך לערנען צו ווערען אַפּטייקער, אָבער ער איז כלל נישט געווען פעהיג צו א רוהיגער ממשות'דיגער אַרבייט, לעבענדיג אינגאַנצען אין דער וועלט פון געדאנקען, וואו ער האָט געזוכט די אַבסאָלוטע וואהרהייט. אין זיין דאָזיגער שטרעבונג האָט ער אפילו מענדעלסאָנ'ען אויך געהאַלטען פאַר אַ מענשען אָהן וואהרהייט, ווייל מענדעלסאָן האָט געשטעלט די מאָראַל העכער פאַר דער פילאָזאָפיע. לסוף האָט מענדעלסאָן געמוזט אָנהויבען שטראָפען דעם האַלב ווילדען פילאָזאָף, פאַרוואָס ער פערזאָרגט זיך נישט מיט א שטענדיגער פרנסה, פאַרוואָס ער פערשפּרייט אַנאַרכישע געדאנקען און ווערט מפורסם, אלס אַ מענש, וואָס זוכט נאָר פערגעניגענס. מיימון האָט איהם הערויף מודה געווען, דאָס ער האַלט טאקי, אז דער מענש בכלל דאַרף נור זוכען פערגעניגענס, דען אויסער דעם איז אַלץ גאָרנישט.

מענדעלסאָן מיט זיינע פריינד האָבען זיך ענדליך מיאש געווען פון

צו קאָנען עטוואָס העלפען שלמה מיימון, און ער האָט זיך ווידער געלאָזען וואנדערען. אין האָלאַנד, וואוהין ער איז געקומען מיט גוטע רעקאָמענדאַציעס פון מענדעלסאָנ'ען, האָט מען איהם אויפגענומען זעהר גוט; אבער צוליעב זיין אויסגעלאַסענעם לעבען, האָט מען איהם דאָרט באלד אנגעהויבען רודפ'ן; זיין צושטאנד איז אַזוי שלעכט געוואָרען, אַז ער האָט געוואָלט בעגעהן זעלבסטמאָרד. ער האָט אויך געוואָלט בעגעהן א גייסטיגען זעלבסטמאָרד דורכ'ן שמד, נאָר בתנאַי, אז מען זאָל איהם געבען די פרייהייט צו גלויבען, אָדער נישט צו גלויבען אין קריסטום. עס פערשטעהט זיך, אַז קיין פרומער גלח האָט אזא אפיקורוס נישט געוואָלט אריינברענגען אין זיין אמונה. שוין זייענדיג א מענש פון א יאהר דרייסיג, איז ער אריינגעטראָטען אין גימנאַזיע, כדי צו לערנען, צוזאמען מיט קליינע קינדער, שפראַכען; אָבער אויך דאָס איז איהם נישט געלונגען, ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט געוואוינען צו קיין שום דיסציפלין. אין יענער צייט איז אויך געקומען צו איהם א שליח פון זיין פרוי מיט א פאדערונג, אומצוקעהרען זיך צוריק צו איהר, אדער, לפחות, צו געבען גט. דאדורך איז ער געקומען צו א צוזאמענשטויס מיט'ן האַמבורגער רב רבי רפאל הכהן, וועלכער האָט איהם געקענט מיט זיין פאטער נאָך פון פוילען. דער פרומער רב האָט מיט זיין תמימות נישט געקאָנט פערשטעהן, ווי אזוי א איד א למדן זאָל עס קאָנען פערלאָזען דעם יודענטום און זיין מאָראַל מיט אזא חוצפה, און האָט איהם געסטראשעט אריינצולעגען איהם אין חרם („ער האָט מיך געסטראַשעט מיט'ן „באַקהאָרען" — שופר — שרייבט דערויף שלמה מיימון"). דער חרם האָט אָבער אויף אזא פריידענקער, ווי מיימון איז געווען כלל קיין איינדרוק נישט געמאַכט. מיימון האָט דעם רב געענטפערט מיט א גראָבען וויץ. אין האַמבורג, וואו ער איז דאמאָלס געווען, האָט ער שוין מעהר נישט געקאָנט פערבלייבען, און געמוזט קומען צוריק קיין בערלין. אויך דאָס מאָל האָבען אויף איהם דאָרט רחמנות געהאַט מענדעלסאָן מיט זיינע פריינד און געשטיצט איהם. אָבער נישט קאָנענדיג צוזעהען זיינע ווילדע הנהגות, האָבען זיי איהם אָבגעשיקט קיין דעסוי, געבענדיג איהם דערביי עפּעס א ליטעראַרישע אַרבייט. זלמן מיימון האָט זיך אָבער צעקריגט מיט זיינע שטיצער און איז אָבגעגאַנגען קיין ברעסלוי. נאָר אויך דאָרט האָט מען איהם שלעכט אויפגענומען, ווייל ער האָט שוין געהאַט א שלעכטען שם.

געשטיצט האָט איהם דאָרט דער אידישער דיכטער אפרים קוה (געבוירען אין ברעסלוי 1731, געשטאָרבען 1790), וועלכער איז געווען לויט'ן גייסטיגען צושטאַנד, א ברודער פונ'ם אונגליקליכען פילאָסאָף. אפרים קוה האָט אויך געלערנט אין דער יוגענד תלמוד און פוסקים, נור איינער פון די יונגע פילאָזאָפען, עהנליך צו שלמה מיימון, האָט איהם אָבגעווענדעט פון יודענטום, און דעם קריסטענטום האָט ער אַליין נישט געוואָלט אָננעהמען. דערצו איז ער געווען זעהר אַן'אונגליקליכער מענש אין לעבען. זיין פערמעגען האָט ער פערלוירען און קיין אַנדער מעמד האָט

ער זיך נישט געקאָנט געפינען אין לעבען. אויף זיינע רייזען פלעגט מען איהם אָפט דערמאָנען, אז ער איז אַ איד, פאָדערנדיג ביי איהם דעם אידישען אַבצאָהל, כאָטש ער איז אין הארצען שוין געווען ווייט פון יודענטום. אין זאַקסען איז איהם אויסגעקומען צו זיצען אין תפיסה, דערפאַר וואָס ער האָט אָבגעלייקענט, אז ער איז אַ איד. און אָט האָבען אין ברעסלוי זיך בעפריינדעט און פעראייניגט דער אידישער דיכטער מיט'ן פילאָזאָף, האָטש דער ערשטער האָט נישט פערשטאַנען אין דער פילאָזאָפיע און דער צווייטער האָט קיין געשמאַק נישט געהאַט פאַר דער דיכטונג. דער דיכטער האָט אָבער אין דער וועלט געזעהען נור אונגליקען און עלענד און דער פילאָסאָף האָט איהר מבטל געווען מיט זיין שניידענדער לאָגיק, און איינער האָט משלים געווען דעם אַנדערן. קוה האָט אָבער פיעל נישט געקאָנט העלפען דעם אָרימען מיימון, ווייל ער איז אַליין געווען אָרים; ער האָט איהם נור געגעבען רעקאָמענדאַציעס צו יענע רייכע אידישע בעלי-בתים אין ברעסלוי, וועלכע זענען שוין בעוואוסט געווען אַלס פריידענקער. מיימון האָט אָבער אויך דאָ צוגעבראַכט זיין צייט אין די שענקען און דאַדורך בעקומען אַ שלעכטען נאָמען. און אָט איז פּלוצלונג געקומען צו איהם זיין ווייב מיט אַ דערוואַקסענעם צוואַנציג-יעהריגען זוהן — אַ פרומען פוילישען איד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע — און געפאָדערט פון איהם אָדער מזונות, אָדער אַ גט. דער רב, רבי יצחק יוסף תאומים פראַנקעל, האָט איהם דאַן איינגעלאַדען אין געריכט און ערקלערט, אז על פי דין קאָן מען צווינגען אַ בטלן, וואָס האָט זיין ווייב פערלאָזען, אז ער זאָל איהר געבען מזונות. אָבער מיימון האָט איהם נור אויסגעלאַכט. דער רב האָט דערויף ערקלערט, אז ער איז אַן'אפיקורס, פאַר וועלכען עס העלפט שוין נישט קיין שום תקנה און מען דאַרף איהם נור אַריינלעגען אין חרם. דעם מאָל האָט מיימון געמוזט געבען גט זיין ווייב.

אויך אין ברעסלוי האָט מיימון זיך נישט געקאָנט לאַנג אויפהאַלטען און ער איז ווידער געקומען אין בערלין (1788). זיין אָרימקייט און דחקות איז אַזוי גרויס געווען, אז ער האָט זיך ווידער געוואָלט שמד'ן. דעם מאָל האָבען איהם אָבגעהאַלטען דערפון בן-דוד, דער דאָקטאָר שאול אשר און מאַרקוס הערץ, וועלכע האָבען איהם געשטיצט. הערץ האָט דאַמאָלס פיעל דערצעהלט וועגען איהם דעם פילאָסאָף קאַנט. ווען מיימון האָט זיך בעקענט מיט קאַנט'ס פילאָסאָפיש סיסטעם, האָט ער אויף זיין שטייגער באַלד גענומען זיך קריטיקירען איהר, און ווען ער האָט זיינע קריטישע בעמערקונגען צוגעשיקט דעם גרויסען פילאָסאָף קאַנט, האָט יענער שטאַרק פערוואונדערט זיך אויף זיין טיפער השגה און זיין גרויסער חריפות, און האָט איהם שטאַרק געריהמט, כאָטש מיימון איז געווען טוילוויז זיין געגנער. מיימון איז געוואָרען זעהר אַ פרוכטבאַרער פילאָסאָפישער שריפטשטעלער; ער, דער פוילישער איד, האָט אַמבעסטען פערשטאַנען, ווי אַזוי צו מאַכען פערשטענדליך אין דייטש די שווערסטע [illegible]

טרוקענסטע פילאָזאָפישע פראָבלעמען. פאַר אידען האָט ער געמאַכט אַ פירוש אויפ'ן „מורה נבוכים“ מיט'ן נאָמען „גבעת המורה“ (1790), וואו ער האָט אַריינגעבראַכט מייסטענס זיינע אייגענע און קאַנט'ס אידעען. דעם גרויסען דייטשען פובליקום איז ער בעוואוסט געוואָרען מיט זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואו ער זאָגט אַרויס דעם ביטערען אמת וועגען זיך אַליין און וועגען די פוילישע אידען מיט אַ ציניששער אָפענהייט, נישט פערשווייגענדיג קיין זאַך, ווי דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער רוסאָ האָט עס פריהער געטהון אין זיין „ודוי“.

אזאַ אָפענהערציגקייט איז פאַר די דאַמאָליגע קאָנסערוואַטיווע דייטשען געווען אַ זעלטענע ערשיינונג, און דעריבער האָט מיימונס בוך געמאַכט אַ שאַרפען רושם. מען האָט זיין אויטאָביאָגראַפיע געלעזען אין פיעל קרייזען. ביי בײדע גרויסע דייטשע דיכטער, שילער און געטהע, איז ער דערמיט געוואָרען זעהר בעליבט; געטהע האָט איהם אפילו געוואָלט אַריינעהמען אין קרייז פון זיין געזעלשאַפט. אָבער די בערימטקייט האָט וועניג וואָס געווירקט אויף מיימונס כאַראַקטער אָדער מאַטעריעלער לאַגע. אין זיינע לעצטע יאָהרען האָט איהם מקרב געווען צו זיך דער גראַף קאַלקרייט און (אין יאָהר 1795) ער האָט איהם אַריינגענומען צו זיך אין זיין גוט אין שלעזיען, וואו מיימון האָט געלעבט אין פאָלקאָמער פרייהייט. נאָך זיין טויט האָט מען איהם געבראַכט קיין גלאָגאַ, וואו מען האָט איהם מקבר געווען אָהן קיין שום כבוד. אָבער אויב מיימונס לעבען איז קיין כבוד נישט געווען פאַר אידען, האָט זיין ווירקונג אַלס פילאָסאָף זעהר מיטגעווירקט צו דערהויבען דעם אידישען נאָמען.

דער דריטער אידישער דענקער פון יענער צייט, לאַצאַרוס (אליעזר) בן דוד (געבוירען אין בערלין 1762, געשט. 1832) האָט געהאַט נישט דעם טראַגישען, נישט דעם קאָמישען לעבען פון זלמן מיימון. ער איז געווען אַ פערברענטער אָנהענגער פון קאַנט'ס פילאָסאָפיע. בן דוד האָט אין אַ משך פון עטליכע יאָהר (1793 — 1798) געלעזען אין ווין לעקציעס וועגען קאַנט'ס פילאָסאָפיע, אָבער דאָרט האָט מען דאַמאָלס וועניג וואָס פערשטאַנען פילאָסאָפיע, דעריבער האָט ער דאָרט געהאַט וועניג ערפאָלג. דאָך האָט מען איהם דאָרט געלאָזען לעזען זיינע לעקציעס אין דער אוניווערזיטעט, כאָטש ער איז געווען אַ איד, און דאָס גופא איז שוין געווען אַ געוואַלדיגער פאָרטשריט, בפרט נאָך, אַז קאַנט'ס פילאָסאָפיע האָט אינגאַנצען מבטל געמאַכט דעם קאַטוילישען גלויבען. שפּעטער, ווען ער האָט געמוזט אויפהערען צו האַלטען זיינע לעקציעס אין דער אוניווערזיטעט, האָט ער זיי געהאַלטען אין פאַלאַץ פון גראַף האַררייך, און, ווען מען האָט איהם אויך דאָרט שווערט געמאַכט די זאַך, איז ער צוריק אָבגעגאַנגען קיין בערלין, וואו ער איז פיעל יאָהרען געווען רעדאַקטאָר. אין דער אידישער געשיכטע האָט ער וועניג וואָס געווירקט.

דורך מענדעלסאָנס טעטיגקייט האָבען די דייטשע אידען דערהויבען

נישט בלויז זיך אליין צו אַ הויכער מדרגה פון קולטור, זיי האָבען אויך מיטגעווירקט צו פערשפרייטען און צו פּאָפּולאַריזירען די בילדונג אין די קריסטליכע קרייזען. גייסטרייכע אידען און אידענעס האָבען די ערשטע בעשאַפען אין בערלין יענעם געבילדעטען וועלט־טאָן, וועלכער איז געוואָרען די אייגענטימליכקייט פון דער דאָזיגער גרויסער שטאָדט און האָט זיך פון דאָרט אויך פערשפרייט איבער גאַנץ דייטשלאַנד. אידען אין אידענעס האָבען די ערשטע געגרינדעט אין בערלין דעם סאַלאָן, וואוהין עס פלעגען זיך צוזאַמענקומען געבילדעטע מענשען, געלעהרטע און קינסט־לער, דיכטער און קריטיקער, וועלכע פלעגען אין אַ פריינדליכען שמועס ענטוויקלען די טעאָריעס וועגען דער שענער קונסט און קריטיק, ווירקענ־דיג געגענזייטיג איינער אויפ'ן אנדערן. דורך פריעדריך דעם גרויסען איז די גייסטרייכע פראַנצויזישע ליטעראַטור אַריינגעבראַכט געוואָרען אין פּרייסען, און די אידען האָבען זיך אַמשטאַרקסטען געשפּירט אָנגעצויגען פונ'ם גייסטרייכען פראַנצויזישען וויץ. דער וויץ איז ביי די אידען תמיד געווען היימיש; נאָך לערנענדיג דעם תלמוד, האָבען די אידען זיך שוין געוואוינט צום פערפיינערטען וויץ, וועלכען מען בעגעגענט דאָרט אַזוי אָפט. איצט האָט דער תלמודישער וויץ זיך אין בערלין בעגעגענט מיט'ן פראַנצויזישען און, אַזוי צו זאָגען, זיך אומגעאַרימט מיט איהם. וואָלטער האָט אין יעקב'ס הייזער געפונען מעהר בעוואונדערער, ווי אין די דייטשע. די אידישע יוגענד האָט זיך אַ וואָרף געטהון מיט אַ הייסען הונגער אויף דער פראַנצויזישער ליטעראַטור; נאַטירליך, האָט מען דערביי איבערגע־נומען אויך די פראַנצויזישע לייכטזיניגקייט. אויך די קלוגע אידישע טעכ־טער האָבען זיך געלאָזט פערפיהרען פון דער דאָזיגער מאָדע מיט'ן גאַנ־צען פייער. תחלת האָבען זיי געלערנט פראַנצויזיש נור צוליב אַ צירונג: די טאַטעס פלעגען מאַכען געשעפטען מיט די גרויסע פריצים און הויפ־ליט, וועלכע פלעגען אָפט אַריינקומען צו זיי אין שטוב, און די טעכטער האָבען דערביי אַרויסגעוויזען זייער השלמה, רעדענדיג מיט זיי פראַנצויזיש. דורכ'ן איינפלוס פון מענדעלסאָהן און לעסינג איז פון דער דאָזיגער פוסטער מאָדע געוואָרען אַ ערנסטע זאַך: מ'האָט געלערנט פראַנצויזיש, כדי צו בעקומען גרינדליכע בילדונג און שטעהן מיט די מאַנסביל אויף איין מדרגה. מענדעלסאָנס טעכטער, וועלכע האָבען זיך תמיד געפונען אין דער געזעל־שאַפט פון הויך־געבילדעטע לייט, זענען אין דער הינזיכט געגאַנגען פאָר־ווערטס און דערוועקט ביי זייערע חברטעס אַ חשק נאָכצוטהון זיי. אין קיין דייטשער שטאָדט איז נישט געווען אַזוי פיעל געבילדעטע מיידלעך און יונגע פרויען, ווי אין בערלין.

מענדעלסאָנס הויז איז צוערשט געוואָרען אַ צענטר פאַר וויסענשאַפט־ליכע געשפּרעכען. נאָך זיין טויט האָבען דוד פרידלענדער און מאַרקוס הערץ פערנומען אין דער הינזיכט זיין אָרט. פרידלענדער איז אָבער געווען צו שטאָלץ און צו טרוקען, אַז ער זאָל קאָנען צוציהען די געזעלשאַפט

דעריבער איז עס געוואָרען דאָס הויז פונ'ם וויציגען און גייסטרייכען מאַרקוס הערץ, וועלכער האָט צוגעצויגען אַ פיעל גרעסערען קרייז, ווי מענדעלסאָן; דען נאָך מעהר, ווי זיין וויסענשאַפט, האָט געצויגען צו זיך די בערלינער געזעלשאַפט זיין שענע פרוי. זי האָט אַרום זיך פערזאַמעלט אַ'אמת'ן הויך־געזעלשאַפטליכען קרייז, זייענדיג אַליין דער צויבער, צו וועלכען עס האָבען זיך געצויגען אַלע היימישע און פרעמדע הויכגעשטעלטע פערזאָנען, וואָס האָבען זיך געפונען אין בערלין. — הענריעטע הערץ (געבוירען 1764, געשט. 1847) איז געווען, אַזוי צו זאָגען, אַ מזל־קינד; פון פריהער יוגענד אָן האָט דאָס גליק איהר בעגלייטעט שריט ביי שריט. איהר פאָטער בנימין דע לעמאָס, אַ פאָרטוגעזישער איד פון האַמבורג, איז געווען אַ בעליבטער האָקטאָר, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי פון די דייטשע אידען; הענריעטע האָט דעריבער פעראייניגט אין זיך האַרמאָניש דעם פייערדיגען טעמפעראַמענט פון דרום־אייראָפאַ און די שפאַנישע גדלות מיט דער דייטשער ווייכקייט און צערטליכקייט. מיט איהר געשטאַלט און געזיכטס־שטריכען האָט זי געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק, וואו נור זי פלעגט זיך בעווייזען, און מען פלעגט איהר רופען: „די טראַגישע מוזע". קינסטלער האָבען בעוואונדערט איהר פאַלקאָמע שענהייט, ווי זי געהט אַרום נור זעלטען פון דער מייסטערהאַפטער האַנד פון דער נאַטור. אין דער זעלטען שענער פרוי האָט אָבער אויך געלעבט אַ שענע נשמה, וואָס האָט געליבט דעם אמת און געווען איהם געטריי ערגעבען. הענריעטע הערץ איז פריה אויסגעוואַקסען און פאַלקאָמען ענטוויקעלט געוואָרען. שוין אַלס פופצעהניעהריגע האָבען איהר די עלטערן חתונה געמאַכט מיט'ן דאָקטאָר מאַרקוס הערץ; דורך איהם און דורך מענדעלסאָנס טעכטער, מיט וועלכע זי איז געוואָרען חברטע, ווי אויך דורך מענדעלסאָנס הויז האָט זי בערייכערט איהר וויסענשאַפט, און דאַדורך האָט זי בעקומען אַ נייען חן און ליבליכקייט. די בעוואוסטע פראַנצויזישע שריפטשטעלערין מאַדאַם דע זשאַנליס, די ערציהערין פונ'ם שפעטערדיגען פראַנצויזישען קעניג לואי פיליפ דער ערשטער (1830 — 1848), וועלכע איז געווען אַ גרויסע מבינה אויף פרויען און זייער שענהייט, שרייבט וועגען הענריעטען: „זי איז שעהן, ווי אַ מלאך און פול קלוגשאַפט און גנאַד".

און אַט די שענע פרוי האָט, ווי געזאָגט, געמאַכט איהר הויז פאַר אַ פערזאַמלונגס־צענטר פאַר דער אויסדערוועהלטער בערלינער געזעלשאַפט. דאָס איז געווען דער ערשטער בערלינער סאַלאָן, וועלכער האָט געגעבען זיינע בעזוכער זעהר פיעל און פערשידענע גייסטיגע שפייז. פראַנק און פריי האָבען דאָרט אידען געמאַכט חברשאַפט קודם־כל מיט מענדעלסאָנס קריסטליכע פריינד: ניקאָלאַי, ענגעל, דער ערציהער פונ'ם קרוינפרינץ, שפעטער פרייסישער קעניג פריעדריך ווילהעלם III, וועלכער פלעגט פערשפרייטען צווישען דעם קריסטליכען פובליקום לי־

טעראַרישע זאַמלונגען פון די חכמים, וואָס צווישען די רבנים, מיט וועלכע ענגעל האָט זיך בעקענט (מיט די זאַמלונגען) דורך זיינע אידישע פריינד; אין הענריעטעס סאַלאָן פלעגט אויך קומען דער „ראַטגעבער פון די דיכטער" ראַמלער; אויך אַזעלכע נייע מענשען ווי די ראַטמענער פון קאָנסיסטאָריום טעלער און צעלנער, וועלכע האָבען ביז דאַמאָלס געוויכט פון אידען; קנוט האָט אריינגעבראַכט אין אידישען סאַלאָן זיינע צוויי תלמידים, די שפּעטער בעריהמטע געוואָרענע אלעקסאַנדער און ווילהעלם פאָן הומבאָלד; גענטץ, שליערמאַכער און פריעדריך פאָן שלעגעל זענען כמעט געוואָרען שטוביגע מענשען ביי דער פאַמיליע הערץ; מיראַבאָ, וועלכער האָט שוין געטראָגען אין קאָפּ די צוקונפטיגע שטורמס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און וועלכען די אידען האָבען געהאַט אַזוי פיעל צו פערדאַנקען פאַר זיין ארויסטרעטען פאַר זיי אלס קעמפער פאַר זייער גלייכבעכטיגונג, — אויך אַט דער גרויסער פראַנצויזישער רעדנער איז בשעת זיין געהיימער דיפּלאָמאַטישער שליחות אין בערלין (1786) געוועזען אַנ'אָפטער איינגעהער ביי הענריעטע הערץ אין סאַלאָן. ביסלעכווייז האָבען אויך די דאַמען פון דער הויכער בערלינער קריסטליכער געזעלשאַפט אנגעהויבען אריינקומען אין הענריעטע'ס סאַלאָן. אַממייסטען איז אָבער דער סאַלאָן געוועזען אַנציהענד פאַר די קריסטליכע יונגעלייט, צוליב די שענע אידישע מיידלעך און פרויען, וועלכע פלעגען זיך געפינען ארום דער שענהייט הענריעטע הערץ און דינען בלויז, אלס דעקאָראַציע, נור אַנטיילנעהמען אין דער גייסטרייכער געזעלשאַפט אלס העכסט ענטוויקעלטע און אָריגינעלע דענקערינס. גענטץ פלעגט זיי רופען: „די קלוגע ווייבער פון דער אידישער וועלט". צווישען די דאָזיגע קלוגע האָבען זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט די עלטערע טאָכטער מענדעלסאָנס דאָראָטהעאַ, וועלכע האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט פריעדריך פאָן שלעגעל (1763 — 1839) און רחל לעווין, שפּעטער די פרוי פון וואַרנהאַגען פאָן ענזע (1771 — 1833).

כמעט אין דער זעלביגער צייט האָט אַ אידישע פרוי אויך געעפענט אַזאַ סאַלאָן אין וויען. דאָס איז געוועזען די פרוי פאַני איטציג (1758 — 1818), די טאָכטער פון באַנקיר דניאל איטציג און די ווייב פון באַראָן נתן אדם פון ארענשטיין. זי האָט אין וויען דורך איהר סאַלאָן געמאַכט די התחלה פון דער ברידערשאַפט צווישען אידען און קריסטען, ווי דאָס איז געמאַכט געוואָרען אין בערלין.

די פריינדשאַפטליכע פערבינדונגען צווישען די געבילדעטע אידען און קריסטען אין בערלין האָט דאָרט דערוועקט ביי די אידען די האָפנונג, אַז אויב מען וועט די אידען אפילו אויך נישט געבען באַלד גלייכבערעכטיגונג, וועט מען, לפּחות, פערלייכטערן זייער לאַגע און בעפרייען זיי פון ספּעציעלע אָבצאָהלונגען. צווישען דער געזעלשאַפטליכער לאַגע פון די

געבילדעטע אידען און זייער יורידישער לאגע איז נעמליך געלעגען א גאנצער תהום. די אדמיניסטראציע פון דער רעגירונג האט זיך בעגאנגען מיט די רייכע און געבילדעטע אידען נאך אלץ אויפ'ן אלטען שטייגער, ווי מיט געמיינע שוץ-אידען. גרויסע האפנונגען האבען די בערלינער אידען ארויפגעלעגט אויפ'ן נייען קעניג פריעדריך ווילהעלם II, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין מילדקייט. אויף דער דערוועקונג פון דוד פרידלענדער, וועלכער איז נאך מענדעלסאנס טויט געווארען דער פערטרעטער פון די אידישע אינטערעסען, האבען די פרנסים פון דער בערלינער קהלה איינגעגעבען א ביטע, אז מען זאל מבטל מאכען דעם אידישען לייב-אבצאהל, די בארבארישע געזעצען וועגען אידען און ערלויבען די אידען „פריי צו בעוועגען זיך“, דאס הייסט מבטל מאכען די פערבאטען אריינצוקומען אין געוויסע שטעדט און דערפער. אויף דער דאזיגער ביטע האבען די אידען ערהאלטען א פריינדליכען ענטפער מיט א פארשלאג, אויסצוקלייבען פון זיך „עהרליכע לייט“, מיט וועלכע די רעגירונג זאל קאנען פיהרען די אונטערהאנדלונג. עס איז אויך אנגענומען געווארען דער פארשלאג פון די אידען, אז מען זאל צוליב דעם צוזאמענרופען די אידישע פערטרעטער פון אלע קהלות אין פרייסען (אויסער שלעזיען, מערב-פרייסען און מזרח-פריעסלאנד), און עס איז געגרינדעט געווארען א קאמיסיע אויף צו בעטראכטען די אידישע אנקלאגען און אויסצובעסערן זייער לאגע. פאר פארשטעהער מצד די אידען זענען אויסגעקליבען געווארען דוד פרידלענדער מיט זיין שוועהר דניאל איטציג, און זיי האבען זיך ארויסגעזאגט מיט ענערגיע און זעלבסטפערעהרונג געגען די ווילדע רויבערישע געזעצען, וואס פריעדריך דער גרויסער האט ארויסגעגעבען צו דריקען און רודפ'ן די אידען.

די אידישע דעפוטירטע האבען אויסגערעכענט אלערליי געלד-אויספרעסונגען, וואס מען פלעגט אנווענדען געגען די אידען אונטער פערשידענע לעכערליכע נעמען, ווי, למשל, די אידען-פארצעלאן, דאס הייסט: מען האט ארויפגעלעגט אויף די אידען די פליכט צו קויפען פאר זעהר טייערע פרייזען שלעכטע פארצעלאן אין די קעניגליכע פאבריקען און פערקויפען עס אין אויסלאנד, אדער, למשל, די פליכט צו שטיצען די פאבריקען פון היטעלעך, פון זאקען און פון שטאף אויף ביימעלעך. די אידישע פערטרעטער האבען שטאלץ געפאדערט, אז מען זאל אידען געבען גלייכבערעכטיגונג, נישט בלויז דאס מען זאל זיי ערלויבען בעשעפטיגען זיך מיט לאנד-ארבייט און אלערליי מלאכות, נור אויך דאס רעכט צו פערנעהמען מלוכה-שטעלעס און זיין פראפעסארען אין די אוניווערזיטעטען (1787). אבער פון די גרויסע האפנונגען פון די בערלינער און פרייסישע אידען האבען זיך גארנישט אויסגעלאזען. דעם לייב-אבצאהל האט מען אפילו יא מבטל געמאכט און די פליכט צו קויפען פארצעלאן האט מען פערביטען אויף אנ'אבצאהל פון צוויי און פערציג טויזענד מארק.

ווענען די איבריגע רעפאָרם־פאָרשלאַגען האָט מען זיך אָבער זעהר לאַנג בעראַטען. די פּרייסישע אידען האָט מען אפילו אויך ערלויבט פריי דורכצופאָהרען פון איין קאַנט אין דעם אַנדערן, אָבער די פרעמדע אידען האָט מען ערלויבט בלויז צו קומען קיין פראַנקפורט אַם־אָדער אויפ'ן יאַריד. דערווייל אָבער איז עס געלונגען די כיטרע לייט וואַלנער און בישאָפסווערדער, צו פערדרעהען דעם פּרייסישען קעניג זיין שוואַכען קאָפּ, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ רעאַקציע געגען דער פריידענקעריי. דער ענדליכער ענטפער אויף דער אידישער ביטע איז דעריבער געווען זעהר אַ טרויעריגער. דאָס, וואָס מען האָט די אידען געגעבען מיט איין האַנד, האָט מען מיט דער אַנדערער צוגענומען. צום כבוד פון די אידישע דעפּוטירטע דאַרף פערצייכענט ווערען, אַז זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פון די קליינע הנחות, וואָס מען האָט זיי געוואָלט געבען בתורת נדבה און האָבען אָפענהערציג ערקלערט: „די הנחות, וועלכע מען גיט אונז, זענען לגמרי נישט גלייך צו אונזערע גרויסע האָפנונגען, וואָס מיר האָבען געהאַט, בשעת דער קעניג איז אַרויפגעשטיגען אויף זיין טראָהן“. זיי האָבען ערקלערט, אַז זיי האָבען נישט קיין בעפאָלמעכטיגונג פון די אידען אָנצונעהמען די נייע רעפאָרם, „וועלכע גיט אידען ווענעג נוצען און פיעל בעגרענצונגען“, נעמליך: מען לעגט אַרויף אויף די אידען די פליכט צו געבען סאָלדאַטען, וועלכע וועלען אָבער זיך נישט קאָנען דערדינען צו אַ העכערער שטעלע אין דער אַרמעע. — נור אַ פּאָר אידען האָבען דאַמאָלס בעקומען גלייכבערעכטיגונג: די משפחה פונ'ם באַנקיר איטציג, דער בערלינער באַנקיר קאַהן און בענעדיגט גאָלדשמיעד פון פּאָטסדאַם.

די געזעלשאַפטליכע מיינונג אין בערלין איז אָבער געווען אויפ'ן אידישען צד. מען האָט אויך אָנגעהויבען צו שאַנעווען די אידישע נערוועזיטעט און נישט גערייצט זיי מעהר. איינמאָל, למשל, ווען מען האָט געשטעלט אין טעאַטער דאָס שוישפּיל פון שעקספּיר „דער סוחר פון ווענעדיג“ (1788), האָט מען זיך בעוואָרענט, אַז די אידען זאָלען זיך נישט געפינען בעליידיגט דערמיט, און דער ערשטער אַקטיאָר פליק, וועלכער האָט געדאַרפט שפּילען די הויפּט־ראָלע שיילאָק, האָט פאַר דער פאָרשטעלונג פאָרגעלעזען אויף דער ביהנע פון טעאַטער אַ ליעד, וואָס האָט, ספּעציעל צוליב דעם, אָנגעשריבען איינער פון די בערלינער דיכטער (ווי עס שיינט: ראַמלער) און אינ'ם ליעד ווענדעט זיך דער דיכטער צו די בערלינער אידען מיט פאָלגענדע ווערטער:

„די שטאָדט פון פילאָזאָפיע,
בערלין, די שענע, גרויסע,
זי עהרט שוין איצט די ברידער
פון מענדעלסאָן — משה.
אין קונסט און וויסענשאַפטען
שוין זעהען מיר ביי אידען

ערהאַבען גרויסע הערשאַפטען
(מיר עהרען דאָך שוין לאַנג
פון גאר גאַנץ אלטער צייט
נביאים און געזעצען
פון אָט די גרויסע לייט!)
צי װעלען מיר דען שפּאָטען
סאַטיריש און אויפרייצען,
װען אויך גאַנץ גוט, געראָטען,
דורך דראַמען אָט דעם פאָלק?
צי װעלען מיר דען שפּייזען
מיט רשעות אַרויסװייזען,
די אלט' אומזיסטע שנאָה?
צי װעלען מיר פערשעמען
די גרויסע הומאַניסטען,
װאָס שטיצען און בעקװעמען
אידען גלייך װי קריסטען?
געװיס און זיכער, ניין"!—

אַזוי אַרום האָט די בערלינער קהלה געלעגט דעם פונדאַמענט, צו פערװאַנדלען דאָס אידישע פאָלק, און די קריסטליכע געזעלשאַפט האָט דאָס אויפגענומען העכסט סימפּאַטיש, האָטש די רעגיערונג האָט זיך נאָך געהאַלטען אויף איהר אַלטען שנית. דורך צװיי אָרגאַנען האָט געװירקט די נייע ריכטונג: דורך א פריי-שולע און דורך אַ דערמיט פערבונדענע דרוקעריי. די פריי-שולע, אונטער דער הנהגה פון דוד פרידלענדער און דעם רייכען דניאל איטציג, איז געפיהרט געװאָרען גראַד נישט לויט דעם פּלאַן פון נפתלי הערץ װייזעל. די אַלגעמיינע געגענשטאַנדען האָבען דאָרט פערנומען דעם הויפּט-אָרט און בּיסלעכװייז אַרויסגעשטויסען דאָס אידישע (העברעאיש, תנ"ך און תלמוד) פון פּראָגראַם. אין א משך פון צעהן יאָהר (1781—1791) זיינען פון דער דאָזיגער שולע אַרויסגעגאַנגען העכער פינף הונדערט גוט אויסגעבילדעטע תלמידים, װעלכע האָבען איבעראַל פערשפּרייט די בערלינער השכלה. די דאָזיגע פריי-שולע איז געװאָרען א מוסטער פאַר אַלע עהנליכע שולען אין דייטשלאַנד און אין אויסלאַנד. אין זעלביגען זין האָט אויך געװירקט די דרוקעריי, װעלכע איז געװען דערמיט פערבונדען און האָט אַרויסגעגעבען פיעל בילדונגס-ביכער אין העברעאיש און דייטש, װעלכע מען האָט פערשפּרייט אין די אידישע געטאָ'ס. דער גייסט, װעלכע מען האָט דאדורך ערצויגען איז אפילו תחילת געװען אַ גייסט פון כפירה און אונטערגראַבונג אונטער'ן אַלעניודענטום. מען האָט געהאַט איין צװעק: צו דערװייטערען פון אידישען לעבען אלץ, װאָס שטימט נישט איין מיט דעם גוטען אייראָפּעאישען געשמאַק, אלץ װאָס מען קאָן נישט פערשטעהן מיט'ן קלאָרען פערשטאנד, אַלץ װאָס איז נאָר

נאַציאָנאַל-אידיש און דערמאָנט אָן די גרויסע געשעהענישען פון דער אידי-
שער פערגאַנגענהייט, אַלץ, ענדליך, וואָס זונדערט אָב די אידען פון די
קריסטען און מאַכט זיי פאר אַ זעלבסטשטענדיגע נאַציאָן. פאר דעם העב-
רעאישען כבוד און גדולה האָט מען געהאַלטען, צו קאָנען אין יעדער הינזיכט
זיין גלייך צו די קריסטען. דאָס שלאַג-וואָרט פון דער נייער ריכטונג איז
געווען „השכלה און אויפקלערונג", וועלכע איז געוואָרען די
פאָהן און דער מזבח, אויף וועלכען מען האָט געבראַכט אַלע מעגליכע און
אונמעגליכע קרבנות. קיינער האָט זיך נישט געפרעגט, אויב די רעליגיאָן
וועט זיך נאָכדעם קאָנען האַלטען לאַנג, ווען מען וועט פון איהר אַלץ בע-
רויבען. מען האָט בכלל ווייניג געזאָרגט פאר דער צוקונפט פון יודענטום,
ווי מען האָט אויך ווייניג געשעצט זיין פערגאַנגענהייט. מענדעלסאָן האָט
נאָך זיך נישט איבערגעלאָזען קיין תלמיד, וואָס זאָל קאָנען עהרליך אי-
בערנעהמען זיין אויפגאַבע, וואָס זאָל פערשטעהן דעם גרויסען ווערט און
די בעדייטונג פון די הויכע אידעאַלען פון יודענטום, כדי צו קאָנען זיי פער-
אייניגען מיט דער צייט-בילדונג. מענשען ווי אייכעל, פרידלענדער
און הערץ, כמעט אַלע אנטיילנעהמער אין „המאסף", זענען קורצ-
זיכטיג און קליין-קעפיג און זיי האָבען דעריבער נישט געקאָנט פערפלאַנ-
צען אין אידישען פאָלק הויכע, פרוכטבארע אידעאַלען. זיי האָבען פער-
געטערט מענדעלסאָנ'ען, אָבער זיי האָבען איהם נישט פערשטאַנען. זיי
האָבען געמיינט, אַז מענדעלסאָן לעבט נאָך צווישען זיי, וועהרענד ער
איז געווען גאַנץ ווייט פון זיי. זיי האָבען געמיינט, אז ער היט אָב די אי-
דישע מצוות נישט מיט'ן גאַנצען האַרצען און איז ערשיענען, ווי אַ נאַציאָ-
נאַלער איד, נאָר כדי צו געווינען פאַר זיך די סימפּאַטיע פון אידישען
פאָלק, וועהרענד מענדעלסאָן איז אין דער ווירקליכקייט געווען גאַנץ אָנגע-
זאַפּט מיט'ן אידישען גייסט. אפילו זיינע אייגענע זיהן און טעכטער האָ-
בען איהם נישט גוט פערשטאַנען. דער דאָזיגער טעות האָט אָבער מיט-
געשלעפּט נאָך זיך זעהר פיעל טרויעריגע פעהלערען.

מיט יעדען שריט, וואָס די בערלינער שולע פון השכלה האָט גע-
מאַכט פאָרווערטס, איז אַלץ גרעסער געוואָרען דער תהום צווישען איהר
און דער תמימות'דיגער אַלטער אידישקייט, וועלכע האָט זיך געהאַלטען
איינגאַנצען אין די אַלטע גרענעצען; די השכלה האָט זיך ווייניג געקימערט
וועגען אידישקייט און די משכילים האָבען דורך זייערע מעשים אליין
דערוועקט די אויפרעגונג פון די תמימות'דיגע אַלט-פרענקישע אידען,
וועלכע האָבען דעריבער דערזעהען אין זיי געפעהרליכע פיינד און אַרויס-
געטרעטען מיט זיי אין קאַמף, שטערענדיג דאדורך דעם פּראָגרעס פון דער
בילדונג ביי אידען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען מיספערשטענדנישען,
כעס און שנאָה צווישען דעם עלטערען און אינגערען דור; פון די אָפּטע
רייבונגען איז געוואָרען אַ פערביטערטער קאַמף. איינער פון די שריפט-
שטעלער פון „המאסף" האָט אָנגעשריבען אַ סאַטירע אויפ'ן גהנום אין די

יסורים, וואס מען טהוט דאָרט די בעלי־עבירה'ניקעס, לויט ווי דאָס ווערט געשילדערט אין די קבלה־ספרים. די סאַטירע האָט שטארק אויפגערעגט דעם אַלטען נפתלי הערץ וויזעל, וועלכער האָט זיך געהאַלטען מיט תמימות ביי דער אלטער אידישער וועלט־אַנשויאונג; ער האָט דעריבער געמאַכט ביטערע פארוואורפען דער נייער ריכטונג און אין זיין מאמר „חקור־דין“ האָט ער זיך בעמיהט צו דערווייזען, אז די אמונה אין גיהנום איז געווען בעוואוסט אין דער צייט פון די נביאים. וויזעל האָט זיך ענדליך גאָר אָבגעזונדערט פון די משכילים, וואָס אין זייער שפיץ איז געשטאַנען דער קליין־קעפּעלדיגער דוד פרידלענדער.

אויב צווישען די משכילים האָבען דאמאָלס (נאָך מענדעלסאָנס טויט) געפּעהלט אמת גרויסע פּערזענליכקייטען, איז צווישען די פרומע איד'ען אין דער הינזיכט געווען נאָך ערגער. דער בעדייטענדסטער מנהיג פון די קאָנסערוואַטיווען, דער פּראָגער רב, רבי יחזקאל לאַנדאַ, האָט גאַנץ ווייניג פערשטאַנען די בעדייטונג פון דער נייער צייט און האָט זיך מיט עקשנות געהאַלטען פעסט ביי'ם קלענסטען אידישען מנהג פון פאַרצייטען, ברענגענדיג בלויז שאַדען דער ריכטונג ביי וועלכער ער האָט זיך געהאַלטען. די עסטרייכישע רעגירונג האָט געוואָלט פערבאָטען די אידען מקבר צו זיין מתים תיכף נאָך דער גסיסה. דער רעגירונג איז בעוואוסט געווען, אז מענדעלסאָן האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגעזאָגט געגען אזא מנהג ביי אידען און זי האָט דעריבער געפאָדערט ביי רבי יחזקאל לאַנדאַ, אז ער זאָל אדער ערקלערען מיט בעווייזען, דאָס מענדעלסאָנס מיינונג איז נישט קיין ריכטיגע, אדער דאָס ער זאָל אליין אויך איינשטימען איפ'ן פערבאָט. לאַנדאַ האָט זיך, שטארק האַלטענדיג אן יעדען אלטען מנהג, אַרויסגעזאָגט געגען דעם פערבאָט, בעפעסטיגענדיג זיין מיינונג דורך זעהר שוואכע ראיות פון תלמוד. דערמיט האָט ער אָבער אליין געגעבען די משכילים א געוועהר געגען זיך, ווייל די רעגירונג איז געווען אויף זייער צד. מאַרקוס הערץ איז אַרויסגעטראָטען מיט א אַרטיקעל וועגען דער פּראַגע, וועלכע ער האָט בעהאַנדעלט, אַלס מעדיקער, דערווייזענדיג, אז די פאַלען פון א פאַלשען שיינבאַרען טויט קומען פאָר זעהר אָפט. דערביי איז הערץ אָנגעפאַלען אויף די „נאַרישע און שטאָלצע פאַנאַטיקער, וועלכע ווילען אָבטויטען דעם קלאָרען פערשטאַנד“—בעזונדערס שטארק האָבען אבער די משכילים אָנגעהויבען אָבצושפּאָטען פון רבי יחזקאל לאַנדאַ, צוליעב פאָלגענדען פאַל: דוד פרידלענדער און יצחק אייכעל, האָבען איבערגעזעצט דעם „סדור“ (די אידישע תפלות) אויף דייטש לטובת די ווייבער, וועלכע פערשטעהען נישט קיין העברעאיש. די פרומע אידען האָבען אָבער דערשפּירט, אז דאַדורך וועלען אידען, אַנשטאַט דאַווענען און גאָט בעטען, אָבפּטר'ען זיך מיט דעם לערנען דייטש, און זיי זענען דעריבער שטאַרק אַרויסגעטרעטען געגען אזא נייעס. דער פּראָגער מגיד, רבי אליעזר פליקעלעס האָט געהאַלטען געגען זיי א שאַרפע דרשה אין שוהל, ערקלערענדיג

די זאך פאר אַ גרויסע עבירה. דוד פרידלענדער האָט באלד געענטפערט דערויף מיט א אנפאַל נישט בלויז אויפ'ן מגיד, נאָר אויך אויף רבי יחזקאל לאנדאַ, וועלכער האָט דעם מגיד'ס דרשה געריהמט. דערביי האָט פרידלענדער אויך איבערזעצט איינינע שטעלען פון לאנדא, כדי אבצושפּאָטען פון זיין פערצייטישער העברעאישער שפראך.

דורך דער רייבונג צווישען די משכילים און די פרומע אידען, וועלכע האָבען פון ביידע צדדים איבערגעהאפּט די מאָס, איז ענטשטאנען אין דער בערלינער קהלה א אויפגערעגטע שטימונג. די יוגענד: די הויז-לעהרער, די האנדעלס-אנגעשטעלטע, די זיהן פון די עשירים, און די וואָס ליעבען נאָכצוטהון נאַריש די מאָדע, האָבען מיט גדלות זיך אַרויסגעשטעלט אָלס „פילאָזאָפען", און זייער פילאָזאָפיע איז בעשטאנען בעזונדערס דערין, וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען אָבשפּאָטען פון אלץ, וואָס איז אידיש, וואָס איז זיי געשטאנען אין וועג—אלץ האָבען זיי פעראורטיילט, אלס אַבערגלויבען, נאַרישקייט און רבנישע קונצשטיקלעך. דאגעגען די פרומע אידען האָבען נאָך פעסטער זיך אָנגעהויבען האַלטען ביי יעדער זאך, וואָס האָט נאָר אַ רעליגיעזע בעדייטונג, אדער חאָטש די ווייטעסטע שייכות צו דער רעליגיע. ווייל אָבער די הנהגה פון דער קהלה, בעזונדערס, פון די צדקה-אַנשטאלטען האָט זיך נאָך געפונען אין די הענד פון די פרומע אידען, האָבען זיי אָנגעהויבען רודפ'ן די משכילים. זייערע חולאים פלעגען זיי נישט אַרייננעהמען אין די שפּיטאלען און זייערע מתים האָבען זיי נישט געוואָלט מקבר זיין בכבודיג. די משכילים, וועלכע האָבען נישט געהאַט קיין משפּחות, וואָס זאלען זיך פאר זיי אננעהמען, צווישען זיי אויך צוויי אנפיהרער פון „המאסף" יצחק אייכעל און אהרן וואָלפסאָן, האָבען דעריבער בעשלאָסען צו גרינדען א פערבאנד, כדי נישט צו שטעהן אליין, אהן קיין שום בעשיצונג, אין קאמף מיט די פרומע אידען. מענדעלסאָנ'ס עלטערער זוהן יוסף, האָט זיך גענומען פאר דער זאך און, אַ דאַנק דעם גרויסען כבוד, וואָס עס האָט געהאַט זיין פאטער'ס נאָמען ביי אידען, האָט ער באלד געפונען פיעל אָנהענגער. אַזוי אַרום איז געגרינדעט געוואָרען די „חברה פון פריינד" (1792), א קהלה פון משכילים אין דער בערלינער קהלה,— א קהלה, וואָס איז בעשטאנען בלויז פון בחורים און איהר הויפּט-צוועק איז געווען, צו בעטראַכטען איינער דעם אַנדערען ווי ברידער, און שטיצען זיך מיט אנ'עצה און אויך מאַטעריעל סיי אין דחקות, סיי בשעת א קרענק. אויסער דעם האָט די חברה אויך געדאַרפט זאָרגען צו פערשפּרייטען בילדונג. אין ערשטען יאהר פון איהר גרינדונג האָט די חברה געהאַט לערך הונדערט מיטגלידער אין בערלין, אויסער דעם האָבען זיך מיט זיי פעראייניגט פיעל יונגע לייט פון קעניגסבערג, ברעסלוי און וויען. איינינע מיטגלידער פון דער חברה זענען שפּעטער געוואָרען אייראָפּעאיש בעוואוסטע לייט, ווי, למשל, נפתלי הערץ ווייזעל'ס ברודער, דער מוזיקער בערנאַרד ווייזעל, און אנדערע. פיעל פון זיי האָבען זיך

אָבער שפּעטער אבגע'שמד'ט. די מיטלידער פון דער חברה האָבען בכלל ניט געהאַט קיין פעסטען באָדען אונטער זיך; עס האָט זיי געפעהלט די התלהבות פאר זייער נייער שעפּונג. נאָך וועניגער פעסטען באָדען האָבען געהאַט די „משכילים“ וואָס צווישען די רייכע סוחרים. זייענדיג איבערגעגעבען דער מאָדע און ליבענדיג דעם לוקסוס, האָבען זיי נישט געהאַט אויסער דעם קיין שום אידעאַלע שטרעבונג אין לעבען. פון אלטען אידישען לעבען האָבען זיי זיך געהאַט אָבגעריסען, ווייל עס האָט זיך נאָך נישט געהאַט איינגעאָרדענט ווי געהעריג איז, און זיי האָבען בכלל וועניג פערשטאַנען זיין אמת'ע בעדייטונג. זייער איינציגער אידעאַל איז דעריבער געווען, צו פעראייניגען זיך מיט די קריסטען. אראָבוואַרפענדיג פון ז ד דעם טויזענד-יעהריגען יאָך פון א רעליגיע, וואָס איז ענטשטאַנען אויפ'ן נאַציאָנאַלען באָדען, זענען די אָבערפלעכליכע „משכילים“ מאַסענווייז גענאַנגען אין שמד אַריין. „זיי זענען גלייך געווען צו די זומער-פייגעלעך, וועלכע פליהען אזוי לאַנג אַרום פייער, ביז זיי פאלען אריין אין איהם“. אָבשוואכענדיג אינגאנצען דעם בונד מיט זייער פאָלק און רעליגיאָן, האָבען זיי מעהר נישט געהאַט פארוואָס צו ליידען חרפּות פאַר זייער יודענטום, וועהרענד עס איז זיי מעגליך געווען דורך אַ קורצער שמד-פאָרמול גלייך צו ווערען מיט די קריסטען אין יעדער הינזיכט. דורכ'ן טובל'ען זיך ביים גלח האָבען זיי מיט איינמאָל אָבגעוואשען פון זיך אי זייער חרפּה אלס אידען, אי די וואונדען, וואָס עס האָבען געהאַט געמאַכט אין זיי די שווערינקייטען פונ'ם יאָך, וואָס די פעלקער האָבען זיי געהאַט ארויפגעלעגט. אין די קהלות פון בערלין, ברעסלוי און קעניגסבערג פלעגען טאָג-טעגליך פּאַרקומען מאַסען-שמד'ן צווישען די „געבילדעטערע“ און רייכע אידען, און די אָבגעשמד'טע האָבען על פּי רוב אָנגעהויבען קוקען מיט גאוה און גדלות אויף די געבליבענע אידען, פערגרעסערענדיג אזוי אַרום די צאָהל פון די אידישע שונאים.

אזוי ארום האָט די קריסטליכע קירכע אָבגעהאַלטען אַ נצחון איבער דעם יודענטום אהן קיין שום קאַמף. זינט דעם מאַסען-שמד אין דרום-פּוילען פון די פראַנקיסטען, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אַ פאָר צעהנדליג יאהר פאַר דעם, האָט די קירכע נישט געזעהען אזוי פיעל נייע משומדים, וועלכע זענען פלוצלונג אַליין געקומען צו איהר, נישט ווערענדיג געצוואונגען דורך פייער און שווערד. אין משך פון א יאָהר דרייסיג האָט זיך אָבגע'שמד'ט א העלפט פון דער בערלינער קהלה, און מען קאָן עס נאָך בעטראַכטען פאַר אַ וואונדער, וואָס אַלע דאַמאָלדיגע משכילים האָבען זיך נישט אָבגע'שמד'ט. אָבגעהאַלטען האָבען זיי דריי געהיימע כוחות פון נאָכטהון דעם בײשפּיעל פון פערראַט געגען דעם אייגענעם פאָלק: ערשטענס, וואָס דער גלויבען אין דער דריי אייניגקייט איז צווידער דעם אידישען פאָלקס-גייסט; צווייטענס, די אייזערנע צוגעבונדענקייט פון די אידען צום פאַמיליען-לעבען און צו דער טויזענד-יעהריגער אידישער פער-

גאנגענהייט; ענדליך, דריטענס, די ליבע צו דער העברעאישער שפראך אין
ליטעראטור. ווער עס איז געווען אימשטאנד צו פערשטעהן גוט די שענ־
קייט פון דער תנ"כ'ישער שפראך און האט געקאנט איהר אויך נאכמאכען,
איז געבליבען אין יודענטום, חאטש זיין הארץ איז פול געווען ספקות אין
זיין געפיהל האט זיך געבונטעוועט געגען די בעגרענצונגען פון די רעכט
מצד דער מלוכה און דער מענש האט פיעל געליטען אומזיסטע חרפות און
שפלות. אזוי ארום האט מענדעלסאן מיט זיין איבערזעצען דעם תנ"ך גע־
געבען דעם נייען דור אי א סם־המות אי א סם־החיים וואס זאל ווירקען גע־
גען דעם ערשטען.
נאר דוד פרידלענדער איז געווען אין דער הינזיכט אנ'אויסנאהם.
נישט די ליבע צו דער העברעאישער שפראך, נישט די ליבע צום פאמיליען־
לעבען, נישט די העברעאישע פאעזיע האבען איהם געקאנט פעסטהאלטען
אונטער דער אידישער פאהן. ער איז געווען א גוטער פאמיליען־פאטער, א
עהרליכער סוחר, א בעל־צדקה, אבער א קליינמוטיגער, בעגרענצטער
מענש. קיין אייגענע געדאנקען האט ער נישט געהאט, נאר ער פלעגט תמיד
איבער'חזר'ען פרעמדע רייד און נאכפלאפלען פרעמדע שפריכווערטער און
שלאג־ווערטער. איבערזעצענדיג אייניגע ספרים פון תנ"ך און שרייבענדיג
העברעאישע ספרים, האט ער פונדעסטוועגען ווייניג פערשטאנען די העב־
רעאישע פאעזיע און נאך ווייניגער דעם גייסט פון דער אידישער געשיכטע.
דאס אבהיטען די אידישע מצוות האט ער אוועקגעווארפען און אנשטאט
דעם האט ער זיך צוזאמענגעשטוקעוועט א מלבוש פון לאטעס—געוויסע
אויסדריקען און מאמרים פון מענדעלסאן וועגען דער שטרעבונג צום פער־
פאלקאמען זיך און דערגרייכען די רוהיגקייט פון דער נשמה דורך דער רע־
ליגיע. און אט די דאזיגע אבגעריסענע שטיקלעך געדאנקען , וועלכע ער
פלעגט איבער'חזר'ען ביי יעדער געלעגענהייט, האט דוד פרידלענדער גע־
האלטען פאר די ריינע רעליגיאן. ער האט געהאלטען זיך און זיינע לייט
פאר עכט אויפגעקלערטע מענשען, און אט אזעלכע מענשען זאל די רע־
גירונג נישט אנערקענען פאר גלייכבערעכטיגטע בירגער! ער האט זיך
משתדל געווען צו בעקומען פאר זיך און פאר דער גאנצער פ ר י ד ל ע נ־
ד ע ר ש ע ר מ ש פ ח ה גלייכבערעכטיגונג, אלס א אויסנאהמע, און מען
האט איהם זיין ביטע אבגעזאגט. די זאך האט איהם געבראכט פיעל עגמת־
נפש. אבער אנשטאט צו ליידען שטאלץ און מיט גדלות, אזוי ווי פאר־
צייטיגע אידען האבען געטהון און דינען דאדורך אלס א גוטער ביישפיעל
פאר די ווייניגער געבילדעטע אידען, האט זיך איהם געוואלט דוקא אריינ־
שטויסען זיך אין דער קריסטליכער סביבה. בעגעהן אבער דעם פערראט גע־
גען דעם יודענטום אליין האט איהם נישט געפאסט; ער האט עס געוואלט
טהון צוזאמען מיט אנדערע גלייכדענקענדע לייט און בלויז אויף געוויסע בע־
דינגונגען. ער האט זיך צוזאמענגערעדט מיט נאך אייניגע אידישע פא־
מיליענפאטערס, ווי עס שיינט, מיט חער משפחה א י ט צ י ג, און אריינ־

געשיקט אַ בריף צום ראַטמאַן פון אָבער־קאָנסיסטאָריום ט ע ל ע ר, מיט אַ פאָרשלאַג, אַז ער זאָל זיי אַריינבריינגען אין קריסטענטום נור מיט דער בעדינגונג, אַז מען זאָל זיי בעפרייען פון דער פליכט צו גלויבען אין קריסטוס און קומען אין קירכע אַריין צום גאָטעס־דינסט, אָדער, לפחות, ערלויבען זיי, צו ערקלערען די קריסטליכע גלויבענס־אַרטיקלען, לויט ווי זיי אליין פערשטעהען, ווייל זיי קאָנען נישט אָננעהמען אַלע פרינציפען פון קריסטליכען גלויבען און זאָגען ליגענד ווילען זיי נישט. — דאָס איז געווען אַ נאַרישער און אַ שענדליכער שריט! פרידלענדער האָט געהאַט אַ מאוס'ן טעות. ער האָט געמיינט, אַז אויב ביי די קריסטען געפינען זיך פריידענקער, האָבען זיי זיך שוין אין דער ווירקליכקייט אָבגעזאָגט פון זייער אמונה אין קריסטוס און פון דער קריסטליכער רעליגיאָן. אין קריסטענטום האָט פרידלאַנד געזעהען אַ ריינעם און שענעם אידעאַל, דאַגעגען אין יודענטום — אַנ'עלענד דערשלאָגען בעשעפעניש, וועלכע שטעהט פערבלוטיגט פון די וואונדען, וואָס די קריסטען גופא האָבען אין איהם געמאַכט. פרידלענדער האָט אפילו נישט געקאָנט אָבלייקענען, אַז „ביי אידען געפינען זיך באמת צדקה און מענשענליבע, און די ריינקייט פון דער פאַמיליע, ווי אויך די ליבע צו די קינדער זענען ביי זיי איינגעפונדעוועט אויף פעסטע פונדאַמענטען“, ער האָט אויך מודה געווען, אַז „די אידען אַרבייטען אין כלל־זאַכען מיט מסירות־נפש און אַזעלכע פערברעכען, ווי רציחה און רויבעריי, זענען ביי זיי זעהר זעלטען“. אָבער דוקא אָט די טייערע און הויך־ערהאַבענע אייגענשאַפטען האָט פרידלענדער געהאַלטען פאַר אַ קליינינקייט. ער האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, אַז אָט די אייגענשאַפטען זענען די פרוכט פונ'ם ביבלישען און תלמודישען יודענטום, אַז נור צוליב אָט די אייגענשאַפטען האָט דאָס אידישע פאָלק געליטען די שרעקליכסטע ענוים און ליידעט נאָך עד היום, און דעריבער האָט ער געשריבען זיין שענדליכען און נאַרישען בריף צום קריסטליכען גלח ט ע ל ע ר. די אידישע געשיכטע שילדערט ער דערין אין אַזאַ משונה'דיגען טאָן, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, דאָס ער שרייבט גאָר אַ סאַטירע געגען דעם קריסטענטום, וועלכער האָט אַרויסגעוויזען אַזוי וועניג מענשענליעבע צו אידען. וועניגסטענס, האָט אַזוי געמיינט באמת שלייערמאַכער, איידער ער האָט געוואוסט, אַז דער בריף שטאַמט פונ'ם קליינקעפּעלדיגען פרידלענדער.

דער קריסטליכער גלח ט ע ל ע ר האָט אָבגעפאַרטיגט די אידישע עלטערן, וואָס האָבען זיך געווענדעט צו איהם מיט פרידלענדערס בריף, ווי זיי האָבען פערדינט — העפליך, אָבער ענטשלאָסען. ער ערקלערט זיי, אַז זיי דאַרפען בלייבען דאָרט, וואו זיי זענען — אין יודענטום — ווייל דאָס קריסטענטום נויטיגט זיך נישט אין אַזעלכע אָנהענגער, וועלכע גלויבען נישט אין איהם. אויב זיי ווילען אָננעהמען דאָס קריסטענטום, דאַרפען זיי אָננעהמען אַלע זיינע פרינציפען, אָהן קיין שום בעדינגונג, און דערנאָך וועט די רעגירונג ערשט בעשליסען, אויב מען דאַרף זיי געבען גלייכבע־

רעכטיגונג, אויב נישט. פרידלענדער האט אלזא געמאכט אנ'ערפאהרונג,
וועלכע האט איהם נור זאט געמאכט מיט בושה און חרפה. ער איז על פי
נויט געבליבען אין דער אידישער רעליגיאן. זיינע קינדער אבער האבען זיך
אבגעשמד'ט „אהן תנאים". זיין בריף אבער האט געמאכט א גרעסערן רוייש,
ווי ער האט פערדינט. מצד די קריסטען זענען וועגען דעם ערשינען פער־
שידענע פלוג־בלעטער. טיפערע נאטורען ווי שלייערמאכער, ווי הויך
זיי האבען געשעצט דאס קריסטענטום, האבען דאך פונדעסטוועגען דערזע־
הען אין פרידלענדערס בריף א בגידה אין יודענטום און א נישט־אויסגע־
האלטענקייט. נישט וויסענדיג, ווער עס איז דער מחבר פונ'ם בריעף, האט
ער אויסגערופען: „ווי טיעף פערוואונדערט מוז זיין דער טייערער פריד־
לענדער! איך בין נייגעריג צו וויסען, אויב ער וועט אויפהויבען זיין פרא־
טעסט־שטימע געגען דעם דאזיגען פערראט. ער איז דאך דער געטרייסטער
תלמיד פון משה מענדעלסאן!" ווען פרידלענדער וואלט נור נישט געווען
אזוי אונפערשעמט, האט ער געדארפט אונטערגעהן פאר בושה. קריסטען־
מאמינים האבען מיט וועהטאג געשפירט דעם שענדליכען פאקט, אז דאס
אלטע יודענטום, וועלכעס האט אזוי פיעל געליטען און געקעמפט פאר זיינע
הויכע אידעאלען, זאל איצט דארפען אונטערגעהן אין דער געשטאלט פון
א געפעלשטען קריסטענטום. אנדערע האבען אויסגערופען: „עפענט אויף
ברייט און גרוים די טויערען פון דער קירכע, כדי דאס גאנצע הויז פון
ישראל זאל אהין קאנען ארײנקומען!" נאך אנדערע האבען עס בעטראכט
אלס א צייכען פון דער צייט, אלס אנ'אקט פון דער פערברידערונג צווישען
די אידען און פריידענקער געגען דעם ווילען פון די גלחים און אהן דיער
הסכמה פון די רעליגיאנען. נור די אידען אליין האבען געשוויגען וועגען
פרידלענדערס נארישען שריט, און דאס איז געווען דאס קלוגסטע, וואס זיי
האבען געהאט צו טהון.

נאך וועניגער פעסטקייט און נאציאנאלען שטאלץ, ווי די אידען, האבען
ארויסגעוויזען די אידינעס. די פרויען און מיידלעך אין די אידישע הייזער
האבען זיך תמיד אויסגעצייכענט מיט זייער צניעות אין דער צייט, וואס
די אידען האבען געלעבט אבגעזונדערט פון דער קריסטליכער געזעלשאפט.
אזעלכע פאלען, אז אנ'אשת־איש זאל ווערען אונגעטריי איהר מאן, זענען
ביי אידען גארנישט פארגעקומען, אדער דאס פלעגט זיך טרעפען זייער
זעלטען אין די געמיינסטע הייזער. צי איז דאס געקומען צוליב דעם אוי־
סערליכען דרוק, וואס די אידען האבען תמיד געליטען, אדער דאס איז טאקי
א נאציאנאלע איינגענשאפט ביי אידען — א פאקט איז עס געווען און קיי־
נער האט דערין נישט געלייקענט. דאס איז געווען דער פונדאמענט פון
אידישען פאמיליען־לעבען. ביי די נייע בעדינגונגען איז דאס אלץ געווארען
אנדערש. דער סאלאן פון דער שענער הענריעטע הערץ איז געווארען א מין
געצעלט פון מדין. בשעת די אידישע מענער פלעגען זיין פער־
טהון אין זייערע געשעפטען, פלעגען זיך אהין צוזאמענקומען זייערע שענע

פרויען, כדי צו פערברענגען מיט די קריסטען און לערנען זיך ביי זיי זייערע
אויסגעוואקסענע הנהגות. דער טאָן-געבער איז דאָרט געווען פריעדריה
פאָן גענטץ — אַ מענש אַנ'עגאָאיסט, וואָס האָט נור געוואוסט צו
טראַכטען וועגען אייגענע פערגניגענס, תאוות און אויסגעלאַסענקייט אין
בעוואוסטזיניג געטראַכט צו פערפיהרען פרעמדע פרויען. די ערשטע איז
פערבלענדעט געוואָרען הענריעטע הערץ אַליין, וועלכע איז פערפיהרט און
פערנעבעלט געוואָרען דורך די קאָמפּלימענטען, וועלכע מען האָט איהר
געמאַכט פאַר איהר שענהייט. זי האָט אָנגעהויבען צו פיהרען ליעבעס מיט
מאַנסבילען, וועלכע האָבען זיך געענדיגט מיט מאוסע מעשים. אי ביי איהר,
אי ביי איהרע חבר'טעס איז געוואָרען אין קאָפּ אַ מיש-מאַש איבער די בע-
גריפען פון רעכט און אונרעכט. די קריסטליכע אונציכטיגע יוגענד האָט
געגרינדעט מיט די אידישע פרויען און מיידלעך „אַ בונד פון גנאָד" (טו-
גענד-בונד), — אַ חברה, וואָס האָט זיך געשטעלט אַ ציעל מבטל צו מאַכען
אַלע גרעניצען צווישען מאַנסביל און פרויען, מען זאָל זיך ווענדען איינער
צום אַנדערן מיט'ן „דו" און אַרויסזאָגען איינער דעם אַנדערן די ליעבעס-
געפיהלען אָהן קיין שעמעוודיגקייט און אָבגעהאַלטענקייט. דאָס איז גע-
ווען די אָנפאַנגס-צייט פון געטהעס פּאָעזיע, ווען עס האָט זיך ענטוויקעלט
די דייטשע ראָמאַנטיק, וואָס האָט געשטרעבט צו פערווירקליכען די לירי-
שע געפיהלען פון דער דיכטונג, צו אידעאַליזירען דאָס לעבען און מאַכען
איהם פּאָעטיש. דער ראָמאַנטישער גייסט האָט ענדליך געבראַכט צום פער-
געטערן די תאוות, צו ענטוויקלען דעם געפיהל און ענדליך צו שטרעבען
צו דער „פעראייניגונג פון די נשמות" (וואהלפערוואַנדשאַפטסעהע) — מיט
איין וואָרט: איינצופיהרען דעם פאַרצייטיגען קולט פון עשתרות.
די אידינעס האָבען געהאַלטען פאַר'ן גרעסטען כבוד אַריינצוטרעטען אַלס
מיטגלידערינס אין אַזאַ בונד צוזאַמען מיט בעוואוסטע קריסטען, צוזאַמען
מיט הענריעטע הערץ איז אַריינגעטראָטען איהר שענע שוועסטער און
ביידע טעכטער מענדעלסאָנס. די נאַרישע פרויען האָבען נישט געזעהען, אַז
אונטער די בלומען ליגט די פאַלשע שלאַנג. הענריעטע הערץ איז אַזוי
מבולבל געוואָרען, אַז זי האָט געפיהרט אַ ליעבע מיט צוויי-דריי מאַנסביל
מיט אַמאָל. צוערשט האָט זי געפיהרט אַ ליעבע מיט ווילהעלם פאָן
הומבאָלד, דערנאָך מיט שלייערמאַכער — דעם אַפּאָסטאָל
פונ'ם נייעם קריסטענטום, וועלכער האָט פון שפּינאָזאַס אויסגעפלאַכטען
אַ נייע שטריק, צו פערבינדען דורך איהר דעם מענשליכען גייסט. צו שלייי-
ערמאַכערן איז צוגעקומען נאָך אַ ליעבהאָבער — פריעדריך שלע-
געל, וועלכער האָט מלחמה געהאַלטען מיט'ן הימעל מיט זיינע קינדערשע
כחות און איז געווען אַזוי אנשטענדיג, אַז ער האָט געקעמפּט טיילמאָל פאַר
אַ רעפּובליקאַנישען רעזשים, טיילמאָל פאַר אַ שטרענג מאָנאַרכיסטישען,
וועלכער האָט דרך אגב זיך בעמיהט צו פערפיהרען מענדעלסאָנס טאָכטער,
דאָראָטהעאַ, וועלכע איז געווען פערהייראַטעט. מענדעלסאָן איז פאַר זיין

טויט זיכער געווען, אַז זיין טאָכטער דאָראָטהעא איז די פרוי פונ'ם באַנקיר שמעון וויטצענהויזען און אַז זי לעבט גוט מיט איהר מאַן. דער מאַן האָט איהר געהאַלטען זעהר טייער, און זי האָט מיט איהם געהאַט צוויי קינדער. דער „טוגענדבונד“ האָט איהר אָבער אַזוי פערדרעהט דעם קאָפּ, אַז זי האָט פּלוצלונג זיך דערוואוסט, דאָס זי איז אונגליקליך מיט איהר מאַן, וועלכער פערשטעהט איהר נישט, און הענריעטע הערץ האָט גענומען אויף זיך די מאוס'ע ראָלע, צו זיין די אונטערהענדלערין פאַר דער זינדערין. דאָראָטהעא האָט זיך געג'ט מיט איהר מאַן און נאָכדעם ווי זי האָט מיט שלעגעל'ן געלעבט אַ לאַנגע צייט אונפערהייראַטעט, האָט זי זיך געשמד'ט און חתונה געהאַט פאַר איהם. אין בערלין האָט די דאָזיגע שענדליכע געשעהעניש געמאַכט אַ שטאַרקען טומעל. אין יענער צייט איז אויך ערשינען שלעגעל'ס אונציכטיגער שמוציגער ראָמאַן „די לוצינדע“, אין וועלכער עס ווערט אידעאַליזירט די זינד פון אַנ'אשת-איש, און די נאָהענטע מענשען האָבען געוואוסט, אַז שלעגעל שילדערט זיינע בעציהונגען צו דאָראָטהעא, דער פרוי פון אַ אידישען באַנקיר. מענדעלסאָנס נאָמען איז דאָדורך זעהר פערשאַנדעט געוואָרען. דער דאָקטאָר הערץ האָט געהאַט בעפוילען זיין פרוי, אַז זי זאָל זיך מעהר נישט חבר'ן מיט דער שענדליכער טאָכטער פון מענדעלסאָן, אָבער הענריעטע האָט זיך אָבגעזאָגט צו פאָלגען איהר מאַן. דאָראָטהעא האָט זיך צוערשט געשמד'ט און אָנגענומען דעם פּראָטעסטאַנטישען גלויבען; דערנאָך האָט זי מיט איהר מאַן צוזאַמען אָנגענומען דעם קאַטוילישען גלויבען, האָפענדיג, אַז אינ'ם נייעם גלויבען וועט ער מעהר מצליח זיין אין זיינע פּריוואַטע אינטערעסען. מיט איהר קריסטליכען מאַן האָט דאָראָטהעא געפיהרט אַ וויסטע, עלענד לעבען. איהרע קרובים האָבען זיך פון איהר אָבגעווענדעט און די קריסטען האָבען געקוקט אויף איהר, ווי אויף אַ פערשטויסענע אידינע. באַלד האָט זי איינגעזעהען, אַז איהר פערגעטערטער ליעבהאַבער, פריעדריך שלעגעל, איז נור אַ געמיינער עגאָאיסט, און איהר געוועזענער מאַן, דער איד שמעון וויטצענהויזען, האָט איהר געמוזט שטיצען, כדי זי זאָל נישט אויסגעהן פון הונגער און דחקות. פריעדריך שלעגעל האָט זיך נישט געשעמט צו נעהמען קצבה ביים אידישען באַנקיער, נאָכדעם ווי ער האָט זיין פאַמיליען-לעבען צושטערט און זיין פרוי פערפיהרט. — דאָראָטהעא'ס שוועסטער, מענדעלסאָנס יונגערע טאָכטער, ה ע נ ר י ע ט ע מ ע נ ד ע ל ס אָ ן, איז נישט געווען גענוג שעהן, אַז די סאַלאָן-לייט זאָלען זיך אין איהר פערליעבען; אָבער אויך זי האָט אָנגענומען דעם קאַטוילישען גלויבען, און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען — אַנ'עלענד לעבען.

די דריטע הויכגעבילדעטע אידענע אינ'ם דאָזיגען קרייז איז געווען ר ח ל ל ע וו י ן. זי איז געווען צו-קלוג, כדי אָנטיילצונעהמען אין די נישט-שענע מעשים פונ'ם „טוגענד-בונד“; זי האָט געוואָלט געהן מיט איהר אייגענעם וועג. אָבער איהר קלוגשאַפט און איהר טיפער גייסט האָבען איהר

ניטש געקאָנט דינען פאַר אַ בעשיצונג געגען דער מגפה פון אויסגעלאַסענקייט און אונציכטיגקייט צווישען די פרויען, וועלכע האָט געשטאַמט פון דער הויכער קריסטליכער געזעלשאַפט. דער פערפיהרער פון דער דאָזיגער „קליינער פרוי מיט דער גרויסער נשמה“ (ווי מען האָט איהר גערופען), איז געווען געטהע. זיין פּאָעזיע און זיין געצענדינערישע וועלטאַנשויאונג, צו פערדעקען האַלב אויף האַלב די תאוות מיט בלומענקרענץ, איז געווען פאַר רחל לעווין אַנ'אמת'ע ביבעל, וועלכע זי האָט אויסגעלערנט אויסווענדיג און אַנגעווענדעט אין לעבען. דער אונטערשיד צווישען איהר און איהרע חבר'טעס איז געווען בלויז דערין, וואָס זי האָט נישט געטראָגען קיין מאַסקע, וואָס זאָל פערדעקען די אמת'ע בעדייטונג פון איהרע מעשים. אָבער דעריבער האָט מען איהר אינערליכע אונציכטיגקייט נאָך בעסער געקאָנט אַרויסזעהען. פון יודענטום האָט זי שטאַרק געוויכט און האָט אַזוי פערביסען געהאַסט דאָס אידישע פאָלק, אַז זי האָט עס געהאַלטען פאַר דער גרעסטער חרפה, וואָס זי איז געבוירען געוואָרען ביי אַ אידען. נור שוין גאָר פאַר'ן טויט האָט זי פלוצלונג זיך געכאַפּט, אַז דאָס יודענטום און די אידען האָבען אַנ'ערהאַבענע בעדייטונג אין דער וועלטגעשיכטע.

אָט די אַלע בעגאַבטע אידענעס, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט אויך אַלס גרויסע זינדערינס, האָבען געטהון דעם יודענטום איין געפעליגקייט: זיי האָבען איהם בעפרייט פון זיך דורך זייער שמד'ן זיך. מענדעלסאָנס טעכטער און רחל לעווין אָדער, ווי מען האָט איהר גערופען דערנאָך רחל וואַרנהאַגען פאָן ענזע, האָבען זיך געשמד'ט עפענטליך און מיט גדלות; הענריעטע הערץ דאַגעגען האָט נישט געוואָלט קרענקען איהרע קרובים און בעזונדערס איהר אַלטע מוטער, דעריבער האָט זי אָבגעוואַרט, ביז איהר מוטער וועט שטאַרבען און ערשט דאַן האָט זי זיך געשמד'ט, אי דאָס אויך נור כמעט בשתיקה, אין אַ קליין שטעדטעל.

די דאָפּעלטע רעאַקציאָן, וועלכע איז דאַמאַלס ענטשטאַנען אין דייטשלאַנד — די רעאַקציע פון דער קירכע דורך שלייערמאַכער און שלעגעל, און די פּאָליטישע — דורך גענטץ — איז געבוירען געוואָרען אין דעם יידיש־קריסטליכען סאַלאָן פון הענריעטע הערץ. אָבער גראַדע אינ'ם זעלביגען יאָהר, ווען דער בעל־תאוה שלייערמאַכער האָט מיט זיין ווייבליכקייט און שוואַכקייט געלעסטערט דאָס יודענטום, שילדערנדיג עס אַלס אַ גאַנץ שטאַרבענע בריאה, וועלכע איז שוין לאַנג פערשטיינערט געוואָרען (מומיע), — האָט אין אַנ'אַנדער אָרט אַ גרויסער העלד, אַ ריעז געגען די אַלע קליינינקע מענשעלעך — נאַפּאָלעאָן דער ערשטער — אַרויסגעלאָזען אַנ'אויפרוף צו אידען, אַז זיי זאָלען זיך פערזאַמלען אַרום איהם, אַלס אַ לעבעדיג פאָלק, וואָס האָפט נאָך אויפצולעבען ווידער אין זיין לאַנד. נאַפּאָלעאָן האָט געוואָלט איינגעהמען פאַר די אידען דאָס הייליגע לאַנד

פון זייערע עלטערן און, ווערענדיג אזוי ארום א צווייטער כורש, לאזען אויפבויען פאר זיי אויך זייער בית-המקדש. די פרייהייט, נאך וועלכער עס האבען זיך אזוי שטארק געיאגט די בערלינער אידען און געוואלט זי בעקומען דורך משונה'דיגע דרכים, — דורכ'ן ערנידעריגען זייער כבוד און איבערגעהן צו דער קירכע, וועלכע האט זיי געהאסט, — אט די פרייהייט האבען די אידען בעקומען דורך פראנקרייך אהן אזא פרייז און אהן דער ערנידעריגונג פונ'ם אידישען נאמען.

דריטער קאפיטעל.

די פראנצויזישע רעוואלוציע און די גלייכבערעכטיגונג.

(1806—1789)

די פראנצויזישע רעוואלוציע איז געווען א שטראף-געריכט, וועלכע האט בעשטראפט פאר טויזענד-יעהריגע חטאים, וואס שלעכטע מענשען, דעספאטען, האבען בעגאנגען געגען זייערע אייגענע ברידער, איינטיילענדיג די מענשען אין העכערע און נידעריגערע קלאסען, דערהויבענדיג אייניגע און דערדריקענדיג די אנדערע. דאס איז געווען „א נייער טאג פון גאט צו ערנידעריגען אלץ, וואס איז שטאלץ און הויך און דערהויבען אלץ, וואס מען האט שפל געמאכט" אויך פאר די נידעריגסטע און עלענדסטע אין דער אייראפעאישער געזעלשאפט, פאר די אידען, האט ענדליך געדארפט קומען דער טאג פון אויפלייזונג און בעפרייאונג נאך אזוי פיעל יאהרען פון קנעכטשאפט אונטער די אייראפעאישע פעלקער. בייחנע אייראפעאישע לענדער, וועלכע האבען די ערשטע ארויסגעטריבען די אידען פון זייער לאנד, ענגלאנד און פראנקרייך, זענען אויך געווען די ערשטע, וועלכע האבען זיי צוריקגעגעבען זייער מענשען-רעכט. דאס וואס מענדעלסאן האט געהאלטען פאר מעגליך ערשט אין די שפעטערדיגע צייטען, דאס וואס די פערטיידיגער פון די אידישע אינטערעסען, ד א ה ם און ד י ע ז, האבען ארויסגעזאגט נור אלס א פרומען וואונש — דאס האט פראנקרייך פערווירקליכט מיט א פערכשופטער געשווינדיגקייט.

אבער אויך די פראנצויזישע אידען האבען בעקומען זייער פאליטישע פרייהייט נישט פלוצלונג ווי א פרי, וואס איז פארטיג געווארען און פאלט אליין אראב פון בוים אין די אויסגעשטעלטע הענד. די פראנצויזישע אידען האבען פיעל מעהר געדארפט מאכען גרויסע אנשטרענגונגען, כדי אראבצווארפען דעם דריקענדען יאך פון זייערע פלייצעס. די גרעסטע שתדלנות, כדי צו דערגרייכען די עמאנציפאציע פון די פראנצויזישע אידען, האט ארויסגעוויזען איין מענש, ה ע ר ץ מ ע נ ד ע ל ס ה י י ם, אדער ס ע ר ף ב ע ר ה (געבוירען 1730, געשט. 1793). ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט זיך בעמיהט דורך ווארט און מעשים מבטל צו מא-

כען די אבערגלויבישע מיינונגען געגען זיין פאָלק, — מיינונגען, פון וועל-
כע ער האָט אליין אויך פיעל געליטען. ער האָט געשטאַמט פון אַ רייכען
הויז און איז געווען אינטענדענט, וואָס האָט צוגעשטעלט אלערליי מלחמה-
בעדערפנישען פאַר דער פראַנצויזישער אַרמעע. איהם איז דעריבער אָפּט
אויסגעקומען צו זיין אין שטראַסבורג, וואו אַ איד האָט נישט געהאַט קיין
וואוינונגסרעכט. תחלת האָט מען איהם געהאַט ערלויבט צו וואוינען דאָרט
בלויז איין ווינטער; ווייל אָבער ער האָט אין דער רעגירונג פון לודוויג XV
געבראַכט זעהר פיעל נוצען דער מלוכה בשעת אַ מלחמה און אַ הונגער,
האָט איהם דער מיניסטער תמיד פערלענגערט די ערלויבניש צו וואוינען
אויסערן תחום (אין שטראַסבורג), און סערף בערר האָט אויסגע-
נוצט די דאָזיגע ערלויבניש, כדי צו ווערען דאָרט היימיש. ער האָט גע-
בראַכט אַהין פיעל אידען, וועלכע ער האָט געברויכט צו האָבען טיילווייז
פאַר זיינע עסקים, טיילווייז אויף אַ מנין צום דאַווענען און כלי-קודש. ביס-
לעכווייז האָט ער געקויפט דאָרט הייזער פאַר זיך און זיין הויזגעזינד און,
צוליב זיינע גרויסע פערדינסטען פאַר דער מלוכה, האָט ער בעקומען פון
קעניג לודוויג XVI גלייכבערעכטיגונג און אלערליי פריוויליגיעס, אלס קע-
ניגליכער אונטערטאַן און, בעזונדערס, דאָס רעכט צו האָבען גיטער אויפ'ן
לאַנד, אלס אַנ'אויסנאַהם. ער האָט אויסגעבויט פאַבריקען אין שטראַסבורג
און זיך בעמיהט, אַז די אַרבייטער דערין זאָלען זיין אידען, כדי אָבצוגע-
וואוינען זיי פון קליין-האַנדעל (שאַכער) און דאַדורך אַראָבוואַרפען פון
זיי אַ טייל פון די טענות, וועלכע די אידישע שונאים האָבען תמיד אַרויס-
געשטעלט געגען די אידען. די דייטשען אין שטראַסבורג האָבען געקוקט
מיט גרויס אונצופריעדענהייט אויפ'ן בעזעצען זיך פון סערף בערר מיט זיינע
קרובים אין דער שטאָדט און זיך בעמיהט מיט אלע אופנים זיי אַרויסצו-
שטויסען פון דאָרט. די שלעכטקייט פון די דייטשען פון איין זייט און פון
דער אַנדערער — דאָס אַננעהמען זיך פון דאהם פאַר די אידען און דער
בעפעהל פון קייזער יאָזעף דעם צווייטען לטובת די אידען, האָט דערוואוי-
גען סערף בערר, צו נעהמען זיך אַרבייטען אויף דורכצופיהרען די פאָל-
קאָמע גלייכבערעכטיגונג פון די אידען אין פראַנקרייך, אָדער צו פועל'ן,
לפחות, אַז מען זאָל זיי געבען וואוינונגס-רעכט אין די מייסטע פראַנצוי-
זישע שטעדט. ער האָט דעריבער געלאָזען איבערזעצען דאָהמ'ס ווערק אויף
פראַנצויזיש און פערשפרייטען עס, ווי ער האָט אויך פערשפרייט מענדעל-
סאָנס איבערזעצונג פון חומש. מיט מענדעלסאָנען איז סערף בערר גע-
שטאַנען אין נאָהענטע פריינדליכע בעציהונגען. סערף בערר'ס פאָרשלאָגען
מכח די אידען האָט מען אין די פראַנצויזישע הויף-קרייזען אויפגענומען
גאַנץ פריינדליך. אויך פון אַנדערע זייטען האָט די פראַנצויזישע רעגירונג
ערהאַלטען אַ השתדלות, צו פערלייכטערן די אידישע לאַגע, בעזונדערס
אין די פראָווינצען עלזאַס-לאָטאַרינגען, וואו די אידען האָבען זעהר שווער
געליטען פון פערשידענע בעגרענצונגען. דער נדיב מאַלהערב, וועל-

בער האט פאנטאזירט פאר'ן גליק פאר אלע מענשען גלייך, האט אויפ'ן בעפעהל פון קעניג צוזאמענגערופען א קאמיסיע, וואס האט געדארפט אויסארבייטען פארשלאגען, ווי אזוי אויסצובעסערן די לאגע פון די פראנצויזישע אידען. אלס פערטרעטער פון די לאטארינגישע אידען, זענען איינגעלאדען געווארען סערף בערה און יצחק בערר פון נאנסי און פארטוגעזישע אידען פון באָרדא און באיאָן, צווישען זיי אויך פורטאדא, וועלכער האט שפעטער געשפילט א וויכטיגע ראלע אין דער רעוואלוציאנס-געשיכטע. ווי מען קאן זיך משער זיין, האט לודוויג XVI מבטל געמאכט (24-טען יאנואר 1784) דעם שענדליכען לייבצאהל פון די אידען, וואס האבען געוואוינט אין די פראנצויזישע פראווינצען, וואו מען האט גערעדט דייטש (דאס הייסט, וועלכע האבען פריהער געהערט צו דייטשלאנד). די בשורה וועגען דעם דאזיגען ערשטען אידישען נצחון האט סערף בערר באלד מודיע געווען זיינע פריינד אין בערלין, און נפתלי הירץ וויזעל האט געמאכט לכבוד דער געשעהעניש א ליעד.

מיט פיעל מעהר ווירקונג איידער סערף בערר און די אידישע קאמיסיע האבען אבער געארבייט לטובת דער אידישער בעפרייאונג צוויי, וועלכע זענען אין א געוויסער מאס אויסגעוועהלט געווארען צו דער דאזיגער מיסיע דורך מענדעלסאנען און זיינע פריינד — מיראבא און דער גלח גרעגואר, וועלכער האט געליעבט די פרייהייט נישט וועניגער, ווי דער ערשטער. דעם גראף מיראבא (1749 — 1791), וועלכער איז תמיד געשטאנען אויפ'ן צד פון די אונטערדריקטע נעגען די אונטערדריקער, האט מען צוערשט דערוועקט אין מענדעלסאנס קרייז, אז ער זאל דערהויבען זיין דונערשטימע לטובת די אידען. קיין בערלין איז מיראבא געקומען א קורצע צייט נאך מענדעלסאנס טויט אין א געהיימע דיפלאמאטישע שליחות פון פראנצויזישען הויף און האט געהערט, ווי מען האט איבעראל געטרויערט נאך מענדעלסאנען, אפילו אויך אין די קריסטליכע קרייזען, וועלכע האבען דערצעהלט זיינע שבחים אהן קיין שום קנאה-שנאה. מיראבא האט דאמאלס אויך פיעל פערבראכט מיט דאהמ'ן, וועלכער איז, אלס ערשטער קריסט, ארויסגעטראטען לטובת די אידען. מענדעלסאנס גרויסארטיגע פערזענליכקייט האט געמאכט אויף מיראבא א שטארקען רושם און די ראלע צו בעפרייען אן'אונשולדיג פערקנעכטעט פאלק איז איהם ערשינען אין איהר ריכטיגע בעדייטונג. ער האט דעריבער בעשלאסען צו ערקלערען די פראנצויזעןביידע זאכען מיט א מאל — דעם עלענד פון אידישען פאלק און די גרויסקייט פון איינעם פון זיינע זיהן. און אט אזוי איז ענטשטאנען מיראבא'ס בוך: „וועגען מענדעלסאן און דער פאליטישער רעפארם פון די אידען" (1787) — א בוך, וואס האט געמאכט א גרויסען רושם. מיראבא גיעט אן'איבערזיכט פון דער טויזענד-יעהריגער טראגישער אידישער געשיכטע און פערצייכענט בעזונדערס די גרויסארטיגע

שטאַנדהאַפטיגקייט פון אידישען פאָלק און די אכזריות און חרפה פון זיינע בעדריקער. „אויב איהר ווילט, אַז די אידען זאָלען ווערען בעסערע מענשען — רופט אויס מיראַבאָ — טאָ פערטרייבט פון דער געזעלשאַפט יעדע שיידונג, עפענט פאַר זיי אַלע וועגען פון פערדינסט! לאָזט זיי בעשעפטיגען זיך מיט לאַנדאַרבייט, מיט מלאכות, מיט טעכניק, שטיצט זיי נאָך דערין! גיעט זיי די מיטלען צו לערנען זיך, צו בילדען זיך, און נישט פערלאָזענדיג די רעליגיאָן פון זייערע עלטערן, זאָלען זיי זיך קאָנען בעקענען מיט די פרינציפען פון דער מלוכה-אָרדנונג, מיט די געזעצען פון דער נאַטור, מיט די אינטערעסען פון דער געזעלשאַפט און פון דער מענשהייט, וואָס זיי אליין זענען דאָך אַ טייל פון איהר", דורכגעדרונגען פון מענדעלסאָהנס גייסט, וואַרפט אָב מיראַבאָ אַ גאַנצע רייהע פון בעשולדיגונגען, וואָס מען שטעלט אַרויס געגען די אידען. זיין פייערדיגע פערטיידיגונגס-שריפט פאַר די אידען ענדיגט מיראַבאָ מיט פאָלגענדע ווערטער: „אפשר מיינט איהר, אַז די כלומרש'טע חטאים, וואָס מען וואַרפט אַרויף אויף די אידען, וועלכע זענען ביי זיי איינגעוואָרצעלט געוואָרען, לויט אייער מיינונג, ויעלען פערשווינדען ערשט אין דריטען און פערטען דור? טאָ הויבט-זשע אָן טאַקי שוין! וואָרום עס האָט דאָך נישט קיין זין אָבצולעגען אַ נוצליכע רעפאָרם, וועלכע מען קאָן באַלד דורכפיהרען. דאָס איינציגע, וואָס איהר וועט דערביי פערדינען, איז נאָר די פערלוירען-געגאַנגענע צייט".

אָבער אויך אויסער דעם האָט מיראַבאָ נישט דורכגעלאָזען קיין שום געלעגענהייט, אַרויסצוטרעטען מיט אַ וואַרים וואָרט פאַר די אידען. ער איז פשוט געווען פערליעבט אין דעם אידישען תנ"ך און האָט צוטריבען דעם נעבעל, וואָס וואָלטער האָט געלאָזען אַרום די אידען. אַ זאַך, וואָס מיראַבאָ האָט זיך אונטערגענומען צו פערטיידיגען, האָט מען שוין געקאָנט האַלטען פאַר האַלב געוואונען. מיראַבאָ'ס פאָרשלאַגען, צו רעפאָרמירען די אידישע פּאָליטישע לאַגע, זענען געקומען צו דער רעכטער צייט.

צווישען די טויזענדער פראַגען, וועלכע האָבען בעשעפטיגט די פראַנצויזישע געזעלשאַפט ערב דער גרויסער רעוואָלוציע, איז אויך געווען די אידישע פראַגע. די עלזאַסער אידען האָבען זיך געקלאָגט אויף זייער אונערטרעגליכער לאַגע און די עלזאַסער קריסטען — אויף זייער גרויסער פעראָרימטקייט, וועלכע שטאַמט אויך נור פון די אידען. אין מעץ איז ערשיענען אַ העצע-ביכעל: „אַ געשריי פון אַ בירגער געגען די אידען", וועלכע האָט דערוועקט געגען די אידען די העסליכסטע תאוות. אַלע שמוציגע רכילות, וועלכע וואָלטער האָט געהאַט אויסגעטראַכט אויף די אידען, זענען אינ'ם ביכעל איבערגעחזר'ט געוואָרען פון דאָס-ניי. „די אידען האָבען פיינד אַלעמען, זיי זענען פּראָצענטניקעס, פאַנאַטיקער, אונוויסענד א. א. וו. א. א. וו." — דאָס אַלץ איז אָבגעפרישט געוואָרען, כדי אויפצורייצען די רעגירונג און דאָס

פאלק געגען די אידען. אבער דאס מאל האט זיך שוין אויך דא געפונען א איד, וועלכער איז ארויסגעטראטען מיט א שארפען ענטפער. דער ערשטער עלזאסער איד, וואס איז ארויסגעטראטען אין דער פראנצויזישער פרעסע, האט געגעבען אזא ענטפער די אידישע שונאים (1787), אז מען האט געקאנט האפען, דאס פון דענסטמאל אן, וועלען שוין די אידען ניט בלייבען שווייגענדיגע עדות ביי די אנפאלען אויף זיי מצד זייערע שונאים. דאס איז געוועזן י ש ע י ה ב ו ע ר ב י נ ג, וועלכער איז געוועזן אי גוט געלערנט, אי זעהר בערעדעוודיג און האט געוואוסט די געשיכטע פון זיין פאלק בעסער פאר אנדערע משכילים פון זיין צייט, אפילו אויך בעסער פאר די דאמאלסדיגע בערלינער טאן-געבער. אויף די בעשולדיגונגען געגען די אידען האט ער געענטפערט מיט א טיעפער איבערצייגונג און שטארקער ווארימקייט. „איהר קלאגט זיך אויף אונז — רופט אויס ב י נ ג — אז מיר זענען פאנאטיקער, ווייל מיר האלטען זיך פעסט אן אונזער תורה, אבער איהר אליין געפינט דאך אויך נישט קיין מוט, אבצולייקענען, אז אין איהר געפינט זיך די געטליכע ענטפלעקונג. און אויב איהר רופט אן פאנאטיזם, דאס וואס מיר היטען אב די געבאטען פון אונזער תורה, בין איך מיט אייך מסכים אינגאנצען און איך וואלט געוואלט, אז מיר זאלען אייביג אזוי בלייבען פאנאטיש, נישט קוקענדיג אויף וואלטערס פילאזאפיע“... און ווייטער: „איהר קלאגט זיך, אז מיר זענען ווייניג קולטורעל. אבער איהר מוזט דאך מודה זיין, אז איידער א פאלק געהט זוכען וויסענשאפטליכע קולטור, מוז עס פריהער האבען, לפחות, א זיכערען עקאנאמישען באדען אונטער זיך און אויך די האפנונג, אז עס וועט איהם מעגליך זיין צו דערגרייכען זיין קולטורעלען ציעל. בעטראכט אבער איצט די גרויסע גזרות און מהומות, וואס די אידען האבען תמיד איבערגעלעבט, וועט איהר ממילא איינזעהען, אויב די אידען האבען געקאנט טראכטען וועגען קולטור... ווען די אידישע לאגע איז געוועזן בעסער, האבען זיי שוין געהאט זייער פילאן און פלאוויוס, זייערע אסטראנאמען, ארכיטעקטען און דיכטער. מיט אייערע גרויזאמע מעשים האט איהר אבער געבראכט דערצו, אז א איד זאל דארפען תמיד ציטערן פאר זיין לעבען, תמיד חושד זיין אלעמען אין מערדערייען און תמיד ליידען אלערליי פגעים רעים. ביי אזעלכע בעדינגונגען האט דער איד זיך מיאש געוועזן פון עולם-הזה און אנגעהויבען טראכטען נור וועגען עולם-הבא“. —

די שריפטען פאר און געגען דעם יודענטום האבען געבראכט דערצו, אז מען האט ענדליך געשטעלט די אידען-פראגע אויף דער טאג-ארדנונג אין פראנקרייך. די קעניגליכע געזעלשאפט פאר וויסענשאפט און קינסט אין מעץ האט בעשטימט א קאנקורס פאר דער בעסטער ארבייט אויף דער פראגע: „צי איז פארהאן א מיטעל, צו מאכען די אידען גליקליכער און נוצליכער אין פראנקרייך“. ניין ארבייטען זענען אריינגעשיקט געווארען, זיבען פון זיי לטובת די אידען און דארונטער צוויי פון די קאטוילישע

גלחים, פון דערמאָנטען גלח גרעגואַר און פון אבא דע לאַ לוז. דער הויפט־
געדאַנק זייער איז, אז די אידען זענען אויך אזעלכע מענשען ווי די
קריסטען און זענען ווערט פראַנצויזישע בירגער צו זיין; די פעהלערען, וואָס
די אידען האָבען כלומרשט, שטאַמען נישט פון זיי, נור פון די קריסטען,
צווישען די שריפטען, וואָס האָבען פערטיידיגט די אידען, האָט זיך אויך
געפונען די אַרבייט פון א קאָוונער אידען, זאלקינד הורוויץ, וועל־
כער האָט געוואוינט אין פּאַריז; דעם שטאַרקסטען רושם האָט אָבער גע־
מאַכט דעם גלח גרעגואַר'ס חבור. דער גלח גרעגואַר איז געוועזען פון די ער־
שטע קריסטען פון דער עפּאָכע פון די עוואַנגעליסטען. ער האָט בתמימות
געגלויבט אין דער גרויסער ליעבע , וואָס דאָס קריסטענטום בעפעהלט
צו האָבען צו אַלע מענשען גלייך און האָט דעריבער מיטגעפיהלט אלע
עלענדע און געדריקטע מענשען אין נאָמען פון דער רעליגיאָן. פון דאָזיגען
שטאַנדפּונקט האָט ער בעטראַכט אלע רדיפות געגען די אידען אלס איינ־
פאַכע רציחות, וואָס די שטאַרקערע בעגעהען תמיד געגען די שוואַכערע.
די אידישע געשיכטע איז פאַר איהם געוועזען אַ געוואַלדיגע טראַגעדיע פון
אַ פאָלק, אויף וועלכען עס פאַלען אָן תמיד שטאַרקערע פעלקער און, בע־
רויבענדיג איהם, טהוען זיי איהם אָן די גרעסטע ענוים. אלס שטרענג דענ־
קענדער קריסט, האָט גרעגואַר אויך געגלויבט, אז די אידען ליידען טייל וייז
צוליעב דעם, וואָס „זיי האָבען קריסטוס'ן דער'הרג'עט"; צוזאַמען דערמיט
האָט אָבער גרעגואַר מבטל געמאַכט אלע טענות, אז די אידען זענען אַן אונ־
פערבעסערט פאָלק, און האָט ערקלערט, אז מען מוז געבען די אידען
גלייכבערעכטיגונג, „כדי זיי זאָלען זיך בעניייען און שטאַרקען, ווערענדיג
נוצליכע בירגער".

ווען עס זענען ערשינען די שריפטען וועגען דער אידישער פראַגע,
האָבען זיך שוין געהאַט אנגעזאַמעלט די וואָלקענס פון דער נאָהנטער פראַנ־
צויזישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געדאַרפט צושטערען די אַלטע אָרדנונג
און גרינדען א נייע. די קייטען פון דער דאָפּעלטער קנעכטשאַפט, פון דער
פּאָליטישער און רעליגיעזער, האָבען, לפּחות, אין איין לאַנד, געדאַרפט
פערניכטעט ווערען. ווי דורך אַ כשוף, איז פראַנקרייך געוואָרען א העלי־
שער קאַלך־אויבען, וואו אלע אינסטרומענטען פון דער קנעכטשאַפט זענען
צושמאָלצען געוואָרען און פון דעם אש האָט זיך דערהויבען דאס פערייניג־
טע פראַנצויזישע פאָלק, אלס ערשטער אַפּאָסטאָל פאַר דער פרייהייטס־
רעליגיאָן. צי האָט דען אויך פאַר די אידען נישט געדאַרפט שלאָגען דאַ־
מאָלסט די שעה פון פרייהייט? זיי האָבען דאָך פון דער אַלגעמיינער קנעכט־
שאַפט געליטען מעהר פאַר אַלעמען!— צוויי פון די בעסטע אידישע פער־
טיידיגער, גראַף מיראַבאָ און גרעגואַר, זענען געוועזען מיטגליעדער
פון דער צוזאַמענגערופענער נאַציאָנאַלער פערזאַמלונג. גראַף מיראַבאָ
האָט דאָרט געקאָנט האָבען א גרויסע ווירקונג לטובת די אידען, זייענדיג
דער פאַטער פון דער רעוואָלוציע; דער גלח גרעגואַר ווידער איז איינגעלאַ־

דען געוואָרען אין דער נאַציאָנאַלער פערזאַמלונג נאָר אַ דאַנק זיין חבור מטובת די אידען.

צופיעל אידען האָבען אין פראַנקרייך אויך נישט געלעבט אין דער ערשטער צייט פון דער רעוואָלוציע,— סך־הכל א פופציג טויזענד נפשות. א העלפט פון זיי, אין עלזאס, די איבריגע אין פאריז, באָרדאָ און אין פויפסטליכען געביט אַביניאָן און קאַרפּענטראַס, וואו עס האָבען געלעבט לערך א פּאָר טויזענד נפשות מיט אייגענע מנהגים און געזעלשאַפטליכער אָרדנונג. צווישען די אידען אין פערשידענע פראַנצויזישע פראָווינצען איז געווען אויך אַזוי וועניג צוזאַמענהאַנג, ווי צווישען די אידען פון פערשידענע מדינות. די שטענדיגע גרויסע גזרות האָבען געמאַכט צווישען זיי א תהום. צווישען די אשכנזישע און פּאָרטוגיעזישע אידען האָט נאָך אויסער דעם געהערשט אויך אַ געוויסער גייסט פון שנאָה, צוליעב דעם וואָס די פּאָרטוגיעזען האָבען זיך משתדל געווען, אז מען זאָל אַרויסטרייבען די אשכנזישע אידען פון באָרדאָ . צוליעב דעם דאָזיגען פירוד האָבען די אידען נישט פאָרבערייטעט זיך צו מאַכען וועלכע עס איז שריט, אויף צו פאָדערן ביי דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער פערזאַמלונג, דאָס מען זאָל זיי געבען גלייכבערעכטיגונג, האָטש דער קאַטוילישער גלח גרעגואר האָט זיי דערמאַנט, אז זיי זאָלען נישט דורכלאָזען די גוטע געלעגענהייט דערצו און קיין פעהיגע מענשען האָבען צווישען די פראַנצויזישע אידען דאַמאָלס אויך נישט געפעהלט. די פראַנצויזישע דעפּוטאַטען פון זייער זייט האָבען אליין די אידישע פראַגע נישט דערוועקט, ווייל זיי זענען געווען געטריי דעם פּראָגראַם פון זייערע מאַנדאַטען און אין איהם איז וועגען דעם נישט דערמאָנט געווען. די דעפּוטאַטען פון עלזאַס־לאָטהאַרינגען האָבען אפילו אויך, געפאָדערט, אז מען זאָל פיהרען מיט די אידען א קאַמף.

דער שטורם אויף דער באַסטיליע (14־טען יולי 1789—אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע) האָט אַרויסגעריסען ביי'ם קעניג די ממשלה און אָבגעגעבען איהר אין די הענד פון פאָלק. די רעוואָלוציע האָט דערשמעקט דעם ריח פון בלוט און זי האָט אָנגעהויבען אויסצופיהרען דאָס שטראָף־געריכט איבער די בעדריקער פון פאָלק. אין פיעל געגענדען אין פראַנקרייך, האָט מען פלוצלונג, ווי לויט אַנ'אָבּרעדונג, אָנגעהויבען פערברענען די גיטער און נחלאות פון די פריצים, צוצושטערען די קלויסטערס און אויסצוהרג'ענען אדער פייניגען די פריצים. אין עלזאַס האָט דער המון אויך געמאַכט אין דער זעלביגער צייט ווילדע אידישע פּאָגראָמען (אָנפאַנג אויגוסט 1789), צושטערענדיג די אידישע הייזער, בעראַבעווענדיג זייער פערמעגען און צווינגענדיג זיי אַרויסצוגעהן פון לאַנד. די עלזאַסער אידען זענען מייסטענס אַנטלאָפען קיין באַזעל, און, כאָטש דאָרט האָבען קיין אידען נישט געטאָרט וואוינען, האָט מען זיי דאָרט אויפגענומען מיט רחמנות און בעהאַנדעלט זיי גנעדיג. דער דיכטער נפתלי הירץ וויזעל האָט דאַמאָלס פעראייביגט

די שענע טהאט פון די באזעלער איינוואוינער דורך א העברעאישען שיר.
אין די נאציאנאלע פערזאמלונג האבען אנגעהויבען אנצוקומען אנקלאגען
אויף די דאזיגע מיאוס'ע מעשים פון ערשטען פרייהייטס=טומעל,— מעשים,
וועלכע האבען געשטאמט פונ'ם דעספאטיזם פון דער פריהערדיגער רעגי=
רונג מיט איהר כנופיא פריצים און גלחים; פון דער נאציאנאלער פער=
זאמלונג האבען איצט אלע ערווארטעט הילף. די געפייניגטע עלזאסער אי=
דען האבען זיך געווענדעט צום גלח גרעגואר, וועלכער האט (דעם 3=טען
אויגוסט) געשילדערט אין דער נאציאנאלער פערזאמלונג א טרויעריג בילד
פון די אידישע פאגראמען אין עלזאס, ערקלערענדיג דערביי, אז ער אלס
געטרייער דינער פון דער רעליגיאן, וועלכע בעטראכט אלע מענשען גלייך,
ווי ברידער, מוז פאדערען פון דער פערזאמלונג, אז זי זאל זיך אננעהמען
פאר דעם אונגליקליכען פאלק. אויסער דעם האט ער פערעפענטליכט א
בראשורע: „א פארשלאג לטובת די אידען", כדי דאדורך צו וויר=
קען אויף דער געזעלשאפטליכער מיינונג. באלד איז אנגעקומען די היסטא=
רישע נאכט פון 14=טען אויגוסט, אין וועלכער די פריצים האבען זיך אליין
אבגעזאגט פון זייערע רעכט און פריווילעגיעס לטובת דער פאלקס=פריי=
הייט, אנערקענענדיג די גלייכבערעכטיגונג פון אלע פראנצויזישע בירגער.
ערשט צוליעב דער דאזיגער גרויסער געשעהעניש, ווי אויך צוליעב מורא,
אז זיי זאלען נישט פאלען אלע פאר א קרבן בשעת דער אנארכיע, האבען
אויך די אידען זיך בעשלאסען צו בעטען ביי דער נאציאנאלער פערזאמ=
לונג, אז מען זאל זיי אריינעהמען אין ברידערליכען פראנצויזישען בונד.
אבער אויך דאס מאל זענען די אידען ארויסגעטראטען נישט פעראייניגט
און זייערע ביטעס האבען זיך טיילווייז סותר געוועזן איינע די אנדערע.
די אידען פון באררא (די פארטוגיעזישע) זענען שוין געווען אריינגעטרע=
טען אין דער נאציאנאלער גווארדיע און איינער פון זיי איז אויך בעשטימט
געווארען פאר א הויפט=מאן, און זיי האבען נאר פערלאנגט, אז מען זאל
זייער גלייכבערעכטיגונג בעשטעטיגען, אויך פון די פאריזער אידען זענען
אריינגעטרעטען לערך הונדערט מאן אין דער נאציאנאלער גווארדיע, ארויס=
ווייזענדיג אויך א פאטריאטיזם און רעוואלוציאנערען גייסט, ווי די איב=
ריגע פראנצויזען. זיי האבען געשיקט פון צווישען זיך עלף דעפוטאטען
אין דער נאציאנאלער פערזאמלונג, מיט א האלענדישען אידען גאלד=
שמיעד בראש און אויך א פארטוגיעזישען אידען, אברהם לאפעס—
לאגונא, וועלכע האבען געבעטען דאס מען זאל ארא פנעהמען די
חרפה, מיט וועלכער מען האט בעדעקט די אידען, און אנערקענען זיי
בפירוש פאר גלייכבערעכטיגטע פראנצויזישע בירגער.— די אידען פון מעץ
האבען געבעטען, אז מען זאל זיי בעפרייען פון די ספעציעלע אבצאהלונגען,
ווי אויך פון די אלטע חובות, וועלכע שטאמען פון אט די אבצאהלונגען.
די לאטהארינגער קהלה האט אויסגעקליבען פאר א דעפוטאט בער
יצחק בער (1744—1828), וועלכער איז געוועזן א גוטער תלמודיסט און

זעהר א פרומער איד. ער האט, ווי עס שיינט, מורא געהאט, אז דאדורך, וואס מען וועט מבטל מאכען די אלטע ארדנונג פון די אידישע קהלות, וועט דאס יודענטום אינגאנצען בטל ווערען. ער האט דעריבער געבעטען, אז מען זאל דורך א געזעץ בפירוש בעשטעטיגען די מאכט פון די רבנים. צו משפט'ן צווישען אידען און לערנען זיי, כדי די אידישע ענינים זאלען אין דער ערשטער אינסטאנץ דורכגעהן דורך זייער רשות. דאגעגען די אידישע שתדלנים (דעפוטאטען) פון לונעל האבען געבעטען, פערקעהרט, אז מען זאל בעפרייען די אידען פון דער רבניש'ער אפוטרופסות, נאר מען זאל זיי אין אלע הינזיכטען גלייכשטעלען מיט די פראנצויזען אהן קיין שום בעגרענצונגען און געבען זיי אויך א פאלקאמע פרייהייט אין זייער גאטעסדינסט, ווי בכלל אין אלע רעליגיעזע ענינים.—

אבער אויך אין דער פראנצויזישער נאציאנאלער פערזאמלונג האט זיך ארויסגעוויזען רעליגיעזע אונטאלעראנץ. ווען דער דעפוטאט ד ע ק א ס ט ע ל א ן האט פארגעלעגט דעם פונקט פון א געזעצפראיעקט: „קיין מענש דארף נישט בעאונרוהיגט ווערען צוליעב זיינע רעליגיעזע מיינונגען און מען טאר איהם נישט שטערען צו ערפילען די פאדערונגען פון זיין קולט“— האט אויסגעבראכען אנ'אמת'ער שטורם אויף די בענק פון די קאטוילישע גלחים—א שטורם, אין וועלכען עס האבען אויך אנטייל גענומען נישט-גלחיש'ע דעפוטאטען (וועלטליכע). אומזיסט האט גראף מ י ר א ב א דערהויבען זיין לייבען-שטימע געגען דער דאזיגער חוצפה: „די אונבעגרענצטע רעליגיאנס-פרייהייט איז אין מיינע אויגען אזוי הייליג—האט ער אויסגערופען, אז דאס ווארט „סובל זיין“ (טאלעראנץ) קלינגט שוין אליין אין מיינע אויערען, ווי טיראניע, ווייל ווי באלד אז מען רעדט וועגען סובל זיין, הייסט עס, דאס עס איז פארהאן עמיצער, וועלכער האט דאס רעכט סובל צו זיין, אדער נישט“. — מיראבא'ס שטימע איז אבער פערהילכט געווארען אינ'ם אלגעמיינעם טומעל. נור די העכסט קלוגע רעדע פונ'ם דעפוטאט ר א ב א ס ע ן—ע ט י ע ן האט געבראכט ענדליך דעם נצחון דער פרייהייט פון געוויסען. ער האט בעמערקט, אז ער פערטרעט א בעפעלקערונג פון א האלבען מיליאן מענשען, אונטער וועלכע עס געפינען זיך הונדערט און צוואנציג טויזענד פראטעסטאנטען און ער קאן נישט איינשטימען, דאס זיי זאלען אויסגעשלאסען ווערען פון אלע שטעלעס און כבודים אין זייער פאטערלאנד. אויך לטובת די אידען האט ער זיין שטימע דערהויבען. „איך פאדער—האט ער ערקלערט—פרייהייט פאר דעם אידישען פאלק, וואס ווערט תמיד גע'רודפ'ט און געפלאגט; נישט האבענדיג קיין היים, בלאנדזשעט עס ארום אין דער גאנצער וועלט, איבעראל ליידענדיג ערנידערונג און חרפות. איהר מוזט אראבווארפען פון זיך די פאלשע אריסטאקראטיע אין דער מלוכה פון געדאנק, וועלכע האלט, אז זי האט דאס רעכט עמיצען צו דריקען און רודפ'ן!“ אונטער א שטארקען דיספוט איז ענדליך דורכגעגאנגען דער פאלגענדער געזעץ-פראיעקט, וועלכער איז שפע-

מער געווארען דער פונדאמענט פון דער אייראפעאישער קאנסטיטוציע: „מען טאר קיינעם נישט רודפ'ן פאר זיין רעליגיעזע מיינונגען, כל זמן זיינע רעליגיעזע מעשים שטערען נים די געזעצליכע ארדנונג".

דערמיט האט זיך אלזא געענדיגט דער ערשטער פונקט אין דער ביטע פון די פראנצויזישע אידען. ווען אבער מען איז שפעטער (דעם 3=טען סעפטעמבער) געקומען ספעציעל צו דער אידישער פראגע גופא, האט מען זי ווידער מדחה געווען און איבערגעגעבען אין א קאמיסיע. ערשט נאכדעם ווי עס האבען זיך ווידער אנגעהויבען גרויסע רדיפות אויף אידען אין פערשידענע קאנטען, האט מען שוין איינגעזעהען, אז די אידישע פראגע איז אזא דרינגליכע, דאס מען האט געמוזט צוליעב איהר איבעררייסען די געוועהנליכע טאג=ארדנונג. די איינוואוינער פון נאנסי האבען געסטראשעט די אידען, אז זיי וועלען זיי בעראבעווען, טענה'נענדיג, אז די אידען קויפען אויף פיעל תבואה און העכערען דעם פרייז. אין אנדערע ערטער האט מען גע'טענה'ט, אז אויב מען וועט די אידען געבען גלייכבערעכטיגונג, וועלען זיי אבקויפען אלע הייזער. אבער אויך דאס מאל איז דער גלח גרעגואר ארויסגעטרעטען לטובת די אידען און איהם האט געשטיצט דער גראף קלערמאן טאנעכר, איינער פון די אמת'ע פריינד פון דער פאלקס=פרייהייט. די נאציאנאלע פערזאמלונג האט דאמאלס בעשלאסען, אז איהר פרעזידענט זאל שיקען א צירקוליאר צו אלע פראנצויזישע שטעדט און ערקלערען, אז די דעקלאראציע פון מענשען=רעכט, וועלכע די פערזאמלונג האט אנגענומען, בעציהט זיך אויף אלע מענשען אויף דער וועלט, אלזא, אויך אויף די אידען, און מען טאר זיי דעריבער נישט רודפ'ן. מען האט אויך געבעטען דעם קעניג, אז ער זאל מיט זיין אויטאריטעט בעשיצען די אידען, כאטש די דאזיגע אויטאריטעט איז שוין זעהר אבגעשוואכט געווען. אבער די אלע דאזיגע מיטלען האבען שוין נישט געקאנט האבען קיין ווירקונג אין א צייט, ווען די געמיינסטע ליידענשאפטען פון פאלק האבען אויסגעבראכען אין א שרעקליכער פארם. די אידישע פערטרעטער פון די דריי בישאפס=קאנטען אין עלזאס=לאטרינגען האבען פערלוירען די געדולד, זעהענדיג, ווי מען שטויסט אלץ אב די אידישע גלייכבערעכטיגונג. זיי האבען דעריבער זיך בעמיהט צו פועל'ן, אז די נאציאנאלע פערזאמלונג זאל זיי אויסהערען. די לאטרינגישע דעפוטאטען האבען פארגעשטעלט (14=טען אקטאבער) פאר דער נאציאנאלער פערזאמלונג דעם אידישען פערטרעטער יצחק בער, וועלכער האט זיך כל ימיו משתדל געווען לטובת די אידען און איצט האט ער בעקומען די ערלויבניש צו שילדערען פאר דער פערזאמלונג די גאנצע טרויעריגקייט און שרעקליכקייט פון דער אידישער לאגע און בעטען, אז מען זאל מיט די אידען בעגעהן זיך מענשליכער. לאנג ריידען האט מען איהם נישט ערלויבט, ווייל די פערזאמלונג איז געווען צופיעל פערנומען מיט מלוכה=ענינים; אבער יצחק

בערר האָט זיין אויפגאבע אויסגעפיהרט זעהר קלוג: אין נאָמען פון גאָט, פון דער גערעכטיגקייט און דעם מענשען־רעכט האָט ער בעשוואוירען די פערזאמלונג, א טראַכט צו טהון שוין ענדליך וועגען דער לאַגע פון עלטסטען און אונגליקליכסטען פאלק אויף דער וועלט. יצחק בערר איז אינ'ם דאָזיגען מאָמענט ערשינען נישט בלויז אלס רחמים־בעטער, נאָר אויך אַלס אַנקלאַגער געגען די קריסטען מצד דעם יודענטום. דער פרעזידענט פעטאַ האָט אויף זיין רעדע געענטפערט, אַז די פערזאַמלונג וואָלט זיך געפיהלט גליקליך, אויב עס זאָל איהר געלינגען צו פערשאַפען די פראַנצויזישע אידען רוהע און גליק. די פערזאמלונג האָט אַרויסגעוויזען איהר פאלקאָמע איינשטימונג מיט די רייד פון פרעזידענט און ערלויבט די אידישע דעפּוטאַטען אנטייל צונעהמען אין דער זיצונג אלס עהרען־געסט, פערזיכערענדיג אויך, אַז מען וועט די אידישע פראַגע שטעלען אויף דער טאָגאָרדנונג אין דער פאלגענדער זיצונג.

די רעוואָלוציע האָט דערווייל ווייטער געמאַכט וויכטיגע שריט פאָרווערטס. דאָס פאלק האָט געבראַכט געפאַנגען פון ווערסיי קיין פאַריז דאָס שטאָלצע פראַנצויזישע קעניגליכע הויז. דעם קענים מאַכט איז געבראָכען געוואָרען. אויך די דעפּוטאַטען זענען אַריבערגעפאהרען קיין פאַריז, וועלכע איז אַלץ מעהר אַריין אין אויפרעגונג און פייער פון דער רעוואָלוציע. די אידישע יוגענד, סיי פון פאַריז, סיי פון די איינגעוואַנדערטע, האָבען אַנטייל גענומען אין אַלע געשעהענישען. אויך די האַלב־פערמעגליכע האָבען אָבגעגעבען, וואָס זיי האָבען נור געקאָנט, דער נייער רעגירונג, וועלכע האָט זיך שטאַרק גענויטיגט אין געלד. דער קאָוונער איד, זאלקינד הורוויץ, וועלכער האָט געהאָט אַ שטעלע אין דער קעניגליכער ביבליאָטעק, אַלס איבערזעצער און בעקומען סך־הכל ציין הונדערט פראַנק פענסיע אַ יאַהר, האָט זיך אָבגעזאָגט פון אַ פיערט־חלק פון זיין געהאַלט לטובת דער רעגירונג.

ענדליך האָט געדאַרפט געשטעלט ווערען די אידישע פראַגע אויף דער טאָג־אָרדנונג. מען האָט בעשטימט אַ רעפערענט און אָבגעלעגט דערויף אַ בעזונדערע זיצונג. מען האָט אָבער די אידישע פראַגע צוזאַמענגעמישט מיט אַ אנדער פראַגע, וועגען דעם וואַהל־רעכט פון די תלינים, פון די אַרטיסטען און פּראָטעסטאַנטען, ווייל אין פיעל שטעדט האָבען די קאַטוילען זיי נישט געוואָלט געבען דאָס דאָזיגע רעכט.— דער רעפערענט פון דער אידישער פראַגע, קלערמאָן טאָנערס, האָט גערעדט לטובת די אַלע דאָזיגע קלאַסען, ווי די ריינע לאָגיק און מענשליכקייט קאָן זיך נאָר אַרויסזאָגען וועגען דעם. אַלע אויסגעשפּראָכענע פריינד פון דער פּרייהייט האָבען זיך אַרויסגעזאָגט לטובת די אידען; ראָבעספּיער, דיופּאָר, באַרנאַוו און, עס פערשטעהט זיך, מיראַבאָ. אָבער די אנהענגער פון דער אַלטער אָרדנונג זענען אַרויסגעטראָטען געגען דעם, אַז מען זאָל געבען אידען גלייכבערעכטיגונג. דאָס זענען געווען על פי רוב גלחים, ווי

למשל, דער אבא מורי, דער בישאָף לאַ־פאַר פון נאַנסי און דער בישאָף פון קלערמאָן. זיי אַלע האָבען גערעדט אין זין פון דער פּערביסענער שנאה געגען אידען, איבער'חזר'ענדיג אַלע אַלטע טענות און אפילו אויך וואַלטער'ס בלבולים. בעזונדערס שאַרף איז אָבער אַרויסגעטראָטען דער עלזאַסער דעפּוטאַט, וועלכער האָט אָנגעוויזען, אַז אין עלזאַס איז די שנאה אַז אידען זעהר גרויס, און, אויב מען וועט זיי געבען גלייכבערעכטיגונג, קאָן דאָס ברענגען צו גרויסע אונרוהען. דער לעצטער אַרגומענט האָט געמאַכט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וועלכע האָט נאָך נישט געשפּירט קיין גענוג פעסטען באָדען אונטער זיך. ענדליך האָט מען לויט דעם פאָרשלאַג פון איין דעפּוטאַט אָבגעזונדערט די אידישע פראַגע פון דער פּראָטעסטאַנטישער, ערקלערענדיג, אַז מען וועט זיך נאָך צוריקקעהרען צו דער אידישער פראַגע. די זעלבע ערקלערונג האָט מען אויך געמאַכט, ווען מען האָט בעטראַכט דעם געזעץ וועגען די פּאַסיווע שטאָרטישע וואַהלען, דאָס הייסט, וועגען דעם זכות אויסגעקליבען צו ווערען אין די שטאָדט־פּערוואַלטונגען. די אידען האָט מען פון דאָזיגען רעכט אויסגעשלאָסען (8־טער יאַנואַר 1790).

די דאָזיגע בעשלוסען האָבען שטאַרק אויפגערעגט די פּאָרטוגיעזישע אידען, וועלכע האָבען ביז דאַמאָלס אויך געהאַט כמעט גלייכע רעכט מיט דער קריסטליכער בעפעלקערונג און פלעגען אנטייל נעהמען אין אַלע בירגערליכע פליכטען מיט דעם גרעסטען פערגניגען. קיין בפירוש'דיג געזעץ איז אפילו נישט געווען וועגען זייער גלייכבערעכטיגונג, אָבער אַזוי האָט מען זיך צו זיי בעצויגען אין דער ווירקליכקייט. ווען איצט איז זיי אָבער אויסגעקומען צו זיצען און וואַרטען אויף דער פאָלקאָמער בעפרייאונג צוזאַמען מיט די אשכנזישע אידען, וועלכע זיי האָבען פיינד געהאַט נישט ווענינער, ווי די קריסטען האָבען דאָס געטהון, זענען זיי זעהר פערביטערט געוואָרען און האָבען זיך באַלד צוגעאיילט צו שיקען אַ דעפּוטאַציע קיין פּאַריז, אַז מען זאָל זיך משתדל זיין מבטל צו מאַכען די החלטה וועגען זיי. די זאַך איז זיי נישט געווען שווער, ווייל דאָס פאָלק איז כלל נישט געווען פיינדליך פאַר זיי. דער דעפּוטאַט פון באָרדאָ איז געווען אויף זייער צד; דער שפּעטערדיגער מיניסטער טאַלייראַן, וועלכער איז דאַמאָלס נאָך געווען בישאָף, איז בעשטעלט געוואָרען אַלס רעפערענט וועגען זייער אָנגעלעגענהייט, און ער האָט ערקלערט קורץ און שאַרף (28־סטען יוני), אַז יענע אידען, וועלכע האָבען שוין אויך ביז דאַמאָלס געהאַט גלייכבערעכטיגונג מיט די אמת'ע פראַנצויזען, מוזען בלייבען ביי זייער בערעכטיגונג. אויך דאָס מאָל זענען אַרויסגעטראָטען געגנער געגען די פּאָרטוגיעזישע אידען, וועלכע האָבען געטענה'ט, אַז מען טאָר נישט בעשאַפען קיין פּרעצעדענס פאַר די אשכנזישע אידען, דאָס הייסט, אַז אויב מען וועט געבען גלייכבערעכטיגונג די פּאָרטוגיעזישע אידען, וועלען די אשכנזישע אידען דערנאָך אָנווייזען, אַז צוליעב דעם וואָס זיי זענען פון דער זעלביגער אָב־

שטאַמונג און רעליגיע, וואָס די פּאָרטוגיעזען, דאַרף מען אויך זיי געבען גלייכבערעכטיגונג. די מעהרהייט פון דער נאַציאָנאַלער פערזאמלונג איז אָבער געווען אין דער דאָזיגער מורא, און אַזוי אַרום האָט מען ענדליך בעשלאָסען, אז די אידען, וועלכע וואוינען אין פראַנקרייך אונטער'ן נאָמען פּאָרטוגיעזען, שפּאַניער, אדער אַביניאָנער , האָבען אלע זכיות פּונקט זוי פאלקאָמע פראַנצויזישע בירגער. דער קעניג האָט דאס דאָזיגע געזעץ באַלד בעשטעטיגט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע געזעץ, וואָס האָט געגעבען די אידען גלייכבערעכטיגונג, אויב אפילו אויך נאָר אַ קליינעם טייל פון אידישען פאלק און נישט אלעמען; אָבער א התחלה איז דאָך דאָס געווען אַ גוטע. אין באָרדאָ איז די שמחה צווישען אידען געווען אזוי גרויס, אז איין איד האָט אין התלהבות אויסגערופען, אז לודוויג דער זעכצעהנטער איז דער אידישער „משיח" און קיין אנדערען ברויכען זיי כלל נישט.

די דעפּוטאַטען פון די אשכנזישע אידען האָבען נישט געהאַט אַזא לייכטע אויפגאַבע, ווי די פּאָרטוגיעזישע; זיי איז אויסגעקומען שווער צו קעמפען, ביז זיי האָבען זייער גלייכבערעכטיגונג בעקומען. זיי האָבען אבער געפונען א גוטע תחבולה, ווי אזוי צו ווירקען אויף דער נאַציאָנאַ'ער פערזאמלונג און כמעט צווינגען איהר אָנצונעהמען אויך וועגען זיי א געזעץ וועגען דער גלייכבערעכטיגונג. פון נייע ביטעם צו דער פערזאמלונג האָבען זיי וועניג וואָס גוטעס ערוואַרטעט. די אידישע פיינד האָבען פערשפּרייט א קלאַנג, אז א געוויסער רייכער איד (סערף בערר) האָט, צוזאמען מיט נאָך אַנדערע רייכע אידען, אויסגעטיילט גרויסע סומעס געלד אין פּאריז, כדי אונטערצוקויפען די דעפּוטאַטען, אַז זיי זאָלען פערטיידיגען אין דער נאַציאָנאַלער פערזאמלונג דעם געזעצפּראָיעקט וועגען דער אידישער גלייכבערעכטיגונג. דאָס איז געווען א שענדליכע און שלעכטע רכילות. די אידען האָבען, מעגליך, געפועל'ט ביי'ם אַדוואָקאַט ג א ד אַ ר, וועלכער איז געווען א פייערדיגער רעדנער, אז ער זאָל זיי פערטיידיגען אי אין דער פּרעסע, אי אויף דער טריבונע, בעזונדערס אבער אז ער זאָל בעאַרבייטען די סעקציאָנען פון דער פּאַריזער בירגערשאַפט, אז זיי זאָלען פאָדערען אין דער נאַציאָנאַלער פערזאמלונג, דאָס מען זאָל אַרויסגעבען א געזעץ וועגען דער אידישער גלייכבערעכטיגונג. ערהאַלטענדיג וועגען דעם אַ אָפיציעלען פאָרשלאַג פון דער הויפּט-שטאדט, איז געגאַנגען א דעפּוטאַציע פון דער קאָמונע מיט'ן פּאָרזיצענדען א ב א מ ו ל אָ בראש אין די נאַציאָנאַלער פערזאמלונג, כדי צו בעטען אדער פיעל מעהר מאָראַליש צו צווינגען אַרויסצוגעבען אַ דעקרעט, לויט וועלכען דאָס געזעץ, וואָס איז אנגענומען געוואָרען וועגען די פּאָרטוגיעזישע אידען זאָל זיך אויך בעציהען אויף די פּאַריזער אידען. דערביי האָבען די פּאַריזער אידען געהאַט איינגעאָרדענט א שענע דעמאָנסטראַציע צוזאמען מיט זייער אַדוואָקאַט: לערך פופציג אידען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע — צווישען זיי אויך דער קאָמנער איד זאַלקינד הורוויץ—זענען געקומען אין זייער

אָפיציעלען אנצוג מיט די נאַציאָנאַל-קאָקאַרדעס פאַר דער פערזאַמלונג און האָבען אין נאָמען פון דער שטאָדט פאַריז געבעטען, אז מען זאָל די אידען געבען גלייכבערעכטיגונג. דער אַדוואָקאַט גאָטאַר האָט דערביי געהאַלטען זעהר אַ ענערגישע רעדע, ערקלערענדיג, אז אויף פאַריז ליגט אַ הייליגע פליכט צו געבען גלייכבערעכטיגונג איהרע בירגער, וועלכע האָבען דערוויזען, אז זיי זענען איהר פאָלקאָם געטרייע זיהן. „די שטאָדט פאַריז — האָט ער אויסגערופען, ווייזענדיג אויף דער אידישער גוואַרדיע — האָט שוין פאַקטיש פערווירקליכט די אידישע גלייכבערעכטיגונג, וועלכע איהר פערזוימט אַזוי לאַנג אָנצונעהמען אַלס אַ געזעץ: זעהט, אָט שטעהען די אידען, וועלכע פאַריז האָט בעפוצט מיט איהרע קאָקאַרדעס און בירגערליכען אוניפאָרם (אנצוג)“. — אויף דער דאָזיגער רעדע האָט געענטפערט מיט אַ רעדע דער פאָרזיצענדער, אַ ב אַ מ ו ל אָ, ערקלערענדיג: „דער תהום, וואָס ליגט צווישען אונז קריסטען און די אידען, צוליעב דער רעליגיע, קאָן אונז נישט שטערען פון צו זיין פריינדליך איינע צו די אַנדערע, אַלס מענשען אויפווייזענדיג איינע די אַנדערע, ווער עס האָט רעכט אין רעליגיעזע פראַגען, קאָנען מיר פונדעסטוועגען אויך ליעב האָבען איינע די אַנדערע“. — אויף צומאָרגענס (דעם 29-טען יאַנואַר 1790) האָבען די פאַריזער אידען געפועל'ט ביי די ממונים אויפ'ן קאַרמעליטען-טייל פון שטאָדט, וואו די אידען האָבען בעזונדערס געוואוינט, אַז זיי זאָלען די אידען אַרויסגעבען אַ צייגניש וועגען זייער גוטער אויפפיהרונג סיי אין געזעלשאַפטליכע ענינים, סיי אין בעציהונג צו דער מלוכה און פאַטריאָטיזם; דערביי האָבען די ממונים צוגעגעבען, אַז עס איז זעהר געוואונשען, דאָס מען זאָל די פאַריזער אידען געבען גלייכבערעכטיגונג, ווי פאָלקאָמע בירגער. די ממונים האָבען אויך אויסגעקליבען פון זיך זעקס דעפוטאַטען, וועלכע זאָלען מודיע זיין וועגען זייער בעשלוס דער נאַציאָנאַלער פערזאַמלונג, ווי אויך די איבריגע שטאָדט-אַבטיילונגען.

אויפצומאָרגענס זענען די זעקס דעפוטאַטען געקומען אין דער שטאָדט-פערוואַלטונג, כדי צו בעשטעטיגען דאָרט זייער בעשלוס וועגען די אידען. איינער פון די דעפוטאַטען, ק אַ י אָ ד ע ז ש ע ר ו ו ע ל, וועלכער איז שפעטער געוועזען אַ מיניסטער, האָט געהאַלטען אַ שענע רעדע וועגען זיין שליחות: „וואונדערט זיך נישט — האָט ער אָנגעהויבען — וואָס אונזער שטאָדט-טייל איז דער ערשטער אַרויסגעטרעטען מיט דער השתדלות לטובת די אידען. קיין בירגער האָט אַזוי פיעל נישט געאַרבייט פאַר'ן פרייהייטס-קאַמפף ווי די אידען; קיינער האָט זיך אַזוי נישט געאיילט אָנצוטהון דעם נאַציאָנאַלען אַנצוג. קיינער האָט נישט אַרויסגעוויזען, ווי די אידען, אַזאַ שטאַרקע ליעבע צו דער אָרדנונג און גערעכטיגקייט; קיינער האָט נישט געגעבען אַזוי פיעל צדקה פאַר די אָרעמע לייט און נדבות פאַר דער הנהגה פונ'ם שטאָדט-טייל, אַזוי ווי די אידען. לאָמיר אַלזאָ קעמפפען געגען דעם אָבערגלויבען אָהן אויפהער, לאָמיר נישט איבערלאָזען [illegible]

זולטאטען פון אלטען אבערגלויבען, נאכדעם ווי די פרייהייט איז געבוירען
געווארען און מען האט געהייליגט די מענשען-רעכט!... לאמיר געבען די
פאריזער אידען דאס, וואס מען האט געגעבען די פארטוגיעזישע, ווייל וואס
פאר א זין האט עס דען, אויב מיר גיבען די אידען פון באָרדאָ מעהר רעכט,
ווי די אידען פון פאריז? ציי האבען זיי דען נישט די אייגענע תורה? ציי
האבען זיי דען נישט די זעלבע פאליטישע אינטערעסען ? אויב די אי-
דען, פאר וועלכע מיר זענען זיך משתדל, האבען מעהר געליטען ווי די
פארטוגיעזישע אידען, טא לאמיר זשע בעאיילען זיך געשווינדער צו בע-
פרידיגען זיי פאר זייערע אומזיסטע יסורים!“

אויף דער דאזיגער רעדע האט דער א ב א מ ו ל א געענטפערט מיט
אנ'ערקלערונג, אז דאס עדות-זאגען פון די ממונים אויף דעם קארמעליטען-
שטאדט-טייל איז דער בעסטער בעווייז אויף דער אידישער גערעכטיגקייט
און דעריבער קומט די ממונים נאר א דאנק פאר זייער השתדלות לטובת
די אידען.— אזוי ארום איז עס געלונגען די אידען צו בעקומען כמעט ביי
אלע שטאדט - טיילען ציינגנישען וועגען זייער גוטער אויפפיהרונג
און א איינשטימונג , אז מען זאל זיי געבען גלייכבערעכטיגונג. אבער נאך
אלעם דעם האט מען פארט נישט געקאנט פועלן, דאס די נאציאנאלע פע-
זאמלונג זאל באלד אנערקענען די אידישע גלייכבערעכטיגונג און די פרא-
גע איז ווידער נדחה געווארען אויף א אונבעשטימטע צייט.

דערווייל אבער האט די בעפעלקערונג פון עלזאס זיך ביסלעכווייז גינ-
וואוינט צום געדאנק, אז מען זאל צו די אידען זיך דארפען בעציהען, ווי
צו גלייכבערעכטיגטע בירגער. אין איינציגע געמיינדעס, ווען מען האט גע-
דארפט צו טיילען די שטאדטישע גיטער, האט מען איבערגעלאזען אויך
פאר די אידען זייער חלק, ווייל די ממונים אויף דער חלוקה האבען ער-
קלערט, אז אזוי וועט עס אויסקומען לויט דעם געזעץ פאר די אידען. איין
שטאדט אין עלזאס האט געפאדערט, אז מען זאל זיך באלד בעשעפטיגען
מיט דער אידישער פראגע, ווייל צוליעב דער אונגעוויסהייט וועגען דעם
שטעהען די אידען אין סכנה. איינציגע דעפוטאטען האבען דעריבער (דעם
15-טען אפריל) געפאדערט, אז מען זאל תיכף שטעלען די אידישע פראגע
אויף דער טאג-ארדנונג; אבער דער גלח (אבא) מ ו ל י האט אויך דאס מאל
זיך געשטעלט געגען דעם , ערקלערענדיג, אז ער וועט פארשטעלען דער
פערזאמלונג עפעס א בראָשורע געגען די אידען, אויף וועלכער זיי וועלען
ערשט דארפען ענטפערען. כדי אבער צו פערטיידיגען די אידען דערווייל
געגען די מעגליכע אנפאלען מצד דעם המון, האט די פערזאמלונג ארויס-
געגעבען א דעקרעט, אז די אידען געפינען זיך אונטער דעם שוץ פון געזעץ
און די נאציאנאלע גווארדיע ווי אויך די ארטיגע רעגירונג זענען מחויב
צו זארגען פאר דער זיכערקייט. דערמיט האט די נאציאנאלע פערזאמלונג
בערוהיגט איהר געוויסען. דער קעניג האט בעשטעטיגט די זיכערונגס-גע-
זעצען פאר די עלזאסער אידען. אבער די הויפט-פראגע איז געבליבען הענ-

גען אין דער לופטען ווידער דריי חדשים.

צום גליק אָבער איז די אידישע פראַגע נישט געשטאַנען פעראיינ-
צעלט, נאָר זי איז געווען פערוויקעלט מיט אַנדערע פראַגען. די עלזאַסער
אידען, בעזונדערס די אידען פון מעץ, האָבען געדארפט בעצאָהלען גרויסע
סומעס שוץ-געלד, און די פערזאמלונג האָט זיך געדארפט אַרויסזאָגען,
אויב די דאָזיגע אבצאָהלונגען דאַרף מען ווייטער אויך איינמאָהנען, אדער
ניין. די פערזאמלונג האָט וועגען דער פראַגע אָנגענומען א בעשלוס אין
ליבעראַלען זין. אזוי ארום זענען די עלזאַסער אידען כמעט איינשטימי-
בעפרייט געוואָרען פון די אויסנאַהמס-אָבצאָהלונגען. לודוויג דער זעכצעהנ-
טער, וועלכער האָט דערין ווידער דערזעהען, ווי עס שטארבט אב א שטיק
לעבען פון דער אַלטער וועלט, האָט תחילת זיך געוואקעלט צו בעשטעטי-
גען דאָס נייע בעפרייאונגס-געזעץ פאַר די אידען. ענדליך אָבער האָט ער
געמוזט נאָכגעבען און בעשטעטיגען דאס געזעץ, וועלכען די נאַציאָנאַלע
פערזאמלונג האָט אנגענומען.

אבער אויך נאָכדעם איז נאָך נישט אָנגענומען געוואָרען קיין ענטגיל-
טיגער בעשלוס וועגען דער אידישער גלייכבערעכטיגונג. דער אידען-
פריינדליכער צד האָט געמאַכט נאָך צוויי פראָבעס צו שטעלען ענדליך די
אידען-פראַגע אויף דער טאג-אָרדנונג, אבער די זאך איז זיי נישט געלונגען.
איינמאָל, בשעת דער אידענפריינדליכער ג ל ה ג ר ע ג ו אַ ר איז געווען פאַר-
זיצענדער (18-טער יאנואַר 1791), האָט דער דעפּוטאט מ א ר ט י נ י פאָר-
געלעגט, אז די גלייכבערעכטיגונג, וועלכע מען האָט מיט אַ יאהר פריהער
געגעבען די פּאָרטוגיעזישע אידען, זאָל מען איצט געבען אלע אידען אין
פראַנקרייך. אָבער אויך דאָס מאָל זענען אַרויסגעטרעטען די אידישע פיינד
מיט א טענה, אז מען טאָר דאָס נישט טהון, ווייל מען וועט דאדורך
העכסט אויפרעגען די בעפעלקערונג און עלזאַס-לאָטהאַרינגען איז שוין אָהן
דעם אויך שטארק אויפגערעגט, דען די גלחים ווילען נישט שווערען אויף
דער קאָנסטיטוציע און דער פאָלקס-רעגירונג. וועגען שטראַסבורג האָבען
זיי ערקלערט, אז די בעפעלקערונג איז דאָרט שטארק אויפגערעגט אויף
דעם , וואָס איינִיגע אידען האָבען זיך דאָרט בעזעצט, וועהרענד די אי-
דען איז פערבאָטען געוואָרען דארט צו וואוינען. די שטאדט שטראַסבורג
האָט אין דער ווירקליכקייט צוגעשיקט אַנ'אַדרעס צו דער נאַציאָנאַלער
פערזאמלונג, וואו זיי האָבען אַרויסגעוויזען זייער גאנצע מיעשטשאנסקע
קליינקעפּעלדיגקייט און שלעכטסקייט: זיי האָבען נעמליך פערלאַנגט, אז
מען זאָל נישט בלויז ארויסטרייבען פון שטאדט אלע אידען, וואס האָבען
זיך דאָרט בעזעצט אין דער לעצטער צייט, נאָר אפילו אויך די משפחה
פון סעריף בערר, וועלכע האָט זיך דאָרט בעזעצט פיעל פריהער און איז
געווען זעהר געעהרט אין גאנצען קאַנט. — די שונאי ישראל האָבען ווײ-
טער געטענה'ט, אז בכלל פערלאַנגען גאר די עלזאסער אידען נישט קיין

גלייכבערעכטיגונג און די פרייהייטס-פאָדערונג שטאַמט בלויז פון פיער — פינף אינטריגאַנטען, און איינער פון זיי, וועלכער איז רייך געוואָרען אויף דעם חשבון פון דער מלוכה, נעמליך, סערף בערה, שיט מיט געלד אין פאַריז, כדי צו באַקומען מיטהעלפער, וואָס זאָלען אַרבייטען לטובת דער אידישער גלייכבערעכטיגונג. — ענדליך איז אויף דער דערמאַנטער זיצונג אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס אָבצולעגען די אידישע פראַגע, ביז מען וועט צוזאַמענשטעלען אַלע פונקטען פון דער פראַנצויזישער קאָנסטיטוציע.—די צווייטע פראָבע איז געמאַכט געוואָרען מצד די פאַריזער אידען, וועלכע האָבען באַקומען אַ ערלויבניש פון דער שטאָדט-פערוואַלטונג אויף צו בויען אַ שוהל און ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט האָבען זיי געבעטען די שטאָדט-פערוואַלטונג, אַז זי זאָל זיך משתדל זיין, דאָס מען זאָל זיי געבען גלייכבערעכטיגונג. די פאַריזער שטאָדט-פערוואַלטונג האָט אָנגעגעבען דער נאַציאָנאַלער פערזאַמלונג (26-טען מאַי 1791), כדי צו צווינגען איהר צו בעגעהן זיך מיט געזעלשאַפטליכער מיט די פאַריזער אידען, אָבער אויך דאָס האָט ווייניג ממשות'דיגען נוצען געבראַכט.

אַזוי אַרום איז די קאָנסטיטוציע אָבגעשלאָסען געוואָרען און בעשטעטיגט דורכ'ן קעניג (סעפּטעמבער 1791), און די גלייכבערעכטיגונג פאַר די אשכנזישע אידען אין פראַנקרייך, וועלכע איז אַזוי פיעל מאָל צוגעזאָגט געוואָרען, איז נישט אָנגענומען געוואָרען. נאָר דער פונקט פון מענשען-רעכט האָט זיי געקאָנט ברענגען נוצען, נעמליך, אַז קיינער טאָר נישט גערודפ'ט זיין צוליעב זיינע רעליגיעזע מיינונגען. ערשט אין דער לעצטער מינוט, אַ פּאָר טעג איידער די נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג איז פונאַנדערגעלאָזען געוואָרען, האָט זיך דערמאַנט וועגען די אידען איינער פון די חברים פון די פרייהייטס-פריינד וועלכע האָבען געהערט צום יאַקאָבינער קלוב, דיופּאָר, און האָט מיט אַ פּאָר ווערטער בעקומען פאַר די אידען גלייכבערעכטיגונג. ער האָט די זאַך געדרונגען פון דעם רעכט, פון דער רעליגיאָנס-פרייהייט: „איך פערלאַנג—האָט דיופּאָר ערקלערט — אַז איידער די פערזאַמלונג וועט זיך פונאַנדערגעהן, זאָל דעקרעטירט ווערען, דאָס אַלע אידען אין פראַנקרייך האָבען די פאָלקאָמע רעכט פון די פראַנצויזישע בירגער". דער דאָזיגער פאָרשלאַג איז אויפגענומען געוואָרען מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטען. איין מיטגליעד האָט אפילו אויך פערלאַנגט, אַז יעדער, וואָס וועט אַרויסטרעטען געגען דעם זאָל גערופען ווערען „צור אָרדנונג", ווייל דערמיט טרעט ער אַרויס געגען דער קאָנסטיטוציע. אַזוי אַרום האָט די נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג אָנגענומען דיופּאָרס פאָרשלאַג (27-טען סעפּטעמבער 1791) און אויף צומאָרגענס האָט מען פאָרמולירט אַ געזעץ, אַז אַלע אויסנאַהמס-געזעצען וועגען די אידען ווערען בטל און אַז די אשכנזישע אידען ווערען פולבערעכטיגטע בירגער און דאַרפען געבראַכט ווערען צו אַ בירגער שבועה. צוויי טעג נאָכדעם איז די נאַציאָנאַלע פערזאַמ

לונג זיך פונאַנדערגעגאַנגען, כדי עס זאָל זיך עפענען א נייע רעוואָלוציאָנערע פערזאַמלונג, א פיעל העפטיגערע ווי די ערשטע. איינינע טעג נאָכדעם האָט לודוויג דער זעכצעהנטער בעשטעטיגט די פאָלקאָמע גלייכבערעכטיגונג פון די פראַנצויזישע אידען (13-טען נאָוועמבער 1791). נישט דאָס מינדעסטע פון זייער רעליגיאָן האָבען די אידען געברויכט מותר זיין פאר דער בעקומענער פרייהייט, נאָר פון זייערע אַזוי-גערופענע פריווילעגיעס האָבען זיי זיך געדאַרפט אָבזאָגען.

בערר יצחק בערר האָט געהאַט פאָלקאָם רעכט צו פרעהען זיך מיט דעם גליקליכען רעזולטאַט פון די לאַנגע און שווערע בעמיהונגען: ער האָט געהאַט אין זיי א גרויסען חלק. ער האָט באַלד געשיקט א צירקוליאַר צו די פראַנצויזישע אידען, אָנצוזאָגען זיי די בשורה-טובה און אויך צו דערוועקען זיי, צו פערבעסערען זיך, צוליעב דער ערהאַלטענער פרייהייט און טייער צו האַלטען איהר. „אַזוי — שרייבט ער — איז ענדליך געקומען דער גרויסער טאָג, ווען עס איז פערשוואונדען געוואָרען דער נעבעל, וואָס האָט אונז בעדעקט מיט חרפות. מיר האָבען ענדליך ווידער בעקומען די רעכט, וועלכע מען האָט ביי אונז גענאָמען צוגענומען מיט געוואַלד אין א משך פון אַכצעהן הונדערט יאָהר. ווי שטאַרק דאַרפען מיר לויבען דעם נאָמען פון אונזערע אבות פאר זיין חסד, וואָס ער האָט אונז בעוויזען"!

דערביי האָט בערר יצחק בערר אָנגעוויזען זיינע ברידער, ווי עס איז נויטיג, אַז זיי זאָלען אויסבעסערען זייערע פעהלערען. נישט ברענגענדיג קיין שאָדען זייער רעליגיאָן, דאַרפען זיי זיך אָבזאָגען פון זייער אָבגעשלאָסענקייט, אין וועלכער זיי האָבען געלעבט ביז איצט, אָבזאָגען זיך פון זייער אַלטער חבר'שאַפט און שנעלער פעראייניגען זיך מיט דער מלוכה, שענקענדיג איהר, אויב מען וועט ברויכען, אויך דאָס פערמעגען און אפילו אויך דאָס לעבען. דאָס איז דער זין פון דער בירגער-שבועה, צו וועלכער מען האָט זיי גערופען. בעזונדערס שטאַרק דאַרפען זיי זיך משתדל זיין צו וועקען זייער פאַטריאָטישען גייסט און נוט צו ערציהען זייער יוגענד. בערר יצחק בערר האָט אויך אָנגעוויזען זיינע ברידער די מיטלען, ווי אַזוי צו זיין געטרייע פראַנצויזען און דערצו דאָך אויך געטרייע זיהן פון יודענטום. זיי דאַרפען באַלד איבערזעצען דעם תנ"ך אויף פראַנצויזיש (נאָך מענדעלסאָנ'ס דייטשער איבערזעצונג) און לערנען פון איהר די יוגענד, כדי אָבצוגעוואוינען איהר אינגאַנצען פון איהר פערדאָרבענער דייטשער שפּראַך (זשאַרגאָן).

די פראַנצויזישע אידען האָבען באַלד אַרויסגעוויזען זייער בערייטוויליגקייט אַנטייל צונעהמען מיט זייער פערמעגען און מסירת-נפש אין אַלע בעדערפענישען פון דער פראַנצויזישער מלוכה, וועלכע האָט זיי אָנערקענט פאר איהרע גלייכבערעכטיגטע בירגער. די לערך קליינע קהלה פון באָרדאָ האָט צוזאַמענגעקליבען צווישען איהרע מיטגליעדער הונדערט טויזענד

פראַנק פאַר דער שטאדטישער הוצאה. אָבער אויך מיט זייער בלוט האָבען די אידען געטריי געדינט דעם פאָטערלאַנד. אין דער פראַנצויזישער אַרמעע, וועלכע האָט אינגיכען געדאַרפט אנהויבען צו ווייזען דער וועלט געוואלדיגע גבורות און געהן פון איין נצחון צום אַנדערען, האָבען געדינט זעהר פיעל אידען, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער גבורה. די פראַנצויזישע אידען האָבען בעגלייטעט זייערע סאָלדאטען אין דער מלחמה אַריין מיט הייסע תפלות און האָבען אויך הויך געפייערט די בשורות וועגען זייערע נצחונות. א גרויסער טייל פון די פראַנצויזישע אידען האָט אין יענער גרויסער צייט, וועלכע האָט בעשאַפען גבורים, געשווינד אַראָבגעוואָרפען זייער פחדנות און שפלות, וועלכע האָט זיי פריהער געמאַכט צו שאַנד און שפּאָט.

אין דער ווילדער שרעקליכער צייט פון טעראָר, וועלכער האָט געטראָפען אי שולדיגע אי אונשולדיגע, האָבען אויך געליטען דורך איהר איינציעלנע אידען. ווען די יאַקאָבינישע רעוואָלוציאָנס־קאָמיסיעס האָבען געראָדפ'ט די זשיראָנדיסטען אין באָרדאָ און אויפגעשטעלט דאָרט די גיליאָטינע (זומער 1798), האָט דער איד א ב ר ה ם פ ו ר ט א ד אָ געמוזט אַנטלויפען, ווייל ער איז געוועזן אַן'אַנהענגער פון דער דאָזיגער פּאַרטיי און מען וואָלט איהם דערפאַר בעשטראָפט מיט'ן טויט. זיין פערמעגען האָט מען, נאַטירליך, קאָנפיסקירט. די דאַמאָלסדיגע שרעקליכע רעדעל־פיהרער האָבען אויך געוואָרפען א אויג אויף רייכע אידען. ש א ר ל פ ר י ק ס אָ ט אָ אין באָרדאָ איז געוועזן א ל ו י, און דערפאַר האָבען די יאַקאָבינער איהם אַנערקענט פאַר אַן'אַריסטאָקראַט און אלס אַזעלכען געשטעלט איהם פאַר די ריכטער, וועלכע האָבען איהם שיער נישט געהאַט פער'משפט צום טויט. אבער צו זיין גליק האָט מען דערמאַנט דער מיליטערישער קאָמיסיע, אז אָט דער לוי האָט געהאַט אויפגעקויפט די קאָנפיסקירטע גלחיש'ע גיטער, כדי צו פערקויפען זיי ביליג דעם געמיינעם פאָלק. דעריבער האָט מען איהם נאָר בעשטראָפט מיט געלד—מיט א מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזענד פראַנק—און מען האָט איהם אַזוי לאַנג געהאַלטען אין תפיסה, ביז ער האָט די דאָזיגע גרויסע סומע בעצאָהלט. ווען דאָס רעוואָלוציאָנערע געריכט אין באָרדאָ וואָלט געהאַט געוואוסט, אַז די פּאָרטוגיעזישע אידען זענען זיך אַלע מיחס, אז זיי שטאַמען פון דוד המלך, וואָלט מען זיי, בלי ספק, אלעמען פער'משפט, אַלס אַריסטאָקראַטען צום טויט. דאָס געריכט אָבער האָט דערפון נישט געוואוסט, דעריבער האָט מען בלויז דריי אידען פער'משפט צו אַ גרויסער געלד־שטראָף. ס ע ר ף ב ע ר ר האָט אין יענער שרעקליכער צייט געהאַט אויסגעגעבען פיעל געלד אויף אַרויסצוראַטעווען פיעל אידען פון טויט. בכלל אבער, א דאַנק דעם, וואָס די אידען זענען שוין געוועזן געוואוינט צו צרות און זענען געוועזן קלוג און געשיקט צו פערשטעלען זיך פאַר טויט אין א געפעהרליכער צייט—„וואָרט איבער אַן'אויגענבליק, ביז

דער געפעהרליכער שטורם וועט אריבערגעהן"—האָבען די אידען אויך פערשטאנען, ווי אזוי צו בעשיצען זיך פאַר דער גיליאָטינע. זיי האָבען אויסערדעם אויך נישט געהאַט די תאוה צום כבוד דוקא באַלד אַרויפצו־שטעלען זיך איבעראַל אויבענאַן אָדער צו שפּילען אַ גרויסע ראָליע. צוליעב אַלעם דעם איז דער שטורם פון דער רעוואָלוציע אַריבער איבער זיי, נישט ברענגענדיג זיי קיין צו־גרויסען שאדען. איין קרבן האָבען זיי דאָך אָבער פאָרט געמוזט פרענגען דער גיליאטינע: דער זוהן פון אַ אידישען גוטס־בעזיצער כרמל איז גיליאָטינירט געוואָרען פאַר עפּעס אַ פּאָליטישע בעשולדיגונג.

די מלחמה מיט גאָט, וועלכע עס האָט געמאַכט דער קאָנווענט לויט דער עצה פון די דעפּוטאַטען שאָמעט און העבער, (נאָוועמבער 1793—1794) האָט די אידען נישט זעהר שטאַרק געטראָפען. די טיפע ערביטע־רונג און דער כעס געגען דער רעליגיאָן, האָט זיך בעצויגען נאָר אויף דעם קאַטוילישען גלויבען, אדער בכלל געגען דעם קריסטיענטום, וואָס זיינע גלחים האָבען אליין געהאַט אומגעבראַכט צעהנדליגער טויזענדער קרבנות. דער דעקרעט פון קאָנווענט האָט דעריבער ערקלערט בלויז פאָלגענדעס: „דער קאַטוילישער קולט ווערט בטל און אנשטאט איהם וועט מען דינען נאָר צום שכל". דער קאָנווענט האָט אפילו אויך געהאַט בעקומען ביטעס אז מען זאָל די אידען פערבאָטען מילה און צו טראָגען בערד, כדי זיי זאָלען זיך נישט אונטערשיידען מיט קיין זאַך פון אַלע אַנדערע פראַנצויזישע בירגער; אבער די פערזאמלונג האָט מיט דער נאַרישקייט זיך נישט אָבגעגע־בען. נאָר די בעאַמטע און די פאַנאַטישע מיטגלידער פון די יאקאָבינער קלובען אין די קלענערע שטעדטלעך האָבען זיך גענומען אונטערדריקען אויך די אידישע רעליגיאן און, ווי עס שיינט, דוקא נאָר אין יענע פּראָ־ווינצען, וועלכע האָבען פריהער געהערט צו דייטשלאַנד (עלזאַס־לאָטהאָרינ־גען). אין נאַנסי האָט אַ בעאַמטער געפאָדערט פון די אידען אין נאָמען פון שטאָדט־ראַט, אז זיי זאָלען אין אַ בעשטימטען טאָג קומען אין נאַציאָנאַלען טעמפעל, כדי אָבצוזאָגען זיך, צוזאמען מיט די גלחים פון די אַנדערע אמונות, „פון זייער אבערגלויבען" און, בעזונדערס, כדי ארויסצוגעבען די זילבערנע און גאָלדענע בעצירונגען פון די שוהלען. עס האָבען זיך אויך געפונען ווילדע מענשען, וועלכע האָבען זיך אריינגעריסען אין די שוהלען וואו זיי האָבען אַרויסגעוואָרפען די ספרי־תורה'ס פון ארון הקדש און פער־ברענט זיי, אדער זיי האָבען געזוכט אין פריוואטע הייזער אידישע ספרים, כדי צו פערניכטען זיי. ווען דער קנוועַנט האָט ארויסגעגעבען זיין בעפעהל, אז נאָר דעם צעהנטען טאָג פון חודש דאַרף מען פייערען אַלס רוה־טאָג, אבער אום זונטאג מוז מען ארבייטען, האָבען די מאַגיסטראַטען פון איני־גע שטעדט (שטראַסבורג און טרויאש) מבטל געמאַכט אויך דעם שבת. אויפ'ן לאַנד האָט מען די אידען געצוואונגען צו ארבייטען שבת און יום־

טוב אויף די פעלדער, צו שניידען תבואה און אריינפיהרען זי אין די שייי=
ער'ס. מען האָט אויך די רבנים גערודפ'ט, אזוי ווי די בישאפ'ן. דעם רב פון
א קליין שטעדטעל וועסטהאפען נעבען שטראַסבורג, רבי יצחק לענט=
שיק, האָט מען אריינגעזעצט אין תפיסה, דערפאר וואָס ער האָט ערפילט
זיין פליכט אלס רב, און אין תפיסה איז איהם פאָרגעשטאנען דער טויט
(יוני—יולי 1794). רבי דוד שינדהיים, וועלכער איז שפעטער געווען
פאָרזיצענדער אין סנהדרין, וועלכען נאפּאָלעאָן האָט צוזאמענגערופען, איז
געווען געצוואונגען צו אַנטלויפען פון שטראַסבורג און וואַנדערן פון שטאדט
צו שטאדט, כדי צו ראטעווען זיך פון תפיסה אדער אויך פון טוידט. אין
מעץ האָבען די אידען מורא געהאַט צו באקען עפענטליך זייערע מצות אויף
פסח, ביז עס האָט זיך געפונען א קלוגע אידישע פרוי, וועלכע האָט ער=
קלערט די רעוואָלוציאנערען, אז די מצות זענען אַ סימן פון פרייהייט ביי
אידען פון אייביג אָן. זעליגמאַן אַלעקסאַנדער פון שטראַסבורג,
א קרוב פון סערף בערר, איז אַלס רייכער איד, אָנגעקלאָגט געוואָרען אין
געריכט אלס פאַנאַטיקער און עגאָאיסט און מען האָט איהם געשלעפט
אין תפיסה, חאָטש ער האָט געהאַט געגעבען א נדבה פערציג טויזענד
פראנק לטובת זיין פאטערלאַנד. אין פאריז האָבען די אידישע מלמדים
געמוזט ברענגען זייערע תלמידים אין „צעהנטען טאג“ פון חודש אין די
קירכע נאָטר=דאם, וועלכע איז איבערגעמאַכט געוואָרען אויף אַ „טעמפעל
פונ'ם שכל“. אבער די דאָזיגע רדיפות זענען געשווינד פאראיבער אהן וויכ=
טיגען שאדען פאר די אידען. מיט דעם נצחון פון די טערמידאָריער
(9=טער טערמידאָר—דאָס הייסט 27=טען יולי 1794) איבער ראָבעספיער
האָט דער טעראָר ביסלעכווייז אויפגעהערט. די בעפעלקערונג האָט זיך מישב
געווען, אז מען מוז זיך בענעהן מילדער. די בעשטעטיגטע גלייכבערעכטי=
גונג פון די אידען איז שוין געבליבען אונבעריהרט ביי אלע ענדערונגען,
וועלכע זענען פארגעקומען אין דער אינערליכער פאליטיק. אויך די נייע
קאָנסטיטוציע פון יאָהר III פון דער רעפובליק, אָדער די דירעקטאָריאל=
קאָנסטיטוציע (הערבסט 1795), האָט אנערקענט אָהן קיין שום דיספוטען
די אידישע גלייכבערעכטיגונג און מבטל געמאַכט יעדע שפור פון אונטער=
שיעד צווישען די אידען און נישט=אידען. דאָס געזעץ האָט אַרויסגעזאָגט
פאלגענדען קלוגען פרינציפּ: „מען קאָן קיינעם נישט צווינגען צו געבען
צושטייער אויף די הוצאות פון א פרעמדען קולטוס און די רעפובליק
אליין שטיצט נישט מיט איהרע אויסגאַבען קיין שם רעליגיע, נאָר פאר
דער אידישער קהלה פון מעץ זענען נאך געבליבען אייניגע נאָכוועהענישען
פון מיטעלאלטער.

ווען די פראַנצויזישע רעפובליקאַנישע אַרמעע האָט אָנגעהויבען פייי=
ערן איהרע נצחונות איבער די אַרמעען פון די אַרומיגע פעלקער, האָט די
אידישע פרייהייט זיך אויך פערשפרייט אין אנדערע מדינות. צוערשט
האָט זי זיך פערפלאנצט אין האָלאַנד, וועלכע איז דאמאָלס (אָנפאַנג 1795)

געווארען א רעפובליק. דארט האבען שוין פריהער איניגע ריהרעוודיגע אידען אסער (משה און זיין זוהן קארלוס) דע לעמאן און ברעמעס זיך פעראייניגט מיט'ן פרייהייטס־קלוב [Felix liberate) וועלכער האט איבערגענומען די העוויזען פון דער פראנצויזישער רעפובליק: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערשאפט. דער דאזיגער מלוכה־פרינציפ איז בכלל אנערקענט געווארען דורך די גענעראל־שטאטען (4־טען מערץ 1795). די פופציג טויזענד אידען, וועלכע האבען געוואוינט אין האלאנד און זענען בעשטאנען טיילוויז פון ספרדים, טיילוויז פון אשכנזים, זענען אין פיעל הינזיכטען געשטאנען יורידיש נידעריגער, ווי די קריסטען. קודם כל האט מען זיי בלויז סובל געווען אלס בעזונדערע קליינע חברות, אלס א קליינע געמיינדע, וואס האט זיך בעזעצט אין דער גרויסער מלוכה. דאס, וואס מען האט זיי נישט צוגעלאזען צו מלוכה־שטעלען, האט פאר די אידען נעהאט דוקא נישט קיין וויכטיגע בעדייטונג; זיי האבען ביז דאמאלס גאר דערצו ווענגי חשק געהאט. אבער אויך פון איינינע פראפעסיאנעלע צעכען זענען זיי געווען אויסגעשלאסען. זיי האבען אויך געמוזט שטיצען מיט זייער פערמעגען די הערשענדע רעליגאן אין די שולען, נישט האבענדיג פון זיי קיין שום נוצען פאר זיך. עס זענען געווען אויך אנדערע מעשים, וועלכע זענען געווען פאר זיי א גרויסע ערנידערונג. געוויסע אבצאהלען האט מען ביי זיי גענומען פיעל העכערע, ווי ביי נישט־אידען און בעצויגען זיך האט מען צו זיי אויך מיט ווייניג אכטונג. די שטרעבונג צו גלייכבערעכטיגונג איז געווען נאך פיעל וויכטיגער פאר די אשכנזישע, ווי פאר די ספרדישע אידען. די לעצטע זענען געווען מייסטענס רייך און, אלס אזעלכע, האבען זיי ווענינ וואס געשפירט די דריקונגען, וועהרענד די אשכנזישע אידען זענען געווען ארעם און זיי איז אויסגעקומען מעהר צו ליידען. דען מען פלעגט זיי בעהאנדלען, ווי פאליאקען־בעטלער. אין ערשטען טומעל פון פרייהייט האט מען זיך באלד ארויסגעזאגט צו געבען די אידען גלייכבערעכטיגונג, ווי נור זיי האבען עס פערלאנגט. באלד אבער האבען זיך אויך דא, ווי אין פראנקרייך א שאט געטהון אידען־פיינדליכע בראשורען, וועלכע האבען דערוועקט נעגען זיי די געזעלשאפטליכע מיינונג. בעזונדערס שלעכט האט געווירקט געגען די אידען א בראשורע פון וואן סוועדען: „אג'עצה פאר די פערטרעטער פון פאלק", וואו עס ווערט ערקלערט, אז די אידען מוזען תמיד בלייבען גרים אין די גלות־לענדער, צוליעב זייער געשיכטע און דער אמונה אין משיח'ן. אויף א וואונדערליכען אופן האבען דערמיט מסכים געווען אויך די פארשטעהער פון אידישען פאלק אין האלאנד, בעזונדערס די שטאלצע פרנסים פון אמשטערדאם, סיי די אשכנזישע, סיי די ספרדישע, זענען געווען געגען דער גלייכבערעכטיגונג.

די פערטרעטער פון דער קהלה און די רבנים האבען הויך ערקלערט פאלגענדעס: די אידען פערלאנגען בעסער צו פערבלייבען אין זייער אלי־

מער בעציהונג צו דער מלוכה און ווילען נישט אויסנוצען פאר זיך די גלייכבערעכטיגונג, אויב מען וועט זי זיי געבען אפילו. אין די וואהלען צו דער ערשטער באטאווישער (די האלענדישע רעפובליק) נאציאנאלער פערזאמלונג האבען אנטייל גענומען נישט פיעל אידען, האטש מען האט זיי איינגעלאדען דערצו. אזוי ארום איז עס געקומען , אז פון די צוואנציג טויזענד אידען פון אמשטערדאם, איז נישט אויסגעקליבען געווארען קיין איינציגער דעפוטאט. די אידישע פריהייטס-פריינד אין האלאנד האבען דעריבער געהאט זעהר א שווערע אויפגאבע: זיי האבען געדארפט קעמפפען אי געגען אויסערליכע, אי געגען אינערליכע פיינד און זיי האבען געברויכט ארויסצווייזען א העכסטע ריהרעוודיגקייט, כדי צו קאנען מנצח זיין אלע שוועריגקייטען. ווען מען האט אנגעהויבען בעטראכטען די אידישע פראגע (אויגוסט 1796), איז די אלגעמיינע אויפרעגונג געווען זעהר גרויס. האטש די אידישע גלייכבערעכטיגונג איז אין דער באטאווישער רעפובליק פרינציפיעל ווי אויך פראקטיש געווען אנערקענט, דען מען האט זיי איינגעלאדען אנטייל צונעהמען אין די אלגעמיינע וואהלען, פונדעסטוועגען האבען די אידען נאך געהאט צו קעמפפען אין האלאנד געגען מעהר פיינד, ווי אין פראנקרייך. די קאנסערוואטיווע האלענדישע דעפוטאטען זענען אין הארצען געווען איבערצייגטע מאמינים פון תנ"ך און פון עוואנגעליום און זיי האבען דעריבער פעסט געגלויבט, אז די אידען מוזען בלייבען אנ'עלענד און א פערוואגעלט פאלק פאר קריסטוס'עס טויט. אבער דער פראנצויזישער געזאנדטער נ א ע ל האט כמעט מיט געוואלד דורכגעפיהרט די אידישע גלייכבערעכטיגונג. נאך לאנגע וכוחים איז בעשלאסען געווארען (דעם 2-טען סעפטעמבער) צו געבען די האלענדישע (באטאווישע) אידען פאלקאמע גלייכבערעכטיגונג, צולעגענדיג נאר די פאר ווערטער: „פאר יענע אידען, וועלכע וועלען פערלאנגען אויסצונוצען די דאזיגע זכיות".

די האלענדישע אידען האבען כלל נישט אויפגענומען די דאזיגע בשורה מיט אזא שמחה, ווי די אידען אין פראנקרייך, ווייל זיי האבען פריהער נישט געליטען אזוי שטארק פונ'ם גלות, כדי צו ערווארטען גרויסע גליקען פון דער נייער פריהייט. קיין תאוה צום כבוד פון מלוכה-שטעלעס האבען זיי נישט געהאט; דאגעגען האבען זיי פאראויסגעזעהען, אז די נייע רעכטע וועלען ארויפלעגען אויף זיי אויך נייע פליכטען, וועלכע קאנען שטעלען אין סכנה די רעליגיעזע אינטערעסען. זיי זענען דעריבער געווען העכסט אויפגערעגט געגען יענע אידען, וועלכע האבען זיך משתדל געווען פאר דער גלייכבערעכטיגונג, מבטל זייענדיג דאדורך דעם קארפאראציאנס-פערבאנד פון דער ספרדישער און אשכנזישער קהלות. אין אמשטערדאם האבען זיך אנגעהויבען אויף דעם דאזיגען באדען גרויסע סכסוכים און א פירוד.

די פרייזיניגע, על פי רוב מיטגלידער פון דער אשכנזיש'ער קהלה, האבען נעמליך פערלאנגט, אז מען זאל בעגרענצען דאס רעכט פון די

רבנים, צו געוועלטיגען איבער דער קהלה מיט אַנ'אייזערנער אונבעגרענצטער מאַכט. די פרנסים האָבען אָבער נישט בלויז אָבגעזאָגט זיך צו ערפילען די דאָזיגע פאָדערונג, נאָר זיי האָבען נאָך אויך געסטראָשעט ארויפצולעגען אַ געלד־שטראָף אויף יענע אידען, וועלכע האָבען געפאָדערט אזא זאַך, די פרייזיניגע האָבען דעריבער פערלאָזען די אַלטע שוהל, פערזאַמעלט זיך אין אַנ'אייגענע שוהל, געגרינדעט אַנ'אייגענע קהלה, ערקלערענדיג, אַז די אמת'ע אידישע קהלה זענען נאָר זיי אַליין (די קהלה „עדת ישורון" געגרינדעט ענדע יאָהר 1796). די פרומע אידען האָבען זיי דערפאַר ארײנגעלעגט אין חרם און פערבאָטען די מיטגלידער פון דער פרומער קהלה, צו האָבען מיט זיי אַ מגע ומשא און נישט מתחתן זיין זיך מיט זיי. די פאַרטיי „עדת ישורון", וועלכע איז תחלת געווען בלויז אַ פאָליטישע, איז געוואָרען אַ רעליגיעזע, דען זי האָט אָנגעהויבען איינפיהרען רעפאָרמען אין דער רעליגיע. אזוי, למשל, האָבען זיי אויסגעשלאָסען פון דער תפלה „שמונה־עשרה" די תפלה „ולמלשינים", וועלכע איז לכתחילה געווען איינגעפיהרט געגען די ערשטע אידען־קריסטען און דעריבער האָט זי איצט מעהר קיין זין, (כאָטש אין גרונד גענומען איז דאָס גאָר אַ תפלה געגען מוסרים און אידענפיינד); זיי האָבען אויך מבטל געמאַכט דעם מנהג מקבר צו זיין מתים באַלד נאָך יציאת־נשמה און געעפענט אַ היגיעניששען מרחץ (באָד) פאַר זייער קהלה. — אַלץ גאַנץ אונשולדיגע זאַכען, אָבער אין די אויגען פון די דאַמאָלסדיגע פרומע אידען זענען דאָס געווען געוואַלדיגע חטאים. די פערביטערונג איז געוואָרען אַזוי גרויס געגען די פרייזיניגע, אַז דער אונוויסענדער המון פון דער אשכנזישער קהלה האָט זיי געסטראָשעט מיט'ן טויט און וואָלט דעם סטראָשונעק אויך אויסגעפיהרט, ווען די בעוואָפענטע מאַכט וואָלט זיי דערין נישט געהאַט געשטערט. מערקווירדיג איז, וואָס דער מאַגיסטראַט האָט געשטיצט די אַלטע פרומע קהלה געגען דער נייער. דער לעצטער איז אָבער געלונגען, צו דערוויטערן פון זייערע שטעלעס די פאַנאַטישע מנהיגים פון דער אשכנזישער קהלה, וועלכע זענען געווען נאָך פערביסענערע פאַנאַטיקער, ווי די ספרדים. ווי עס שיינט, איז דער פראַנצויזישער געזאַנדטער נ אָ ע ל געשטאַנען אויפ'ן צד פון די פרייזיניגע. אין דער נייער קהלה־פערוואַלטונג זענען שוין ארײנגעטראָטען אויך מיטגלידער פון די פרייזיניגע. ביסלעכווייז האָט אָבער די אַלטע קהלה שלום געמאַכט מיט דער נייער אָרדנונג און מיט די שטרעבונגען פון די פרייזיניגע. די פרומע אידען האָבען דאָך פאָרט זיך געפרעהט צו זעהען, ווי צוויי אמשטערדאַמער אידען, ב ר אָ מ ע ט און ד ע ל ע מ אָ ן, זענען אויסגעקליבען געוואָרען פאַר דעפוטאַטען אין דער האָלענדישער נאַציאָנאַלער פערזאַמלונג. פיעל פרומע אידען זענען געפאָהרען קיין ה א א ג, צו זעהען, ווי מען וועט עפענען די צווייטע נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג (1־טען סעפטעמבער 1798) און קלייבען דאָרט נחת זעהענדיג, ווי די אידען וועלכע דערין אנטייל גענומען, אַלס דעפוטאַטען.

נאך מעהר אבער האבען זיי אנגעהויבען שעצען די גלייכבערעכטיגונג, ווען דער אידישער דעפוטאט יצחק דא קאסטא עטיאס איז שפעטער אויסגעקליבען געווארען פאר א מיטגליד אין ראט-קאלעגיום פון דער שטאדט און אין די נאציאנאלע פערזאמלונג, לסוף גאר אויך פאר א פרעזידענט פון דער נאציאנאלער פערזאמלונג (1798). אין שפיץ פון דער באטאווישער רעפובליק איז דאמאלס געשטאנען שימעל פעניק, וועלכער האט נעמליך געקוקט גאנץ ערנסט אויף דער אידישער גלייכבערעכטיגונג און אלע פעהיגע אידען האט ער איינגעלאדען אויף מלוכה-שטעלען. דער איד מארעסקא איז געווארען א הויכער בעאמטער אין דער רעגירונג פון דער שטאדט אמשטערדאם און משה אסער — אינ'ם קאמיטעט פון יוסטיץ. די ערשטע אידישע מלוכה-בעאמטע זענען געווען אין האלאנד.

עס איז געווען גאנץ נאטירליך, אויב די מיטגלידער פון דער פרייזיניגער קהלה האבען דערשפירט א מין גדלות און א כבוד צו זיך זעלבסט. עס האט זיי טיעף געקרענקט, וואס די אידען זענען מצד די דייטשע פירשטען נאך אלץ בעהאנדעלט געווארען, ווי חיות, אדער אויסוואורפען. זיי האבען דעריבער פארגעלעגט דער האלענדישער נאציאנאלער פערזאמלונג, אז זי זאל הייסען דעם געזאנדטען פון דער באטאווישער רעפובליק אין פראנקרייך, דאס ער זאל פארלעגען אויפ'ן שלום-קאנגרעס אין ראשטאט, אז די האלענדישע אידען אין דייטשלאנד זאלען פטור זיין פון צו צאהלען דעם קאפ-שטייער, און, אויב די דייטשע פירשטען וועלען דערויף נישט איינשטימען, וועט די האלענדישע רעגירונג זיך בעגעהן אויך אזוי מיט אלע דייטשען, וועלכע פאהרען דורך האלאנד. די נאציאנאלע פערזאמלונג האט איינגעשטימט אויפ'ן דאזיגען פארשלאג.

די נצחונות פון די פראנצויזען אין אייראפא זענען געווארען אן אמת'ע ישועה פאר די אידען: איבעראל, אין דייטשלאנד און איטאליען, וואו נאר די העלדישע פראנצויזען האבען זיך בעוויזען, האבען די אידען בעקומען בירגערליכע פרייהייט. די מויערן ארום דער גהעטא האט מען אויפגעריסען, דער אידישער רוקען האט מיך אויסגעגלייכט אין ווענעדיג, וואו מען האט צושטערט אויפגעבויט דאס גהעטא, האט זיך דאס גהעטא געעפענט מיט'ן אריינקומען פון די פראנצויזען. אין פיעמאנט האט א גלח בעגריסט די אידישע בעפרייאונג דורך א תפלה און א פייערדיגע רעדע, וועלכע ער האט געהאלטען אין שוהל. די שטאדט קעלן, וואו עס האט קיין איד נישט געטארט איבערנעכטיגען זינט דעם פופצעהנטען יאהרהונדערט, איז געווען געצוואונגען אריינצולאזען דעם אידען יוסף יצחק צו בעזעצען זיך דארט, ווי נאר די שטאדט איז אריבער אין רשות פון פראנקרייך (1798). — די וואונדערליכע נצחונות, וואס די פראנצויזען האבען געהאט אין איטאליען, האבען זיי באלד געמאכט א שם אין גאנץ אייראפא און [illegible] איבעראל פערוואו[illegible] און אנ'אימה.

א נייער אלעקסאַנדער מוקדון, איז דער קאָרסיקאַנער באָנאַפּאַרט, סך הכל אַ דרייסיג־יעהריגער גענעראַל, אַרויסגעגאַנגען מיט זיין לערך קליינער אַרמעע, כדי איינצונעהמען מצרים און, אויב מעגליך, אויך קיין אינדיען צו קומען. אין ווענינער, ווי אַ האַלב יאָהר (יולי — נאָוועמבער 1798), איז מצרים איינגענומען געוואָרען דורך איהם. אָבער אַ גרויסע טערקישע אַרמעע איז אַרויסגעטראָטען געגען איהם. באָנאַפּאַרט איז איהר אַרויסגעטראָטען ענטגעגען אין ארץ־ישראל. אַזוי אַרום איז ארץ־ישראל, אויף אַ וואונדערליכען אופן, געוואָרען דער פּלאַץ, וואו עס האָבען געקעמפּט בלוטיג צוויי פעלקער, די טרעגער פון פערשידענע קולטורען, פון דער נייער און פון דער אַלטער.

די פראַנצויזען האָבען איינגענומען על־עריש און עזה אין דרום־מערב־זייט פון ארץ ישראל (פעברואַר 1799). אין ירושלים האָבען זיך פערשפּרייט שרעקליכע ידיעות וועגען די נצחונות און אכזריות פון די פראַנצויזען. נאָכדעם, ווי נאַפּאָלעאָן האָט איינגענומען עזה (25־טען פעברואַר 1799), איז ער צוגעטראָטען צו דער פעסטונג פון יפו, וועלכע ער האָט באַלד איינגענומען (6־טען מערץ). אויפ'ן בעפעהל פון ירושלים'ער אינטער־פּאַשאַ האָבען די ירושלים'ער איינוואוינער אָנגעהויבען מאַכען בערג־אָנשיטונגען אַרום דער שטאָדט; אין דער דאָזיגער אַרבייט האָבען אַנטייל גענומען אויך די אידען. איינער פון די דאָרטיגע רבנים, רב מרדכי יוסף מיוחס, האָט דערוועקט די אידען אַנטייל צו נעהמען אין דער אַרבייט אפילו אויך אום שבת און האָט אליין זיי געגעבען אַ ביישפּיעל מיט זיין אַרבייט. באָנאַפּאַרט האָט אפילו געהאַט אַרויסגעלאָזען אַנאויפרוף צו די אידען פון אַזיען און אַפריקאַ, אַז זיי זאָלען צושטעהן צו איהם, צוזאָגענדיג זיי, אַז ער וועט זיי אָבגעבען צוריק ארץ ישראל און אָבבויען ירושלים, ווי זי איז געווען פאַרצייטען. מען זאָגט, אַז, צוליעב דעם דאָזיגען אויפרוף, האָבען פיעל אידען אין סיריען זיך פערזאַמעלט, מלחמה צו האַלטען אויף דער שטאָדט אַלעפּאַ. אָבער די אידען פון ירושלים האָבען ווענינ וואָס געטרויט די גוטע הבטחות פון נאַפּאָלעאָן, אָדער זיי האָבען כלל נישט געוואוסט וועגען דעם דאָזיגען אויפרוף. עס איז אויך מעגליך, אַז נאַפּאָלעאָנ'ס כונה איז געווען בלויז צו ציהען אויף זיין צד דעם אידישען מיניסטער ביים פּאַשאַ פון עכו, רבי חיים מעלים פרחי (דערהרג'עט געוואָרען אין יאָהר 1820), וועלכער איז געווען דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דער פערטיידיגונג פון דער פעסטונג ביי עכו אויפ'ן ברעג ים — אַנ'אָרט, וועלכער איז געווען זעהר וויכטיג פאַר נאַפּאָלעאָן. דער דאָזיגער אידישער מלוכה־מאַן, וואָס זיין פאָטער, רבי שאול פרחי, איז געווען פינאַנץ־מיניסטער ביים פּאַשאַ פון דמשק, איז געווען זעהר געטריי די טערקען און האָט געפיהרט די מלחמה געגען די פראַנצויזען, שטיצענדיג אויך די ענגלענדער אין זייער קאַמף געגען נאַפּאָלעאָן. ער איז געווען זעהר בעליעבט אי ביי די

אידען, אז ביי די מחמד'אנער, און, מעגליך, אז אויב ער וואלט איבערגעגאנגען צו נאפאלעאן, וואלטען אויך די רעזולטאטען פון זיינע מלחמות געווען אנדערע און ער וואלט אויך פאר די אידען מקיים געווען, לפחות, א טייל פון זיינע הבטחות.

אבער די בעלאגערונג אויף עכו איז געווען פאר נאפאלעאנען זעהר אונגליקליך. תחלת האבען די פראנצויזען געהאט דארט א מפלה און זענען געשטאנען דארט אין גרוים סכנה גאר אומצוקומען, נור, א דאנק נאפאלעאנ'ס גאונות אין דער מלחמה־קונסט, האט די פראנצויזישע ארמעע זיך אויסגעדרעהט פון דער שוועהער לאגע. אינ'ם טהאל יזרעאל (עזדרעלאן) ביי בארג תבור, וואו עס זענען נאך אין די אלטע צייטען פארגעקומען גרויסע מלחמות, האבען פיער טויזענד פראנצויזען אבגעהאלטען א נצחון איבער א טערקישער ארמעע, וואס איז געווען זעקס מאל אזוי שטארק, און האבען איהר געבראכט א פאלקאמע מפלה. אבער די פעסטונג עכו האט נאפאלעאן נישט געקאנט איינעהמען; ער האט געמוזט זיך אבזאגען פון דער בעלאגערונג און געהן צוריק קיין מצרים. באנאפארט'ס ערשיינען אין מצרים איז גלייך געווען צו א שרעקליכען מעטעאר, וועלכער איז פלוצלונג פערשוואונדען געווארען, נאכדעם ווי ער האט דארט געמאכט געוואלדיגע שאדענס. זיין חלום, צו ווערען קייזער פון מזרח־לאנד און אבצוגעבען די אידען ירושלים צוריק, איז געשווינד פערגעסען געווארען. זיין גרויסען שם אבער, אלס גבור און פעלדהערר, האט נאפאלעאן באלד צוריק בעקומען. אין דער מלחמה נעבען אבוכיר האט ער פערניכטעט א גרויסע טערקישע ארמעע, ווי א טשערעדע שעפסען. נאר וועהרענד אלע האבען געמיינט, אז נאפאלעאן געפינט זיך אין מזרח־לאנד, איז ער פלוצלונג ערשינען אין פראנקרייך און, נאך איידער דאס אכצעהנטע יאהרהונדערט האט זיך געענדיגט, איז ער געווארען דיקטאטאר אין פראנקרייך, וואו עס האט געהערשט אנ'אנארכיע, צוליעב דעם גרויסען פארטיי־קאמף (9—11 נאוועמבער 1799).

באנאפארט האט אבגע'הרג'עט די פראנצויזישע פרייהייט, דערהויבענדיג דעם כבוד פון שווערד, פון דער ווילדער קראפט געגען די גוטע בירגערליכע מדות; אבער איין זאך האט ער בעפעסטיגט, וואס די רעוואלוציע האט אויסגעקעמפט: די אלגעמיינע גלייכקייט. זי האט בעזונדערס פיעל גוטס געבראכט די אידען. איצט איז זי שוין מעהר נישט געווען אבהענגיג פונ'ם גוטען, אדער שלעכטען ווילען פון איין געוועלטיגענדער פערזאן, נאר זי איז טיעף אריינגעדרונגען אין די געמיטער פון פראנצויזישען פאלק אין משך פון צעהן יאהר קרעמפפונגען פון דער רעוואלוציע. עפּעס וואס האט אבער נאך פארט געפעהלט די פראנצויזישע אידען צו זייער פאלקאמער גלייכקייט. אלס בירגער, זענען די אידען אין יעדער הינזיכט גלייך געווען מיט די פראנצויזען אין דער צייט פון קאנסולאט, דאס הייסט, ווען נאפאלעאן האט געוועלטיגט אלס קאנסול, ווי אויך דאן,

ווען ער איז געוואָרען שפּעטער קייזער. אבער בשעת מען האָט צוריק איינגעפיהרט דעם אלטען קולט און געשלאָסען דעם קאָנקאָרדאַט (אָבמאַך) מיט דעם פּויפּסט, איז דער עפענטליכער קולט פון יודענטום נישט פעסטגעשטעלט געוואָרען. באָנאַפּאַרט האָט זיך געוואָקעלט אין זיין אַנשויאונג איף דעם יודענטום. ער האָט געשפּירט דעם העכסטען געפיהל פון כבוד פאַר איהם, אבער אין דער זעלביגער צייט—אויך די נידעריגסטע פעראַכטונג. זייענדיג א גוטער מבין אויף דער בעדייטונג פון די געשיכטליכע מעשים, וועלכע לעבען איבער אין זייער קאַמף אלע שטערונגען און שוועריגקייטען, האָט נאַפּאָלעאָן פערשטאַנען אויך אָבצושאַצען דעם גרויסען ווערט פון יודענטום, וועלכער האָט איבערגעלעבט אזוי פיעל שטורמס און רדיפות. אבער איהם איז שווער געווען צו דערקענען די גרויסקייט פון אידישען פאָלק אין זיין עלענדער און ערנידעריגענדער לאַגע און דעריבער האָט ער זיך אויך געהאַלטען ביי די זעלביגע פאַלשע מיינונג וועגען אידען, ווי עס האָט זיי געהאַלטען דער פּראָסטער המון, בפרט נאָך אז ביי אידען גופא האָבען אויך נישט אלע גוט פערשטאַנען דעם גרויסען ווערט פון יודענטום און זיין הויכע בעדייטונג.

באָנאַפּאַרט האָט זיך דעריבער געוואָקעלט, ווי אזוי מען דאַרף זיך בעציהען צו די אידען בשעת'ן איינאָרדנען דורך א געזעץ די פראַגע וועגען די רעליגיאָנען. די הייליגע פּרינציפּען פון געוויסענס-פרייהייט, ווי אויך דאָס גרויז-גרויע עלטער פון יודענטום האָבען געפאָדערט, אז מען זאָל זיך נישט אַריינמישען אין די אינערליכע ענינים פון יודענטהום; אבער זיין נאַציאָנאַלער כאַראַקטער און, בעזונדערס, די צולאָגען, וואָס זענען אַנגעוואַקסען אויפ'ן יודענטום אין משך פון טויזענדער יאהרען, האָבען דערוועקט שטאַרקע ספיקות ביי נאַפּאָלעאָנ'ען און זיינע יועצים, אויב מען זאָל איהם אַנערקענען אינגאַנצען אין זיין איצטיגער פאָרם. ער האָט דעריבער אָבגעלעגט דערוויל די פראַגע וועגען איינאָרדנען דעם אידישען קולטוס.

פערלאג „יהודיה"

אידישע פאלקס-געשיכטע

פון

פראפעסאר צבי גרעטץ

איבערזעצט דורך י. שפירא

פופצעהנטער באנד

ווארשא, תרצ"ב

Druk. „Renoma" Warszawa, Karmelicka 17.

די רענעסאנס־עפאכע.

דריטעס קאפיטעל.

(פארטזעצונג).

די פראנצויזישע רעוואלוציע און די גלייכבערעכטיגונג

(1806—1789)

אין דער צייט, וואס עס האט זיך בעפעסטיגט די אידישע גלייכבערעכ-
טיגונג אין פראנקרייך, האלאנד, איטאליען און אין אלע קלענערע מדינות,
וואס פראנקרייך האט איינגענומען, זענען די אידען אין עסטרייך, פריי-
סען און אין הונדערטער קלייניגקע דייטשע מדינות געבליבען אין זייער
פריהערדיגער שפלות. לעסינגס „נתן דער חכם“ און „דאהם'ס
עמאנציפאציאנס בראשורע“ האבען געבראכט נישט
פיעל נוצען דאמאלס פאר די אידען. די אבערגלויבישע שנאה צו די
אידען האט זיך נאך פערשטארקט, אויף וויפיעל דאס איז נאר מעגליך
געווען. אזעלכע אידען־פיינדליכע שריפטשטעלער, ווי קעלבעלע האבען זיך
געמעהרט. די דייטשען זענען אליין געווען אזוי שטארק פערקנעכטעט אי
גייסטיג אי פאליטיש, אז פאר זיי איז געווען א אמת'ע נחמה, צו זעהען,
ווי די אידען זענען נאכמעהר פאר זיי ערנידעריגט, פערקנעכטעט און פער-
אכטעט. זעהענדיג אונטער זיך א גאנצען קלאס מענשען, וואס זענען אין
נאך א גרעסערע שפלות, ווי זיי,— מענשען, פון וועלכע זיי קאנען אבשפא-
טען, וועלכע זיי קאנען רודפ'ן און שלעכטס טהון, האבען זיי געשפירט
זיך אליין שוין פאר פרייע בירגער אפילו אין בערלין גופא, וואו עס האט גע-
וועלטיגט די פילאזאפיע, האט מען נישט אריינגענומען די אידישע דאק-
טוירים אין דער אלגעמיינער רשימה פון דאקטוירים (קריסטליכע), האטש
זיי זענען געווען בעריהמט אין זייער מעדיצינישען פאך; די אידישע דאק-
טוירים האבען געמוזט לעבען אבגעזונדערט, א שטייגער ווי אין א געטא
צווי פון די גרעסטע דאמאלדיגע דייטשע מענשען. דער גרעסטער דיכטער
געטהע און דער גרעסטער דיהטער פיכטע. זענען צוזאמען מיט אלע
דייטשען געווען פיינדליך געשטימט פאר די אידען און האבען זייער שנאה

כלל נישט בעהאלטען פאר דער וועלט. געטהע, דער פערטרעטער פון די אריסטאקראטישע דייטשע קרייזען, און פיכטע, דער קעמפפער פאר דער דעמאקראטישער ריכטונג אין דייטשלאנד —ביידע האבען געהאט א גלייכען פערלאנג אין בעציהונג צו אידען: צו זעהען זיי וואס ווייטער פון דייטשלאנד, א שטיינער, ווי די אידען וואלטען געווען אנגעשטעקט מיט מגפה. ביידע זענען זיי אפילו געווען געגנער פון דער קריסטליכער קירכע, ביידע האבען זיי אפילו געקוקט אויפ'ן קריסטענטום מיט זיין אמונה אין מופתים, ווי אויף א שגעון און ביידע זענען זיי געווען אטעאיסטען (כופרים), און פונדעסטוועגען האבען זיי ביידע פיינד געהאט אידען דוקא אין קריסטוסעס נאמען. שילדערנדיג אין זיין „ווילהעלם מייסטער" א אידעאלע מלוכה, וואו די געזעלשאפט לעבט זיך אין פערגעניגען און אין נחת, נעמט געטהע נישט אריין אין דער דאזיגער געזעלשאפט קיין אידען. ווייל „מיר קאנען נישט סובל זיין קיין אידען צווישען אונז, וועלכע לייקענען אב אין דעם קוואל פון דער קולטור (דאס הייסט: אין קריסטוס'ן")".

צי זאל מען געבען די אידען בירגער־רעכט? פיכטע זאגט זיך שארף ארויס נעגען דעם. אפילו אין דער „קריסטליכער מלוכה", וועלכע ער האט געהאלטען פאר עלענד בעשעפעניש, וואס איז נעגען דעם פאלקער־רעכט און נעגען דעם געזונדען פערשטאנד,— אפילו דארט האט ער געהאלטען פאר אונמעגליך, צו געבען די אידען בירגערליכע רעכט.

אבער אויב די אידען האבען נישט נושא חן געווען ביי די טאן־געבער פון די אריסטאקראטישע און דעמאקראטישע קרייזען, טא ווי שטארס האט געמוזט זיין די שנאה צו זיי אין המון, וועלכער איז נאך גאר געווען האלב ווילד און בארבאריש!— אמת אפילו, עס האבען זיך געפונען צוויי ארענטליך דענקענדע דייטשען, וועלכע האבען זיך געווענדעט מיט ווארעמע און איבערצייגענדע רייד צום קאנגרעס אין ראשטאדט, בעטענדיג, אז מען זאל ארא בנעהמען די קנעכטשאפט־חרפה פון די אידען אין דייטשלאנד, אבער די דאזיגע צוויי מענשען זענען געווען יחידים. איינער פון זיי, אן אונבעקאנטער מענש, האט אבגעשפאטעט פון דער דייטשער עקשנות אין זייער בעציהונג צו די אידען; דער אנדערער, כריסטיאן גרונד, האט דערוויזען מיט לאגישער איבערצייגונג, ווי גרויס עס איז די רשעות, וואס מען ווייזט ארויס די אידען. זיי ביידע האבען געוואלט שטיצען די האלענדישע אידען, וועלכע האבען, ווי שוין דערמאנט, זיך געמיהט, אז מען זאל צווינגען די דייטשע פירשטען, צו בעציהען זיך מיט גערעכטיגקייט צו די אידען. און אט האבען זיי געוואלט איצט ווירקען דורך זייערע שריפטען אויף דער געזעלשאפטליכער מיינונג אין דייטשלאנד. גרונד האט געמאכט די דייטשען קאמפלימענטען, כדי צו ווירקען אויף זיי דורך חניפה. „פאר'ן דייטשען פאלק—האט ער געשריבען — וואס איז פעהיג אליין אויפצוטהון גרויסע מעשים, נישט נאכטהועדיג נאך אנדערע, טרעטען איצט ארויס די דייטשע אידען מיט הכנעה און בעטען, אז מען זאל פון זיי

אראבנעהמען דעם שווערען יאָך און געבען זיי פערשידענע זכיות".— אין ענטפער פון די דייטשע פירשטען און געוועלטיגער געפינען זיך וועניג וואָס הבטחות פאַר די אידען.

דער גרעסטער אונכבוד פאַר די אידען איז'ם קאָפּ-אָבצאָהל, וועלכען מען האָט אין אנדערע לענדער, ווי דייטשלאַנד אפילו נישט געקענט מיט'ן נאָמען. אמת, דער קייזער יאָזעף דער צווייטער האָט איהם אָבגעשאפט אין עסטרייך און פרידריך ווילהעלם דער צווייטער—אויך אין פרייסען; אָבער ער האָט זיך נאָך געהאַלטען אין זיין גאנצער שענדליכער פאָרם אין מיטעל-און מערב-דייטשלאנד, אין די געגענדען פון די טייכען מאַין און רהיין, וואו קליינינקע מלוכה'לעך, א פּאָר קוואדראַט-מיילען גרויס, האָבען זיך געגרענעצט איינע מיט דער אנדערער אין גרענעץ-טהויערען (שלאַג-בוימען, ראָגאָטקעס, זאַסטאַוועס) זענען געשטאַנען כמעט איינע נעבען די אַנדערע, אויב אַ איד האָט געברויכט נאָר איין טאָג צו זיין אויף דער רייזע, איז איהם אויסגעקומען אריינצוקומען אין עטליכע פערשידענע מלוכות און איבעראַל צאָהלען דעם קאָפּ-אָבצאָהל ביים דורכפאָהרען דעם גרענעץ-טויער. אָבער מעהר נאָך ווי דאָס צאָהלען געלד, האָט געדריקט די אידען די חרפה און שפלות, וואָס זיי האָבען געליטען ביי'ם אָבגעבען דעם אָבצאָהל. טיילמאָל איז דער גאנצער אָבצאָהל בעשטאַנען סך-הכל אין עטליכע פעניג, אָבער די גראָבקייט, מיט וועלכע די דייטשע בעאַמטע פלעגען זיך דערביי בעגעהן געגען די אידען האָט בעליידיגט שטאַרק אויך די רייכע אידען, פאַר וועלכע דאָס געצאָהלט גופא איז געוועזען אַ קלייניגקייט. די גאַנצע צייט, וואָס די פראַנצויזישע אַרמעען האָבען געהאלטען בעזעצט דייטשלאנד, זענען די אידען פריי געוועזען פון דאָזיגען אָבצאָהל. ווי נאָר אָבער די פראַנצויזען האָבען זיך אַרויסגעצויגען פון לאנד צוליעב דעם שלום-אָבמאַך פון לינעוויל, האָבען די קליינע דייטשע פירשטען באלד ווידער איינגעפיהרט דעם קאָפּ-אָבצאָהל און דערביי האָבען זיי נישט אַזוי שטארק געיאָגט זיך נאָך דער קליינער הכנסה, ווי כדי צו דערנידעריגען און זיי מבזה צו זיין. אויך ביי די פראַנצויזישע אידען, וועלכע פלעגען געשעפטסהאַלבער קומען אין די רהיינקאַנטען, האָבען זיי דעם קאָפּ-אָבצאָהל געפאָדערט. דערביי האָבען זיי זיך סומך געווען אויפ'ן אות פון אבמאַך, אין וועלכען עס איז געשטאַנען, אַז אַלע האַנדעלס-געשעפטען אין רייזע-ענינים בלייבען אין זעלבינען צושטאַנד, ווי זיי זענען געווען פאַר דער מלחמה. די פראַנצויזישע אידען, שטאָלץ מיט זייער גלייכבערעכטיגונג, האָבען זיך בעקלאָגט דערויף ביי זייער רעגירונג, וועלכע האָט אויפגענומען די זאַך נישט לייכט. דער רעגירונגס-קאָמיסאַר זשאָליווע (Jollivet) האָט געשיקט אַ צירקוליאר צו די קאָנסולען (געשעפטס-טרעגער) פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק ביי די דייטשע קעניגליכע הויפען, אז זיי זאָלען נישט סובל זיין, דאָס מען זאָל די פראַנצויזישע בירגער פון אידישען גלויבען דערנידעריגען, ווי

היימישע פיה (1801). איניגע קליינע פירשטען האָבען שטיל נאָכגעגע־בען דער דאָזיגער פאָדערונג און מבטל געמאַכט דעם אָבצאָהל פאר די פראַנצויזישע אידען; פאר די דייטשע אידען דאגעגען איז דער אָבצאָהל געבליבען אין זיין גאנצער העסליכער פאָרם. יעדער שריט אראָבצוואַרפען די שווערינקייטען האָט געקאָסט אין דייטשלאנד פיעל שוויים.

דורכ׳ן שלום פון לינעוויל איז די הייליגע רוימישע מלוכה (דייטש־לאנד) צום ערשטען מאָל צוברעקעלט געוואָרען. די מלוכה־דעפּוטאציע, וואָס האָט זיך געפונען אין רעגענסבורג, האָט געדארפט אריינברענגען האָטש א וועלכע עס איז אָרדנונג אין די צובראָכענע אברים פון דער דייטשער מלוכה, אָדער אומקעהרען די שאָדענס יענע פירשטען, וועלכע האָבען דאדורך געליטען. און צו אָט דער דאָזיגער קאָנפערענץ פון אכט דייטשע פירשטען, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט שאַכערען די דייטשע לענדער, האָבען די דייטשע אידען אַריינגעשיקט אַ ביטע, צו געבען זיי דאָס פּאַסיווע בירגער־רעכט (15־טען נאָוועמבער 1802). זיי האָבען פערלאַנגט, אז די דייטשע דעפּוטאציע זאָל אַראָבנעהמען פון די דייטשע אידען דעם שווערען יאָך, אונטער וועלכען זיי זיפצען איבעראַל, עפענען פאר זיי דעם „תחום״—די ענגע ערטער, אין וועלכע זיי האָבען געלעבט איינגעשפאַרט, אַראָבנעהמען די שווערע בעגרענצונגען, וועלכע האָבען ארומגעצוימט זייער האַנדעל, זייערע פּראָפעסיעס און זייער בעפעלקערונג, און בעזונדערס, אז מען זאָל די אידישע קהלות געבען דאָס פּאַסיווע מענשען־רעכט, אז זיי זאָלען גלייך ווערען מיט די דייטשע בירגער און קאָנען זיך רעכענען פאַר איין דייטשע פאָלק מיט זיי צוזאַמען.— די אידען, אָדער ריכטיגער, זייער בעפולמעכטיגטער כריסטיאַן גרונד, האָבען אנגעוויזען, אז זיי שטעהען אויף איין מדרגה מיט „די נידעריגסטע אין פאָלק, מיט די געשענדעטע, מיט די שקלאַווען״. זיי האָבען אָנגעוויזען אויפ׳ן ביישפּיעל פון פראַנקרייך און פון דער באטאווישער (האָלענדישער) רעפּובליקען, וואו די אידען האָבען בעקומען גלייכבערעכטיגונג.— עס איז שווער צו גלויבען, אז די אידען האָבען דאמאָלס באמת געהאָפט, דאָס עס וועט זיי געלינגען עפּעס וואָס רעכטס צו בעקומען פון דער מלוכה־דעפּוטאציע. זיי האָבען אבער געהאָפט, לפּחות, אז זי וועט זיי בעפרייען פון קאָפּ־אָבצאָהל. גאנץ אונערווארטעט איז די דאָזיגע ביטע איבערגעגעבען געוואָרען דער דעפּוטאציע דורך איהר אָנגעזעהענסטען מיטגליעד,— דעם קור־בעהמישען, אדער עסטרייכישען געזאַנדטען, וועלכער האָט די ביטע אויך אונטערשטיצט. ער האָט נאָך דערביי מוסיף געוועזן א פאָרשלאג, צו געבען די אידען גלייכבערעכטיגונג אין דייטשלאנד. (סוף 1802). אבער די קאָנפערענץ איז געוועזן צו שטארק פערנומען מיט פיעל אנדערע ענינים און אנגעלעגענהייטען, אז זי האָט זיך געזאָלט אָבגעבען מיט דער אידישער פראַגע. די אידישע ביטע האָט געפונען איהר שטילען קבר אונטער די מלוכה־אַקטען.

די יעניגע אידען, וועלכע האָבען אויפמערקזאַם בעאָבאַכטעט די ענינים אין דייטשלאַנד, האָבען ריכטיג איינגעזעהען, אז ביי׳ם דייטשען פאָלק און אַלע זיינע פאַרשטעהער וועלען ווייניג וואָס פועל זיין, און דעריבער האָבען זיי אנגעהויבען אָנצווועדען אַלע זייערע בעמיהונגען צו פועל׳ן ביי די איינציגע רעגירונגען, דאָס מען זאָל דעם קאָפּ-אָבצאָהל מבטל מאַכען. בעזונדערס שטאַרק האָבען זיך משתדל געווען וועגען אָבטהון די דאָזיגע חרפה פון אידען צוויי מענשען, **רבי ישראל יעקבסאָן** (געבוירען אין האַלבערשטאַדט 1769 געשט. אין בערלין 1828) און **רבי וואָלף ברייטענבאַך** (געבוירען נעבען קאַסעל 1751 געשט. אין אפענבאַך 1824). דער ערשטער איז געווען הויף-אַגענט און פינאַנז-ראַט פון פירשט פון ברוינשווייג און האָט ביי איהם געפועל׳ט, אז מען זאָל מבטל מאַכען דעם קאָפּ-אָבצאָהל אין די לענדער ברוינשווייג — לינעבורג (23-טען אפריל 1803). וויכטיגער און גרעסער איז געווען די השתדלות פון צווייטען, **רבי וואָלף ברייטענבאַך**, וועלכער איז געווען הויך געבילדעט און א גרויסער וואָהלטעטיגער מאַן, דערצו אזאַ עניו, אז מען האָט שיער נישט פערגעסען אַלע זיינע גרויסע מעשים, וואָס ער האָט אויפגעטהון פאַר דעם דאָזיגען פאָלק אין דייטשלאַנד; ער האָט כלל נישט געזאָרגט, ווי יעקבסאָן, אז זיין נאָמען זאָל ווייט און בּרייט מפורסם ווערען. קומענדיג אלס ישיבה-בחור קיין פראַנקפורט, וואו ער האָט געלערנט תורה און געלעבט אין דחקות, האָט ער זיך בשתיקה געווידמעט אויך דעם שטודיום פון מענדעלסאָנס ווערק און זיך בעקאַנט געמאַכט מיט די השכלה-ספרים פון די „מאַספים“. ער האָט זעהר גוט געקענט העברעאיש און מיט פיעל געשמאַק איבערזעצט פון העברעאיש אין דייטש; מיט דעם בעוואוסטען מדקדק **רבי וואָלף היידענהיים**, איז ער געווען זעהר בעפריינדעט און האָט איהם שפּעטער געשטיצט אי מיט געלד, אי מיט ליטעראַרישער אַרבייט אין זיינע אויסגאַבען.— ווי אזוי איז געקומען דער ישיבה-בחור ברייטענבאַך צו עשירות? ער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער אין שאַך-שפּיעל. עפּעס א באַראָן, צי א פירשט, וועלכער איז געווען א גרויסער ליעבהאָבער פון שאַך-שפּיעל, האָט צופעליג זיך בעקענט מיט איהם און אריינגעבראַכט צו זיך אין הויף אַריין. איבערצייגענדיג זיך, אז ער איז זעהר ערליך און אָרענטליך, האָט ער איהם אָנגעטרויט צו פיהרען זיינע עסקים און האָט איהם אויך געבאָרגט בעדייטענדע סומעס געלד, צו גרינדען א באַנקיר-געשעפט און א האַנדעלס-הויז פון דימענטען. ברייטענבאַך האָט זיך אַרויסגעוויזען אויך פאַר אַ געשיקטען סוחר, ווי ער איז געווען א גוטער שאַך-שפּילער, און איז געוואָרען הויף-אַגענט ביי פיעל קליינע דייטשע פירשטען. זעהענדיג אליין אין זיינע אָפטע רייזען, וויפיעל די אידען ליידען פון קאָפּ-אָבצאָהל אויף די גרענעצען אין דייטשלאַנד, האָט ער אָנגעהויבען שטיל און אָהן טומעל צו אַרבייטען אויף צוצוברעכען די דאָזיגע ענדגילטיג דאָרט, וואו זי האָט אַממייסטען געדריקט. אזוי איז איהם געלונגען

צוערשט צו פועל'ן (1803) דאָס ביי'ם פירשט, ביי וועלכען ער איז געווען קאמער-אַגענט (געשעפטס-פיהרער). ברייִדענבאך האָט אבער איינגעזעהען, אז מען וועט מוזען האָבען גרויסע סומעס געלד, כדי צו פיהרען די דאָזיגע השתדלות אין א גרויסען מאַסשטאב: מען וועט דארפען געבען גרויסע מתנות דער פּאָליציי און די גלחים, וועלכע האָבען עס גענומען כלומרשט „פאר די אָרעמע לייט", און מען וועט אויך דארפען מאכען „שענע מאָנומענטען פאר די איידעלע פירשטען, כדי עס זאָל ביי אלעמען דאָס הארץ ווייך ווערען און זיי זאָלען אויפהערען די אידען צו פייניגען". ער האָט דעריבער אַרויסגעלאָזען א אויפרוף צו די דייטשע און אויסלענדישע אידען (סוף סעפּטעמבער 1803), אז מען זאָל אַנזאמלען א קאפּיטאל געלד, וואָס איז נויטיג, כדי צו דעקען די הוצאות ביי דער השתדלות מבטל צו מאַכען דעם קאָפּ-אָבצאָהל. דורך די דאָזיגע מיטלען און דורך זיין פּערזענליכער אונטערהאלטונג מיט די קליינע דייטשע פירשטען ביי'ם דייטשען מלוכה-ראַט אין רעגענסבורג, מיט דער מיטווירקונג פון מלוכה-קאנצלער דאלבערג, איז איהם געלונגען דורכצופיהרען די פרייהייט פון דורכפאָהרען אהן א אָבצאָהל פאר די אידען אין דער געגענד פון רהיין און אין בייערן. אפילו אויך דער פראַנקפורטער ראַט, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין שנאה צו אידען און קאַרגקייט אויף צו געבען הנחות, — אפילו ער האָט אויך מבטל געמאַכט אויף ברייִדענבאַכ'ס השתדלות דעם קאָפּ-אָבצאָהל ביי די טויערען פון שטאָדט און אויף דער בריק.

די ביטע, וואָס די אידען האָבען אַנגעגעבען דער מלוכה-דעפּוטאַציע, אז מען זאָל זיי געבען, לפחות, א בעגרענעצטע בירגערליכע רעכט און די נטיה פון א טייל פירשטען אראָבצונעהמען פון די אידען דעם שווערען קנעכטישען יאָך, ווי אויך נאָך פיעל אַנדערע גינסטיגע סימנים פאַר די אידען, האָבען געוואָרפען אַנ'אימה אויף אלערליי אידען-פרעסערס, וועלכע האָבען בשום אופן נישט געקאָנט בעגרייפען, ווי אזוי מען קאָן עס דערלאָזען, אז די פעראכטעטע אידען אין דייטשלאַנד זאָלען זיך דערהויבען פון זייער שפלות און ווערען פרייע לייט. דאָס דאָזיגע דריקענדע געפיהל האָט דערוועקט א גאנצע כנופיא שריפטשטעלער אין פערשידענע טיילען פון דייטשלאנד, אז זיי זאָלען זיך דערהויבען, ווי אויף א געמיינזאמער אָבריידונג, צו קעמפען מיט דער גרעסטער אַנשטרענגונג געגען דער אידישער בעפרייאונג פון דער קנעכטשאפט. אין שפּיץ פון די דאָזיגע שריפטשטעלער זענען געשטאנען פּ א אָ ל צ אָ ו ו ג ר אָ ט ע נ ו י ע ר, בוכהאָלץ און אַרום זיי פיעל אַנדערע, מענשען אָהן א נאָמען, וועלכע האָבען ארויסגעוויזען (אין די יאהרען 1803—1805) אזא פערביסענע גיפטיגע שנאָה צו אידען, דאָס מען האָט זיך געמוזט דערמאָנען אָן דער צייט פון דער

צער מגפה, פון קאָפּיסטראַנא און פון די דאָמיניקאַנישע גלחים, וועלכע האָבען פערשפּרייט א קינסטליכען נעבעל, כדי צו שטערען דאָס פערטעג ניד פון די ליכטיגע שטראַהלען. אין די פריהערדיגע צייטען

עס געווען בעזונדערס די גלחים, וועלכע פלעגען לעסטערען דאס יודענטום
און ארויסברענגען אלערליי רכילות אויפ'ן אידישען פאלק; איצט האבען
די פארשטעהער (פריעסטער) פון דער גערעכטיגקייט איבערגענומען די
ראליע צו האלטען די אידען אין קנעכטשאפט דורך דעם פערדרעהען
דאס רעכט און גערעכטיגקייט. די מייסטע עקשנות'דיגע פערטרעטער פון
דער דאזיגער אידען־פיינדליכער בעוועגונג האבען זיך געפונען אין בער־
לין—די שטאט פון דער אויפקלערונג (השכלה) אין דעם קריסטענטום פון
שלייערמאכער. דער האראקטער פון דער אידישער תורה, די אידישע פער־
גאנגענהייט ביז אויף די נביאים און די אבות, מיט איין ווארט: אל"ז,
וואס האט נאר געהאט א שייכות צו אידען און גע'שמ'ט אלס אידיש האָ־
בען די דאזיגע שריפטשטעלער געשענדעט און געלעסטערט. מיט דער בי־
טערסטער גאל אבער האט בעגאסען די אידען ג ר א ט ע נ ו י ע ר, וועלכער
האט זיך בעריהמט, אז ער איז דער אידישער המן. דאס גאנצע דייטשע
פאלק, די הויכע, ווי די נידעריגע, האבען געדארפט דערוועקט ווער־ען
געגען די אידען און אנציינדען זיך מיט א שנאה צו זיי. א גאנצען פאס
האט ער אין זיינע שרייבעכצען אויסגעגאסען אויף די אידען. ווי מען
האט דערצעהלט , האט א געוויסער קריסט פון די הויכע פריצים איהם
געגעבען צוויי טויזענד טאלער פאר זיין דאזיגער ארבייט, צו שענדען
אידען; דער קריסט האט, נעמליך, נישט געקאנט סובל זיין די אידישע
גדלות אין בערלין אין זייערע סאלאנען ביי הענריעטע הערץ און אנדערע.
ג ר א ט ע נ ו י ע ר איז אבער אליין אויך געווען א פערביסענער שונא־
ישראל; ער האט מיט בעדויערן זיך געקלאגט, פארוואס עס איז אונמעג־
ליך געווארען צו דער'הרג'ענען א אידען אהן בעשטראפונג. די שענדליכ־
סטע זידלערייען און חרפות מיט רכילות אויף אידען האט ער אויסגע־
גאסען אין זיין „י ו ד ע נ ש פ י ג ע ל", וואו ער חזר'ט איבער אלע רכילות
פון אייזענמענגער, צולעגענדיג נאך אייגענע אויסגעטראכטע מעשה'לעך
וועגען הויכגעשטעלטע קריסטען, וואס אידען האבען דער'הרג'עט.

בעזונדערס שטארק האבען אנגעריהרט גראטענויער'ס גיפטיגע פיילען
צוויי קרייזען פון דער בערלינער אידישער וועלט, וועלכע האבען געמיינט,
אז זיי זענען שוין גאר בעווארענט פון אזעלכע אנפאלען, ווייל זיי האבען
זיך געשעמט מיט זייער אידישער אבשטאמונג. דאס זענען געווען די „גע־
זעלשאפט פון די יונגע אידען" און דער סאלאן פון הענריעטע הערץ,
וועלכע גראטענויער רופט אן ציניש: „די שענע אידינעס". גראב און שמערצ־
ליך האט גראטענויער זיי דערמאנט, אז זיי זענען אידען און האט אבגע־
שפאט פון הענריעטען, ווי אויך פון רחל לעווין, וועלכע האבען אליין זיך
געהאט אבגעווענדעט פון יודענטום. וועגען די ערשטע, שרייבט גראטע־
נויער: „איך האב געהערט זאגען, אז די עלעגאנטען צווישען די אידען
שפירען זיך בעליידיגט דורך מיינע שריפטען. כ'פערשטעה גאר נישט, ווי
אזוי האב איך דען געקאנט ריידען וועגען אידישע עלעגאנטע מענשען.

אזעלכע זענען ביי אידען כלל נישטאָ. הונדערטער יונגע אידען בעמיהען זיך אויפצופיהרען עלעגאנט און מיינען, אז דאָס איז זיי געלונגען; אבער זוער עס קען נעהנטער די דאָזיגע לייט, די לאָרדען פון שבט לוי, די באַ-האַנען פון שבט אפרים און דעם אדעל פון שבט מנשה, דער ווייס, אז קיין גרעסערע עזות-פנים'ער און גראָבע יונגען, ווי זיי, זענען נישטאָ, און זיי זענען אַנ'אמת'ע קרעץ אין דער געזעלשאַפט פון אנשטענדיגע מענשען. די פרומע אידען רופען זיי אפיקורסים, דען זיי גלויבען נישט אין גאָט, נישט אין תורת-משה, נישט אין תלמוד, נישט אין די רבנים. איין מעלה האָבען זיי נור, וואָס זיי גיבען אוים פיעל געלד, ווייל דאַדורך מוזען זיי קומען צו אָרימקייט, וועלכע רואינירט די אידישע קראַפט, וואָס איז גע-בויט נאָר אויף עשירות דורך מעשים פון אונגערעכטיגקייט. די התפעלות, מיט וועלכער זיי רעדען וועגען געטהע, שילער און שלעגעל שמעקט מיט שגעון". — וועגען די אידישע פרויען שרייבט ער: „זיי לעזען פיעל ביכער, לערנען פיעל שפראַכען, שפּיעלען אויף אַלרליי אינסטרומענטען, מאָלען מיט אלע פארבען, טאנצען אלע טענץ און האָבען אלע מעלות פון פרויען, נאָר וואָס עס פעהלט זיי דער גוטער געשמאַק, וואָס זאָל אַט די אלע מעלות בע'חנ'ען און פערשיינערען. דעם געשמאַק וועלען זיי נישט קויפען אין פּאַ-ריז, וויען, אדער בערלין אויב זיי זאָלען אפילו זייער לעבען-לאַנג זיך הבר'ן מיט פרינצען, פירשטען, גראַפען און הויכע לייט"...

די טאָן-געבער פון דער אידישער קהלה אין בערלין האָבען זיך נישט געקענט געבען קיין עצה, ווי אזוי צו מאַכען אַ סוף צו דער דאָזי-גער סיסטעמאַטישער העצע געגען די אידען. דוד פרידלענדער האָט גע-שוויגען, בן-דוד האָט זיך געקליבען עפּעס וואָס געגען דעם צו שרייבען; אבער ער האָט איינגעזעהען, אז דאָס וועט קיין נוצען נישט ברענגען און האָט אויך געשוויגען. די צייטען האָבען זיך געביטען. אין מענדעלסאָנס צייי-טען און נאָך שפּעטער האָבען די דייטשע אידען געמוזט אַרויסטרעטען, ווי אפּוטרופּסים און שתדלנים פאַר די פראַנצויזישע אידען, יעדעם מאָל, ווען מען פלעגט זיי בעזונדערס שטאַרק אָנטרעטען. איצט האָט די פרייהייט געמאַכט די פראַנצויזישע אידען אזוי פוליעהריג און שטאַרק מיט זייער אייגענער קראַפט, אז זיי האָבען אליין געקעמפט געגען יעדערן, וואָס האָט זיך דערוואויגען אָנצוריהרען זייערע רעכט, אדער זייער רעליגיאָן. די בערלינער אידען דאַגעגען, וועלכע זענען שטענדיג אַרויסגעטראָטען שטאָלץ זענען ביים ערשטען אָנפאַל אויף זיי געבליבען שטעהען אבהענדיג און אָהן מוט, ווי שוואַכע קינדער. אין זייער פערלעגענהייט האָבען זיי געזוכט הילף ביי דער פּאָליציי. זיי האָבען אויסגעהויבען ביי איהר אַ פערבאָט, אז מען זאָל נישט טאָרען דרוקען קיין שום ביכער נישט געגען די אידען, נישט לטובת זיי. די אידישע פיינד האָבען דעם דאָזיגען שריט אָנערקענט פאַר אַ סימן פון שוואַכקייט אדער אַלס אַ מודה זיין זיך אין זייער אָבגע-הליש'טקייט. און אַט איז ערשינען דאַמאָלס אַ נייַ ביכעל: „צי קאַנען

די אידען בלייבען אין זייער געגענווער־טיגער לאגע אהן שאדען פאר דער מלוכה".

דער טאן פון ביכעל איז געווען רוהיגער, ווי ביי גראטענויער און האט דעריבער נאך מעהר פערשטארקט די שנאה צו די אידען. בעזונדערס שטארק האט ער אבגעלאכט פון די אידישע עשירים: „וואס — פרעגט ער — האבען געטהון די שטערן פון די איצטיגע אידישע עשירים, אדער זיי אליין מיט א יאהר צוואנציג־דרייסיג צוריק? דאס זענען געווען אירען־הענדלער, וואס פלעגען זיך ארומשלעפען אין די גאסען, געקליידעט אין שמאטעס, וועלכע פלעגען בעלעסטיגען יעדען דורכגעהער מיט זייער תחנונים, אז מען זאל זיי געבען צו לייזען פאר עטליכע איילען פאסע־מענטער בענדלעך, אדער ווילדע יונגען, וואס פלעגען זיך אריינ'גנב'ענען אין די קריסטליכע קראמען, כלומרשט, ווי הענדלער, און בדלות שטעלען זיי".

דער דאזיגער שריפטשטעלער, וועלכער איז פול געווען מיט'ן גייסט פון ליעבע צום צווייטען, ווי אנ'עכטער קריסט, האט געמאכט אזעלכע פארשלאגען, ווי אזוי מען זאל מאכען די אידען אונשעדליך, ווי מען האט עס אפילו נישט געהערט אין מיטעלאלטער. „נישט בלויז אין א גהעטא דארף מען די אידען פערשפארען און שטעלען זיי אונטער „דער שטענדי־גער אויפזיכט פון דער פאליציי, און נישט בלויז די רויטע לאטע דארף מען זיי צווינגען ווידער צו טראגען, נאר מען דארף אויך מסרס זיין יעדען צווייטען זוהן, וואס וועט ביי א אידען געבוירען ווערען, כדי זיי זאלען זיך נישט פערמעהרען". די פראטעסטאנטישע טהעאלאגען און די דייטשע פילאזאפיע האט ערפונדען אזעלכע עצות נעגען דעם אידישען פאלק, דאס די גזרות פון די פויפסטען אינאצענץ III און פאול IV זענען געווען א קינדער־שפיעל נעגען זיי. פאאלצאוו, גראטענויער, בוכהאלץ און זייערע חברים זענען געווען געטרייע תלמידים פון שלייערמאכער און פיכטע, וועלכע האבען מעהר נישט גשוואלט וויסען פון לעסינג.

אויך אויסער בערלין, נעמליך, אין פראנקפורט אם מאין און אין ברעסלוי, זענען ערשינען אזעלכע העצע־ביכער, וועלכע האבען אזוי שטארק אנגעצונדען די שנאה צו די אידען, אז איינינע גלחים האבען עס געהאלטען פאר נויטיג צו מתרה זיין דאס פאלק אין די קירכען, אז זיי זאלען נישט מאכען קיין אנפאלען אויף אידען. אפילו יענע שריפטשטע־לער, וועלכע זענען ארויסגעטראטען אלס אידישע פערטיידיגער, האבען אויך מודה געווען, אז די אידען האבען גרויסע פעהלערן און בעגעהען פערברעכענס, ערקלערענדיג, אז עס וואלט על כל פנים בעסער געווען פאר די קריסטען, דאס אין זייער סביבה זאלען קיין אידען גאר נישט זיין, אבער ווייל די אידען זענען פארט פארהאן, מוז מען דאס טראגען, ווי עס איז. — עס האט זיך אפילו אויך געפונען דאמאלס א איד אין קעניגסבערג, וועלכער האט אויך מיטגעהאלפען בילען די אידישע שונאים אויף די אי־דען. געגוג שענדליך האט אויסגעוויזען זיין פארשלאג, ווי אזוי צו פער־

קלענערען די שנאה צו די אידען: „יעדער איד מוז לטובת דער מלוכה (שטענדיג די מלוכה!) געצוואונגען ווערען לפחות איינע פון זיינע טעכ־טער חתונה צו מאַכען מיט אַ קריסט און נעהמען אַ קריסטליכע פרוי פאַר איינעם פון זיינע זיהן. די קינדער פון אַזעלכע געמישטע חתונות מוז מען אָב'שמד'ן" — פאַרוואָס האָט מען בעסער נישט געזאָלט מאַכען די זאַך קירצער און אָבשמד'ן מיט געוואַלד אַלע אידען מיט אַ מאָל? ריכטי־גער האָט פערשטאַנען די זאַך אַ שלעזישער איד. ער האָט ערקלערט, דאָס מען ברויך זיך גאָר נישט אַריינצולאָזען אין פערטיידיגען, אָדער אָב־וועגען די אידישע און די קריסטליכע פערברעכען, נאָר מען דאַרף אַרויס־לאָזען אַנ'אויפרוף צו אידישע מיידלעך און מתרה זיין זיי, אַז זיי זאָלען זיך וועניגער חבר'ן מיט גראַטענויער'ס לייט. „אַ אידישע פרוי דאַרף אין זיך קיין פונק זעלבסט־געפיהל נישט האָבען, אויב זי לאָזט זיך ליעבען דורך אַ מענשען, וועגען וועלכען זי ווייס, אַז ער טענה'ט שטענדיג, דאָס פון איהרע שוועסטערן הערט זיך אַ שלעכטער ריח. אַזאַ אויפרוף וואָלט געהאַט אַ דאָפּעלטען נוצען: אידישע מיידלעך וואָלטען זיכער געווען, אַז מען וועט זיי נישט פערפיהרען, און אָבהאַלטען די אידישע פרויען פון זייער נאָכלויפעניש נאָך דער מאָדע אין דער ליעבע צום לוקסוס אָדער בע־ריהמטקייט".

אַ נאָך בעסערען וועג האָבען אָנגעוויזען צוויי אידען, איינער פון קעניגסבערג, דער צווייטער פון האַמבורג. ביידע האָבען אָנערקענט, אַז די דייטשע שנאה צו די אידען קאָן נישט אָבגעשוואַכט ווערען דורך בע־גרינדעטע און ריכטיגע טעמים, נור דורך אָבלאַכען פון די שונאים, וועל־כע מען קאָן דאַדורך צווינגען פערשטומט צו ווערען. די דאָזיגע מענשען, וואָס איינער פון זיי איז געווען אַ דאָקטאָר, וואָס זיין נאָמען איז געבליבען אונבעוואוסט, און דער צווייטער אַ שריפטשטעלער, וואָס האָט געשריבען מיט אַ פסעוודאָנים לעפּראַנק, זענען געווען די פאָראויסזאָגער פון צוויי אַנדערע גרויסע שריפטשטעלער, וועלכע האָבען שפּעטער געווירקט אין זייער גייסט, נעמליך, פון היינע און בערנע. דער דערמאָנ־טער דאָקטאָר פלעגט זיך אונטערשרייבען דאָמיניוס המן עפּי־פאַנעס און ער האָט סאַטיריש ערקלערט, אַז אויב מען וועט נישט אויס'שחט'ן אַלע אידען און פערקויפען אַלע אידינעס פאַר שקלאַפינס, ווע־לען דאָס קריסטענטום און אַלע קריסטליכע מלוכות אונטערגעהן. גראַטע־נויער, וועלכער לערנט אַלזאָ דאָס דייטשע פאָלק צו ווירקען אינ'ם דאָזי־גען זין, פערדינט צו ווערען פאַררעכענט פאַר אַ וואוילטעטער פון דער מענשהייט און מען דאַרף איהם שטעלען מאָנומענטען און בויען טעמפּ־לען פון זיין כבוד וועגען. — דער צווייטער סאַטיריקער, לעפּראַנק, האָט אָנגעהויבען שאַרף אָנצופאַלען אויף די אידענפיינדליכע שריפט־שטעלער. ער פרעגט ביי די דייטשען, ווי אַזוי איז עס געקומען, אַז אַלע זייערע טורמעס זענען פול געפּאַקט מיט קריסטליכע מערדער, גיפט־מישער

(פער'סמ'ער), גנבים און נואפים? „פערטיליגט אקארשט פריהער די עשא-
פאטען, די תליות, די מאשינען צו פייניגען מענשען, די ביימשען מיט די
אלע שוידערהאפטע ענוים, דורך וועלכע איהר טרייבט מענשען אין טויט
אריין, אלע דאזיגע זאכען האבען דאך דוקא נישט די אידען ערפונדען.
דו, דייטש, טענה'סט, אז די אבנארעריי איז בלויז א אידישער פעהלער?
אט בע'גנב'עט דיך דיין קריסטליכער שניידער, דיין שוסטער גיט דיר
שלעכטע לעדער. דיין קרעמער גיט דיר פאלשע וואג און מאס. דיין בעי-
קער גיט דיר אין א גראטען יאהר קליינע ברייטלעך, דיין וויין איז דיר
געפעלשט, דיין קנעכט און דיין דינסט פעראייניגען זיך אבצונארען דיך;
דו אליין פערקויפסט דיינע שקרים אויף געמעקטען פאפיר און נעהמסט
פאר זיי געלד, וועהרענד זיי זענען קיין העלער נישט ווערט. און טענה'סט
נאך אלץ, אז די אבנארער זענען דוקא די אידען! צעהל נאר אויס די
יעהרליכע באנקראטען, וואס קומען פאר אין לאנדאן און פאריז און זעה,
אויב דארט געפינט זיך אפילו איין איינציגער א אידישער! אה, יא, דאס
קאנסטו דאך נישט וויסען — אין אייזענמענגערס בוך איז דאך דאס נישט
פערשריבען! דיין גרויסער פיכטע האט דיר אנגעפלוידערט, אז די אידען
זענען א „מלוכה“ אין א מלוכה“ — טפשות איז עס, נישט מעהר! דו
קאנסט נישט מוחל זיין דעם אידען זיין געוואלדיג פערברעכען, וואס ער
רעדט שעהן דייטש, וואס ער קליידעט זיך אנשטענדיגער, ווי דו, וואס ער
רעדט פיעל מאל קלוגער פאר דיר; ער האט שוין מעהר אפילו נישט קיין
בארד, וואס דו זאלסט ביי איהם קאנען אויספליקען, ער רעדט שוין מעהר
נישט קיין געבראכענע שפראך, און דו קאנסט שוין פון איהם נישט
אבשפאטען... שוין צוואנציג יאהר, ווי דער איד בעמיהט זיך מתקרב צו
זיין זיך צו די קריסטען, ווי זשע האט מען איהם אויפגענומען? און וויפיעל
פונקטען האט ער שוין אויך איבער געוועזן אויף זיין תורה, אבי אלץ נור דיר
געפעלען צו ווערען, דו אבער האסט איהם דיין רוקען צוגעווענדעט און
דאס אלץ טהוסטו, נאטירליך אינ'ם נאמען פון מענשענליעבע! פונדעסט-
וועגען — ווענדעט זיך לעפראנק צו גראטענויער — זעה איך אין דיין בוך
אויך א סימן צו גוטען: דאס פראסטע פאלק זאגט, אז דער ווינטער קאן
נישט פערשווינדען פאר'ן זומער, סיידען עס זאלען איהם פערטרייבען
גרויסע שטורם-ווינטען און דונערן מיט בליצען. די רדיפות אויף אידען, די
טפשות פון אבערגלויבען האלטען שוין, משמעות, ביים סוף, ווען דו האסט
אויפגעהויבען א שטורם. עס איז דער בעסטער סימן, אז מיר זענען נאהנט
צו א בעסערער צייט“. — לעפראנק'ס נאציאנאלע זעלבסט-געפיהל איז גע-
ווען דער בעסטער סימן, אז דער אידישער נצחון איז נאהענט.

דאס דייטשע פאלק איז אבער דאמאלס נאך געווען ווילד און אונ-
וויסענד, מאראליש שפל'דיג און געשמאקלאז. ערשט די מפלה אין דער
שלאכט ביי יענא, האט געבראכען זיין נארישע גאוה, און די פיעל
לענדער, וואס די פראנצויזען האבען ביי איהם צוגענומען, האבען איהם

ערשט די אויגען געעפענט, אַז עס זאָל אָנהויבען פערלאַנגען אַליין די פרייהייט פאַר זיך און ממילא געבען איהר כאָטש טיילווייז אויך די אידען.

פיערטעס קאַפּיטעל

די סנהדרין און די רעאַקציע.

(1818—1806)

ינט די צייטען פון דער רוימישער מלוכה האָט די וועלט נישט געזעהען אין אַ קורצער צייט אַזוי פיעל און געשווינדע פערענדערונגען, ווי אין אָנפאַנג פון נייצעהנטען יאָהרהונדערט. עס איז אויסגעוואַקסען פלוצלונג אַ נייע אימפעריע, וועלכע האָט געשטרעבט צו ווערען אַ וועלט-מלוכה. מעהר נאָך ווי פריהער פאַר'ן ערשטען קאָנסול באָנאַפּאַרט, האָט איצט די וועלט זיך געבויגט פאַר'ן פראַנצויזישען קייזער נאַפּאָלעאָן. דער פויפסט, וועלכער האָט אין האַרצען טיעף פערשאָלטען אי נאַפּאָלעאָן, אי די נייע אָרדנונג אין פראַנקרייך, האָט איהם אָנגעהויבען חנפ'ענען און געזאָלבט איהם אַלס יורש פונ'ם קייזער קאַרל דעם גרויסען. די דייטשע פירשטען זענען געווען די ערשטע, וועלכע האָבען מיט זייער שפלות און קריכעריי אָנערקענט פאַר אַ קייזער דעם דאָזיגען מענשען, וועלכער האָט זיך אַליין דערהויבען פון דער נידער. זייער שוואַכקייט האָט אָבער גענומען אַ ביטערע נקמה פון זיי. די ערשטע איז בעשטראָפט געוואָרען עסטרייך. אין דער שלאַכט ביי אויסטערליץ (2-טען דעצעמבער 1805) האָט נאַפּאָלעאָן צוערשט געבראָכען די גאוה פון דער דאָזיגער אימפעריע, וואָס איז געמישט פון פערשידענע פעלקער און לענדער און פערניכטעט די היילינגע דייטש-רוימישע מלוכה. דייטשלאַנד האָט געהאַט די זעלבע מפלה, וואָס פוילען: זי איז צו-רעקעלט געוואָרען אויף שטיקלעך. אָבער וועהרענד די פּאָליאַקען האָבען ביטער בעקלאָגט זייער אונגליק און אינ'ם לאַנד האָט גערונען בלוט פון די בירגער, וואָס האָבען געקעמפט פאַר זייער פרייהייט, האָבען די דייטשען נישט געשפירט קיין שום וועהטאָג וועהרענד מען האָט זיי שטיקערווייז אָבגעריסען פון אָרגאַניזם פון דער דייטשער מלוכה און קאַלטבלוטיג געקוקט, ווי די תפשים, ווי מען הייסט זיי שווערען געטריי צו דיענען היינט דעם קעניג און מאָרגען אַנ'אַנדערען. דער קייזער פראַנץ דער ערשטער האָט זיך אָבגעזאָגט פון דער דייטשער קרוין. די דייטשע מלכים זענען געוואָרען אונטערטהאַנען (וואַסאַלען) ביים קאָרסיקאַנישען אָפיציר, וועלכער האָט זיך אַליין דערהויבען צום טראָהן און זיך געמאַכט צום פּראָטעקטאָר פון דעם נייעם רהיין-בונד. באַלד נאָכדעם האָט נאַפּאָלעאָן ערנידעריגט פרייסען נאָך דער אונגליקליכער שלאַכט ביי יענאַ.

מען האָט געקאָנט מיינען, אַז, קומענדיג אין בעריהרונג מיט די

דייטשען האָט ער זיך אָנגעשטעקט פון זיי שנאה צו די אידען, דען באַלד נאָך די נצחונות איבער דייטשלאנד איז זיין בעציהונג צו די אידען געוואָרען אַן אַנדערע. כאָטש ער האָט פריהער געשפירט אַ שטאַרקע בעוואונדערונג פאַר'ן גרויסען עלטער פון יודענטום און פאַר'ן ריעזען-קאַמף, וואָס עס איז אויסגעקומען צו פיהרען דעם אידישען פאָלק פאַר זיין עקזיסטענץ, האָט ער אָבער זינט זיינע נצחונות אבער די דייטשען אָנגעהויבען שפּירען צו אידען נאָר פעראכטונג. זיין שלעכטע שטימונג פאַר די אידען האָבען באַלד זיך בעמיהט אויסצונוצען די אידענפיינד אין עלזאַס, כדי ווידער אָנצוטהון די פראַנצויזישע אידען זייערע אַמאָליגע חרפּות און יסורים.

די אַלטע קלאָגען פון די עלזאַסער דייטשען געגען די אידען האָבען געמוזט פערשטומט ווערען אין די מעכטיגע שטורם'ס פון דער רעוואָלוציע. די אידישע מלוות און די קריסטליכע בעלי חובות זענען ביידע גלייך פעראָרימט געוואָרען דורך דער הערשאַפט פון טעראָר. די אַלטע צייטען זענען פאַראיבער אויף אייביג ווען די רוהיגקייט איז צוריקגעקומען. האָבען זיך פיעל אידען, וועלכע האָבען דורך זייער ריהרעוודיגקייט זיך ווידער דערשלאָגען צו אַ שטיקעל קאַפּיטאַל, זיך גענומען פון דאָס ניי פאַר זייערע אַלטע עסקים. וואָס זשע האָבען זיי געזאָלט אָנהויבען טהון? אויסלערנען זיך אַ מלאכה אָדער אַן'ארבייט האָבען דאָך די עלטערע מענשען שוין נישט געקאָנט. אפילו פאַר די אידישע יונגע לייט איז עס געווען אַ שווערע זאַך, ווייל די שלעכטע, נישט פערגינענדע קריסטליכע מייסטער אין עלזאַס האָבען נישט געוואָלט אַריינגעהמען צו זיך אַ אידישען שילער אין דער לעהרע צו דער אַרבייט. און אָט האָט זיך געפונען אַ גרויסע בעפעלקערונג אין עלזאַס, וועלכע האָט געקאָנט געבען די אידען אַ נייע בעשעפטיגונג. די פויערים און ארבייטער, וועלכע זענען פאַר דער רעוואָלוציע געווען ירושה-קנעכט (לייב-אייגענע — פאַנשטשינא) ביי די פּריצים, זענען דורך דער רעוואָלוציע געוואָרען פרייע מענשען; זיי האָבען אָבער נישט געהאַט קיין געלד צו קויפען זיך שטיקלעך לאַנד און אינסטרומענטען צו דער אַרבייט. אפילו זייערע בהמות און אַקער-אינסטרומענטען (אינווענטאַר) האָבען זיי געהאַט פערלוירען אין דער צייט פון רעוואָלוציאָנערען טעראָר; פיעל פון זיי זענען זיך צולאָפען כדי פטור צו ווערען פון מיליטער. איצט, ווען עס איז געוואָרען רוהיגער אין לאַנד, האָבען די דאָזיגע בעפרייטע פויערים און אַרבייטער זיך געווענדעט צו די רייכערע אידען מיט אַ פאָרשלאַג, אַז זיי זאָלען באָרגען געלד, כדי זיי זאָלען קאָנען קויפען קליינע נאציאָנאַל-גיטער און בעאַרבייטען זיי. די אידישע קאַפּיטאַליסטען האָבען איינגעשטימט אויף אַזאַ געשעפט און אויסגעטיילט געלד, משמעות, אויף גרויסע פראָצענטען. ככלות הכל, האָבען אָבער די פויערים געמאַכט אַ גוט געשעפט ווייל, זייענדיג כמעט בעטלער, האָבען זיי בעקומען די מעגליכקייט איינצואָרדנען זיך. ווי בעלי-בתים מיט אייגען לאַנד, און געקומען צו אַ געוויסען וואוילשטאַנד. אין אַ משך פון אײ-

ניגע יאָהר האָט זייער אַגראַרישער פערמעגען שוין בעטראָפען זעכציג מיליאָן פראַנק, וועהרענד זייער חוב ביי די אידען האָט בעטראָפען קוים צעהן מיליאָן, דאָס הייסט, א זעקסטעל-חלק. אמת אפילו, די עלזאַסער פּויערים איז שווער געווען צו בעקומען באַר געלד, כדי צו בעצאָהלען זייערע חובות די אידען, בפרט נאָך ווען נאַפּאָלעאָן האָט צו זיינע שטענדיגע מלחמות אָבגעצויגען פון פעלד און אַקער אַלע יונגע כחות, וועלכע האָבען געדאַרפט בעאַרבייטען דאָס לאַנד. דאָס איז אַלזאָ געווען די סיבה, וואָס אין געריכט האָבען אָנגעהויבען אָנקומען פיעל געלד-תביעות מצד די אידען. דאָס געריכט האָט, נאַטירליך, געהאַט צוגעמשפּט די בעלי-חובות אָבצוגעבען די אידען זייערע פעלדער און וויין-גאַרטענס, וועלכע זיי האָבען געהאַט געקויפט פאַר זייער געלד. מעגליך, אַז די אידישע קרעדיטאָרען (מלוות) האָבען זיך דערביי בעגאַנגען אויך צו-האַרט מיט זייערע בעלי-חובות.

די דאָזיגע שטימונג האָבען אויסגענוצט די אידענפיינד. די מעשים פון איינצעלנע אידען האָבען זיי ארויפגעוואָרפען אויפ'ן כלל-ישראל; זיי האָבען דערצעהלט גוזמאות וועגען די קריסטען, וועלכע ווערען געצוואונגען אויסצוצאָהלען די אידען זייערע חובות און ערקלערט אַלע אידען פאַר פראַצענטניקעס און בלוט-זויגער, כדי צו פועל'ן דאַדורך, אַז מען זאָל אין עלזאַס מבטל מאַכען די גלייכבערעכטיגונג, וואָס עס האָבען בעקומען די אידען אין פראַנקרייך, אין שפּיץ פון די שונאי-ישראל זענען, ווי פריהער, געשטאַנען די שטראַסבורגער מעשטשאַנעס, וועלכע האָבען אומזיסט געהאַט געמאַכט די גרעסטע בעמיהונגען אויף נישט אַריינצולאָזען די אידען אין שטראַסבורג. מיט אַ פערביסענעם כעס האָבען זיי צוגעזעהען, ווי די אידישע בעפעלקערונג פערגרעסערט זיך אין שטראַסבורג דורך פריש אָנגעקומענע אידען. אין שטראַסבורג זענען קיין אידישע פראָצענטניקעס לגמרי נישט געווען; דאָס זענען געווען פערקעהרט דורכשניטליך רייכע, עהרליכע און געבילדעטע אידען, ווי למשל, די משפּחות ס ע ר ף - ב ע ר ר, ר אַ ט י ס ב אָ ן, פּ י ק אַ ר און אַנדערע, וועלכע זענען מייסטענס געווען גוטבעזיצער. פונדעסטוועגען האָבען אָבער די שטראַסבורגער דערהויבען געוואַלדיגע יללות איבער די אידען. דער שטראַסבורגער פּאָליציימייסטער (פּרעפעקט) — אַ דייטש — האָט געמאַכט יד-אחת מיט די דייטשע סוחרים געגען די אידען. ווען נאַפּאָלעאָן האָט זיך געהאַט אָבגעשטעלט [illegible] שטראַסבורג (יאַנואַר 1806) נאָך זיין הונדערט-טאָגיגער מלחמה געגען עסטרייך, האָט דער פּאָליציימייסטער און אַ דעפּוטאַציע פון די עלזאַסער איהם בעלאַגערט מיט אָנקלאַגען געגען די אידען און זיך בעמיהט איהם צו דערווייזען, ווי שעדליך די אידען זענען פאַר דער מלוכה, אַז זיי בערויבען די קריסטען און גאַנצע דערפער האָבען זיי צוגענומען ביי דער אָרימער קריסטליכער בעפעלקערונג, ווייל אַ העלפט פון די קריסטליכע גיטער זענען פערמשכנט ביי די אידען. הערענדיג די

דאזיגע טענות, האט נאפאלעאן ביי דער געלעגענהייט זיך דערמאהנט, אז אויף זיינע מלחמות האט ער געבען אולם בעגעגענט עטליכע אידען, וועלכע האבען אויפגעקויפט חפצים, וואס מען האט ביי די סאלדאטען געהאט גע'גנב'עט און ער איז דערויף זעהר בייז געווען. די שונאי-ישראל האבען זיך באלד אנגעכאפט און ערקלערט, אז דאס זענען געווען שטראסבורגער אידען, וועלכע פלעגען תמיד נאכגעהן נאך דער ארמעע, כדי רייך צו ווערען פון אזעלכע מסחרים און אז די אידען זענען בכלל אלע נאר פראצענטניקעס, שווינדלער און הענדלער מיט אלטע שמאטעס. כדי אבער נאך מעהר אויפצורייצען דעם קייזער געגען די אידען און פועל'ן ביי איהם, אז ער זאל ארויסגעבען אויף זיי שלעכטע גזרות, האבען זיי ערקלערט, אז אין גאנץ עלזאס, אפילו אויך אין אלע דעפארטאמענטען פון הויך- און נידער-רהיין איז די ערביטערונג פון דער בעפעלקערונג אזוי גרויס געגען די אידען, דאס מען מוז מורא האבען, אז עס וועלען פארקומען אזעלכע פאגראמען אויף זיי, ווי אין מיטעלאלטער. אין די שענקען האט מען אנגעהויבען ריידען עפענטליך, דאס מען דארף אויסשעכטען אלע אידען. מיט'ן דאזיגען שלעכטען איינדרוק איז נאפאלעאן ארויסגעפאהרען פון שטראסבורג: ער האט מבטיח געווען צו געבען הילף די קריסטען געגען די אידען. כדי אז דער דאזיגער איינדרוק זאל נישט אבגעשוואכט און פערגעסען ווערען, האבען אלע דייטש-ריידענדע בעאמטע — ריכטער, פאליצמייסטערס און אנדערע — נישט אויפגעהערט צו בעטען ביי איהם, אז ער זאל צונעהמען ביי די אידען זייער בירגערשאפט. דער יוסטיץ-מיניסטער איז אונטער'ן איינדרוק פון די פיעל אנקלאגען געגען די אידען שוין גרייט געווען צו שטעלען די אידען צוריק אונטער די אויסנאהמס-געזעצען און פערבאטען זיי דערוויל צו נעהמען היפאטעקען אויף גיטער.

דערצו האט זיך נאך דערוועקט אויך דער אלטער קירכליכער פאנאטיזם, די אונטאלעראנץ פון יענער רעאקציאנערער פארטיי, וועלכע האט דאמאלס צוגעגרייט איהרע ערשטע פעדעם, אויף אויסצוזוועבען די נעץ פאר דער פרייהייט פון גייסט, וועלכע איז די מוטער פון דער פאליטישער פרייהייט, כדי צו קאנען דערנאך דערדריקען און פערניכטען ביידע צוגלייך און מאכען ווידער די קאטוילישע קירכע פאר דער אליינהערשערין איבער פעלקער און מלכים. דער הויפט-פערטרעטער פון דער דאזיגער פרייהייט-פיינדליכער און אין אינטריגען גוט געאיבטער פארטיי איז געווען דער פילאזאף לואי גבריאל אמברואז באנאל, וועלכער האט צוזאמען מיט'ן ראמאנטיקער שאטאבריאנד און דעם מפורסם'דיגען חונף פאנטאן, דערוועקט פון דאס-ניי אין לאנד די געמיינסטע און אונווירדיגסטע פאליטישע און קירכליכע רעאקציע. באנאל, וועלכער האט נאך דער ערשטער שכרות פון פרייהייט אויפגעהויבען די פאהן פון דער בורבאנישער דינאסטיע און געריהמט איהר אויפ'ן סמך פון דער מיסטיק און געהיימע לעהרע פון דער קאטוילישער קירכע,

האָט דערזעהען אין דער אידישער גלייכבערעכטיגונג א פערברעכען געגען דער מאַכט פון דער קאַטוילישער קירכע; ער האָט דעריבער אַנגעווענדעט אַלערליי מאַכינאַציעס, כדי אונטערצוגראָבען זיך אונטער דער אידישען גלייכבערעכטיגונג אין פראַנקרייך. ער האָט מקנא געווען די דייטשען וואָס זיי זענען געווען, לויט זיין מיינונג, פערשטענדיגער און פאָרזיכטיגער פאַר די פראַנצויזען און האָבען די אידען העכסטענס בעפרייט בלויז פון קאָפּ-אָבצאָהל, און אַלע אַנדערע הינזיכטען אָבער האָבען זיי געלאָזען אויף זיי דעם אַלטען שווערען יאָך.

פאר דער צוקונפט איז עס פאַר די אידען א גליקליכער פאל, וואָס די פיינד פון דער פרייהייט און די פאַנאַטיקער פון דער קאַטוילישער קירכע האָבען אין זייער פראָגראַם אויך אַריינגענומען דעם פונקט וועגען דער שנאה צו די אידען; דאַדורך זענען די פריינד פון דער פרייהייט אויך געווען געצוואונגען צו שטעהען אויפ'ן צד פון די אידען. פאר'ן מאָמענט אָבער האָט באָנאַל'ס אידען-פיינדליכע שטימע געבראַכט נישט וועניג שאָדען. אויף פערשידענע קרומע דרכים האָט די דאָזיגע שטימע אויך דערגרייכט צו נאַפּאָלעאָנ'ס אויערען. די פראַנצויזישע אידען האָבען דאַמאָלס גראָד נישט איינגעזעהען, ווי שעדליך די זאַך קאָן ווערען פאר זיי, דען זיי האָבען געמיינט, אז עס האַנדעלט זיך בלויז וועגען די עלזאסער פראצעסניקעס, וועהרענד די זאַך האָט גענומען אַ'ן אַלגעמיינע גאַנץ ערנסטע ווענדונג. נאַפּאָלעאָן האָט איבערגעגעבען די אידישע פראַגע דעם מלוכה-ראַט כדי מען זאָל איבער איהר זיך גרינדליך בעראַטען, און דער ראַט האָט בעשטימט פאר אַ רעפערענט אין דער פראַגע זיינעם א יונגען מיטגליעד, דעם גראַף מ אָ ל ע, וועלכער איז בעקענט אין דער שפּעטערדיגער פראַנצויזישער געשיכטע מיט זיין פאַלשקייט און צווייזייטיגקייט. צו דער איבערראַשונג פון אלע עלטערע און מיושב'דיגערע מיטגלידער פון מלוכה-ראַט האָט מאָלע—זיין עלטער-באָבע איז געווען א אידענע!— געהאַלטען זיין בעריכט וועגען דער פראַגע אין אַ טאָן פון שנאה צו אידען און לסוף איז ער געקומען צום בעשלוס, דאָס מען מוז אלע פראַנצויזישע אידען שטעלען אונטער די אויסנאַהמס-געזעצען, דאָס הייסט נישט ווייניגער, דאָס מען ברויכט ביי זיי צוצונעהמען זייער גלייכבערעכטיגונג, וועלכע איז געזעצליך אנערקענט געוואָרען און פאקטיש איינגעפיהרט. די עלטערע מיטגלידער האָבען אפילו אויפגענומען זיין בעריכט מיט דער פערדינטער פעראַכטונג, ווייל זיי האָבען גאָרנישט געקאָנט פערשטעהן, ווי אַזוי מען קאָן אנריהרען די גלייכבערעכטיגונג, וועלכע די רעוואָלוציאָן האָט געהייליגט. פונדעסטוועגען האָט אָבער די אידישע פראגע געדארפט בעטראַכט ווערען אויף דער אַלגעמיינער זיצונג (אַפּריל 1806) אונטער דעם פאָרזיץ פון נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט צוגעגעבען דער זאַך זעהר אַ הויכע בעדייטונג. פון רעזולטאַט פון דער דאָזיגער בעראַטונג איז אָבגעהאַנגען דאָס גליק אדער אונגליק נישט בלויז פון די פראַנצויזישע און איטאַליענישע

אידען, נאר אויך פון אלע אידען אין אייראפא. נישט זייענדיג צופרידען
מיט דעם ארויסטרעטען פון איניגע פרייזיניגע מיטגליעדער פון מלוכה-
ראט אין דער דאזיגער פראגע, איז נאפאלעאן געווען אין זעהר אנ'אויפגע-
רייצטער שטימונג. ער האט גערעדט וועגען די אידען כמעט ווי פיכטע און
גראטענויער, ערקלערענדיג, אז זיי זענען „א מלוכה אין א מלוכה", אז זיי
זענען די פעאדאלע פריצים פון דער נייער צייט און אז מען
דארף זיי נישט שטעלען אויף איין ליניע מיט די קאטוילען און פראטעס-
טאנטען, ווייל זיי זענען נישט קיין בירגער אין לאנד; עלזאס און שטראס-
בורג, וועלכע זענען די טויערן פון פראנקרייך טאר מען נישט אבגעבען
אין זייער מאכט, דען זיי זענען אלע שפיאנען. צוויי בעדייטענדע מיט-
גלידער פון מלוכה-ראט, רעניאל און סעגיור האבען זיך פונדעסטוועגען
דערוואויגען צו ריידען לטובת די אידען, אדער פיעלמעהר אין זין פון
דער גערעכטיגקייט. זיי האבען אויפמערקזאם געמאכט, אז די אידען אין
באַרדא, מארסייל און אין די איטאליענישע שטעדט, וועלכע געהערען צו
פראנקרייך, ווי אויך אין האלאנד, שטעהען אין הויכער אכטונג; יענע
חטאים אבער, וועלכע מען ווארפט ארויף אויף די אידען, האבען נישט
קיין שייכות צום יודענטום, נאר זיי שטאמען פון דער פריהערדיגער שלעכ-
טער אידישער לאגע. די דאזיגע מליצי-יושר איז טאקי אויך געלונגען איי-
צושטילען עטוואס נאפאלעאנ'ס כעס פאר'ן מאמענט. אויסער דעם האבען
איינפלוסרייכע פערזאנען איהם אויפמערקזאם געמאכט, ווי שטארק די זיי-
דען האבען אין א קורצער צייט זיך דערהויבען אין וויסענשאפטען, אין
דער קונסט, אין דער אגריקולטור (לאנד-ארבייט) און אין מלאכות, מען
האט איהם אויך אנגעוויזען אויף פיעל פערזאנען, וועלכע ער האט אליין
בעשאנקען מיט פענסיע, אדער מיט ארדענס פונ'ם עהרען-לעגיאן, און נור
א רכילות איז עס, אויב מען בעשולדיגט די אידען, דאס זיי זענען אלע
פראצענטניקעס און קליין-הענדלער. אין דער צווייטער זיצונג פון מלוכה-
ראט (7-טען מאי 1806) האט נאפאלעאן שוין גערעדט מילדער וועגען די
אידען. פונדעסטוועגען האט ער זיך נישט געקאנט בעפרייען פון פאלשען
געדאנק, אז די אידישע נאציאן איז פון גאנץ אלטע צייטען, נאך פון
משה'ס צייט אן, נוטה צו פראצענט-עסקים און אבנארערייען, און דע-
ריבער דארף מען איהר אונטערדריקען. אבער ווייל ער איז געווען פעסט
ענטשלאסען נישט צו דערלאזען קיין אלגעמיינע רדיפות געגען די אידען,
ווי אויך נישט צו דערנידעריגען זייער כבוד, איז ער געקומען צו א גליק-
ליכען געדאנק, נעמליך, צוזאמענצורופען א אידישע פערזאמלונג פון פער-
שידענע טיילען פון פראנקרייך און די איטאליענישע פראווינצען, וואס
האבען צו איהר געהערט, און אט די פערזאמלונג האט געדארפט פעסט-
שטעלען, אויב דאס יודענטום בעפעהלט באמת די אידען פיינד צו האבען
און צו דריקען די קריסטען. די אידען אליין האבען געדארפט דורך זייערע
פערטרעטער בעשליסען וועגען זייער גורל.

דאס געזעץ, וואס האט געדאַפט אויספיהרען דעם דאזיגען בעשלוס (30-טען מאי 1806) איז געווען צוזאמענגעשטעלט אין זעהר א שטרענגער שפראך. ווי עס שיינט, האט נאפאלעאן אליין דורכגעזעהען איהם אין לעצטען מאמענט און צוגעלעגט עטליכע שארפע אויסדריקען. אין דאזיגען געזעץ ווערט בעפויהלען, אז אין משך פון א יאהר צייט זאלען די ריכטער נישט דארפען בעטראכטען קיין געלד-תביעות פון אידען צו קריסטען, דאס הייסט, אז די קריסטען זענען בעפרייט געווארען פון דער פליכט צו בעצאהלען זייערע חובות די אידען אין משך פון איין יאהר. דאס געזעץ האט זיך בעצויגען נישט דוקא אויף די אידישע פראצענטניקעס פון עלזאס, נאר אויף אלע אידען בכלל אין פראנקרייך. אויסער דעם ענטהאלט דאס געזעץ די ארדנונג-אנווייזונג, ווי אזוי מען דארף אויסקלייבען די דעלעגאטען צו דער אידישער פערזאמלונג, וועלכע ווערט צוזאמענגערופען—לויט ווי דאס ווערט בפירוש ערקלערט — צוליעב דעם, וואס פיעל אידען, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט פראצענט, האבען בדלות געשטעלט די פויערן אין עלזאס. צוזאמען דערמיט ווייזט אבער אויך אן דער קייזער, אז מען דארף די אידען געבען די געהעריגע מיטלען, דאס זיי זאלען קאנען זיך בעשעפטיגען מיט דער קונסט און נוצליכע מלאכות, אנשטאט זייערע שעדליכע עסקים, מיט וועלכע זיי בעשעפטיגען זיך אין משך פון הונדערטער יאהרען בירושה פון פאטער צום זוהן.— אזוי ארום איז פאר א געוויסען קלאס פון דער אידישער בעפעלקערונג בטל געווארען די גלייכבערעכטיגונג, לפחות, אויף א געוויסער צייט.

הגם די רעגירונגס-בעאמטע האבען דורכגעפיהרט די וואהלען פון די דעלעגירטע אידען מיט א געוויסער ווילקירליכקייט, פונדעסטוועגען האבען זיי זיך געענדיגט זעהר געלונגען. צווישען מעהר אלס הונדערט דעלעגאטען, וואס מען האט אויסגעקליבען פון אידען, וואס רעדען פראנצויזיש, דייטש און איטאליעניש, האבען די מייסטע זעהר גוט פערשטאנען די וויכטיגקייט און גרויסקייט פון זייער אויפגאבע. זיי האבען געדארפט פערטיידיגען פאר גאנץ אייראפא דאס יודענטום, וועלכע מען האט אין א געוויסער מאס געזעצט אויף דער בעשולדיגונגס-באנק; זיי האבען געדארפט בעלייכטען און פערטרייבען דעם פאנאטישען אבערגלויבען געגען דעם יודענטום און זיינע אנהענגער—א שווערע אויפגאבע, אבער א דאנקבארע. צווישען די דעלעגאטען זענען געווען מענשען, וועלכע האבען זיך שוין געהאט געמאכט א נאמען: בערר יצחק בערר, וועלכער איז געווען דער ערשטער אונטערנעהמער דעם קאמף לטובת דער אידישער גלייכבערעכטיגונג; זיין זוהן מיכאל בערר, פון וועלכען דאס אידישע פאלק האט ערווארטעט פיעל שענע מעשים, און וועלכער האט שוין געהאט ארויסגעלאזען א אויפרוף צו די מלכים און פעלקער, אז זיי זאלען בעפרייען דאס אידישע פאלק פון דער הגעכטשאפט; אברהם פורטאדא פון בארדא, וועלכער האט געליטען בשעת דער רעוואלוציע פאר זיינע פאליטישע

מיינונגען — א מענש מיט ערהאבענע אנשויאונגען און א וויימען קוק אין דער צוקונפט. זיינע עלטערן זענען געווען אנוסים אין פארטוגאל, און נישט אכטענדיג דערויף, וואס מען האט זיי מיט געוואלד צוגעשמידט צוויי הונדערט יאהר צום קריסטענטום, האט זיין מוטער נישט געהאט פערגעסען איהר פאלק און איהר ליבע און צוגעבונדענקייט צום יודענטום איז נים אבגעקיהלט געווארען. ווען עס איז פארגעקומען די שרעקליכע ערד־ציטערניש אין ליסאבאן (1755) זענען פורטאדא'ס עלטערן פערשאטען געווארען אונטער די חורבות. זיין פאטער איז דער'הרג'עט געווארען, זיין מוטער, וועלכע איז דאמאלס געווען שוואנגער, איז געלעגען לעבעדיג בעגראבען אונטער די חורבות. און אט דאמאלס האט זי זיך א נדר געטהון, אז ווען נאט וועט איהר העלפען ארויסצוראטעווען זיך פון איהר לעבעדיגען קבר, וועט זי אויף קיין סכנה מעהר נישט אכטונג געבען און צום יודענטום זיך צוריק אומקעהרען. דורך א צווייטען שטויס אונטער דער ערד האט זיך איהר קבר געעפענט און זי איז ארויס אויף דער פרייהייט אהן שאדען. איהר איז געלונגען אבצופאהרען דאן קיין לאנדאן, וואו זי האט א זוהן געבוירען און א נאמען געגעבען איהם אברהם, וועלכער האט זיך שפעטער בעזעצט אין בארדא עפענטליך אלס איד.— זעהר געלונגען איז אויך געווען די וואהל פון שטראסבורגער רב, רבי יוסף דוד שינצהיים (געבוירען 1745 געשטארבען 1812). אלס זוהן פונ'ם רב פון טריער, איז ער געווען א מענש פון דער פארצייטיגער וועלט, פרום און גוט, ערנסט און מילד. שטאמענדיג פון א רייך הויז און זייענדיג א שוואגער פון סערף בערר, האט ער געהאט די מעגליכקייט, נישט צו זיין אבהענגיג פון דער רבנות, און האט געלערנט תורה לשמה, אויף דעם פארצייטיגען שטייגער, און איז מיט זיין תורה געווען דער גרעסטער צווישען די פראנצויזישע רבנים. — אויסער שינצהיים, האט מען אויך אויסגעקליבען פאר א דעלעגאט דעם רב רבי אברהם אנדראדע פון סען־עספרי. דאס רוב דעלעגאטען זענען אבער געווען וועלטליכע.

מיט א פערציטערט הארץ זענען געקומען קיין פאריז די הונדערט אידישע דעלעגאטען פון די פראנצויזישע און דייטשע דעפארטאמענטען. זיי האבען נישט געהאט קיין שום פלאן, ווייל זיי האבען נישט געוואוסט, וואס דער קייזער נאפאלעאן פערלאנגט פון זיי. אין צירקוליאר פון מיניסטער, וואס יעדער פון זיי האט ערהאלטען (23־טען יולי 1806), האט ער נור עטוואס ענטדעקט זיי זיין כונה. דאס, וואס מען האט בעשטימט דעם אידען־פיינד מאלע פאר א קייזערליכען קאמיסאר צוזאמען מיט פורטאליס און פאסקיע, כדי צו פיהרען אפיציעל די אונטערהאנדלונגען מיט די דעלעגאטען, איז געווים נישט געווען מסוגל צו בערוהיגען זיי, ווייל ער איז דער ערשטער ארויסגעטראטען עפענטליך מיט באנאל'ס פיינדליכע טענות נעגען די אידען. דעם 25־טען יולי, א טאג פאר דעם עפענען די פערזאמלונג, איז אין דער אפיציעלער צייטונג „מאניטאר" אבגעדרוקט

געווען אַ לאַנגער אַרטיקעל וועגען דער אידישער געשיכטע פון גלות־בבל ביז דער לעצטער צייט. דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט זיך דאדורך געדאַרפט בעקענען מיט דער וויכטיגקייט פון דער פראַגע, וועלכע די אידען האָבען אליין געזאָלט איצט פערענטפערען. אין אַרטיקעל ווערען אין קורצען גע־שילדערט די זעלבסטשטענדיגקייט און אבהענגיגקייט פון אידישען פאָלק. זיינע נצחונות און מפלות, די רדיפות געגען איהם אין מיטעל־אַלטער און די בעשיצונג, וואָס מען האָט איהם טיילמאָל אַרויסגעוויזען, זיין צע־שפּרייטונג אין אלע לענדער און די גזרות, וואָס מען האָט געמאַכט געגען איהם, כדי איהם צו פערניכטען. די אידישע געשיכטע האָט דאדורך בע־קומען אין אַ געוויסער מאָס אַנ'אָפיציעלען כאַראַקטער. דאָס וואָס מען האָט זעהר פיעל געפעלשט און פערענדערט איהר אמת'ען חאַראַקטער, איז קיין וואונדער נישט געווען: ווי מען האָט שלעכט זיך בעצויגען צום אידישען פאָלק, אַזוי האָט מען אויך זיין היסטאָריע איבערגעמאַכט בכיון. אויך וועגען דער אידישער רעליגיאָן , אדער וועגען דעם יודענטום האָט מען אויפ'ן בעפעהל פון קייזער, געגעבען אין אַנ'אַרטיקעל א גענויע ער־קלערונג און דא האָט מען, פערשטעהט זיך, נאָכמעהר פערדרעהט דעם אמת, ווי אין דער אידישער געשיכטע. אין דער אידישער געשיכטע האָט דער מחבר פון אַרטיקעל זיך סומך געווען אויף ב א נ אַ ז ש און אין דער רעליגיאָן — אויפ'ן סקעפּטיקער רבי יהודה (לעאָן) אריה דע מאָדענא, וועל־כער האָט פאר די קריסטליכע לעזער אַרויסגעוויזען די שוואַכע זייטען פון דער רבניש'ער ליטעראַטור. צוויי פונקטען האָט מען דאָ בעזונדערס שאַרף בעטאָנט : די אידישע רעליגיעזע אָבגעזונדערטקייט פון די קריסטען און זייער בעשעפטיגען זיך מיט פּראָצענט־עסקים, וואָס ברענגט שאָדען דער נישט־אידישער בעפעלקערונג; אויב אפילו די אידישע רעליגיאָן בעפעהלט נישט בפירוש, אז אידען זאָלען זיך בעשעפטיגען מיט פּראָצענט־נעהמען, איז זי דאָך אָבער סובל אזאַ זאך, זי פערבאָט עס נישט, און דער תלמוד איז דערין שולדיג.

דער בעשלוס, אָדער די קאָנסעקווענץ, צו וועלכער דער מחבר פון אַר־טיקעל איז געקומען, איז געווען, נאַטירליך , גאַנץ ווייט פון אמת: „צי זעהען מיר דען נישט—פרעגט ער—ווי די פּאָרטוגיעזישע אידען (וועלכע פיהרען לגמרי נישט קיין פּראָצענט־געשעפטען) זענען וועניגער געטריי דעם תלמוד, ווי די אשכנזישע אידען? צי האָבען דען די אויסגעצייכענטע אידען אין דייטשלאַנד, ווי, למשל, מענדעלסאָן, געהאַט גרויס דרך־ארץ פאר די רבנים? און צי זענען דען, ענדליך, יענע אידען אמת פרומע, וועל־כע בעשעפטיגען זיך מיט דער וויסענשאַפט?“

אין זעלביגען טאָג, ווען די געזעלשאַפטליכע מיינונג אין פּאַריז איז אויסשליסליך געווען פערנומען מיט די אידען, האָבען זיך צום ערשטען מאָל פערזאַמעלט די אידישע דעפּוטאַטען, כדי צו בעראַטען זיך וועגען אַ געוויסענס־פראַגע, נעמליך: די ערשטע זיצונג, אָדער די עפנונג פון דער

אידישער פערזאמלונג, האט געדארפט פארקומען אום שבת, ווען מען האט אויך געדארפט אויסקלויבען א פארזיצענדען דורך געשריבענע קווימלעך. די פראגע איז אלזא געווען, אויב די אידען דארפען ערפילען זייער אויפגאבע אום שבת, אדער זיי זאלען זיך באלד משתדל זיין, דאס מען זאל די עפנונג אבלעגען אויף א אנדער טאג? און דא האט זיך באלד ארויסגעוויזען, ווי אנדערש עס בעציהען זיך צו רעליגיאנס־פראגען פערשידענע אידישע קלאסען, אנהויבענדיג פון מלוכה־מאן פורטאדא ביז די רבנים, וועלכע האבען כל ימיהם פערבראכט אין דער ישיבה אין פרומען אבהיטען אלע געבאטען פון רבניש'ען אידענטום. די רבנים און די פארטיי פון יצחק בערר האבען זיך שארף ארויסגעזאגט נעגען דעם, אז מען זאל די וואהלען פון א פארזיצענדען מאכען אום שבת און מחלל שבת זיין; די וועניגער פרומע פארטיי, די פאליטיקער, האבען דאגעגען געפאדערט, אז מען זאל זיך אונטערגעבען און בעווייזען דאדורך דעם קייזער, אז דאס יודענטום טרעט אב פאר דער הערשאפט פון די מלוכה־געזעצען. די וכוחים ווענען דער פראגע זענען געווען זעהר הייסע. ענדליך האט דער מילדער לאזאר בעוויזען צו בערוהיגען די געמיטער און צו מאכען א פשרה. די פרומע אידען האבען געדארפט פאראויס אנגרייטען זייערע וואהל־צעטלען.

אזוי ארום האט זיך פערזאמעלט אום שבת דער ערשטער (אין א געוויסער מאס) אידישער פארלאמענט אין פאריז אין זאל פון א שטאדט־הויז, וועלכער איז געווען געהעריג בעצירט מיט פערשידענע עמבלעמען. אונטער דעם פארזיץ פון עלטסטען דעלעגאט, דעם רב, רבי ליפמאן פון קאלמאר, האט מען געמאכט די וואהלען פון א פרעזידענט. די פרומע אידען האבען אבגעגעבען די צעטלעך, וואס זיי האבען געהאט אנגעשריבען ערב־שבת; די איבריגע האבען געשריבען די קווימלעך אום שבת פאר די רבנים אין די אויגען. קאנדידאטען אויף דער שטעלע פון פארזיצענדען זענען געווען צוויי: בערר יצחק בערר און אברהם פורטאדא. דער ערשטער איז געווען בעוואוסט דורך זיין ענערגישער אונאויפהערליכער שתדלנות און קעמפפען פאר דער אידישער בעפרייאונג; דער צווייטער איז געווען פאליטיש בעסער ענטוויקעלט, זייענדיג גוט געניט אין די מנהגים פון א פארלאמענט. דעם ערשטען האבען געשטיצט די פרומע אידען, דעם צווייטען — די פרייערע. פון 94 שטימען האט פוטארדא בעקומען 62, מיט פארלאמענטארישען טאקט האט פורטאדא אנגעהויבען פיהרען די בעראטונג פון דער פערזאמלונג. די דעלעגאטען האבען גוט פערשטאנען, וואס פאר א פעראנטווארטליכע אויפגאבע זיי האבען און זיך ארויסגעוויזען פעהיג צו דער ארבייט, זייענדיג דורכגעדרונגען מיט'ן געפיהל פון אחדות און שלום, כדי צו דערגרייכען צום ציעל, וועלכער איז אלעמען געווען גלייך טייער און הייליג. אויך די דייטשע רבנים, וועלכע זענען תמיד געזעסען אין די ישיבות און בתי־מדרשים איבער די גרויסע ספרים, האבען זיך באלד צוגעוואוינט צו די פארמען פון פארלאמענטאריזם.

ווי א פלאם פייער האט געווירקט די רעדע פון ליפמאן סערף-בערר, בעזונדערס, די ווערטער: „לאמיר פערגעסען, פון וואנען מיר זענען געקומען! דא זענען נישטא קיין עלזאסער, פארטוגיעזען, אדער דייטשען, נור אידען. צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט, זענען מיר פונדעסטוועגען איין פאלק, און מיר דינען איין גאט און, ווי אונזער תורה בעפעהלט עס אונז, זענען מיר געטריי דער רעגיערונג, וואס אונטער איהרע געזעצען לעבען מיר! — נאטירליך האט זיך געהערט אין די רייד פון די דעלעגאטען א צו-גרויסע, נמאס'דיגע פערגעטערונג פון נאפאלעאן, פאר וועלכע די פערזאמלונג האט געשאטען שבחים אהן א שיעור און ערך. ווען דער אפיציר פון דער עהרען-וואך איז צוגעגאנגען צום פארזיצענדען פון דער פערזאמלונג, כדי צו נעהמען פון איהם זיינע בעפעהלען, און די וואך האט בעגלייטעט מיט מיליטערישער עהרע און א פויקעריי, האבען די דעלעגאטען זיך דערשפירט שטארק דערהויבען און די אימה, וואס זיי האבען פריהער געשפירט, האט זיך פערענדערט אין האפנונג.

די דאזיגע האפנונג האט זיי צוגעגעבען מוט, צו קאנען ארויסטרעטען געגען די אנפאלען, וואס עס האבען געמאכט אויף זיי די אידען-פיינדליכע שריפטשטעלער. די אידישע דעלעגאטען פון די איטאליענישע פראווינצען זענען געקומען אין דער פערזאמלונג עטוואס שפעטער. דער בעדייטענדסטער צווישען זיי איז געוועזען רבי אברהם ויטא די קאלאניא (געבוירען 1755 געשט. 1832). געבילדעט אי אלס רב אי אין דער וויסענשאפט, האבענדיג אנ'אנגענעהמע געשטאלט און זייענדיג זעהר בערעדעוודיג, איז ער, אלס רב פון מאנטוא, אויסגעקליבען געווארען אין פארלאמענט פון קעניגרייך איטאליען. קאלאניע האט נוטה געווען צו דער נייער ריכטונג, וועלכע האט געשטרעבט ארויסצורייסען דאס יודענטום פון זיין אבגעשטאנענקייט און אבגעזונדערטקייט, כדי צו געבען איהם, אזוי צו זאגען, אנ'אייראפעאישען חאראקטער. אבער איהם זענען גלייך נישט קלאר געווען דער וועג, ווי דער ציעל, און דעריבער האט ער זיך בלויז געהאלטען ביי'ם גוטען ווילען, נישט אויפטהוענדיג עטוואס וויכטיגעס.

אין דער צווייטער זיצונג (29-סטער יולי) האבען די דריי קייזערליכע קאמיסארען דערלאנגט דער פערזאמלונג מיט געוועהנליכען פאראד צוועלף פראגען, אויף וועלכע די פערזאמלונג האט געדארפט געבען אנ'ענטפער. די הויפט-פונקטען זענען געוועזען, אויב די פראנצויזישע אידען האלטען פראנקרייך פאר זייער פאטערלאנד, די פראנצויזען פאר זייערע ברידער, דאס מלוכה-געזעץ אלס אויך פאר זיי פערפליכטענד און, אלס קאנסעקווענץ פון די דאזיגע פראגען—די דריטע הארבע פראגע: „צי ערלויבט דאס יודענטום געמישטע חתונות מיט די קריסטען?" ענדליך אויך די פראגען, צי ערלויבט דאס יודענטום צו נעהמען צו-גרויסע פראצענט פון נישט-אידען, אדער עס פערבאט דאס? — די איבריגע פונקטען וועגען פיעל-ווייבעריי (פאליגאמיע) ביי אידען, וועגען גטין, וועגען די רבנים און דאס גלייכען,

האבען שוין געהאט א צווייט־קלאסישע בעדייטונג. די מייסטע מיטגלידער
פון דער פערזאמלונג האבען זיך געשפירט זעהר געקרענקט, ווען מען האט
זיי געשטעלט די פראגע, אויב זיי האלטען פראנקרייך פאר זייער פא־
טערלאנד, חאטש זיי האבען שוין דאס געהאט דערוויזען, פערגיסענדיג זיי־
ער בלוט פאר איהר אויפ'ן שלאכט־פעלד , און דעריבער, ווען מען האט
אט די פראגע געלעזען, האבען זיי זי נישט געקאנט איינהאלטען און אויס־
רופען: „ביז אין טויט!“ (בלייבען מיט איהר געטריי).—איבערגעבענדיג דער
פערזאמלונג די 12 שאלות האט דער קאמיסאר מאלע געהאלטען א קאלטע,
כמעט בעליידיגענדע רעדע: די אנקלאגען—האט ער געזאגט—וואס דער
קייזער האט ערהאלטען אויף פיעל אידען, זענען געווים ריכטיגע. דער קיי־
זער האט זיך אבער נישט געוואלט אבשטעלען בלויז ביים בעשטראפען די
שולדיגע; ער האט אויך געוואלט הערען פון די אידישע דעלעגאטען, ווי
אזוי מען קאן אויסוואָרצלען דאס שלעכטס. ער פערלאנגט דעריבער, אז די
דעלעגאטען זאלען ענטפערען אויף דער פראגע נאר דעם אמת און ער גיט
זיי די פאלקאמע פרייהייט דערויף. ער פערלאנגט אבער אויך, אז זיי זאלען
זיין געטרייע פראנצויזען און געדענקען, אז אויב עס וועט זיך ארויסווייז־
זען, דאס זיי זענען נישט ווערט דעם דאזיגען כבוד, וועט זיי אויסקומען
אבצוזאגען זיך פון איהם... די פערזאמלונג האט אלזא געוואוסט, ווי עס
האלט מיט אידען אין פראנקרייך : אדער מען ברויכט זיך אבצוזאגען
פון דער גלייכבערעכטיגונג, אדער דערנידעריגען דאס יודענטום. אויף דער
רעדע האבען געענטפערט פורטאדא און יצחק בערר; דער ערשטער האט
זיך בעמיהט, צו פערענטפערען אידען, דער אנדערער—דאס יודענטום. ביי־
דע האבען זיך בעמיהט טעמפיג צו מאכען די שארפע גיפט־פיילען, וועלכע
זענען געווען אין מאלע'ס רעדע און ביידע האבען פערזיכערט, אז די אידען
קאנען און ווילען זיין אי געטרייע אידען אי געטרייע פראנצויזע

די צוועלף פראגען זענען אבגעגעבען געווארען אין א קאמיסיע, וועלכע
האט געדארפט אויסארבייטען אויף זיי א ענטפער. אין דער קאמיסיע הא־
בען אנטייל גענומען דער פארזיצענדער פורטאדא מיט זיינע סעקרעטארען
און אויך פיער רבנים: ש י נ צ ה י ם, אַ ד ר א ד ע, ד ע ק א־
ל א נ י א און ס ע ג ר, ווי אויך צוויי געלעהרטע בעלי־בתים: י צ ח ק
ב ע ר ר און ל א ז א ר.

די דאזיגע קאמיסיע האט איבערגעגעבען די הויפט־ארבייט דעם
רב ר ב י ד ו ד ש י נ צ ה י ם, וועלכער איז געווען דער געלעהרטעס־
טער און אנגעזעהענסטער מיטגליד פון דער פערזאמלונג און האט די
ארבייט אויסגעפיהרט אין דער קורצעסטער צייט (פון 30־טען יולי ביז
3־טען אויגוסט) צו דער גרויסער צופרידענהייט פון דער פערזאמלונג,
ווי אויך פונ'ם קייזער. דעם ענטפער אויף די פראגען האט מען נעמליך
איבערגעגעבען די קאמיסארען, נאך איידער מען האט איהם עפענטליך
בעטראכט אויף דער פערזאמלונג. די גרויסע אויפגאבע האט אויך גרויס

געמאַכט די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע און ווייט דערהויבען זיי איבער דער געוואוינליכער ליניע. דאָס ווירקען צוזאַמען האָט זיי צוגעגעבען התלהבות און די געהערטע רעדעס האָבען זיי געגעבען פליגלען. וועגען דעם ענטפער האָבען די קאָמיסאַרען באַלד מודיע געווען דעם קייזער, וועלכער איז אַזוי צופרידען געווען פון איהם, אַז ער האָט ערקלערט, דאָס ער וועט אַלע דעלעגאַטען אויפנעהמען ביי זיך אויף אַנ'אוידיענץ (אַ זעלטענעס). נאַפּאָלעאָן האָט געמיינט, דאָס פאַר איהם וועלען ערשיינען מענשען מיט געבויגטע רוקענס, קליין-הענדלער, פראַצענטניקעס, קריכער וועלכע זוכען נור עפּעס אַ פערדינסט אַבי-וואו און אַבי-ווי; פונ'ם ענטפער אָבער האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער האָט דאַ צו טהון מיט העכסט געבילדעטע און פיין פיהלענדע לייט, וואָס אַ טייל פון זיי זענען ווערט אַנטייל צו נעהמען אין זיין מלוכה-ראַט. שוין דאָס אַליין האָט מיטגעווירקט, אַז ער זאָל ענדערן זיין פריהערדיגע שלעכטע מיינונג וועגען די אידען. נישט וועניג אָבער האָבען אויך דערביי מיטגעווירקט די גרויסע שבחים, וועלכע די פערזאַמלונג האָט נישט געקאַרגט פאַר נאַפּאָלעאָנען. פאַר אַ קייזער, וועלכער האָט געהאַט צו פערדאַנקען זיין הויכע שטעלע נאָר זיין פערזענליכער פעהיגקייט, זענען אַזעלכע שבחים געווען זעהר אַ וויכטיגע זאַך. די דעלעגאַטען אָבער זענען דורך די רעדעס געוועזן, ווי די צוהיצטע, האַלב-שכורע מענשען און דעריבער איז קיין וואונדער נישט, אויב זיי האָבען פערלוירען יעדע מאָס, לויבענדיג דעם קייזער איי הימעל אַריין.

אין דער דריטער זיצונג (דעם 4-טען אויגוסט), ווען מען האָט גענעפיהרט די וכוחים וועגען דעם ענטפער, זענען די דעלעגאַטען שוין אַרויסגעטראָטען מיט פאָלקאָמער זעלבסטווירדיגקייט. אויף די ערשטע צוויי פראַגען: אויב די אידען האָבען חתונה מיט צוויי אָדער מעהר פרויען און אויב אַ גט, וואָס איז געמאַכט געוואָרען, לויט'ן פראַנצויזישען געזעץ, ווערט אויך אַנערקענט דורך דער רעליגיאָן? — אויף די דאָזיגע פראַגען איז געווען גאַנץ לייכט צו ענטפערן. אַנדערש איז עס געווען מיט דער דריטער פראַגע, וועלכע האָט דערוועקט זעהר לײדענשאַפטליכע וכוחים און דערוויזען, ווי טיעף עס איז אויסגעוואַקסען דער תהום צווישען די פרומע און אויפגעקלערטע אידען זינט מענדעלסאָנ'ס צייטען. די פראַגע איז געווען: „צי מעג אַ אידישע פרוי חתונה האָבען פאַר אַ קריסט און צי מעג זיך אַ איד נעהמען אַ פרוי — אַ קריסטין?“ — די דאָזיגע פראַגע האָט שוין דערוועקט העפטיגע וכוחים אין דער קאָמיסיע און איצט האָבען זיך די וכוחים אויפגעפלאַקערט נאָך מיט מעהר קראַפט אין דער פולער פערזאַמלונג. די דעלעגאַטען, וועלכע זענען שוין געשטאַנען ווייט פון אַלטען יודענטום, האָבען קיין רגע זיך נישט געוואַקעלט און געענטפערט אויף דער פראַגע: יאָ! געמישטע חתונות צווישען אידען און קריסטען זענען נישט פערבאָטען. אָבער די פרומע דייטשע

רבנים, ווי, למשל, רבי שלמה ליפּמאַן און דער בעל מקובל און אויפגעקלערטער דעפּוטאַט נעפּי, ווי אויך פיעל פרומע בעלי-בתים האָבען מיט גרויס בעזאָרגונג בעטראַכט די דאָזיגע פראַגע און דאָס וואָס זי קאָן ברענגען דעם יודענטום אין דער צוקונפט. דערביי האָבען אָבער אויך זיי געשפּירט, אַז מען קאָן נישט ענטפערן אויף דער דאָזיגער פראַגע: „ניין, מען טאָר נישט!“ — די קאָמיסיע האָט אָבער פאָראויסגעזעהען די אַלע דאָזיגע קאָנפליקטען און ספקות און צוזאַמענגעשטעלט אַ שעגעם ענטפער, ערקלערענדיג, אַז לויט דער תורה איז פערבאָטען מתחתן צו זיין זיך בלויז מיט די פעלקער כנען (די געצענדיענער) און לויט'ן תלמוד קאָן מען אויך מתיר מאַכען געמישטע חתונות, ווייל דער תלמוד האַלט אויך נישט די אייראָפּעאישע פעלקער פאַר געצענדיענער, נאָר די רבנים זענען געגען אַזעלכע חתונות, ווייל עס איז אונמעגליך דערביי אָבצוהיטען אַלע מנהגים און דינים ביים מסדר זיין די קדושין. די רבנים ווילען נישט היילינען אַזעלכע חתונות פּונקט ווי די קאַטוילישע גלחים וואָלטען דאָס אויך נישט געוואָלט. דאָס קאָן אָבער נישט שטערען אין דער צייט, ווען די רעגירונג וועט אָנערקענען די געזעצליכקייט פון אַ חתונה אויך אָהן דער ברכה פון אַ רב אָדער פון אַ גלח. על כל פּנים אָנערקענען די רבנים, אַז אַ אידישע פרוי, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ גוי, אָדער אַ איד, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין, הערען דאַדורך נישט אויף בשום אופן צו זיין אידען. טייל רבנים זענען מיט'ן דאָזיגען ענטפער נישט געוועזן צופרידען און זיי האָבען אויך מתרעם געוועזן אויף די בעלי-בתים, וועלכע האָבען זיך דערוואויגען צו מישען זיך אין אַזאַ ענין, וועלכער איז אַ ריין רעליגיעזער און געהערט דערפאַר בלויז צו רבנים. סוף כל סוף האָבען אָבער די רבנים איינגעשטימט מיט'ן דאָזיגען ענטפער.

אויף די איבריגע פראַגען האָט מען בעטראַכט דעם ענטפער אין משך פון צוויי זיצונגען (7-טען און 12-טען אויגוסט). ביי'ם ענטפער אויף די פראַגען, אויב די אידען האַלטען פראַנקרייך פאַר זייער פאָטערלאַנד און די פראַנצויזען פאַר זייערע ברידער, האָט די פערזאַמלונג געקאָנט אויפווייזען, אַז דאָס יודענטום האָט אין זיינע דריי פעריאָדען — אין דער תנ"כ'ישער, תלמודישער און רבנישער — געשטעלט די מענשענליעבע און ברידערליכקייט אין שפּיץ פון אַלע מעשים-טובים. עס איז איהר אויך לייכט געוועזן צו דערווייזען, ווי נאַריש און אונבעגרינדעט עס איז דער אבערגלויבען, אַז די אידען און דאָס יודענטום לערנען פיינד צו האָבען די קריסטען.

ענטפערנדיג אויף די צוויי פראַגען וועגען פראָצענט-עסקים, האָט די פערזאַמלונג אויך געקאָנט אָבוואַרפען אַ פעסט-איינגעוואָרצעלטען אבערגלויבען, אַז דאָס יודענטום בעפעהלט צו נעהמען פּראָצענטען ביי די נישט-אידען, און בכלל בעלייכטען דאָס יודענטום. די תורה האָט פערבאַ-

מען צו נעהמען פראָצענט פאר אַ הלואה ביי אַ אידען אין ארץ־ישראל, ווייל די אידען האָבען זיך דארט גענאָט בעשעפטיגט בלויז מיט לאנד־ארבייט, און די הלוואות פלעגט מען מאַכען נאָר אין פאַל פון דער נויט, אָבער נישט כדי צו מאַכען דערמיט געשעפטען און פערדינען פון דעם געלד. פאר הלוואות אין דער גויט האָט מען אָבער על פי יושר נישט גע־טאָרט נעהמען קיין פראָצענט, דען דער מלוה, בכלל דער רייכער איז האָט זיך געדאַרפט בעציהען ברידערליך צו זיינע שכנים און מיטבירגער. דאגעגען די גוים וואָס זענען געקומען קיין ארץ־ישראל און האָבען געקאָנט מאַכען אַ הלואה ביי אידען, האָבען דאָס געטהון נאָר מיט'ן צוועק צו מאַכען מסחרים, פונ'ם געלד האָבען זיי דערויבער געהאַט הכנסה און אַט דערפאר האָט מען ערלויבט צו נעהמען פראָצענט, וואָס הייסט אייגענט־ליך — אַ טייל פון דער הכנסה. אין אַזאַ פאַל האָט מען אָבער אויך גע־מעגט נעהמען פראָצענט ביי אידען. — לסוף פון דער האָזיגער ערקלע־רונג אָנערקענט די פערזאַמלונג, אַז עס זענען פאַראַן צווישען אידען אויך אַזעלכע, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט'ן נעהמען גרויסע פראָצענטען, דערפאר קאָן מען אָבער נישט מאַכען פעראַנטוואָרטליך דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, בפרט, אַז די צאָהל פון די פראָצענטניקעס איז כלל נישט קיין גרויסע.

דערוויל איז אונטערגעקומען דער געבורטס־טאָג פון קייזער נאַפּאָלעאָן (15־טער אויגוסט), און די פערזאַמלונג האָט געהאַט די געלע־גענהייט איינצוואָרדנען אין פאַריזער שוהל אַ גרויסע פייערונג, וואו מען האָט אַרויסגעשטעלט נאַפּאָלעאָנ'ס בילד בעפוצט מיט בלומען און געזונ־גען קאַפּיטלעך תהלים אויף העברעאיש און פראַנצויזיש לכבוד איהם. דערביי האָבען דריי רבנים געהאַלטען רעדעס: דער רב אַ נ ד ר אַ ד ע האָט גערעדט פראַנצויזיש, דער רב ס ע ג ר — איטאַליעניש און רבי יוס ף ד ו ד ש י נ צ ה י י ם — דייטש. דער קייזער האָט די דעלעגאַטען אויף אַנ'אוידיענץ נישט אָנגענומען, אָבער ער האָט דורך זיינע קאָמיסאַרען אַרויסגעזאָגט זיי זיין צופרידענהייט מיט די ענטפערן, וואָס זי האָט גע־געבען און וועט זיך בעציהען צו די אידען מיט חסד, נישט אָבגעהמענדיג ביי זיי זייערע בירגערליכע רעכט. אויב נאַפּאָלעאָן האָט שוין פריהער געשפּירט אין הארצען אַ טיעפע בעוואונדערונג פאר דער אַלטקייט און פעסטקייט פון דעם עלטסטען פאָלק פון דער ציוויליזאַציע, האָט ער איצט דורך דעם אידישען פּאַרלאַמענט זיך נור געשטאַרקט אין דער דאָזיגער בעוואונדערונג און זיין פעראַכטונג צו אידען איז כמעט אינגאַנצען פער־שוואונדען געוואָרען. די לעצטע רעדע מאָלע'ס צו דער אידישער פערזאַמ־לונג איז שוין געהאַלטען געוואָרען אין אַ גאַנץ אַנדער טאָן, ווי זיין ערש־טע רעדע: „באמת — האָט מאָלע ערקלערט — ווער קאָן זיך אָבהאַלטען פון ערשטוינען, זעהענדיג די פערזאַמלונג פון אויפגעקלערטע לייט, וועל־כע זענען אויסגעקליבען געוואָרען אינ'ם עלטסטען פאָלק פון דער וועלט?

ווען עס וואָלט אויפגעשטאַנען תחית־המתים אַ גרויסע פּערזענליכקייט פון דער פאַרצייטיגער וועלט, צי וואָלט זי דען ביי'ם אַנבליק פון דער אידישער פערזאַמלונג אין פּאַריז נישט געגלויבט, אַז זי געפינט זיך אין ירושלים, אָדער צי וואָלט זי נישט געמיינט, אַז אין דער וועלט איז פאָרגעקומען אַ געוואַלדיגע איבערקעהרעניש, וועלכע האָט דאָס מעגליך געמאַכט? — זיין מאַיעסטעט דער קייזער — האָט מאָלע צוגעגעבען — פערזיכערט אייך, אַז איהר האָט די פאָלקאָמע רעכט אָבצוהיטען אייער רעליגיאָן און דערביי אויך בלייבען ביי אייער פּאָליטישער גלייכבערעכטיגונג. פאַר'ן דאָזיגען אוצר, וואָס מען גיעט אייך פאָדערט מען אָבער פון אייך, אַז אייער רעליגיאָן זאָל גאַראַנטירען, דאָס עס וועלען שטרענג אָבגעהיט ווערען די פּרינציפּען, וועלכע איהר האָט אַרויסגעזאָגט אין אייער ענטפער".

וואָס זשע פאַר אַ גאַראַנטיע האָט דאָס געזאָלט זיין? נאַפּאָלעאָן האָט וועגען דעם אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט, וואָס האָט דערוועקט אַן איבערראשונג, אָבער אויך אַ פרייד ביי די אידישע דעלעגאַטען און עלעקטריזירט זיי. „דער קייזער שלאָגט פאָר צוזאַמענצורופען די אידישע גרויסע סנהדרין". — די דאָזיגע אינסטיטוציע, וועלכע איז אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט'ן חורבן פון בית־המקדש, וועלכע האָט אייניציג און אַליין געהאַט די נויטיגע אויטאָריטעט ביי אידען, האָט געזאָלט אויפשטעהן תחית המתים און געבען אַ בעדייטונג פון אידישע געזעצען אַלע ענטפערן, וואָס די פערזאַמלונג האָט געגעבען. די פּסקים, וואָס די סנהדרין וועט אַרויסגעבען האָבען געדאַרפט ווערען אָנגענומען פאַר הייליגע דינים דורך אַלע אידען אין דער גאַנצער וועלט, פונקט ווי דינים פון תלמוד. „די סנהדרין דאַרף בענייען דעם גייסט פון יודענטום, פון די אידישע דינים, ערקלערענדיג זיי, לויט דער נייעסטער בעדערפעניש, לויט'ן גייסט פון דער צייט, מבטל מאַכען די דינים, וועלכע האָבען זייער צייט אָבגעלעבט און בעשאַפען אַ אָרגאַניזאַציע פאַר די אידען". די פערזאַמלונג האָט געדאַרפט פונאַנדערשיקען אַ צירקולאַר צו אַלע אידישע קהלות אין אייראָפּאַ וועגען דער נייער סנהדרין, כדי זיי זאָלען שיקען מיטגלידער, וואָס זאָלען ווערט זיין אַנטייל צו נעהמען אין איהר, און די נייע סנהדרין זאָל קאָנען בעקומען דעמזעלביגען אויטאָריטעט, וואָס עס האָט געהאַט ביי אידען די סנהדרין אין די אַלטע צייטען. אויך לויט דער פאָרם האָט די נייע סנהדרין געברויכט צו זיין אַ ריכטיגע קאָפּיע פון דער ערשטער. זי האָט געדאַרפט בעשטעהן פון איין און זיבציג מיטגלידער און האָבען אַ פאָרזיצענדען — אַ נשיא — מיט צוויי סעקרעטאַרען — סגנים — איינער אַן „אב־בית־דין", דער צווייטער אַ „חכם". — קיין וואונדער נישט, אַז די פערזאַמעלטע דעלעגאַטען האָבען זייערע אויערען נישט געגלויבט, ווען זיי האָבען די זאַך דערהערט. מיט דריי חדשים פריהער האָט מען זיי צוזאַמענגערופען און אויף זיי איז געלעגען אַ שווערע אויפגאַבע — אָב־

צוראַטעווען דעם אידישען כבוד און פערטיידיגען זיך פאַר די שונאים, און פּלוצלונג ערקלערט מען זיי, אַז עס לעבט אויף דער אידישער כבוד, ווי אין די גאַנץ אַלטע צייטען, און האָט נאָר אַ דאַנק זייער אַרבייט!

עס פערשטעהט זיך, אַז די פערזאַמלונג האָט אַרויסגעזאָגט איהר פרייד מיט דער גרעסטער התלהבות, הערענדיג די וואונדערליכע בשורה. זי האָט איינגעשטימט אויף אַלץ, וואָס די קייזערליכע קאָמיסאַרען האָבען דערביי ערקלערט און געגעבען איהר אַ דיפּלאָמאַטישע אַנצוהערעניש. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס צוויי דריטעל פון דער סנהדרין זאָלען זיין רבנים און איין דריטעל בעלי־בתים. די סנהדרין האָט זיך געדאַרפט עפענען אין אַקורצער צייט נאָכדעם (דעם 20־טען אָקטאָבער). פינף און צוואַנציג חברים האָט מען געדאַרפט אויסקלייבען פון דער פערזאַמלונג גופא; די פערזאַמלונג האָט אויך בעדאַרפט גרינדען אַ „קאָמיטעט פון ניין", וועלכער האָט געדאַרפט מאַכען אַלע נויטיגע פאַרבערייטונגען פאַר דער גרויסער סנהדרין און פיהרען די אונטערהאַנדלונגען מיט די קאָמיסאַרען. זעהר וויכטיג איז געווען דער צירקולאַר, וואָס די פערזאַמלונג האָט אַרויסגעגעבען „צו אַלע אידען" (כ"ד תשרי תקס"ו 6 אָקטאָבער 1806) צו דערוועקען זיי, אַז מען זאָל שיקען אויסגעקליבענע מיטגלידער צו דער סנהדרין. דער צירקולאַר איז געווען געשריבען אין פיער שפּראַכען — העברעאיש, פראַנצויזיש, דייטש און איטאַליעניש — און אין איהם ווערען אַרויסגעזאָגט די גרויסע האָפנונגען, וואָס די פערזאַמלונג האָט אויף דער סנהדרין, ערוואַרטענדיג פון איהר גרויסע ישועות פאַר די אידען.

באמת האָט די געשיכטע מיט דער סנהדרין געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אין דער וועלט. די וועלט האָט זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו נאַפּאָלעאָנ'ס געוואַלדיגע נצחונות און זיך מעהר נישט געוואונדערט, הערענדיג וועגען זיי; אַבער אַז ער זאָל זיך פּלוצלונג דערמאָהנען וועגען דעם עלטסטען פאָלק אויף דער וועלט און וועלען איהם אָבגעבען צוריק איינע פון זיי בעסטע און שענסטע אינסטיטוציעס פון פאַרצייטען — דאָס האָט דערוועקט מעהר וואונדערונג צווישען די נישט־אידען, אידער צווישען די אידען. די בערלינער אויפגעקלערטע (משכילים), דער קרייז פון דוד פרידלענדער, האָבען אָבער ביי דער דאָזיגער בשורה דערשפּירט גאָר אַן אונאַנגענעהם געפיהל; זיי האָבען מורא געהאַט, אַז די סנהדרין וועט שטרעבען צו בעניי'ען דאָס יודענטום אויפ'ן אַלטען שטייגער, זיי האָבען דעריבער ערקלערט, אַז דער גאַנצער ענין פון סנהדרין איז נאָר אַ יוּ־שפּיעל, אַ מין שפּאַס, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געוואָלט געבען פאַר זיינע פּאַריזער איינוואוינער. אויך אַ געפיהל פון פּאַטריאָטיזם האָט זיך דערביי צוגעמישט. די פּרייסישע אידען האָבען טיעף געשפּירט דעם וועהטאָג פון פּרייסישען פאָלק אין דעם פּרייסישען קעניגליכען הויז, צוליב די מפּלות ביי יענאַ און אויערשטעדט. נאַפּאָלעאָן מיט זיין חיל זענען איינ־

געקומען אין בערלין ווי די מנצחים מיט טריאומף, און גאנץ צפון-דייטש-
לאנד ביז'ן צפון- און מזרח-ים און ביז דער ווייכסעל איז געלעגען אפען
פאר'ן מנצח. אלץ ווייטער און ווייטער איז דער מנצח געגאנגען צום
מזרח ביז דער דאמאלדיגער דרום-פרייסישער פראווינץ (דער קאנט פינ-
ווארשא און פאזען). אין די ווינטער-גאנגען, וועלכע זענען זעהר בעשווער-
ליך אין יענעם קאנט, האבען די פראנצויזישע סאלדאטען געפונען א גרוי-
סע שטיצע ביי די ארטיגע אידען, וועלכע האבען זיי אויפגענומען פריינד-
ליך פאר די גרויסע חסדים, וואס דאס פראנצויזישע פאלק האט ארויס-
געוויזען צו אידען. פונקט ווי די פאליאקען, האבען אויך די אידען בע-
גריסט די פראנצויזען, אלס בעפרייער. נאפאלעאן האט ערקלערט, אז די
דאזיגע פריינדשאפט פון די אידען צו זיין ארמעע איז די פרוכט פון זיין
אויפטהו מיט דער סנהדרין.

איידער די סנהדרין האט זיך געדארפט צוזאמענקומען האט די
פערזאמלונג געדארפט צוזאמענשטעלען אנ'אויסגעארבייטען פלאן פאר א
אידישען קאנסיסטאריום אין פראנקרייך. אין שפיץ פון אלע פראנצויזישע
אידען האט געדארפט שטעהן א צענטראל-קאנסיסטאריום מיט א רב-
הכולל בראש, לויט דער צענטראליזאציע פונ'ם קייזערליכען סיסטעם;
דאס צענטראל-קאנסיסטאריום האט געדארפט האבען די אויפגאבע צו
פיהרען די אויפזיכט אויף די איינצעלנע קאנסיסטאריען, רבנים, בתי-
כנסיות און קהלות; די קאנסיסטאריען, רבנים און פערוואלטונגען פון די
קהלות האבען געדארפט זיין א מין פאליציי, וואס זאל בעאבאכטען, אז
די אידען זאלען אבהיטען די בעשלוסען פון סנהדרין, וועלכע דער קייזער
וועט האבען בעשטעטיגט, בעזונדערס אבער, אז זיי זאלען אבגעבען יע-
דעם יאהר פאר'ן מיליטער די געזעצליכע צאהל רעקרוטען. אומזיסט
האט די מינדערהייט צווישען די דעלעגאטען אנגעוויזען, אין וואס פאר
א שענדליכע לאגע מען שטעלט די רבנים, צווינגענדיג זיי, צו פיהרען
די פאליציי-אויפזיכט און ווי גרויס עס איז אויך די חרפה פאר די אי-
דען, וואס מען איז זיי חושד, דאס זיי וועלען זוכען אויסצומיידען דאס מי-
ליטער-דיענסט. די מעהרהייט האט נישט געוואלט געהען געגען די קיי-
זערליכע קאמיסארען און איינגעשטימט אויף אנ'ארדנונג, וועלכע איז גע-
ווען א חרפה אי פאר די רבנים, אי פאר'ן כלל-ישראל. די דעלעגאטען האבען
זיך בכלל נישט דערוואגען ארויסצוטרעטען מיט זייער אייגענער אי-
ניציאטיווע (אויפטהו) און מאכען וועלכע עס איז פארשלאגען, וואס זא-
לען נוצליך זיין פאר די אידען. זיי האבען, למשל, אפילו נישט דערוואו-
גען זיך אנצווייזען, וואס פאר א מדרגה פון בילדונג עס איז נויטיג פאר
פערשיידענע רבנים, זיי האבען נאר אונטערטעניגסט געבעטען, אז די רעגי-
רונג זאל נעהמען אויף זיך צו צאהלען די רבנים לפחות א טייל פון
זייער פענסיע.

בכלל האבען די דעלעגאטען וואס ווייטער ארויסגעוויזען אלץ מעהר

נאַכגיביגקייט און פערקנעכטונג (סערוויליזם) אין בעציהונג צו דער
רעגירונג. אין דער לעצטער זיצונג (5-טען פעברואר 1807) האט דער
יונגער דעלעגאַט פון די אַלפּען, יצחק שמואל אבינדור
פון ניצא געהאַלטען אַ'ן אומגעלומפערטע רעדע, אין וועלכער ער
האט זיך בעמיהט „היסטאָריש צו דערווייזען", אַז די העכסטע פאַרשטע-
הער פון דער קאַטוילישער קירכע האָבען זיך תמיד בעצויגען פריינדליך
צו אידען און פערבאָטען צו רודפ'ן זיי, דעריבער דאַרף דאָס אידישע פאָלק
איצט אויסדריקען זיין דאַנק. ער האט דעריבער פאָרגעלעגט אַנצונעהמען
פאָלגענדע רעזאָלוציע: „די דעפּוטאַטען פון דער פראַנצויזישער אימפּעריע
און דער איטאַליענישער מלוכה דאַנקען די קריסטליכע גלחים פאַר די
שטענדיגע חסדים, וואָס זיי האָבען ארויסגעוויזען דעם אידישען פאָלק
אין די פריהערדיגע יאָהרהונדערטען אין פערשידענע מלוכות אין אייראָ-
פאַ; פיהלענדיג טיעף אַ דאַנקבאַרקייט צו די פּויפּסטען און אַנדערע הוי-
כע גלחים, בעשליסען די דעפּוטאַטען צו דאַנקען זיי פון טיעפען הארצען
פאַר זייערע חסדים. די קאָפּיע פון'ם דאָזיגען פּראָטאָקאָל דאַרף איבער-
געגעבען ווערען דעם מיניסטער איבער די אמונות". די פערזאַמלונג האט
די דאָזיגע אויסטערלישע רעזאָלוציע אָנגענומען. די יורשים פון די אמאָ-
ליגע פערטריבענע אידען פון פראַנקרייך און פון די אנוסים און די קרבנות
פון דער אינקוויזיציע האָבען אזוי אַרום אינ'ם דאָזיגען שענדליכען פּראָ-
טאָקאָל געדאַנקט די פּויפּסטען אינאָקענץ 3-טער, פּאָול 4-טער
און פּיוס 6-טער פאַר זייער אונמענשליכען בעגעהען זיך מיט אי-
דען... אַזאַ קנעכטישקייט פון דער אידישער פערזאַמלונג האט פערוואונ-
דערט אויך אפילו די קייזערליכע קאָמיסאַרען און איינער פון זיי (פּאָר-
טאַליס) האט מודיע געווען וועגען דעם דעם קייזער, ווי וועגען „אַ פּאַ-
קאַנטען" פאַקט: די אידען לויבען אין הימעל אַריין די טאָלעראַנץ און
חסדים פון דער קאַטוילישער קירכע, ווערענד די קריסטען טראָגען
אַרוים אונאָנשטענדיג אין נאָמען פון אַ פאַלשער פילאָסאָפיע געגען דעם
פאַנאַטיזם און אונטאָלעראַנץ פון די קאַטוילישע גלחים". — דער קייזער
איז אָבער צופרידען געווען דערמיט, ווייל ער האט דערין געזעהען אַ סימן,
אַז די מיטגלידער פון דער פערזאַמלונג, וועלכע דאַרפען אַריינטרעטען אין
סנהדרין, וועלען דורכפיהרען און פערווירקליכען אַלע פּלענער פון דער
רעגירונג און ער קאָן זיך דעריבער אויף זיי רוהיג פערלאָזען.

פיער טעג נאָכדעם ווי מען האט די פערזאַמלונג געשלאָסען (א' אדר —
9-טער פעברואר 1807) איז זיך צוזאַמענגעקומען די גרויסע סנהדרין, וועל-
כע האט געהאַט אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער, ווי די פערזאַמלונג. ווי שוין
דערמאָהנט, איז זי בעשטאַנען פון צוויי דריטעל פון רבנים, מייסטענס פון
יענע, וועלכע זענען געווען דעלעגירט צו דער אידישער פערזאַמלונג, נאָר
די ערשטע דריי עהרען-שטעלען אין סנהדרין האט פערטיילט דער מיני-
סטער פון אינערן: דער רב רבי יוסף דוד שינצהיים אין

בעשטימט געווארען פאר „נ ש י א" (פרעזידענט), דער אלטער רב סעגר — פאר א „אב-בית-דין" (ערשטער סעקרעטאר) און רבי אברהם דע קאלאניא — פאר א „חכם" (צווייטער סעקרעטאר). די איבריגע רבנים זענען געווען על פי רוב פון דייטשלאנד און איטאליען, ווייל אין פראנקרייך גופא זענען זעהר ווענינ געווען גרויסע רבנים. די עפענונג פון סנהדרין איז פארגעקומען מיט גרויס פאראד. פונ'ם הויז פונ'ם נשיא זענען די מיטגלידער פון סנהדרין געגאנגען אין שוהל אריין, וועלכע איז געווען זעהר שעהן פערפוצט און פול פובליקום פון די העכסטע געזעלשאפטליכע קרייזען. עם פערשטעהט זיך פון זעלבסט, אז ביי דער דאזיגער געלעגענהייט האט מען געהאלטען רעדעס מיט גרויס התלהבות. שינצהיימ'ם העברעאישע רעדע האט, נאטירליך, נישט געקאנט מאכען קיין שטארקען איינדרוק, ווייל זעהר ווענינ האבען איהר פערשטאנען; אבער ווען ער האט גענומען דעם ספר-תורה אין די הענד און האט מיט זיין עהרווירדינען ערשיינען געבענשט די פערזאמלונג און געלעזען א ספעציעל אנגעשריבענע תפלה, האבען די אנוועזענדע זיך געשפירט זעהר שטארק דורכגענומען. די איטאליענישע רעדע פון רבי אברהם דע קאלאניא, וועלכע איז געווען איבערגעזאלצען מיט הויכע מליצות, האט בעזונדערס דערהויבען די שטימונג און איבערגעלאזען א רושם אויף א לענגערער צייט. דעם קייזער נאפאלעאן האט מען, נאטירליך, געלויבט אין הימעל אריין דורך דרשות און שירים, וועלכע מען האט געזונגען אין העברעאיש און פראנצויזיש.

פון שוהל איז די פערזאמלונג אוועקגעגאנגען אין ראטהויז, וואו מען האט פאר איהר בעשטימט א שעהן פערפוצטען זאל, וואו די זיצונגען פון סנהדרין האבען געדארפט פארקומען. די זיבעציג מיטגלידער האבען זיך פונאנדערגעזעצט, לויט זייער עלטער, אין א האלב-קרייז ארום דעם נשיא, ווי דער מנהג איז געווען ביי אידען פארצייטען אין ארץ-ישראל. די זיצונגען זענען געווען עפענטליכע און דעריבער פלעגען זיך געפינען דערביי פיעל זייטיגע מענשען. די מיטגלידער פון סנהדרין זענען געווען געקליידעט אין שווארצען מיט א זיידענעם קלייניקען מאנטעל פון אויבען און א דרייקאנטיגען הוט, לויט דער פעסטגעזעצטער פארם. דער רב שינצהיים האט אנגעשריבען א תפלה, וועלכע מען פלעגט זאגען פאר יעדער זיצונג. אין דער עפענונגס-רעדע האט דער נשיא ש י נ צ ה יי ם געזאגט לערך פאלגענדעס: זעהענדיג אונזער גענענווערטיגע הויכע פערזאמלונג, קעהרט זיך אום מיין גייסט צו דער צייט צוריק מיט א פאר טויזענד יאהר, צו די ערשטע דורות, ווען מיר זענען א פאלק געווארען, און אין מיין הארצען דערוועקט זיך א בעזונדער געפיהל, וועלכען איהר שפירט אויך, בלי ספק, איהר אידישע שריפטשטעלער און אויסערוועהלטע פון אידישען פאלק! מיר אלע זענען נאך צוועהטאנט און צושלאגען פון די וואונדען, וואס אונזערע פיינד האבען אין אונז געמאכט, צי האט דען עמיצער פון אונז געקאנט גלויבען, דאס מיר עלענדע וועלען בעקומען אזא גרויסע פריהייט?"

אין דעם זין האָט אויך גערעדט אברהם פורטאַדאָ.

קיין ממשות'דיגע ארבייט האָט די סנהדרין פאַר זיך נישט געהאַט.
די האָפנונג מתקן צו זיין וויכטיגע תקנות האָט זיך נישט פערווירקליכט.
צוליב דער מלחמה מיט פרייסען, האָט דער קייזער פערגעסען אי אויפ'ן
סנהדרין אי אויף די אידען. פאַר דער סנהדרין איז דעריבער געבליבען נאָר
איין אויפגאַבע: צו בעשטעטיגען די ענטפערס פון דער פערזאַמלונג און
פעראייביגען זיי אַלס שטענדיגע געזעצען. זי האָט געדאַרפט געבען די גאַ=
ראַנטיע, אַז די פראַנצויזישע, דייטשע און איטאַליענישע אידען אין פראַנק=
רייך האָבען גערעדט ערנסט און הייליג, בשעת זיי האָבען פערזיכערט,
דאָס זיי ליעבען זייער פאַטערלאַנד און זענען גרייט אָבצוהיטען זייגע גע=
זעצען. די סנהדרין האָט דעריבער אָנגענומען אָהן וכוחים און ישוב הדעת
אפילו פיעל רעזאָלוציעס, וועלכע פורטאַדאָ האָט רעפערירט. די סנהדרין
האָט אפילו אויך אָנגענומען אָהן וכוחים די פאָלגענדע געפעהרליכע אָנ=
שויאונג, וואָס פורטאַדאָ האָט אַרויסגעזאָגט נעמליך: דאָס יודענטום בע=
שטעהט פון צוויי, שאַרף אָבגעגרענצטע עלעמענטען — פון ר ע ל י ג י ע ז ע
און ר י י ן = פ אָ ל י ט י ש ע בעשטימונגען. די ערשטע זענען אונפערענדער=
ליך, די אַנדערע דאַגעגען זאָלען האָבען פערלוירען זייער בעדייטונג, זינט
עס איז חרוב געוואָרען די אידישע מלוכה און „דאָס אידישע פאָלק האָט
אויפגעהערט צו זיין א נאַציאָנאַלער אָרגאַניזם" (depuis qu'il ne for-
me plus un corps de nation) אָבער נישט יעדער ערשטער=בעסטער
דאַרף האָבען די מאַכט איבערצומאַכען די אידישע פאָליטישע געזעצען,
נאָר אַ הערשענדע פערזאַמלונג, אַ גרויסע סנהדרין, קאָן דאָס טהון. באַלד
האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז אויך די רעליגיעזע עלעמענטען דאַרפען,
ביים ערשטען צוזאַמענשטויס מיט די ציווילע געזעצען פון דער געגענווער=
טיגער מלוכה, אָבטרעטען, אָדער איבערגעמאַכט ווערען. דעם דאָזיגען
געדאַנק האָט די סנהדרין דירעקט נישט אַרויסגעזאָגט, אָבער זי האָט איהם
פערווירקליכט אין איהרע רעזאָלוציעס. אַזוי, למשל, אין דער פראַגע וועגען
גטין און קדושין האָט די סנהדרין קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז אָהן אַ ציו=
ווילען אַקט אין די רעגירונגס=אינסטיטוציעס זענען אַזעלכע אַקטען ביי די
רבנים בטל ומבוטל. אויך די פונקטען וועגען געמישטע חתונות האָט די
סנהדרין אָנגענומען אָהן קיין שום טענות=ומענות, אָנערקענענדיג, אַז צי=
ווילע חתונות צווישען אידען און קריסטען זענען פערפליכטענד און די
רעליגיע שליסט דערפאַר נישט אויס איהרע מיטגלידער. וועגען דעם, וואָס
דורך די געמישטע חתונות וועט פערשווינדען ביי אידען דער נאַציאָנאַלער
טיפ פון אַ משפחה, האָט מען דאָך נישט געקאָנט זאָרגען, נאָכדעם ווי מען
האָט אָפען ערקלערט, אַז די אידען זענען כלל נישט קיין נאַציאָן... נישט
קאָנעדיג אויפטהון עפּעס ממשות'דיגעס, האָט די סנהדרין צוגעבראַכט
איהר צייט אין רעדעס. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אַזוי אַרום בעקו=
מען דורך די סנהדרין יענע גאַראַנטיע מצד די אידען, וועלכע זי האָט זיך

געשטעלט פאַר אַ בעדינגונג, איידער זי האָט געזעצליך בעשטעטיגט פון דאָס ניי די אידישע גלייכבערעכטיגונג.

פונקט אַ חודש צייט האָבען געדויערט די זיצונגען פון סנהדרין. די לעצטע זיצונג איז פאָרגעקומען דעם 9־טען מערץ 1807. דער פאָרזיצענדער (נשיא) האָט פאָרגעלעזען אַ בריף פון די קייזערליכע קאָמיסאַרען, אַז די סנהדרין פערמאַכט זיך און איהרע רעזאָלוציעס וועלען פאָרגעלעגט ווערען נאַפּאָלעאָנען, וועלכער איז אָבער דערווייל פערנומען געווען מיט דער מלחמה צווישען פרייסען און רוסלאַנד, ביז די דעצידירענדע שלאַכט ביי פרייסיש — פרידלאַנד האָט געבראַכט צום כלומרשט'ען שלום אין טילזיט. אין דער צייט, וואָס נאַפּאָלעאָן איז נישט געווען אין פּאַריז, האָבען די שונאי ישראל ווידער אָנגעהויבען פיהרען אינטריגעס אין געהיימען מלוכה־ראַט, כדי דורכצופיהרען די אידישע בעגרענצונג אין פראַנקרייך. די אידישע פערטרעטער האָבען זיך אָבער דערפון דערוואוסט און דער שטענדיג, גערייטער עסקן, אברהם פורטאַדאָ, האָט זיך באַלד געלאָזען אין וויימען וועג אַריין פון פּאַריז אַזש צום ניעמאַן צוזאַמען מיט זיין חבר מאָריץ לעווי, כדי פאָרצושטעלען זיך דאָרט נאַפּאָלעאָנען און בעקאַנט צו מאַכען איהם מיט די אינטריגעס געגען די אידען. נאַפּאָלעאָן האָט זיי מבטיח געווען, אַז ער איז נוטה לטובת די אידען, און זיי האָבען זיך געלאָזט צוריק אין וועג אַריין מיט גוטע האָפנונגען. אַ יאָהר נאָכדעם האָט נאַפּאָלעאָן מודיע געווען די אידען זיין געזעצגעבערישען ווילען (17־טען מערץ 1808). ער האָט בעשטעטיגט די שלעכטע אָרגאַניזאַציע פון קאָנסיסטאָריום, וועלכע האָט געמאַכט די רבנים און פרנסים פאַר דינער פון דער פּאָליציי, און אויך רעגולירט דעם בירגערליכען צושטאַנד פון די אידען, ריכטיגער: ער האָט אַרומגעשניטען די אידישע גלייכבערעכטיגונג. ער האָט אָבגענאַרט די גאַנצע וועלט, פאַרוואָס זשע האָט ער דוקא געגען אידען געזאָלט האַלטען וואָרט? און אינ'ם געזעץ, וועלכעס ער האָט אַרויסגעגעבען וועגען די אידען, ווערט מיט קיין איינציג וואָרט נישט דערמאָהנט וועגען דער אידישער גלייכבערעכטיגונג, דערפאַר זענען אין איהם פאַרהאַן פיעל בעגרענצונגען. קיין פראַנצויזישער איד האָט מעהר נישט געטאָרט אונטערנעהמען אַ וועלכען עס איז געשעפט נישט האָבענדיג דערויף קיין ערלויבניש פון אַ פראַנצויזישען פּאָליציימייסטער (פּרעפעקט); די האַנדעלס־אָבמאַכונגען פון יענע אידען, וועלכע האָבען אַזאַ פּאַטענט נישט געהאַט, האָבען נישט געהאַט קיין געזעצליכע קראַפט, אָדער זענען בטל געוואָרען. אויך דאָס אָננעהמען משכנות פאַר געזעצליכע הלוואות איז בעגרעניצט געוואָרען אויפ'ן מיטעלאַלטערליכען שטייגער. אַ פרעמדען אידען איז פערבאָטען געוואָרען צו בעזעצען זיך אין די דייטש־רעדענדע פראַנצויזישע פּראָווינצען (עלזאַס), ווי אויך די דאָרטיגע אידען איז פערבאָטען געוואָרען צו בעזעצען זיך אין די פראַנצויזיש־רעדענדע דעפּאַרטאַמענטען (גובערניעס). ענדליך האָט ער צוגענומען ביי

רער אידישער בעפעלקערונג דאָס רעכט צו שטעלען אַן אַכאָטניק אנשטאט זיך אין מיליטער, נאַר יעדער איד איז געזוען געצוואונגען אַליין צו שטעלען זיך צום מיליטער־דינסט. די דאָזיגע בעגרענצונגען האָט נאַפּאָלעאָן אַרויסגעגעבען אויף צעהן יאָהר „אין דער ערוואַרטונג, אַז דורך דער ווירקונג פון פערשידענע מיטלען וועט שוין דאַמאָלס נישט זיין קיין שום אונטערשיד צווישען די אידען און דער נישט־אידישער בעפעלקערונג אין פראַנקרייך".

אַזוי אַרום זענען די פראַנצויזישע אידען, אויף וועלכע זייערע ברידער אין אויסלאַנד האָבען געקוקט מיט האָפנונג, ווידער ערנידריגט געוואָרען און געשטעלט אונטער די אויסנאַהם־געזעצען. נאַר די אידען פון באָרדאָ און עטליכע אַנדערע דעפּאַרטאַמענטען, געגען וועלכע עס זענען קיין אַנקלאַגען נישט אַנגעקומען זענען געבליבען אונבעגרענעצט ביי זייער גלייכבערעכטיגונג. שפּעטער האָט מען נאָך פיעל השתדלות און אַנקלאַגען מצד די פּאַריזער אידען בעפרייט אויך זיי פון די בעגרענצונגען; צוזאַמען מיט זיי האָט מען אַרונטערגענומען די בעגרענצונגען אויך פון די אידען אין ל י ו אַ ר נ אָ, אין די דעפּאַרטאַמענטען פון די אונטער־פירענייען און נאָך אַנדערע פּופצעהן קרייזען אין פראַנקרייך און איטאַליען. געבליבען זענען אונטער דער בעגרענצונג נאַר די אידען אין די דייטש־רעדענדע פּראָווינצען, אין דער רהיין־געגענד, די וועלכע זענען שוין פון אייביג אָן געוואוינט געוועזען צו צרות און רדיפות. די חרפה האָבען אָבער געליטען אַלע אידען צוגלייך, די בעפרייטע פון דער בעגרענצונג, ווי די נישט־בעפרייטע. איצט האָבען איבעראַל די אידישע שונאים געקאָנט אָנווייזען אויף פראַנקרייך, אַלס בעווייז, אַז מען קאָן די אידען נישט אויסבעסערן אויך דורך גלייכבערעכטיגונג, דען נאָכדעם ווי מען האָט זיי אַזוי לאַנג געהאַלטען פאַר פאָלקאָמען גלייכבערעכטיגט, האָט מען געמוזט ביי זיי צוריק צונעהמען זייערע רעכטע, מסתמא צוליב זייער נאַטירליכער פערדאָרבענהייט. די דייטשען, וועלכע האָבען געוואוינט אין פראַנקרייך, האָבען געזעהען, אַז עס זענען פאַרהאַן אידען, פאַר וועלכע די אַלגעמיינע גלייכקייט איז נישט געשריבען געוואָרען, און געדרונגען דערפון, אַז מען מעג די אידען רודפ'ן און דריקען, ווי פריהער. די פראַנצויזישע רעגירונג איז אפילו געצוואונגען געוועזען צו בעשיצען פון זיי די אידען. פון יענער צייט אָן איז אין פראַנקרייך איינגעוואָרצעלט געוואָרען די משונה'דיגע מיינונג, אַז אַלע אידען, דער כלל ישראל, איז פערענטוואָרטליך פאַר די מעשים פונ'ם אידישען יחיד. דער נאָמען „איד" (Juit) און „פּראָצענטניק" זענען געוואָרען סינאָנימען, כאָטש דער נאָמען „איזראַעליט" פלעגט אַרויסגערעדט ווערען בדרך כבוד. די פראַנצויזישע אידען אין יענער צייט האָבען אָבער כלל נישט געהאַט פערדינט אַזאַ בעציהונג צו זיי, ווייל פיעל פון זיי האָבען שוין לאַנג געהאַט אָוועקגעוואָרפען דעם עסק מיט פּראָצענט. אין פראַנקרייך מיט איהרע פּראָווינצען האָבען געוואוינט דאַמאָלס לערך זיבען און זיבעציג

טויזענד אידישע נפשות און צווישען זיי זענען געווען העכער 1232 גוט-בעזיצער, 797 סאלדאטען, 250 פאבריקאנטען און 2300 סטודענטען און שילער ביי בעלי מלאכות אדער קינסטלער. אפילו אין די קאנטען פון שטראסבורג און ווינצהיין, וואו מען האט בעזונדערס געקלאגט זיך, אז די אידען פערנעהמען זיך מיט פראצענט, זענען געווען 294 סאלדאטען, 175 גוטבעזיצער, 165 פאבריקאנטען, 144 ארבייטער און 348 סטודענטען און שילער פון פראפעסיאנעלע שולען.

אבער ווי שטארק עס איז געווען נאפאלעאנס ארעם, איז ער דאך נישט געווען אומשטאנד אבצושטעלען די פרייהייטס-שטרעמונג, וועלכע האט זיך דורכגעריסען א וועג דורך דער בעפרייאונג פון די אונטערגעדריקטע פעלקער און קלאסען. ער אליין האט דורך זיין אונאייגעהאלטענקייט נאך פערשטארקט די דאזיגע שטרעמונג. נאכדעם ווי ער האט אבגעהאלטען א נצחון איבער פרייסען און געבראכען איהר שטאלץ, האט ער געגרינדעט צווי נייע מלוכות פון איהרע מדינות: דאס הערצאגטום ווארשא (וועלכע ער האט אזוי א נאמען געגעבען, בדי נישט צו דערמאנען דעם נאמען די „פוילישע מלוכה", וועלכע מען האט געהאלטען פאר „געפעהר-ליך") מיט'ן זאקסישען קורפירשט פאר א מושל איבער איהר, און די מלוכה וועסטפאליען, וואו ער האט געמאכט פאר א קעניג זיין ברודער זשעראם. אין די קאנטען פון פוילען און פרייסען האבען די אידען דערפון ווייניג וואס פערדינט, כאטש זיי האבען שוין אנגעהויבען צו ליעבען מיט התלהבות זייער פאטערלאנד און גערן פערגאסען פאר איהר זייער בלוט. די גבורות פונ'ם דאמאליגען פוילישען אידען בערקא האבען ארייגעשריבען א שענעם בלאט אין דער פוילישער געשיכטע. נאכדעם ווי מען האט פוילען צוטיילט צום צווייטען מאל, ווען טאדעוש קאשציושקא האט אויפגעהויבען די פאהן פון אויפשטאנד, האט בערקא, אדער בעריש יאסעלעוויטש ארויסגעלאזען אנ'אויפרוף צו די פוילישע אידען, אז זיי זאלען געהן קעמפען פאר זייער פאטערלאנד. „ווארום — פרעגט יאסעלעוויטש — זאלען מיר נישט ארויסטרעטען אין קאמף? מיר זענען דאך געדריקט און גערודפט מעהר פאר אלע אנדערע איינוואוינער פון פוילען! — ווארום זשע זאלען מיר זיך נישט משתדל זיין צו בעקומען יענע פרייהייטען, וועלכע מען האט אונז קלאר און ווארר צוגעזאגט? די דאזיגע פרייהייט קאנען מיר דאך בעקומען נאר ערשט דאן, ווען מיר וועלען דאס פערדינען דורך אונזערע מעשים!" — אויפ'ן דאזיגען אויפרוף האבען זיך אבגערופען פיעל פרייוויליגע אידען, וועלכע זענען צוזאמען מיט די פאליאקען ארויסגעטראטען אויפ'ן שלאכט-פעלד, בערקא איז פאר זיין גבורה דערהויבען געווארען צו דער שטעלע פון א פולקאווניק. בערקא מיט זיין אידישען פולק האבען ארויסגעוויזען ביי יעדער געלעגענהייט גרויס גבורה און מסירת-נפש. ווען דער רוסישער גע-נעראל סובאראוו האט מיט זיין ארמעע געמאכט א שרעקליכע שחיטה

אין פראגא (פאר ווארשא), האט בערקא'ם פולק מלחמה געהאלטען אזוי לאנג, ביז דער לעצטער פון זיי איז געפאלען אויפ'ן שלאכט-פעלד און בערקא'ן אליין איז געלונגען צו אנטלויפען קיין פראנקרייך, וואו ער איז אריינגעטראטען אין נאפאלעאנס ארמעע, וועלכע איז געשיקט געווארען קיין פוילען. אלס פולקאווניק איז בערקא אריינגעקומען אין גאליציען און איז דארט געפאלען אויפ'ן שלאכט-פעלד ווי א גבור. פיעל טובות האבען אבער די אידען אין פוילען דערפון נישט געהאט; אויב זיי האבען אפילו דורך דער קאנסטיטוציע בעקומען גלייכבערעכטיגונג, איז די זאך אבגעלעגט געווארען אויף גאנצע צעהן יאהר (אקטאבער 1808).

אין וועסטפאליען דאגעגען, אינ'ם לאנד, וואס איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון שטיקלעך לאנד, וואס מען האט אבגעריסען פון פיעל מדינות, האבען די אידען ווירקליך בעקומען פרייהייט און גלייכבערעכטיגונג. נאפאלעאן אליין האט אויסגעארבייט די קאנסטיטוציע פאר דער נייער מלוכה צוזאמען מיט די פאליטיקער: ב ע נ י א, י א ה א נ ע ס פ א ן מ י ל ע ר און, טיילווייז אויך, מיט ד א ה ם, וועלכע זענען אלע געווען אידען-פריינד. דער קעניג ז ש ע ר א ם, וועלכער איז געווען עהרליכער און גערעכטער פאר זיין ברודער, האט ערקלערט דורך א געזעץ (12-טען יאנואר 1808) אלע אידען פון זיין לאנד פאר פולבערעכטיגטע בירגער; ער האט אבגעשאפט אלע ספעציעל אידישע אבצאהלונגען, ערלויבט פרעמדע אידען אבצושטעלען זיך אין לאנד און בעזעצען זיך דארט אויף דיזעלביגע בעדינגונגען, ווי די קריסטליכע אויסלענדער און סטראשענדיג מיט א שטרענגער בעשטראפונג די קריסטען פאר'ן זידלען די אידען מיט'ן נאמען „שוץ-אידען". דער מוטיגער יונגער פערטיידיגער פון די אידישע רעכט, מ י כ א ל ב ע ר ר, איז דורך איהם איינגעלאדען געווארען צו קומען פון פראנקרייך קיין וועסטפאליען אויף א הויכע מלוכה-שטעלע. די אידען-פיינדליכע דייטשע אוניווערזיטעט פון געטינגען האט איהם בעשטימט פאר איהרען א מיטגליד.

א בעדייטענדע ראלע האט געשפילט אינ'ם נייען הויף פון קאסעל דער פריהערדיגער הויפפאקטאר און פינאנז-ראט י ש ר א ל י א ק א ב ס א ן (געבוירען אין האלבערשטאדט 1769, געשטארבען אין בערלין 1828). א גרויסער בעל-צדקה און אנ'עסקן, האט ער זיך בעמיהט תמיד אויסצובעסערן די אידישע לאגע און אראבנעהמען פון די אידען און פונם יודענטום די אויסערליכע נישט-שענע פארם. אין ז ע ע ז ע ן האט ער מיט געלד געגרינדעט א שול אויף אויסצובילדען אידישע קינדער; אין דער שול האט מען אויך אנגענומען קריסטליכע שילער אהן שכר-למוד. ביי דער שול האט ער אויך אויסגעבויט א שוהל, און בשעת חנוכת הבית האבען געקלונגען די גלאקען אין די קירכען פון זיין כבוד וועגען. יאקאבסאן איז ארויפגעשטיגען אויף דער בימה, געקליידעט ווי א פראטעסטאנטישער גלח און געהאלטען א דרשה אויף דייטש. דאס איז געווען די ערשטע

דייטשע דרשה אין אַ אידישע שוהל, און זי האָט זעהר אויסגענומען. צום
אָנדענקען פון דער אידישער גלייכבערעכטיגונג אין וועסטפאַליען האָט
יאַקאָבסאָן געלאָזט אויסגיסען אַ מעדאַליע מיט אַ סימבאָל פון דער פּער-
איינִיגונג צווישען די רעליגיאָנען, וועלכע זענען געווען ביז יענער צייט
פיינדליך איינע צו דער אַנדערער. אויף דער מעדאַליע איז געווען אַ לאַטיי-
נישע אויפשריפט: „מיט גאָט און מיט'ן קעניג, וועלכער קיניגט, ווי אַ
פאָטער, פעראייניגט זיך אין דער מלוכה פון וועסטפאַליען". לויט יאַקאָב-
סאָנס השתדלות, האָבען די אידען אין וועסטפאַליען געדאַרפט בעקומען
אַזאַ אינערליכע אָרגאַניזאַציע פאַר זייערע קהלות, ווי אין פראַנקרייך. מען
האָט געגרינדעט אַ קאָמיסיע, אויסצואַרבייטען אַ פּראָיעקט פון אַ אידישען
קאָנסיסטאָריום; עס פערשטעהט זיך, אַז יאַקאָבסאָן איז געווען אין איהר
פּאָרזיצענדער. די איינאָרדנונג פון קאָנסיסטאָריום איז געווען לויט'ן מוס-
טער פון פראַנצויזישען און איז פערעפענטליכט געוואָרען מיט איהם
אין איין טאָג (3-טען מערץ 1808). אָבער וועהרענד אין פראַנקרייך איז
אין שפּיץ פון קאָנסיסטאָריום געשטעלט געוואָרען אַ רב, איז דאָ יאַקאָב-
סאָן, ווי עס פערשטעהט זיך, אַליין געווען בערייט צו זיין פּאָרזיצענדער
און, צוליעב זיין תאוה נאָך כבוד, איז ער געוואָרען אויך רב. דער קעניג
זשעראָם האָט איינגעלאַדען צו זיך די מיטגלידער פון קאָנסיסטאָר-
יום אויף אַן אוידיענץ און אַרויסגעזאָגט דערביי די פאָלגענדע מערקוויר-
דיגע ווערטער: ער פרעהט זיך זעהר, וואָס די קאָנסטיטוציע אין זיין
מלוכה געהט אויפ'ן דרך פונ'ם גלייכשטעלען פאַר'ן געזעץ אַלע רעלי-
גיאָנען, לויט ווי איהם איז ליעב. דאָס קאָנסיסטאָריום האָט אויך גע-
דאַרפט מיטווירקען, צי דערוועקען ביי אַלט און יונג פּאַטריאָטישע גע-
פיהלען פאַר באָנאַפּאַרט'ס הויז. — וועהרענד אָבער אין פראַנצויזישען
צענטראַל - קאָנסיסטאָריום האָט מען אויסגעקליבען בעוואוסטע מענשען,
וועלכע האָבען שוין געהאַט אַרויסגעוויזען זייער פעהיגקייט און ריכטונג
אין אַלגעמיינע אידישע ענינים, ווי, למשל, דער פּאָרזיצענדער רבי
יוסף דוד שינצהיים, רבי אברהם דע קאָלאָ-
ניאַ און רבי מנחם דייטש, וועלכע האָבען פערשטאַנען, ווי
אַזוי לייכט און אָהן רייבונגען דורכצופיהרען דעם איבערגאַנג פון דער
אַלטער וועלט צו דער נייער, איז אין וועסטפאַלישען קאָנסיסטאָריום גע-
ווען דער איינציגער בעל הבית און זעלבסטהערשער ישראל יאַקאָב-
סאָן, וועלכער האָט זיך געלאָזט מאַכען חוצפה'דיגע אַרויסטרעטען זע-
נען דעם יודענטום, פערפיהרענדיג אויך זיינע חברים צו געהען מיט
איהם אויף זיין וועג. וועגען דעם, ווי אַזוי ער זאָל איינאָרדנען די קהלות
און שוהלען אין וועסטפאַלען, האָט ער זיך שטענדיג מישב געווען מיט
דוד פרידלענדער, וועלכער איז געשטאַנען מיט איין פוס אין
קריסטענטום, ווי אויך מיט זיינע חברים, די „מאספים".

יאַקאָבסאָן האָט זיך דעריבער גענומען צו רעפאָרמירען דאָס יי-

הענטום. אין שוהל האָט ער איינגעפיהרט די מנהגים, וועלכע זענען אָנגע-
נומען געווען אין דער קירכע, נישט אַכטענדיג, אויב דאָס איז לויט'ן אי-
דישען גייסט, אָדער נישט. ער האָט איבערהויפּט געזאָרגט נאָר פאַר דער
אויסערליכער פאָרם און געמאַכט פון דער תפלה אין שוהל אַ מין שוי-
שפּיעל. דורך זיין העספּאָטישער נאַטור און דורך דער מאַכט, וואָס ער
האָט געהאַט מצד דער רעגירונג האָט ער פיעל מאָל בעליידיגט דאָס
פרומע געפיהל פון די רבנים און די אידישע מאַסען. אָבער אַזאַ דעספּאָטיזם
איז אויך טיילווייז געווען גאַנץ נויטיג, כדי אויסצוואָרצלען פיעל נאַרי-
שע און פערעלטערטע מנהגים, וועלכע מען האָט בעזונדערס הייליג אָב-
געהיט אין די קליינע שטעדטלעך. מיט צאַרטע פינגער אָדער מיט ווייב-
ליכקייט וואָלט מען אין דער הינזיכט גאָר נישט געקאָנט אויפטהון.

די וועסטפאַלישע קהלות זענען איינגעטיילט געוואָרען אין זיבען
עפּאַרכיעס, וואָס האָבען געהאַט בראש אַ רב מיט עטליכע פרנסים; אין
די גרעסטע קהלות זענען געשטעלט געוואָרען נאָך עטליכע רבנים אין
שפּיץ פון דער הנהגה, אָבער אין דער ווירקליכקייט זענען זיי געווען נאָר
משרתים ביי די פרנסים און געמוזט טהון אַלץ, וואָס יענע האָבען זיי
בעפוילען. ווי די פראַנצויזישע רבנים, האָבען אויך זיי געדאַרפט אָבגע-
בען דער רעגירונג די אידישע רעקרוטען, אָדער לפּחות, אָנווייזען איהר
אויף יענע אידען, וועלכע זענען אַנטלאָפען פון מיליטער-דיענסט. די
דרשות אין שוהל האָבען זיי געמוזט האַלטען אויף דייטש, און זיי זע-
נען געווען מחויב לפחות צוויי מאָל אין יאָהר פאָרשטעלען זייערע דרשות
דעם קאָנסיסטאָריום, דאָס הייסט, יאַקאָבסאָנען, כדי צו צענזורירען זיי.
אויך דאָס שוישפּיעל פון אַ קאָנפירמאַציע פאַר דער אידישער יוגענד
האָט יאַקאָבסאָן איינגעפיהרט און די רבנים האָבען דאָס געמוזט פער-
ווירקליכען אין די שוהלען. די גרויסע התלהבות, וואָס די אידען האָבען
געשפּירט פאַר זייער פרייהייט און גלייכבערעכטיגקייט, האָט געבראַכט
דערצו, אַז אַלע יונגע אידען האָבען זיך מיט צופרידענהייט אַליין גע-
שטעלט צום מיליטער-דיענסט, פון וועלכען קיינער האָט זיך מעהר
נישט געוואָלט אַרויסמאַכען. „מיר האָבען איצט אַלע בירגערליכע רעכטע
— האָבען די יונגע אידען על פי רוב געטענה'ט — טאַ פאַרוואָס זאָלען
מיר זיך נישט שטעלען אויך אַלס פערטיידיגער פון אונזער פאַטערלאַנד?“
אַזוי אַרום זענען די פחדנישע אידען, ווי מען האָט זיי גערופען, כמעט
איבער נאַכט געוואָרען העלדען אין אַ טייל פון דייטשלאַנד. עס פער-
שטעהט זיך, אַז פונקט ווי זייערע קריסטליכע חברים זענען אויך זיי גע-
וואָרען נישט „פערטיידיגער פון פאַטערלאַנד“, נאָר אַ מאַשין, אָהן אַנ-
אייגענעם ווילען, אין די הענד פון איין איינציגען מענשען, וועלכער האָט
געשטרעבט מיט זייער הילף איינצונעהמען גאַנץ אייראָפּאַ און צופריע-
דענשטעלען דאַדורך זיין געוואַלדיגע תאוה צו כבוד, אַרויסגעבענדיג דעם
גאַנצער וועלט זיינע געזעצען און צענעהמענדיג די פרייהייט.

דער ערשטער דייטשער פירשט, וועלכער האָט געגעבען מיט'ן
איינגענעם ווילען כאָטש אַ שטיקעל פרייהייט די אידען אין זיין לאַנד,
איז געווען דער הערצאָג פון באַדען קאַרל פריעדריך. געפינענ=
דיג זיך נעבען דער פראַנצוזישער גרעניץ, האָט ער זיך געהאַט צוגע=
וואוינט צו זעהען די אידען אַלס פרייע בירגער און האָט אליין אויך
אָנגעהויבען זיי אָנצוערקענען אַלס אַזעלכע. ער האָט אָבער ערקלערט די
אידען בלויז פאַר מלוכה=בירגער אָבער נישט אויך פאַר אָרט=
בירגער; אַזוי אַרום האָבען זיי זיך נישט געטאָרט בעזעצען אין יענע
שטעדט, וואו זיי האָבען ביז דאַמאָלס נישט געוואוינט. אָבער אויך
אפילו דאָרט, וואו זיי האָבען שוין יאָ געוואוינט, האָט ער זיי נאָר אָנער=
קענט פאַר שוץ=בירגער, דאָס הייסט, אַזעלכע בירגער, וועלכע דער פירשט
האָט מיט זיין גוטסקייט אַרויסגעוויזען אַ בעזונדערן חסד. דער הערצאָג
האָט ערקלערט, אַז ער וועט געבען אויך פאָלקאָמע גלייכבערעכטיגונג
יענע בירגער, וועלכע וועלען זיך אָבזאָגען פון קליין=האַנדעל. די איינגע=
טימליכקייט פון דער אידישער רעליגיאָן האָט ער פערזיכערט צו עהרען,
אָבער „בלויז לויט משה'ס תורה און נישט לויט'ן תלמוד“. שפעטער האָט
דער הערצאָג אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל דעם אידענפריינד גראַף פאָן
שטערנאַו אויסצואַרבייטען פאַר די אידען אַ ספעציעלע קאָנסטיטו=
ציע, וועלכע איז אָבער בעשטאַנען דורך און פון האַלבע מיטלען.
אָדער בעגרענצונגען. אַזוי, למשל, ווערט ערקלערט אינ'ם געזעץ (פון 13
יאַנואַר — 11 פעברואַר 1809), אַז אַלע אידען, וואָס בעשעפטיגען זיך
מיט קונסט און וויסענשאַפט, אָדער זיי האַלטען פאַבריקען און פיהרען
גרויסע עסקים, זענען גלייכבערעכטיגטע בירגער, חוץ יענע אידען, וועלכע
בעשעפטיגען זיך מיט'ן קליין=האַנדעל, מיט מעקלעריי, פעדלעריי און
דעם מסחר מיט אַלטע קליידער. פאַר די רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען פון
די אידען האָט דער הערצאָג בעשטימט אַן'אויבער=ראַט, וועלכער איז
בעשטאַנען פון איין פרנס, צוויי אָדער דריי רבנים און צוויי בעלי=בתים.
דער אויבער=ראַט האָט געדאַרפט בעשטימען רבנים און פרנסים אין
יעדער קהלה.

אויך די אַלטע שטאָדט פראַנקפורט האָט אַרומגענומען אויף אַ
מאָמענט דער שווינדעל מיט דער כלומר'שטער גלייכבערעכטיגונג, כאָטש
דאָרט איז דער קרעמערישער האַס צו אידען מיט זיין גאַנצער קאַרגהייט,
שלעכטסקייט און קאָנקורענץ=געפיהל, געווען איינגעפליישט אין יעדען
שטאָדטישען פריצ'ל. ביז יענער צייט האָט יעדער ניי=געקומענער איד
געמוזט שווערען געטרייהייט דעם סענאַט. אַלערליי אידישע בעגרענצונגען
האָבען זיך נאָך געהאַלטען אין זייער גאַנצער פאַרצייטיגער העסליכער
פאָרם. די צאָהל פון די אידישע חתונות איז געווען בעגרענצט; דער
ספעציעל אידישער אָבצאָהל האָט זיך נאָך געהאַלטען, אַזוי ווי די הייליגע
רוימיש=דייטשע מלוכה וואָלט נאָך געהערשט, ווי פאַרצייטען; די אידען

האָבען נאָך געמוזט וואוינען אין די ענגע, שמוציגע און אונגעזונדע גאַסען פון זייער גהעטאָ, און יעדער אויסוואורף פון צווישען די קריסטען האָט געהאַט דאָס רעכט אויסצורופען צום שענסטען בעסטען אידען: „מאַך מאָרעס יוד!" און אַרויסטרייבען איהם פון די שענסטע טיילען פון שטאָדט און פון שפּאַציר־גאַנג. ווען די הייליגע דייטש־רוימישע מלוכה איז דורך איין בלאָז נאַפּאָלעאָנס צושמאָלצען געוואָרען לעבערליך, ווי אַ קלומפּען שניי, און פראַנקפורט איז אַריינגעקומען אונטער דער הערשאַפט פונ'ם ערצקאַנצלער אָדער דעם הויפּט־פירשט פון רהיינישען בונד, וועהרענד די אָרטיגע פּריצים'לעך זענען אַליין געוואָרען אונטערטאַנען, האָט די דאָזיגע קנעכטשאַפטליכע בעציהונגען פון די אידען פאַקטיש אויפגעהערט, אָבער די געזעצען זענען פאַר זיי געבליבען די פריהערדיגע.

דער הויפּט־פירשט קאַרל פאָן דאַלבערג, אַ מענש מיט אַ פריִען גייסט, וועלכער איז פריהער געווען אַ מיטגליעד פונ'ם אילומינאַטען־אָרדען (אַ חברה פון קריסטליכע „משכילים"), האָט געהאַט די בעסטע כוונות פאַר די אידען און וואָלט גערן געוואָלט אַראָבגעהמען פון זיי דעם שווערען יאָך. איהם איז אָבער צו־גוט געווען בעקענט די עקשנות'דיגע שנאה פון די אָרטיגע פּריצים'לעך (פּאַטריציער) צו די אידען, און דעריבער האָט ער נישט געקאָנט האָפען מיט איין קלאַפּ צו פערניכטען די אידישע בעגרענצונג און מאַכען זיי פאַר פרייע, גלייכבערעכטיגטע בירגער. ער האָט נאָר בכלל פערזיכערט בשעת זיין „בעשטייגען דעם טראָהן", אַז „די מיטגלידער פון דער אידישער נאַציאָן וועלען בעשיצט ווערען פון בעליידיגונגען און שענדליכע בעהאַנדלונגען". אַרויסגעבענדיג אַ „נייע אָרדנונג, ווי אַזוי צו בעשיצען די אידען", האָט ער מודה געווען, אַז „די ביז־איצטיגע געזעצען וועגען די אידען פּאַסען נישט מעהר פאַר'ן גייסט פון דער נייער צייט און דעם שטאַנדפּונקט פון דער אידישער נאַציאָן און דעריבער מוזען זיי בטל ווערען". פון דער אַנדער זייט אָבער ערקלערט ער אויך, אַז „מען קאָן די אידען נישט געבען קיין פאָלקאָמע גלייכבערעכטיגונג, כל זמן זיי וועלען זיך נישט אָבזאָגען אינגאַנצען פון זייער אייגענעם מהות און אַרויסווייזען, אַז זיי זענען באמת ראוי צו אַ גלייכבערעכטיגונג". דורך דער נייער אָרדנונג, וועלכע האָט געשטאַמט פון אַזאַ שטאַנדפּונקט, זענען די אידען טאַקי בעטראַכט געווען בלויז אַלס פרעמדע, וועלכע מען איז בלויז סובל אין לאַנד; די פריהערדיגע שוץ־געלדער, וועלכע האָבען געהאַט פערשידענע נעמען, האָט מען איצט פערביטען דורך אַ רונדער סומע פון 22 טויזענד גילדען יעהרליך. אפילו וועגען דער גהעטאָ האָט מען זיי גענעבען צו פערשטעהען, אַז איננּיכען וועט מען זיי דאָרט צוריק איינשליסען, דען מען האָט זיי אָנגעוויזען, אַז זיי זאָלען נישט בענייען זייערע קאָנטראַקטען אויף די דירות אין שטאָדט מיט די קריסטליכע בעלי־בתים, ביי וועלכע זיי האָבען געהאַט געדונגען וואוינונגען אין דער צייט

פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט, ווייל אינגיכען וועלען זיי איצט טוען זיך צוריק אַריינציהען אין זייער אַלטע תפיסה, אין געטאָ.

די פראַנקפורטער אידען האָבען דעריבער געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען אַרויסצוקומען פונ'ם דאָזיגען אויסנאַהם־צושטאַנד, בפרט נאָך ווען אין דער נאָהענטער מדינה וועסטפאַליען זענען זייערע ברידער שוין געווען פאָלקאָמע גלייכבערעכטיגטע בירגער. ווען דער רהיינבונד איז בטל געוואָרען און עס איז געגרינדעט געוואָרען דאָס הערצאָגטום פראַנקפורט מיט אַנ'אייגענער קאָנסטיטוציע, אין וועלכער עס איז אָנערקענט געוואָרען די גלייכקייט פון אַלע איינוואוינער און רעליגיאָנען פאַר'ן געזעץ, זענען די אידישע פערטרעטער אַרויסגעטראָטען מיט אַ ביטע צום ערצהערצאָג דאלבערג און זיינע יועצים, אַז זייער גלייכבערעכטיגונג זאָל בעשטעטיגט ווערען דורך אַ בפירוש'ן געזעץ. דאלבערג האָט אין יענער צייט זיך גראָד גענויטיגט אין געלד און בכלל איז ער נוטה געווען צו געבען די אידען גלייכבערעכטיגונג; ער האָט דעריבער איינגעשטימט אויף דער אידישער ביטע פאַר אַ סומע פון 440 טויזענד גילדען (דאָס הייסט, צוואָנציג מאָל מעהר, ווי עס האָט בעטראָפען דער אידישער יעהרליכער אָבצאָהל 22 טויזענד גילדען). פון דער דאָזיגער סומע האָבען די אידען געדאַרפט בעצאָהלען 150 טויזענד גילדען תיכף, אַ קורצע צייט נאָכדעם ווידער 50 טויזענד און דעם רעשט — צו צעהן טויזענד גילדען יעהרליך. דעם 28־טען סעפטעמבער 1811 האָט דער ערצהערצאָג אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, אַז אַלע אידען, וואָס וואוינען אין פראַנקפורט, אַלס שוץ־אידען, בעקומען פאַר זיך און זייערע קינדער און קינדס־קינדער בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג. די אידען האָבען באַלד אויסגעצאָהלט די דערמאָנטע סומעס און אַרויסגעלאָזען אָבליגאַציעס מיט פּראָצענט־קופּאָנעם אויפ'ן רעשט פונ'ם חוב און דער הויפט־שתדלן פאַר דער אידישער גלייכבערעכטיגונג אין פראַנקפורט אַנשיל ראָטשילד, האָט די דאָזיגע אָבליגאַציע אונטערגעשריבען; דערנאָך האָבען די אידען געשוואָרען, ווי בירגער, צו דינען געטריי דעם לאַנד און לואי ברוך (דער בעריהמטער שריפטשטעלער בערנע) איז, אַלס איד, אָנגענומען געוואָרען אויף אַ שטעלע אין דער פּאָליציי פון גרויסהערצאָג. די אידישע גאַס האָט פערלוירען איהרע משונה'דיגע און טרויעריגע זכיות, ווייל זי איז בטל געוואָרען אָדער האָט זיך פעראייניגט מיט די איבריגע שטאָדט־צירקלען.

אויך די דייטשע צפון־שטעדט, וואָס האָבען געהאַט געהערט צום האַנזאַ־בונד, — די שטעדט, וואו דער גייסט פון די אַרבייטער־צעכען און דער פערשטיינערטער לוטהערישער גלויבען האָבען נישט פערגונען די אידען אפילו פריי צו אָטעמען — אויך דאָרט האָט מען געמוזט געבען די אידען גלייכבערעכטיגונג, לויט'ן בעפעהל פון דער פראַנצויזישער אַרמעע, וואָס האָט זיך דאָרט בעזעצט. אַמלייכטסטען האָט זיך אין דער הינ־

זיכט אונטערגעגעבען האַמבורג, אַנערקענענדיג די גלייכבערעכטיגונג פון אַלע בירגער, אַלזאָ אויך פון די אידען (1811). אידען זענען אין האַמבורג אויך באַלד אַריינגעטראָטען אין בירגער־ראַט און שפּעטער האָבען די אידען ערהאַלטען אויך אַ וויכטיגען דאָקומענט פון האַמבורגער שטאָדט־ראַט, וועלכער אַנערקענט, אַז די גלייכבערעכטיגונג האָט נישט שטאַרק געמאַכט די אידען און נישט געבראַכט קיין שאָדען פאַר די קריסטען, נאָר פערקעהרט, זיי האָבען דורך איהר אויסגענוצט יעדע געלעגענהייט, כדי אַרויסצווייזען זייער געטריהייט דער שטאָדט און האָבען אַנטייל גענומען אין יעדער נוצליכער כללישער אַרבייט. — העכסט אויפגערעגט איז אָבער געווען דאָס קליינע לובעק פאַר דער גלייכבערעכטיגונג, וואָס עס האָבען דאָרט בעקומען די אידען דורך דער פראַנצויזישער הערשאַפט און זייער ניי בעזעצען זיך אין שטאָדט. ביז יענער צייט זע־נען אין לובעק געווען סך הכל צוועהן אידישע משפחות, וועלכע מען האָט דאָרט סובל געווען אלס שוץ־אידען, און זיי האָבען נישט געטאָרט בע־שעפטיגען זיך מיט מסחר, אַריינטרעטען אין אַ צעך פון בעלי מלאכות, אָדער קויפען הייזער. ווי נאָר עס האָט זיך דאָרט אָנגעהויבען די פראַנ־צויזישע הערשאַפט (1811—1814), האָבען זיך אַהין אַריינגעצויגען זעלבסט־שטענדיג לערך פופציג אידען פון מאָיסלינג און איניגע אידען נאָך אויך פון אַנדערע מקומות, אַזוי אַז בסך הכל איז אין לובעק שוין געווען לערך זעקס און זעכציג אידישע משפחות, און אַט די גלייכבערעכטיגונג פונ'ם דאָזיגען קליינעם הייפעלע אידען האָט פערשאַפען די לובעקער פריצים'לעך נאָך מעהר עגמת־נפש, ווי זייער אייגענע פערקנעכטיגונג ביי־נאַפּאָלעאָנען. — דאָס קאָנטינענטאַלע סיסטעם, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט גע־גרינדעט, כדי צו קעמפען געגען ענגלאַנד, האָט אַריינגעבראַכט פיעל אי־דען אין צפון־דייטשלאַנד, וואו מען האָט זיך בעצויגען צו זיי מיט גרוים שנאה ביז יענער צייט.

אויך אין דער האַנזא־שטאָדט ב ר ע מ ע ן, וואו די אידען האָבען בלויז געמעגט דורכפאָהרען, בעצאָהלענדיג דערפאַר דעם קאָפּ־אָבצאָהל, האָבען זיך בעזעצט אידען אונטער'ן שוץ פון די פראַנצויזען און זענען אַנערקענט געוואָרען אַלס גלייכבערעכטיגטע בירגער. אפילו דער הערצאָג פון מעקלענבורג, פ ר י ע ד ר י ך פ ר אַ נ ץ, האָט אַרויסגעגעבען אַ געזעץ וועגען דער אידישער גלייכבערעכטיגונג (22־טען פעברואַר 1812) און האָט ערלויבט אויך בירגערליכע געמישטע חתונות צווישען אידען און קריסטען — אַזוי ווייט איז קיין געזעצגעבונג נאָך דאַמאָלס נישט גע־גאַנגען. פ ר ייס ע ן האָט זיך אויך נישט געקאָנט לענגער האַלטען גע־גען דער אַלגעמיינער שטרעמונג לטובת די אידען. וועהרענד דאָס לאַנד איז געווען אין אונגליק, האָבען די אידען געבראַכט כמעט מעהר קרבנות, ווי פיעל פריצים, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען אַזוי שטאַרק בגאוה'דיג מיט זייער אַלטען יחוס, און פונדעסטוועגען האָבען זיי זיך געהבר'ט

אויפ'ן בעסטען אופן מיט די פּראָנצוויזען, וועלכע האָבען מנצח געווען
זייער פאָטערלאַנד און אַרויפגעלעגט אויף איהם זייער יאָך. עס האָט
אָבער געדויערט זעהר לאַנג ביז דער פּרייסישער קעניג פריעדריך
ווילהעלם III האָט זיך בעשלאָסען אָבצוזאָגען פונ'ם אייביגען
אבערגלויבען געגען די אידען. ער האָט אפילו אַראָבגענומען פון זיי דעם
שאַנד=נאָמען „שוץ=יודען“ און ערקלערט, דאָס מען לאָזט זיי צו צו די
שטעדטישע בירגער=רעכטע. אלס אָרט=און שטאדט=בירגער, האָבען זיי
אויך געמוזט שווערען געטריי צו דיענען און צו טראָגען די אַלגעמיינע
פליכטען פון בירגער, אָבער דאָך זענען זיי נאָך נישט געווען אָנערקענט
פאַר פאָלקאָמע מלוכה=בירגער. אין דער היגזיכט איז מיט זיי פּאַסי-
רט געקומען פּונקט דער היפּוך, וואָס מיט די אידען אין באַדען, וואו זיי זע-
נען געוואָרען מלוכה=בירגער, אָבער נישט קיין שטאָדט=בירגער. אין פּריי-
סען האָט מען די אידען אפילו תמיד מבטיח געווען צו געבען זיי מלוכה=
בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג, אָבער פיעל יאָהרען זענען נאָך אַריבער
איידער מען האָט די דאָזיגע הבטחות מקיים געווען. ווען האַרדענ-
בערג האָט צוריק געהאַט איבערגענומען די הנהגה פון די חרוב געווא-
רענע מלוכה=ענינים און ער האָט געפאָדערט, דאָס מען זאָל מבטל
מאַכען די פּעראַלטעטע געזעצען, האָט ער זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט פאַר
דעם, דאָס מען זאָל געבען די אידען גלייכבערעכטיגונג, כדי דאָס פּער-
אָרימטע, פערבלוטיגטע און עלענדע לאַנד זאָל בעקומען אין די אידען
נייע קרעפטיגע בירגער, וועלכע וועלען מיטווירקען אויסצוהיילען די
וואונדען פון לאַנד. דוד פריעדלענדער און זיינע פריינד, די בערלינער
קאַפּיטאַליסטען, האָבען געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג און זיך משתדל
געווען, צו פועל'ן ביי דער רעגירונג, אַז זי זאָל ענדליך פערווירקליכען די
גלייכבערעכטיגונג, לויט ווי זי האָט פיעל מאָל מבטיח געווען. דער קעניג
פלעגט אָבער יעדעס מאָל אָבלעגען דאָס פּאַפּיער אָן אַ זייט, ווען ער
קאַנצלער פלעגט עס איהם דערלאַנגען, אַז ער זאָל אונטערשרייבען דאָס
געזעץ וועגען דער אידישער גלייכבערעכטיגונג. ענדליך, נאָך לאַנגען
וואַקלען זיך און מורא האָבען, האָט פריעדריך ווילהעלם איינגעשטימט
(11=טער מערץ 1812) אויף דער גלייכבערעכטיגונג פון „אַלע אידען, וואָס
געפינען זיך אין די פּרייסישע לענדער“. דורך דעם דאָזיגען געזעץ האָבען
די אידען אויך בעקומען דאָס רעכט, צו ווערען פּראָפעסאָרען און לעהרער,
ווי אויך בעאַמטע אין די שטאָדטישע אינסטיטוציעס. נאָר צו מלוכה=
שטעלעס האָט דער קעניג זיי נאָך נישט צוגעלאָזען. צוזאַמען מיט די
רעכטע האָבען די אידען אויך בעקומען נייע פליכטען, בעזונדערס, די
פליכט פון מיליטער=דיענסט. די אידישע רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען האָ-
בען געדאַרפט געבראַכט ווערען אין אָרדנונג ערשט שפּעטער. „פאַר
דער אויסאַרבייטונג פון אַ געזעץ וועגען זייער קולטוס דאַרף מען איינ-
לאַדען אידען, וועלכע האָבען זיך געמאַכט אַ גוטען שם דורך זייער ווי-

סעגשאַפט און גערעכטיגקייט". נאָר דריי דייטשע פירשטען האָבען זיך
געהאַלטען פעסט איינגעקשנט נעגען דעם אַלגעמיינעם גייסט פון דער
צייט: די פירשטען פון בייערן, עסטרייך און זאַקסען.
דער פירשט פון בייערן, וועלכען נאַפּאָלעאָן האָט געמאַכט פאַר אַ קעני-
גענ, מאַקסימיליאַן יאָזעף האָט אפילו יאָ געהאַט אַרויסגעגעבען
אַן'עדיקט (10-טען יוני 1813), וועלכער האָט גלייכגעשטעלט פאַר'ן גע-
זעץ די אידען מיט די קריסטען, אָדער, לפחות, יענע אידען, וועלכע האָ-
בען געהאַט וואוינונגס-רעכט אין בייערן. אָבער די דאָזיגע רעכט זענען
געווען ארומגעשניטען דורך זעהר פיעל בעגרענצונגען. אין פיעל שטעדט,
וואו די אידען האָבען זיך פריהער נישט געטאָרט בעזעצען, האָבען זיי
דאָס איצט אויך נישט געטאָרט, סיידען זיי האָבען געהאַט בעקומען דע-
רויף אַ ספּעציעלע ערלויבניש פון קעניג; אין יענע מקומות, וואו די א-
דען האָבען שוין יאָ געהאַט געוואוינט, האָט מען זיך געדאַרפט משתדל
זיין, אַז זייער צאָהל זאָל זיך נישט פערגרעסערן. אין עסטרייך איז אָבער
די אידישע לאַגע געווען נאָך פיעל ערגער. די יורשים פון קייזער יאָזעף
דעם צווייטען, וועלכער האָט דער ערשטער צוהאַקט איינינע רינ-
געלעך פון דער שווערער אידישער קייט, לעאָפּאָלד II און פראַנץ
I, האָבען זייערע גוטע התחלות לטובת די אידען נישט פערענדיגט, נאָר
אַריינגעגעבען נאָך נייע גזרות אויף זיי. צו די אַלטע, געוואַלדיג גרויסע
אָבצאָהלונגען, וואָס עס האָבען געדאַרפט געבען די אידישע קהלות אין
בעהמען, מעהרען, שלעזיען און גאַליציען אונ-
טער די העכסט אויסטערלישע פאָרמען, ווי, למשל, אַ קאַראָבקע אויף
ליכט, פלייש אָדער וויין, זענען צוגעקומען נאָך נייע אָבצאָהלונגען, ווי
למשל, די „טאַקסע אויף קאָלעקטען", אָדער אַן'אָבצאָהל פון
יעדען אידען, וואָס קומט קיין ווינן. די פּאָליציי-שפּיאָנען האָבען אויפגע-
זוכט יעדען פריש אָנגעקומענעם אידען אין ווינן אפילו אויך אויף אַ קורצע
צייט און, אויב נאָר ער האָט זיך נישט געהאַט איינגעמאָלדען, האָט מען
זיך מיט איהם בעגאַנגען, ווי מיט אַ פערברעכער. די צאָהל פון די אידי-
שע חתונות איז געבליבען, ווי פריהער, בעגרענצט; חתונה האָבען האָט
געמענט נאָר דער עלטערער זוהן אין דער משפחה, אָדער יענער זוהן,
וועלכער האָט בעוויזען צו געבען אַ גרעסער שוחד די פּאָליציי-בעאַמטע.
עסטרייך האָט זיך געהאַט ארומגערינגעלט מיט אַ חינעזישער מויער און
נישט אַריינגעלאָזען קיין שום נייעם מנהג צו איהר אין לאַנד. כאָטש
די סאָלדאַטען פון דער פרייהייט (ה. ה. די פראַנצויזישע) האָבען שוין
נישט איינמאָל געהאַט געטרעטען דעם עסטרייכישען באָדען. — אין'ם
ניי-בעשאַפענעם זאַקסישען קעניגרייך זענען געבליבען גאַנץ
אַלע אידישע בעגרענצונגען נאָך פון דער צייט פון די קורפירשטען און
פון דער לוטהערישער קירכליכקייט. מען האָט מיט רעכט אַ נאָמען גע-
געבען זאַקסען דאָס „פּראָטעסטאַנטישע שפּאַניען" פאַר די

אידען. אייגענטליך האָבען די אידען דאָרט גאָר נישט געהאַט קיי
וואוינונגס־רעכט, און נאָר אין די גרויסע שטעדט דרעזדען או
לייפציג האָבען איניגע פּריווילעגירטע אידען געהאַט די זכיה אריינ
געלאָזען צו ווערען, אַז דאָס אויך אונטער דער בפירוש'ער בעדינגונג, אַ
מען קאָן זיי אַרויסטרייבען פון דאָרט אין יעדער צייט. קיין שוהלען (סי
נאַגאָגען) האָבען זיי נישט געטאָרט האָבען, נאָר קליינע מנינים'לעך, או
דאָרט זענען זיי געווען פערפליכטעט, צו דאַווענען שטיל, מען זאָל, חלילה
זייער אידיש קול נישט דערהערען אויף דער גאַס. דער קאָפּ־אָבצאָהל האָ
זיך געהאַלטען אין זאַקסען אפילו אויך נאָך דאַן, ווען אין גאַנץ דייטשלאַנ
האָט מען איהם שוין געהאַט בטל געמאַכט. די אידישע גלייכבערעכטיגונ
אין וועסטפאַליען און פּרייסען האָט נישט געמאַכט קיין שום רושם אויף
זאַקסען, וואו עס האָבען געהערשט צוזאַמען די סוחרישע קאָנקורענץ או
דער אבערגלויבישער פאַנאַטיזם

די אידען אין פּוילען אין דער צייט פון די לעצטע פּוילישע חלוקות.*)

דאָס ערשטע יאָהר פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז אויך גע
ווען דאָס ערשטע יאָהר פון רעפאָרמען אין פּוילען. אין פּאַריז איז פון ד
גענעראַל־שטאַטען געוואָרען דורך דער בעפרייאונגס־בעוועגונג אַ נאַציאָ
נאַלע פערזאַמלונג, וואו עס איז נישט געווען קיין אונטערשיד צווישע
פערשידענע קלאַסען פון דער בעפעלקערונג; אין וואַרשא דאַגעגען אי
דער נייער רעפאָרמאַטאָרישער סיים, דער „פּיער־יעהריגער"
אָדער „דער גרויסער" געבליבען אַ שטרענג פּריצישער (די פּויל
שע שליאַכטאַ האָט זיך נישט געהאַט געוואָלט אָבזאָגען פון איהרע „פּרי
ווילעגיעס" לטובת דעם פאָלק), אָבער אויך דאָ האָט מען שוין געקאָנט
זעהען דעם רושם פון די פראַנצויזישע אידען פון XVIII־טען יאָהר
הונדערט. די מיעשטשאַנעס האָבען שוין געפאָדערט פאַר זיך גלייכבע
רעכטיגונג, און איינע פון די הויפּט־רעפאָרמען פון סיים איז געווען אויס
צוגלייכען די מיעשטשאַנעס מיט דער שליאַכטאַ אין זייערע בירגערליכע
אָבער נישט אין פּאָליטישע רעכטע. נאָך צוויי גרויסע פראַגען פון אינער
ליכען לעבען האָבען געפאָדערט די אויפמערקזאַמקייט פון די רעפאָרמי
רענדע געזעצגעבער: די פראַגען וועגען די אידען און די פּויערים, ווע
די פּויערים האָט דאָס פּאַרלאַמענט, וואָס איז בעשטאַנען נאָר פון פּרי
צים, נישט געקאָנט אַרויסגעבען קיין רעפאָרם, וואָס זאָל זיין געגען זיי
ערע אייגענע אינטערעסען, די אינטערעסען פון דער שליאַכטאַ געגע
זייערע קנעכט — די פּויערים. די אידישע פראַגע איז ערשינען אין ד

---

*) לויט דובנאָו'ס: „Новѣйшая исторія еврейскаго народа" 1914

טומעל=פולע פערזאַמלונגען פון פיער=יעהריגען סיים אויף איין מאָמענט
און, ווי אַ שווארצען שאָטען, האָט מען זי פעריאָגט ערגעץ אין אַ ווינקעל,
אין אַ בעזונדערע „דעפוטאַציע“, אָדער אַ קאָמיסיע, וואו זי איז זיך גע=
בליבען ליגען, נישט דערלעבענדיג בעטראַכט צו ווערען . איבריגענס, דע=
רין זענען שולדיג געווען נישט בלויז די קאָנסערוואַטיווע אַסאָציאַציאָנען
פון די בענייער פון פוילען. עס איז געווען נאָך אַן אַנדער סבה, וואָס האָט
געשטערט דורכצופיהרען ראַדיקאַלע רעפאָרמען: איבער פוילען איז גע=
האַנגען דאָס בלויזע שווערד פון רוסלאַנד, וועלכע האָט כלל נישט גע=
וואָלט, אַז דאָס לאַנד זאָל בעפרייט ווערען, אין דער ערוואַרטונג, אַז עס זאָל
קומען צו אַ צווייטער און דריטער „חלוקה“ פון פוילען צווישען די „גרוי=
סע מלוכות“. דער סיים האָט געקעמפט געגען דער שווערער אפּטרופּסות
פון רוסלאַנד, וועלכע איז געווען אין רשות פון רוסישען רעזידענט אין
ווארשא, און האָט צוגעגרייט דאָס לאַנד צו דער אונפערמיידליכער
מלחמה מיט'ן מעכטיגען שכן. דער סיים האָט דעריבער געמוזט פיעל
מעהר טראַכטען וועגען אָרגאַניזירען די אַרמעע און פערשטאַרקען דעם
לאַנד, פאַר'ן מיליטער, איידער וועגען די אינערליכע רעפאָרמען.

הינטערן סיים האָט געקאָכט און געזאָטען דאָס געזעלשאַפטליכע
לעבען. נעבען דעם געזעצגעבערישען סיים איז אויך ענטשטאַנען אַ ליטע=
ראַרישער פּאַרלאַמענט — די בעריהמטע פּאָליטישע „ליטעראַטור
פון פיער=יעהריגען סיים“, אין וועלכער עס האָבען זיך אָב=
געשפּיגעלט די ליבעראַלע שטרעמונגען פון XVIII=טען יאָהרהונדערט.
דער ביכער=מאַרק איז פערפלייצט געוואָרען מיט ביכלעך וועגען די
רעפאָרמען אין פוילען. צעהנדליגער ביכלעך האָט מען געווידמעט אינ=
גאַנצען, אָדער טיילווייז דער אידישער פראַגע. די פּאָלעמיק וועגען די
פראָיעקטען פון אַ „אידישער רעפאָרם“ האָט מען געפיהרט מיט'ן גרעס=
טען ברען און התלהבות, פונקט ווי די וכוחים אין אַ פּאַרלאַמענט

די פּאָלעמיק וועגען דער אידישער פראַגע האָט זיך אָנגעהויבען פון
אַ ביכעל, וואָס האָט אַרויסגעגעבען דער פינסקער דעפוטאַט בוט=
רימאָוויטש — דער הויפּט=קעמפער פאַר דער אידישער בענייאינג
אין פוילען. בוטרימאָוויטש האָט זיין ביכעל איבערגעמאַכט פון אַ נ'אַלט
ווערק, וואָס האָט זיך געדרוקט צוויי מאָל אין די יאָהרען 1782 און 1785;
ער האָט צוגעגעבען נייע בעמערקונגען און אַרויסגעגעבען עס אין יאָהר
1789 אונטער'ן נאָמען: „אַ מיטעל, ווי אַזוי איבערצומאַכען די פוילישע
אידען פאַר נוצליכע בירגער אין לאַנד“. דער פּאָפּולערער דעפוטאַט פון
סיים האָט אַזוי אַרום דורך זיין אונטערשריפט אויפ'ן פראָיעקט פון דער
„רעפאָרם“ בעשטעטיגט, אַז אינ'ם געגענווערטיגען צושטאַנד זענען די
אידען „שעדליך פאַר דער מלוכה“, אָבער נישט צוליעב זייער נאַטור און
כאַראַקטער, נאָר צוליעב דער שלעכטער ערציהונג און לעבענס=שטייגער,
און דעריבער איז נויטיג זיי צו ערציהען פּאָליטיש און גייסטיג, איידער

מען וועט זיי געבען פאלקאמע גלייכבערעכטיגונג. די „רעפארם" בע=
שטעהט דערין, וואס מען דארף די אידען העלפען איינארדנען זיך אלס
לאנד=ארבייטער און בעלי=מלאכות און אברייסען זיי פונ'ם האנדעל מיט
ספירט (שענקעריי); מען דארף אויך קעמפען געגען דער אידישער אבגע=
זונדערטקייט און ארומשניידען די אויטאנאמיע פונ'ם אידישען „קהל";
אנשטאט דעם „זשארגאן" דארף מען איינפיהרען אין די אידישע שולען
און אין זייערע עסקים די פוילישע שפראך; מען דארף זיי פערבאטען צו
קליידען זיך אנדערש, ווי די קריסטען און ענדליך, צו ברענגען ספרים פון
אויסלאנד. צום דאזיגען פראיעקט פון „ליבעראלע" רעפרעסיעס האט
בוטרימאוויטש צוגעגעבען נאך א בעמערקונג: מען דארף נישט
אריינגעהמען אידען אין מיליטער=דיענסט, כל זמן די בילדונג וועט זיי
נישט האבען געמאכט פאר פאטריאטען, וועלכע זאנען גערן בערייט צו
דיענען דעם פאטערלאנד.

אבער אויך אט דער פראיעקט, וועלכער איז געווען געגרינדעט אויפ'ן
סיסטעם פון אפטרופסות און צוואנג=אסימילאציע, איז נאך אויך ערשינען
צו=שטארק ליבעראל אין די אויגען פון די מייסטע פוילישע ליבעראלען.
איין פראגרעסיווער פוילישער זשורנאל האט ערקלערט (1789), אז בוטרי=
מאוויטש זארגט צו=פיעל פאר די מענשען=רעכט און צוליעב דעם איז ביי
איהם רעכט נאכצוגעבען די אידישע פעהלערן. אנשטאט דעם לעגט ער
פאר פאלגענדעס: מען דארף בעסער מבטל מאכען די קהל=אויטאנאמיע
אינגאנצען, איבערלאזענדיג די אידישע קהלות נאר די אויטאנאמיע אין
זייערע שוהלען; מען דארף בעגרענצען דאס אידישע רעכט צו האלטען
קראמען אין די שטעדט, כדי דאדורך צו צווינגען זיי צו בעשעפטיגען זיך
מיט לאנד=ארבייט און מלאכות. איינינע פוילישע פובליציסטען האבען דא=
מאלס געשריבען וועגען די אידען מיט א גרויסער שארפקייט, ווי עכטע
אידען=פיינד. דער דעמאקראטיש=געשטימטער גלח, דער בעריהם=
טער סטאשיטש, דער מחבר פון „דער התראה פאר
פוילען", רופט אן די אידען „א זומערדיג און א ווינטערדיג היישעריק
פאר'ן לאנד" און ערקלערט, אז נאר אין א נעזעלשאפט, וואו מען בעשיצט
די לעדיג=געהעריי, האט זיך געקאנט איינקלייבען אזא „המון לעדיג=
געהער" (ווי אידען זענען). דערביי פערגעסט סטאשיטש, אז אט
דער המון לעדיג=געהער האבען בעשאפען דעם מסחר אינ'ם לאנד פון דער
שלאכטא און כלאפעם. די מייסטע אנפאלער אויף אידען האבען ערקלערט
אלע גלייך, אז אויסבעסערן די אידען קאן מען נאר דורך רעפרעסיעס, וועל=
בע די רעגירונג זאל דורכפיהרען אין זייער לעבען מיט א שטארקער האנד.
אויפ'ן אלטען אידישען פאלק, וואס האט הונדערטער יאהרען אליין גע=
זארגט פאר זיין גורל, האבען די פאליאקען געקוקט, ווי אויף א המון צי=
גיינער, וואס זייער אינערליך לעבען קאן מען איבערמאכען, לויט ווילקיר.
מען ברויך נאר צו צווינגען אלעמען געברויכען אנשטאט אידיש — פויליש,

צווערשט אין עפענטליכע אקטען און דערנאך אויך אין פריוואטען לעבען. אנשטאט דער אידישער פאלקס־שול דארף מען איינפיהרען די פוילישע מלוכה־שול און אנשטאט מסחר — לאנד־ארבייט און מלאכות. דער גאנצער אונטערשיד צווישען די פראיעקטען־מאכער איז געווען בלויז דאס, וואס איינער איז געווען ראדיקאלער פאר'ן אנדערן און געפאדערט מעהר אכזריות ביים דורכפיהרען די „רעפארם". אייניגע „רעפארמאטארען", למשל, האבען געפאדערט, דאס מען זאל די אידען אבשערען בארד און פאות, פערברענען דעם תלמוד און מבטל מאכען א גרויסען טייל פון אידישע יום־טובים; אנדערע ערקלערען, אז מען ברויך בלויז פערבאטען אידען צו טראגען זייערע לאנגע קליידער און פערמאכען זייערע דרוקערייען, אנשטאט דעם זאל מען שטיצען דאס איבערזעצען די אידישע רעליגיעזע ספרים אויף פויליש. אלע רעפארמאטארען צוזאמען איז זייער געפעלען געווארען דאס עסטרייכישע געזעץ צו בעגרענצען אידען דאס רעכט חתונה צו האבען. אייניגע פובליציסטען האבען אריינגעפלאנטערט אין דער אידישער פראגע אויך די פראגע וועגען נעאפיטען, דאס הייסט, די משומדים פון די פראנקיסטען, וועלכע זענען אריינגענומען געווארען אין דער פוילישער שליאכטא און צווישען די מיעשטשאנעם, אבער אי דא, אי דארט האבען זיי זיך געשפירט, ווי די פרעמדע און זענען געשטאנען איזאלירט צווישען די אידען און קריסטען. די פובליציסטען האבען אלע איינגעשטימט מיט דער פעראכטונג פון דער פוילישער געזעלשאפט צו די צוויזייטיגע נעאפיטען, וועלכע האבען שטרענג אבגעהיט זייער סעקטאנטישע אנהענגליכקייט, פאהרענדיג צו זייער קדוש, צו פראנק'ן און שיקענדיג איהם געלד קיין אויסלאנד, כאטש זיי זענען שוין געווען קאטאליקען.

געגען די אלגעמיינע פוילישע שטימען, וועלכע האבען אלץ פעראורטיילט אין דער אידישער בעפעלקערונג און געפאדערט אלץ איבערצומאכען דורך פאליצייאישע מיטלען, איז ארויסגעטראטען נאר איין איד — דער כעלעמער רב, רבי הירש יאזעפאוויטש, וועלכער האט פערעפענטליכט א ביכעל אויף פויליש: „געדאנקען וועגען דעם פלאן, ווי אזוי איבערצומאכען די אידען אין נוצליכע בירגער פאר'ן לאנד". מודה זייענדיג אינ'ם פראגרעסיווען גוטען ווילען פון בוטרימאוויטש, זאגט ארויס דער רב זיין פערוואונדערונג וועגען דעם, וואס אפילו געבילדעטע מענשען פעראורטיילען אלע אידען בכלל, בעשולדיגענדיג דעם כלל פאר די פערברעכען פון א יחיד, כאטש דער כלל האט אויך פיעל גוטע מעלות און מעשים טובים, ברענגענדיג נוצען פאר'ן לאנד. דער מחבר פראטעסטירט ענערגיש געגען דעם פערלאנג, מבטל צו מאכען די אויטאנאמיע פון קהל און דעם אריינמישען זיך אין די רעליגיעזע אידישע ענינים, — בכלל געגען דעם פראיעקט, צו אסימילירען די אידען, „וועלכער וועט ברענגען דאס יודענטום צום אונטערגאנג". אלס פרומער רב, וויל ער אפילו נישט נאכגעבען אין דער פראגע וועגען די מלבושים, בעמערקענדיג איראניש, אז

קוים האַלט מען אידען יאָ פאַר שלעכטע מענשען, טאָ איז דאָך שוין בעסער, דאָס מען זאָל זיי איבערלאָזען דוקא זייערע קליידער, ווייל דאַדורך איז זיי לייכט אונטערצושיידען פון די קריסטען.

אין יענער צייט איז אין ווארשא נאָך נישט געווען קיין גרופּע „משכילים“ פון מענדעלסאָנס אָנהענגער (זיי האָבען זיך בעוויזען ערשט שפּעטער אונטער דער פּרייסישער הערשאַפט), וועלכע וואָלטען געקאָנט אַרויסזאָגען זיך וועגען די רעפאָרמעס לויט זייער שטאַנדפּונקט. „משכילים“ האָבען דאַמאָלס געהייסען מענשען, וועלכע האָבען אַ דריסת־הרגל אין קעניגליכען הויף, אָדער זיי שטעהען נאָהענט צו דער רעגירונג אין זייערע פינאַנסיעלע עסקים אָדער פּאָדריאַדען. פון איינעם פון אַזעלכע „משכילים“, פונ'ם קעניגליכען פּאַקטאָר א ב ר ה ם ה י ר ש אָ ו ו י ט ש, איז געבליבען אין די אַרכיוען אַ פּראָיעקט, וועלכען ער האָט געהאַט דערלאַנגט דעם קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט, ווי אַזוי צו רעפאָרמירען די אידען. אויך ער לעגט פאָר, דאָס מען זאָל די אידען בעשעפטיגען מיט מלאכה און לאַנד־אַרבייט (בעזעצען זיי „אין די פּוסטע מדבריות פון אוקראַינא“) און פערבאָטען זיי פריה חתונה צו האָבען; די רעפאָרם פון מלבושים לעגט ער פאָר אָנצוהויבען דערמיט, וואָס מען זאָל די אידען פערבאָטען צו טראָגען זיידענס, אַטלאַס, סאַמעט, פּערל און דימענטען, ווייל דאַדורך ווערען די אידען פעראָרימט. לויט הירשאָוויטשעס מיינונג, ברויך מען צו האָבען רבנים נאָר אין די גרויסע שטעדט, אָבער נישט אין די קליינע שטעדטלעך, ווייל דאָרט קויפען זיי זייערע שטעלעס ביי די פּריצים און דערנאָך שטעלען זיי בדלות די אידישע איינוואוינער דורך פערשידענע אָבצאָהלונגען, וועלכע זיי לעגען אַרויף אויף זיי. אין דער קהל'שער פערוואַלטונג דאַרף די רעגירונג אַליין אַריינברענגען אַנ'אָרדנונג, ווייל „צוליב זייערע שטענדיגע סכסוכים, קאָנען די אידען נישט צוזאַמענשטעלען ביי זיך קיין קלוגע געזעצען“. דערביי זאָגט אַרויס דער מחבר אויך אַ פאָלקאָמע גרייטקייט אונטערצוגעבען זיך דער מאַכט אין איהר שטרעבונג, „אויסצורייסען דעם אָבערגלויבען און די פאַלשע בעגריפען ביים פערבלאָנדזשעטען פאָלק“...

אין יאָהר 1789 און אין דער ערשטער העלפט פון יאָהר 1790 איז די אידישע פראַגע נאָך נישט בעריהרט געוואָרען אין פיער־יעהריגען סיים. זייענדיג פערנומען מיט די לידענשאַפטליכע וכוחים וועגען די העכסט־וויכטיגע געזעץ־פּראָיעקטען, פון וועלכע עס איז אָבגעהאַנגען די צוקונפט פון דער פּוילישער „רעפּובליק“ („ר ז ע ט ש פּ אָ ס פּ אָ ל י ט אַ“), האָט דער סיים ווייניג וואָס גענומען אין אַכט די דערמאָנונגען פון פּינסקער דעפּוטאַט בוטרימאָוויטש, וועלכער האָט פאָרגעלעגט, אַז מען זאָל אויך די אידישע רעפאָרם אַריינגעהמען אין דער נאָהנטער טאָג־אָרדנונג. די התלהבות'דיגע פּאָלעמיק אין דער ליטעראַטור מכח דער אידישער פראַגע האָט אויך נישט געווירקט אויף די פאָלקס־פאָרשטעהער, דאָס זיי זאָלען

זיך נעהמען באַלד איהר בעטראַכטען. אָבער אָט האָט אין זאַל פון סיים זיך אַריינגעריסען דער ווילדער טומעל פון המון — און דער סיים איז אויפגערודערט געוואָרען.

דער וואַרשאַווער המון האָט זיך גענומען פאַר דער אידישער פראַגע אויף זיין שטייגער. פאַר די קריסטליכע סוחרים און בעלי־מלאכות איז די אידישע פראַגע געווען קודם־כל אַ פראַגע פון פראָפעסיאָנעלער קאָנקורענץ. אין די ערשטע צוויי יאָהר פון „גרויסען סיים" איז פון זיך אַליין בטל געוואָרען דאָס געזעץ, וואָס האָט ערלויבט די אידען צו וואוינען אין וואַרשא (אויף שטענדיג איז עס געווען פערבאָטען!) נאָר אין די וואָכען פון יאַריד, וועלכער קומט פאָר בשעת די זיצונגען פון סיים. ווייל אָבער דער סיים האָט אַליין פערלענגערט די צייט פון זיין בעפולמעכטיגונג אויף עטליכע יאָהר, האָבען די אידען געהאַלטען, אַז אויך זיי מעגען פערלענגערן די צייט פון זייער אויפהאַלטען זיך אין וואַרשא. פון דער פראָווינץ האָבען אָנגעהויבען אַריינקומען אין וואַרשא אַלץ גרעסערע אידישע סוחרים און בעלי־מלאכות, וועלכע האָבען געזוכט אַ שטיקעל פרנסה אויפ'ן יאַריד, און די אָנגעקומענע האָבען אָנגעהויבען קאָנקורירען מיט די אָרטיגע קריסטליכע סוחרים (גילדע) און צעכאָווע בעלי־מלאכות. די פריווילעגירטע מיעשטשאַנעס, וועלכע האָבען דאַמאָלס געהאַלטען ביים בעקומען גלייכבערעכטיגונג, זענען אַריינגעקומען אין גרויס גרימצאָרן. אין מערץ 1790 האָט אַ גרויסער המון פון צעכאָווע בעלי מלאכות, צווישען וועלכע עס זענען געווען פיעל שניידער און לעדער־אַרבייטער, אַרומגערינגעלט דעם שטאָדטישען ראַטהויז און אָנגעהויבען שרייען, אַז אויב דער מאַגיסטראַט וועט נישט אַרויסטרייבען די אידען פון וואַרשא, וועלען זיי אַליין זיי אַלעמען אויסשעכטען. דער בירגערמייסטער **יאַן דעקערט**, וועלכער איז געווען בעוואוסט אַלס הייסער קעמפער פאַר דער גלייכבערעכטיגונג פון די מיעשטשאַנעס, האָט באַלד מודיע געווען וועגען דער דאָזיגער דעמאָנסטראַציע דעם סיים, און פון דאָרט זענען געקומען צוויי דעפוטאַטען, אָבצוהאַלטען דעם המון פון פערברעכערישע מעשים. אויף דער פראַגע פון די דעפוטאַטען, צוליב וואָס די דעמאָנסטראַציע איז פאָרגעקומען, האָבען די צעכמייסטערס געענטפערט, אַז עס איז אין שטאָדט אונמעגליך געוואָרען צו לעבען צוליב די אָנגעקומענע אידען, וועלכע נעהמען־צו ביי די אָרטיגע בעלי־מלאכות זייער לעצט שטיקעל פערדינסט. די דעפוטאַטען האָבען מבטיח געווען אַריינצוברענגען אָרדנונג אין דער זאַך. און אין דער ווירקליכקייט, אויף צומאָרגענס האָט די אַדמיניסטראַציע אַרויסגעטריבען פון שטאָדט אַלע אידישע בעלי־מלאכות און קליינהענדלער, איבערלאָזענדיג נאָר די אידישע גרויסע סוחרים, וועלכע האָבען געהאַט מאַגאַזינען, אָדער שפייכלערס.

די אַרויסגעטריבענע אָרימע אידען, וועלכע האָבען נישט געהאַט וואוהין צו געהן, זענען באַלד צוריקגעקומען אין שטאָדט אַריין. צווישען

די קריסטען האט זיך ווידער אנגעהויבען צג'אויפרודערונג און — דעם 16=טען מאי 1790 איז עס געקומען צו א פאגראם. אין יענעם טאג האט דער צעכאווער שניידער פאקס בעגעגענט אויפ'ן גאס א אידישען שניידער מיט א פעקעל ארבייט אונטער'ן ארעם און, ארויפווארפענדיג זיך אויף איהם, האט ער געוואלט צונעהמען ביי איהם זיין פעקעל; דער איד האט זיך אבער ארויסגעריסען און איז אנטלאפען. אויף פאקס'עס געשריי איז זיך צוזאמענגעלאפען א המון פון קריסטליכע בעלי=מלאכות. באלד האט מען געלאזען א קלאנג אין המון, אז די אידען האבען דערהרג'עט א קריסטליכען בעל=מלאכה. מען האט אנגעהויבען רופען די בעלי=מלאכות נקמה צו נעהמען אין די אידען. דער המון האט זיך א ווארף געטהון אויף טלאמאצקא גאס, אבער הארט האבען די אידען זיך בעפעסטיגט הינטער די פארקאנעס און אבגעשטויסען דעם אנפאל. אין די ארומיגע גאסען אבער האט דער פוילישער המון „געוואונען די מלחמה", צוראבירענדיג דאס אידישע פערמעגען אין די וואוינונגען און זייערע סחורות אין די מאגאזינעם און שפייכלערם: די טייערע סחורות האבען זיי אבגעטראגען צו זיך אהיים און די ביליגערע — געווארפען אין די ברונענס אריין. עס איז אפילו געקומען די מיליטערישע אבטיילונג פונ'ם מארשאלעק, אבער דער המון האט איהר בעגעגענט מיט שטיינער און דאך=ציגעל. ערשט ווען עס זענען אנגעקומען סאלדאטען מיט געוועהר, איז עס געלונגען צו צויאגען דעם המון און צוריקשטעלען די ארדנונג. — די דאזיגע געשעהעניש האט שטארק אויפגערודערט דעם סיים, און ער האט בעפוילען, צו מאכען א שטרענגע אויספארשונג און בעשטראפען די שולדיגע. אויסגעלאזען האט זיך אבער די דאזיגע בעשטראפונג נור דערמיט, וואס מען האט ארעסטירט דעם שניידער פאקס און זיינע עטליכע מיטהעלפערם. געגען די אידען אבער זענען אנגענומען געווארען זעהר שטרענגע אדמיניסטראטיווע מיטלען: די אידישע בעלי=מלאכות אדער קליינהענדלער, וועלכע מען האט געכאפט אויף דער גאס מיט סחורה אדער אויסארבייטונג האט מען בעפוילען אבצופיהרען אין דער מארשאלקאווסקא קאנדעגארדיא און דארט שמייסען, דערנאך ארויסטרייבען פון שטאדט... אט אזוי איז מען זיך בעגאנגען מיט אידישע בעלי=מלאכות אין א צייט, וואס אלע פראיעקטען=מאכער פון רעפארמעס האבען געהאלטען אין איין טענה'ן, אז עס איז נויטיג צו צווינגען די אידען צו בעשעפטיגען זיך מיט א פראדוקטיווער ארבייט, מיט לאנד=ארבייט און מלאכות.

איבריגענס, די אונארדנונגען אין ווארשא האבען געבראכט אויך טעהר וויכטיגע רעזולטאטען: דער סיים האט זיך איבערצייגט, אז מען טאר נישט אבלעגען מעהר דאס בעטראכטען פון דער אידישער פראגע, פאר וועלכער עס האט זיך גענומען די גאס מיט איהרע גראבע הענד. פינף וואכען נאך דעם פאגראם (22=טען יוני 1790) איז אויסגעקליבען געווארען א „דעפוטאציע" (א קאמיסיע) פון סיים, צו „רעפארמירען די אידען". אין דער

קאָמיסיע זענען אריינגעגאַנגען די דעפוטאַטען בוטרימאָוויטש, יאַצעק יעזיערסקי און אַנדערע. יעזיערסקי איז באַלד גע־וואָרען פאָרזיצענדער. זייענדיג אַן'אַנהענגער פון ראַדיקאַלע רעפאָרמעס, האָט דער דאָזיגער דעפוטאַט בעסער פאַר אַנדערע פערשטאַנען, אין וואָס עס בעשטעהט אין דער ווירקליכקייט די אידישע פראַגע. אנשטאַט דעם וואָס אַלע „רעפאָרמאַטאָרען“ האָבען זיך געהאַלטען ביי דער קאַזיאָנער פאָרמול „איבערצומאַכען די אידען אין נוצליכע בירגער“, האָט ער ערקלערט אין סיים, אַז ער האַלט די אידען איצט שוין אויך פאַר „נוצ־ליכע בירגער“, ווייל זיי פיהרען אַרויס די פּראָדוקטען פון פּוילישען לאַנד קיין אויסלאַנד און מאַכען דאַדורך רייך דאָס פאַטערלאַנד. ווען מען זאָל גוט איינאָרדנען די אידען, וועט מען דאַדורך פערשטאַרקען די מלוכה־פינאַנסען און פערגרעסערן אויף פיעל מיליאָנען זיין געלד־אומזאַץ. אונ־טער דער הנהגה פון יעזיערסקי און בוטרימאָוויטש האָט די קאָמיסיע געאַרבייט זעהר ענערגיש. זי האָט בעטראַכט אַ גאַנצע ריהע פּראָיעקטען פון רעפאָרמעס, וועלכע עס האָבען אריינגעטראָגען בוטרימאָוויטש, טשאַצקי טאַדעאוש און אַנדערע. בוטרימאָוויטש'עס פּראָיעקט איז געווען געגרינדעט אויף די פּרינציפּען, וועלכע ער האָט געהאַט אַרויס־געזאָגט אין'ם אויבענדערמאָנטען ביכעל. עהנליך צו איהם איז געווען דער פּראָיעקט פונ'ם היסטאָריקער טאַדעאוש טשאַצקי, דער מנהיג פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע פון סיים. אין דעם דאָזיגען פּראָיעקט זענען פעסטגע־שטעלט געוואָרען די פאָלגענדע גרונד־פּרינציפּען: 1) ביז איצט האָט די רעגירונג בלויז סובל געווען די אידען, פון איצט אָן און ווייטער ווערען זיי אָנערקענט פאַר בירגער, און זיי האָבען די רעכט פון „אַביוואַטעלעס“; 2) געבענדיג זיי די רעכט פון די אָרטיגע בירגער, קאָן די רעגירונג אויך פאָדערן, דאָס די אידען „זאָלען זיין געבילדעט לטובת דער מלוכה“; 3) אַלע אונטערשיידען צווישען אידען און קריסטען, אויסער די רעליגיעזע, דאַרפען בטל ווערען; 4) די אידען מעגען זיך בעשעפטיגען מיט אַלע מסחרים, אויסער מיט שענקעריי, פון וועלכער מען ברויך זיי אָבצורייסען אויף אַ צייט פון פופציג יאָהר, העלפענדיג זיי דערפאַר צו בעשעפטיגען זיך מיט לאַנדאַרבייט. כדי צו צווינגען די אידען צו ציוויליזירען זיך, אָנערקענט דער פּראָיעקט נאָך אויך אַ גאַנצע רייהע פון בעגרענצונגען און צוואַנגס־מיטלען: עס ווערען פערבאָטען צו־פריהע חתונות (אַ 20־יעהריג עלטער פאַר אַ מאַנסביל און 18־יעהריג פאַר אַ פרוי); מען דאַרף נישט ערלויבען חתונה צו האָבען פערזאָנען, וואָס האָבען נישט קיין מיטעל צום לעבען; פערזאָנען, וואָס וועלען נישט האָבען קיין צייגניש, דאָס זיי האָבען געענ־דיגט דעם קורס פון דער לעהרע אין אַ נידעריגער פאָלקס־שול, ווערען בע־גרענצט אין זייער בירגערליכער רעכט אין מסחר און אינדוסטריע; אויף די אידישע ספרים דאַרף מען איינפיהרען אַ שטרענגע צענזור; אנשטאַט זייערע איצטיגע מלבושים, דאַרפען די אידען זיך קליידען, ווי די פּאָליאַ־

גען אָדער דייטשען; אין אָפיציעלע דאָקומענטען דאַרף מען אנשטאַט אידיש געברויכען נאָר די פוילישע שפּראַך.

אין אָנהויב יאָהר 1791 האָט די „סיים דעפּוטאַציע" ענדליך אויסגעאַרבייט אַ פּראָיעקט פון אַ רעפאָרם פאַר די אידען און אַריינגעטראָגען איהם אין סיים צום בעטראַכטען. דער טעקסט פונ'ם פּראָיעקט איז אונז געבליבען אונבעקאַנט; עס איז אָבער קיין ספק נישט, אַז ער איז געווען צוזאַמענגעשטעלט אויף די יסודות, וועלכע עס האָבען אָנגעוויזען בוטרימאָוויטש און טשאַצקי. זייענדיג שטאַרק פערנומען מיט די הכנות, צו פערעפענטליכען די קאָנסטיטוציע פון 3-טען מאַי, האָט דער סיים נישט געקאָנט פערנעהמען זיך מיט'ן בעטראַכטען די אידישע פראַגע. שוין נאָכדעם, ווי די קאָנסטיטוציע איז פערעפענטליכט געוואָרען, האָט בוטרימאָוויטש, אין דער זיצונג פון 24-טען מאַי, געפאָדערט, אַז מען זאָל באַלהדיגענד בעטראַכטען די אידישע פראַגע; אָבער דאָ האָט זיך אויפגעהויבען אַן'אַנדער מיטגליד פון דער „אידישער קאָמיסיע", דער בראַצלאַווער דעפּוטאַט ח אָ ל אָ נ י ע וו ס ק י, וועלכער האָט ערקלערט, אַז ער געפינט, דאָס דער פּראָיעקט איז שעדליך פאַר די אינטערעסען פון קליין־פוילען, ווייל ער גיט די אידען צו־גרויסע האַנדעלס־רעכט, און דעריבער לעגט ער פאָר, דאָס דער סיים זאָל בעטראַכטען בעסער אַ פּראָיעקט, וועלכען ער האָט אַליין אויסגעאַרבייט. דער סיים האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם, זעהענדיג דעריין אַ גוטען תירוץ אָבצולעגען די בעטראַכטונג פון דער אונאַנגענעהמער פראַגע. אין מאָנאַט יוני איז איבערגעריסען געוואָרען די סעסיע פון סיים ביז סעפּטעמבר. אַזוי אַרום איז פערעפענטליכט געוואָרען די גרויסע חאַרטיאַ פון דער פוילישער רעפאָרם — די קאָנסטיטוציע פון 3-טען מאַי 1791 — אָהן קיין שום ענדערונג אין דער אידישער לאַגע. אמת, די קאָנסטיטוציע האָט אויך איבערגעלאָזען אין דער פריהערדיגער לאַגע די פויערן און זייער פערקנעכטיגונג ביי דער שליאַכטא, אָבער פונדעסטוועגען האָט זי דאָך געהאַט געגעבען גלייכבערעכטיגונג די מיעשטשאַנעס און טיילווייז דעמאָקראַטיזירט די פאָלקס־פאָרשטעהענדע אינסטיטוציעס. נאָר אויף דעם שטיף־קינד־פאָלק האָט מען פערגעסען אין דער צוואה פונ'ם אָבשטאַרבענדען פוילען.

די סעסיע פון סיים פון נאָהענטען הערבסט איז פאָרגעקומען אין אַן'אונרוהיגער פּאָליטישער אַטמאָספערע. די רעאַקציאָנערע געגנער פון דער נייער קאָנסטיטוציע האָבען געפיהרט אַן'אַגיטאַציע אין לאַנד; עס האָט זיך אונטערגערוקט אַ היימישע מלחמה און די מלחמה מיט רוסלאַנד. פונדעסטוועגען האָט דער אונערמידליכער בוטרימאָוויטש זיך בעשלאָסען ווידער צו דערמאָנען דעם סיים, אַז עס איז נויטיג, דאָס די רעגירונג זאָל פערזוירקליכען איהר אפּטרופּסות אויך אויף דאָס „אונגליקליך פאָלק, וואָס קאָן זיך אַליין נישט אַרויסראַטעווען פון זיין שווערער לאַגע און ווייס אפילו נישט, אין וואָס זיין הילף בעשטעהט". ער האָט געפאָ־

דערט, דאָס די קאָמיסיע זאָל נאָך אַמאָל בעטראַכטען דעם פּראָיעקט פון דער אידישער רעפאָרם, וועלכען זי האָט אויסגעאַרבייט, כדי צו מאַכען אין איהם איניגע ענדערונגען, „לויט ווי עס פאָדערן דאָס די איצטיגע אומשטענדען", און ווידער אַריינטראָגען איהם אין סיים צום בעטראַכטען. שטיצענדיג דעם דאָזיגען פאָרשלאַג, האָט י ע ז י ע ר ס ק י זיך ערלויבט אַרויסצוזאָגען אין דער זיצונג פון סיים (30-טען דעצעמבער) זיין שוין דערמאָנטען געדאַנק, אַז ער האַלט די אידען אויך איצט פאַר נוצליכע בירגער אין פוילען און מיינט נישט, דאָס מען ברויך זיי ערשט צו מאַכען פאַר נוצליכע. דער סיים האָט אָנגענומען בוטרימאָוויטשעס פאָרשלאַג, און די אידישע קאָמיסיע האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט. דער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער אַרבייט איז אָבער געווען זעהר אַ נישטיגער, נאָך אַ לאַנגען בעטראַכטען דעם פּראָיעקט איז די קאָמיסיע געקומען צום פאָלגענדען בעשלוס: כדי אויסצובעסערן דעם גורל פון דער אידישער בעפעלקערונג, איז נויטיג איינצואָרדנען זיין אינערליך לעבען. אזא איינ-אָרדנונג איז אָבער אונמעגליך, כל זמן די אידישע בעפעלקערונג וועט זיך נישט בעפרייען פון איהרע קהל'שע חובות (*), און דאָס קאָן פאָרקומען ערשט דאַן, ווען די סקאַרבאָווע קאָמיסיע (די פינאַנץ-קאָמיסיע פון סיים) וועט זיך בעשעפטיגען מיט זייער ליקווידאַציע. איידער אַלזא די רעגירונג וועט זיך נעהמען רעפאָרמירען דאָס אידישע לעבען, דאַרף זי אָנווייזען די מיטלען, ווי אַזוי אויפצומאַהנען ביי די אידישע קהלות די חובות, וואָס עס קומט פון זיי. די דאָזיגע רעזאָלוציע האָט דער סיים אויפגענומען זעהר גערן: מען איז אַזוי אַרום פּטור געוואָרען צו טראַכטען וועגען אַ „אידי-שער רעפאָרם", אָדער וועגען געבען די אידען גלייכבערעכטיגונג. מען האָט נור געדאַרפט בעפוילען די אָרטיגע געריכטען, צו בעשטימען גענוי, ווי גרויס עס זיינען די קהל'שע חובות און די סקאַרבאָווע קאָמיסיע האָט זיך געדאַרפט נעהמען אויפמאַהנען די דאָזיגע חובות אָדער פון די ספּע-ציעלע אידישע פאָנדען, אָדער פון די ספּעציעלע קוועלען — אַרבייט מיט די אידען האָט געקאָנט קלעקען אויף פיעל יאָהר. אָט אַזוי האָט מען עס אין פוילען ליקווידירט די „אידישע רעפאָרם", ליקווידירענדיג די חובות, וואָס מען האָט געמאָהנט ביי אידען...

אויב מען זאָל גלויבען, וואָס מען האָט דאַמאָלס דערצעהלט, האָ-בען די אידען, זעהענדיג, דאָס די קאָנסטיטוציע פון 3-טען מאי האָט אָן זיי פערגעסען, געמאַכט די פּראָבע צו ווירקען אויפ'ן סיים און אויף דער רעגירונג דורכ'ן קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט, אויסנוצענ-דיג דערויף זייערע מקורבים, וואָס זיי האָבען געהאַט אין קעניגליכען הויף. עס זאָל ערגעץ וואו האָבען פאַרגעקומען אַ געהיימע בעראַטונג פון

*) די אידישע קהלות אין פוילען זיינען געווען שולדיג גרויסע סומעס געלד די מאַגיסטראַטען, די פוילישע קלויסטערס און פּריוואַטע פּערזאָנען, וועלכע זיי האָבען געהאַט געבאָרגט, כדי צו קאָנען בעצאָהלען פּאָדאַטקעס און דעקען די אייגענע חובות.

אידישע עסקנים און מען זאָל אויך האָבען געהאַט אויסגעקליבען דריי בעפולמעכטיגטע אידען, וואָס האָבען געדאַרפט פיהרען די אונטערהאַנדלונג מיט'ן קעניג וועגען פערבעסערען די אידישע לאַגע. די בעפולמעכטיגטע האָבען געווירקט סוף יאָהר 1791 און אָנהויב 1792 דורכ'ן קעניגליכען סעקרעטאַר פּיאַטאָלי, און דער קעניג האָט זיי באַלד אָנגענומען אויף אַנ'אוידיענץ מיט גרויס פאַראַד; דער קעניג זאָל האָבען געזעסען אויפ'ן טראָהן, בשעת ער האָט די אידישע בעפולמעכטיגטע אָנגענומען. די אידען האָבען געבעטען, דאָס מען זאָל זיי געבען בירגער־רעכט, דאָס רעכט צו האָבען אונבעוועגליכע נחלאות אין די שטעדט, דאָס מען זאָל ביי זיי נישט צונעהמען זייער קהל'שע אויטאָנאָמיע און מאַכען זיי אונאַבהענגיג פון מאַגיסטראַט. וועגען דער זאַך זאָלען אויך האָבען געוואוסט איינינע פּאַרטיי־אָנפיהרער פון סיים, צווישען זיי אויך, דער ראַדיקאַל קאָלאָנטאַי. מען דערצעהלט אויך, אַז דער קעניג האָט שוין געהאַט געוואָלט דורכפיהרען דעם פּראָיעקט פון דער אידישער רעפאָרם דורך דער „דעפּוטאַציע“ (קאָמיסיע) און דעם סיים, נאָר דאָס איז איהם נישט געלונגען... די הונדערטער־יעהריגע פראַגע האָט נישט געקאָנט פערענטפערט ווערען אין אַנ'אונרוהיגען מאָמענט, ווען דער טויט איז שוין געהאַנגען איבער'ן לאַנד, וואָס האָט אָנגעשטרענגט זיינע לעצטע אויסגעמאַטערטע כחות אין'ם קאַמף פאַר דער אונאַבהענגיגקייט.

די גסיסה פון פוילען איז אונטערגעקומען אַלץ נאָהענטער. די געגנער פון דער קאָנסטיטוציע פון 3־טען מאַי פון די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטען פון לאַנד האָבען זיך פעראייניגט מיט דער רוסישער רעגירונג, וועלכע האָט אויף אַנ'אונגליקליכען אופן געשטיקט דעם פּראָגרעס אין דער ספערע פון איהר השפעה. עס איז ענטשטאַנען די טאַרגאָוויצער קאָנפעדעראַציע און אַ היימישער מלחמה (זומער 1792). די אידען זענען אפילו געווען אָבגעריסען פון פּאָליטישען לעבען אין פוילען, פונדעסטוועגען האָבען זיי ערגיץ וואו אויך אַרויסגעוויזען זייער סימפּאַטיע פאַר די קעמפער לטובת דער נייער קאָנסטיטוציע. די אידישע שניידער אין ווילנא האָבען זיך אונטערגענומען צו מאַכען אומזיסט צוויי הונדערט מונדירען פאַר דער פרייהייטס־אַרמעע; די סאָכאַטשאָווער און פיליאָווער קהלות האָבען אָנטייל גענומען אין די פּאַטריאָטישע געלד־זאַמלונגען; די בערדיטשעווער אידען האָבען אָנטייל גענומען אין אַ דעפּוטאַציע פון די אָרטיגע סוחרים, וועלכע האָט מקבל־פּנים געווען דעם אָנפיהרער פון דער פוילישער אַרמעע יוזעף פּאָניאַטאָווסקי און געשאָנקען נייע אינסטרומענטען פאַר די מוזיקאַנטען פון פּאָלק. די אידישע קהלות אין וואָהלין און פּאָדאָליען האָבען נישט ווייניג געליטען פון די מלחמות. די קהלה פון אָסטראָהאָ האָט איבערגעלעבט דאָס באָמבאַרדירען פון דער שטאָדט דורך דער רוסישער אַרמעע אין יאָהר 1792. אָבער די דאָזיגע קרבנות האָבען נישט געראַטעוועט דאָס לאַנד פון אונ־

טערגאַנג. אין יאָהר 1793 האָט מען פוילען צוטיילט צום צווייטען מאָל צווישען רוסלאַנד און פּרייסען. רוסלאַנד האָט בעקומען אַ טייל פון קיעווער קאַנט, פּאָדאָליען און מינסקער קאַנט; פּרייסען — דעם צווייטען טייל פון גרויס־פּוילען (קאַליש, פּלאָצק און אַנדערע) מיט דאַנציג און טהאָרן. פון פוילען האָט מען אַלזאָ ווידער אָבגעריסען אַ גרויסע טעריטאָריע מיט הונדערטער טויזענדער אידען. די ערנידעריגטע נאַציאָן האָט דערשפּירט אַ ברענענדיגען ווערטאָג פונ'ם נייעם שניט אין איהר אָרגאַניזם. עס האָט אויפגעפלאַקערט די פּוילישע רעוואָלוציע פון יאָהר 1794.

דער אָנפיהרער פון אויפשטאַנד קאָשציושקאָ, וועלכער האָט גענאָמען אַנטייל געגומען אין צוויי וועלט־רעוואָלוציעס — אין דער אַמעריקאַנישער און פראַנצויזישער — האָט געהאַט פיעל העכערע בעגריפען וועגען פּאָליטישער און בירגערליכער פרייהייט, ווי די גאַנצע פרייהייטס־אַרמעע פון דער פּוילישער שליאַכטאַ: ער האָט פערשטאַנען, אַז עס קאָן נישט זיין קיין פרייע מלוכה, כל זמן מען וועט נישט בעפרייען די פערקנעכטעטע פּויערים און געבען אַלע בירגער גלייכע רעכטע. אינ'ם ברען פון קאַמף פאַר'ן פאָטערלאַנד האָבען צייטענווייז זיך אַרויסגעוויזען די דאָזיגע דעמאָקראַטישע שטרעמונגען פונ'ם אָנפיהרער, — און די בעדריקטע קלאַסען אין פוילען האָבען געשפּירט, אַז דאָ קומט פאָר עטוואָס וויכטיגערעס, ווי אַ רעוואָלוציע פון דער שליאַכטאַ. די התלהבות פאַר דער פרייהייט האָט אויך אַרומגענומען איינצע שיכטען פון דער אידישער געזעלשאַפט. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזען בשעת דער לאַנגער בעלאַגערונג פון וואַרשא דורך דער רוסיש־פּרייסישער אַרמעע, אין זומער און ווינטער 1794, ווען די גאַנצע בעפעלקערונג איז גערופען געוואָרען צו פערטיידיגען די הויפּט־שטאָדט. די זעלבע אידען, אויף וועלכע מען האָט נאָך דאָ נישט לאַנג געמאַכט אַן אָנפאַל אין די וואַרשאַווער גאַסען און אויפ'ן בעפעהל פון דער אַדמיניסטראַציע האָט מען זיי, אָהן אַ ברעקעל רחמנות, אַרויסגעטריבען פון וואַרשא, האָבען זיך איצט געשטעלט, אין יאָהר פון סכנה, צום אַלגעמיינעם קאַמף גלייך מיט זייערע בעדריקער: צוזאַמען מיט זיי האָבען זיי גריבער געגראָבען און אויפגעשאָטען בערג, כדי צו פערטיידיגען די שטאָדט. אָפט פלעגען די אידען, לויט'ן סיגנאַל, ערשיינען פרייוויליג, בעוואָפענטע, כדי אָבצושטויסען די בעלאַגערער; אונטער די קוילען פון די ביקסען און באָמבעס פון האַרמאַטען פלעגען זיי צוזאַמען מיט אַלע וואַרשאַווער אָבשטויסען דעם פיינד, פערלירענדיג דערביי אי הרוגים, אי פערוואונדעטע, אָבער נישט דעם מוט. צווישען די אידען, וואָס האָבען אַנטייל גענומען אין פערטיידיגען וואַרשא, איז ענטשטאַנען אַ געדאַנק, צוזאַמענצושטעלען אַ בעזונדערן לעגיאָן צו פערטיידיגען דאָס פאָטערלאַנד. אין שפּיץ פון דער דאָזיגער גרופּע אידישע פּאַטריאָטען איז געשטאַנען דער, שוין דערמאָהנטער בערקאַ

יאַסעלעוויטש — געבוירען (לערך 1765) אינ'ם קליינשטעדטעל קרעטינגען (זאַמוט), האָט בערקאַ יאַסעלעוויטש געלערנט פון קינדווייז אָן אין חדר און שפּעטער איז ער אַריינגעטראָטען, אַלס פאַקטאָר, צום רייכען ווילנער ביסקופּ מאַסאַלסקי, מיט וועלכען ער פלעגט אָפט פאָהרען קיין פּאַריז. דאָרט האָט זיך יאַסעלעוויטש אויסגעלערנט ריידען פראַנצויזיש און זיך אויך בעקענט מיט דער נייער וועלט פאַר איהם פון די פראַנצויזישע סאַלאָנען וואו זיין פּריץ פלעגט אָפט אַריינקומען. בשעת דעם פיער־יעהריגען סיים איז בערקאַ יאַסעלעוויטש שוין געווען פאַר זיך אַ בעל הבית און האָט געוואוינט מיט אַ ווייב און קינדער אויף פּראַגאַ, נעבען וואַרשאַ. ווי שוין דערמאָהנט, האָט ער אַרויסגעגעבען אַן'אויפרוף צו די אידען אין פּוילען, אַז זיי זאָלען זיך שטעלען אין קאַמף פאַר'ן פאָטערלאַנד. באַלד האָבען זיך אַרום איהם פערזאַמעל'ט פינף הונדערט אידען, וועלכע זענען שפּעטער אַלע געפאַלען אין העלדישען קאַמף פאַר זייער פאָטערלאַנד.

דורך דער דריטער חלוקה פון פּוילען (1795) זענען אין רוסלאַנד אַריינגעקומען די הויפּט־מאַסען פון דער אידישער בעפעלקערונג אין ליטאַ (די ראַיאָנען פון ווילנער און גראָדנער וואָיעוואָדאַ'ס). פּרייסען האָט איינגעשלונגען דעם לעצטען טייל פון גרויס־פּוילען מיט וואַרשאַ און מאַזאָוויע; אויסער דעם האָט זי אויך בעקומען ביאַליסטאָקער קאַנט. עסטרייך האָט פערגרעסערט איהר קאַנט גאַליציען דורכ'ן פעראייניגען צו איהם קראָקוי און דעם קאַנט פון לובלינער וואָיעוואָדאַ. פון דער צייט אָן צוטיילט זיך דער גורל פון די פּוילישע אידען, לויט די לענדער, אין וועלכע זיי זענען אַריינגעקומען — עסטרייך, פּרייסען און רוסלאַנד. אָבער מיט דער דריטער חלוקה פון פּוילען האָט זיך נאָך אינגאַנצען נישט געענדיגט די פּוילישע מלוכה. אויף אַ קורצער צייט ענטשטעהט אין דער געשיכטע ווידער אַ שאָטען פון דער פּוילישער אונאָבהענגיגקייט. צוועלף יאָהר נאָך דער דריטער חלוקה האָט נאַפּאָלעאָן I, איבערמאַכענדיג די פּאָליטישע מפּה פון אייראָפּאַ און בעשאַפענדיג מלוכות־זייפּענבלאָזען, צוריק אַרויסגעשניטען פון „פּרייסישער פערכאַפּונג" די פּראָווינץ גרויס־פּוילען און געמאַכט פון איהר דאָס וואַרשאַווער הערצאָגטום — אַ קליינינקע מלוכה'לע אונטער דער ממשלה פון זאַקסישען קעניג פריעדריך אויגוסט III (אַ איינינקעל פון לעצטען פּוילישען קעניג פון דער זאַקסישער דינאַסטיע אויגוסט דער 3־טער. דאָס איז געווען אין יאָהר 1807, נאָכדעם ווי נאַפּאָלעאָן האָט צוקלאַפּט פּרייסען. צוויי יאָהר שפּעטער, ווען נאַפּאָלעאָן האָט אויך געהאַט צוקלאַפּט עסטרייך, האָט ער אויך פון איהר אָבגעריסען אַ טייל פון איהרע פּוילישע פּראָווינצען און פעראייניגט מיט'ן וואַרשעווער הערצאָגטום אין 1809.

נאָכדעם ווי די פּרייסען זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון דער פּוילישער הויפּט־שטאָדט וואַרשאַ, איז די דאָזיגע שטאָדט נאָך אַ צוועלף־

יעהריגער פויזע ווידער געוואָרען די הויפּט-שטאָדט פון פּוילישען צענטר, וועלכער איז צוריקגעשטעלט געוואָרען דורך נאַפּאָלעאָן I. דאָס וואַרשאַווער הערצאָגטום איז בעשטאַנען פון צעהן דעפּאַרטאַמענ-טען אין קליין-און גרויס-פּוילען: וואַרשא, קאַליש, פּלאָצק, לאָמזשע, פּויזען, בידגאָשטש און קראַ-קוי, לובלין, ראַדאָם, שעדלעץ; די דאָזיגע נייע מלוכה האָט ערהאַלטען אַ היבש ליבעראַלע קאָנסטיטוציע מיט צוויי געזעצגעבערישע אינסטיטוציעס: דער סיים און דער סענאַט, און מיט אַ ציווילען „קאָ-דעקס פון נאַפּאָלעאָן“, וועלכען מען האָט נאָר וואָס געהאַט איינגעפיהרט אין פראַנקרייך. אין די גרונד-געזעצען איז געווען ערקלערט דער פּרינציפּ פון פאָלקאָמע גלייכקייט פון אַלעמען פאַר'ן געזעץ. די פּראָגרעסיווערע אידישע עלעמענטען אין דער נייער מלוכה זענען בעלעבט געוואָרען דורך אַ נייער האָפנונג, אַז זיי וועלען ענדליך בעקומען גלייכבערעכטיגונג, וועל-כע זיי האָבען פריהער אונטער די פּרייסען נישט געהאַט, פאַר וועלכער זיי האָבען זיך אָבער דאַמאָלס אויסגעלערנט קעמפען, נישט אַכטענדיג אויף די חסידים און פרומע אידען, וועלכע האָבען בעסער געוואָלט בליי-בען ביי דער אַלטער אָרדנונג און פערקנעכטונג. אין דער אידישער גע-זעלשאַפט האָט נאָך געלעבט די גרויסע אמונה אין נאַפּאָלעאָן'ס אלמעכ-טיגקייט און מען האָט געגלויבט, דאָס ער וועט אויך בעשיצען און פריי מאַכען די אידען אין פּוילען. אָבער אויך פון די דאָזיגע האָפנונגען האָט זיך אויסגעלאָזען אַ טייך. דאָס ערשטע יאָהר פון'ם נייעם הערצאָגטום (1807—1808) איז געווען אַ קריטיש יאָהר אין נאַפּאָלעאָנס בעציהונג צו אידען. דער „שענדליכער דעקרעט“, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אַרויסגעגעבען דעם 17-טען מערץ 1808, לויט וועלכען ער האָט בעפרייט די קריסטען צו צאָהלען אַ גרויסע צאָהל חובות, וואָס זיי זענען שולדיג געווען די אידען, בעגרענצענדיג נאָך אויך די אידישע רעכטע און פיעל אַנדערע היגזיכטען, האָט אָבגעשטעלט די אידישע גלייכבערעכטיגונג אויף אַ משך פון צעהן יאָהר אין דער גאַנצער פראַנצויזישער אימפּעריע מיט דער דאָזיגער רעאַקציע אין פראַנקרייך האָבען זיך אויך בענוצט די מלוכה-לייט אין פּוילען, וועלכע האָבען נישט געהאַט אויסגעלערנט פון די איבערגעלעבטע אונגליקען און וועלכע האָבען אפילו איצט אויך נישט געוואָלט וויסען וועגען אַ גלייכבערעכטיגונג פאַר'ן אונבעליעבטען פאָלק.

אין פריהלינג 1808 איז אויסגעקומען דער רעגירונג פון וואַרשאַווער הערצאָגטום צו בעשעפטיגען זיך מיט ידער אידישער פראַגע, הייל די אידען אַליין האָבען זיך משתדל געווע[illegible] מען זאָל זיי געבען בירגער-ליכע רעכטע, ווי אויך צוליעב דעם וואָס מען האָט זיך צוגעגרייט צו די נאָהענטע וואָהלען צום סיים. ווען די ידיעה וועגען נאַפּאָלעאָנס דעקרעט פון 17-טען מערץ איז דערהאַלטען געוואָרען אין פּוילען, האָט דער וואַר-שאַווער מיניסטאָרען-ראַט זיך באַלד אָנגעכאַפּט אָן איהם, ווי אַן הילף

אין דער טויט, און פאַרגעשטעלט דעם הערצאָג פריעדריך אויגוסט אַ דאַקי־לאַד, אין וועלכען ער האָט ערקלערט, אַז פאַר'ן לאַנד וואָלט פאַרגעשטאַנען אַ טרויעריגע צוקונפט, אויב דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס געפינט זיך דאָ אין אַ היבשער צאָהל, וואָלט פלוצלונג בעקומען גלייכבערעכטיגונג, ווייל דאָס דאָזיגע פאָלק „היט אָב זיין נאַציאָנאַלען גייסט, וועלכער איז פרעמד פאַר'ן לאַנד"*) און בעשעפטיגט זיך מיט נישט־פּראָדוקטיווע עסקים. אַלס אַ מיטעל, ווי אַזוי אַרויסצודרעהען זיך פון דער גלייכבערעכטיגונג פון די בירגער, לויט דער קאָנסטיטוציע, האָט דער מיניסטאָרען־ראַט אָנגעוויזען, אַז אויך נאַפּאָלעאָן האָט אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט, לויט וועלכען די גלייכבערעכטיגונג פאַר די אידען ווערט אָבגעלעגט, אָבער נישט בטל. וועלכע דיג בעקומען אין דער זאַך די הסכמה פון נאַפּאָלעאָן, האָט די וואַרשאַוער רעגירונג אָנגעהויבען פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט איהרע אַגענטען אין פראַנקרייך און מיט'ן פראַנצויזישען מיניסטער, דעם אידען־פיינד שאַמפּאַניא. ווען אין דרעזדען און אין וואַרשא איז בעוואוסט געוואָרען, אַז נאַפּאָלעאָן איז נוטה צו דער זאַך, האָט דער הערצאָג אַרויסגעגעבען (17 אָקטאָבער 1808) פאָלגענדען דעקרעט: „די איינוואוינער פון וואַרשאַוער הערצאָגטום, די אָנהענגער פון משה'ס גלויבען, ווערען דערוויטערט אויף צעהן יאָהר פון די בירגערליכע רעכטע, אין דער האָפנונג, אַז אין דער דאָזיגער צייט וועלען זיי אויסוואָרצלען צווישען זיך אַלע סימנים, לויט וועלכע זיי שיידען זיך אָב אַזוי שטאַרק פון דער איבריגער אָרטיגער בעפעלקערונג. דער דאָזיגער דעקרעט דאַרף אונז פונדעסטוועגען נישט שטערען, צו שענקען פּאָליטישע רעכטע איינציגע פּערזאָנען פונ'ם דאָזיגען גלויבען אויך פאַר'ן טערמין פון צעהן יאָהר, אויב זיי וועלען נאָר פערדינען אַזאַ חסד, צופּאַסענדיג זיך צו די בעדינגונגען, וועלכע מיר וועלען צוזאַמענשטעלען בעזונדער וועגען די אָנהענגער פון משה'ס גלויבען".

אַזוי אַרום האָט די וואַרשאַוער רעגירונג אין אַן'אײדעלער פאָרם, לויט דער פראַנצויזישער מאָדע־שפּראַך, צוגענומען ביי אַלע „אָנהענגער פון משה'ס גלויבען" די גלייכבערעכטיגונג, וועלכע די קאָנסטיטוציע האָט זיי געהאַט געגעבען. כדי צו בעפוצען די שפּראַך האָט מען גענוצט דעם אויסדרוק די „פּאָליטישע רעכטע", וועהרענד אין דער ווירקליכקייט האָט

*) ווי אַזוי די פוילישע מיניסטאָרען האָבען זיך פאָרגעשטעלט אידעאַלע אידען, וואָס זענען ווערט גלייכבערעכטיגונג, קאָן מען אַרויסזעהן פון פאָלגענדען בריעף פון פוילישען פינאַנץ־מיניסטער לעמבאָווסקי (מערץ 1808): „לויט דער קאָנסטיטוציע, דאַרפען די אידען נישט האָבען קיין בעזונדערען קהל, געריכטען, שבועות, נישט קיין בעזונדערע קליידער, נישט קיין בעזונדערע מנהגים און אָבערגלויבענס, נישט קיין בעזונדערע שולען (חדרים), אָדער נישט צו ערציהען זייערע קינדער אַנדערש, ווי די קריסטען. — זיי דאַרפען בכלל נישט זיין קיין בעזונדער מין (פאָלק) מיט בעזונדערע חתונות".

מען ביי די אידען צוגענומען זייערע בירגערליכע רעכטע. אין נאוועמבער 1808 האט מען די אידען פערבאטען צו קויפען מאיאנטקעס, וואס האבען געהערט צו דער שליאכטא; מען האט איינגעפיהרט א בעגרענצונג אויפ'ן רעכט צו וואוינען אין ווארשא; לויט'ן דעקרעט פון 16-טען מערץ 1809 איז בעפוילען געווארען די אידען אין א משך פון א האלב יאהר ארויסצוציהען זיך פון די הויפט-גאסען פון ווארשא, וואו מען האט ערלויבט צו וואוינען נאר אידישע באנקירען, גרויסע סוחרים, דאקטוירים און קינסטלער. מען האט זיך גענומען בעפעסטיגען די אלט-פוילישע געזעצגעבונג וועגען אידען אין די העכסט בעליידיגענדע פארמען.

די אידישע געזעלשאפט איז אויפגערודערט געווארען. אין ווארשא האט זיך דאמאלס שוין געהאט געפונען אן'אנגעזעהענע גרופע פון אינטעליגענטע אידען, וועלכע האבען געהאט אנגענומען די בערלינער השכלה און אבגעזאגט זיך פון אלע יענע אלטע אידישע מנהגים און מלבושים און אנדערע אויסערליכע סימנים, פאר וועלכע מען האט ביי די אידען געהאט צוגענומען זייער גלייכבערעכטיגונג. שטיצענדיג זיך אויפ'ן צווייטען פונקט פון דעקרעט, וואו עס ווערט ערקלערט, אז א טייל אידען קאנען יא נהנה זיין פון דער גלייכבערעכטיגונג תיכף, אויב נאר זיי האבען זיך אבגעזאגט פון די אלטע אידישע מנהגים, האט א גרופע משכילים (17 מאן) אנגעגעבען (יאנואר 1809) אן'ערקלערונג דעם יוסטיץ-מיניסטער, אז „זיי האבען זיך שוין פון לאנג אן בעמיהט צו חבר'ן זיך מיט דער קריסטליכער בעפעלקערונג, און סיי דורך זייערע מלבושים, סיי דורך זייערע הנהגות זענען זיי שוין גלייך צו די קריסטען, בכן האבען זיי אויפגעהערט צו זיין נישט ראוי צו בעקומען בירגערליכע רעכטע“. אויף דער דאזיגער קנעכטישער ערקלערונג האט דער יוסטיץ-מיניסטער לובענסקי — איינער פון די קאנסטיטוציאנעלע מיניסטארען, וועלכע האבען פערשטאנען, ווי אזוי צו פערווירקליכען דעם גרעבסטען דעספאטיזם אונטער דער ליבעראלער מאסקע — געענטפערט זיי מיט א גראבען סאפיזם (שווינדעל, פשט'ל), אז די קאנסטיטוציאנעלע גלייכקייט פאר'ן געזעץ מאכט נאך נישט אלעמען פאר גלייכבערעכטיגטע בירגער, ווייל א בירגער קאן זיין נאר יענער, וועלכער איז ערגעבען דעם קעניג און האלט נאר דאס דאזיגע לאנד פאר זיין פאטערלאנד, אבער — ערקלערט ווייטער דער „ליבעראלער“ מיניסטער — „צי קאנען דען די אידען האלטען דאס ווארשאווער הערצאגטום פאר זייער פאטערלאנד? צי טראכטען זיי נישט וועגען דעם, אז זיי זאלען זיך אומקעהרען צוריק קיין ארץ ישראל? צי שפירען זיי זיך דען נישט, ווי א בעזונדערע נאציאן? דאס טוישען די מלבושים אליין איז נאך וועניג צו ווערען א בירגער“.

צוזאמען מיט די דאזיגע פארשטעהער פון דער מלבושים-קולטור, וואס האבען זיך משתדל געווען וועגען פערזענליכע פריווילעגיעס, זענען אין ווארשא געווען אויך אמת'ע איבערצייגטע אנהענגער פון בערלי־

השכלה, וועלכע האָבען געהאַלטען פאַר זייער פליכט, צו קעמפּען פאַר דער גלייכבערעכטיגונג פון גאַנצען אידישען פאָלק. דעם 17-טען מערץ 1809 האָבען פינף פאָרשטעהער פון דער וואַרשאַווער קהלה (רבי מיכל ראַווער — עטינגער און אנד.) דערלאַנגט אַ מעמאָראַנדום דעם סענאַט, אין וועלכען עס הערט זיך נישט בלויז אַ ביטע, נאָר אויך אַ שטאָלצע תרעומות: „טויזענדער מענשען פון פּוילישען פאָלק אָנ-הענגער פון אלטען גלויבען (סטאַראָזאַקאָנע), וואָס זייער הונדערטער-יעהריגער ישוב אין לאַנד גיעט זיי דאָס רעכט, צו האַלטען עס פאַר זייער פאַטערלאַנד צוזאַמען מיט דער גאַנצער בע-פעלקערונג פון לאַנד, אָבער נאָך עד היום זענען זיי געצווונגען דער שפּלות און זיפצען אונטער'ן יאָך פון אונפערדיענטע טעגליכע רדיפות, וועהרענד אַזאַ זאַך איז שעדליך פאַר דער געזעלשאַפט און אַ בעליידיגונג פאַר דער מענשהייט"... „נישט אַכטענדיג אויף'ן פּראָגרעסיווען גייסט פון דער צייט און אויף דער „חכמה פון נאַפּאָלעאָנס געזעצען" — שריי-בען די דערמאָהנטע אידען ווייטער — האָבען די אידען נישט קיין ביר-גערליכע רעכטע, זיי האָבען נישט קיין פערטיידיגער אין סענאַט, אָ־ער אין סיים און מוזען צוזעהען מיט וועהטאָג, דאָס זייערע קינדער און קינדס-קינדער וועלען זיך נישט דערוואַרטען קיין בעסערען גורל"... און זיי קלאָגען זיך ווייטער: „אויף אונז ליגט אַ געוואַלדיגער עול פון אָב-צאָהלונגען, פיעל גרעסער, ווי אויף אַנדערע בירגער, מען האָט ביי אונז צוגענומען די טרייסט-מעגליכקייט, צו קויפען פאַר זיך אַ שטיקעל לאַנד, צו בויען זיך אַ הייזעל, צו גרינדען אַ ווירטשאַפט, אַ פאַבריק, צו פיה-רען פרייע מסחרים — בכלל, צו טהון דאָס, וואָס גאָט און די נאַטור ער-לויבען דעם מענשען. אין וואַרשא האָט מען אונז אפילו אויך בעפוילען אַרויסצוקלייבען זיך פון די גרעסערע גאַסען. צי דען וועט יענע לאַנד, וואו עס זענען געבוירען געוואָרען אונזערע עלטערן און האָבען טייער בעצאָהלט דערפאַר, אייביג בלייבען פאַר אונז פרעמד?... הערען סענאַ-טאָרען! מיר טראָגען צו אייך די טרעהרען פון אונזערע אבות און קינ-דער, פון די קומענדיגע דורות: מיר בעטען, אַז איהר זאָלט אונז געבען ניכער די גליקליכע מעגליכקייט, נהנה צו זיין פון יענע רעכטע און פריי-הייטען, וועלכע דער גרויסער נאַפּאָלעאָן האָט געשאָנקען אַלע איינוואוינער פונ'ם היגען לאַנד און וועלכע אונזער געליעבט פאַטערלאַנד אַנערקענט פאַר אַלע זיינע קינדער".

אויף דער דאָזיגער טרעהרען-ביטע, אויף דעם ערגעבענעם צורעכע-נען זיך „צום פוילישען פאָלק" — האָט דער סענאַט אָבגערופען זיך מיט אַנ'אכזורות'דיגען דאָקלאַד צום הערצאָג, וואו עס ווערט ערקלערט, אַז „די אידען האָבען אַליין געבראַכט דערצו, דאָס מען זאָל פערקלענערען זייערע רעכטע", דען זיי בעשעפטיגען זיך מיט „נישט-ערהליכע" עסקים און פיהרען אַ לעבען, וואָס איז „שעדליך פאַר'ן וואוילשטאַנד פון דער גע-

זעלשאַפט". מען מוז רעפאָרמירען דאָס אידישע לעבען און דערצו איז נויטווענדיג צו בעשטימען אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אויסאַרבייטען אַ פּלאַן פון אַ רעפאָרם. איבריגענס, אַזאַ קאָמיסיע האָט שוין געהאַט געאַרבייט פון סוף יאָהר 1808 און צוזאַמענגעשטעלט אַ פּלאַן פון אַ רעפאָרם אינ'ם זין, אַז מען זאָל צווינגען די אידען צו בילדען זיך און אַסימילירען מיט די פּאָליאַקען. אין גרונד זענען די אַלע דאָזיגע קאָמיסיעס געווען נישט מעהר, ווי אַנ'אַנשטענדיג מיטעל, ווי אַזוי צו בעגראָבען די אידישע פראַגע.

אין דער צייט, וואָס די רעג[illegible] פון וואַרשאַווער הערצאָגטום האָט אַזוי אַרום אָבגעוואָרפען די ביטע פון די אידען, צו געבען זיי גלייכבערעכטיגונג, געפינענדיג אַ תירוץ, דאָס עס פעהלען די אידען פּאַטריאָטישע געפיהלען, האָט אין וואַרשא נאָך געלעבט און געווירקט דער אמת'ער פּוילישער פּאַטריאָט צווישען אידען, דער העלד פון דער רעוואָלוציע אין יאָהר 1794 — בערקאַ יאָסעלעוויטש. נאָך אַ צוועלף־יעהריגען אַרומוואַנדערן אין מערב־אייראָפּאַ, וואו ער האָט אַנטייל גענומען אין נאַפּאָלעאָנס מלחמות אין די רייהען פון די „פּוילישע לעגיאָנען" פון דאָמבראָווסקי — האָט זיך בערקאַ אומגעקעהרט צוריק קיין וואַרשא, בשעת עס האָט זיך געגרינדעט דאָס וואַרשאַווער הערצאָגטום, און בעקומען די שטעלע פון אַ שעף ביי אַנ'עסקאַדראָן פון דער רעגולערער פּוילישער אַרמעע. דער שענער חלום פונ'ם אַלטען קעמפער האָט זיך נישט פערווירקליכט: זיין „אידישער פּולק" האָט אומזיסט בעדעקט מיט זיינע הרוגים די פּראַגער אַנגעשאָטענע בערג אין יאָהר 1794; צוועלף יאָהר זענען אַריבער נאָך דעם, און זיינע ברידער האָבען נאָך אַלץ געמוזט בעטען זיך, דאָס מען זאָל זיי אָנערקענען פאַר בירגער אין פּוילען. אָבער בערקאַ האָט שוין געהאַט פערגעסען וועגען זיין שענעם חלום: ער איז געוואָרען אַ פּראָפעסיאָנעלער מיליטער־מאַן. דער עכט־פּוילישער פּאַטריאָטיזם און זיין אייגענע גבורה האָבען איהם געטריבען צו זיין לעצטער העלדישער טהאַט. ווען אין פריהלינג 1809 האָט אויפגעפלאַקערט די מלחמה צווישען וואַרשאַווער הערצאָגטום מיט עסטרייך, האָט בערקאַ יאָסעלעוויטש זיך אַ וואָרף געטהון מיט זיין עסקאַדראָן אין קאַמף מיט דער קאַוואַלעריע פון שונא נעבען דער שטאָדט קאָצק. דאָרט איז געפאַלען דער אידישער גבור אין מלחמה, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט בעוויזען אַ גאַנצע רייהע גבורות (5־טען מאַי). די צייטונגען האָבען געשריבען טרויעריגע נעקראָלאָגען נאָכ'ן טויט פונ'ם גרויסען גבור. דער פאָרשטעהער פון דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע, סטאַניסלאַוו פּאָטאָצקי האָט געווידמעט בערקאַ'ס אָנדענקען אַ רעדע אין דער וואַרשאַווער פערזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט „די פריינד פון דער וויסענשאַפט". — „דו האָסט געמאַכט טרויערען — האָט דער רעדנער אויסגערופען — דאָס העלדישע לאַנד, אָה, גרויסער פּאָלקאָווניק בערקאַ, ווען די

האָסט מיט גרויסער גבורה זיך אַריינגעוואָרפען פלוצלונג אין אַ געדיכטער מאַסע פון שונאים!... דאָס פאָטערלאַנד געדענקט אויך דיינע אַלטע וואונדען און דיינע גרויסע מלחמות, עס געדענקט אייביג, אַז דו האָסט דער ערשטער געגעבען אַ ביישפּיעל דיין פאָלק, אַ ביישפּיעל פון נאַטירליכער גבורה און גרויסמוטיגקייט, און האָסט דאַדורך אויפגעלעבט די געשטאַלט פון יענע גרויסע גבורים, וועלכע עס האָבען פאַרצייטען בעטרויערט די טעכטער פון ציון". דער „דאַנק פון פאָטערלאַנד" האָט זיך אויסגעדריקט דערמיט, וואָס דער הערצאָג האָט דורך אַ דעקרעט ערלויבט בערקאָ'ס אלמנה, וועלכע האָט נישט געקאָנט לעבען מיט איהרע קליינע קינדערלעך פון דער אָרימער פענסיע, וואָס די רעגירונג האָט איהר געגעבען, צו וואוינען אין יענע וואַרשאַווער גאַסען, וואו די איבריגע אידען איז דאָס פערבאָטען, און „צו האַנדלען דאָרט מיט בראָנפען"... קיין אַנדערע פּריווילעגיעס האָט מען דאַמאָלס די אידען נישט געגעבען, אפילו אויך נישט אין אַזאַ זעלטענער אויסנאַהם-געלעגענהייט.

פאַר בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג פון די אידען האָבען זיך געשראָקען נישט בלויז די פּאָליאַקען, נאָר אויך די אידישע מאַסען, וועלכע האָבען זיך געפונען דאַמאָלס אונטער אַ שטאַרקען היפּנאָטישען איינפלוס פון חסידות און דעם קולט פון זייערע רביים. די דערדריקטע אָרימע אידישע מאַסע האָט, נאַטירליך, געוואָלט, אַז מען זאָל זי בעפרייען פון יענע יורידישע בעגרענצונגען, וועלכע פלעגען פערסמ'ען דאָס אידישע לעבען; אָבער פאַר דער „בירגערליכער עמאַנציפּאַציע" האָט מען זיך געשראָקען, ווייל מען האָט פאָראויסגעזעהען, אַז דאַדורך וועט מען אָנהויבען איינברעכען דאָס אַלטע אידישע לעבענס-שטייגער, מען וועט צונעהמען ביי די קהלות זייער אויטאָנאָמיע און זייערע שולען, אָנהויבען פערשפּרייטען אונגלויבען (אפּיקורסות) און אַסימילירען די אידען, מיט'ן גוטען ווילען אָדער מיט געוואַלד. דאָס ביישפּיל פון מערב-אייראָפּאַ און די פּראָיעקטען פון די פּוילישע „רעפאָרמאַטאָרען" האָבען געקאָנט בעפעסטיגען אין דער דאָזיגער איבערציינגונג די אידישע אָרטאָדאָקסיע. בעזונדערס שטאַרק האָט זיך געשראָקען די פּאַטריאַכאַלישע אידישע מאַסע פאַר'ן מיליטער-דינסט וועלכעס האָט געפאָדערט פון אידען דאָס וואַרשאַווער הערצאָגטום אין דער נאַטור, אָהן דער מעגליכקייט אויסצוקויפען זיך דורך געלד, אין אַ צייט, ווען מען פלעגט די סאָלדאַטען פיהרען צום דער'הרג'ענען אינ'ם נאָמען פון נאַפּאָלעאָנס בעריהמטקייט. די חסידישע „צדיקים" (רבי ישראל פון קאָזעניץ, רבי יעקב יצחק און אַנד.) און די איינפלוסרייכע חסידים האָבען אָנגעהויבען פיהרען אַ שטאַרקע אַגיטאַציע געגען דער דאָפּעלטער „גזרה" — גלייכבערעכטיגונג אין מיליטער-דיענסט, פון וועלכע די אידען האָבען געקאָנט ערוואַרטען אַנ'אונטערגאַנג פאַר דער רעליגיאָן און דער אידישער נאַציאָנאַליטעט. עס האָבען אָנגעהויבען גע-

הען דעפּוטאַציעס פון חסידים צום קריעגס־מיניסטער, יוזעף פּאָ־ניאַטאָווסקי און צו אַנדערע הויכע שרים מיט אַ ביטע, אַז מען זאָל איבערלאָזען אין די אידישע ענינים די אַלט־פּוילישע אָרדנונג. די דאָזיגע ביטעס, וועלכע די דעפּוטאַציעס האָבען אונטערגעשטיצט נישט זעלטען אויך דורך גרויסע סומעס געלד, זענען געווען מעהר אָנגענעהם די פּויליִשע מיניסטאָרען, איידער די השתדלות פון דער אידישער אינטעליגענץ װעגען גלייכבערעכטיגונג. די פּוילישע רעגירונג האָט איצט גענומען פער־ענטפערן איהר נישט־שענע פּאָליטיק וועגען די אידען דאַדורך, וואָס די פרומע אידען זענען אַליין געגנער פון דער עמאַנציפּאַציע. נאָכדעם ווי די רעגירונג האָט דורך איהר דעקרעט פון יאָהר 1808 אָבגעלעגט די אי־דישע גלייכבערעכטיגונג, ווירקענדיג אַזוי ארום אין׳ם גייסט, ווי עס האָ־בען שפּעטער פערלאַנגט די חסידים, האָט זי, די רעגירונג, אַליין דער־שפּירט, אַז מען קאָן נישט פאָדערן קיין בלוט־קרבנות, זעלנעריי, פון אַ קאַטעגאָריע מענשען, וועלכע מען אָנערקענט נישט פאַר בירגער. און דע־ריבער האָט זי איינגעשטימט אויף דער חסידישער השתדלות, דאָס מען זאָל די אידען ערלויבען צו צאָהלען אַ ספּעציעלען אָבצאָהל, אָנשטאָט צו געבען רעקרוטען. דער דעקרעט פון 29־טען יאַנואַר 1812 האָט בעשטע־טיגט דעם דאָזיגען טויש פון סאָלדאַטען אויף געלד: אָנשטאָט רעקרוטען האָבען די אידען אין וואַרשאַווער הערצאָגטום געדאַרפט צאָהלען יעהרליך זיבענהונדערט טויזענד גילדען.

שוין גאָר האַרט פאַר איהר חורבן, אין מלחמה־שטורם פון יאָהר 1812, האָט דאָס וואַרשאַווער הערצאָגטום נאָך געפונען גענוג צייט אַרויסצוגעבען אַ דעקרעט, וועלכער האָט געבראַכט די אידען אַנ׳עקאָנאָ־מישען חורבן: מען האָט פערבאָטען (30־טען אָקטאָבער) די אידען, נאָך פערלויף פון צוויי יאָהר צו האַנדלען מיט בראָנפען און האַלטען שענקען, דאָס הייסט: מען האָט צוגענומען ביי צעהנדלינגער טויזענדער אידען זייער פרנסה. געהיים האָט די רעגירונג ערקלערט דאָס דאָזיגע געזעץ דאַדורך, וואָס מען האָט דאַמאָלט ערוואַרטעט, אַז דאָס וואַרשאַווער הער־צאָגטום זאָל פערגרעסערען איינגיכען זיין טעריטאָריע און אַלט־פּוילען זאָל זיך ווידער פעראייניגען און אויפלעבען; אין דער אַלט־נייער מדינה האָט מען שוין פאָראויס געוואָלט איינפיהרען אַ גזרה אויף אידען, בדי דאַדורך צו צווינגען זיי, צו פערלאָזען דאָס לאַנד. די האָפנונג אויף נאַ־פּאָלעאָנען איז אָבער אַוועק אין רויך: דאָס וואַרשאַווער הערצאָגטום, וועל־כעס איז געווען בלויז אַ בלאַסער שאָטען פון דער אונאָבהענגיגער פּוילי־שער מלוכה, איז אַליין אויך זיך צופאַלען, און פּוילען איז ווידער אַרונ־טערגעפאַלען אונטער דער מאַכט פון די דריי מלוכות, וואָס האָבען איהר צוטיילט, בעזונדערס, רוסלאַנד. די אידישע מיליאָנען־מאַסע פון דער אַמאָליגער פּוילען־ליטא האָט אָבער שוין געוואוסט, וואָס זי האָט צו ער־וואַרטען פון איהר נייער הערשערין...

דער נייער אידישער צענטר אין רוסלאנד.

איינשלינגענדיג אין גרויסע פארציעס די פוילישע טעריטאריע מיט איהרע אידישע מאסען, האט רוסלאנד דערשפירט, ווי אין איהר אינערליכער פאליטיק וואקסט א נייע פראגע — די אידישע. די פערענטפערונג פון דער דאזיגער פראגע האט, לויט די דאמאלדיגע אומשטענדען, געקאנט געהן נישט אויפ'ן גלייכען וועג פון דער אידישער גלייכבערעכטיגונג, נור אויפ'ן פערדרעהטען — דורך א ספעציעלע געזעצגעבונג. אין א לאנד, וואו עס האט נאך געהערשט א שארפע קלאסען-איינטיילונג, האט עס אנדערש אויך נישט געקאנט זיין; ביי א מלוכה-ארדנונג, וואו אין פונדאמענט איז געלעגען די קנעכטשאפט פון די פויערן און אויבען — די פריצים (דוואריאנעס) האבען די אידען נישט געקאנט ערווארטען קיין גלייכבערעכטיגונג. די ליבעראלע שטרעמונגען זענען דא ערשינען אלס רעזולטאט פון צופעליגע פאליטישע ווינטען, וועלכע האבען זיך אריבערגעטראגען אהער פון מערב-איירעפא און זענען געווען זעהר א שוואכע ווענטילאציע פאר דער פערדומפטער אטמאספערע. ווען פון פראנקרייך האט אהער א בלאז געטהון א שארפער שטורם-ווינד — דער אורגאן פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע — האט מען זיך אין רוסלאנד צוגעאיילט צו פערשפארען אלע שפאלטען, אז עס זאל, חלילה, נישט אריינגעשלעפט ווערען „די פאליטישע מגפה". די רעגירונג פון י ע ק א ט ע ר י נ א II וועלכע איז תחלת געווען א ליבעראלע, האט זיך געענדיגט מיט א שטארקער רעאקציע (1789—1796). אין די דאזיגע יאהרען פון רעאקציע איז עס פארגעקומען דער קריזיס אין דער אידישער געשיכטע: די צווייטע און דריטע חלוקה פון פוילען האבען אבגעגעבען דער רוסישער רעגירונג די קאנטען וואהלין, פ א ד א ל י ע ן און ל י ט א. וועלכע זענען געווען געדיכט בעוואוינט דורך אידען; צוזאמען מיט ביאלארוסיע זענען די דאזיגע קאנטען געווארען א גרויסער טייל פון מערב-רוסלאנד. וואס מעהר דער דאזיגער טייל איז געוואקסען, אלץ קלארער איז געווארען די בעציהונג פון דער רוסישער רעגירונג צו דער אידישער בעפעלקערונג. די פריהערדיגע וואקלעניש פון יעקאטערינא II אין דער אידישער פראגע ווערט פערשוואונדען און אנשטאט דעם טרעט ארויס א בעשטימטע שטרעמונג: פערבינדען די אידישע מאסען אינ'ם דאזיגען קאנט, נישט געבענדיג זיי קיין מעגליכקייט אריינצוקומען אין דער אימפעריע (אין די אלטע רוסישע גובערניעס) און אויסער דעם: צו בעגרענצען אפילו אויך אינ'ם מערב-קאנט, וואו זיי האבען פיעל הונדערטער יאהרען שוין געהאט געוואוינט, די אידישע עקאנאמישע לאגע, אבטיילענדיג זיי פון סוחריש-מעשטשאנישען קלאס אין א בעזונדערע גרופע, וועלכע דארף צאהלען גרויסע שטייערן. די ספעציעלע אידישע געזעצגעבונג ווערט געקרוינט, אלס א בעזונדער מלוכה-סיסטעם.

שוין דאַמאָלס, ווען עס האָט געהאַלטען ערב דער צווייטער חלוקה
פון פוילען און די רוסישע רעגירונג האָט פאָראויסגעזעהען, אז עס וועלען
אריינקומען אין רוסלאַנד גרויסע נייע אידישע מאַסען, האָט זי פאַרבע-
רייטערט פאַר זיי אַ טרויעריגע מתנה: דאָס געזעץ וועגען „ת ח ו ם“,
אָדער „ט ש ע ר ט א אָ ס י ע ד ל אָ ס ט י“, וועלכע האָט בעשאַפען
אַ בעזונדערע קלאָס שטעדטישע איינוואוינער, פערפעסטיגטע צום לאַנד,
פונקט ווי די פויערן זענען געווען פערפעסטיגט צום דאָרף. איבריגענס, די
התחלה צו אזא געזעץ איז געגאַנגען נישט פון די הויכע רעגירונגס-ספערען,
נאָר פון אונטען, מצד די קריסטליכע סוחרים, וועלכע האָבען מורא גע-
האַט פאַר דער אידישער קאָנקורענץ און געמאַכט אַ ליאַרם, אז מען זאָל
זיי בעשיצען. די אידישע סוחרים פון צוויי ביאַלאָרוסישע גובערניעס, —
פון מאָהילעוו און פאָלאָצק (וויטעבסק) — וועלכע גרעניצען זיך מיט די
רוסישע גובערניעס סמאָלענסק און מאָסקווא, האָבען אָנגעהויבען קומען
אין אָט די לעצטע צוויי שטעדט און האַנדלען דאָרט אַנגראָ און דעטאַיל
(הורט און קליינהאַנדעל) מיט אויסלענדישע מאַנופאַקטור - סחורות.
דער אידישער מסחר האָט געהאַט ערפאָלג, ווייל די אידען האָ-
בען פערקויפט גוטע סחורה צו ביליגע פרייזען. דאָס האָט שטאַרק בע-
אונרוהיגט די מאָסקווער סוחרים, און אין פעברואַר 1790 האָבען זיי אַנ-
געגעבען אַנ'אָנקלאַגע (אַ זשאַלאָבע) אויף אידען דעם מאָסקווער פעלדהערר
(Главнокомандующій), אז די אידען האַנדלען מיט אויסלענדישע
סחורות „לויט ביליגע פרייזען, ברענגענדיג האַדורך שאַדען דעם אָרטיגען
מסחר“. די אָנקלאַגער האָבען אָנגעוויזען אויף די שענע טראַדיציעס פון
דער „מ אָ ס ק ו ע ר מ ל ו כ ה“, וועלכע פלעגט נישט אריינלאָזען
קיין אידען אין איהרע גרעניצען, און האָבען פערזיכערט די רעגירונג, אז
דורך דער אידישער קאָנקורענץ וועט דער אָרטיגער מסחר חרוב ווערען
און די רוסישע סוחרים וועלען בדלות ווערען. די דאָזיגע „זשאַלאָבע“,
וועלכע איז געווען נישט בלויז געגען די אידישע, נאָר אויך געגען די אינ-
טערעסען פונ'ם רוסישען קונה, וועלכען די רוסישע סוחרים פלעגען עקס-
פלואַטירען דורך זייער מאָנאָפאָל, האָט בעגעגענט אַ סימפּאַטישע אויפ-
נאַהמע אין די רעגירונגס - קרייזען. און דעריבער ווען מען האָט בעטראַכט
אין הערבסט פונ'ם זעלביגען יאָהר אין מלוכה-ראַט די ביטע פון די אי-
דישע סוחרים, אז מען זאָל ערלויבען זיי צוצושרייבען זיך צום סוחרישען
קלאַס אין מאָסקווע און אין סמאָלענסק, האָט מען בעשלאָסען, אז מען קאָן
די אידען נישט געבען דאָס רעכט צו האַנדלען פריי אין די אינערליכע
רוסישע גובערניעס, ווייל „דערפון זעהט מען נישט אַרויס קיין נוצען“. א
יאָהר שפּעטער איז דער דאָזיגער בעשלוס בעשטעטיגט געוואָרען דורך אַנ-
אוקאַז פון יעקאַטערינאַ II (23-טער דעצעמבער 1791), וועלכער האָט
ערקלערט, אז „ד י א י ד ע ן ה אָ ב ע ן נ י ש ט ק י י ן ר ע כ ט
צ ו פ ע ר ש ר י י ב ע ן ז י ך אַ ל ס ס ו ח ר י ם א י ן ד י אי-

נעהליכע רוסישע גובערניעס און עס איז זיי בלויז ערלויבט צו האבען די רעכט פון בירגער און מיעשטשאנעס אין ביעלארוסיע". כדי עטוואס צו פערזיסען דעם האזיגען אכזריות'דיגען בעשלוס, האט דער אוקאז „אנערקענט פאר גוט צו פערשפרייטען דאס אידישע בירגער-רעכט, אויסער ביעלארוסיע, אויך אויף יעקאטערינאסלאווער און טאווריטשען קאנטען", דאס הייסט, אויף נאווארוסיע, וועלכע מען האט נאר וואס געהאט פעראייניגט מיט רוסלאנד און די רעגירונג האט אהין געשיקט פיעל איינוואוינער, כדי צו בעזעצען די פוסטע מדבריות.

אט אזוי איז בעשאפען געווארען די בעפעסטיגונג פון דער אידישער שטאדטישער בעפעלקערונג צו די שטעדט אין ביעלארוסיע. צוויי יאהר שפעטער, נאך דער צווייטער חלוקה פון פוילען, זענען צו דער אידישער געטא פון צפון-מערב-קאנט צוגעקומען אויך מינסקער גובערניע, וואהלין, פאדאליען און א גרויסער טייל פון קיעווער קאנט. דורכ'ן אוקאז פון 23-טען יוני 1794 איז די אידישע „טשערטא" פערגרעסערט געווארען. מען האט זיי ערלויבט צו האנדלען אלס סוחרים און מיעשטשאנעס אין די גובערניעס מינסק, איזיאסלאוו (וואהלין), בראצלאוו (פאדאליען), פאלאצק (וויטעבסק), מאהילעוו, קיעוו, טשערניגאוו, נאווגאראד-סיעווערסק, יעקאטערינאסלאוו און טאווריז. דורכ'ן זעלביגען אוקאז איז די טשערטא פערגרעסערט געווארען דורך די פריהער אבגעריסענע פון פוילען רוסישע אוקראינא, אדער מאלארוסיע, פון וואנען מען האט אזוי פלייסיג געטריבען די אידען „איבער דער גרעניץ" אונטער די דריי מלכות, וואס האבען געקיניגט אין רוסלאנד פאר יעקאטערינא II. דער ארגאנישער צוזאמענהאנג פון מאלארוסיע מיט דער פוילישער אוקראינא האט בעוואויגען די רוסישע רעגירונג אריינצולאזען אהין די אלטגעזעסענע דארטיגע אידישע איינוואוינער, — אפילו די אלטע הייליגע רוסישע שטאדט קיעוו האט געעפענט פאר זיי איהרע טויערן. דער דניעפר אויף זיינע ביידע ברעגען איז געווארען דער צענטראלער טייך פון דער „אידישער" טעריטאריע. אין יאהר 1795 האט רוסלאנד בעקומען ביי דער דריטער חלוקה פון פוילען אויך דעם קאנט פון ניעמאן — ליטא (גראדנער און ווילנער גובערניעס); דאדורך האט זיך ענדליך איינגעארדענט די אידישע „טשערטא" סוף דעם XVIII יאהרהונדערט. מזרח-רוסלאנד האט מען איצט אויך אזוי שטארק אבגעהיט פון אידישען אריינקומען אהין, ווי מען האט עס געטהון אין דער עפאכע פון דער מאסקווער מלוכה. אריינקומענדיג אין דער רוסישער מלוכה, האט די אידישע מיליאנען-מאסע גאנץ ווייניג פאראויסגעזעהען, אז די פארצייטיגע אלט-מאסקווער פאליטיק פון פערשפארען טהיר און טויער פאר די אידען זאל אויך בלייבען איינע פון די הייליגסטע צוואות, וואס דער 18-טער יאהרהונדערט האט איבערגעלא-

זען אין רוסלאַנד דעם 19־טען און שפּעטער אויך דעם 20־טען...

דער אוקאַז פון יאָהר 1794, וועלכער האָט אַרומגערינגעלט די אידען, ווי מיט אַ כינעזישע מויער, נישט לאָזענדיג זיי אַרויסגעהן וואוינען אויסער איהר ערגעץ וואו אַנדערש, האָט אויך איינגעפיהרט אַ נייע בעגרענצונג פאַר די אידען — אין די רעכט פון אָבצאָהלונגען. די אידען, וועלכע האָבען זיך געוואָלט פערשרייבען אין די שטעדט פאַר מיעשטשאַנעס, אָדער סוחרים, האָבען געמוזט צאָהלען נאָלאָגען (שטייערן) „דאָפּעלט, ווי די קריסטען"; יענע אידען אָבער, וועלכע וועלען נישט איינשטימען צו בלייבען אין די רוסישע שטעדט ביי אַזעלכע בעדינגונגען, דאַרפען אַרויספאָהרען פון דער רוסישער אימפּעריע, נאָכדעם ווי זיי וועלען אָבצאָהלען שטראָף — אַ דאָפּעלטע אָבצאָהלונג פאַר דריי יאָהר פאָראויס. אַזוי אַרום האָבען די אידען געדאַרפט צאָהלען דער מלוכה פאַר זייער רעכט צו וואוינען אויף די אַלטע ערטער, וואו אבות־אבותיהם האָבען געלעבט, דאָפּעלט אַזוי פיעל, ווי די קריסטען, דערביי אָבער האָבען זיי נישט געהאַט דאָס רעכט פריי צו בעוועגען זיך אין לאַנד. און דאָס האָט נאָך פונדעסטוועגען נישט בעפרייט די אידען פון צאָהלען אַ בעזונדערן נאָלאָג (שטייער) פאַר רעקרוטען, וועלכער איז געווען בעשטימט פאַר זיי גלייך, ווי פאַר די רוסישע סוחרים, אנשטאַט דער פליכט פערזענליך צו שטעלען זיך צום מיליטער־דינסט (די אוקאַזען פון די יאָהרען 1794 און 1796). פונ'ם דאָפּעלטען אָבצאָהל האָט מען בעפרייט די קאַראַאימען פון דער טאַורישער גובערניע, וועגען וועלכע עס האָט זיך משתדל געווען דער נאָוואָראָסישער גובערנאַטאָר זובאָוו; די קאַראַאימען האָט מען אויך ערלויבט צו קויפען נחלאות, ווי מען האָט זיי בכלל געגעבען גלייכבערעכטיגונג צוזאַמען מיט דער קריסטליכער בעפעלקערונג, מיט דער איינציגער התראה, אַז אין זייער געזעלשאַפט זאָל זיך נישט אַריינכאַפּען איינער פון יענע אידען, וועלכע הייסען „רבנישע" (אוקאַז פון 8־טען יוני 1795). אין דעם פאַל איז שאַרף אַרויסגעטראָטען דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער מאָטיוו אין דער בעגרענעצענדער געזעצגעבונג וועגען די אידען: די קליינע צאָהל קאַראַימען, וועלכע זענען אין אַ משך פון הונדערטער יאָהרען אָבגעריסען געוואָרען פון זייער נאַציאָן און איהר גייסטיגער ענטוויקלונג, זענען אָנערקענט געוואָרען פאַר געוואונשענע בירגער אין רוסלאַנד מעהר פאַר די אמת'ע אידען, פאַר וועלכע מען האָט געהאַלטען אַנגעגרייט בלויז רעפּרעסיעס.

די אויסגעשפּראָכענע נטיה צו רעפרעסיעס האָט זיך אַרויסגעוויזען אין אוקאַז פון יאָהר 1795, וועלכער האָט בעפוילען, אַז מען זאָל צושרייבען אַלע אידען, וועלכע וואוינען אין די דערפער, צו די שטעדט און „בעמיהען זיך אַריבערצופיהרען זיי פון די דערפער אין די שטעדט אַריין, כדי די דאָזיגע לייט זאָלען זיך נישט אַרומשלעפּען אין לאַנד צו שאָדען פון דער געזעלשאַפט, נאָר זיי זאָלען האַנדלען און זיך עוסק זיין אין מלאכות און

ברענגען נוצען זיך און דער געזעלשאפט". דאדורך האט מען בעשטעטיגט די אלטע ווירקיליכקייט פון דער ארטיגער אדמיניסטראציע, וועלכע פלעגט אפט ארויסטרייבען די אידען פון די דערפער אין די שטעדט ארײן מיט'ן תירוץ, וואס די אידען זענען פערשריבען אלס שטאדטישע איינוואוינער. די אידישע משפחות, וועלכע מען פלעגט ארויסטרייבען פון די דערפער און דאדורך צונעהמען ביי זיי זייער שטיקעל פרנסה, זענען דאדורך איינגאנצען פעראָרימט געווארען און, נאטירליך, נישט געהאט קיין מעגליכקייט צו „פערגרעסערן די מלאכות און האנדלען", לויט ווי די נאמשאלסטווא האט דאס זיי פארגעשלאגען, בפרט נאך ווען אין די שטעדט האט שוין אהן זיי אויך געפעהלט פרנסה פאר די סוחרים און בעלי-מלאכות. דאס סיסטעם פון אפטרופסות מצד דער נאמשאלסטווא האט נאר געקאנט איינשמידען אין אייזערנע קייטען די אידישע טעטיגקייט, אבער נישט ענטוויקלען איהר און דערהויבען די עקאנאמישע אידישע לאגע. דאס איז געווען דאס עסטרייכישע סיסטעם פון קייזער יאזעף II, וועלכען די קייזערין יעקאטערינא II האט בעשיינפערליך נאכגעטהון.

מען האט אויך געמאכט פראבעס צו פערשפרייטען די אפטרופסות פון דער רעגירונג אויך אויף דער קהלשער אויטאנאמיע. אין יאהר 1795 האט מען צום צווייטען מאל ארויסגעגעבען אנ'אוקאז, לויט וועלכען דער קהל פון די גובערניאלע און אויעזדנע שטעדט פערלירט זיינע געזעלשאפטליך-געריכטליכע פונקציעס און ער טאר זיך נישט בעשעפטיגען מיט קיין אנדערע ענינים, ווי רעליגיעזע, אדער די הנהגה פון די שוהלען, באשר, מען האט די אידען געגעבען דאס רעכט אנטיילצונעהמען אין דער שטאדטישער זעלבסטפערוואלטונג (אין די מאגיסטראטען און ראטהויז). אין דער ווירקליכקייט אבער האבען זעהר ווייניג געקאנט אנטיילנעהמען אין דער „שטעדטישער זעלבסטפערוואלטונג", צוליב דעם וואס די קריסטליכע מיעשטשאנעס האבען זיך בעצויגען צו זיי זעהר פיינדליך. דער „קהל" אבער, אויף וועלכען די רעגירונג האט געהאט ארויפגעלעגט אויך פיסקאלע פליכטען (איינצומאהנען פערשידענע נאלאגען) איז נישט בטל געווארען, ווייל דאס האט נישט געלוינט פאר דער קאזנא.

אט אזוי האט מען עס אין די לעצטע יאהרען פון יעקאטערינא II רעגירונג געלעגט דעם פונדאמענט צו דער בעגרענצענדער געזעצגעבונג וועגען אידען און אויפגעשטעלט די מאסקווער וואנד צווישען מערב- און מזרח-רוסלאנד; אין דער טשערטא גופא האט מען אנגעהויבען אליז ענגער צו מאכען דעם קאנט פון אידישען ישוב, ארייזפרעסענדיג די אידען אין די שטעדט און שטעדטלעך און ארויסטרייבענדיג זיי פון די דערפער. אין דער דאזיגער ריכטונג האט מען געארבייט אויך שפעטער אונטער די קיסרים נאך יעקאטערינא II, בעשטעטיגענדיג דורך געזעצען דאס, וואס מען האט פריהער געהאט אונטערגענומען נעגען אידען נאר אלס צייטווייליג מיטעל.

מען מוז אבער אויך בעמערקען פאלגענדעס: אין די געזעצגעבערישע

אַקטען פון לעצטען צעהנדליג יאָהר פון יעקאַטערינאַ'ס רעגירונג איז פערשוואונדען געוואָרען דאָס זידעל-וואָרט „זשיד" און אנשטאט איהם האָט מען אָנגעהויבען געברויכען דאָס וואָרט „איד". ווייטער פאַר דער דאָזיגער „רעפאָרם" איז די רוסישע רעגירונג נישט געגאַנגען.

ביים סיסטעם פון שטרענגער אַפּטרופּסות האָט מען זיך אויך געהאַלטען אין דער קורצער רעגירונג פון קייזער פּ א ו ל I (1796 — 1801). די אידישע „טשערטא" איז דאַמאָלס פערגרעסערט געוואָרען דורך נאָך איין גובערניע — קורלאַנד. אין קורלאַנדישען הערצאָגטום, וואָס איז אין יאָהר 1795 פעראייניגט געוואָרען מיט רוסלאַנד, האָבען געוואוינט עטליכע טויזענד אידען, וועלכע מען האָט דאָרט „סובל געווען" אויפ'ן דייטשען שטייגער, אַלס אויסלענדער און נאָר טיילווייז האָבען זיי דאָרט בעקומען אַ קהלה-אָרגאַניזאַציע. עס איז ענטשטאַנען די פראַגע, ווי אַזוי קאָן מען בעקומען מלוכה-אָבצאָהלונגען פון אַרומרייזענדע סוחרים, ווי די אידען זענען על פּי רוב געווען, נישט זייענדיג צוגערעכענט נישט צו דער שטעדטישער, נישט צו דער דאָרפישער, נישט צו דער אידישער געמיינדע. אין יאָהר 1799 האָט די רוסישע רעגירונג פערענטפערט די דאָזיגע פראַגע אויף פאָלגענדען אופן: מען דאַרף די אידען אין קורלאַנד שטעלען אין דער זעלביגער לאַגע, ווי די אידען אין אַלע איבריגע גובערניעס פון מערב-קאַנט, געבענדיג זיי דאָס רעכט צוצושרייבען זיך צו סוחריש-מיעשטשאַנישע קלאַסען און גרינדען אַ קהל-פערוואַלטונג. די אינטערעסען פון דער קאַזנאַ (פיסקוס) האָבען דעם מאָל געפאָדערט, אַז די אידישע מאַסען זאָלען זיך אָרגאַניזירען אין דער מלוכה פון די דייטשע באַראָנען.

זייענדיג צוזאַמענגעדריקט אין מערב-קאַנט, האָט די אידישע בעפעלקערונג לפחות געדאַרפט האָפען, אַז זי וועט האָבען די פרייהייט צו בעוועגען זיך אין די שטעדט פונ'ם דאָזיגען קאַנט. מיט'ן דאָזיגען עלעמענטאַרען רעכט האָבען פיעל אָרימע אידען פון ביאַלאָרוסיע אָנגעהויבען אויסוואַנדערן אין די רייכערע מאַלאָרוסישע גובערניעס, בעזונדערס אין נאָווגאָראָד-סיעווערסק (שפּעטער — פּאָלטאַווא). די רעגירונג האָט באַלד בעמערקט די דאָזיגע אינערליכע עמיגראַציע און גענומען זי אונטער איהר אַפּטרופּסות: די סוחרים האָט מען ערלויבט אַריבערצוואַנדערן פון ביאַלאָרוסיע קיין מאַלאָרוסיע אונגעשטערט; די מיעשטשאַנעס אָבער האָט מען דאָס ערלויבט בלויז דורך אַ בעפרייאונגס-שיין (דעצעמבער 1796).

אויב אונטער דער רעגירונג פון פּאָול I האָט מען געהאַט אַרויסגעגעבען ווייניג נייע געזעצען, האָט מען אָבער דאַמאָלס צוגעגרייט זעהר פיעל געזעץ-פּראָיעקטען; די דאָזיגע עפּאָכע איז געווען רייך מיט פּראָיעקטען פון געזעצען צו רעגולירען דאָס אידישע לעבען אויפ'ן סמך פון אָפיציעלע „פאָרשונגען". אין די לעצטע יאָהרען פון XVIII-טען יאָהרהונדערט (1797 — 1800) קומט פאָר עפּעס אַ פיבערישע אַרבייט אין די קאַנצעלאַריעס אין דער דאָזיגער ריכטונג: די רעגירונג בעקענט זיך מיט'ן צושטאַנד פון די

פראווינצען, וועלכע מען האט נישט לאנג איינגענומען ביי פוילען, בעזונדערס אבער מיט'ן צושטאנד פון די אידען. די דאזיגע בעקענטשאפט האט זיך אנגעהויבען דערפון, וואס מען האט אויסגעפרעגט ביי די דוואריאנעס (פריצים) און דער העכערער אדמיניסטראציע אויף די ערטער. אין יאהר 1797 איז דאס פארגעקומען צוליב דעם הונגער אין מ י נ ס ק ע ר ג ו ב ע ר נ י ע. פון פעטערבורג האט מען בעפוילען דעם מינסקער גובערנאטאר ק א ר א נ י י ע ו, אז ער זאל אויסהערען די מיינונג פון די „מארשאלען", דאס הייסט, פון די אנפיהרער פון דער פוילישער שליאכטא און ארייננשיקען „אנ'ערקלערונג וועגען די סבות פון דער פעראָרימקייט פון די פויערן", צוזאמען מיט א פראיעקט, ווי אזוי אויסצובעסערן זייער צושטאנד. די קלוגע המצאה, צו פרעגען ביי די פריצים וועגען דער סבה פון דער ארימקייט פון זייערע אייגענע פויערן-קנעכט, האט געבראכט געהעריגע פרוכטען. די פוילישע מאגנאטען-מארשאלען, וועלכע זענען זיך צוזאמענגעפאהרען קיין מינסק, האבען, פערשטעהט זיך, זיך אליין נישט בעשולדיגט אין דער פעראָרימקייט פון זייערע קנעכט, און ארויפגעווארפען די שולד פון איין זייט אויף די אויסערליכע אומשטענדען (די „רעוואלוציע און פאליטישע ענדערונגען אין לאנד", די אונגערעטעניש, די שלעכטע וועגען א. א. וו.) און פון דער אנדערער זייט — „אויף אידען, וועלכע די בעלי-בתים פון די דערפער האלטען ביי זיך אלס ארענדאטארען און שענקער, כאטש די נאטשאלסטווא האט געהאט בעפויהלען, דאס די אידען זאלען וואוינען אין שטאדט". די אידען-שענקער אין די דערפער, „געוואוינען צו דער בעפעלקערונג, לויט דער מיינונג פון די פריצים, צו שכרות", פערקויפענדיג זיי בראנפען אויף בארג; „דאדורך מאכען זיי די פויערן אונפעהיג צו פיהרען זייער ווירטשאפט". כדי צו ראטעווען די פויערן, דארף מען ארויסגעבען א געזעץ, לויט וועלכען עס זאל ערלויבט ווערען נאר די פריצים צו מאכען (ברייען) בראנפען, אבער די אידען און אנדערע שענקער, אדער ארענדאטארען זאל דאס זיין פערבאטען; אין די שענקען דארף נאר די פריצים ערלויבט ווערען צו בעשעפטיגען זיך מיט'ן פערקויפען בראנפען... דאס האט געהייסען: די פויערן וועלען עקאנאמיש אויפבליהען און וועלען פעהיג ווערען צו פיהרען זייער בעל-הבתישקייט, ווען זיי וועלען זיך נאר אנטרינקען מיט בראנפען ביים פריץ דעם שענקער, און נישט ביים אידען... פיעל מלוכה-פערשטאנד האט זיך נישט געפאדערט, כדי איינצוזעהען די אמת'ע בעדייטונג פון דער „מיינונג", וואס די פריצים האבען ארויסגעזאגט און איהר אמת'ן פשט; די פריצים האבען דא פשוט זיך משתדל געווען, אז מען זאל ביי זיי איבערלאזען דעם בראנפען-מאנאפאל (אויף פויליש: „פראפינאציע"); אבער פונדעסטוועגען האט דער מינסקער גובערנאטאר פארגעשטעלט די דאזיגע מיינונג דעם קייזער פאול I, וועלכער האט ארויסגעגעבען א רעזאלוציע: „מען זאל אננעהמען די מיטלען, וועלכע די פוילישע שליאכטא לעגט פאר, און בענוצ-

ניצען די רעכטע פון די אידען, וועכע שטעלען בדלות די פויערן" (28=טען
יוני 1797). אין דערזעלביגער צייט האָט דער סענאַט דערמאָנט דעם גו=
בערנאַטאָר וועגען יעקאַטערינאַ דער צווייטערס אוקאַז, אַז מען זאָל זיך
בעמיהען אַרויסזעצען די אידען פון די דערפער אין די שטעדט אַריין. „כדי
די דאָזיגע לייט זאָלען זיך נישט אַרומפּלאָנטערן צום שאָדען פון דער גע=
זעלשאַפט". דאָס איז געווען די „פרייע גראַמאָטע" (פּאַפּיר) אויף אַרויס=
צוטרייבען די אידען פון די דערפער.

אין יאָהר 1798 איז געקומען די רייהע צו שטעלען עהנליכע שאלות
אויך די פריצים פון וואָהלין און פּאָדאָליען, נעמליך, וועגען דעם, וואָס זיי
וואָלטען פערלאַנגט פאַר'ן וואוילשטאַנד פון פאָטערלאַנד. די מאַרשאַלען
פון פּאָדאָליען האָבען דאַמאָלס אויף זייער צוזאַמענפאָהר אין קאַמעניעץ
אויסגעאַרבייט אַ נאָך גרעסערען פּלאַן פון „רעפאָרמען", איידער זייערע
מינסקער חברים. אַרויסזאָגענדיג דעם קייזער זייער דאַנק פאַר'ן איבער=
לאָזען אין די הענד פון די פוילישע פריצים די פּראָפּינאַציע, האָט די
שליאַכטאַ פערלאַנגט, אַז מען זאָל נישט די אידען, נישט די קריסטען נישט
אָבגעבען די פּראָפּינאַציע אין אַרענדע (אָטקופּ), נאָר אַז מען זאָל די פריי=
צים איבערלאָזען די פרייהייט צו האַלטען אין די שענקען אַזעלכע מענשען,
וואָס זיי וועלען אַליין פערלאַנגען. בעקומענדיג אויף אַזאַ אופן דעם מאָנאָ=
פּאָל אָנצושכור'ן די פויערן אַליין דורך זייערע אייגענע שענקער, האָבען
די פריצים פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל מאַכען די אידען פאַר „משרתים",
וואָס דאַרפען אַרויספיהרען די דאָרפישע, דאָס הייסט, די פריצישע פּראָ=
דוקטען קיין אויסלאַנד, וויל „דערפון קומט אַרויס אַ נוצען פאַר
די לאַנד=אַרבייטער (?) און דער שליאַכטאַ"; די איבריגע אידען דאַרף מען
טיילווייז איבערלאָזען ביי די פריצים אין די שענקען (ס'הייסט, משרתים=
פערקויפער פון בראָנפען) און טיילווייז צווינגען זיי צו לאַנד=אַרבייט און
מלאכות. די דאָזיגע גלענצענדע אויפזיכט, צו מאַכען די אידען פאַר פרי=
צישע משרתים ביים פערקויפען זייערע פּראָדוקטען אין אויסלאַנד און
זייער בראָנפען אין די שענקען, איז, ווי עס שיינט, די אידען גופא וועניג
וואָס געפעלען. די אידען זענען שטאַרק אויפגערודערט געוואָרען, הערענ=
דיג וועגען דעם פּראָיעקט פון די פריצים, און האָבען צונויפגערופען אַ צו=
זאַמענפאָהר פון דעלעגאַטען אין אוסטראָהאַ (וואָהלין, זומער 1798), וואו
זיי האָבען בעשלאָסען צו זאַמלען געלד און שיקען אַ דעפּוטאַציע קיין פּעַ=
טערבורג גלייך צום קייזער, כדי צו דערצעהלען וועגען זייער נויט און בע=
דערפענישען. אָבער דער אָרטיגער גענעראַל=גובערנאַטאָר, גראַף ג ו צ אָ=
וו י ט ש, האָט אָן אַ זייט זיך דערוואוסט וועגען דער אידישער אויפ=
טהועכץ. זייענדיג אַ וויינט=קוקענדער פּאָליטיקער, האָט ער זיך דערשראָ=
קען, אויב די אידען טהוען, חלילה, נישט אויף עפּעס וואָס שעדליכעס,
דעריבער האָט ער בעפוילען צו קאָנפיסקירען דאָס אָנגעזאַמעלטע געלד,
פערבאָטענדיג צו קלייבען ווייטער געלד, און האָט באַלד מודיע געווען

וועגען זיין גרויסער ענטדעקונג און זיין אויפטהועכץ קיין פעטערבורג. צו זיין גרויסער פערוואונדערונג האָט דער היציגער גענעראַל-גובערנאַטאָר בעקומען אַנ'ענטפער פון פעטערבורג, אַז דער קייזער זעהט נישט קיין שום פערברעכען אינ'ם אידישען פערלאַנג, צו שיקען אַ דעפוטאַציע קיין פעטערבורג צו איהם, און מען האָט איהם בעפויהלען, אַז ער זאָל די אידען אָבגעבען זייער קאָנפיסקירטע געלד און ערלויבען צו שיקען די דעפוטאַציע (סעפטעמבער 1798). צי איז די דעפוטאַציע געפאָהרען באמת אין פעטערבורג און וואָס פאַר אַ רעזולטאַט זי האָט געהאַט — איז געבליבען אונבעוואוסט. דער פאַקט אַליין דערוויזט שוין אָבער, אַז אפילו אין יענע פינסטערע צייטען, אין דער חסידישער ספערע פון וואָהלין און פאָדאָליע איז נאָך ביי די אידען נישט געווען אינגאַנצען אָבגעשטאָרבען די בעוואוסטזיניגקייט פון פאָרגעקומענעם פאָליטישען און סאָציאַלען קריזיס.

צולעצט האָט זיך אויך אָבגערופען די ליטווישע שליאַכטא אויף דער אָנפראַגע פון דער רעגירונג מכח דער אַלגעמיינער לאַגע. די מאַרשאַלען פון 19 פאָוויאַטען (אויעזדען) אין ליטא האָבען פאָרגעשטעלט (1800) דעם ווילנער גובערנאַטאָר פריזעל זייער „מיינונג", וועלכער איז אָנגענומען געוואָרען אויף זייער בעראַטונג מיט אַ מעהרהייט פון אַלע בעגען דריי שטימען. די דריי מאַרשאַלען האָבען פאָרגעלעגט, אַז מען זאָל איבערלאָזען די אידען אין זייער פריהערדיגען צושטאַנד, אין וועלכען זיי זענען געווען אונטער דער פוילישער רעגירונג; אַלע איבריגע מאַרשאַלען אָבער האָבען אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן פון רעפאָרמעס, וועלכע זענען געווען נאָך אידענפיינדליכער, ווי די וואָס עס האָט פאָרגעלעגט די שליאַכטא פון מינסק און פאָדאָליען. לויט זייער מיינונג, האָט מען די אידען געדאַרפט פערבאָטען נישט בלויז צו מאַכען בראָנפען און האָבען אייגענע שענקען, נאָר אפילו אויך צו פערקויפען בראָנפען אין די שענקען. וואָס האָבען געהערט צו די שליאַכטא. די אידישע דאָרפישע בעפעלקערונג, וועלכע וועט דאַדורך פערלירען איהר חיונה, דאַרף מען אַריבערפיהרען טייל-ווייז אין שטאָדט, טיילווייז בעזעצען אויפ'ן לאַנד אין די קיאָוואַנע און פריצישע גיטער, ערלויבענדיג זיי, צו בעשעפטיגען זיך מיט לאַנד-אַרבייט און נעהמען גיטער אויף אַרענדע, אָדער אין משכנות פאַר הלוואות. נעבען דער דאָזיגער עקאָנאָמישער רעפאָרם קומט פאַר אויך אַ אינערליכע: „מען דאַרף פערבאָטען די אידען צו קליידען זיך אויף זייער שטייגער און איינפיהרען אַזעלכע מלבושים, ווי עס טראָגט די אַרומיגע בעפעלקערונג". מען דאַרף בכלל מבטל מאַכען די אידישע אָבגעזונדערטקייט, ווייל „זייענדיג אַ בעזונדער פאָלק, האָבען זיי אַ בעזונדערע פערוואַלטונג... אונטער'ן נאָמען שוהל און קהל, וועלכע פערכאַפּען נישט בלויז די גייסטיגע מאַכט, נאָר זיי מישען זיך אויך אַריין אין אַלע ענינים פון אַ בירגערליכען, אָדער אפילו אויך פאָליטיזיאישען כאַראַקטער". די אַלע דאָזיגע מיטלען וועלען צווינגען די אידען צו פעראייניגען זיך מיט דער אַרומיגער בעפעלקע-

רונג. — די „רעפאָרמאַטאָרישע“ שטרעבונג פון דער ליטווישער שליאַכ־
טאַ, וועלכע האָט זיך גענומען צוזאַמען מיט דער שענקער־פראַגע אויך
פערענטפערן די פראַגע וועגען דער אידישער קהלה־אויטאָנאָמיע, איז
געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן איינפלוס וואָס די אָרטיגע אדמיני־
סטראַציע האָט אין דער ריכטונג געמאַכט אויף דער שליאַכטאַ. דער
ווילנער גובערנאַטאָר פריזעל, אַ געבילדעטער דייטש, וועלכער איז,
ווי עס שיינט, געווען בעקענט מיט דער אידישער פראַגע אין דייטשלאַנד,
האָט זיך צוזאַמענגעשמועסט מיט די ליטווישע מאַרשאַלען פון דער
שליאַכטאַ און אָנגעוויזען דעם פּלאַן פון דער „אידישער רעפאָרם“. אין אַפּ־
ריל 1860 האָט ער אַריינגעשיקט די „מיינונג“ פון דער ליטווישער שליאַ־
טאַ אין סענאַט, צוגעבענדיג צו איהר אַן׳איינענע „זאַפּיסקע“ באריכות,
אין וועלכער ער האָט אַריינגעבראַכט פיעל געבאָרגטע „מיינונגען“ פון
די רעפאָרמעס, וואָס מען האָט געהאַט פאָרגעלעגט אין פוילישען צוו־
יעהריגען סיים. פריזעל האָט גערעדט וועגן דער נויטווענדיגקייט פון
אַן „אַלגעמיינער רעפאָרם“ און אפילו אויך אָנגעוויזען אויפ׳ן ביישפּיעל
פון מערב־איירָאָפּאַ, אָבער פון די דאָזיגע ביישפּיעלען האָט ער גענומען
דאָס ערנסטע פונ׳ם „פּראָגרעסיווען אבסאָלוטיזם“. לויט זיין מיינונג, האָט
מען גענדאַרפט אָנהויבען „בילדען דאָס אידישע פאָלק דורך רעפאָרמירען
זיין רעליגיע“: מען דאַרף „אויסוואָרצלען אַלע סעקטעס ביי אידען, דעם
אידישען אַבערגלויבען, מען דאַרף שטרענג פערבאָטען איינצופיהרען
נייעס, דורך וועלכער אַלערליי רמאים און שווינדלער פערבלענדען די
אויגען דעם המון און פערפיהרען איהם אין אַ נאָך בעסערער אונוויסענ־
הייט (אַן׳אָנשפּיעלונג אויף חסידות און רביים, וואָס די רוסישע רעגירונג
האָט זיך אַמאָלס אינטערעסירט מיט זייער קאַמף מיט די רבנים — דער
קאַמף צווישען ווילנער גאון און דעם „רב“); ווייטער, מען דאַרף פער־
פליכטען די אידען צו ערציהען זייערע קינדער אין די „עפענטליכע שו־
לען“, פיהרען אַלע זייערע געשעפטען אויף פויליש, טראָגען קליידער, ווי
די קריסטען און חתונה האָבען נישט פריהער ווי צוואַנציג יאָהר אַלט;
ענדליך, מען ברויך צו־צושרייבען די אידען צו די דריי קלאַסען: סוחרים,
לאַנדאַרבייטער און בעלי־מלאכות, אריינגערעכענדיג זיי אין דער אַלגע־
מיינער מלוכה־אָרדנונג, פטור ווערענדיג אַזוי אַרום פון קהל און זיין אַר־
בייט אויף איינצומאָהנען אָבצאָהלונגען, — די אידישע אויטאָנאָמיע האָט
געדאַרפט אַזוי אַרום בטל ווערען ממילא.

אַלע דאָזיגע מיינונגען פון דער שליאַכטאַ און דער פּראָיעקט פון
די גובערנאַטאָרען זענען אין פריהלינג 1800 אָנגעקומען אין סענאַט, וועל־
כער האָט זיי גענדאַרפט בעטראַכטען, אַלס מאַטעריאַל פאַר אַ נייעם געז־
זעץ. אין סענאַט האָט זיך בעקענט מיט׳ן דאָזיגען מאַטעריאַל דער סענאַ־
טאָר דערזשאַווין, דער בעריהמטער רוסישער דיכטער, וועלכער
איז באַלד נאָכדעם געוואָרען, לויט זיין אָפיציעלער שטעלע, „אַ ספּעציאַ־

ליסט" אין דער אידישער פראַגע. אַלס געבירטיגער פונ'ם ווייטען עק-לאַנד אין מזרח-רוסלאַנד, וועלכער האָט צוגעבראַכט דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען אין די פּעטערבורגער קאַנצעלאַריעס, האָט דערזשאַווין דעם ערשטען מאָל אין זיין לעבען דערזעהען די אידישע מאַסען אין ביאַלאָרוסישען שטעדטעל שקלאָוו, וואוהין מען האָט איהם געהאַט געשיקט אין יאָהר 1799 וועגען דער „דיעלאָ" פונ'ם בעל-הבית פון שטעדטעל, דעם אינוואַליד-גענעראַל זאָריטש. אַלס איינער פון די געוועזענע שטאַרקע מקורבים פון יעקאַטערינאַ II, האָט גענעראַל זאָריטש געפיהרט אין זיין שטעדטעל שקלאָוו אַ ברייט לעבען פון אַ פּריץ אַ דעספּאָט און אַ פערשווענדער. זיין ברייטע רוסישע נאַטור האָט אָבער שטאַרק אָנגעריהרט אויך די אינטערעסען פון דער געדיכטער אידישער בעפעלקערונג אין שקלאָוו. זאָריטש האָט געמיינט, אַז די שקלאָווער אידען זענען אויך אַזוינע קנעכט, ווי די פּויערן און דעריבער פלעגט ער זיך מיט זיי בעגעהען, אַזוי ווי מיט די פּויערן, לויט ווי עס האָט איהם געהאַט אונטערגעזאָגט זיין קאַפּריז און דעספּאָטיזם: איינינע פון זיי האָט ער אַרויסגעטריבען פון שטעדטעל און צוגענומען זייערע הייזער און פערמעגען; אַנדערע האָט ער געשלאָגען אַליין מיט זיין פּריצישע האַנד, ביי די דריטע האָט ער גענומען וויין און שנאַפּס, וויפיעל ער האָט געוואָלט און נישט געצאָהלט דערפאַר. די אידען האָבען אָנגעגעבען אַ „זשאַלאָבע", און אַט האָט מען געשיקט דערזשאַווינען, וועלכען דער קייזער פּאַול I האָט אַליין בעפוילען אָנצוטוהן אַ צוימעל דעם צעווילדעוועטען פּריץ. זייענדיג אָבער אַליין אַנ'ערגעבענער אַנהענגער פון קנעכטשאַפט, האָט דערזשאַווין געקוקט גאַנץ נאָכגיביג אויף זאָריטש'עס מעשים און אָנערקענט, אַז אין די פאָרגעקומענע אונאָרדנונגען זענען שולדיג אויך די אידען. אַ קורצע צייט נאָכדעם (1800) איז זאָריטש געשטאָרבען און די „דיעלאָ" איז דעריבער בטל געוואָרען; פּרינציפּיעל האָט אָבער דער סענאַט בעשלאָסען, אַז צוליעב דעם וואָס די אידען געהערען צום קלאַס פון סוחרים, אָדער מעשטשאַנעס זענען זיי אונאָבהענגיג פון די פּריצים, אין וועמענס שטעדטלעך און דערפער זיי וואוינען.

אַ יאָהר שפּעטער נאָך דערזשאַווינס שליחות קיין שקלאָוו האָט מען איהם ווידער געשיקט קיין ביאַלאָרוסיע, — דאָס מאָל שוין מיט אַ ברייטער בעפולמעכטיגונג. אין קאַנט האָט דאַמאָלס געהערשט אַ שרעקליכער הונגער, וואָס זיין סבה איז געווען נישט בלויז די אונגערעטע[illegible] נאָר אויך די געוואַלדטעטיגע אויפפיהרונג פון די פּריצים אין בעציהונג צו זייערע פּויערן: די דאָזיגע הערען האָבען איבערגעלאָזען זייערע פּויערן אָהן תבואה, אַרויסשיקענדיג די תבואה אין זייערע בראָנפען-ברויזער, וואו מען פלעגט מאַכען בראָנפען, כדי אָנצושכור'ן די הונגעריגע פּויערן און אינגאַנצען פערסמ'ן דאַדורך זייער אָרים לעבען. שיקענדיג דערזשאַווינען קיין ביאַלאָרוסיע, האָט דער קייזער פּאַול I איהם בעפול-

מעכטיגט (16־טען יוני 1800), צו מאַכען אַ סוף מיט אַזאַ מערדעריטשע הנהגה און שטרענג בעשטראָפען די פריצים, וועלכע האָבען, צוליעב זייער אונמעסיגער ליעבע צו געלד, איבערגעלאָזען זייערע פויערן אָהן הילף; דערזשאַווין האָט געדאַרפט צונעהמען ביי די פריצים זייערע גיטער און אָבגעבען אין אַפטרופּסות (אָפּיעקאַ). אָבער אין דער צולאָג־אינסטרוקציע, וואָס עס האָט געגעבען דערזשאַווינען דער גענעראַל־פּראָקוראָר פון סענאַט, אָבאָליאַנינאָוו, איז געווען צוגעגעבען פאָלגענדער פּאַקט: „און צוליעב דעם וואָס, לויט די דערהאַלטענע ידיעות, זענען די אידען די סבה פון דער פאַראָרימטקייט פון די ביאַלאָרוסישע פויערן, איז דער אַלער־העכסטער ווילען, אַז זיין פּרעוואָסכאָדירעלסטוואָ זאָל בעזונדערס בע־טראַכטען די אידישע עסקים און אַרויסזאָגען אַ מיינונג, ווי אַזוי מען קאָן אָבווענדען דעם שאָדען, וואָס די פויערן האָבען פון די אידען", — דאָס דאָזיגע אידענפיינדליכע צושרייבעכץ, וועלכע איז געמאַכט געוואָרען נישט אָהן דערזשאַווינס מיטווירקונג און אַלענפאַלס, לויט זיין איינשטי־מונג, האָט געהאַט דאָס ציעל אָבצושוואַכען דעם קלאַפּ, וואָס מען האָט געדאַרפט געבען די פריצים, אָבווענדעניג איהם אויף די אידישע קעפּ.

מיט דער רעוויזיע אין ביאַלאָרוסיע איז דערזשאַווין פערטיג גע־וואָרען זעהר גיך: דעם מאַיאָנטעק פון איין פּוילישען מאַגנאַט אָגינסקי האָט ער גענומען אין אָפּיעקאַ, דעם בראָנפען־ברויז פון איין אידען אין לאָזניע (וואו עס האָט געוואוינט דער „רב") האָט ער פערמאַכט, הערביי האָט ער זיך בעגאַנגען אַזוי ענערגיש, אַז איין אידענע האָט אפילו געהאַט אָנגעגעבען אויף איהם אויף אַ זשאַלאָבע, דאָס ער האָט איהר אַליין גע־שלאָגען. נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט „געמאַכט אָרדנונג", איז ער צוגע־טראָטען צו זיין הויפּט־אַרבייט — צונויפצושטעלען אַ גענויע „זאַפּיסקע" וועגען די אידען אונטער דעם כאַראַקטעריסטישען נאָמען: „די מיינונג פון סענאַטאָר דערזשאַווין וועגען אַרויסהעלפען די ביאַלאָרוסישע בעפעלקע־רונג פון איהר ברויט־מאַנגעל דאָדורך, וואָס מען וועט מאַכען אַ סוף מיט די ענגאַאיסטישע עסקים פון די אידען, רעפאָרמירען זיי א. א. וו." — אין'ם דאָזיגען נאָמען אַליין זעהט מען שוין אַרוים די הויפּט־שטרעבונג פון מחבר, אַרויפצוואַרפען אויף די אידען די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די עקאָנאָמישע אונאָרדנונגען אין לאַנד, וואו די הויפּט־בעלי־דעה זענען געווען די פריצים. פאַר דערזשאַווינען איז אָבער נאָך ווייניג געווען דאָס, וואָס ער האָט אָבגעשאַצט אויף זיין שטייגער די עקאָנאָמישע טעטיגקייט פון די אידען; ער האָט נאָך געוואָלט אויך שילדערן זייער אינערליך לע־בען, זייער אמונה, זייער ערציהונג און לערנען קינדער, זייער קהלה־אָרד־נונג און זייער „מאָראַלישען צושטאַנד". כדי אויסצופיהרען אַזאַ אַרבייט האָט ער אויסגענוצט פערשידענע קוועלען. אין וויטעבסק האָט ער (אין הערבסט 1800) געזאַמעלט ידיעות וועגען די אידען צווישען די אידענס פיינדליכע מעשטשאַנעס און סוחרים, צווישען די „געלעהרטע" לעהרער

פון דעם יעזואיטישען קאָלעגיום, ביי דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע און אפילו אויך „ביי די קאָזאַקען אַליין“. איבריגענס, דערזשאַווין האָט אויך געהאַט אונטער דער האַנד צוויי פּראָיעקטען פון „געבילדעטע אידען“. דער מחבר פון איינעם פון זיי, אַ רייכער סוחר, אַ געוועזענער פּאָדריאַדטשיק אין פּאָטעמקינ'ס אַרמעע — נטע שקלאָווער, וועלכער האָט אין יענער צייט געוואוינט אין פּעטערבורג און געוואוסט, וואָס פאַר אַ שטימונג עס הערשט אין די רעגירונגס-ספערען מכח די אידען; נטע שקלאָווער האָט אין פּראָיעקט פאָרגעלעגט, אַז מען זאָל די אידען בעשעפטיגען מיט אַרבייט אין די פאַבריקען און מיט לאַנד-אַרבייט און פיה-האָדעווען אין בעזונדערע קאָלאָניעס, וואָס מען ברויך איינצואָרדנען פאַר זיי „נאָהענט צו די פאָרטען פון שוואַרצען ים“. — דער צווייטער פּראָיעקטען-מאַכער, דאָקטאָר פראַנק פון קריסלאַווע (וויטעבסקער גובערניע, נעבען דווינסק), ווי עס שיינט, אַ דייטשער איד, פון מענדעלסאָנס אַנהענגער, — האָט דורך דערזשאַווינען פאָרגעלעגט דער רעגירונג צו רעפאָרמירען די אידישע רעליגיע, וועלכע בעשטעהט אין איהר אָנפאַנגליכער ריינקייט נאָר אין'ם איינפאַכען גלויבען אין אַן'איינציגען גאָט און אין די פאָדערונגען פון דער ריינער מאָראַל“, אָבער מיט דער צייט האָט מען איהר פערדרעהט דורך דער „טפשות פון תלמוד“. לויט פראַנק'ס מיינונג, דאַרף מען אין רוסלאַנד אויך געהען אין מענדעלסאָנס דרך: מען ברויך עפענען פאַר די אידען געזעלשאַפטליכע שולען, וואו די יוגענד זאָל לערנען די שפּראַכען — רוסיש, דייטש און העברעאיש, און אַ געבילדעטער איד וועט שוין ממילא נוצליך זיין פאַר דער מלוכה. אויסער די דאָזיגע פּראָיעקטען, האָט דערזשאַווין געהאַט נאָך צוויי מוסטערן פון פּרייסישע „אידען-רעגלאַמענטען“, די אויבענדערמאָנטע „מיינונגען“ פון די מאַרשאַלען און גובערנאַטאָרען אין די מערב-רוסישע גובערניעס און נאָך עהנליכע „מאַטעריאַלען“. און אויפ'ן סמך פון אָט דעם ביסעל באַגאַזש האָט דערזשאַווין, וועלכער האָט געהאַט געזעהען אידען אין ביאַלאָרוסיע פאַרבייפאָהרענדיג, זיך ענטשלאָסען צוזאַמענצושטעלען אַ גענויע „מיינונג“ וועגען רעפאָרמירען דאָס אידישע לעבען!

דאָס טרויעריגע בילד פון אידישען לעבען, וואָס דערזשאַווין האָט אָבגעמאָלט, בעווייזט אַמבעסטען, ווי אָבערפלעכליך דער דיכטער האָט זיך געקענט מיט'ן געגענשטאַנד, וועלכען ער האָט זיך גענומען שילדערן; זיין אָבשאַצען די ערשיינונגען איבעראַשען פשוט מיט זייער אויסערליכער תמימות. די אידישע בעשעפטיגונגען: מסחר, אַרענדע, קרעטשמעריי, מעקלעריי — דאָס אַלץ זענען „פערשידענע מיטלען, וואָס די אידען האָבען אויסגעטראַכט, ווי אַזוי אויסצונאַרען אַ פרעמדען גראָשען, ברענגענדיג כלומרשט יענעם אַ נוצען; די אידישע שוהל איז אַ נעסט פון אָבערגלויבען; קיין זיטליך געפיהל האָבען די אידען כלל נישט; עס פעהלען זיי אויך די בעגריפען פון ליעבע צו מענשען, אונאייגענוציגקייט און אַלע

איבריגע גוטע מדות; זיי זאַמלען נאָר עשירות, כדי צו קאָנען אויפבויען צוריק דעם בית־המקדש אָדער צו ערפילען זייערע תאוות(!)". נאָך אַזאַ וואונדערליכער כאַראַקטעריסטיק, גיט איבער דערזשאַווין זיין פּראָיעקט (88 פונקטען), ווי אזוי צו „רעפאָרמירען די אידען". מען ברויך צו שטע־לען די אידען אונטער דעם „אַלערהעכסטען שוץ און אַפּטרופּסות" און בעשטימען איבער זיי אַ בעזונדערן פּראָטעקטאָר — אַ טשינאָווניק — אַ קריסט, וועלכער דאַרף דורך בעזונדערע גובערניאַלע קאָמיסיעס פער־ווירקליכען די אידישע רעפאָרם; מען ברויך צוזאַמענשטעלען אַ פאָלקס־צעהלונג (אַ אידישע רעוויזיע) און געבען די אידען פאַמיליען־נעמען; די אידען דאַרפען איינגעטיילט ווערען אין פיער קלאַסען: סוחרים, שטאָדטי־שע מעשטשאַנעס, דאָרפישע מעשטשאַנעס און לאַנד־ארבייטער און פער־פליכטען יעדען אידען זיך צוצושרייבען צו איינעם פון די דאָזיגע פיער קלאַסען; די גאַנצע אידישע מאַסע דאַרף מען בעזעצען גלייך אין פער־שידענע ערטער אין ביאַלאָרוסיע און די, פאַר וועלכע עס וועט דאָרט קיין אָרט נישט זיין — אין אַנדערע גובערניעס. די קהלה־פערוואַלטונג (קהל) קאָן מען מבטל מאַכען; כדי די אידען זאָלען קאָנען ברענגען אָרדנונג אין זייערע רעליגיעזע ענינים, דאַרף מען גרינדען אין דער גובערניע „סינאַ־גאָגען" מיט רבנים און משמשים (ШКОЛЬНИКИ) און אין פּעטערבורג — אַ העכערע דוכאָווגע געריכטליכע אינסטיטוציע מיט'ן נאָמען „סינע־דאַרין" (אַזוי שרייבט דערזשאַווין דאָס וואָרט סנהדרין, וואָס ער האָט, ווי עס שיינט, ערגעץ וואו געהערט, נישט וויסענדיג זיין אמת'ע בעדיי־טונג), וועלכע דאַרף שטעהען אונטער דער הנהגה פון אַן'אויבער־רב אָדער אַ „פּאַטריאַרך" (משמעות, אַ נשיא). ווייטער פּראָיעקטירט דער־זשאַווין רעפּרעסיווע מיטלען: מען דאַרף פערבאָטען די אידען צו האַל־טען קריסטליכע בעדינונג אין דערהיים ביי זיך, צונעהמען ביי זיי דאָס רעכט אַנטייל צו נעהמען אין דער שטאָדט־פערוואַלטונג, צווישען זיי אָב־צוזאָגען זיך פון זייערע מלבושים און בעפעהלען זיי צו שרייבען אַלע זייערע געשעפטליכע און אָפיציעלע אַקטען אויף רוסיש, פּויליש, אָדער דייטש; די קינדער קאָנען לערנען אין חדרים נאָר ביז'ן 12־טען יאָהר, דאַן מוזען זיי אַריינקומען אין אַן'אַלגעמיינע שול; ענדליך לעגט פאָר דערזשאַווין, אַז די רעגירונג זאָל גרינדען אַ דרוקעריי אויף צו דרוקען אידישע רעליגיעזע ספרים „מיט פילאָזאָפישע בעמערקונגען". „אַזוי אַר'ט — ערקלערט דערזשאַווין — ווערען די אידען, וועלכע זענען אַנ'עם קשה־עורף און אַ פאַלש פאָלק, בעקומען אַ גוטע איינאָרדנונג, און דער קייזער פּאַולI וועט דורכ'ן פערווירקליכען די דאָזיגע רעפאָרם פערדינען אַ גרויסע בעריהמטקייט, ווייל ער וועט דאַדורך מקיים זיין די מצוה: „איהר זאָלט ליעבען אייערע פיינד און טהון גוטס פאַר די, וועלכע האַבען אייך פיינד".

אָט דאָס איז דערזשאַווינס גרויסער פּראָיעקט — אַ געמיש פון גע־

דאנקען פון א פאטריאכאלען רוס וועגען א קולטור, וואס איז איהם אונבעקאנט, מיט רעפארמאטארישע טענדענצען אינ'ם גייסט פון א פרייסישער קאזארמע, א געמיש פון קלעריקאלע־ביוראקראטישע אנשויאונגען מיט טענדענצען פון בילדונג און „פילאזאפיע“; א געמיש פון געירשנבער אייביגער שנאה צו א פאלק מיט א אינסטינקטיווען, עטוואס טונקעלען פערשטאנד פון דער גרויסער היסטארישער טראגעדיע פון אידישען פאלק, ווי, ענדליך, אויך פון א פערלאנג, „צו מאכען די אידען נוצליך פאר דער מלוכה“. איבער אלעם דעם אבער הערשט דער גייסט פון אפטרופסות פון דער מלוכה־קאנצעלאריע, א מיינונג, אז מען קאן די אלטע קולטור פון א פאלק איבערמאכען, לויט אנ'אויסערליכען פערלאנג, ווי מען טהוט עס מיט די פיגורען פון א שאך־ברעט; בכלל איז קענטיג, אז דערזשאווין גלויבט פעסט, דאס מען קאן באמת פיעל אויפטהון דורך א מעכאנישער רעפארם, וועלכע האט אין יענע צייטען אויך געשפיעלט א גרויסע ראליע אין מערב־אייראפא, אבער נישט אין אזא נאאיווער פארם.

דערזשאווינס „מיינונג“ איז אבגעגעבען געווארען אין סענאט אין דעצעמבער 1800 און, צוזאמען מיט די „מיינונגען“ פון דער פוילישער שליאכטא און די גובערנאטארען פון מערב־קאנט, וועלכע זענען דערהאלטען געווארען נאך פריהער, האט דאס געדארפט דיענען פאר א מאטעריאל, בשעת מען האט געדארפט אויסארבייטען גרונד־געזעצען וועגען די אידען. אבער דאס האט געדארפט פערווירקליכט ווערען שוין נישט אין דער רעגירונג פון פאול I. אין מערץ 1801 איז פארגעקומען דער טראגישער טויט פון קייזער און די „דיעלא“ וועגען דער „אידישער רעפארם“ איז אריינגעקומען אין א נייער פאזע — אין קאמף פון די ליבעראלע שטרעמונגען אין די ערשטע יאהרען פון אלעקסאנדער דעם ערשטענס רעגירונג מיט די אנשויאונג פון די ריטער פון אלט־פוילען און אלט־רוסלאנד.

די ליבעראלע שטרעמונג, וואס האט זיך אנגעהויבען אין די ערשטע יאהרען פון דער רעגירונג פון אלעקסאנדער I, האט אריינגעטראגען אנ'אבפרישענד ווינטעל אין דער פערדומפטער אטמאספערע פון די פעטערבורגער קאנצעלאריעס, וואו טשינאווניקעס, וועלכע האבען נישט געהאט קיין ברעקעל בעגריף וועגען אידישען לעבען, האבען בעטראכט די מיטלען, ווי אזוי אלזייטיג עס צו רעפארמירען. מיט דער אידישער פראגע האט מען זיך תחילת וועניג וואס געאיילט. אין די יאהרען 1801—1802 איז די רעגירונג געווען פערנומען מיט'ן רעפארמירען דעם גאנצען מעכאניזם פון דער מלוכה־פערוואלטונג. מען האט איינגעארדענט מיניסטערסטוואס און דעם מלוכה־ראט; דער סענאט האט פערלוירען זיין פריהערדיגע „רעגירונגס־ראליע“, און דאס מאטעריאל וועגען, וואס עס האט זיך פריהער געפונען אין זיין רשות, איז איבערגעגעבען געווארען

אין רשות פון אַ נייער אינסטיטוציע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען, לויט אַ קייזערליכען בעפעהל (אין נאָוועמבער 1802) מיט'ן נאָמען: „דאָס קאָמיטעט איינצואָרדנען די אידען". די מיטגלידער פון'ם „קאָמיטעט" זענען געווען די מיניסטאָרען—פון אינערליכע ענינים, גראַף קאָטשובײ, דער יוסטיץ-מיניסטער און ספּעציאַליסט אין דער אידישער פראַגע, דערזשאַווין, דער גראַף זובאָוו און צוויי פּוילישע שרים, וועלכע זענען געשטאַנען נאָהענט צו אַלעקסאַנדער I — דער געהילפס-מיניסטער פון אויסערן, גראַף אַדאַם טשאַרטאָריסקי, און סענאַטאָר סעווערין פּאָטאָצקי. דעם קאָמיטעט האָט מען איבערגעגעבען צום בעטראַכטען אַלע פראַגען, וועלכע דערזשאַווין האָט בעריהרט אין זיין „מיינונג" מכח ביעלאָרוסישע, מיט'ן צוועק „צו פערשפּרייטען די גוטע איינאָרדנונג פון די אידען אויך אין די איבריגע פּוילישע גובערניעס".

דער קלאַנג וועגען דעם, אַז עס איז געגרינדעט געוואָרען אין פּעטערבורג אַ ספּעציעלער קאָמיטעט וועגען די אידישע ענינים און אַז ער וועט אַרבייטען אויפ'ן סמך פון דערזשאַווינס פּראָיעקט האָט שטאַרק אויפגערודערט די אידען פון צפון-מערב-קאַנט, וועלכע האָבען גוט געוואוסט, ווי אידענפיינדליך עס איז געווען די שטימונג פון'ם סענאַטאָר, וועלכער האָט מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם געמאַכט דאָרט די רעוויזיע. אין מינסק האָט מען דעריבער איינגעאָרדענט אַנ'עקסטרענע קהל'שע אסיפה (דעצעמבער 802,), וועלכע האָט אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציע: „צוליעב דעם, וואָס עס האָבען זיך פערשפּרייט אונרוהיגע קלאַנגען פון פּעטערבורג, אַז די כללישע אידישע ענינים זענען איבערגעגעבען געוואָרען צו פינף שרים, איז נויטווענדיג צו פאָהרען קיין פּעטערבורג און בעטען אונזער קייזער, אַז די שרים זאָלען ביי אונז נישט מאַכען קיין שום נייע איינפיהרונגען". מען האָט אויך בעשטימט צו נעהמען אַנ'אָבצאָהל ביי די קהלות אויף די הוצאות פון דער רייזע פון די בעפולמעכטיגטע קיין פּעטערבורג; דערנאָך האָט מען גוזר-תענית געווען: דער תענית האָט געדאַרפט דויערן דריי טעג, ווען מען האָט אין די שוהלען געדאַרפט מתפּלל זיין, אַז די גזרות מצד דער רעגירונג זאָלען בטל ווערען. דערוויסענדיג זיך וועגען די אונרוהען צווישען די אידען, האָט דער מיניסטער פון אינערן, קאָטשובײ, צוגעשיקט (יאַנואַר 1803) אַ צירקולאַר צו די גובערנאַטאָרען מיט אַ ביטע, אָנצונעהמען מיטלען אויף צו בערוהיגען די אידישע בעפעלקערונג. מען האָט בעפוילען מודיע צו זיין די אידישע קהלות, אַז „גרינדענדיג אַ קאָמיטעט אויף צו בעטראַכטען די אידישע ענינים, האָט מען כלל נישט געהאַט בדעה צו דריקען די אידען, אַדער צו פערקלענערען זייער נוצען, פערקעהרט, מען וויל זיי געבען אַ בעסערע איינאָרדנונג און רוהיגקייט".

מעהר בערוהיגענד, ווי די דאָזיגע פערזיכערונג, האָט געקאָנט ווירקען אויף די אידען די פאָלגענדע טהאַט פון דער רעגירונג. אין אַנ-

פאַנג 1803 האָט דער „אידישער קאָמיטעט“ בעשלאָסען איינצולאַדען קיין
פעטערבורג אידישע דעפּוטאַטען פון אַלע גוּבערניאַלע קהלות, כדי אויס-
צוהערען זייער מיינונג מכח די אידישע הצטרכות. דאָס איז שוין געווען
אַ געוויסער „חסד“, ווייל פריהער האָט מען געוואָלט רעפאָרמירען דאָס
אידישע לעבען, גאָר נישט פרעגענדיג וועגען דעם ביי די אידען גופא. אין
די קהלות האָבען זיך באַלד אָנגעהויבען ענערגישע הכנות אויף צו שיקען
דעפּוטאַטען קיין פעטערבורג. אין ווינטער און פריהלינג זענען אין פּע-
טערבורג זיך צוזאַמענגעפאָהרען די אידישע דעפּוטאַטען פון פערשידענע
גוּבערניעס, און זיי האָבען געהאַט דאָרט פערגעניגען, צו זעהען איינגיכען,
ווי דערזשאַווין איז אַרויסגעטרעטען פון „אידישען קאָמיטעט“, ווייל ער
האָט בעקומען דעמיסיע פון זיין שטעלע, אַלס יוסטיץ-מיניסטער. דער
קאָנסערוואַטיווער דערזשאַווין איז געוואָרען אונבעקוועם פאַר דער ליבע-
ראַלער רעגירונג אין דער ערשטער עפּאָכע פון אַלעקסאַנדער I. מיט דער-
זשאַווינס אַרויסטריט פון קאָמיטעט האָט זיין „מיינונג וועגען די אידען“
אויפגעהערט צו האָבען איהר וויכטיגע און פערפליכטענדע בעדייטונג
פאַר'ן קאָמיטעט. די אידישע דעפּוטאַטען, וועלכע זענען געקומען פון דער
פּראָווינץ, האָבען אין דער הויפּט-שטאָדט שוין געטראָפען אַ קליינע גרו-
פּע אידען, בעזונדערס אויסוואַנדערער פון ביעלאָרוסיע, וועלכע האָבען גע-
לעבט אין פעטערבורג „ביז אַ צייט“, האָבענדיג דאָרט זייער בעשעפטיגונג.
נישט האָבענדיג קיין שטענדיג וואוינונגס-רעכט אין דער הויפּט-שטאָדט,
האָט דאָס קליין הייפעלע אָנגעקומענע אידען בעקומען פונדעסטוועגען
דאָס רעכט צו שטאַרבען דאָרט און מקבר זיין זיי-
ערע מתים אויף אַ בעזונדערן בית-עלמין, וועלכען מען האָט געעפענט
אין יאָהר 1802. אָט אַזאַ סימבאָלישע געבורט האָט געהאַט די אידישע
קהלה אין פעטערבורג, און אונטער אַזאַ סימבאָל פון טויט האָבען זיך
אויך בעגעגענט די פּראָווינציעלע דעפּוטאַטען מיט זייערע ברידער אין
דער הויפּט-שטאָדט אויף זייער איינגעאָרטיגער „פּייערונג“ (זומער 1803):
לויט'ן אויפטהו (איניציאַטיווע) פון די דעפּוטאַטען און אין זייער געגענ-
וואַרט, האָט מען אַריבערגעטראָגען די דריי אידישע מתים אויפ'ן אידי-
שען בית-עלמין פון קריסטליכען, וואו מען האָט זיי געהאַט פריהער בע-
גראָבען, נישט האָבענדיג קיין אייגענעם אידישען אָרט פאַר די מתים.

צווישען די פעטערבורגער אידען זענען דאַמאָלס געווען איינעגע,
וועלכע זענען געווען גוט מקורב מיט פערשידענע הויכע שרים און עס איז
זיי אויך גוט בעקאַנט געווען די אָרדנונג אין די קאַנצעלאַריעס; זיי האָבען
דעריבער געקאָנט פיעל-וועניג מיטהעלפען די פּראָווינציעלע דעפּוטאַטען,
איינער פון די דאָרטיגע אידען, דער שוין דערמאָהנטער נטע שקלאָ-
ווער (וועלכער האָט דאַמאָלס בעקומען דעם פאַמיליען-נאָמען נאָטע-
קין), וואָס האָט געהאַט פאַרגעשטעלט דערזשאַווינען זיין „רעפאָרם-פּראָ-
יעקט“, איז געווען, ווי עס שיינט, דער אָפיציעלער מנהיג פון די דעפּו-

טאַטען, ווייל מען האָט איהם נאָך פריהער געהאַט איינגעלאַדען, אַנטייל צו נעהמען אין דער אַרבייט פון אידישען קאָמיטעט. נאָטקין האָט דאַ ווייטער געפאָדערט דורכאויס, אַז מען זאָל די אידען בייהילפיג זיין איינצואָרדנען זיך, אַלס אַרבייטער אין די פאַבריקען און אויפ'ן לאַנד, אָבער ער האָט זיך נישט דערוואַרט, אַז זיין פאָרשלאַג זאָל אָבהאַלטען אַ נצחון אין די קאַנצעלאַריעס פון דער רעגירונג: ער איז געשטאָרבען, איידער מען האָט געהאַט פערעפענטליכט דאָס נייע געזעץ וועגען די אידען — אַ געזעץ, וואו זיין מיינונג איז טיילוויז אָנערקענט געוואָרען. אַ צווייטער פעטערבורגער תושב, אַ רייכער פאָדריאַדטשיק און אַ קאָמערץ-ראַט, אברהם פּערעץ, האָט אונמיטעלבאַר נישט געהאַט גענומען קיין אַנטייל אין דער אַרבייט פון אידישען קאָמיטעט, אָבער ער האָט אַרויסגעוויזען געוויסע הילף דער אידישער דעפּוטאַציע, ווייל ער האָט געהאַט בעקאַנטשאַפט אין די ביוראָקראַטישע קרייזען.

דאָס „קאָמיטעט איינצואָרדנען די אידען" האָט דערווייל דורכגעקוקט פערשידענע פראָיעקטען, וועלכע ער האָט דערהאַלטען וועגען אידען, און אויסגעאַרבייט ענדליך אַ'אַלגעמיינעם פּלאַן פון רעפאָרמעס, מיט וועלכען מען האָט אויך בעקאַנט געמאַכט די אידישע דעפּוטאַטען. נאָך „אַ לאַנגער אונענטשלאָסענהייט" האָבען די אידישע דעפּוטאַטען ערקלערט, אַז זיי קאָנען נישט אַרויסזאָגען זייער מיינונג וועגען דער פראַגע, ביז זיי וועלען זיך נישט האָבען מישב געוועזען מיט די קהלות, וועלכע האָבען זיי אויסגעקליבען און געשיקט אין דער הויפּט-שטאָדט; זיי האָבען דעריבער געבעטען, אַז מען זאָל זיי געבען אַ טערמין פון אַ האַלב יאָהר „אויף ישוב-הדעת". אויף אַזאַ לאַנגען טערמין איז אָבער דאָס קאָמיטעט נישט איינגעגאַנגען און דעריבער האָט ער בעשלאָסען פונאַנדערצושיקען די הויפּט-פונקטען פונ'ם נייעם פראָיעקט צו די קהלות דורך די גובערנאַטאָרען, כדי אַז די קהלות זאָלען זיך נאָר אַרויסזאָגען, ווי אַזוי צו פערווירקליכען די געפּלאַנעוועטע מיטלען וועגען די אידען; קיין אייגענע מיינונג וועגען מבטל מאַכען דעם אָדער יענעם פונקט האָבען זיי נישט געטאָרט אַרויסזאָגען. אָבער אויך די דאָזיגע „שריפטליכע אָנפראַגע" האָט נישט געמאַכט „די פערלאַנגטע ווירקונג". זייענדיג פאָראויס בעגרענצט אין זייער רעכט אַרויסצוזאָגען זייער מיינונג וועגען דעם פראָיעקט גופא, האָבען די קהלות נאָר אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג, אַז די „מיטלען אויסצובעסערען די אידען" זאָלען אָבגעלעגט ווערען אויף צוואַנציג יאָהר; בעזונדערס שטאַרק האָבען זיי דאָס געבעטען וועגען דעם געפּלאַנעוועטען פערבאָט פאַר אידען צו האַנדלען מיט ספּירט און האַלטען אַרענדעס אין די דערפער, ווייל דאַדורך וואָלט אינגאַנצען רואינירט געוואָרען דער אידישער עקאָנאָמישער צושטאַנד. דאָס קאָמיטעט האָט זיך אָבער ווייניג וואָס גערעכענט מיט דער השתדלות פון די קהלות, און וועלכער מען האָט געזעהען אַ'אונדירעקטע אונצופרידענהייט מיט די הויפּט-

יסודות פונ'ם נייעם פּראָיעקט; דאָס קאָמיטעט האָט זיך דעריבער געאַרבייט ווייטער אין זיין פריהערדיגער ריכטונג.

קיין פאָלקאָמע אחדות איז אָבער נישט געווען אויך אין קאָמיטעט גופא. ווי עס שיינט, האָבען אין איהם געקעמפּט צוויי שטרעמונגען: אוטיליטאַריזם און הומאַניזם, דאָס הייסט: אַ טייל האָבען פערלאַנגט, אַז מען זאָל זעהען אַרויסצובעקומען פון די אידען נאָר וואָס מעהר נוצען פאַר דער קאַזנאַ, וועהרענד דער אַנדערער טייל האָט זיך אויך גערעכענט מיט די מענשליכע געפיהלען אין בעציהונג צו די אידען. איינינע זענען געווען אַנהענגער פון צוואַנגס־מיטלען, וועהרענד די אַנדערע האָבען פערטיידיגט די אַנשויאונג, אַז מען ברויך די אידען צו געבען פאָלקאָמע גלייכבערעכטיגונג. צווישען די אַנהענגער פון דער לעצטער שטרעמונג איז געווען ספּעראַנסקי, יענער ליכטיגער מלוכה־קאָפּ, וועלכער וואָלט געקאָנט נאָך אין אָנפאַנג פון נייצעהנטען יאָהרהונדערט מאַכען רוסלאַנד פאַר אַ רעכטליכע מלוכה, אויב ער וואָלט נאָר נישט געפאַלען אַלס קרבן פון די פאַטאַלע (פאַראויסבעשטימטע, אומגליקליכע) בעדינגונגען אין רוסישען לעבען. אין יענער צייט האָט ספּעראַנסקי געדינט אין מיניסטעריום פון אינערן ביים מינסטער קאָטשובעי און צוזאַמענגעשטעלט געזעץ־פּראָיעקטען אין פערשידענע צווייגען פון רוסלענדישען מלוכה־לעבען. אויך אין „אידישען קאָמיטעט" האָט ספּעראַנסקי פּאַקטיש אָנטייל גענומען. אין זשורנאַל פון קאָמיטעט פון 20־טען סעפּטעמבער 1803 געפינען זיך פאָלגענדע מערקווירדיגע שורות, וואו ספּעראַנסקי זאָגט אַרויס זיין מיינונג: „די רעפאָרמעס, וואָס די רעגירונג פיהרט דורך אַליין מיט איהר מאַכט, זענען בכלל נישט דויערהאַפט; בעזונדערס קאָן מען זיך נישט פערלאָזען אויף זיי אין יענע פאַלען, ווען די מאַכט טרעט אַריין אין אַ קאַמף מיט הונדערטער־יעהריגער רגילות. דעריבער איז בעסער און זיכערער צו פיהרען די אידען צו אַ פאָלקאָמער אויסבעסערונג דאדורך, וואָס מען זאָל זיי נאָר עפענען אַלע וועגען, וועלכע קאָנען זיי פיהרען צו זייער נוצען; דערביי דאַרף די רעגירונג בלויז בעאָבאַכטען זייערע בעוועגונגען און דערווייטערן אַלץ, וואָס קאָן זיי אַראָפּפיהרען פון רעכטען וועג; מען דאַרף אָבער נישט אָנווענדען קיין שום מאַכט (דאָס הייסט: צוואַנגס־מיטלען), נישט בעשטימען קיין ספּעציעלע אינסטיטוציעס, נישט ווירקענדיג אַליין אַנשטאַט זיי, נאָר העלפענדיג זיך אנטוויקלען זייער אייגענע טעטיגקייט. וואָס מענליך ווייניגער פערבאָטונגען, וואָס מענליך מעהר פרייהייט — אָט דאָס זענען די איינפאַכע יסודות פון יעדער אָרדנונג אין דער געזעלשאַפט". דאָס איז געווען דאָס ערשטע קלוגע וואָרט, וואָס האָט זיך געלאָזט הערען אין קרייז פון דער דאַמאָלסדיגער פּעטערבורגער ביוראָקראַטיע אין דער אידישער פראַגע; אין דאָזיגען וואָרט האָט געשטעקט אַ'ענערגישע

פעראורטיילונג פון יענעם סיסטעם פון אַפּוטרופּסות מצד דער רעגירונג,
אָדער פון „אויסבעסערונגס=מיטלען“, דורך וועלכע מען האָט דאמאָלס, ווי
אויך שפּעטער געוואָלט איבערמאַכען א גאַנצע נאַציאָן. דאָ האָט צום ער=
שטען מאָל זיך אַרויסגעזאָגט דער ליכטיגער פּרינציפּ פון הומאַניטעט
(מענשליכקייט): עפֿענט פאר די אידען די פרייע וועגען פון ענטוויקלונג,
מאַכט א ברייטען וועג פאר זייער זעלבסטשטענדיגקייט—און זיי וועלען סוף
כל סוף אליין זיך אויסקלויבען דעם וועג וואָס פיהרט צו דער „פּאָלקאָ=
מענהייט“, אדער צום פּראָגרעס... אבער אויף דער דאָזיגער הויכקייט פון
פּאָליטישען געדאנק האָבען זיך נישט געקאָנט האַלטען אפילו אויך די
דאמאָלדינגע פאָרשטעהער פון די ליבעראַלען אין דער רוסישער הויפּט=
שטאָדט. ספּעראַנסקי'ס אידעע איז געווען א צו=צייטיגע בלימעל פאר דעם רו=
סישען קלימאַט, אפילו אויך אין דער צייט פון זיין פריהלינג; דאָס בלי=
מעל איז פערוועלקט געוואָרען...

אין קאָמיטעט האָט אָבגעהאַלטען א נצחון די פּאַטענטירטע מלוכה=
חכמה פון יענער צייט—דאָס סיסטעם פון אפּוטרופּסות און צוואַנגס=רע=
פאָרמען. אין דאָקלאַד, וואָס דאָס „אידישע קאָמיטעט“ האָט דערלאַנגט
דעם קייזער אלעקסאנדער דעם ערשטען (אָקטאָבער 1804) איז
שוין נישט געווען קיין שפּור פון יענער „פריידזיניגקייט“, אויף וועלכער
מען שטויסט זיך אָן אָפט אין זשורנאַל פון קאָמיטעט. דער דאָקלאַד
שטעלט פעסט, אז אין רוסלאַנד געפינען זיך לערך הונדערט פיער און
זיבעציג טויזענד מיט דריי הונדערט פינף און אכציג (174,385) אידישע
רעוויזיע=נפשות, וועלכע צאָהלען שטייערען (נאַלאָגען)—„א צאָהל, וואָס
איז אפילו אויך נישט דאס פינפטעל פון דער ווירקליכער אידישער בע=
פעלקערונג; דאָס הייסט, אז בכלל זענען אין רוסלאַנד דאמאָלס געווען אי=
דען, לויט דער מיינונג פון קאָמיטעט, לערך אַ מיליאָן נפשות. ווייטער
ווערט פערצייכענט דער פאַקט, אז די גאַנצע דאָזיגע אידישע מאַסע לעבט
צוזאַמענגעדריקט נור אין די גובערניעס פון פּוילען=ליטא, אין מאַלאָרוסיע
און אין קורלאַנד, אָבער אין די אינערליכע רוסישע גובערניעס ווערט זי
נישט אריינגעלאָזען (דערביי ווערט אנגעוויזען היסטאָריש: „אידען האָט
מען אין רוסלאַנד קיינמאָל נישט געלאָזט זיך בעזעצען“); די אידען דאר=
פען צאָהלען דאָפּעלטע שטייערען; זיי דארפען זיך געפינען אונטער דער
מאַכט פון אלגעמיינעם געריכט און שטאָדטישער זעלבסטפערוואַלטונג
און זייער „קהל“ דארף זיין אונטערטעניג דער גובערניאַלער פּאָליציי. און
פונדעסטוועגען לעבען זיי אָבגעזונדערט פון די אלגעמיינע אינסטיטוציעס
און בעשליסען אליין וועגען זייערע ענינים און זייער „קהל“. ענדליך
ווערט אנגעוויזען, אז דער מסחר מיט שפּירט, וואָס איז צווישען די אי=
דען זעהר פערשפּרייט, איז פאר זיי א קוואַל פון אלערליי מיסברויכע
(אונעהרליכע מעשים), וואָס רופט תמיד ארויס אָנקלאַגען מצד דער אַרו=
מיגער בעפעלקערונג. אויפ'ן סמך פון אָט די אלע ארויסגעזאָגטע מיינונ=

נען, האָט דער קאָמיטעט אויסגעארבייט א פּראָיעקט, ווי אזוי צו רעגוּלירען די אידישע ענינים—אַ פּראָיעקט, וועלכער איז באלד נאָכדעם פערווירקליכט געוואָרען און בעשטעטיגט דורכ'ן קייזער (9-טען דעצעמבער 1804): „דער סטאַטוט (Положеніе) ווי אזוי איינצואָרדנען די אידען“.

דאָס איז געווען א געמיש פון „פרייהייטען“ און בעדריקונגען, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען לויט ווי עס ווערט ערקלערט אין דער הקדמה, צוליעב דער „בעזאָרגונג פון ווירקליכען אידישען וואוילשטאַנד“, ווי אויך „דעם נוצען פון דער אָרטיגער (Коренное) בעפעלקערונג. פון יענע גובערניעס, וואו די דאָזיגע מענשען איז ערלויבט צו וואוינען“. פון די לעצטע ווערטער זעהט מען שוין אליין, ווי די פּראַגע וועגען דער אידישער „טשערטא“ איז שוין געווען פאָראויס בעשלאָסען: פאַר די אידען האָט מען געלאָזען פריי צו וואוינען אין די שטעדט פון דער פריהערדיגער טעריטאָריע, וועלכע איז בעשטאַנען פון דרייצעהן גובערניעס (ווילנאַ, גראָדנאַ, וויטעבסק, מאָהליוו, מינסק, טשערניגאוו און פּאָלטאווא, וואָהלין, קיעוו, פּאָדאָליען און די דריי נאָוואָראָסייסקער גובערניעס, וועלכע זענען געשטאַנען כמעט ווי א מדבר). עטוואָס מעהר האָט דאָס נייע געזעץ פערגרעסערט די אידישע טשערטא פאַר די צוקונפטיגע אידישע לאַנד-אַרבייטער, וועלכע עס איז ערלויבט געוואָרען צו בעזעצען זיך אין צוויי גובערניעס—אסטראַכאַן און קאַווקאַזער. אויף דעם עקאָנאָמישען געביט ענטהאַלט דאָס נייע געזעץ צוויי עקסטרעמען: די שענקעריי און ארענדע מוזען אָהן רחמנות אויסגעוואָרצעלט ווערען און—מען דאַרף דורכאויס שטיצען די ענטוויקלונג פון לאַנד-אַרבייט צווישען אידען. וועגען דעם ערשטען פונקט, ווערט געזאָגט: „פון ערשטען גענוואַר (יאַנואַר) 1807 אין די מאַלאָרוסישע, נאָוואָרוסישע, קאַווקאַזער און אסטראַכאַנער און אין די איבעריגע גובערניעס—פון ערשטען גענוואַר 1808 טאָרען די אידען אין קיין שום דאָרף נישט האַלטען קיין ארענדעס, שענקען און איינפאָהר-הייזער, נישט אויף זייער אייגענעם נאָמען, נישט אויף אַ פרעמדען און נישט פערקויפען דאָרט בראָנפען, אפילו צו וואוינען איז זיי דאָרט שטרענג פערבאָטען, סיידען דורכפאָהרענדיג“ (מעגען זיי זיך אָבשטעלען). אזוי ארום האָט מען מיט איין קלאַפּ ארויסגעשניטען פון אידישען עקאָנאָמישען לעבען א בעשעפטיגונג, וועלכע האָט געגעבען חיונה כמעט א העלפט פון דער אידישער רוסלענדישער בעפעלקערונג, האָטש דאָס איז כלל נישט געווען קיין בכבוד'יגע בעשעפטיגונג; צוזאַמען דערמיט איז אָבער אויך שטאַרק פערקלענערט געוואָרען די אידישע טשערטא דאַדורך, וואָס עס איז אידען פערבאָטען געוואָרען צו וואוינען אין די דערפער.

דער דאָזיגער עקאָנאָמישער און יורידישער קלאַפּ האָט געדאַרפט די אידען פערגיטיגט ווערען דורך די זכיות, וואָס דאָס נייע געזעץ האָט זיי גע=

געבען, נעמליך דורך די פריווילעגיעס, וואָס מען האָט געגעבען יענע אי־
דען, וועלכע האָבען געוואָלט זיך בעשעפטיגען מיט לאַנד־ארבייט; מען
האָט זיי ערלויבט צו קויפען נישט־בעזעצטע לאַנד אין די מערב־גובערניעס
און אין די צוויי מזרח'דיגע, אדער בעזעצען זיך אויף קאַזיאָנע ערד, וואָ
מען האָט געדאַרפט די קאָלאָניסטען אָבגעבען בעשטימטע חלקים לאַנד
און בעפרייען זיי אויף די ערשטע יאהרען פון קאַזיאָנע אָבצאָהלונגען.
אָבער באלד האָט זיך אַרויסגעוויזען, אז די רפואה איז כלל נישט לויט
דער גרויסער און ערנסטער מכה: דורכ'ן פערבאָטען די אידען צו וואוינען
אין דערפער און האַנדלען מיט בראָנפען, זענען געבליבען אהן חיונה הונ־
דערטער טויזענדער אידען, וועלכע האָבען שוין פון לאנג אָן געצויגען דער־
פון זייער שטיקעל פרנסה, וועהרענד מיט לאַנד־אַרבייט האָבען זיך גע־
קאָנט אָנהויבען בעשעפטיגען זעהר קליינע גרופּעס פון דער אידישער
בעפעלקערונג.— צו די צוויי־קלאַסישע פראָפעסיעס, וואָס דאָס נייע גע־
זעץ האָט פאַרגעלעגט פאַר די אידען, איז געווען די אַרבייט אין פאַבריקען
און מלאכות. די אידישע פאַבריקאַנטען און בעלי־מלאכות האָט מען ע־
פרייט פון די דאָפּעלטע אָבצאָהלונגען און די גרינדער פון די „נוציגסטע
פאבריקען" האָט מען אויסער דעם אויך מבטיח געווען צו געבען הלואות
פון קאַזנאַ. די אידישע סוחרים און מיעשטשאַנעס האָט מען געשטעלט
אין א קלאַס, וועלכען מען איז נאָר סובל, אָבער מען סימפּאַטיזירט מיט
איהם נישט. די פאַבריקאַנטען און די בעלי־מלאכות האָט מען ערלויבט
צו קומען געשעפטסהאַלבער און אויף אַ קורצע צייט אין די אינערליכע
גובערניעס און אַפילו אויך אין די הויפּט־שטעדט, אבער נישט אַנדערש
ווי מיט א גובערנאַטאָרסקען פּאַספּאָרט, א שטייגער, ווי דאָס וואָלט געווען
פאַר די אידען אויסלאַנד.

אין קאַפּיטעל „וועגען דער אידישער בירגערליכער איינאָרדנונג",
שטעלט דאָס נייע געזעץ די אידען פון איין זייט אונטער'ן רשות פון מאַ־
ניסטראַט, פון דער פּאָליציי און פון די אַלגעמיינע געריכטען, פון דער אַנ־
דערער זייט אָבער ערלויבט מען די אידען אליין אויסצוקלייבען זיך רבנים
און קהל'ס לייט, וועלכע דאַרפען אויסגעקליבען ווערען פון דאָס ניי יעדע
דריי יאהר און מוזען בעשטעטיגט ווערען דורך דער גובערניאַלער פער־
וואַלטונג. אין בעזונדערע פּונקטען ווערט אָנגעוויזען, אז די רבנים דאַרפען
משגיח זיין אויף די רעליגיעזע צערעמאָניעס (Обряды) און „אַרויס־
זאָגען זייער פּסק־דין אין אַלע ספקות, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער
רעליגיאָן"; עס ווערט זיי אָבער פערבאָטען צו בעשטראָפען עמיצען מיט אַ
מי־שפרע (א קללה) אָדער מיט א חרם; די קהל'ס לייט זענען מחויב משגיח
צו זיין, אז די קאַזיאָנע אָבצאָהלונגען זאָלען אַריינגעטראָגען ווערען רעַ־
גוליער. די אויטאָנאָמיע פון דער קהלה האָט אזוי אַרום געדאַרפט צו וויר־
קען אונטער צוויי פאַהנען: די רעליגיאָן און די קאַזנאַ, גאָט און ממון
(מאַמאָן), און אַלע זייערע אויפגאַבען זענען געווען צוגעפּאַסט צו די דאָ־

זינע צוויי ציעלען.

אויך א שטיקעל אייראָפּעאישע בעפאַרבונג האָט מען געגעבען דער אידישער „קאָנסטיטוציע“ פון יאהר 1804—א קאַפּיטעל „וועגען בילדונג“, מען האָט געעפענט די טהירען פון אלע רוסישע פאלקס-שולען פאר די אידישע קינדער, ווי אויך די גימנאַזיעס און די אוניווערזיטעטען; מען האָט די אידען אויך ערלויבט צו עפענען אייגענע אלגעמיינע בילדונגס-שולען, מיט דער פערפליכטונג, צו לערנען דאָרט איינע פון די דריי שפּראַכען: רוסיש, פּויליש, אדער דייטש. אויף איינער פון די דאָזיגע דריי שפּראַכען האָבען די אידען אויך געדאַרפט שרייבען די עפענטליכע אַקטען פון זייערע שולען, זייערע וועקסלען, זייער פּריוואַטע בוכהאַלטונג א. א. וו. דאס אלץ האָט געמוזט איינגעפיהרט ווערען אין א משך פון צוויי ביז זעקס יאהר נאָכ'ן פערעפענטליכען פון נייעם געזעץ. די אידען, וועלכע מען קלייבט אויס פאר מיטגליעדער פון שטאַדטישען מאַגיסטראַט, אדער פאַר א רב און קהל'ס מאַן, מוזען קענען איינע פון די דריי דערמאַנטע שפּראַכען—לעזען און שרייבען. די אידישע מיטגלידער פון מאַגיסטראַט מוזען זיך קליידען ווי רוסען, פּאָליאַקען, אדער דייטשען. מיט דעם דאָזיגען „בילדונגס-פּראָגראַם“ האָט די רוסישע רעגירונג אָבגעצאָהלט איהר חוב דעם מעסיגען ליבעראַליזם פון יענער צייט. בכלל איז דאס געזעץ פון יאהר 1804 געווען א טיפּישער „רעגלאַמענט“ פון פּרייסיש-עסטרייכישען מוסטער; אין זיין פונדאַמענט איז געלעגען דער פּרינציפּ פון „רעפאָרמען, וועלכע די רעגירונג פערווירקליכט דורך איהר מאַכט“— א פּרינציפּ, געגען וועלכען עס האָט געהאָט געגעבען אזא שאַרפע התראה *ספּעראַנסקי*. דורך דעם דאָזיגען סיסטעם איז מען געקומען צום ברעכען מיט געוואלד א לעבענס-שטייגער, וועלכער איז אויסגעוואַקסען אין א משך פון הונדערטער יאָהרען; מען איז געקומען צו אכזריות'דיגע רעפּרעסיעס פון איין זייט און צו אונגליקען פון די מאַסען, פאר וועלכע מען איז ארויסגעטראָטען מיט א בעזאָרגונג — פון דער אַנדערער זייט.

די אידישע געזעלשאפט האָט ריכטיג און אָביעקטיוו אָבגעשאצט די בעדייטונג פון געזעץ פון יאהר 1804: זי האָט באלד דערזעהען די *כלומר'שט-גליקען אין דער צוקונפט און די אונגליקען אין דער געגענוואַרט*. די אויסזיכט פון די צוקונפטיגע גליקען, וועלכע מען האָט געשטעלט אין צוזאמענהאַנג מיט דער אבשוואכונג פון די יסודות פון דער אידישער נאַציאָנאַלער אייגענאַרטיגקייט—פון זייער שפּראַך, זייער שול און זייער קהלה-אויטאָנאָמיע—האָט, נאַטירליך, געהאַט ווייניג וואָס חן אין די אויגען פון די רוסלענדישע אידען, וועלכע זענען נאָך נישט געווען אנגעריהרט דורך די נייע שטרעמונגען אין מערב-יודענטום. דערפאר אָבער האָבען די אידען זעהר גוט געשפירט דעם וועהטאָג פון שרעקליכען עקאָנאָמישען קלאַפּ—פונ'ם ארויסטרייבען צעהנדליגער טויזענדער אידישע משפחות פון די דערפער.

עס איז באלד קלאָר געוואָרען, אז די גירוש־גזרה פון די דערפער איז חל אויף זעכציג טויזענד אידישע משפחות. אין די צוויי־דריי יאהר, וואָס זענען נאָך איבערגעבליבען ביז דער קאַטאַסטראָפע, האָט די דאָזיגע גרויסע מאסע, נאַטירליך, נישט געקאָנט איינאָרדנען זיך אויף נייע ערטער, אָדער געפינען פאר זיך א נייע בעשעפטיגונג; עס איז איהר אלזאָ פאָרגעשטאַנען א הונגער־טויט. און אָט האָבען אָנגעהויבען פליהען אין פּעטערבורג השתדלות'ן פון אלע זייטען, אז מען זאָל דעם גירוש אבלעגען. די השתדלות איז געגאנגען נישט בלויז מצד די קהל'ס לייט, נור אויך מצד די פּריצים, וועלכע עס איז פאָרגעשטאַנען צו ליידען גרויסע היזיקות פון פערלירען גוטע אָרענדאַטאָרען און שענקער אין זייערע גיטער. דאס געשריי נאָך הילף פון דער פּראָווינץ איז געוואָרען אלץ העכער און גרעסער, וואס נעהנטער עס האָט זיך אונטערגערוקט דער טערמין פון גירוש — דער אָנפאַנג יאהר 1808. עס איז נישט בעוואוסט, ווי אַזוי עס וואָלט זיך געהאט אָבגערופען אויף די דאָזיגע געשרייען די רוסישע רעגירונג, ווען עס וואָלט אין יענער צייט נישט געהאַט פּאַרגעקומען א געשעהעניש, וועלכע האָט ארויסגערופען א שטאַרקע אויפרודערונג אין די פּעטערבורגער פּאָליטישע קרייזען.

אין הערבסט 1806 זענען, ווי שוין דערמאַנט, פון פּאריז פונאנדערגעשיקט געוואָרען אויפרופען וועגען דער פּאַרשטעהענדער „גרויסער סנהדרין". דער דאָזיגער אויפטהו פון נאַפּאָלעאָנ'ען, וועלכער האָט אזוי שטארק דערשראָקען די עסטרייכישע רעגירונג, האָט אַרויסגערופען אָנ־אונרוהיגקייט אויך אין פּעטערבורג. נאַפּאָלעאָן האָט נאָר וואס געהאַט צוקלאַפּט פּרייסען און איז שוין אריינגעטראָטען אין איהרע פּוילישע קאַנטען, קומענדיג נעהנטער צו די גרענעצען פון רוסלאַנד. דער פּחד פאר דער פּאָליטישער גאונות פון נאַפּאָלעאָנ'ען האָט דערוועקט ביי דער רוסישער רעגירונג א חשד, אז נאַפּאָלעאָן האָט צוזאמענגערופען די סנהדרין אין פּאריז, כדי צו געווינען דאדורך די סימפּאַטיע פון די אידישע מאסען אין פּרייסען, עסטרייך און רוסלאַנד; מען האָט דעריבער זיך דערשראָקען, אז די אונצופריעדענהייט פון די רוסלענדישע אידען מיט'ן גירוש פון די דערפער וועט נאָר מיטווירקען דער חיטרער אַגיטאציע פון נאַפּאָלעאָנ'ען און ענטוויקלען א פיינדשאַפט געגען די רוסען אין יענע קאַנטען, וואו עס וועט באלד אויפפלאַקערען די מלחמה. כדי אויסצומיידען אזא געפאהר, האָט מען געדארפט אבשטעלען דעם גירוש און איינשטילען דאדורך די אונצופריעדענהייט. און אָט האָט דער מיניסטער פון אינערן, קאָטשובעי, דערלאַנגט אלעקסאַנדער דעם ערשטען אדאָקלאד (אין אנפאַנג פעברואר 1807, ווען אין פּאריז האָט זיך געעפענט די סעסיע פון סנהדרין) וועגען דער נויטווענדיגקייט, אָבצושטעלען דעם אידישען גירוש פון די דערפער אין די שטעדט און שטעדלעך אריין און בכלל בעציהען זיך „צו דער דאָזיגער נאַציאָן" פאָרזיכטיג געגען די כונות פון דער פראַנצויזישער רעגי־

רונג. דער קייזער האָט דערמיט איינגעשטימט, און עס איז באלד איינגע-
אָרדענט געוואָרען אַ בעזונדער קאָמיטעט, צו בעטראַכטען די פראַגע ווע-
גען דער אָנווענדונג פון געזעץ פון יאהר 1804 פאר אידען. דעם סענאַטאָר
אַלעקסייעוו האָט מען בעפוילען, צו בעטראַכטען די מערב-גובערניעס און
איבערצייגען זיך, „אויף וויפיעל די מיליטערישע אומשטענדען, די גענגע-
ווערטיגע לאַגע פון די גרענעץ-גובערניעס און דער חורבן, וואָס וועט
פּאָרקומען ביי אידען אויב מען וועט זיי מיט געוואַלד צווינגען אַרויס-
צוציהען זיך פון די דערפער” מאַכען דעם דאָזיגען גירוש שווער צו פער-
ווירקליכען, אָדער גאָר אונמעגליך (15-טער פעברואַר 1807). אין דער
זעלביגער צייט האָט דער מיניסטער בעפוילען די גובערנאַטאָרען פון די
מערב-גובערניעס, אכטונג צו געבען, אז צווישען די רוסישע אידען און
דעם פּאַריזער סנהדרין זאָל נישט פּאָרקומען קיין שום חבר'שאַפט, דוּרך
וועלכער די פּאַריזער רעגירונג שטרעבט צו האָבען אַ פּאָליטישען איינפלוס
אויף די אידען. אין דאָזיגען צירקוליאר האָט מען פאָרגעלעגט די גובער-
נאַטאָרען אַ קוריאָזען מיטעל: מען דאַרף ערקלערען די אידען, אז די פּאַ-
ריזער סנהדרין שטרעבט צו רעפאָרמירען די אידישע רעליגיע, דעריבער
פערדינט זי נישט די סימפּאַטיע פון אידישען פאָלק. אויך דער רוסישער
סינאָד איז נישט געבליבען זיצען מיט צוזאמענגעלעגטע הענד; ער האָט
פונאַנדערגעשיקט אַ צירקוליאַר, אין וועלכען ער ערקלערט דורך די גלחים
דעם רוסישען פאלק, אז נאַפּאָלעאָן איז אַ פיינד פון דער קריסטליכער קיר-
כע און—אַ פריינד פון אידען... „צו דער גרעסטער חרפּה פון דער קריסט-
ליכער קירכע—ערקלעט דער סינאָד—האָט ער (נאַפּאָלעאָן) צונויפגערופען
אין פראַנקרייך די אידישע סינאַגאָגען... און אויפגעשטעלט די אידישע
סנהדרין,— דער גאָטעס-לעסטערליכער סאָבאָר, וועלכער האָט פארצייטען
זיך דערוואויגען צו פער'משפט'ן אונזער גאָט און ערלעזער קריסטוס צום
הענגען, און איצט שטרעבט ער צו פעראייניגען די אידען, וועלכע גאָטעס
כעס האָט צושפּרייט איבער דער גאנצער וועלט, און ער (נאַפּאָלעאָן) וויל זיי
(די אידען) שיקען אַראָבצוואַרפען די קריסטליכע קירכע און אויסרופען
נאַפּאָלעאָנ'ען פאַר אַ פאַלשען משיח”... אַזוי אַרום האָט די רעגירונג,
וועלכע איז מבולבל געוואָרען דורך דער ערוואַרטעטער מלחמה, געפאַלען
אויף אַ המצאה אָנצושרעקען די אידען, ערקלערענדיג זיי, אז נאַפּאָלעאָן
איז די אידען אַ שונא, און די רוסישע פּראַוואָסלאַווגע לייט—אז נאַפּאָלעאָן
איז שיער נישט—אַ אידישער משיח; די אידען האָט זי דערצעהלט, אז די
סנהדרין שטרעבט צו רעפאָרמירען דאָס יודענטום און פערניכטען איהם,
און פאַר די רוסען האָט זי ערקלערט, אז... די סנהדרין דאַרף פערניכטען
דאָס קריסטענטום, זייענדיג געגרינדעט דורך דעם אידישען פאלשען
משיח נאַפּאָלעאָן.

אין דער דאָזיגער שווערער לאַגע האָט די רעגירונג ווידער בעשלאָסען
צו דערגעהן דורך אַ אָנפראַגע אויף די ערטער ביי די פאָרשטעהער פון

די אידישע קהלות און זייערע מנהיגים, אויף א וועלכען אופן מען קאן פערווירקליכען די „רעפארם". דער קייזערליכער אוקאז וועגען דער דאזיגער אנפראגע (19-טער פעברואר) איז געווען צוזאמענגעשטעלט אין א אונגעוועהנליך ווייכער פארם: „כדי צו געבען אונזערע אונטערטאנען פון אידישען פאלק א נייעם בעוויז, ווי אזוי מיר זארגען וועגען זייער וואוילשטאנד, האבען מיר אנערקענט פאר גוט, צו ערלויבען אלע אידישע קהלות אין די גובערניעס: ווילנא, גראדנא, קיעוו, מינסק, פאדאל-יען, וואהלין, וויטעבסק און מאהילעוו — אויסצוקלייבען דעפוטאטען און דורך זיי פארשטעלען די גובערנאטארען זייער מיינונג וועגען די מיטלען. וואס זיי וועלען אליין אנערקענען פאר בעקוועמער אויף צו פערווירקלי-כען די פונקטען פון געזעץ פון יאהר 1804. די דעפוטאטען האט מען ארויסגעפאדערט נישט קיין פעטערבורג, נאר אין די גובערניאלע שטעט, כדי זיי זאלען דארט ארויסזאגען זייער מיינונג פאר די גובערנאטארען.— באלד האבען אנגעהויבען אנקומען די „מיינונגען פון די אידישע דעפוטא-טען, אדער פון די „בעפולמעכטיגטע פון אידישע קהלות". די „מיינונגען" זענען ארויסגעזאגט געווארען נישט בלויז וועגען דעם שרעקליכען 34-סטען פונקט מכח דעם אידישען גירוש פון די דערפער, וועלכען אלע דעפוטאטען האבען געבעטען אדער גאר מבטל צו מאכען, אדער, לפחות, אבצולעגען אויף א רייהע יאהרען; מען האט אויך פארגעשטעלט ממשות'דיגע איי-נוענדונגען געגען די איבריגע פונקטען פון דער „אידישער קאנסטיטוציע". די דעפוטאטען האבען געבעטען, אז מען זאל מבטל מאכען די דאפעלטע באלאגען (שטייערען) פון אידישע סוחרים און מיעשטשאנעם, און אז מען זאל געבען די רבנים מעהר מאכט צו משפט'ן צווישען די אידען, ווי אויך צו פערלייכטערען די פונקטען, וואס פערבאטען די אידישע שפראך אין אקטען, וועקסלען און האנדעלס-ביכער; א טייל האבען זיך משתדל געווען וועגען דער דאזיגער שפראך - פראגע, ווייל זיי האבען דערין געזעהען א שטערונג אין מסחר, אנדערע ווידער האבען פערלאנגט, אז מען זאל ער-לויבען צו שרייבען וועקסלען אויף אידיש אויף א סומע, קלענער פון הונ-דערט רובל (דאס האט א שייכות צו א היתר-עיסקא). די דעפוטאטען הא-בען אויך אנגעוויזען, ווי שווער עס איז אין א קורצע צייט פאר די רבנים און מיטגלידער פון מאגיסטראט אויסצולערנען די רוסישע שפראך. זיי הא-בען איינגעשטימט, אז די מיטגלידער פון מאגיסטראט און די אידען וואס קומען אויסערן תחום זאלען אויסטוישען זייערע מלבושים, אבער דערביי האבען זיי בעמערקט, אז די „דייטשע קליידער" פאסטען כלל נישט פאר די אידען, וועלכע טארען נישט גאלען די בערד און דעריבער וואלטען זיי אין די פאלען בעסער וועלען אנטהון א רוסישען לאנגען ראק. וואס אנ-בעלאנגט די געזעצען מכח בילדונג, האבען די דעפוטאטען אנגעוויזען, אז די אידישע קינדער קאנען נישט לערנען אין די אלגעמיינע רוסישע אנ-פאנגס-שולען, ווייל זיי פערשטעהען נישט די רוסישע שפראך, דערפאר

וואלט בעסער גלייכער געוועזן, דאס זיי זאלען אויסלערנען די רוסישע שפראך אין א אייגענער שול (אין חדר), וואו זיי לערנען העברעאיש און „די איידישע רעליגיאן".

ווען די „מיינונגען" פון די אידישע דעפוטאטען זענען ערהאלטען געווארען דורך די גובערנאטארען אין פעטערבורג, איז די פאליטישע שטימונג שוין דארט געוועזן אנ׳אנדערע. אין יולי 1807 האט מען געשלאסען דעם טילזיטער שלום: נאפאלעאן און אלעקסאנדער האבען געמאכט א „הערצליכע הסכמה" וועגען אלערליי פראגען, און רוסלאנד האט שוין מעהר נישט געהאט וואס מורא צו האבען פאר „באנאפארט׳ס אינטריגעס". ממילא איז שוין אויך פאראיבער דער פחד פאר דעם בונד פון די רוסלענדישע אידען מיט דער פראנצויזישער סנהדרין, וועלכע איז מיט א קורצע צייט פריהער פונאנדערגעלאזען געווארען און ממילא איז אויך פערשוואונדען געווארען דאס אפיציעלע רחמנות אויף די בדלות געשטעלטע אידען. עס איז אונטערגעקומען דער טערמין פון גירוש (1-טער יאנואר 1808) — און צוויי מאנאטען פאר דעם טערמין, דעם 19-טען אקטאבער 1807 איז ארויסגעגעבען געווארען א העכסט שטרענגער קייזערליכער אוקאז אויפ׳ן נאמען פון גענעראל-גובערנאטאר פון מערב-קאנט: „די אומשטענדען, וועלכע זענען געוועזן פערבונדען מיט דער מלחמה, האבען געקאנט שווער מאכען און אבשטעלען דאס ארויסזעצען די אידען פון די דערפער. די דאזיגע שוועריגקייטען קאן מען איצט, נאכ׳ן ענדיגען די מלחמה, דערוויטערען דורך א לאנגזאמען און א בעקוועמערען ארויסזעצען. צוליעב דעמע האבען מיר אנערקענט פאר גוט צו בעשטימען די ארדנונג, לויט וועלכע דאס ארויסזעצען די אידען מוז זיך אנהויבען פון בעשטימטען טערמין אהן קיין שום אבלעגעניש אדער אבשוואכונג". די „ארדנונג" איז בעשטאנען דעריין, אז דאס גענצליכע ארויסטרייבען די אידען פון די דערפער האט זיך געמוזט ענדיגען אין א משך פון דריי יאהר: איין דריטעל פון דער אידישער בעפעלקערונג אויפ׳ן ישוב האט געדארפט ארויסגעטריבען ווערען אין יאהר 1808, א צווייטערע — אין יאהר 1809, און דער לעצטער — אין יאהר 1810. כדי זיך עוסק צו זיין אין גירוש, האט מען בעשטימט ספעציעלע קאמיטעטען ביי די גובערנאטארען; די קאמיטעטען איז בעפוילען געווארען, צו פאדערען פון די קהלות, אז זיי זאלען העלפען מיט געלד די ארויסגעטריבענע אידען, דאס הייסט, יענע אידען, וועלכע די רעגירונג האט אהן רחמנות בדלות געשטעלט אהן קיין שום חטא פון זייער זייט.

עס האבען זיך אנגעהויבען די שוידערהאפטע סצענעס פון גירוש. „די, וועלכע זענען נישט ארויסגעפאהרען מיט דעם גוטען ווילען, האט מען אהן רחמנות ארויסגעזעצט מיט דער הילף און בעגלייטונג פון פויערען און סאלדאטען. ווי היימישע פיה, האט מען זיי צונויפגעטריבען אין די קליינע שטעדטלעך און שטעדט, איבערלאזענדיג זיי דארט אויף די

עפענטליכע פלעצער אונטער דעם פרייען הימעל. בעזונדערס גרויזאם זע־
גען פארגעקומען דאמאלס די גירושים פון די דערפער אין דער וויטעב־
סקער גובערניע". פיעל ארויסגעטריבענע האבען געהאט אנגעגעבען א בי־
טע, אז מען זאל זיי אריבערפיהרען קיין נאוואראסיע, אין לאנדווירט־
שאפטליכע קאלאניעס, וואו עס האבען זיך שוין געהאט איינגעארדענט זוי־
עס איז עטליכע הונדערט משפחות, אבער קיין זאפאסען פון גוטע ע.ד
און געלד אויף דער איבערוואנדערונג האט די קאזנא פאר די אידען נישט
געהאט אנגעגרייט גענוג, און די ביטעס האט מען נישט ערפילט. דאס
עלענד פון דער אידישער בעפעלקערונג איז געווארען אזוי שרעקליך, אז
די גובערנאטארען האבען אנגעהויבען שיקען ידיעות קיין פעטערבורג וע־
גען דער אונמעגליכקייט אויסצופיהרען דעם אוקאז וועגען דעם גירוש,
נישט שטעלענדיג אינגאנצען בדלות טויזענדער משפחות. און אט איז
אין סוף דעצעמבער 1808 ארויסגעגעבען געווארען א נייער אוקאז: מען
זאל די אידען לאזען וואוינען אויף זייערע ערטער, ביז מען וועט וועגען
דעם מאכען א נייעם בעפעהל. אין אנפאנג יאנואר האט מען אין פעטער־
בורג געגרינדעט א נייעם קאמיטעט (לויט דער רייהע — שוין דאס
דריטע), כדי צו בעטראכטען אלזייטיג די פראגע וועגען דערווייטערן
די אידען פונ'ם מסחר מיט בראנפען און פיהרען זיי צו א נייער בעשעפ־
טיגונג. אין קאמיטעט זענען בעשטימט געווארען פאר מיטגלידער: דער
סענאטאר אלעקסייעוו, וועלכער האט געהאט אויסגעפארשט די
לאגע אין די מערב־גובערניעס, דער געהיים־ראט פאפאוו, דער גע־
הילפס־מיניסטער פון אינערן קאזאדיאוולעוו און אנדערע. אין
דער קייזערליכער אינסטרוקציע, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אויפ'ן
נאמען פון מנהיג פון קאמיטעט — פאפאוו, איז אנערקענט געווארען, אז
די אונמעגליכקייט ארויסצוטרייבען די אידען פון דארף שטאמט דערפון,
וואס „די אידען האבען, צוליעב זייער ארימקייט, אליין נישט קיין מיט־
לען איינצוארדנען זיך אויף נייע ערטער ביי נייע בעדינגונגען, און די
רעגירונג קאן אויף זיך אויך נישט נעהמען די הוצאה איינצוארדנען זיי
אלעמען ערגעץ וואו אנדערש, אויסערן דארף, — און דעריבער דארף
מען אויפזוכען מיטלען, דורך וועלכע די אידען זאלען קאנען געפינען
זייער חיונה, נאכדעם ווי זיי וועלען דערווייטערט ווערען פון זייער איינ־
ציגער פרנסה — דעם מסחר מיט בראנפען אין די דערפער, איינפאהר־
הייזער און שענקען. דעם קאמיטעט האט מען דערביי אויך בעפוילען,
צו בעקענען זיך מיט דער „מיינונג" פון די אידישע דעפוטאטען.

דריי יאהר האט געארבייט דאס קאמיטעט, און דער רעזולטאט
פון זיין ארבייט איז געווען א מערקווירדיגער דאקלאד, וועלכער איז צו־
געשטעלט געווארען אלעקסאנדער I אין מערץ 1812. אינ'ם דאזיגען אפי־
ציעלען דאקומענט ווערט ארויסגעזאגט צום ערשטען מאל, נאך דער
אויבענדערמאהנטער דעקלאראציע פון ספעראנסקי, אנ'אמת ווארט אין

דער אידישער פראַגע. „די אידען — ערקלערט דער דאָקלאַד — וויל מען
דערדווייטערן פון מסחר מיט בראָנפען אין די דערפער, ווייל זיי זענען דאַ=
דורך שעדליך פאַר די פויערן, דען זיי פערשלעפען זיי צו שכרות; אָבער
דער קוואל פון שכרות ליגט דאָך נישט אין דער שענקעריי, נאָר אינ'ם
רעכט פון די פריצים צו ברייען בראָנפען, אָדער אין דער פראָפינאַציע,
וועלכע איז די הויפט=הכנסה פון די פריצים. אויב מען וועט אַרויסטריי=
בען פון די דערפער זעכציג טויזענד אידישע שענקער, וועלען זיך שטע=
לען אויף זייער אָרט זעכציג טויזענד שענקער=פויערן: די לאַנד=אַרבייט
וועט דאַדורך פערלירען גוטע צעהנדליגער טויזענד אַרבייטער, און די אי=
דען וועלען קיין גוטע לאַנד=אַרבייטער סיי=ווי=סיי באַלד נישט ווערען,
בפרט נאָך ווען די רעגירונג האָט כלל נישט אַזוי פיעל פריי געלד אויף
צו איבערמאַכען שענקער אויף לאַנד=אַרבייטער. דער איד ווערט אין דאָ=ף
נישט רייך אויפ'ן חשבון פון פויער, ער איז געוועהנליך גאָר אָרים און
ציהט קוים זיין שטיקעל תורה פון פערקויפען שנאַפּס און אַנדערע סחורות
פאַר די פויערן, וועלכע זיי האָבען נויטיג; קויפענדיג ביי די פויערן זייערע
פראָדוקטען אויפ'ן אָרט, בעפרייען זיי די פויערן פון דער נויטווענדיג=
קייט, צו פאָהרען אין שטאָדט אַריין, כדי צו בעקומען אַ קונה פאַר זייגע
פראָדוקטען, פערלירענדיג הערביי צייט אָהן קיין שום נוצען פאַר זיך. אין
דער דאָרפישער ווירטשאַפט ערפילט דער איד אַ פונקציע, אַלס פערמיט=
לער, אָהן וועלכער עס קאָן נישט אויסקומען נישט דער פויער, נישט דער
פריץ. אַריבערפיהרען אַלע אידען פון די ישובים אין די שטעדט און הוי=
בען זיי פאַר פאַבריקאַנטען און בעלי מלאכות, אָדער סוחרים איז אונמעג=
ליך, ווייל אין די שטעדט שלאָגט זיך די בעפעלקערונג אויך דורך קוים=
קוים, און גרינדען אויף אַ קינסטליכען אופן פאַבריקען, הייסט „וואַרפען
געלד אין וואַסער“, און די קאַזנאַ האָט כלל נישט קיין פרייע מיליאָנען
אויף אַזאַ מין אונטערנעהמונג. די לעצטע פראָבעס פון דער רעגירונג האָ=
בען געבראַכט בלויז דערצו, אַז דאָס אידישע פאָלק איז געבליבען נישט
בלויז אַזוי אָרים, ווי עס איז געווען פריהער, נאָר עס איז גאָר בדלות
געוואָרען דורכ'ן צווינגען מיט געוואַלד צו פערלאָזען דאָס אַלטע היים
און דאָס געשעפט, פון וועלכען מען האָט געצויגען חיונה הונדערטער יאָה=
רען“. און, זייענדיג איבערצייגט דורך דער דאָזיגער לאַגע פון גאַנצען
(אידישען) פאָלק, ווי אויך מורא האָבענדיג, אַז מען וועט דורך די ווייי=
טערדיגע געוואַלט=מיטלען נאָר אויפרייצען דאָס העכסט בעדריקטע פאָלק
— אַ זאַך, וואָס קאָן ווערען געפעהרליך ביי די איצטיגע פאָליטישע אומ=
שטענדען, אַנערקענט דאָס קאָמיטעט פאַר נויטיג, „באַלד אָבצושטעלען
די געוואַלט=מיטלען און דאָס אַריינמישען זיך פון דער רעגירונג אין אינער=
ליכען אידישען לעבען און איבערלאָזען זיי וואוינען און האַנדלען, ווי
פריהער אויף זייערע אַלטע ערטער“ — די רעגירונג האָט געמוזט נאָכ=
געבען. געווירקט האָבען אויף איהר אָבער נישט אָט די קלאָהרע רייד און

גרונד פעסטע מאָטיווען, וואָס דאָס קאָמיטעט האָט געבראַכט, — מאָ־טיווען וואָס האָבען ענטהאַלטען אַ טויט־קריטיק פאַר'ן גאַנצען סיסטעם פון דער רעגירונגס־אַפּטרופּסות — נאָר די „פּאָליטישע אומשטענדען" זיינען וועלכע דאָס קאָמיטעט האָט לסוף דערמאָהנט אין זיין דאָקלאַד. נאַפּאָלעאָנס אַרמעע האָט זיך אָנגעהויבען דערנעהנטערן צו רוסלאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'אַלרוסישע מלחמה, וועלכע איז געוואָרען אַנ'אַל־געמיינע אייראָפּעאישע. אין אַ מאָמענט, ווען די פראַנצויזישע אַרמעע האָט באמת פערפלייצט מערב־רוסלאַנד, איז פיעל געפעהרליכער געוועזען צו האָבען דאָרט מהנות אונצופרידענע און געדרודפטע, איידער אין יאָהר 1807, ווען מען האָט זיך בלויז געשראָקען פאַר'ן אַריינקומען פון די פראַנ־צויזען אין רוסלאַנד. אַזוי אַרום איז די פראַגע וועגען איבערלאָזען די אידען וואוינען אין די דערפער פערענטפערט געוואָרען פון זיך אַליין לטובת די אידען, אָהן אַ ספּעציעלען אוקאַז. דאָס אויפגערודערטע רוס־לאַנד האָט אינ'ם מאָמענט פון סכנה נויטווענדיג געהאַט פאַר איהר ראַטע־ווען זיך די אָנשטרענגונג פון דער גאַנצער בעפעלקערונג, אויך פון דער אידישער.

די ראָליע פון די אידען אין דער מלחמה פון יאָהר 1812 איז כלל נישט געוועזען אַזאַ אונבעדייטענדע, ווי מען מיינט צוליעב דעם, וואָס די אי־דען האָבען דאַמאָלס געשפּיעלט אַ גאַנץ קליינע ראָליע אין לאַנד און האָ־בען אויך נישט געשיקט קיין רעקרוטען אין דער אַרמעע אריין. די מלחמה איז פאָרגעקומען הויפּטזעכליך אין ביאַלאָרוסיע און ליטא, וועל־כע זיינען געווען געדיכט בעזעצט דורך אידען אין די שטעדט, שטעדט־לעך און דערפער. פון דער סימפּאַטיע מצד דער בעפעלקערונג צו דעם אָדער יענעם צד פון די קעמפּפענדע אַרמעען איז גאַנץ אָפט געווען אָב־הענגיג דער נצחון פון די מיליטערישע אָבטיילונגען, וועלכע האָבען זיך געפונען דאָרט. די פּאָליאַקען האָבען, ווי בעוואוסט, סימפּאַטיזירט מיט נאַפּאָלעאָנען, פון וועלכען זיי האָבען ערוואַרטעט, אַז ער וועט ווידער פעראייניגען פּוילען און ערקלערען איהר פאַר אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה. פיעל קאָמפּליצירטער האָט זיך פאָרגעשטעלט די בעציהונג פון דער אי־דישער געזעלשאַפט צו די קעמפּפענדע צדדים. פון איין זייט, די רדיפות אויף די אידען אין די דערפער: דאָס האָט געמוזט דערוועקען אַ שטאַרקע אונצופרידענהייט ביי דער אידישער בעפעלקערונג געגען דער רעגירונג און, אויב די רדיפות וואָלטען געדויערט ווייטער, וואָלט פאַר די אידען דאָס ערשיינען פון דער פראַנצויזישער אַרמעע געמוזט בעגעגנט ווערען אַלס אַ ישועה אין אונגליק. אָבער דער גירוש איז אָבגעשטעלט געוואָרען נאָך דריי יאָהר פריהער פאַר דער מלחמה און אידען האָבען געהאָפט, אַז דער גרויזאַמער 34־טער פונקט וועגען דעם גירש זאָל זאָר בטל ווע־רען, בפרט נאָך ווען ער איז אַזוי שאַרף פעראורטיילט געוואָרען אינ'ם אָפיציעלען דאָקלאַד פונ'ם קאָמיטעט. פון דער אַנדערער זייט אָבער, אין

נאַפּאָלעאָנ'ס כבוד און בעליעבטקייט ביי אידען שוין לאַנג אָבגעקיהלט געוואָרען אפילו אין די אידישע קרייזען אין מערב-אייראָפּאַ. אין רוסלאַנד, וואו די אידישע בעפעלקערונג איז געווען דאַמאָלס דורכאויס אָנ'אָרטאָדאָקסישע, זענען די רעפאָרמאַטאָרישע אויפטהועכצען פון נאַפּאָלעאָן אָלעמען פאָרגעקומען זעהר געפעהרליך פאַר'ן יודענטום; דאָס אויסטוישען די קהלה-אויטאָנאָמיע אויף אַנ'אָרגאַניזאַציע פון אַ קאָנסיסטאָריום האָט מען בעטראַכט אַלס אַנ'אונגליק פאַר דער נאַציאָן. די חסידישע מאַסען, וועלכע זענען געווען אַממייסטען קאָנסערוואַטיוו, זענען געווען דאַנקבאַר אַלעקסאַנדער 1 דערפאַר, וואָס ער האָט זיי ערלויבט (לויט'ן פּונקט וועגען די סעקטעס און זיין „אידישער קאָנסטיטוציע” פון יאָהר 1804), אויסצוטיילען זיך אין בעזונדערע שוהלען פון דער קהלה. דער מנהיג פון די ביאַלאָרוסישע חסידים, ר ב י ש נ י א ו ר ז ל מ ן פון ל א ז נ י, וועלכער האָט פריהער געהאַט געליטען רדיפות, צוליעב די חשדים, וואָס האָט אויף איהם געוואָרפען די רוסלענדישע רעגירונג, נאָר דערנאָך איז ער אָנערקענט געוואָרען פאַר „בלאַגאָנאַדיאָזשני”, האָט אַרויסגעזאָגט זיך וועגען דער בעציהונג פון די אידישע אָרטאָדאָקסען צוביידע קעמפענדע צדדים אין זיין פאָלגענדער נביאות: „אויב עס וועט מנצח זיין באָנאַפּאַרט, וועט די אידישע עשירות זיך פערגרעסערען און זייער בירגערליכער לאַגע וועט דערהויבען ווערען, דערפאַר אָבער וועלען זיי זיך דערוויטערן פון אונזער פאָטער אין הימעל; אויב אָבער עס וועט מנצח זיין אונזער קייזער אַלעקסאַנדער, וועלען די אידישע הערצער זיך ווענדען צו גאָט, אונזער פאָטער אין הימעל, האָטש אפילו די אידישע אָרימקייט וועט זיך פערגרעסערן און זייער לאַגע וועט ערגער ווערען”. דאָס האָט בעדייט, אַז מען ברויך בעסער צו פערלאַנגען די בירגערליכע נישט-בערעכטיגטקייט, איידער די גלייכבערעכטיגונג, ווייל די ערשטע איז אַ מויער און אַ שטיצע פאַר דער פרומקייט, ווען די לעצטע וועט ברענגען אַ חורבן דעם יודענטום.

אָט די אַלע סבות, ווי אויך די אונבעוואוסטזיניגע (אינסטינקטיווע) אויפגערעגטקייט פון די מאַסען געגען דעם פיינד, וואָס האָט זיך אַריינגעריסען אין לאַנד, האָט געבראַכט דערצו, אַז די אידען פון צפון-מערב-קאַנט האָבען איבעראַל אַרויסגעוויזען געפיהלען פון ערגעבענהייט פאַר רוסלאַנד און אָפט אַרויסגעוויזען אויך וויכטיגע דיענסטען דער רוסישער אַרמעע, אַלס אויסקוקער און צושטעלער פון פּראָוויאַנט. דער בעוואוסטער רוסישער פּאַרטיזאַן ד אַ וו י ד אָ וו דערצעהלט פאָלגענדעס: „די שטימונג פון די פּוילישע איינוואוינער אין גראָדנא איז געווען פאַר אונז זעהר נישט קיין פריינדליכע; דאַגעגען אַלע אידען, וואָס וואוינען אין פּוילען, זענען בכלל געווען אונז ערגעבען און נישט געוואָלט דיענען דעם פיינד, אַלס אויסקוקער; גאַנץ אָפט האָבען זיי אונז געגעבען זעהר וויכטיגע ידיעות וועגען דעם, וואו דער פיינד געפינט זיך”. צוליעב דעם וואָס די

רוסישע רעגירונג האט נישט געקאנט האבען קיין צוטרוי צו דער פויל־
שער אדמיניסטראציע, האט מען איבערגעגעבען די גאנצע פאליציי־אויפ־
זיכט אין גראדנא דעם אידישען „קהל“. דער ווילנער גובערנאטאר האט
אנערקענט, אז „אין דער גאנצער צייט, וואס דער פיינד איז געווען אין
קאנט, האבען די אידען ארויסגעוויזען א בעזונדערע ערגעבענהייט דער
רוסישער רעגירונג“. די פאליאקען זענען געווען שטארק אויפגערעגט דורך
דער אידישער רוסענפריינדשאפט; עס האבען זיך פעשפרייט קלאנגען, אז
די פאליאקען קלייבען זיך אויסצושעכטען אלע אידען און רוסען אין וויל־
נער און מינסקער גובערניעס, ווי אויך אין ביאליסטאקער קאנט. גאנץ
אפט האבען די אידען אויך ארויסגעוויזען מעשים פון מסירת־נפש פאר
די רוסען: די אידען, וועלכע פלעגען בעהאלטען ביי זיך אין שטוב רוסישע
קוריערען (שליחים) מיט דעפעשען און אבפיהרען זיי צום נאטשאלניק פון
דער מיליטערישער אבטיילונג, אדער די, וואס פלעגען געבען די רוסישע
מיליטערישע אנפיהרער נוטיגע ידיעות וועגען דער לאגע פונ'ם פיינד,
פלעגט מען באלד דערשיסען, אויב זיי פלעגען נאר ארייינפאלען אין די
הענד פון די פראנצויזען. אלעקסאנדער I האט וועגען דער דאזיגער איד־
שער מסירת־נפש גאנץ גוט געוואוסט. אין קאליש האט ער אויפגענומען
אויף אנ'אודיענץ די מיטגלידער פון דער קהלה־פערוואלטונג און גערעדט
מיט זיי א לאנג געשפרעך. צווישען די אידען פון יענעם קאנט איז ארום־
געגאנגען אנ'אויפרוף אין דער אידישער פאלקס־שפראך, וואו מען האט
פארגעלעגט אלעמען תפלה צו טהון פאר די נצחונות פון אלעקסאנדער I,
וועלכער וועט ארויסראטעווען די אידען פון דער קנעכטשאפט. בכלל האט
די פאטריאטישע שטימונג ארומגענומען אין א היבשער מאס אויך די
אידישע מאסען.

ביים הויפט־שטאב פון דער רוסישער ארמעע זענען אין די יאהרען
1812—1813 געווען צוויי אידישע „דעפוטאטען“: זינדעל זאנענ־
בערג פון גראדנא און לייזער דילאן פון
ניעסוויזש. די דאזיגע צוויי עסקנים האבען, ווי עס שיינט געשפילט א דאפ־
פעלטע ראליע בשעת דער מלחמה: זיי האבען, אלס פאדריאדטשיקעס אי־
בערגענומען ביי דער אינטענדאנטור אלע בעשטעלונגען, וועלכע זיי פלע־
גען אויספיהרען דורך זייערע אגענטען, און געווען אויך בעפולמעכטיגט
פון די קהלות איבערצוגעבען וועגען די אידישע הצטרכות דעם קייזער און
די הויכע שרים. אין יענע אונרוהיגע יאהרען איז פאר דער רעגירונג געווען
נוצליך צו האבען ביים הויפט־שטאב פארשטעהער פון דער אידישער בע־
פעלקערונג, וועלכע האבען געקאנט האבען אנ'איינפלוס אויף זייערע ברי־
דער און איבערגעבען זיי די אינסטרוקציעס פון דער רעגירונג, וועלכע
האבען געהאט א פאליטישע בעדייטונג. זייענדיג שוין אין אויסלאנד (אין
ברוכזאל) אין יוני 1814, האט דער קייזער אלעקסאנדער ארויסגעזאגט
דורך די דאזיגע דעפוטאטען „זיין אלערהעכסטע גנעדיגע שטימונג פאר

די אידישע קהלות" און מבטיח געווען, אז „ער וועט אינגיכען בעשטימען אן'אויסבעסערונג פון זייער לאגע, לויט ווי זיי פערלאנגען". געפינענדיג זיך נאך אונטער'ן איינפלוס פון די ידיעות וועגען דער פאטריאטישער שטימונג צווישען אידען, האט דער קייזער אלעקסאנדער נוטה געווען אויסצובעסערן די אידישע לאגע, אבער די אלגעמיינע רעאקציע, וואס האט זיך אנגעהויבען אין אייראפא און אין רוסלאנד נאכ'ן וויענער קאנגרעס, איז געווארען א טרויעריגע אויך פאר די אידען.

די פאליטישע קריזיסען פון דער איבערגאנגס-עפאכע (1789—1815) האבען געמוזט ארויסרופען אויך א קריזיס אין עקאנאמישען לעבען פון די פויליש-רוסישע אידען. די אידישע מיליאנען-בעפעלקערונג אין די מערב-רוסלענדישע גובערניעס האט זיך דאמאלס געטיילט אויף צוויי: די גרעסערע העלפט האט געוואוינט אין די שטעדט און שטעדטלעך, די קלענערע — אין די דערפער. די בעמיהונג פון דער רוסישער רעגירונג, אריבערצופיהרען די דארפישע אידען אין שטאדט אריין און בעזעצען פיעל אידען אויף לאנד, האט נישט דערגרייכט איהר ציעל; דערפאר אבער האט זי בעוויזען אריינצוברענגען א מהומה אין דער גלייכגעוויכט צווישען די אינדוסטריעלע בעציהונגען פון דער שטאדטישער און דארפישער אידישער בעפעלקערונג.

דער שטאדטישער איד איז געווען סוחר, בעל-מלאכה, אדער שענקער. אין פיעל שטעדט זענען געווען מעהר אידישע סוחרים, ווי קריסטליכע. בעזונדערס האט זיך פערשטארקט אין יענער צייט דער אנטייל פון די אידען ארויספיהרען די פראדוקטען פון פוילען און רוסלאנד—פוטעררען יאהר-יעהרליך אויף די אויסלענדישע יארידען (אין לייפציג און אנד.), כדי צו קויפען סחורות, בעזונדערס, מאנופאקטור; קיין אויסלאנד פלעגען די יאדען ארויספיהרען די פראדוקטען פון פוילען און רוסלאנ — פוטערווארג, פעל און אנד. וואס מעהר פוילישע טעריטאריעס איז פעראייניגט געווארען מיט רוסלאנד, אלץ גרעסער איז געווארען דער אינערליכער מארק, פאר וועלכען מען האט אריינגעפיהרט סחורה פון אויסלאנד. די אידען האבען זיך באלד א לאז-געטהון אין די אינערליכע רוסישע גובערניעס, אבער דארט האבען זיי זיך בעגעגענט מיט א ווידערשטאנד מצד די רוסישע סוחרים, וועלכע האבען געמאכט א ליארם, אז עס איז פאר זיי אונמעגליך אויסצוהאלטען פון דער אידישער קאנקורענץ; די רוסישע סוחרים האבען דעריבער זיך משתדל געווען ביי דער רעגירונג, אז זי זאל אנערקענען דעם מאנאפאל פון די ארטיגע רוסישע סוחרים, חאטש דאס איז געווען שעדליך פאר'ן רוסישען קונה. אינגאנצען איז אפילו די רוסישע מאנאפאליסטען נישט געלונגען צו פערמאכען די אינערליכע רוסישע מארק פאר די פרעכטיגע און ביליגע אויסלענדישע סחורות, וועלכע די אידישע סוחרים פלעגען סוף כל סוף פארט אריינברענגען אהין אין זייער

דערוויילינגע רייזען, וואָס מען פלעגט זיי ביסלעכווייז ערלויבען (לויט'ן געזעץ פון יאָהר 1804, האָבען די אידישע סוחרים, ווי שוין דערמאָנט, ג'זברויכט צו האָבען דערויף אַ גובערניאַלען פּאַספּאָרט, ווי צו אַ רייזע קיין אויסלאַנד); אָבער די פרייע ענטוויקלונג פונ'ם דאָזיגען אידישען מסחר איז דאָך שטאַרק געשטערט געווען דורך דער גרעניץ, וועלכע האָט דאַמאָלס עקזיסטירט צווישען מערב- און מזרח-רוסלאַנד. די צווייטע שטעדטישע אידישע פּראָפעסיע — מלאכה — האָט געהאַט ווייניגער חשיבות צווישען די אידען, ווי מסחר; בעשעפטיגט האָבען זיך מיט איהר בלויז די אָרימערע אידען. די אַרבייט פונ'ם בעל-מלאכה האָט געבראַכט זעהר ווייניג ריוח; צעכאָווע אָרגאַניזאַציעס צווישען אידישע בעלי-מלאכות האָט מען בעגעגענט זעהר זעלטען. און ווען אַ אידישער בעל-מלאכה פלעגט זיך לאָזען פאַהרען זוכען אַרבייט אין אַ גרעסערע שטאָדט, פלעגט ער דאָרט זיך בעגעגענען מיט אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד מצד די קריסטליכע צעכען. ווי שוין דערמאָנט, האָט נאָך אין דער פוילישער וואַרשא, שוין הארט פאַר דער צווייטער חלוקה פון פוילען, געבראַכט אַזאַ זאַך צו אַ פּאָגראָם אויף אידען. — נעבען דעם אידישען מסחר און מלאכה איז געשטאַנען — דער שענק, וועלכער איז געוועהנליך געווען פּראַוויגינט מיט אַנ'איינפאָהר-הויז. דאָס פערקויפען בראָנפען אין די שטעדט פלעגט פאָרקומען על פי רוב פאַר די פויערן, וואָס פלעגען קומען אין שטאָדט אַריין אויף חגאות און יאַרידען, אָדער מערקט-טעג. אָבער אין די שטעדט האָט די שענקעריי פערנומען ביי אידען אַ צווייט-קלאַסישע בעדייטונג: איהר הויפּט-בעדייטונג איז געווען אין דאָרף.

אלע ערנסטע בעאָבאַכטער פונ'ם דאַמאָלסדיגען עקאָנאָמישען צושטאַנד ביי אידען בעשטעטיגען, אז אין די שטעדט און דערפער זענען די אידישע פערמיטלונגס-טעטיגקייט, אָדער זייער מלאכה געווען די הויפּט-פונדאַמענטען פון דער קולטור-ווירטשאַפט און, אז אָהן אַ אידען האָט מען נישט געקאָנט עטוואָס קויפען אָדער פערקויפען, ווי אויך פערפערטיגען אַ וועלכע עס איז אַרבייט. דער איד האָט געשטרעבט ביליגער צו מאַכען די פּראָדוקציע סיי אין דער מלאכה, סיי אין מסחר; ער האָט זיך בעגנוגענט מיט אַ קליינעם פערדינסט, ווייל ער האָט געלעבט זעהר אָרים און נישט פיעל געברויכט, צו בעפרידיגען זיינע קליינע הצטרכות. דורך דער פערמיטלונג פונ'ם אידישען אויפקויפער, וועלכער האָט זיך געפונען אײַבעראַל, האָט דער פויער געקאָנט פערקויפען ביי זיך אין דאָרף זיינע פּראָדוקטען, אפילו אויך אַזעלכע אונבעדייטענדע, צוליעב וועלכע עס וואָלט איהם נישט געלוינט צו פאָהרען אין שטאָדט אַריין. און ביי אַזאַ איבערהאַפּטער שטענדיגער אַרבייט איז דער איד געווען בכלל אויך אַזוי אָרים, ווי דער פויער, האָטש ער איז איינגאַנצען געווען פריי פון שכרות, וועלכע איז איינע פון די סבות פון דער פויערישער אָרימקייט. די סבה פון דעם אידישען דלות איז געווען — דער גירוש: די אַרויסגעטריבענע אי-

דען פון די דערפער האבען פערפילט די שטעדט און שטעדטלעך מיט
הענדלער און בעלי מלאכות, וועלכע האבען געמוזט פיהרען א קאנקו-
רענץ און ארויסרייסענדיג איינער ביים אנדערן דעם ארימען ביסען
פון מויל.

ווען די אפיציעלע אקטען פלעגען ריידען וועגען דעם „אידישען
מסחר מיט בראנפען“ אין די דערפער, אנווייזענדיג דערויף, ווי אויף דער
איינציגער אידישער בעשעפטיגונג אין דארף, האט מען דערביי גע-
מאכט א פרינציפיעלען פעהלער אין חשבון: דער מסחר מיט בראנפען
איז כלל נישט געווען די איינציגע אידישע בעשעפטיגונג אין
דארף. נעהמענדיג אין ארענדע ביים פריץ, אדער ביי דער קאזנא די פרא-
פינאציע (דעם מסחר מיט בראנפען), האט דער איד געהאלטען אין ארענ-
דע אויך אלע אנדערע צווייגען פון דער דארפישער ווירטשאפט — די
מאלקעריי, די מיהל, די פיש-פאנגעריי; אויסער דעם פלעגט ער זיך בע-
שעפטיגען מיט'ן אויפקויפען תבואה ביי די פויערן און פערקויפען זיי
זאלץ, כלים, קאסעס צו שניידען היי און תבואה און אנדערע נויטווענדיגע
סחורות, וועלכע ער פלעגט ברענגען פון שטאדט אין דארף אריין. אזוי
ארום איז ער געווען שענקער, קרעמער און הענדלער. צווישען דער שטאדט
און דעם דארף האט זיך געצויגען א גאנצע ריהע פון אידישע קרעטשמעס
אדער איינפאהר-הייזער, וועלכע האבען אין יענע יאהרען, ווען קיין באהן
איז נאך נישט געווען, געשפיעלט די ראליע פון סטאנציעס פאר די דורכ-
פאהרער. אין אט די הונדערטער יאהרען איינגעארדענטע ווירטשאפטס-
ארגאניזאציע האט די רעגירונג געשטרעבט צו פערניכטען. נאך אונטער דער
רעגירונג פון יעקאטערינא II האבען די גובערנאטארען שוין
אפט געטריבען די אידען פון דארף אין שטאדט אריין, אנווייזענדיג אויף
א „גרונד-געזעץ“, לויט וועלכען די אידען האבען זיך געמוזט צושרייבען
אלס סוחרים און מעשטשאנעס; דער צווייזייטיגער אוקאז פון יאהר 1795
וועגן דעם, אז „מען זאל זיך בעמיהען אריבערצופיהרען די אידען אין די
אויעזדנע שטעדט אריין, כדי די דאזיגע לייט זאלען זיך נישט ארומשלע-
פען צום שאדען פון דער געזעלשאפט“ — אט דער אוקאז האט פרייגע-
מאכט די הענד די פליסיגע אדמיניסטראטארען. ווען אבער עס איז
ארויסגעגעבען געווארען דער אוקאז פון יאהר 1804 וועגען דעם, אז מען
זאל די אידען אין א משך פון דריי יאהר ארויסטרייבען פון דארף, האבען
פיעל פריצים אנגעהויבען אבצוזאגען זייערע אידישע ארענדאטארען פון
דער ארענדע, נישט דערווארטענדיג זיך אפילו, ביז עס וועט קומען דער
געזעצליכער טערמין. אידען האבען אנגעהויבען לויפען אין שטאדט אריין,
און עס האט דארט באלד פערפעהלט פרנסה נישט בלויז פאר די אנגע-
קומענע, נאר אויך פאר אלטע אידען-תושבים. די רעגירונג האט געצויגען
די אידען צו נייע פראפעסיעס — צו גרינדען פאבריקען און לאנד-ווירט-
שאפטליכע קאלאניעס. אבער דער אידישער ישובניק האט דערצו נישט

געהאַט קיין געלד, און די פּראָפעסיעס זענען איהם טיילווייז אויך געווען
גאַנץ פרעמד; עס איז בכלל שווער געווען צו גרינדען פאַבריקען אויף אַ
קינסטליכען אופן, איידער מען האָט נאָך געהאַט די נויטיגע מערק, וואו
צו פערקויפען די פאַבריקאַציאָנס־פּראָדוקטען. איינציגע פאַבריקען פון וואָל־
ציייג האָט מען געהאַט געגרינדעט אין דער ליטאַ און וואָהלין, אָבער זיי
האָבען, נאַטירליך, נישט געקאָנט געבען קיין פערדינסט צעהנדליגער טוי־
זענד מענשען. און אַט האָבען אַלע זיך געוואָלט אָנחאַפּען אין דער לאַנד־
ווירטשאַפטליכער קאָלאָניזאַציע.

דער אוקאַז פון 1804 האָט געהאַט מבטיח געווען צו געבען די אָרי־
מע אידען, וואָס ווילען ווערען לאַנדאַרבייטער, קאַזיאָנע ערד אין אַ ריי
גובערניעס, הלואות אויף איינצואָרדנען זיך און אַ בעפרייאונג פון אָב־
צאָהלונגען (פּאָדאַטקעס) אויף אַ משך פון עטליכע יאָהר. די אָרויסגעטרי־
בענע ישובניקעס האָבען זיך אָנגעחאַפּט פאַר דער דאָזיגער הבטחה, ווי
פאַר אַ ישועה אין זייער שרעקליכער לאַגע. אין יאָהר 1806 האָבען גרו־
פּעס פון אידישע ישובניקעס אין מאָהליעווער גובערניע (אין די אויעזדען
טשעריקאָוו און אָמסציסלאָוו) זיך געווענדעט צום גובערנאַטאָר מיט אַ
בקשה אַריבערצופיהרען זיי אין נאָוואָראָסישען קאַנט, כדי זיי זאָלען זיך
דאָרט אָנהויבען בעשעפטיגען מיט לאַנד־אַרבייט. דער בעפולמעכטיגטער
פון איינער פון די דאָזיגע גרופּעס, נחום פינקעלשטיין, איז גע־
פאָהרען קיין פּעטערבורג און פאָרגעלעגט דאָרט זיין ביטע דעם מיניס־
טער קאָטשובײ; לויט דער אָנווייזונג פון לעצטען איז נחום פינ־
קעלשטיין אָבגעפאָהרען אין כערסאָנער גובערניע, צו בעטראַכטען און
אויסצוקלייבען ערד פאַר די קאָלאָניסטען. צוזאַמענריידענדיג זיך מיט'ן
כערסאָנער גובערנאַטאָר, הערצאָג רישעליע, האָט דער מיניסטער
קאָטשובײ בעשלאָסען אָבצוגעבען די אידישע קאָלאָניסטען בעזונדערע
חלוקים לאַנד אין די דאָרטיגע סטעפּעס (מדבריות) און בעזעצען דאָרט
די אידען אונטער דער אויפזיכט פון דער נאָוואָרוסישער „עמיגראַציאָנס־
קאָנטאָר". די מאָהילעווער אידישע גרופּעס האָבען נאָך נישט געהאַט בע־
וויזען צוצוגרייטען זיך צו דער איבערוואַנדערונג, ווי עס האָבען זיך אַ
שאָט געטהון ביטעס פון אידישע גרופּעס אין פערשידענע גובערניעס
(טשערניגאָוו, וויטעבסק, פּאָדאָליען און אַנד), אַז מען זאָל זיי אויך בײ־
הילפיג זיין איינצואָרדנען זיך אין לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניעס אין
נאָוואָראָסיע. די צאָהל פון די אידען, וואָס האָבען זיך געוואָלט בעזעצען
אויף לאַנד, איז סוף יאָהר 1806 שוין געווען אַנדערטהאַלבען טויזענד
משפחות, לערך זיבען טויזענד נפשות. די רעגירונג איז מבולבול געוואָ־
רען: זי איז נישט געווען צוגעגרייט, צו קאָנען אַריבערפיהרען און איינ־
אָרדנען אַזוי פיעל נפשות אויפ'ן חשבון פון דער קאַזנאַ. אין יאָהר 1807
האָבען זיך איינגעאָרדענט די ערשטע קאָלאָניעס פון אידישע לאַנדאַרביי־
טער אין דרום־רוסלאַנד; דאָס זענען געווען די קאָלאָניעס: באָבראָוו, קוט,

סיידעס, נוחא, דאָבראַיאַ און איזראַילעווקאַ — אַלע אין כערזאָנער גו־בערניע; בעזעצט האָבען זיך דאָרט לערך דריי הונדערט משפחות, וואָס זענען בעשטאַנען פון צוויי טויזענד נפשות.

די מאַסע אידישע ישובניקעס, וואָס האָבען זיך משתדל געווען. אַז מען זאָל זיי בעזעצען אויף לאַנד, איז אַלץ מעהר געוואַקסען. אין יאָהר 1808, דאָס הייסט, אין דער צייט, ווען מען האָט בעזונדערס שטאַרק גע־טריבען די אידען פון די דערפער, האָבען די ביאַלאָרוסישע גובערנאַטאָ־רען בעלאַנגערט דעם אינערן־מיניסטער מיט ביטעס, צו שיקען קיין נאָוואָ־ראָסיע וואָס מעהר אידישע משפחות. „די ישובניקעס — האָט מודיע גע־ווען דער וויטעבסקער גובערנאַטאָר — האָט מען פלוצלונג אַרויסגעטרי־בען, פערניכטעט זייער עקאָנאָמישען באָדען און בדלות געשטעלט זיי; אַ גרויסער טייל פון זיי פעהלט פשוט טעגליך ברויט און אַ דאַך איבער'ן קאָפּ, און דעריבער געהען פיעל פון זיי קיין נאָוואָראָסיע. פיעל אידען, וועלכע ערוואַרטען, דאָס מען זאָל זיי אַבשיקען קיין נאָוואָראָסיע, האָבען שוין פערקויפט זייער ביסעל בעל־הבתישקייט אינגאַנצען און הערען נישט אויף צו בעטען, דאָס מען זאָל זיי אַהין אַבשיקען, כאָטש נאָר אויף צו וואוינען דאָרט". אין דערזעלביגער צייט איז אָבער אויך דערהאַלטען גע־וואָרען פון דער עמיגראַציאָנס־קאָנטאָר אין נאָוואָראָסיע און פון הערצאָג ר י ש ע ל י ע אַ ידיעה אין פעטערבורג, אַז עס איז דורכאויס נויטיג אַב־צושטעלען דעם שטראָם פון דער עמיגראַציע, ווייל די ערשטע פּאַרטי; קאָלאָניסטען האָבען אויך נאָר מיט גרויס מיה בעוויזען זיך ווי עס איז איינצואָרדנען, און פאַר נייע איז נאָך נישטאָ נישט קיין הייזער, נישט קיין אינווענטאַר. צום אָנהויב יאָהר 1810 האָבען זיך שוין געהאַט געפו־נען אונטער דער פערוואַלטונג פון דער עמיגראַציאָנס־קאָנטאָר ביז טוי־זענד קאָלאָניסטישע משפחות, און עס האָבען געוואַרט אויף דער רייהע, אַז מען זאָל זיי איינאָרדנען, נאָך עטליכע טויזענד משפחות, וועלכע זענען אַליין געקומען אויף די נייע ערטער. צוליעב די אונגעוועהנליכע קלימאַ־טישע בעדינגונגען און דעם פעהלען פון וואוינונגען און פראָוויאַנט, האָ־בען צווישען די דאָזיגע מאַסען זיך אָנגעהויבען פערשפרייטען פערשידענע מחלות. דאָס אַלץ האָט דערוועקט די רעגירונג, אַבצושטעלען די איבער־וואַנדערונג פון די אידען אין די נאָוואָראָסישע קאָלאָניעס (אוקאַז פון 6־טען אַפּריל 1810).

אַזוי אַרום וואָלט די פּראָבע פון דער רעגירונג, צו מאַכען די אידען פאַר לאַנדאַרבייטער זיך גלענצענד איינגעגעבען, ווען נאָר די רעגירונג וואָלט אַליין געווען צוגעגרייט, ווי געהעריג איז, צו אַזאַ גרויסער און וויכטיגער עקאָנאָמישער איבערקעהרעניש. לערך צעהן טויזענד איבער־וואַנדערער זענען אַבגעגאַנגען קיין נאָוואָראָסיע, און גרויסע, אָרימע, עלענדע מאַסען אידען האָבען זיך נאָך געריסען אַהין. אין דערזעלביגער צייט האָט מען אויך אַבגעשטעלט דעם גירוש פון די דערפער אין מערב־

קאַנט,— אַ גירויש וועלכער האָט געקאָנט ווערען אַן׳אונגעוועהנליכע עקאָנאָמישע קאַטאַסטראָפע. נאָך פיעל וואַקלענישען און קריזיסען איז דער אידישער עקאָנאָמישער צושטאַנד ווידער געבליבען שטעהן אויף די פריהערדיגע אַלטע יסודות: מסחר, מלאכה און דאָרפס־אינדוסטריע.

דאָס סיסטעם פון מלוכה־אַפּטרופּסות האָט אויך אָנגעריהרט די זעלבסטפערוואַלטונג פון די אידישע קהלות. שוין אין די לעצטע יאָהרען פון יעקאַטערינאַ דער צווייטערס רעגירונג האָט די רוסלענדישע רעגירונג ארויסגעוויזען אַ שטרעמונג ארומצושניידען אַלץ מעהר די פאָלקאָמע אויטאָנאָמיע פון דער אידישער קהלה, וועלכע איז געווען געזעצליך בעשטעטיגט פריהער, ווען מען האָט נאָך געדענקט די הבטחות פון דער קייזערין פאַר די איינוואוינער פון ביעלאָרוסיע, וועלכע מען האָט אָבגעריסען פון פוילען,— אַז „מען וועט זיי" (די איינוואוינער) איבערלאָזען בייזייערע פריהערדיגע פריויהייטען. די רוסישע רעגירונג, וועלכע איז אָבער נישט געווען געוואוינט צו דער „זעלבסטטעטיגקייט" (Самочинство) פון די אונטערטאַנען, האָט געקוקט מיט חשד אויף דער ברייטער זעלבסטשטענדיגקייט פון דעם „קהל" אין דער אינערליכער ווירטשאַפט, גייסטיגע און יורידישע ענינים, וועלכע מען האָט געהאַט אָנערקענט דעם קהל צוזאַמען מיט דער פליכט, וואָס מען האָט אויף איהם ארויפגעלעגט, איינצומאַהנען ביי די אידען קאַזיאָנע אָבצאָהלונגען. אין די אוקאַזען פון די יאָהרען 1786 און 1795 האָט מען שוין בעגרענצט די טעטיגקייט פון קהל נאָר אויף גייסטיגע ענינים און דער פליכט אויפצומאַהנען די אָבצאהלונגען פאַר דער קאַזנאַ. די „אידישע קאָנסטיטוציע" פון יאָהר 1804 איז אָבער אין דער הינזיכט געגאַנגען נאָך ווייטער: זי האָט איינגעטיילט די דאָזיגע צוויי אויפגאַבען צווישען דעם ראַבינאַט און דעם קהל, וועלכע זענען פריהער געווען פעראייניגט, אַלס אַ גאַנצע זאַך: די רבנים האָט מען ערלויבט, אַכטונג צו געבען אויף די רעליגיעזע צערעמאָניעס און משפּט׳ן די סכסוכים, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער רעליגיע"; דער קהל אָבער האָט געדאַרפט „אַכטונג געבען, אַז די קאַזיאָנע אָבצאָהלונגען זאָלען אָבגעגעבען ווערען צו דער געהעריגער צייט". אט דאָס איז געוואָרען פון דער פאָלקאָמער אויטאָנאָמיע, וואָס עס האָבען געהאַט די אידישע קהלות אין פוילען, מיט זייערע פערשידענע אינסטיטוציעס און צענטראַלע „ועדים" און צוזאַמענפאָהרען.— עס פערשטעהט זיך, אַז פאַקטיש איז די זעלבסטפערוואַלטונג געווען אַ פאָלקאָמערע, איידער זי איז געווען אויפ׳ן פּאַפּיר: די אידען האָבען נאָך ווי פריהער, געהאַט דין־תורה׳ס מכח געלד־זאַכען און פערמעגען (דיני ממונות) ביי זייערע רבנים און דינים; דער פערבאָט פאַר די רבנים ארויפצולעגען אַ חרם, האָט מען אויך נישט שטענדיג אָבגעהיט, ווייל די רבנים האָבען דאָך קיין אַנדער מיטעל נישט געהאַט, צו צווינגען עמיצען, אַז מען זאָל זיי געהאָרכען. פון דער אַנדערער זייט ווידער האָט די רעגירונג אַליין

זיך אויך גענויטיגט אין דער הילף פון קהל ביי'ם אויפמאָהנען די אָבצאָה לונגען פון די אידען און בכלל — א וועלכער עס איז פעראַנטוואָרטליכער אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער מען זאָל קאָנען פיהרען אונטערהאַנדלונגען וועגען אידישע ענינים; די רעגירונג האָט דעריבער שווייגענדיג געקוקט אויף דער טעטיגקייט פון קהל אויך איבער די גרענעצען פון זיין פולמאַכט. ווען די רעגירונג האָט געוואָלט בעקענען זיך מיט דער מיינונג פון די אידישע קהלות וועגען דעם אָדער יענעם געפּלאַנעוועטען אויפטהועכץ פלעגט זי זיך אליין ווענדען צום „קהל" און בעפאָלמעכטיגען איהם, צו שיקען דעפּוטאַטען קיין פּעטערבורג אָדער אין די גובערניאַלע שטעדט (1803 און 1807).

דאָס איז געווען מצד דער רעגירונג א נאָכגעבעריי, אויף וועלכע די אומשטענדען האָבען איהר געצוואונגען. די אידישע מאַסען האָבען געלעבט פעסט צוזאַמענגעשלאָסען, לויט זייער אלטער אייגענאַרטיגקייט, נישט וועלענדיג פערלירען דעם אייגענעם חאַראַקטער און פערזענליכקייט, צומישענדיג זיך מיט דער אַרומיגער בעפעלקערונג, פעראייניגענדיג זייערע אייגענע קהלה-אינטערעסען מיט די אינטערעסען פון דער אלגעמיינער שטאָדטישער זעלבסטפערוואַלטונג, צו וואָס עס האָט לאַנג געשטרעבט די רוסישע רעגירונג. זינט יעקאַטערינאַ'ס צייט האָט די רעגירונג זיך אַרומגעטראַגען מיט דעם געדאַנק „מבטל צו מאַכען די אידישע אָבגעזונדערטקייט" דורך דעם אריינגעהמען די אידען אין די סוחרישע און מיעשטשאַנסקע אָרגאַניזאַציעס. ווען מען האָט פאַרגעשטעלט אין יאהר 1780 די אידען דאָס רעכט אַנטייל צונעהמען אין דער שטעדטישער זעלבסטפערוואַלטונג, — א רעכט, אויף וועלכע די אידען האָבען ביז יענער צייט זיך גאָרנישט געקאָנט ריכטען — און מען האָט זיי ערלויבט אנטייל צונעהמען אין די וואַהלען און אויסגעוועהלט ווערען אלס מיטגלידער פון מאַגיסטראַט און די שטאָדטישע געריכטען, — האָבען די פּעטערבורגער געזעצגעבער געמיינט, אז די בעגליקטע אידישע געזעלשאַפט וועט זיך באַלד אָבזאָגען פון איהר קהל'שער אויטאָנאָמיע און צוזאַמענגיסען זיך מיט די קריסטליכע קלאַסען און דער אלגעמיינער שטעדטישער זעלבסטפערוואַלטונג. סיי די אידישע, סיי די קריסטליכע געזעלשאַפט האָבען אָבער נישט פערווירקליכט די דאָזיגע האָפנונג. די אידען האָבען זיך נישט אָבגעזאָגט פון זייער הונדערט-יעהריגער קהלה-אָרגאַניזאַציע, דערביי זענען זיי אָבער גערן געגאַנגען צו די וואַהלען אין מאַגיסטראַט, וואו עס האָבען געבעל-הביתעוועט זייערע אלטע שונאים — די קריסטליכע סוחרים און מיעשטשאַנעם, און געגאַנגען זענען אהין די אידען, כדי צו קאָנען פערטיידיגען זייערע אינטערעסען — די אינטערעסען פון א היבשען טייל שטייערען-צאָהלער. אָבער אויך דאָ האָבען זיי זיך בעגעגענט מיט א פערביסענעם ווידערשטאַנד מצד די קריסטען. אין צוויי ביאַלאָרוסישע גובערניעס האָט מען אידען געהאַט אויסגעקליבען פאַר מיטגליעדער אין מאַגיסטראַט, אלס ראַטמענער

און מיטגלידער פון געריכט. אָבער על פי רוב האָבען די קריסטען דורך אריינקומען אין דער שטאָדט־פערוואַלטונג. די רוסישע און, בעזונדערס, די פוילישע מעשטשאַנעס האָבען געהאַלטען די נייע אידישע רעכט פאַר אַנאיינגרים אין זייערע אַלטע פּריווילעגיעס. רעכענענדיג זיך מיט דער דאָזיגער שטימונג פון דער געזעלשאַפט, האָבען די גובערנאַטאָר׳ען אין דרום־מערב־קאַנט מיט דער אייגענער מאַכט איינגעשטעלט אַ בעגרענצונגס־נאָרמע פאַר דעם אַנטייל נעהמען פון די אידען אין מאַגיסטראַט. דאָרט, וואו די אידישע בעפעלקערונג איז אין דער מעהרהייט, האָבען זיי ערלויבט אויסצוקלייבען פון די אידען נאָר אַ דריט־חלק פון אַלע מיטגלידער פון אַדמיניסטראַט (1796—1802). די פאַרשטעהער פון דער אידישער מעהרהייט זענען אַזוי אַרום געבליבען אין מאַגיסטראַט שטענדיג אין דער מינדערהייט און נישט געקאָנט דעריבער פערטיידיגען די אידישע אינטערעסען ביי׳ם בעשטימען די שטאָדטישע אָבצאָהלונגען אָדער ביי׳ם משפט׳ן סכסוכים אין די שטאָדטישע געריכטען. בעפולמעכטיגטע פון די פאָדאָליער אידען האָבען אפילו געהאַט אָנגעגעבען אַן אָנקלאַגע געגען דעם אין פעטערבורג, אָבער די אונגעזעצליכקייט פון די גובערנאַטאָרען איז דאָדורך נישט בטל געוואָרען.

אין די צוויי ליטווישע גובערניעס, וועלכע זענען פעראייניגט געוואָרען מיט רוסלאַנד לויט דער דריטער חלוקה פון פוילען, האָט די אָפּאָזיציע פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג געהאַט נאָך אַ גרעסערען ערפאָלג. דאָ איז אויסגעקומען לגמרי אָבצושטעלען די ווירקונג פון געזעץ וועגען דעם אידישען אַנטייל נעהמען אין מאַגיסטראַט. ווען אין ווילנאַ איז דערהאַלטען געוואָרען דער אוקאַז פון סענאַט וועגען אויסקלייבען אידען אויף שטאָדטישע שטעלעס (1802), איז די אָרטיגע קריסטליכע געזעלשאַפט שטאַרק אויפגערודערט געוואָרען. די מעשטשאַנסקע גדלות פון די פריהערדיגע „פאַטערס פון שטאָדט“ און די נידעריגע קלאַסען־רעליגיעז־שנאה האָבען געפונען זייער אויסדרוק אין דער ביטע, וואָס די ווילנער קריסטליכע מעשטשאַנעס האָבען געשיקט צום קייזער אַלעקסאַנדער (פעברואַר 1803). די ווילנער מיוחסים פּראָטעסטירען געגען דעם, וואָס מען האָט אָנגעריהרט זייער אַלטע פּריווילעגיע, „לויט וועלכע עס איז פערבאָטען געווען די אידען און אַנדערע א י נ אָ ו ע ר צ ע ס, צו פערנעהמען אַ שטעלע אין דעם מאַגיסטראַט אין ליטאַ“; דאָס דערלאָזען די אידען אַנטייל צונעהמען אין מאַגיסטראַט—איז אַ אונגליק און אַ חרפה פאַר דער הויפּטשטאָדט פון ליטאַ, ווייל זיי (די אידען) האָבען נישט קיין שום בעגריף וועגען מאָראַל און זייער ערציהונג פערברייטערט זיי נישט צו דער שטעלע פון אַ ריכטער; בכלל האַלט זיך דאָס דאָזיגע פאָלק נאָר דורך שווינדעל“, און ענדליך: „אויב מען האָט באמת ערלויבט די אידען אַנטיילצונעהמען אין מאַגיסטראַט, האָבען די קריסטען גאָר פערלוירען דעם חשק אַריינצוטרעטען אין איהם“. די קריסטען סטראַשען ווייטער, אַז אויב די אידען וועט־

לען אריינטרעטען אין מאגיסטראט אפילו גאר אין דער נארמע פון א דריט־חלק, וועט דאס פאלק דאדורך פערלירען זיין צוטרוי צום מאגיס־טראט און צום געריכט „אנשטאט דעם פאלגען פון קריסטליכען המון דעם געריכט וועט ווערען פשוט א בעליידיגונג ווען קומענדיג אין הייליגען ארט פון געריכט, וועט דער קריסט דערזעהען א אידען, וועלכער וועט ווערען זיין נאטשאלניק און זיין ריכטער, וואס פאלגען איהם פאסט כלל נישט לויט דעם שטאנד, נישט לויט דער רעליגיע פון קריסט.— די קאוו־נער קריסטליכע געזעלשאפט האט אין איהר אנקלאגע מכח דעם זעלביגען ענין געבראכט נאך איין אייזערנעם מאטיוו געגען דעם אריינלאזען אידען אויף מוניציפאלע שטעלעס: בשעת מען ברויכט בעשווערען א קריסט, שטעלט מען אויפ'ן טיש פאר דעם ריכטער א צלם מיט דעם „הייליגען בילד", אבער דער אידישער מיטגליד פון געריכט וועט אויף איהם נישט קוקען נאר טראכטען געגען איהם גאר, לויט זיין רעליגיאן און דערפאר וועט ער נאר אבלאכען פון קריסטליכען זאקאן". די דאזיגע מאטיוען זענען אין די אויגען פון סענאט געווען איבערציינענד, און ער האט צוריקגענו־מען זיין אוקאז וועגען דעם אנטייל נעהמען פון די אידען אין מאגיסטראט אין דער ליטא (1803).

אזוי ארום האט די איינגעשפארטע אבערגלויבישע שנאה פון די „פריווילעגירטע מיעשטשאנעס" געדריקט די אידישע טעטיגקייט אין דער זעלבסטפערוואלטונג און אין אנדערע ערטער האט מען זיי גאר ארויסגע־שטויסען פון איהר. ווי אבגעשטאנען עס זענען געווען די דאמאלדיגע אידישע קהלות, האבען זיי דאך געהאט גענוג בירגער־מוט, צו שרעקען זיי־ערע פארשטעהער אין לאגער פון זייערע פיינד, כדי צו ארבייטען צוזאמען לטובת דער גאנצער שטעדטישער בעפעלקערונג אבער די אבגעשלאסענע מיעשטשאנסטווא, וועלכע איז געווען דורך און דורך איינגעזאפט מיט'ן גייסט פון מיטעלאלטער, האט נישט געוואלט אנערקענען פאר די אידען דאס דאזיגע רעכט פון בירגער. די אידען איז אויסגעקומען צו רעכענען זיך מיט דעם דאזיגען גראבען קאנסערוואטיווען גייסט פון דער סביבה. זיי האבען נאך אלץ געהאט דאך אליין א אייגענע קהלה־פערוואלטונג און, ווען נאר זיי וואלטען צוגעווענדעט זייער גאנצע ענערגיע אהין, וואלט די אויטאנאמיע פון דער קהלה אין א געוויסער מאס צוריק אויפגעלעבט, ניט אבטענדיג אויף אלערליי בעגרענצונגען מצד דער רעגירונג. אבער צו אזא אויפלעבונג האט געשטערט אנ'אנדער אומשטאנד — א טיעפע שפאלטונג אין אינערליכען אידישען לעבען, וועלכער איז ארויסגעקומען פון דער פערי־שטארקונג פון די חסידות אין דער צווייטער העלפט פון אכצעהנטען יאהר־הונדערט און זיך פערענדיגט אין אנהויב 19־טען יאהר־הונדערט.

די עפאכע פון דער פוילישער חלוקה איז געווען אויך אנ'עפאכע פון שפאלטונג אין דעם אינערליכען לעבען פון די פוילישע אידען. צוזאמען

מיט דער אויסערליכער חלוקה איז פאָרגעקומען אויך א אינערליכע, גייסטיגע חלוקה. דער אָרגאַניזם פון פוילישען יודענטום איז צוטיילט געוואָרען צווישען רוסלאַנד, עסטרייך און פרייסען, און זיין גייסט—צווישען רבנות און חסידות. עס איז אפילו אויך געווען א פיעל בעדייטענדע צוזאַמענטרעפונג אויך אין צייט-מאָמענט: דער ערשטער ארויסטריט פון ווילנער ראַבינאַט געגען די חסידים,—אַנ'ארויסטריט, פון וועלכען עס האָט זיך אָנגעהויבען די שפאַלטונג אין רעליגיעזען לעבען פון די פוילישע אידען—איז פאָרגעקומען אין יאָהר פון דער ערשטער חלוקה פון פוילען (1772) און דער לעצטער ענערגישער ארויסטריט פון זעלביגען ראַבינאַט, וועלכער האָט פערענדיגט די שפאַלטונג, איז פאָרגעקומען באַלד נאָך דער דריטער חלוקה (1796). צווישען די דאָזיגע צוויי מאָמענטען ליגט די יוגענד פון דער חסידות, איהר אויסוואַקסען און ענדליכער נצחון. די חסידים האָבען כמעט איינגענומען דעם דרום-קאַנט (וואָהלין, קיעוו און פאָדאָליען); אויסער איניגע שטעדט, וואו זייער שליטה איז נאָך געווען נישט שטאַרק, האָבען זיי איבעראַל געהאַט די מעהרהייט אין די קהלות; זייער נוסח פון די תפלות (דער ספרדישער) ווערט אָנגענומען אין די שוהלען, זייערע מנהיגים, די צדיקים (רביים) נעהמען ארונטער איינגאַנצען אונטער זייער השפעה די רבנות פון די קהלות. אין צפון-מערב-קאַנט האָט די חסידות אין דער זעלביגער צייט בעוויזען צו בעפעסטיגען זיך אין ביאַלאָרוסיע, וועלכע איז מיט צוואַנציג יאָהר פריהער אריינגעקומען אין רשות פון רוסלאַנד און איז געווען פאָליטיש אָבגעשניטען פון איבריגען, נאָך נישט צוטיילטען פוילען. אין ביאַלאָרוסיע איז אויסגעוואַקסען און האָט זיך פערשטאַרקט א בעדייטענדער חסידישער צענטער, וואָס אין זיין שפּיץ איז געשטאַנען דער „רב", רבי שניאור זלמן פון לאָזני אָבער עס זענען נאָך נישט געווען קיין קהלות וואָס זאָלען בעשטעהען בלויז פון חסידים. על פי רוב זענען די אידישע קהלות דאָרט בעשטאַנען פון ביידע עלעמענטען: חסידים און זייערע געגנער, אָרער מתנגדים; אין איניגע קהלות זענען די ערשטע געווען אין דער מעהרהייט. אין אַנדערע—די צווייטע, דערפון זענען ארויסגעקומען סכסוכים און מחלוקת אין די קהלות און אין די שוהלען. אָבער אין דער ליטאָ, וועלכע איז געווען די פעסטונג פון רבנות, האָט די חסידות נישט געקאָנט לאָזען קיין טיעפע וואָרצלען. אין איניגע קהלות, (פינסק, אמדור, מינסק, ווילנאָ און אַנדערע) האָבען זיך בעוויזען קליינע גרופּעס חסידים, וועלכע האָבען געהאַט זייערע „מנינים" (קליינע שוהלכעלעך) און פלעגען זיך אָפט מוזען בעהאַלטען פון דער קהלה-פערוואַלטונג, וואָס פלעגט זיי רודפ'ן, אַלס א פערבאָטענע אידישע סעקטע. אין יאָהר 1794 האָט דער מינסקער „קהל" פערמאַכט א חסידישע שוהל (א „מנין") אין ווילנאָ, אין דער רעזידענץ פון „גאון" רבי אליהו ווילנער, האָבען די חסידים געלעבט אַלס א געהיימע „נישט-לעגאַלע" אָרגאַניזאַציע, נאָר אין די פאַר-

שטעדט פון פינסק און קארלין איז זיי געלונגען איינצואָרדנען אַ פעסטע נעסט מיט אייגענע שוהלען און „צדיקים“. (איינער פון די דאָזיגע צדיקים, רבי שלמה קאַרלינער, איז לויט דער מסורה, דערהרגעט געוואָרען אין יאָהר 1792, בשעת די אַנפאַלען פון די פויליש-רוסישע קאַמפּפּערעאַטען אין מינסקער וואָיעוואָדסטוואָ). פון פינסק און קארלין איז די חסידישע פּראָפּאַגאַנדא געפיהרט געוואָרען אין גאַנץ ליטאָ, און דעריבער האָט מען דאָרט די חסידים גערופען „די קאַרלינער“.

די גערודפ'טע חסידים אין דער ליטאָ האָבען זיך פערשטאַרקט ערשט נאָך דער צווייטער און דריטער חלוקה פון פוילען, ווען דער דרום-מערב-קאַנט אין ליטאָ זענען, צוזאַמען מיט ביאַלאָרוסיע פעראייניגט געוואָרען אונטער רוסלאַנד'ס ממשלה, און אַלע חסידישע צענטרען האָבען זיך געקאָנט פעראייניגען, אַרויסצוטרעטען צוזאַמען געגען די מתנגדים. די פּראָפּאַגאַנדא פון חסידות האָט זיך פערשטאַרקט. כדי צו האָבען מעהר ערפאָלג אין זייער פּראָפּאַגאַנדא, האָבען די חסידים פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער ווילנער גאון האָט חרטה געהאַט אויף אַלע זיינע מעשים געגען די חסידים, און מילא איז דער חרם בטל געוואָרען געגען די חסידים. ווען אין ווילנאָ האָט מען זיך דערוואוסט וועגען דעם דאָזיגען פאַלשען קלאַנג, זענען די מתנגדים זעהר אויפגערעגט געוואָרען און דערוועקט דעם אַלטען גאון, צו פערעפענטליכען אַ בריעף, אין וועלכען ער בעשטעטיגט, אַז זיין בעציהונג צו די „אפּיקורסים“ (ס'הייסט: צו די חסידים) בלייבט די זעלבע און אַלע פריהערדיגע חרמים געגען זיי בלייבען אין זייער קראַפט (מאַי 1796). דעם דאָזיגען בריעף האָט מען איבערגעגעבען צוויי מתנגדישע אַגיטאַטאָרען, וואָס זענען מיט איהם אַרומגעפאָהרען אין פיעל שטעדט און שטעדטלעך, כדי צו פיהרען אַן אַגיטאַציע געגען די חסידים. אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט דער גאון אַרויסגעגעבען אַ נייעם ענערגישען אויפרוף צו די גובערניאַלע קהלות פון ליטאָ, ביאַלאָרוסיע, פאָדאָליען און וואָהלין. „איהר, די בערג פון ישראל — האָט געשריבען דער אַלטער גאון — איהר גייסטיגע מנהיגים פון יעדער גובערניע און איהר, וועלטליכע מנהיגים! איהר, פּרנסים פון די קהלות מאָהילעוו, פּאָלאָצק, זשיטאָמיר, ווינניצע, קאַמענעץ-פּאָדאָלסק, — אין אייערע הענד געפינט זיך אַ האַמער, מיט וועלכע איהר קאָנט צעשלאָגען די פערברעכער, די געגנער פון דער ליכטיגקייט, די שונאים פון פאָלק. וועה צו זיי! זיי צושטערען אונזער תורה, פעלשען אונזער אמונה און טראַכטען אויס אַ נייעם בונד מיט גאָט; אַ צומישונג האָבען זיי אַריינגעבראַכט אין גאָט'ס הויז און ערקלערען פאַלש די דינים פון דער תורה. מען מוז נקמה נעהמען פאַר אונזער תורה, מען ברויכט עפענטליך בעשטראָפען די דאָזיגע משוגעים פון זייערטוועגען גופא. זאָל קיינער אויף זיי קיין רחמנות נישט האָבען און נישט בעשיצען זיי!... זייט קעמפּפער אין גאָט'ס נאָמען!“ — אַרויסגעבענדיג דעם דאָזיגען פייערדיגען אויפרוף איז דער אַלטער גאון

נאַטירליך, געווען פעסט איבערצייגט, אז די נייע סעקטע האָט שוין האַנדערטער טויזענדער אָנהענגער און זי פיהרט די רעליגיאָן און די נאַציע צום אונטערגאַנג, ווייל זי ברענגט אריין א שפּאַלטונג אין יודענטום אין אזאַ צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק איז שוין אָהן דעם אויך צושפּאַלטען געוואָרען צוליעב דער חלוקה פון פוילען. דער גאון האָט זיך אויך געשראָקען פאר צו-גרויסער אמונה, וואָס די חסידים האָבען געהאַט אין זייע״ע רבי״ם—אַ פּונקט, וואָס איז געגען דעם ריינעם גלויבען פון יודענטום. דעם גאונ׳ס כעס איז בעזונדערס שטארק דערוועקט געוואָרען דורך דעם ספר „תניא״ פון רבי שניאור זלמן (דעם רב), וואָס איז ערשינען אין יאָהר 1796, וואו עס איז בעזונדערס בולט פאָרגעשטעלט געוואָרען יענעם רעליגיעז - פּאַנטעאיסטישע סיסטעם פון חסידות, אין וועלכער די הייסע אָנהענגער פון דער אלטער אידישער אַשויאונג האָבען דערזעהען א גאַנץ-טעם-לעסטערונג און אַן׳אַפּיקורסות. אין גאונ׳ס אויפרוף געפינען זיך אויך אָנווייזונגען אויפ׳ן „תנאי״ און דער „רב״ האָט מיט וועהטאָג געשפּירט דעם קלאַפּ, וועלכער איז געריכטעט געוואָרען געגען איהם. דער רב האָט זיך אָבגערופען אויפ׳ן גאונ׳ס אויפרוף מיט א בריעף, אין וועלכען ער דערווייזט, אז מען האָט דעם ווילנער גאון פערפיהרט אין א טעות מכח דער אמת׳ער בעדייטונג פון חסידות, און אויך פאָרגעלעגט דעם גאון, צו האָבען אַנ׳עפענטליכען וכוח מכח דער ספק-פראַגע, כדי „צוריקצושטעלען דעם שלום ביי אידען״.— דער אויפרוף פון ווילנער גאון האָט זיך דערווייל פערשפּרייט אין פיעל קהלות און ארויסגערופען שאַרפע צוזאמענשטויסען צווישען די מתנגדים און די חסידים, דערביי זענען די ערשטע געווען געוועהנלין די אָנפאַלער.

ווען דער חסידישער קרייז אין ווילנאַ איז דורך די אָנפאַלען שוין העכסט געווען אויפגערעגט, איז ער בעגאַנגען א גרויסע אונטאַקטישקייט. נעמליך, ווען דער גאון איז געשטאָרבען אַ יאָהר נאָכדעם ווי עס איז פערעפענטליכט געוואָרען זיין לעצטער אויפרוף (הערבסט 1797) און די גאַנצע ווילנער קהלה האָט אָנגעטהון טרויער-קליידער,— האָט דער ווילנער חסידישער קרייז זיך פערזאמעלט אין א הויז און איינגעאָרדענט דאָרט א פרעהליכע סעודה לכבוד דעם, וואָס די חסידים זענען פּטור געוואָרען פון זייער רודף. די דאזיגע העסליכע דעמאָנסטראציע, וועלכע איז געמאַכט געוואָרען אין טאָג פון גאונ׳ס לויה, האָט ארויסגערופען אַנ׳אמת׳ען שטורם פון כעס און פערביטערונג אין דער ווילנער קהלה. ווען די מנהיגים פון דער קהלה האָבען זיך ווענען דעם דערוואוסט, נאָך זייענדיג אויפ׳ן בית-עולם ביי דער קבורה, האָבען זיי זיך געשוואוירען צו נעהמען גרויזאַמע נקמה. אויף צומאָרגענס איז פאָרגעקומען אַנ׳עקסטראַ זיצונג פון די „ראשי הקהל״ און אנגענומען געוואָרען א גאַנצע רייהע רעפּרעסיעס געגען די חסידים. צוזאמען מיט יענע מיטלען געגען זיי, וועלכע האָבען געדאַרפט פערעפענטליכט ווערען, האָט מען אויך אָנגענומען רעזאָלוציעס ווענען גע-

חיימע מיטלען; דערביי איז אויך בעשלאסען געווארען נאכאמאל ארויפ־צולעגען א חרם אויף די חסידים. א בעזונדערע קאמיסיע פון פינף מיט־גלידער פון קהל האט דערהאלטען א בעפולמעכטיגונג, אויף צו קעמפפען מיט דער „אפיקורסות“; פון די אנגעמערקטע מיטלען אין קאמף זענען געווען אויך מסירות צו דער רעגירונג געגען דעם מנהיג (רב) פון די חסידים, ווי מען האט עס געזעהען שפעטער אין דער ווירקליכקייט.

באלד איז פערווירקליכט געווארען א שענדליכער טהאט. דער גע־נעראל־גובערנאטאר לאפוחין אין פעטערבורג האט דערהאלטען א מסירת „וועגען די שעדליכע מעשים פאר דער מלוכה מצד דעם מנהיג“ (נאטשאל־ניק) פון דער „קארלינער סעקטע“, זלמן בארוכאוויטש, (רבי שניאור זלמן פון לאזני) אין ביאלארוסיע און זיינע מיטווירקער אין ליטא“.— אין פריי־הען הערבסט 1798 האט די גובערניאלע אדמיניסטראציע אויף די ערטער דערהאלטען פון גענעראל־גובערנאטאר א קייזערליכען בעפעהל, צו ארעסטירען אין שטאדט לאזני דעם מנהיג פון דער סעקטע זלמן (דעם רב) און זיינע צוויי און צוואנציג „חברים און מיטהעלפער“ אין דער ליטא. דעם רב האט מען „אבגעשיקט עקסטרענע אונטער א שטארקען קאראיל“ אויסצופארשען איהם אין פעטערבורג און די איבריגע ארעסטירטע האט מען געהאלטען אין תפיסה אין ווילנא. דעם רב האט מען אויסגעפרעגט אין דער געהיימער קאנצעלאריע, וואו מען פלעגט בעטראכטען ענינים וועגען פאליטישע פערברעכענס. מען האט איהם פארגעלעגט א רייהע פון בעשול־דיגונגען: אין גרינדען א שעדליכע רעליגיעזע סעקטע, וועלכע האט גע־מאכט שנוים אין דער ארדנונג פון גאטעס־דיענסט ביי אידען, אין פער־שפרייטען פאלשע אידעען און אין זאמלען געלד אויף א געהיימען צוועק אין ארץ־ישראל. אין דער אויספארשונג האט מען איהם געגעבען אנ־אנצוהערעניש, דאס מען האלט איהם פאר פאליטיש נישט־כשר. אויף אלע פראגען האט דער רב געגעבען אנ'ענטפער זעהר א געניויען און אנ'אוי־שטענדליכען, געשריבען אין העברעאיש. ווען מען האט זיין ענטפער אי־בערזעצט אויף רוסיש, האט ער געמאכט אין פעטערבורג זעהר א גוטען איינדרוק. אויפ'ן סמך פון דאקלאד פון גענעראל־גובערנאטאר צום קייזער פאול דעם ערשטען „וועגען אלע אומשטענדען וואס האבען זיך ארויסגע־וויזען ביי דער „אויספארשונג“, האט דער קייזער בעפויהלען צו בעפרייען „דעם ארעסטירטען זלמן מיט זיינע מיטהעלפער“, אבער „צו האלטען אויף זיי א שטרענגע השגחה“, אויב זיי וועלען האבען וועלכע עס איז גע־היימע בעציהונגען מיט פערזאנען, „וועלכע קריטיקירען די רעגירונג און איהרע מעשים“. אין סוף יאהר 1798 האט מען דעם רב אינגאנצען בעפרייט.

איצט איז געקומען די צייט, ווען די חסידים האבען אנגעהויבען נקמה נעהמען אן זייערע רודפים. צוליעב דעם וואס די הויפט־רודפים זענען געווען די מיטגלידער פון דער ווילנער קהלה־פערוואלטונג, האבען די חסידים בעשלאסען ארויסצושטויסען די ווילנער פרנסים און בעשטימען אויף

זייער אָרט פּרנסים פון די חסידים. דורך שוחד איז געלונגען די חסידים אויסטערציקויפען די אָרטיגע גוּבערניאַלע אַדמיניסטראַציע. ואין אָנהויב 1799 האָבען די ווילנער חסידים אָנגעגעבען א מסירה אויף די ווילנער פּרנסים, בעשולדיגענדיג זיי, אַז זיי האָבען אויסגעגעבען קהל'שע געלד. דער רעזולטאַט פון דער מסירה איז געווען, אַז מען האָט אָראָבגעשטויסען איינינע פּרנסים פון זייער שטעלע און געשלעפּט זיי אין תּפיסה. אַנשטאָט זיי האָט מען, אונטער דער ווירקונג פון דער גוּבערניאַלער אַדמיניסטראַציע אויסגעקליבען נייע קהלס-לייט פון די חסידים, אָדער לויט ער אָנווייזען. אין דער ווילנער קהלה איז פאָרגעקומען א שפּאַלטונג. א טייל זענען געשטאַנען אויפ'ן צד פון די אָראָבגעוואָרפענע קהל-לייט, אַנדערע — האָבען געהאַלטען צוזאַמען מיט די ניי-איינגעקליבענע; די קעמפּפענדע צדדים האָבען אָנגעהויבען שיקען איינע קעגען די אַנדערע מסירות אין פּעטערבורג. די מגפה פון מסירות, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט ביי אידען נישט-צופעליג נעמליך אין דער ערשטער צייט פון דער רוסישער רעגירונג אין דער ליטא, האָט אַרויסגעשטעלט אויף דער בינע א העסליכע פּערזענליכקייט: דעם רב און מוסר, רבי אביגדור חיימאָוויטש פון פּינסק. אלס געוועזענער רב - הגליל אין פּינסק, וואָס האָט פערלוירען זיין שטעלע דורך די אינטריגעס פון די חסידים, וועלכע זענען געווען זיינע געגנער, האָט רבי אביגדור מעהר פאַר אַלץ געדאגה'ט פאַר זיינע פערלוירענע הכנסות. א לאַנגע צייט האָט דער געוועזענער רב זיך געמשפּט מיט זיין קהלה און פערשידענע ריכטער-אַנשטאַלטען. נישט קאָנענדיג עטוואָס בעקומען ביי זיין קהלה, האָט ער בעשלאָסען נקמה צו נעהמען פון די חסידים, דורך וועלכע ער איז פּעראַרעמט געוואָרען. אין אָנפאַנג יאהר 1800 האָט רבי אביגדור אָנגעגעבען אַנ'אָנקלאַגע דעם קייזער פּאַ.ל דעם ערשטען, אין וועלכען ער האָט געשילדערט די חסידים אלס „א געפעהרליכע און שעדליכע” פאַרטיי-אָרגאַניזאַציע, וואָס פיהרט ווייטער די משיחישע טעטיגקייט פון די שבתי-צבי'ניקעס; דערביי האָט ער געבראַכט א גאַנצע רייהע פון ציטאַטען פון די חסידישע ספרים, וועלכע ער האָט בכיון פערדרעהט און זיך בעמיהט צו דערווייזען, אַז די רביי'ם פון די חסידים לערנען זייערע אָנהענגער „זיי דאַרפען מורא צו האָבען נאָר פאַר גאָט, אָבער נישט פאַר מענשען — זיי דאַרפען אַלזאָ קיין מורא נישט האָבען פאַר דער נאַטשאַלסטווא און אפילו אויך נישט פאַר דעם קייזער”. די מסירה האָט געהאַט א ווירקונג. אין אָנדויב נאָוועמבער פון זעלביגען יאהר האָט מען ווידער אַרעסטירט רבי שניאור זלמן פון לאָזני און אָבגעשיקט איהם אין דער בעגלייטונג פון צוויי כעל-נאַם-קוריערען קיין פּעטערבורג. דאָרט האָט מען איהם איינגעשלאָסען אין דער פעסטונג. שפּעטער האָט מען איהם געשטעלט אויג אויף אויג מיט זיין אָנקלאָגער רבי אביגדור. אויף די אַרויסגעשטעלטע בעשולדיגונגען האָט דער רב ווידער געענטפערט שריפטליך, אָבוואַרפענדיג

ענערגיש אלע בעשולדיגונגען אין נישט וועלען אנערקענען די ממשלה פון דער רעגירונג, אין אונזיטליכקייט, אין זאמלען געלד און אין איינארדנען געהיימע פערזאמלונגען מיט א וועלכען עס איז צוועק. סוף נאוועמבער האט מען דעם רב ווידער בעפרייט, נאר איהם איז נאך געווען פערבאטען ארויסצופאהרען פון פעטערבורג, ביז מען וועט בעטראכטען זיין פראצעס, וועלכער איז אריינגעטראגען געווארען פון דער געהיימע עקספעדיציע אין סענאט. אבער ווערענד דער סענאט האט זיך געקליבען צו בעטראכטען דעם פראצעס, איז פארגעקומען די הויף-איבערקעהרעניש פון מערץ 1801 און אויפ'ן טראהן איז ארויפגעשטיגען אלעקסאנדער דער ערשטער. עס האט אנגעהויבען בלאזען א פרישער ווינד, — און דעם 29-טען מערץ 1801 האט מען דעם רב געגעבען די פרייהייט אבצופאהרען פון פעטערבורג, לויט א בעפעהל פון קייזער.

נאכדעם ווי די רעגירונג האט זיך איבערצייגט, אז די אידישע רעליגיעזע שפאלטונג איז גאנץ אונשעדליך פון מלוכה-שטאנדפונקט, האט זי איהר געזעצליך אנערקענט. איינער פון די פונקטען פון דער אידישער קאנסטיטוציע פון יאהר 1804 האט ערלויבט די אידישע סעקטאנטען צו האבען אין יעדער קהלה זייערע אייגענע שוהלען און אויסקלייבען זיך רבנים, מיט דער בעדינגונג נאר, אז די קהלה-פערוואלטונג זאל זיין א שותפות'דיגע פאר אלע אידען אין דער קהלה. דאס געזעץ האט בעשטעטיגט דאס, וואס איז שוין לאנג געווען אריינגעגאנגען אין אידישען לעבען. די רעליגיעזע שפאלטונג איז געווארען א פאקט און די אינערליכע מחלוקת פון די יאהרען 1796—1801 זענען געווען נאר דער לעצטער אקט פון דער שפאלטונג. אבער פאר דער קהל-ארגאניזאציע, וועלכע איז אהן דעם שוין אויך שטארק אויפגערודערט געווארען דורך די פאליטישע איבערקעהרענישען, האט די דאזיגע שפאלטונג געהאט טרויעריגע רעזולטאטען. זייענדיג אבגעשוואכט דורכ'ן אינערליכען קאמף, דעמאראליזירט דורך די מסירות און דעם אריינמישען זיך פון דער רעגירונג אין זייער אינערליכען לעבען, האבען די קהלות נישט געקאנט האבען קיין אחדות, וועלכע איז זיי אזוי שטארק נויטיג געווען אין די ערשטע יאהרען פון אלעקסאנדער דעם ערשטענס ממשלה, ווען די רוסלענדישע רעגירונג האט דורכגעפיהרט איהר פלאן פון „רעפארמירען די אידען" און צוגעצויגען אויך די מנהיגים פון די קהלות אנטייל צו נעהמען אין איהר ארבייט. די קהלות פון דרום-מערב-קאנט, וועלכע האבען זיך געפונען איינגאנצען אונטער דער השפעה פון מיסטיש-חסידישען היפנאז, האבען ארויסגעוויזען א זעהר שוואכע ווירקונג אינ'ם געזעלשאפטליך-עקאנאמישען קריזיס, וועלכער איז געשטאנען פאר'ן אידישען לעבען ווי א שרעקענד-בילד אין דער נאהענטער צוקונפט. די אידישע דעפוטאטען, וועלכע האבען, ווי שוין דערמאהנט, געגעבען זייערע ערקלערונגען אויף די פראגעס פון דער רעגירונג אין די יאהרען 1803—1807, זענען געווען

על פּי רוב פון דער ליטא און ביאַלאָרוסיע, וואו די חסידות האָט זיך נאָך
נישט געהאַט אַזוי שטאַרק איינגעוואָרצעלט, און אין דער אידישער גע-
זעלשאַפט איז נאָך נישט געווען לגמרי אָבגעשטאָרבען דער אינטערעס
פאַר פּאָליטישע געשעהעניסען.

אין דער צייט, וואָס אין מערב-אייראָפּאַ זענען אין אידישען לעבען
פאָרגעקומען רעפאָרמען: די אַלטע מנהגים זענען ביסלעכווייז פערשוואונ-
דען געוואָרען און אַ נייער לעבענס-שטייגער האָט זיך איינגעאָרדענט, זע-
נען די געדיכטע אידישען מאַסען אין מזרח-אייראָפּאַ זיך געבליבען קולטו-
רעל אונבעוועגלין". ביידע כחות, וואָס האָבען געווירקט אין אידישען גייס-
טיגען לעבען, די רבנות און חסידות, האָבען שטרענג אָבגעהיט דעם אַל-
טען לעבענס-שטייגער און נישט געלאָזט אריינברענגען אין איהם וועלכע
עס איז פערענדערונגען. עס איז געבליבען גאַנץ דאָס טראַדיציאָנעלע
סיסטעם פון קינדער-ערציהונג. די אַלטע שול — דער חדר" און די
ישיבות — מיט איהר אויסשליסליך תלמודישער בילדונג האָט געגעבען
דער אידישער יוגענד אַ גרויסען זאַפּאַס פון גייסטיגער ענערגיע, אָבער זי
האָט איהר נישט פארבערייטעט צום פּראַקטישען לעבען; די אידישע פרויען
זענען געבליבען גאָר אָהן קיין שום שול-בילדונג. עס האָט זיך נאָך אויך
פעסט געהאַלטען דער אַלטער פּאַטריאַרכאַלישער שטייגער אין דער
משפּחה: די קינדער פלעגט מען פריה חתונה מאַכען (אין אַנ'עלטער פון
13—16 יאָהר) און האַלטען זיי פיעל יאָהר „אויף קעסט"; ביי אַנ'אונגע-
וואוינליכער אָרימקייט האָבען די מיטגלידער פון דער משפּחה זיך פונ-
דעסטוועגען שטאַרק פערמעהרט, דערביי האָט מען, נאַטירליך, געמוזט
פערקלענערען די פיזישע הצטרכות אויף אַזוי פיעל, אַז דאָס
פאָלק איז אָבגעשוואַכט געוואָרען און אָנגעהויבען דעגענערירען. די
אידישע פּאַטריאַרכאַלישע מאַסע האָט זיך געשראָקען פאַר יעדער בעניי-
אונג, אָדער בילדונג (השכלה), פאַר יעדער פּראָבע, צו דערווייטערן איהר
גייסטיג-געזעלשאַפטליכע וועלט-אַנשויאונג. צו קיין צוזאַמענשטויס צווי-
שען דער רעליגיעזער און וועלטליכער קולטור איז עס אָבער נאָך נישט גע-
קומען. דער קאַמף צווישען דער חסידות און רבנות איז געווען בלויז אַ
ריין-רעליגיעזער קאַמף וועגען דעם, ווי אַזוי מען דאַרף גלויבען אין
גאָט: די אַלטע צוגעבונדענקייט צום וואָרט פון ספר און צום מע-
כאַנישען אָבהיטען פון דין האָט געקעמפּט מיט דער
התלהבות'דיגער מיסטיק און מיט'ן בלינדען „קולט
פון צדיקים".

צי האָט זיך אָבער אויפגערודערט און אויפגעלעבט די פערשטיינער-
טע רבנות אינ'ם דאָזיגען הייסען קאַמף? — אין יענער עפּאָכע איז נישט
צו בעמערקען קיין סימנים פון אויפלעבונג, האָטש מען קאָן יאָ בעמער-
קען פּראָבען פון אַ ריין-טעאָרעטישער בענייאונג. די נייע מעטאָדע צו פינ-

גלייכען די נוסחאות אין די תלמודים בבלי און ירושלמי ביים לערנען תלמוד, אנשטאט דעם פריהערדיגען „פלפול" (סכאלאסטיק) האט זיך פערשפרייט אלץ מעהר אין די ליטווישע ישיבות, ארויסשטויסענדיג בּיסלעכווייז דעם פלפול. מען האט אפילו אויך געגרינדעט א בעזונדערע ישיבה צו לערנען תלמיד — די ישיבה אינ'ם ליטווישען שטעדטעל וואלאזשין (1803) — וואו די נייע מעטאדע איז ספּעציעל אנגעווענדעט געווארען דורכ'ן גאונ'ס תלמיד, רבי חיים וואלאזשינער. פון דער דאזינער ישיבה זענען שפּעטער ארויסגעקומען גאנצע דורות תלמידי חכמים און רבנים „אינ'ם גייסט פון גאון". אין די דאזיגע קרייזען האט מען אויך פיעל ווייניג סובל געווען די „חכמות הצוניות" (וועלטליכע וויסענשאפט), אבער נאר אויפ'ן געביעט פון דער מאטעמאטיק און טיילווייז אויך פון די נאטור־וויסענשאפטען. דער ווילנער גאון, וועלכער האט זיך אליין אויך בעשעפטיגט ביסלעכווייז מיט מאטעמאטיק (בעזונדערס, מיט טריגאנאמעטריע און אסטראנאמיע), האט ערלויבט זיין תלמיד, רבי ברוך שקלאווער, איבערצוזעצען אויף העברעאיש און ארויסגעבען אוי־קלידעס'עס געאמעטריע (1780). פאר דער פילאזאפיע אבער איז געבליבען די מורא אזוי גרויס, ווי פריהער, דען מען האט זיך פעסטגעהאלטען ביים כלל, אז די פרייע פארשונג (די פילאזאפיע) מוז ברענגען שאדען דעם יודענטום און ביידע צוזאמען קאנען זיך נישט האלטען. דער אידישער גייסט האט זיך דעריבער געהאלטען „אין די פיער איילען פון דער הלכה" און זיך אליין פעראורטיילט צו אונפרוכטבארקייט. אין מיטען פון יענעם שטורמישען פערטעל־יאהרהונדערט האט די רבנישע וועלט נישט ארויסגעשטעלט נאכ'ן גאון קיין איינציגע גרויסע ליטערארישע קראפט, קיין איינציגען שריפטשטעלער מיט א ווייטען קוק אויף יענער וועלט, דער שעפּערישער גייסט איז ביי אידען פערשוואונדען געווארען.

מעהר שעפערישע קראפט איז נאך געבליבען אין דער דאמאלסדיגער חסידישער וועלט, הגם קיין אריגינעלע ווערק זענען שוין מעהר נישט ערשינען אזוי פיעל, ווי אין דער צייט פון בעל־שם־טוב און זיינע ערשטע תלמידים, וועלכע האבען זייך נייע ריכטונג ענטוויקעלט און פערשפּריים. צוזאמען מיט'ן נצחון פון פּראקטישען קולט פון צדיקים, וועלכער האט זיך בעשעפטיגט מיט בעווייזען מופתים און האט געצויגען א מאטעריעלע שפע פונ'ם פאלקס־אבערגלויבען, האט אבער נאך אויך געלעבט דער למוד־האמונה — דאס לערנען, ווי אזוי מען דארף גלויבען אין גאט און דיענען צו איהם מיט התלהבות — די וויטערדיגע ענטוויקלונג פון בעל־שם־טוב'ס תורה. אין צפון־קאנט האט זיך פערשפּרייט א נייע חסידישע ווי־כטונג (דאקטרין), וועלכע האט געשטרעבט צו פעראייניגען די תמימות'דיגע אמונה, די פרומקייט מיט איהר התלהבות, מיט'ן למוד־התורה (מיט דער לומדות) פון די ליטווישע למדנים. דער שעפער פון דער דאזיגער ריכטונג איז געווען דער שוין דערמאהנטער העלד פון דער רעליגיעזער

שפּאַלטונג אין דער ליטאַ רבי שניאור זלמן, וועלכער האָט געשטרעבט צו ראַציאָנאַליזירען די חסידות, וועלכע האָט געהאַט אָנגעהויבען אַרויסווייזען אַ שאַרפע נטיה צום פּרינציפּ: „איך גלויב, ווייל עס האָט נישט קיין זין“. פון דער התלהבות פון געפיהל איז ביים מחבר פון „תניא“ געוואָרען אַ התלהבות פון געדאַנק. ער רעדט טיילמאָל וועגען ידיעת־הבורא (וועגען גאָטעס־ערקענטניש) כמעט מיט דערזועלביגער שפּראַך. ווי דער רמב״ם אין „מורה נבוכים“. רב שניאור זלמן זאָגט זיך אָב אינגאַנצען פון׳ם צדיק־קולט אין זיין גראָבער פאָרם פון׳ם מופתים־מאַכעריי, און סגולות־פּדיונות־טרייבעריי, ווי מען בעגעגענט עס ביי די חסידים און רביים אין די דרום־קאַנטען.

אויפ׳ן אַלטען וועג איז זיך געגאַנגען די חסידות אויפ׳ן דרום, אין אוקראַינאַ. די צוויי גרויסע חסידישע רביים רבי לוי יצחק פון בערדיטשעוו (געשטאָרבען 1809) און רבי נחום טשערנאָבילער (געשט. 1799) האָבען טיילוויז נאָך אונטערגעהאַלטען די אַלטע טראַדיציע פון בעל־שם־טוב. דער ערשטער האָט אין זיין „קדושת לוי“ אַרויסגעוויזען דעם גאַנצען ברען פון דער חסידישער אמונה, אָהן איהר קרענקליכער עקזאַלטאַציע (התלהבות). אין זיין פּריוואַטען לעבען איז דער דאָזיגער מנהיג פון די וואָהלינער חסידים געווען אַ הייסער מענשענפריינד און אַ פאָלקס־ליעבהאָבער, וועגען זיין הייסער ליעבע צו די „ערנידעריגטע און בעליידיגטע“ האָט מען זיך דערצעהלט אין פאָלק פיעל מעשה׳לעך. רבי נחום טשערנאָבילער, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט דורך זיינע מגידות (אַלס דרשן און מוסר־זאָגער) און פלעגט אַרומרייזען אין קיעווער קאַנט און אין וואָהלין, האָט אין זיינע דרשות אַריינגעטראָגען מעהר קאַבאַליסטישע עלעמענטען. אין זיינע לעצטע יאָהרען האָט ער זיך איבערהויפּט אָבגעגעבען מיט דער פּראַקטישער טעטיגקייט, דאָס הייסט, מיט׳ן ווייזען מופתים, און איז געוואָרען דער שטאַם־פאָטער פון דער „טשערנאָבילער דינאַסטיע“ פון צדיקים (ס׳הייסט, פון איהם זענען אַרויסגעקומען דורות־דורות „גוטע־אידען“).

בעזונדערס אָן אַ זייט שטעהט זיך די פיגור פון פאָדאָליער צדיק־פאַנטאַזיאָר, רבי נחמן בראַצלאַווער (1772—1810), אַן אור־איינ׳יקעל פון בעל־שם־טוב. אין די יאָהרען 1798—1799 האָט ער געמאַכט אַ רייזע קיין ארץ ישראל, וואו עס איז אין יענער צייט דורכגעגאַנגען נאַפּאָלעאָנס אַרמעע און דער שטורם פון דער צורודערטער אייראָפּאַ האָט זיך אַריבערגעטראָגען איבער׳ן פערחלומ׳טען מזרח. און אָט אין דער צייט איז זיך געשטאַנען דער פאָדאָליער יונגערמאַן (רבי נחמן) און זיך צוגעהערט צו די שטילע שטימען, וואָס האָבען זיך פאַר איהם געלאָזט הע״ען פון די קברים פון די גרויסע בעלי־מקובלים, רבי שמעון בן יוחאי און רבי יצחק לוריא (דער אריז״ל), ווי אויך צו די רייד פון די לעבענדע צדיקים, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין טבריה.

קומענדיג צוריק אַהיים, האָט רבי נחמן זיך בעזעצט אין בראַצלאַוו, וואו ער האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון אַ גרופּע פּאָדאָליער חסידים. אין זיין ענגען קרייז האָט ער אָנגעהויבען צו דרש'ענען, אָדער ריכטיגער — צו חלומ'ן אויפ'ן וואָהר וועגען דער מלוכה פונ'ם גייסט און וועגען דער פער-איינינונג פונ'ם צדיק מיט זיינע חסידים אין דער התלהבות פון דער אמונה; ער האָט גערעדט על פי רוב אין אַפאָריזמען, טיילמאָל האָט ער אויך אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען אין דער פאָרם פון פאָלקס-מעשה'לעך. ער האָט אָנגעשריבען פיעל ספרים („לקוטי מהר"ן" און אַנדערע) און איבעראַל האָט ער דורכגעפיהרט דעם געדאַנק, אַז מען ברויך בלינד צו גלויבען אָהן קיין שום התחכמות. די פילאָזאָפיע האָט ער געהאַלטען פאַר אַ פערדערבען פאַר דער נשמה; צום רמב"ם און די ראַציאָנאַליסטען (דאָס הייסט, די, וואָס האָבען געוואָלט דערווייזען מיט'ן שכל די ריכטיגקייט פון דער אמונה) האָט ער געשפּירט אַן'אמת'ע שנאה. די בערלינער „השכלה", וועלכע איז איהם זעהר ווייניג בעקאַנט געווען, האָט אין איהם דערוועקט אַ אינסטינקטיווען פּחד. רבי נחמנ'ס לעבען איז פריה איבער-געריסען געוואָרען. אינ'ם קרייז פון זיינע ערגעבענע אָנהענגער איז ער גע-שטאָרבען פון שווינדזיכט אין אומאַן, אַלס אַכט און דרייסיג-יעהריגער יונגערמאַן. זיין קבר איז נאָך עד היום אַ מקום-קדוש פאַר די „בראַצלא-ווער חסידים".

דער אַלגעמיינער חסידישער טיפּ, וועלכער האָט זיך אויסגעאַרבייט אין יענער עפּאָכע, איז געווען גלייך ווייט אי פון דער גייסטיגער פערהוי-קעלטקייט פון רבי שניאור זלמן, אי פון דער הייליגער תמימות פון רבי נחמן בראַצלאַווער. די „צדיקים", וועלכע האָבען נאָך זיי פערנומען זייער אָרט ביי די חסידים, האָבען זיך דערווייטערט פון זייער אויפגאַבע, אַלס אמונה-לעהרער, און זענען געוואָרען „פּראַקטיקאַנטען". זייענדיג אַרומגע-רינגעלט פון אַ המון פערברענטע מאמינים, האָבען די דאָזיגע „פערמיט-לער צווישען גאָט און פאָלק" קודם כל געטראַכט וועגען אַרויסבעקומען וואָס מעהר מאַטעריעלען נוצען פאַר זיך פון דער בלינדער אמונה פון די מאַסען. פון די פיעל נדבות, פדיונות און מתנות זענען זיי זעהר רייך געוואָרען און פלעגען לעבען אין פּאַלאַצען, ווי פּוילישע מאַגנאַטען און ריי-כע בישאָפען. דער „חצר" פון בעל-שם-טוב'ס אייניקעל, רבי ברוך טולטשינער (1780—1810) אין מעדזשיבאָזש האָט זיך אויסגעצייי-כענט מיט גרויס לוקסוס; רבי ברוך האָט אפילו אויך געהאַט זיין הויף-בדחן, ווי די פּוילישע מאַגנאַטען פלעגען זיך נוהג זיין. דאָס איז געווען דער בעוואוסטער העלד פון פאָלקס-אַנעקדאָטען, הערשעלע אָס-טראָפּאָליער. צום טיפּ פון די בעלי-מופתים האָבען אויך געהערט די צדיקים אין קרוין-פּוילען (פּריוויסליאַנער קאַנט), וועלכע איז אין יע-נער צייט געווען אונטער דער ממשלה פון די פּרייסען און דערנאָך, אונ-טער'ן פּראָטעקטאָראַט פון נאַפּאָלעאָן (וואַרשאָווער הערצאָגטום). די

צוויי זיילען פון חסידות אין יענעם קאַנט, רבי ישראל קאָזע-ניצער און רבי יעקב יצחק לובלינער (הור-וויץ) האָבען אין אַלע דאַמאָלדיגע פּאָליטישע און קולטורעלע קריזיסען אַ בשורה-טובה, אַז עס איז נאָהענט דער „קץ“, דאָס הייסט, אַז משיח דאַרף איינגיכען קומען. די „חבלי-משיח“ (די יסורים, וואָס אידען מוזען אויסשטעהען, לויט אַן אַלטער לעגענדע, פאַר משיח'ס קומען) האָבען די דאָזיגע „גוטע-אידען“ געזעהען דערין, וואָס עס ווערען חרוב די פּאַטריאַר-כאַלע (פּאַרציייטיגע) יסודות פון אידישען לעבען אין פּוילען, ווי אויך אין די ווילדע נצחונות פון נאַפּאָלעאָן, אָדער אין דער פערמעהרונג פון אפּיקורסות און אויך דערין, וואָס מען האָט אָנגעהויבען נעהמען אידען אין מיליטער. זייענדיג אָבער געטריי דעם הויפּט-פּרינציפּ פון חסידות, „צו דערוויטערן זיך פון עצבות“, האָבען דיביידע דאָזיגע צדיקים פער-בראַכט זייער צייט אין לעבען פרעהליך מיט זייערע חסידים, ביי וועלכע זיי האָבען גענומען רייכע „פּדיונות“ פאַר זייערע קמיעות, עצות און ברכות. אין יאָהר, ווען נאַפּאָלעאָן איז געפאַלען זענען אויך געשטאָרבען ביידע דאָזיגע גוטע-אידען, דערלעבענדיג אָבער דאָס אריינקומען פון די רוסישער הערשאַפט אין קאַנט (1814—1815).

פאַר דער מערב-אייראָפּעאישער השכלה איז שווער געווען אריינ-צודרינגען אין אידישען לעבען, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט צוויי פעסטע מויערן — רבנות און חסידות. אָבער פונדעסטוועגען האָט דאָ און דאָרט אָנגעהויבען אַרויפשווימען אין געזעלשאַפטליכען לעבען דער שוים פון די ווייטע חוואַליעס. פון דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבען קומען נאָהענטער צו די רוסישע גרעניצען דער „בערלינער“ (אַזוי פלעגט מען דאַמאָלס רופען די „משכילים“), וועלכער האָט געטראָגען קורצע, „דייטשע“ מלבושים, פלעגט שערען באָרד און פאות, פערנאַכלעסיגען דעם דאַווענען און נטילת-ידים, ריידען דייטש, אָדער די „לאַנדעסשפּראַכע“ און שווערען ביים נאָמען פון משה מענדעלסאָן. דאָס איז נאָך געווען דערוייל בלויז אַן אויבערפלעכליכע „השכלה“, וועלכע האָט אַרויסגעוויזען איהר השפּעה מעהר אויף אויסענווענינגע זאַכען, איידער אויף אינערליכע, אויפ'ן קאָפּ און האַרצען. דאָס איז געווען נעמליך די „בערלינעריי“, וועלכע איז געקומען פאַר דער השכלה, וואָס איז ערשינען ערשט שפּעטער. די „בערלינעריי“ איז פערשלעפּט געוואָרען קיין ווארשא אין דער צעהניעה-ריגער פּרייסישער הערשאַפט אין קאַנט (1797—1806). די נאָהענטע בע-ציהונג פון ווארשא מיט בערלין האָט געבראַכט איהרע פרוכטען. דער אייראָפּעאישער פריינד פון בערלין האָט זיך בעוויזען אויף די ווארשאַוער גאַסען, און אָפט פלעגט דער לאַנגער מלבוש פון ווארשאַווער חסיד אָב-טרעטען דעם וועג, ווי מבולבל, פאַר'ן דייטשען „געבילדעטען“ מיט זיינע קורצע מלבושים,—ס'האָט זיך אויך בעוויזען ליטעראַרישע נאַכמאַכעריי צו די אידיש-פּרייסישע מוסטערן. אין יאָהר 1796 האָט מען אין ווארשא אָב-

געדרוקט אביסעל פונ'ם מענדעלסאניאנער איזאק קלמנסאן, געשריבען אויף פראנצויזיש (Essai sur l'état actuel des juifs) דאס הייסט: „א חקירה וועגען דעם איצטיגען צושטאנד פון די אידען"; דאס ביכעל איז געווען געווידמעט דעם פרייסישען מיניסטער האיהים, וועלכער האט איינגעפיהרט רעפארמען אין די פוילישע פראווינצען פון פרייסען. דאס בוך ענטהאלט, אויסער א בעריכט וועגען דעם דאמאלדיגען אידישען לעבען, אויך א פראיעקט, ווי אזוי איהם צו רעפארמירען. דער בעריכט איז צוזאמענגעשטעלט געווארען לויט'ן שטייגער פון מערב-אייראפא; ער האט ערקלערט: דאס אידישע אונגליק בעשטעהט אין דער אידישער אבגעזונדערטקייט, ווי זיין גליק בעשטעהט אין אסימילירען זיך מיט די ארומיגע פעלקער. דער פראיעקט פון די רעפארמעס, וועלכע דער איד קלמנסאן האט פארגעלעגט, האט זיך ווייניג וואס אונטערשיידעט פון די דאמאלדיגע פוילישע פראיעקטען פון בוטרימאוויטש און טשאצקי: מען ברויך אבצושוואכען די מאכט פון די רבנים און פון „קהל", אויסווארצלען די חסידות מיט די צדיקים, איינפיהרען א דייטשע הלבשה, גאלען די בערד, גרינדען דייטשע שולען, און איינפלאנצען „ציוויזם" (דאס געפיהל פון בירגערשאפט). — עטוואס שפעטער האט זיך אויף דער בערלינער מלבושים- און מאדע-השכלה בעוויזען א פראנצויזישע בעפארבונג, נעמליך אין די יאהרען פון פראנצויזישען פראטעקטאראט (1807—1812), מען האט דערהערט נייע ליעדער: די ווארשאווער אידישע פראנטען האבען אנגעהויבען פאדערן פאר זיך גלייכבערעכטיגונג „דערפאר וואס זיי האבען אנגעטהון אנדערע מלבושים און געביטען זייערע בעגריפען". אפילו די אנגעזעהענע מנהיגים פון דער ווארשאווער קהלה רופען זיך אן אין זייער פעטיציע צום סענאט „מענשען פון פוילישען פאלק און סטאראזאקאנעם גלויבען", נאכטהוענדיג אין דער הינזיכט דעם פאריזער סנהדרין. דאס איז געווען דאס ערשטע נאאיווע און נאך נישט-דורכגעדאכטע אבזונדערן זיך פון אידישען פאלק און צוהעכען זיך צום פוילישען, פון וועלכען עס האט מיט דער צייט געדארפט אויסוואקסען די גרופע „פאליאקען פון משה'ס גלויבען". די בערלינער משכילים פון פרידלענדערס קרייז האבען זיך בעמיהט צו שטיצען די דאזיגע שטימונג אויף אלע אופנים און אין זייער „מאסף" האבען זיי ארויסגעגעבען אנ'אויפרוף צו זייערע ברידער די איינוואוינער פון פוילען: „ביז ווי לאנג וועט איהר נאך ריידען אויף אייער צובראכענער דייטשער שפראך (אידיש), אנשטאט דער שפראך פון אייער לאנד — פויליש? פון וויפיעל אונגליקען וואלטען אייערע עלטערן פטור געווארען, ווען זיי וואלטען נאר גוט געקאנט צוזאמענריידען זיך מיט זייערע מאגנאטען און מלכים! נעהמט הונדערט אידען פון דייטשלאנד און זעהט: אדער אלע, אדער דאס רוב פון זיי קאנען ריידען מיט פריצים און שרים, און אין פוילען — קוים פינף אדער צעהן פון הונדערט זענען דערויף פעהיג.

אפילו אין ווייטען צפון פון רוסלאַנד זענען פערטראָגען געוואָרען וועלכע עס איז קערנדלעך פון דער מערב־השכלה. וועהרענד דערזשאַווינס רעוויזיע אין ביעלאָרוסיע האָט, ווי שוין דערמאָנט, דער קריסלאָווער דאָקטאָר פראַנק צונויפגעשטעלט אַ פּראָיעקט, ווי אַזוי צו בילדען די אידען. אין פּעטערבורג האָט דער בעל־צדקה אברהם פּרץ געהאַט ביי זיך זיין געוועזענעם לעהרער, לייב נעוואַכאָוויטש, אַגעבוי־טיגער פון פּאָדאָלישען שטעדטעל לעטיטשעוו. אין יאָהר 1803, ווען די אידישע דעפּוטאַטען זענען געקומען קיין פּעטערבורג, לויט דער פּאָדע־רונג פון דער רעגירונג, האָט נעוואַכאָוויטש פערעפענטליכט אַ ביכעל, פריהער אויף רוסיש און שפּעטער אויך אויף אידיש, אונטער'ן נאָמען „קול שועת בת יהודה" — אַ „געשריי פון דער טאָכטער יהודה" מיט אַ ווידמונג דעם מיניסטער פון אינערן, קאָטשובײ, וועלכער איז געווען דער מנהיג פון „אידישען קאָמיטעט". אין דער ווידמונג זאָגט אַרויס דער מחבר זיין גרונד־געדאַנק: ער בוקט זיך פאַר דער „ערהאַבענהייט" פון רוסלאַנד און דאנה'ט פאַר'ן גורל פון זיינע מיטברידער, וועלכע געפינען זיך נאָך נישט אין'ם „וואוילשטאַנד" פונ'ם לאַנד „ווי דערהויבט זיך מיין נשמה — שרייבט דער מחבר—דורך די דאָזיגע זאַכען (דורך די נצחונות און גרויסע שטאַרקייט פון רוסלאַנד), ווי דערנידריגט זי זיך אָבער, ווען איך דערמאָהן זיך אָן דעם טרויער פון מיינע ברידער, וועלכע ווערען אָבגעשטויסען פון הארצען פון זייערע מיטבירגער!" ווייטער קלאָגט זיך „יהודה'ס טאָכטער", וואָס נישט דער 18־טער יאָהרהונדערט „מיט זיין מענשען־ליעבע, טאָלע־ראַנץ און אויסגעהאַלטענקייט"; נישט דער ליעבער פריהלינג פונ'ם נייעם יאָהרהונדערט, ווען עס איז אַרויפגעשטיגען אויפ'ן טראָהן „דער מלך של חסד, אַלעקסאַנדער I, האָט מען נישט אויסגעוואָרצעלט די אייביגע שנאה צו אידען אין רוסלאַנד. „דער נאָמען „איד" איז אין רוסלאַנד אַ זידעל־נאָמען, אַ נאָמען, וואָס מען גיט שלעכטע, פערהאַסטע מענשען". אַנווייזענדיג אויף מענדעלסאָהנען, רופט אויס דער מחבר: „איהר זוכט אינ'ם מענשען דעם אידען! זוכט בעסער אינ'ם אידען דעם מענש — און א־הר וועט איהם בלי ספק געפינען!" נעוואַכאָוויטשעס ביכעל ענדיגט זיך מיט אַ געשריי: „ווען די הערצער פון אַלע אייראָפּאַישע פעלקער האָבען זיך שוין פעראייניגט צווישען זיך, זעהט דאָס אידישע פאָלק נאָך אַלץ, ווי מען פערהאַסט איהם. איך פיהל די גאַנצע שווערקייט פון די דאָזיגען יסו־רים און רוף צו אַלע פיין־פיהלענדע און מיטליידענדע: פאַרוואָס פער־אורטיילט איהר מיין גאַנץ פאָלק צו שנאה און פעראַכטונג?... אָט אַזוי האָט געשריבען די טרויעריגע טאָכטער פון יהודה, אָבווישענדיג איהרע טרעהרען און זייענדיג אונגעטרייסט". דער מחבר אַליין האָט זיך אָבער דוקא באַלד געטרייסט: ער האָט זיך געשמדט און אָנגענומען דעם נאָמען לעוו אַלעקסאַנדראָוויטש נעוואַכאָוויטש; דאַן האָט ער אָנגעהויבען שרייבען מאָראַל־דראַמען פאַר'ן רוסישען פּובליקום, וועל־

כע האבען געהאט ערפאלג, ווייל דאס פובליקום איז נאך דאמאלס געווען א קנאפער מבין אויף דראמען. געוואכאוויטש האט זיך אלזא ארויסגעוויזען פאר א געטרייען תלמיד פון די דאמאליגע בערלינער משכילים, צווישען וועלכע עס איז אין יענער צייט ארומגעגאנגען די שמד-מגפה. אויך אברהם פרץ, זיין פאטראן האט איהם נאכגעטהון, נאכדעם ווי ער איז רואינירט געווארען אינ'ם עסק מיט די קאזיאנע פאדריאדען אין יאהר 1812. די קינדער און קינדס-קינדער פון די דאזיגע ביידע משומדים האבען שפעטער פערנומען הויכע שטעלעס אין דער מלוכה.

א בלאסער אבשיין פון דער דאמאליגער השכלה-ליטעראטור אין מערב-אייראפא בעוויזט זיך אויך אין רוסלאנד. מענדעל לעווין פון סאטאנאוו (1741 — 1819), וועלכער האט נאך געהאט דאס גליק צו זעהען אין בערלין דעם פאטער פון דער השכלה — משה מענדעלסאן, פערפלאנצט איהר נייע זריעה אין זיין פאטערלאנד. ער זעצט איבער אויף העברעאיש „די פאפולערע מעדיצין פון טיסא", „דאס סיסטעם פון לעבענס-מאראל" פון פראנקלין, א רייזע — פון קאמפע; ער מאכט אויך א פראבע איבערצוזעצען „משלי" און „קהלת" אויף אידיש. פאר זא „פערברעכען" איז אויף איהם אנגעפאלען דער בערדיטשעווער שריפטשטעלער טוביה פעדער (געשט. 1817), וועלכער האט אין א שניידענדען פאמפלעט געשטראפט פאר זיין „פראפאנירען" די הייליגע ספרים דורכ'ן איבערזעצען זיי אויף דער שפראך פון דער גאס. פעדער אליין האט געדרוקט א פארשונג וועגען דער העברעאישער גראמאטיק און עקסגעזע (פירושים אויף תנ"ך), מאראלישע ספרים, תמימות'דיגע סאטירען און ליב-געזאנגען. די דאזיגע בלאסע ווערק ווייזען נאך ווייניג ארויס א נייע ריכטונג אין דער ליטערארישער שעפונג, אבער זיי זענען סימנים פון א נייער שטרעמונג: צוזאמען מיט'ן רעליגיעזען ספר — א רבנישען אדער א חסידישען — ערשיינט שוין אויך א וועלטישער, און אט די ערשיינונג אליין רופט שוין אויך א[illegible]ם אנ'אונצופרידענהייט ביי דער דערשראקענער ארטאדאקסיע. דאס זענען געווען די מבשרים פון א נייער צייט אין דער אידישער ליטעראטור.

די רעאקציע.

ווי פארצייטען דער פערסישער מלך קסערקס, האט נאפאלעאן, וועלכער איז שטאלץ געווארען דורך זיינע נצחונות און ממילא אויך גראב און ברוטאל, דערהויבען פעלקער און מלכים, פערשידע[illegible]ביג נעמישט, כדי צו פיהרען א וועלט-מלחמה געגען רוסלאנד; די פעלקער און מלכים זענען געגאנגען מיט נאפאלעאנען אין זיין דאזיגער מלחמה, ווי שקלאווען, וועלכע זענען געצוואונגען נאכצוגעהן מיט זייער הערר. אין דער דאזיגער מלחמה האט מנצח געווען נאפאלעאנען נישט די מאכט פון

זיין נעגנער, נאָר אַ העכערע האַנד, וועלכע האָט פערפינסטערט זיין פערשטאַנד, וואָס איז תמיד געווען אַזוי קלאָר, און געמאַכט איהם קינ־דיש־נאַריש. ווען דאָס גליק האָט זיך פון איהם אָבגעווענדעט האָבען די אַלע מלכים, וואָס זענען פריהער געווען געטריי, אומגעקעהרט זייערע שווערדען געגען איהם. די מאַכט פון די פעלקער, וועלכע ער האָט אַזוי פעראַכטעט פערלאָזענדיג זיך אויף זיין טאַלענט, אַלס גרויסער פעלד־העער, — אַט די מאַכט האָט זיך דערהויבען געגען איהם. קיינער זאָט אָבער דאַמאַלס נישט פאָראויסגעזעהען, אַז די מפלה פון די גרויסע און שטאַרקע וועט אויך מיטברענגען אַ מפלה פאַר די קלענערע און שוואַ־כערע, אַז נאַפּאָלעאָנ'ס מפלה וועט אַריינשטויסען די אידען צוריק אויף אַ לאַנגע צייט אין דער קנעכטשאַפט, פון וועלכער ער האָט זיי דאָך באַ־ט געהאַט בעפרייט, אויב אפילו אויך געגען זיין ווילען. אידישע יונגעלייט פון וואוילהאָבענדע משפחות האָבען זיך העלדיש געוואָרפען אין שטערב־ליכען קאַמף צוזאַמען מיט דער קריסטליכער יוגענד, כדי צו שטירצען דעם ריעז. בעזונדערס שטאַרק האָט אויפגעפלאַקערט דער פאַטריאָטיזם אין פרייסען, און די אידען האָבען זיך דאָרט מאַסענווייז פערשריבען אַלס פרייוויליגע אינ'ם קאַמף געגען נאַפּאָלעאָן. אידישע דאָקטוירים און כי־רורגען זענען געפאַלען קרבנות אין די לאַזאַרעטען און אויפ'ן שלאַכט־פעלד, וואו זיי האָבען געבראַכט הילף די פערוואונדעטע אָדער קורירט די סאָלדאַטען פון אנשטעקענדע מחלות. אידישע מיידלעך און עלטערע פרויען האָבען מיט מסירת־נפש געטראָגען הילף און טרייסט די פערוואונ־דעטע. איבעראַל, וואו די בירגער האָבען זיך געשטעלט אונטער דער פאָהן, צו קעמפען פאַר'ן פאַטערלאַנד געגען נאַפּאָלעאָן, זענען די אידען נישט געבליבען הינטערשטעליג און געשאָנקען זייער בלוט און פערמעגען. אין פונדעסטוועגען האָט זיך ביסלעכווייז ווידער דערוועקט ביי די דייטשען די שוין לפנים פערגעסענע שנאה צו אידען, וועלכע האָט זיך אנגעהוי־בען באַלד פערגרעסערן, ביז זי האָט ענדליך צוגענומען ביי די אידען יענע ברכה, וואָס דער בלוטיגער נצחון איבער'ן פיינד האָט זיי געדאַרפט ברענגען — די ברכה פון בירגערליכער פרייהייט.

מיט דער מפלה פונ'ם גרויסען העלד האָט זיך אָנגעהויבען די הער־שאַפט פון די קליינליכע אינטריגאַנטען, פון די שאַכערער מיט מענשען און לענדער. דאָס ערשטע ווינטעל פון דער אָנגעהויבענער רעאַקציע אין דייטשלאַנד האָבען די ערשטע דערשפירט די אידען. ווי נאָר די האַרמאַ־טען פונ'ם אַנטלויפענדען פיינד זענען פערשוואונדען געוואָרען פון פראַנקפורט, האָבען זיך שוין באַלד געלאָזט הערען הויך די שטימען פון די, וועלכע האָבען איינער דערוועקט דעם אַנדערן מיט'ן אויפרוף: מען מוז קודם כל שטעלען אַ גרעניץ פאַר דער אונערהערטער „אידישער חוצפה". ווי נור די פאַטריציער (די פריצים) זענען געקומען צו דער מאַכט, האָבען זיי באַלד מבטל געמאַכט די אידישע גלייכבערעכטיגונג,

וועלכע איז איינגעפיהרט געוואָרען אונטער דער ממשלה פון די פראַנ־צויזען, אָדער דעם הערצאָג, און מען האָט זיך צוריקגעקעהרט צו דער אַלטער געוואוינהייט (יאַנואַר 1814).

די שטאָדטישע בירגער האָבען דוקא נישט געוואָלט דערנידעריגען שטאַרק די אידען. די קאָמיסיע, וואָס איז בעשטימט געוואָרען אויסצו־ארבייטען אַ געזעץ וועגען אַ נייער אָרדנונג, האָט בעשלאָסען נישט אָב־צונעהמען ביי די אידען די רעכט, וואָס דער הערצאָג האָט זיי געגעבען, אָבער אויך די דאָזיגע קאָמיסיע האָט נישט געוואָלט געבען די אידען קיין פאָלקאָמע בירגערליכע רעכט (9־טען מערץ 1814), נאָר איינינע רעכט אין זייערע פריוואַטע ענינים. די פריצים דאַנעגען האָבען אויך דאָס נישט געוואָלט געבען די אידען; זיי האָבען געוואָלט די אידען פערקנעכטען אויפ'ן געמיינסטען אופן, צו מאַכען זיי צוריק פאַר שוץ־אידען. פראַנק־פורט האָט זיך אָבער נאָך דערווייל געהאַט געפונען אונטער דער קאָנ־טראָל פון אַ פערוואַלטונגס־ראַט, וועלכען מען האָט געהאַט בעשטימט אויף מלחמה־צוועקען, אָדער ריכטיגער, אונטער דער אונפעראַנטוואָרט־ליכער מאַכט פונ'ם הערדן ש ט יי ן, וועלכער איז געווען מעהר פּאַטריאָט, איידער פריינזיניג, און האָט די אידען נישט געקאָנט סובל זיין. ער האָט גרינדליך פיינד געהאַט נאַפּאָלעאָנען, און די דאָזיגע שנאה האָט ער אַרי־בער געטראָגען אויך אויף די אידען, ווייל זיי האָבען פון די פראַנצויזען בעקומען זייער פרייהייט און ביז יענער צייט זענען זיי אויך געווען געטריי און ערגעבען נאַפּאָלעאָנען. קאָנענדיג מיט איין שאַרפען וואָרט פערניכטען די שנאה פון די פראַנק־פורטער צו די אידען, האָט ער דאָס וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט, און די שנאה איז געוואַקסען אַלץ מעהר. די אידען מוזען בלייבען, ווי פריהער, בערגעטראָגען נישט בלויז אויף די פראַנצויזען, נאָר אויך אויף די אידען; קאַמערקנעכט, בעגרעניצט אין זייערע עסקים, איינגעשלאָסען אין גהעטאָ און נישט האָבען אפילו אויך דאָס רעכט אויף חתונה האָבען. דער פראַנק־פורטער סענאַט האָט אָנגענומען די צווייזייטיגע רעזאָלוציע, אַז „די ביר־גערליכע און קהל'שע אינטערעסען בלייבען אויף דערווייל אָבגעהאַלטען" (19־טען יולי 1814). אומזיסט האָבען די מנהיגים פון דער פראַנקפורטער אידישער קהלה זיך געווענדעט צו שטיינען מיט אַנ'אָנקלאַגע, אַז מען וויל זיי ווידער פערקנעכטען; אומזיסט האָבען זיי אָנגעוויזען, אַז זיי האָבען שוין געהאַט געקויפט זייער גלייכבערעכטיגונג פאַר באַר געלד ביים הער־צאָג און אַז זייער יוגענד האָט צוזאַמען מיט דער דייטשער גלייך פער־גאָסען איהר בלוט אינ'ם קאַמף פאַר דער אַלגעמיינער בעפרייאונג פון נאַפּאָלעאָנען. — ער האָט זייער דערויף קאַלט געענטפערט, אַז ער קאָן נישט אויפטהון פאַר זיי, און זיי מוזען זיך פערלאָזען נאָר אויף דער גוטסקייט און אָרענטליכקייט פון דער שטאָדטישער רעגירונג.

דעםביישפּיל פון דער פראַנקפורטער רעגירונג האָבען באַלד נאָכ־געטהון אויך אַנדערע שטעדט פונ'ם האַנזא־בונד. אין ה אַ מ ב ו ר ג

איז די בעציהונג געוועזן אַ פערקעהרטע, ווי אין פראַנקפורט. דאָ איז דער
סענאַט געוועזן געשטימט פריינדליך פאַר די אידען, און, לפחות די רייכע
אידען, וואָלט ער גערן געגעבען גלייכבערעכטיגונג, דען ער האָט ערוואַר-
טעט, דאָס דורך דער אידישער גלייכבערעכטיגונג וועט זיך דערהויבען און
אויפבליהען דער מסחור, וועלכער איז געפאַלען אונטער דעם פראַנצויזי-
שען בעל-הבת'עווען אין לאַנד. די האַמבורגער קליינבירגער זענען אָבער
געוועזן געשטימט געגען די אידען און זיי האָבען געשטרעבט איינצופיה-
רען צוריק די אַלטע בעגרענצונגען געגען זיי פון יאָהר 1710. — אין לו-
בעק און ברעמען האָבען די בירגער זיך נישט צופרידענגע-
שטעלט אפילו אויך מיט דער אידישער בעגרענצונג; זיי האָבען גאָר גע-
מאַכט אַ פאָרשלאַג, דאָס מען זאָל די אידען אַרויסטרייבען פון זייערע
שטעדט. אין האַנאָווער, הילדעסהיים, ברוינשווייג
און העססען האָט מען אויך פלוצלונג צוגענומען ביי די אידען זייער
גלייכבערעכטיגונג. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס האָט געמאַכט אַ געוואַל-
דיגען איינדרוק אויף אַלע אידען אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבען שוין
איינגעזעהען, ווי וועניג מען קאָן זיך פערלאָזען אפילו שוין אויף פאַר-
מעלע געקויפטע און בעשטעטיגטע גלייכבערעכטיגונג, ווי דאָס איז פאָר-
געקומען אין פראַנקפורט. די רעאַקציע אין דייטשלאַנד איז בכלל גע-
גען פיעל געשווינדער און ווייטער, ווי אין פראַנקרייך. אויך דאָרט האָבען
שוין איצט געוועלטיגט די קאַטוילישע גלחים און די פריצים אין הויף
פון לודוויג דעם אַכצעהנטען און זיי האָבען זיך בעצויגען צו אַלע פריי-
הייטען, וואָס דאָס פאָלק האָט בעקומען דורך דער רעוואָלוציע פון יאָהר
1789, ווי צו אַ זאַך, וואָס איז שוין ממילא בטל געוואָרען מיט אַרויפ-גיין
אויפ'ן טראָהן פון אַ געזעצליכען פראַנצויזישען קעניג. אָבער פונדעסט-
וועגען האָט מען געלאָזט צורוה די אידען און זייערע אויסגעקעמפטע
רעכט נישט אָנגעריהרט. די קאַטוילישע רעליגיאָן איז אפילו אָנערקענט
געוואָרען פאַר אַ מלוכה-רעליגיאָן און דעם אידישען קאָנסיסטאָריום האָט
די מלוכה אויפגעהערט צו צאָהלען איהר געהאַלט; אָבער אין אַלע איב-
ריגע הינזיכטען איז די אידישע גלייכבערעכטיגונג נישט געשטערט גע-
וואָרען.

די דייטשע אידען, וועלכע האָבען איינגעזעהען, ווי שלעכט עס האַלט
מיט זייער פרייהייט, פאָלקס-כבוד און אפילו אויך מיט זייער עקזיסטענץ,
בעזונדערס, אין די אַזוי גערופענע דייטשע „פריישטעדט“, האָבען דערי-
בער צוגעווענדעט זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט דעם וויענער קאָנגרעס,
וועלכער האָט געדאַרפט צוריק אויסגלייכען די אויסגעלונקענע אברים פון
אייראָפּא. פון דאָזיגען קאָנגרעס האָבען אַלע ערוואַרט אוניווערזאַל-מיטלען,
און אויך די אידען האָבען ערוואַרט, דאָס עס וועט פערזיכערן זייער פריי-
הייט. די פראַנקפורטער אידען האָבען געשיקט קיין וויען צוויי דעפוטיר-

טע 1) (שליחים), כדי צו דערלאנגען דעם קאנגרעס א מעמאראנדום, אין וועלכען זיי האבען אלזייטיג דערוויזען די געזעצליכקייט פון זייער גלייכבערעכטיגונג, נעמליך: דאס זיי האבען געקויפט זייער גלייכבערעכטיגונג ביים הערצאג פאר א גרויסע סומע געלד און אויסערדעם האבען זיי געהאט א פאטריאטיש רעכט דערמיט, וואס זיי האבען גלייך מיט אלע דייטשען אנטיילגענומען אין דער בעפרייאונגס=מלחמה געגען נאפאלעאנען. הינטער די קוליסען האבען געארבייט צוזאמען מיט די אידישע דעפוטאטען איינינע איינפלוסרייכע פערזענליכקייטען. אין יענער צייט איז שוין געווען שטארק אויסגעוואקסען ראטשילדס באנק=הויז און האט געהאט א גרויסען איינפלוס ביי מלכים און פירשטען. ווי קרוב עס האבען געקוקט די שונאי=ישראל אויף יעדער אידישער עשירות, האבען זיי דאך נישט געקאנט געפינען קיין שום שאטען, אדער א פלעק אין ראטשילדס עשירות. די אונגעהויער גרויסע סומע געלד, וואס דער פירשט פון העסען האט אבגעגעבען פאר א פיקדון דעם גרינדער פון ראטשילדס באנק=הויז, מאיר אנשיל ראטשילד, האט מאיר געהיט, ווי א הייליגע זאך און מיט מסירת נפש פאר די פראנצויזען. ווען דער העסענער פירשט איז שפעטער צוריקגעקומען, און מאיר אנשיל ראטשילד האט איהם אבגעגעבען זיין געלד נאך מיט פראצענט אינגאנצען, איז זיין נאמען שטארק דערהויבען געווארען אפילו אויך ביי די פראנקפורטער שונאי=ישראל. מאיר אנשיל ראטש.. איז געשטארבען, נאך איידער די רעאקציע האט זיך אנגעהויבען (19=טען סעפטעמבער 1812), איבערלאזענדיג פינף זיהן, וועלכע האבען שטארק פערגרעסערט זיין באנק=געשעפט. ראטשילדס באנק=הויז האט אפילו געהאט אנגענומען א כלל, נישט צו מישען זיך אין פאליטישע ענינים מיט זייער געלד און איינפלוס לטובת די אידען, אבער עס איז קיין ספק נישט, אז זיי האבען נישט געקאנט פערהאלטען זיך גלייכגילטיג, זעהענדיג, ווי מען וויל בעגרעניצען די רעכט פון זייערע ברידער אין זייער געבורטס-שטאדט — פראנקפורט און דעריבער האבען זיי, בלי ספק, געארבייט אין דער ריכטונג בשעת דעם ווינער קאנגרעס און זיך משתדל געווען ביי זייערע בעפריינדעטע פירשטען. אויך די אידישע באראנעסע פ א נ י פ א ן א ר נ ש ט יי ן, וואס אין איהר הויז פלעגען אפט אריינקומען די מיטגלידער פון קאנגרעס און דיפלאמאטען, האט אויך געוויס אין דער שטיל געטהון אלץ, וואס נאר מעגליך לטובת די אידען, בפרט, אז די זאך איז פאר איהר געווען נישט שווער, דען איהר הויז איז געשטאנען זעהר הויך, און מען האט עס געהאלטען פאר א כבוד צו זיין אנ'איינגעהער ביי איהר. די דייטשע פאליטיקער, וואס האבען אנטיילגענומען אין קאנגרעס האבען זיך ארויסגעוויזען גינסטיג געשטימט פאר די אידען. ה א ר.

*) איינער פון זיי איז געווען יעקב ברוך, בערנ'ס פאטער, וועלכער האט געהאט, אלס פינאנץ=אגענט פון קעלנער קורפירשט, זעהר פיעל פריינד אין עסטרייכישען הויף.

דענבערג און מעטערניך האָבען שריפטליך ארויסגעזאָגט זייער אונצופרידענהייט דערמיט, וואָס מען האָט אָנגעהויבען רודפ'ן די אידען אין די האַנזאַ-שטעדט (1815), און זיי האָבען געראַטען, ריכטיגער בעפוילען דעם סענאַט, צו בעגעהן זיך מיט די אידען מענשליך און גערעכט.

אין דעם פראָיעקט פון דער קאָנסטיטוציע פאָר דייטשלאַנד, וועלכען עס האָט אויסגעאַרבייט דער פרייסישער בעפולמעכטיגטער, ווילהעלם פאָן הומבאָלדט, פאָרגעלעגט געוואָרען מעטערניכען און אָנגענומען געוואָרען צו דער בעראַטונג, איז אָנערקענט געוואָרען די אידישע גלייכבערעכטיגונג. כאָטש אויך דאָ איז וועגען זיי געווען אַ בעזונדערער בעדינגונגס-פונקט: „די דריי קריסטליכע רעליגיאָנס-פאַרטייען — ווערט דאָרט געזאָגט — האָבען אין אַלע דייטשע מלוכות גלייכע רעכטע, און פאַר די אידען ווערען אָנערקענט אַלע בירגער-רעכט, כל זמן זיי זענען מקבל אויף זיך אַלע בירגערליכע פליכטען".

אָבער בלויז דער גוטער ווילען פון ביידע קאָנצלערס איז נאָך ווייניג געווען אין יענער צייט, אפילו אויך ווען די מלכים וואָלטען מיט זיי געהאָט איינגעשטימט. פאָר די אידען איז ענטשטאַנען אַ נייער פיינד, וועלכער איז געווען פיעל געפעהרליכער און עקשנות'דיגער, איידער די קאָנקורענץ-קנאה, אָדער די גדלות און גאוה פון די צעכען, — דאָס איז געווען די דייטשטומלעריי. דער נצחון, וואָס די דייטשען האָבען אָבגעהאַלטען איבער די פראַנצויזען, איז פאָר אַ טייל דייטשען געווען אַזאַ אונערוואַרטעטע זאַך, אַז עס האָט זיך געדאַכט, ווי אַ מעשה-נסים, און אַט זענען פיעל פון זיי גאָר מבולבל געוואָרען און אָנגעהויבען חלום'ן וועגען עפּעס גאָר אונמעגליכעס. די יונגע שריפטשטעלער מיט די פוסטע מחות זענען אַזוי פערשכורט געוואָרען מיט'ן נצחון איבער די פראַנצויזען, אַז זיי האָבען פערלוירען יעדע מאָס ביים אָבשאַצען די בעדייטונג און דעם ווערט פון די געשעהענישען און אין מח איז ביי זיי געוואָרען אַן'אמת'ער מיש-מאַש. אַלץ, וואָס טראָגט נאָר נישט דעם כאַראַקטער פון ריין דייטש איז זיי געוואָרען פערהאַסט. די ראָמאַנטישע שול שלעגעל, ארנים און ברענטאַנא מיט זייערע חברים האָבען אָנגעהויבען שילדערן די גאַנצע אכזריות פונ'ם מיטעלאַלטער, ווי עפּעס אַ הייליגע און אַ שענע זאַך, און די פערבלענדעטע דייטשען האָבען זיך געלאָזט איינרעדען און בתמימות אָנגעהויבען צו פערגעטערן די אַלטע, פאַרצייטיגע אכזריות און גראָבקייט, האַלטענדיג פאָר אַ הייליגע אויפגאַבע דאָס אַלץ אויפצולעבען און פערווירקליכען. צום מיטעלאַלטער האָט אויך געהערט דאָס קריסטענטום און דאָס שטרענגע גלויבען אין אַלץ. פרום זיין אין מיטעלאַלטערליכען זין האָט אָבער געקאָנט זיין נאָר אַ קאַטאָליק, וועלכער האָט געהאַלטען דעם פויפסט פאָר דער העכסטער אויטאָריטעט און אַט האָבען די כשר'ע ראָמאַנטיקער אויך אָנגעהויבען שטרעבען צום

דאזיגען ציעל. ג ע ר י ס, פ ר י ע ד ר י ך שלעגעל און אדאם מ י ל ע ר זענען אין זייער קאנסעקווענץ אריבערגעטראטען צום קאטוי-לישען גלויבען און געהאלפען בענייען די מלוכה פון די יעזואיטען און דער אינקוויזיציע. דער פראטעסטאנט ג ע נ ט ש, וועלכער איז זיטליך געווען זעהר א געמיינער מענש, האט גאנץ ערנסט ערקלערט, אז נאר אין קאטוילישען גלויבען קאן מען דערגרייכען די הימלישע מלוכה; און דייטשלאנדס אחדות קאן צוריקגעשטעלט ווערען נאר אונטער דער קנעכ-טישער אונטערגעבונג דעם פויפסט און דעם קייזער. דער פראטעסטאנ-טישער טייל פון דייטשלאנד, וועלכער איז איבעררא‌שט געווארען פון דער דאזיגער ריכטיגער קאנסעקווענץ און זיך איבערגעשראקען פאר איהר, האט זיך אנגעהויבען צו פערענטפערן דורך אלערליי סתירות, נישט קאנענדיג געפינען דעם ריכטיגען וועג. די פראטעסטאנטען זענען דא-מאלס געווען עהנליך צו נאכט-וואנדלער, וועלכע טראגען פאקלען (אבו-קות, הבדלה-ליכט) אין די הענד און זעהען גארנישט ארום זיך. „גאט האט אין זיי אריינגעגעבען א גייסט פון צומישונג און זיי האבען ארום-געבלאנדזשעט, ווי די שכור'ע".

די פאנטאסטיש - קריסטליכע „דייטשטומלעריי" איז געווען דער בעוואפענטער „בייזער גייסט", וועלכער האט אין א משך פון פיעל צעהנ-דליגער יאהרען צוגענומען ביי די אידען זייער מנוחה, זייער כבוד און זייער גייסטיגע קראפט. זי איז פארמאלנע פערוואנדעלט געווארען אין א שנאה צו אידען און, כדי צו געפינען אנ'ערקלערונג פאר דער דאזיגער שנאה, האט מען אויסגעגראבען אלטע בלבולים און טענות, וועלכע זענען שוין לאנג פערשימעלט געלעגען אין די שמוציגע ארכיוען, און אנגע-הויבען שילדערן די אידען אלס א שוידערהאפט פאלק, אלס אנ'עקעל-האפטע ערשיינונג אין דער מענשהייט, פאר וועלכער עס איז פארהאן נאר איין סגולה — אויסראטען — עוקר מן השורש זיין. אנ'אקאדעמישער לעהרער, וועלכען די ניי-געגריגדעטע בערלינער אוניווערזיטעט האט איינגעלאדען אויף דער קאפעדרע פון היסטאריע, פ ר י ע ד ר י ך ר י ה ס, האט ענטוויקעלט אין זיינס א ביכעל (פעברואר 1815) „די אידישע תבי-עות אויף בירגערעכט אין דייטשלאנד" די אונגליקליכסטע טעאריע פון א קריסטליכער מלוכה, און דערוויזען אויף איהר סמך, אז מען האט פאלקאמע רעכט, אויב אפילו אויך נישט לגמרי ארויסצוטרייבען די אי-דען פון דייטשלאנד, טא, לפחות, צו דערנידעריגען זיי און צונעהמען ביי זיי די אונמעגליכקייט צו פערמעהרען זיך. די אידען האבען, לויט זיין ערקלערונג, געדארפט זיין א פאלקס-קלאס, וועלכע מען איז בלויז סובל, אבער עס האט קיין שום רעכט נישט, צו פערלאנגען בירגערליכע רעכט; די אידען דארפען אלזא ווידער צאהלען שוץ-געלד און ספעציעל א י ד י-ש ע א ב צ א ה ל ו נ ג ע ן. ריהס האט אפילו אויך געפאדערט, אז מען זאל פערפליכטען די אידען צו טראגען, אויפ'ן אלטען שטייגער, א שאנד-

לאַטע. די דאָזיגע דערנידעריגונג פון די אידען וועט זיי, לויט זיין מיינונג, פיהרען צום שמד. דאָס דאָזיגע ביכעל האָט געהאַט ערפאָלג. די דייטשע אויפגעקלערטקייט, וועלכע האָט אין די צייטען פון לעסינג, קאַנט און הערדער פראָפּאַגאַנדירט אַלגעמיינע מענשענליעבע, האָט איצט אָנגע־הויבען רעדען אויף דער שפּראַך פון די פּאַרטייאישע גלחים און אויפגע־העצט צו שנאה און רדיפות. אין איהר שנאה צו אידען איז די דייטש־טומלעריי געוועזען אַ גוטער קאָנקורענט פון גאַנץ אַלטען קאַטאָליציזמוס. דער פּויפּסט פּיוס VII, וועלכער האָט, צוליב דעם איינפיהרען די אַלטע אָרדנונג (רעסטאַוראַציע), ווידער געקעניגט אין דער קירכליכער מלוכה און איינגעפיהרט פון דאָס ניי די אינקוויזיציע, האָט בעפוילען, אַז די אידען זאָלען צוריק פערלירען די פרייהייט, וועלכע זיי האָבען געהאַט בעקומען אונטער די פראַנצויזען. די אידען אין רוים האָבען געמוזט זיך אַרויסציהען פון זייערע שענע הייזער, וועלכע זיי האָבען געהאַט אין אַלע שטאָדט־טיילען, און זיך אַריינציהען צוריק אין די שמוציגע, אונגעזונטע גהעטאָ. אין דער קירכליכער מלוכה פונ'ם פּויפּסט האָט מען צוריק איינ־געפיהרט דאָס מיטעלאַלטער. ווי אין זיבצעהנטען יאָהרהונדערט, האָבען די אידען געמוזט קומען אין די קירכען הערען דאָרט די גלחישע דרשות, אין וועלכע מען האָט זיי צום שמד גערופען און דעם נאָמען אידען מבזה געמאַכט. ווער עס פלעגט נישט קומען צו די דרשות, פלעגט שטרענג בע־שטראָפט ווערען. און אַט האָט מען אויך אין דייטשלאַנד געוואָלט איינ־אָרדנען צוריק דאָס מיטעלאַטער. דערווייל אָבער האָט די וועלט־געשיכטע אַרויסגעשטעלט אויף דער סצענע איינס פון יענע איבערראַשענדע שוי־שפּיעלען, וועלכע דאַרפען דיענען אַלס בעווייז, ווי נישט זיכער עס איז די רעאַקציאָנערע רעסטאַוראַציע. נישט אַכטענדיג אויף דער שטאַרקער ענגלישער שמירה אויפ'ן ים, איז עס געלונגען נאַפּאָלעאָנען ווידער צו ער־שיינען אין פראַנקרייך. די זיילען פון דעם בורבאָנישען טראָהן, די גלחים, די פריצים און אינטריגאַנטען זענען געפאַלען טויט־ערשראָקען, נאָך איי־דער עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער פּולווער־שאָס. די מלוכה פון קייזער נאַפּאָלעאָן איז צוריקגעשטעלט געוואָרען אויף אַ משך פון הונ־דערט טעג. גאַנץ אייראָפּאַ האָט זיך בעוואָפענט געגען איין איינציגען מענשען. דאָס גליק האָט זיך אָבער אָבגעווענדעט פון נאַפּאָלעאָנען אויף דעם שלאַכט־פעלד ביי וואַטערלאָאָ לטובת די פערבינדעטע מלכים. אין דער פּרייסישער אַרמעע, וועלכע האָט איצט געקעמפט געגען נאַפּאָלעאָנען און, צוזאַמען מיט אַנדערע, געבראַכט איהם די מפלה, האָבען אויך געקעמפט פיעל אידען.

וואָס זשע פאַר אַ מתנה האָבען די אידען אין דייטשלאַנד בעקומען פאַר זייער אמת'ער מסירת־נפש פאַר זייער דייטשען פאַטערלאַנד? — ווען דער וויע'ער קאָנגרעס האָט זיך, איבערגעשראָקען דורך דעם ער־שיינען פון נאַפּאָלעאָן, ענדליך גענומען צו ערנסטער אַרבייט און אָנגע־

הויבען אָבהאַלטען רעגוליער זיינע זיצונגען, האָט מען זיך גענומען בעטראַכטען די אָבמאַכונגען צווישען די דייטשע מלוכות, וועלכע זענען געוועז אַי פעראייניגט, אַי צוברעקעלט, און מען האָט אויך אַריינגעבראַכט אַ פונקט מכח די אידען. מען האָט זיי מבטיח געווען בירגערעכט און אין יענע מדינות, וואו די דאָזיגע רעפאָרם האָט זיך בעגעגענט מיט שטערונגען, האָט מען געברויכט, ווי ווייט מעגליך, די דאָזיגע שטערונג דערוויטערן. אָבער פאַר'ן דאָזיגען פונקט האָבען געשטימט נאָר עסטרייך און פרייסען; די איבריגע דייטשע מלוכות דאַגעגען, ווי אויך די פרייע שטעדט, האָבען בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין דערויף, כדי צו פועל'ן, אַז זיי זאָלען אויך איינשטימען, האָט מען דעם דערמאָהנטען פונקט וועגען די אידען פערבאָטען מיט אַנ'אַנדערן, וועלכער איז אָבער געווען כמעט אָהן קיין שום אינהאַלט, נעמליך: „די פעראַמלונג פון דייטשען זאָל די אידען מבטיח זיין די בירגערליכע רעכטע ערויפלעגענדיג אויף זיי אַלע בירגערליכע פליכטען. ביז יענער צייט אָבער דאַרפען די אידען האָבען בלויז יענע רעכט, וואָס זיי האָבען פריהער געהאַט אין די דייטשע לענדער“. די אַנדערע העלפט פונ'ם דאָזיגען קונציגען פונקט איז אָבער געווען נישט קיין לייכטער פאַר די דייטשע פריישטעדט, ווייל דאָרט האָבען די אידען, אונטער דער פראַנצויזישער הערשאַפט שוין ווירקליך געהאַט בעקומען פאָלקאָמע גלייכבערעכטיגונג. דעריבער האָט פראָטעסטירט געגען דעם זעהר ענערגיש דער פאָרשטעהער פון פראַנקרייך. דער פאָרשטעהער פון דער שטאָדט ברעמען, דער סענאַטאָר שמידט, איז געווען קלוגער: ער האָט נישט פראָטעסטירט, נאָר ער האָט צונישט געמאַכט דעם פונקט מיט אַ קורציגער ערקלערונג. מאַכענדיג די בעמערקונג, אַז מען קאָן דאָך נישט פערלאַנגען פון די דייטשען, דאָס זיי זאָלען זיין מחויב אָנצונעהמען די געזעצען, וואָס די פראַנצויזען האָבען אין צפון-דייטשלאַנד איינגעפיהרט. ער האָט דעריבער פאָרגעלעגט, דאָס מען זאָל בלויז אינ'ם דערמאָהנטען פונקט מאַכען אַ גאַנץ קליינינקען שנוי: אַנשטאָט „אין די דייטשע לענדער“, שרייבען „פון די דייטשע לענדער“, און ממילא וועט אַלץ זיין אין אָרדנונג. און אָט דעם שנוי האָט מען טאַקע אַריינגעטראָגען אין פראָטאָקאָל און דער רעזאָלוציע פון קאָנגרעס: „די אידען האָבען יענע רעכט, וועלכע זיי האָבען שוין געהאַט בעקומען פון די דייטשע מלוכות“. — פון די דייטשע מלוכות האָבען אָבער די אידען ביז יענער צייט נאָר בעקומען עטוואָס פון פרייסען און מעקלענבורג. עטוואָס אויך פון באַדען, פון די איבריגע מלוכות אָבער אַזוי גלייך ווי גאָר נישט! אַזוי אַרום האָט מען פערניכטעט אַלע איינאָרדנונגען פון דער פראַנצויזישער רעגירונג אין בעציהונג צו אידען. דייטשלאַנד איז געראַטעוועט געוואָרען. מעטערניך און האַרדענבערג, די נשמה פון אַלע בעראַטונגען פאַר'ן דייטשען בונד, האָבען אַזוי וועניג געוואוסט וועגען דער אמת'ער

בעדייטונג פונ'ם דאזיגען שנוי, אז זיי האבען זיך צוגעאיילט נאך אינ'ם זעלביגען טאג צו בערוהיגען די אידישע דעפוטאטען פון די דייטשע פריי־שטעדט, ערקלערענדיג, דאס דער קאנגרעס האט אנערקענט זייערע רעכטע און פערזיכערט זיי. די אידישע שונאים אין די פריי־שטעדט האבען זיך אבער כיטרע געלאכט. זיי האבען בעקומען א מתנה — א קליין ווערטעלע, וואס האט זיי אבער געגעבען די מעגליכקייט שוין באלד אנצוהויבען פייניגען די אידען; אין דער צוקונפט אבער האבען זיי געהאפט, אז זיי וועלען נאך האבען גענוג געלעגענהייט אבצונארען און פערדרעהען די צוויי־זייטיגע הבטחה פונ'ם קאנגרעס לטובת די אידען.

נאך נאפאלעאנס מפלה האט, ווי בעוואוסט, אויפגעהערט די פראנצויזישע טראגעדיע און אנשטאט איהר האט זיך אנגעהויבען א קאמישע ברחנות'דיג שווישפיעל. די פערבונדעטע מלוכות האבען פיעל גערעדט וועגען רעליגיאן און מעשים־טובים, אבער זיי האבען דערביי אינגאנצען פערגעסען אן די צוגעזאגטע פרייהייטען. צוליב פאלשען נאציאנאל־געפיהל, צוליעב געמאכטער פרומקייט, צוליעב גאוה, קנאה און מורא ווי אויך אנדערע געפיהלען, האט זיך ענטוויקעלט א גיפטיגע שנאה צו אידען, וועלכע האט געקאנט ערשיינען לעכערליך מן הצד, נאר אינערליך האט מען שוין אין איהר פאראויסגעזעהען א בלוטיגע קאטאסטראפע. די דייטשע אידען האבען געזאלט טייער בעצאהלען פאר דער מנוחה־שעה, וואס זיי האבען געהאט אונטער דער פראנצויזישער הערשאפט.

בשעת די פראנצויזען האבען אין יאהר 1789 דעם ערשטען מאל זיך בעפרייט פון דער ממשלה פון די שטארקע פריצים און גלחים, האט זייער כעס זיך אויסגעגאסען אויף אט די שטארקע לייט; די דייטשען דאגעגען האבען נאך זייער בעפרייאונג אויסגעלאזען זייער גאנצען כעס אויף די אידען, אויף די שוואכסטע צווישען די שוואכערע. דער כעס געגען די אידען האט זיך בעזונדערס געשטארקט צווישען דער אינטעליגענץ. דערפאר וואס דער לאנדאנער ראטשילד האט זיך דער ערשטער דערוואוסט וועגען נאפאלעאנס מפלה ביי וואטערלאא און איז באלד אריבערגעפאהרען די טעמזע אין א קליין שיפעל בשעת א שטורם־ווינד, כדי צו קומען קיין לאנדאן, וואו ער האט אויף דער בערזע געמאכט גלענצענדע עסקים דערהויבענדיג דאדורך זיין באנק־געשעפט ביז דער העכסטער מדרגה אין אייראפא — אט פאר דעם „חטא" פון א יחיד האבען אלע אידען געדארפט ליידען יסורים און רדיפות, כדי בעסער צו דערוועקען די געמיינע תאוות פון פאלק געגען די אידען, האט מען אנגעהויבען שטעלען אין טעאטער שווישפיעלען, וואו מען האט אויף א שענדליכען אופן אבגעלאכט פון די אידען.

באלד האט זיך ארויסגעוויזען די אידישע ערנידערונג אויך אין לעבען. די שטאדט לובעק האט זיך גאנץ ווייניג געקימערט וועגען דער פרייהייט, וועלכע מען האט מבטיח געווען צו געבען די אידען אויף

װיענער קאָנגרעס, װײל דער שװינדעל און די פֿעלשונג, װאָס מען האָט געמאַכט און בונד־אַקט, װי שױן דערמאָנט, האָט איהר פֿונאַנדערגעבונדען די הענד, און אַט האָט זי בעפֿוילען העכער פֿערציג אידישע משפחות אַרױסצוציהען זיך פֿון שטאָדט (סעפּטעמבער 1815) די שטאָדט ברעמען האָט געטהון דאָס אײגענע מיט איהרע אידען. פֿראַנקפֿורט האָט אפֿילו איהרע אידען נישט געקאָנט אַרױסטרײבען, אָבער זי האָט זײ פֿערביטערט דאָס לעבען; זי האָט אױסגעשלאָסען זײ פֿון איהרע בירגער־פֿערזאַמלונגען, אַראָבגעשטױסען פֿון זײערע שטעלעס אידישע שטאָדט־בעאַמטע, פֿערבאָטען זײ פֿיעל מלאכות און עסקים, אָבגעזאָגט מיט אַנ'אוּנמענשליכער אכזריות חתן־כלה דאָס רעכט חתונה צו האָבען, פּונקט װי מען האָט עס געטהון אין מיטעלאַלטער, נישט געלאָזט זײ װאױנען אין אַלע שטאָדט־טײלען און נוהג געװען זיך אַזױ, אַ שטײגער, װי די אידען װאָלטען נאָך אַלץ געװען „קאַמערקנעכט“, װי פֿאַרצײטען. װײל דער פֿראַנקפֿורטער סענאַט האָט אָבער געװאוסט, אַז פּרײסען און עסטרײך װעלען עס בעטראַכטען פֿאַר אַנ'עהרען־זאַך, אַז די פֿראַנקפֿורטער אידען זאָלען זײערע בירגערליכע רעכט נישט פֿערלירען, האָט ער זיך געװענדעט צו די יורידישע פֿאַקולטעטען פֿון בערלין, מאַרבורג און גיעסען, כדי זײ זאָלען װעגען דער פֿראַגע זיך אַרױסזאָגען אױפֿ'ן יורידישען באָדען, כאָטש דאָס איז אין דער װירקליכקײט געװען אַ פֿראַגע נישט קײן יורידישע, נאָר אַ פֿראַגע פֿון מענשליכקײט און עהרע. מעטערניך און האַרדענבורג האָבען אפֿילו געהאַט געשיקט צום פֿראַנקפֿורטער סענאַט זעהר שטרענגע בריף (8—15־טען נאָװעמבער 1815), דערמאָהנענדיג איהם, אַז מען האָט פֿראַנקפֿורט געגעבען איהר פֿרײהײט, נאָר מיט דער בפֿירוש'ער בעדינגונג, אַז זי זאָל די אידישע רעכטע נישט אָנריהרען; אָבער פֿראַנקפֿורט איז שױן דאַמאָלס זעהר שטאָלץ געװאָרען דערמיט, װאָס דער פֿאַרלאַמענט פֿון דײטשען בונד האָט דאָרט געזאָלט אָבהאַלטען זײנע זיצונגען, און זי האָט דעריבער געהאָפֿט, אַז מען װעט איהר קײן בײז נישט טהון בלױז צוליעב די אידען. די פֿראַנקפֿורטער אידישע קהלה האָט זיך אָבער דערװײל צוגעגרײט צום קאַמף. זי האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום פֿאַר'ן פֿאַרלאַמענט (יאַנואַר 1816), װאו זי האָט קלאָר דערװיזען איהרע רעכט. דעם מעמאָראַנדום, װעלכער איז געװען אַ מײסטער־װערק אי פֿון פּאָליטישען, אי פֿון יורידישען שטאַנדפּונקט, האָט מחבר געװען דער יונגער בערנע, דער גרױסער סאַטיריקער.

די מלחמה צװישען דעם פֿראַנקפֿורטער סענאַט מיט דער אידישער קהלה, װעלכע האָט זיך געצױגען 9 יאָהר (1815—1824) און דערװעקט פֿיעל טרױעריגע מעשים, בלײבט פֿאַר אַנ'אײביגע חרפּה פֿאַר יענער צײט און פֿאַר'ן דײטשען צ אָ פּ ־ ג ײ ס ט (כינעזיש). די פֿינף יורידישע פּראָפֿעסאָרען פֿון דער בערלינער אוניװערזיטעט האָבען זיך אַזױ שאַרף מפּלפּל געװעזען אין דער פֿאָרגעלעגטער יורידישער פֿראַגע, אַז זײ

האָבען ענדליך געפונען דעם קניפעל, ווי אַזוי די פראַגע צו פערדרעהען, און ערקלערט אויפ'ן דאָזיגען סמך, אַז די פראַנקפורטער אידען זענען, לויט'ן געזעץ פון יאָהר 1616 אונטערטאַנען ביי די בירגער און מוזען אַלס אַזעלכע אַנערקענט ווערען אויף שטענדיג. מעגליך, אַז ווען די דאָזיגע געעהרטע לייט וואָלטען געמשפט אַ פראַגע וועגען שקלאַווען, וואָלטען זיי זיך אַרויסגעזאָגט עהרליכער. עס האָט זיך דאָך אָבער געהאַנדעלט בלויז וועגען אידען און דאַ קאָן מען די עהרליכקייט אָבשטעלען אַן אַ זייט, אַלס אוננוצליך. פון אַלע טיילען פון דייטשלאַנד האָבען זיך געלאָזט הע־רען שטימען נעגען די אידען און פאָדערונגען, צו פערטיליגען זיי אָדער, לפחות, צו פערקלענערען. ציימונגען און פליהענדע בלעטער האָבען גע־העצט דאָס פאָלק נעגען די אידען, אַ שטייגער, ווי דייטשלאַנד, אָדער דאָס קריסטענטום קאָנען געראַטעוועט ווערען נאָר דורך דעם, וואָס די אידען זאָלען אונטערגעהען. די קליינקעפעלדיגע האָבען דערין געוואָלט גלויבען און די אויפרייצער נעגען די אידען האָבען זיך בעמיהט צו פער־שפרייטען דעם דאָזיגען גלויבען. אינ'ם דאָזיגען שענדליכען ברומען, וועל־כע האָט זיך ענדליך אויך פערענדיגט אין אכזריות'דיגע מעשים, האָבען זיך שטענדיג צוגעמישט די פייפערייען פון פראַנקפורט, וועלכע האָבען נעדאַרפט בערוהיגען דעם מענשליכען יושר ביים דייטשען פאָלק און פער־טומלען איהם. טיילמאָל האָבען די פראַנקפורטער געטענה'ט, אַז דער אידישער כאַראַקטער איז אַ שעדליכער, טיילמאָל — אַז זייער תלמוד איז געפעהרליך פאַר דייטשלאַנד, אָדער אפילו אויך זייער תנ"ך, ווייל די דאָזיגע ספרים מאַכען זיי פאַר שלעכטע בירגער; טיילמאָל ווידער האָבען זיי אויסגערעדט כל דבר אסור אויף דער אידישער געשיכטע, ערקלערענ־דיג, אַז די אידען זענען אַ שעדליכער קרעבס (ראַק) אין אָרגאַניזם פון דייטשלאַנד. די התחלה צו דער דאָזיגער שענדליכער פראָפּאַגאַנדאַ האָט ווידער געמאַכט דער פראָפעסאָר פון היסטאָריע אין דער בערלינער אוּ־ניווערזיטעט פריעדריך ריהס מיט זיינע שקרים און שגעונות. איהם האָט געשטיצט אַ דאָקטאָר און פראָפעסאָר פון נאַטור־וויסענשאַפ־טען אין היידעלבערג, פריעדריך פריעס, וועלכער האָט אַרויס־געגעבען אַ ווערק: „די געפעהרליכקייט, וואָס שטעהט דעם וואָהלשטאַנד און דעם כאַראַקטער פון די דייטשען דורך די אידען", וואו ער טענה'ט, אַז מען מוז די אידען עוקר מן השרש זיין. פריעס שעמט זיך נישט צו ערקלערען, אַז „די נייע געזעצגעבונג איז פערווילדעוועט געוואָרען פון דער הומאַניטעט (מענשליכקייט) פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט" און דעריבער האָט זי געקאָנט מאַכען אַזאַ מיאוס'ן פעהלער, ווי אַריינצונעהמען די אידען אין בירגער־לעבען. דער ריינער אמת איז נאָר ביי יענער פאָלקס־מאַסע, וועלכע האָט אַ אינסטינקטיווע שנאה צו אידען און שפירט אין זיי אַ פיינדליכע נאַציאָן, וועלכע איז שוין געווען פערדאָרבען אין דער צייט פון די פאַטריאַרכען (ס'הייסט: אונזערע גרויסע „אבות" אין תנ"ך, וועלכע

פריעסט שילדערט אלס „מוסטער פון פערדארבענהייט") און ממילא פערדארבען זיי אויך די כשר'ע דייטשען. און אויף דעם סמך פון דער „פערווילדעטער הומאניטעט" און דעם „אינסטינקט פון די מאסען" פערענטפערט דער געלעהרטער דייטש די אידישע פראגע. דאס ענדגילטיגע ציעל איז — דער אונטערגאנג פון אידישען פאלק; דערגרייכען דעם דאזיגען ציעל קאן מען — דורך אבשוואכען די אחדות ביי אידען, דורכ'ן מבטל מאכען דעם ראבינאט און די אידישע קהלה-פערוואלטונג, דורכ'ן פערקלענערן די צאהל פון די אידישע חתונות און ממילא אויך פון זייערע געבורטען, דורכ'ן בעגרענצען זיי אין מסחר און נעהמען ביי זיי גרויסע אבצאהלען פאר'ן „שוץ", וואס מען גיעט זיי און ענדליך, איז נויטיג צו צווינגען די אידען צו טראגען א שאנד-לאטע אויף זייערע מלבושים. אין די דאזיגע מיטלען זעהט פריעס דאס אבראטעווען דייטשלאנד פון אידען „אויב דער דייטשער בונד — ערקלערט פריעס — וועט אט די מיטלען נישט אננעהמען, וועלען די דייטשען אין פערציג יאהר ארום זיין קנעכט ביי אידען".

צו די דאזיגע „גרויסע" קעמפער געגען די אידען און דעם יודענטום, פריעס און ריהס, זענען צוגעשטאנען א גאנצע כנופיא פון שרייבערלעך, וועלכע האבען פערפלייצט דעם דייטשען ביכערמארק מיט פאמפלעטען געגען די אידען. פיעל נארישקייטען האט זיך דאמאלס אנגעהערט די דייטשע געזעלשאפט פון די קעמפער פאר „דייטש-קריסטליכער אידעע". טיילמאל האבען זיך אבער געלאזט הערען אויך קלוגערע רייד פון יענע עהרליכע דענקער, וועלכע האבען זיך נאך נישט געהאט אבגעזאגט פון די „פערווילדעטע אידעע פון הומאניטעט פון 18-טען יאהרהונדערט". דער אלטער באדענער גלח, יאהאן עוואלד, איז ארויסגעטראטען געגען דער טעאריע פון ריהס וועגען א דייטש-קריסטליכער מלוכה אין צוויי חבורים: „געדאנקען וועגען דער נויטווענדיגקייט גוט איינצוארדנען די אידען אין די קריסטליכע מלוכות" (1816) און „דער גייסט פון קריסטענטום און פון ווירקליכען דייטשען פאלק". עוואלד שטעהט נאך אויך אויפ'ן באדען פון דער נויטווענדיגקייט פון א מלוכה-אפטרופסות, ער גלויבט אבער אויך, אז דורך „בילדונג" קאן מען מאכען די אידען פאר נוצליכע בירגער; א ביישפיעל דערצו געפינט ער אין פראנקרייך און אין אנדערע עמאנציפאציאנס-לענדער. שארפער האט זיך אבער ארויסגעזאגט אין דער דאזיגער פראגע דער ביירישער פובליציסט קרעמער אין זיין בוך „די אידען און זייערע גערעכטע תביעות אין די קריסטליכע מלוכות" (1816). „מען מוז — שרייבט ער — בעטראכטען דעם אידען נישט אלס א בעשעפעניש אהן א היים, נאר אלס א פערזאן, וואס וואוינט שטענדיג אין דער אדער יענער מלוכה און איז פאקטיש א מיטגליד פון דער בירגערליכער געזעלשאפט. די מלוכה איז מחויב צו ערפילען זיינע גערעכטע פאדערונגען: צו געבען איהם די

מעגליכקייט צוענטוויקלען זיינע כחות און פעהיגקייטען, צו שטעלען איהם, אין יעדער הינזיכט, גלייך מיט אַנדערע פאַר'ן געזעץ, צו־לאָזען איהם ווידער צו זיין טעטיגקייט, צו עהרען זיין רעליגיאָן, זיין פערזענ־ליכקייט און זיין פערמעגען.

ווי אַזוי האָבען זיך אָבגערופען די אידען אויף די דאַמאָלסדיגע אָנ־פאַלען אויף זיי? זעהר שוואַך. די אידישע פערטיידיגונג איז געשטאַנען פיעל נידעריגער מיט איהר טעמפּעראַמענט פאַר'ן ברען פון די אידען־פיינד, עס האָבען דאַמאָלס נאָך געפעהלט די דייטשע אידען גוטע קאַמף־כחות. בערנע האָט ערשט געהאַלטען אין שאַרפען זיין שווערד צום קאַמף געגען דער דייטשער רעאַקציע, און נאָר געמאַכט הכנות אינגאַנצען אַרויסצוטרעטען פון יודענטום. גבריאל ריסער איז נאָך געווען צו־יונג. צום קאַמף האָבען זיך דעריבער געשטעלט בלויז איינציגע שריפט־שטעלער פון פריעדלענדער־יאַקאָבסאָנ'ס חדר. דער עלטערער לעהרער פון פראַנקפורטער שול „פילאַנטראָפּין" — מיכאל העס האָט פערעפענט־ליכט אַ ווערק געגען ריהס (1816), וואו ער טרעט אַרויס מעהר, אַלס איי־נער, וואָס פערענטפערט זיך, איידער, ווי אַנ'אָנפאַלער אויף זיין געגנער: „די אידען, פערשטעהט זיך, האָבען פיעל פעהלערן, אָבער צי קאָן מען דען דערווייטערן די טרויעריגע רעזולטאַטען פון הונדערט־יעהריגע רדיפות אין אַ משך פון אַ יאָהר צעהן? זאָל נאָר די „מלוכה הרוממה"—די גוטיגע רעגירונג נעהמען אין איהרע הענד די אידישע פאָלקס־בילדונג און — די אידען וועלען בענייט ווערען אי עקאָנאָמיש אי מאָראַליש, אי גייסטיג". אַ אידישער סטודענט־יורי פון היידעלבערג, ס. צימערן, איז אַרויס־געטראָטען מיט אַנ'ענטפער דעם שונא־ישראל פריעס. ער לייקענט לגמרי אָב, אַז ביי אידען איז פאַרהאַן אחדות, וויל „די דייטשע אידען האָבען שוין הויך ערקלערט. דאָס זיי ווילען אינגאַנצען געהערען דעם דייטשען בירגער־פערבאַנד; זיי ווילען זיך אַרויסרייסען פונ'ם ענגען רייף פון דעם „הענדלער־שבט", אין וועלכען עס האָט זיי פעריאָגט דער אַלטער מלוכה־רעזשים; זיי האָבען שוין אַליין אויך פערניכטעט די מאַכט פון זייערע רבנים און זייער אָבגעזונדערט לעבען". — געגען אַלעם דעם איז אַרויס־געטראָטען דער קריסטליכער טעאָלאָג־ראַציאָנאַליסט, פּוילוס פון היידעלבערג, וועלכער האָט ערקלערט, אַז די הויפט־פערוויקעלט־קייט פון דער אידישער פראַגע שטאַמט דערפון, וואָס די רעגירונגען בע־ציהען זיך צו אידען אַלס צו עטוואָס אַ גאַנצעס, צו אַ פאָלק. מען ברויך צו געבען פאָלקאָמע גלייכבערעכטיגונג יענעם אידען, וועלכער האָט דורך זיין ערציהונג דערוויזען, אַז ער איז אַ דייטש און געהערט שוין כלל נישט צום יודענטום" — ס'הייסט אַלזאָ, אַז די אידישע נאַציאָן דאַרף אינגאַנצען אונטערגעהען אין דער אַסימילאַציע מיט די דייטשען — כמעט אויך דאָס אייגענע, וואָס עס האָט ערקלערט ריהס, נאָר אין אַ מעהר דע־ליקאַטער פאָרם.

אָבער אויך א רעגירונגס־אָרגאַן איז דאַמאָלס אַרויסגעטראָטען לטובת די אידען. געגען די מעשים פון די לובעקער און זייערע רדיפות געגען די אידען האָט דער אָפּיציעלער אָרגאַן פון דער עסטרייכישער רעגירונג אַרויסגעשטעלט אַן עקלערונג, וועלכע איז ענליך צו א סטראַשונעק: ווי אַזוי זאָל זיך דער קינפטיגער בונדעסטאַג (דייטשער פּאַרלאַמענט) בעשעפטיגען מיט'ן אויסבעסערן די אידישע לאַגע, אויב איינצעלנע מלוכות נעהמען אָן ווילקירליך און מיט אכזריות רעזאָלוציעס גאָר נישט וואַרטענדיג אויף זיינע בעראַטונגען? אַזאַ בענעהמען זיך איז לייכטזיניג, אָבער דאָס איז א לייכטזיניגקייט, פאַר וועלכער ס'איז שווער מוחל צו זיין". וואָס זשע אָבער האָט עסטרייך אַליין געטהון, ווערענד זי איז אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטען געגען לובעק? דער קייזער פראַנץ I און זיין בעהערשער מעטערניך האבען לגמרי פערגעסען אן די גוטע כוונות פון קייזער יאָזעף II, און האָבען געדענקט נאָר די גרויזאַמע געזעצען, וואָס די קייזערין מאַריאַ טערעזיאַ האָט געהאַט אַרויסגעגעבען געגען די אידען. זיי האָבען נישט בלויז איבערגעלאָזען די אַלטע בעגרענצונגען, נאָר נאָך צוגעלעגט נייע. זיי האָבען אפילו נישט אַרויסגעטריבען די אידען, ווי מען האָט עס געטהון אין לובעק און ברעמען, אָבער זיי האָבען די אידען אויך נישט ערלויבט אַרויסצוציהען זיך און איינגעשלאָסען זיי אין גהעטאָ'ס. טיראָל — דאָס קלויסטערליכע באַרגיג לאַנד — איז געווען פערשלאָסען פאַר זיי, ווי אויך פאַר די פּראָטעסטאַנטען; אין בעהמען האָבען זיי נישט געטאָרט וואוינען אין די באַרגשטעדט און דערפער, און אין מעהרען זענען דוקא די גרויסע שטעדט ברין און אָלמיטש געווען פאַר זיי פאַרשלאָסען און נאָר א קורצע צייט האָבען זיי געמעגט זיך דאָרט אויפהאַלטען. די אידישע בעגרענצונגען אין עסטרייך זענען געוואָרען אַנעקדאָטיש. היינט ערשט גאַליציען! פאַר די גאַליציאַנער אידען זענען די רדיפות געווען נאָך פיעל גרעסער, ווי אין מיטעלאַלטער. אמת, דער קייזער פראַנץ I האָט דער אָדער יענעם רייך געוואָרענעם אידען געגעבען אַן אַדעל־טיטול, אָבער דער כלל־ישראל איז אויף אַלערליי אופנים דערנידעריגט געוואָרען. סאָלדאַטען האָבען זיי געמוזט געבען, אָבער די אידישע גבורים האָבען פאַר זייערע העכסטע גבורות און מסירת־נפש געקאָנט זיך דערדיענען בלויז ביז דער מדרגה פון א קאַפּראַל, אָדער אַן אונטער־אָפיצער.

עסטרייך האָט, לפּחות, נישט געמאַכט די אידען וועלכע עס איז הבטחות און נישט דערוועקט אין זיי קיין האָפנונגען אויף פרייהייט; אָבער אויך פּרייסען, וואו זיי האָבען שוין געהאַט די רעכטע פון פאָלקאָמע בירגער און פרייע לייט, — אויך זיי האָט פאַר זיי בענייט א שטיק מיטעלאַלטער און דאַדורך נאָך מעהר געקרענקט און מבזה געווען זיי. פריעדריך ווילהעלם דער דריטער, וועלכער האָט געהאַט אַרויסגעגעבען א געזעץ וועגען דער גלייכבערעכטיגונג פון די פּרייסישע אידען,

האט דאס גענצע געלאזט שטעהן, ווי טויטע בוכשטאבען. די צונג־זאנטע אידישע גלייכבערעכטיגונג און די ניי־איינגענומענע אדער אין די צוריק אבגענומענע פרייסישע פראווינצען האט מען אלץ אבגעלעגט אויף שפעטער. דערוויל זענען דארט די אידען געבליבען בעגרענצט, ווי פריהער; און פרייסען איז געבליבען ווי פערשטיינערט אין איהר אלטער געזעצגעבונג פאר די אידען. עס זענען געווען איין און צוואנציג פערשידענע גרונד־געזעצען, ווי אזוי זיך צו בענעהמען מיט די אידען. מען האט זיי איינגעטיילט אין פראנצויזישע, זאקסישע, אלטפרייסישע און פוילישע אידען, נאטירליך, נאר צוליעב זייער רעה וועגען. די פאריא׳ס צווישען די פרייסישען אידען — די אידען פון פויזען — האבען נישט געטארט קויפען קיין הויז ביי א קריסט, נישט וואוינען אין דארף, נישט האבען מוחרישע רעכט, זייענדיג נאך דערצו בעגרעניצט אויך אין אנדערע הינזיכטען. אין די שטעדט, וואו עס האבען פריהער קיין אידען נישט געוואוינט, האבען זיי דארט איצט אויך נישט געטארט אריינגעלאזען ווערען, ווי אין עסטרייך. ארויסצופאהרען פון איין פראווינץ אין דער אנדער איז פערבאטען געווען. אין פרייסען האט מען זיך בכיון בעמיהט פעראכטיג צו מאכען די אידען אין די אויגען פון דער געזעלשאפט. וועהרענד פריהער האט די רעגירונג זיך בעמיהט צו פערמיידען אין אפיציעלע דאקומענטען דעם נאמען „יודע" און „אידיש", ווייל די קריסטען האבען דערונטער פערשטאנען עפעס שענדליכעס, האט מען שפעטער דוקא געברויכט אט די אויסדרוקען. די פערדרעהענישען פון דער טעאריע וועגען דער קריסטליך־דייטשער מלוכה האט פערבלענדעט די אויגען אויך אפילו יענע, וועלכע האבען געדענקט גערעכט און געפיהלט מענשליך. נאך הארדענבערג׳ס טויט איז אויך פערשוואונדען געווארען דער גייסט פון יושר אין פרייסען און מעטערניכ׳ס גייסט, דער פאליטיש־פערדרעהטער שווינדעל, וועלכער איז געווען א פיינד פון יעדער פרייהייט, האט דא אנגעהויבען געוועלטיגען. די אידישע אפיצערען, וועלכע האבען ווי די גבורים מלחמה געהאלטען ביי וואטערלאא, האט מען אויפגעהערט צאהלען זייערע פענסיע. וועגען אויפנעהמען א אידען אויף א מלוכה־שטעלע האט מען דאמאלס אפילו זיך גאר נישט דערוואגט צו טראכטען. אפילו קיין איינזשעניערען און אפטייקערס האבען די אידען נישט געטארט זיין. פריהער האט די רעגירונג זיך געהאט בעצויגען מיט סימפאטיע דערצו, וואס די אידען שרייבען זייערע נעמען קארעקט אויף דייטש, ווייל „דערין איז צו זעהען, אז דער איד שטרעבט ארואבצווארפען אלע אויסערליכע סימנים, וואס זונדערן איהם אב פון די דייטשען און מאכען אין איהם קענטיג דעם אידען". איצט דאגעגען האט מען די אידען פערבאטען אנצורופען זיך מיט קריסטליכע נעמען אדער אפילו אויך צו שרייבען זייערע נעמען קארעקט, ווייל די רעגירונג האט נישט געוואלט אריינעהמען די אידען פאר מיטגלידער אין דער קריסטליכער מלוכה, וועלענדיג דאגעגען איינ־

צוברענגען זיי פאַר מיטגלידער אין דער קריסטליכער קירכע...

דער אידענפיינדליכער גייסט אין פרייסען האָט זיך אַרויסגעוויזען בעזונדערס בולט אין אַ פאַל, אין וועלכען מען זעהט לייכט דעם אונטערשיעד צווישען איהר און פראַנקרייך. לויט'ן אונגערעכטען געזעץ, וואָס נאַפּאָלעאָן I האָט אַרויסגעגעבען, איז פאַר די אידען און די פראַנצויזישע דייטש־ריידענדע פראָווינצען אָבגעשטעלט געוואָרען די גלייכבערעכטיגונג אויף צעהן יאָהר. דעם 17־טען מערץ 1818 האָט זיך געדאַרפט ענדיגען דער טערמין און, אויב מען וואָלט דאָס געזעץ דאַמאָלס ווידער נישט בענייט, וואָלט עס ממילא בטל געוואָרען, און די אידען האָבען געדאַרפט דאָרט ווידער בעקומען זייער גלייכבערעכטיגונג, וועלכע זיי האָבען זיך געהאַט אויסגעקעמפט בשעת דער גרויסער רעוואָלוציע. און אָט האָט די רעגירונג פון קעניג לודוויג דער 18־טער דאַמאָלס אפילו נישט געמאַכט קיין פראָבע צו בענייען די אידישע בעגרענצונג, כאָטש אין פראַנצויזישען הויף האָט געהערשט די פאָליטישע און קירכליכע רעאַקציע; די עלזאַסער אידען זענען ממילא ווידער געוואָרען גלייכבערעכטיגט. דאָס זעלבע בעגרענצענדע נאַפּאָלעאָנישע געזעץ האָט זיך בעצויגען אויך אויף די אידען פון לינקען ברעג רהיין, וועלכער איז איצט אָבגעגעבען געוואָרען פרייסען. און אָט האָט דער פרייסישער קאַבינעט אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג (3־טען מערץ 1818) צו בענייען די בעגרענצונגען פון די דאָרטיגע אידען אויף אַן'אונבעשטימטע צייט. די שנאה געגען די אידען האָט זיך אַלץ פערגרעסערט אָהן קיין שום סבה און וועלכער עס איז שלעכטער האַנדלונג מצד די אידען. רחל פון וואַרנהאַגען האָט נישט אומזיסט פאָראויסגעזאָגט אַ שטורם געגען די אידען.

די געמיטער זענען דאַמאָלס געווען זעהר אויפגערעגט אין דייטשלאַנד דורך דער ערמאָרדונג פון שריפטשטעלער קאָטשעבוי אין מאַנהיים דורך דער האַנד פון קריסטליך ראָמאַנטישען סטודענט קאַרל זאַנד (מערץ 1819). ווי אויך דורך די רעפּרעסיעס, וואָס די רעגירונג האָט אונטערגענומען געגען דער „דייטשטומלעריי", וועלכע זי האָט פריהער אַליין געהאַט געשטיצט. נישט קאָנענדיג עטוואָס אויפטהון געגען דער רעגירונג, האָבען די „דייטשטומלער" אויסגעלאָזען זייער גאַנצען כעס צו די שוואַכערע — צו די אידען. עס איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע רייהע רויב־אָנפאַלען אויף די אידען. דאָס מיטעלאַלטער האָט אויפגעלעבט אין זיין גאַנצער גרויזאַמער געשטאַלט: די סטודענטען און סוחרים האָבען איהם פון דאָס־ניי בעשאַפען.

די התחלה צו די שענדליכע מעשים מיט די ווילדע געשרייען „העפּ־העפּ"[1]) האָט געמאַכט די שטאָדט ווירצבורג. די בעפעלקערונג

1) „העפּ" אַ ראשי־תיבות פון דער לאַטיינישע פראַזע: „Heriosolima est perdita", דאָס הייסט: „ירושלים איז חרוב געוואָרען".

האָט אויפגעבראָכען די אידישע קראָמען, אַרויסגעוואָרפען די סחורות אויפ'ן גאַס און ווען די אידען האָבען זיך געוואָלט פערטיידיגען און גע־ענטפערט אויף די אָנפאַלען מיט שטיינער־וואַרפען, האָט זיך דער כעס פון המון אָנגעצונדען ביז ווילדען שגעון. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'־אמת'ע אידישע מלחמה, ווי אין מיטעלאַלטער; פיעל מענשען זענען פער־וואונדעט געוואָרען, פיעל אויך דערהרג'עט. מען האָט געמוזט ברענגען מיליטער, כדי איינצושטילען דעם צובושעוועטען המון. אויף צו־מאָרגענס האָבען די בירגער אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, אַז מען זאָל די אידען אַרויסטרייבען פון שטאָדט. די שטאָדט־פערוואַלטונג האָט געמוזט נאָכ־געבען. לערך פיער הונדערט אידען האָבען מיט געוויין זיך געמוזט אַרויס־ציהען פון שטאָדט און געבליבען ליגען אַ לאַנגע צייט אין די אַרומיגע דערפער, אָדער אין געצעלטען, נישט וויסענדיג, וואָס אָנצוהויבען טהון. — אַזאַ פּאָגראָם איז פאָרגעקומען אויך אין באַמבערג און אין אַלע שטעדט פון פראַנקען־לאַנד. איבעראַל, וואו אַ איד פלעגט זיך בעווייזען, פלעגט מען איהם בעגעגנען מיט געשרייען „העפּ־העפּ" און „יודע פער־רעק", אָנפאַלענדיג אויף איהם דערביי מיט קולאַקעס.

פאַר פראַנקפורט זענען אָט די אָנפאַלען אויף די אידען געווען אַנ'אָנווייזונג, ווי אַזוי מען קאָן די אידען ערנידעריגען, די אידען וועלכע האָבען זיך דערוואויגען צו פיהרען אַ פּראָצעס מיט'ן פראַנקפור־טער סענאַט און האָבען אויך געהאַט אַ צד אין דייטשען פּאַרלאַמענט (בונדעסטאַג). און אָט האָט אויך אין פראַנקפורט אויסגעבראָכען אַ פּאָ־גראָם, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען מיט'ן אויפרוף „העפּ־העפּ" און מיט ברעכען די שויבען אין די אידישע וואוינונגען, פערגרעסערנדיג זיך און פערשטאַרקענדיג זיך אַלץ מעהר און מעהר, ביז עס איז דערגאַנגען צו געמיינע, ברוטאַלע אָנפאַלען מיט קולאַקעס אויף די אידען אויף די אָפענע פלעצער צום שפּאַציר־גאַנג. דייטשע בעלי מלאכות, אַרבייטער און משרתים אין געשעפטען זענען אויפגערייצט געוואָרען און אָנגערעדט דורך זייערע בעלי־בתים, צו מאַכען אָנפאַלען אויף די אידען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ פּאָגראָם אויף די אידישע הייזער, פונקט ווי אין די צייטען פון ווינצענץ פעטמילך אין יאָהר 1614.

בעזונדערס איז די אויפרעגונג שטאַרק געווען געגען ראָטשי'לד'ס הויז, וואָס האָט דורך זיין עשירות שטאַרק דערוועקט די קנאה פון די פראַנק־פורטער. פיעל רייכע אידען האָבען זיך דאַמאָלס אַרויסגעצויגען פון דער מערדערישער שטאָדט. פאַר די געזאַנדטע פון דייטשען פּאַרלאַמענט, וועלכער האָט אָבגעהאַלטען זיין זיצונג אין פראַנקפורט איז דער פּאָגראָם אויף ראָטשילד'ס הויז כלל נישט געווען אָנגענעהם, ווייל ביי ראָטשילד'ן אין דער קאַסע איז געווען אָנגעלעגט פאַר אַ פקדון פיעל געלד, וואָס האָט געהערט דעם דייטשען בונד. דער פאָרזיצענדער, גראַף פאָן בואָל שויענשטיין האָט דעריבער צוזאַמענגערופען אַ קאָמפּע־

רענץ פון די מיטגלידער אויף צו בעראַטען זיך און עס איז בעשלאָסען געוואָרען, צו ברענגען מיליטער פון מאַינץ. מען האָט באַלד אַרויסגעשיקט שליחים אין אַלע זייטען. דער פראַנקפורטער פאָגראָם האָט דאַדורך בעקומען אַ אַלגעמיינע אייראָפּעאישע בעדייטונג; אָבער נישט אַכטענדיג אויף די אָנגעקומענע סאָלדאַטען, האָט דער פאָגראָם געדויערט ווייטער. פיעל אידען האָבען דעריבער פערקויפט זייערע הייזער און זיך אַרויסגעצויגען אויף שטענדיג פון פראַנקפורט, און אויך די ראָטשילד'ס האָבען נישט געטרויט דעם כלומרשטען שלום און אָנגעהויבען טראַכטען גאַנץ ערנסט, צו פערלאָזען פראַנקפורט און, ממילא אויך, דייטשלאַנד, כדי אַריבערצוציהען זיך אין פראַנקרייך, אָדער אין ענגלאַנד, ווייל אין דייטשלאַנד האָבען זיי אין ערגעץ נישט געקאָנט געפינען קיין רוהיגען אָרט פאַר זיך.

אין דאַרמשטאַדט און ביירוט האָבען זיך די פאָגראָמען איבערגעחזרט. פון מייניגען האָט מען דאָס ביסעל אידען אַרויסגעטריבען. אין קאַרלסרוהע האָט מען אין אַ געוויסען מאָרגען (18-טען אויגוסט) געפונען אָנגעקלעבט צעטלעך אויף דער שוהל און אויף די הייזער פון אָנגעזעהענע אידען: „טויט און פערדערבען די אידען!" די האַמבורגער האָבען אויך נאָכגעטהון. מען האָט די אידען געטריבען מיט חרפות און זידלערייען פון די קאַפע-הייזער און פון דער פּאָסט, מען האָט אויסגעבראָכען ביי זיי די שויבען אין די פענסטער. קיין איד האָט זיך נישט געטאָרט בעווייזען אויפ'ן גאַס. אין היידעלבערג וואָלט עס געוויס געקומען צו בלוט-פערגיסונג, ווען נישט די פּראָפעסאָרען דוב און טהיבאָ, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטען מיט זייערע תלמידים - סטודענטען און פערטיידיגט די שוואַכערע אידען מיט מסירת-נפש.

פון דייטשלאַנד האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אַ פונק פון דער שנאה צו אידען אפילו אויך אין די הויפּט-שטאָדט פון דענעמאַרק, וואו מען האָט מיט עטליכע יאָהר פריהער געגעבען די אידען פאָלקאָמע בירגעררעכט און צוריק האָט מען עס נישט אָבגענומען. די מהומה האָבען געבראַכט איינינע סוחרים, וועלכע זענען געקומען פון האַמבורג קיין קאָפּענהאַגען און, איבערגעבענדיג די נייעס, אַז מען שלאָגט דאָרט די אידען, האָבען זיי אָנגערעדט זייערע קאָלעגעס אויך צו טהון דאָס אייגענע. מעגליך, אַז דערין זענען אויך שולדיג געווען די דייטשע סוחרים. די אָנפאַלען אויף די אידען האָבען אָבער דאָרט געמאַכט נאָר דער המון (סעפּטעמבער). תחילת האָט מען געוואָרפען שטיינער אין די פענסטער, דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען שלאָגען די אידען אויף דער גאָס. די רעגירונג איז געווען געצוואונגען איינצופיהרען קריגס-צושטאַנד. אין די קלענערע שטעדטלעך, וואו די אידען האָבען געוואוינט, זענען די בירגער אָבער געשטאַנען אויפ'ן צד פון די אידען און האָבען זיי פערטיידיגט; אויך די גלחים-דרשנים

האבען אין די קיר־כען געלערנט דאס פאלק צו זיין טאלעראנט און בע־ציהען זיך מיט ליעבע צו די אידען. אין דייטשלאנד האבען די גלחים נישט געפונען פאר נויטיג ארויסצוטרעטען אפילו מיט איין איינציג ווארט געגען די שענדליכע מעשים; מעגליך גאר, אז זיי זענען געווען רעכט צופרידען דערמיט. די פאגראמען האבען זיך פערשפרייט פון ווירצבורג ביז קארלסרוהע און פון דארט — ביז דאנציג, אבער שענדלי־כער ווי אומעטום זענען זיי געווען אין בייערן און באדען, וואו דער צורר־פריעס האט געהייצט דעם המון און אנגערעדט איהם צו אלערליי שענד־ליכקייטען. כדי דאס מיטעלאלטער זאל אויפלעבען אין זיין גאנצער שוי־דערהאפטער געשטאלט, האט מען אין א קליין שטעדטעל אין בייערן זיך אריינגעריסען אין א שוהל און צוריסען דארט מיט א משונה'דיגער ווילדקייט די ספרי־תורה. דארט, וואו דער קולאק האט נישט געקאנט עטוואס אויפטהון, האט מען געשטורמט אויף די אידען מיט די אויסרו־פען־געשרייען „העפ־העפ", כדי צו מאכען זיך א שפאס און קרענקען די אידען. די פאליציי און מיליטער, וועלכע מען פלעגט שיקען צו פערטיי־דיגען די אידען, איז אליין אויך געווען שטארק אויפגערעגט, דורך די שטענדיגע אויפרייצונגען, געגען די אידען. די דייטשע רעגירונגען, וועל־כע האבען די אידען פערטיידיגט, האבען דאס געטהון נישט צוליב פריינדשאפט פאר זיי, אדער גערעכטיגקייט, נאר וויל זיי האבען זיך גע־שראקען, אז די הויפט־סבה פון דער אגיטאציע געגען די אידען זענען דעמאגאגישע שטרעמונגען, א שטרעבונג צו פערגרעסערן די מאכט פון פאלק. שפעטער האבען די רעגירונגען אליין אנגעוויזען אויף די דאזיגע אנפאלען אויף די אידען, אלס אויף א בעוויז, אז מען טאר די אידען נישט געבען קיין גלייכבערעכטיגונג, וויל דאס פאלק איז געגען דעם.

צו דער העכסטער מדרגה פון שנאה צו אידען האט די „דייטשטום־לעריי" דערגרייכט אינ'ם אונציכטיגען פאמפלעט „דער יודענשפיגעל" (נאוועמבער 1819). דער מחבר פונ'ם דאזיגען שמוציגען ביכעל האט גע־הייסען ה א ר ט ו ו י ג ־ ה ו נ ד ט — א מענש, וואס קיינער האט פרי־הער פון איהם נישט געהערט; ער אליין האט זיך אנגערופען הינדט־ראדאוו־סקי, נאכדעם ווי ער איז געווען הויז־לעהרער ביים פוילישען פריץ רא־דאווסקי; אויך אויף די פריצים איז הונדט אנגעפאלען, דערפאר וואס זיי האבען נישט געוואלט איהם אריינעהמען אין זייער סביבה און, ווי עס שיינט, איז זיין ארויסטריט געגען די אידען אויך געווען נאר צוליב דעם, וואס די אידען האבען איהם נישט געוואלט געבען דאס געלד, וואס ער האט ביי זיי געפאדערט. אין זיינע זידלערייען און רשעות געגען די אידען איז ער אריבערגעשטיגען אלע שונאי ישראל, וועלכע זענען געווען פאר איהם. „הגם — שרייבט ער — איך האלט כלל נישט פאר א פערברע־כען דאס דערהרגענען א אידען, נאר פאר אנ'איבערטריט געגען דער פא־ליצייאישער ארדנונג, פונדעסטוועגען ראט איך נישט סתם אין דער וועלט

אַריין אַנצופאַלען אויף זיי. אלא וואָס דען האָט ער געראַטען? — זיין עצה איז געווען, אַז „מען זאָל די אידישע קינדער פערקויפען פאַר שקלאַפען צו די ענגלענדער, וועלכע וועלען זיי צווינגען צו בעאַרבייטען זייערע גערטנער אין אינדיען; אויסערדעם דאַרף מען די זכרים מסרס זיין, די פרויען אַריינברענגען אין שאַנד-הייזער. נאָר דאָס בעסטע איז, מען זאָל די אידען פערטיליגען און אַרויסטרייבען פון לאַנד, ווי דאָס האָבען געטהון די קלוגע לייט פון מייניגען, ווירצבורג און פראַנקפורט". עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט, אַז אָט הער מנוול האָט איינגעפונען, אַז אַלע גרויסע אידישע לייט זענען נישט ווערט געווען, וואָס די ערד האָט זיי געטראָגען, אפילו „די אידישע דיכטער זענען שווינדלער, דען זיי גיבען קורצע פערזען, אנשטאַט לאַנגע.

און אָט אַזאַ שמוציגען פאַמפלעט האָט מען אין דייטשלאַנד דאַמאָלס געלעזען מיט'ן גרעסטען חשק און נאָר לויט דער אידישער שתדלנות האָט מען דאָס ביכעל אין אייניגע ערטער פערבאָטען.

אין פאָרטוגאַל האָט מען אין יענער צייט געמאַכט אַ פאָרשלאַג ביי די קאָרטעסען, אַז מען זאָל די אידען צוריק אַריינעהמען אין לאַנד און זעהען צו בעצאָהלען זיי מיט גרויסע חסידים פאַר'ן פערברעכען, וואָס מען האָט געגען זיי געהאַט בעגאַנגען, און אין דייטשלאַנד האָבען שריפטשטעלער און פאָליטיקער זיך בעמיהט צו דערווייזען די גערעכטיגקייט פון אַזאַ פערברעכען, פאָדערנדיג, דאָס מען זאָל עס אין נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט איבערחזר'ן נאָך אַמאָל. הונדט איז כלל נישט געווען קיין בן-יחיד מיט זיין פאַמפלעט געגען די אידען. לויבענדיג אין הימעל אַריין דעם מערדער זאַנד און זיין טהאַט געגען קאָטשעבי, האָבען זיי דערביי צוגעגעבען, אַז „די קריסטליכע שנאה וועט איינגיכען ברענגען אַ טאָג פון געריכט איבער די אידען". אַלע האָבען געהאַלטען אויסגעשטרעקט די קולאַקעס געגען די אידען, און קיין אַנגעזעהענע מליצי יושר זענען פאַר זיי נישט אַרויסגעטראָטען, אפילו נישט אַזעלכע, וואָס זאָלען דורך זייער וואָרט פועל'ן, אַז די שנאה צו אידען זאָל זיך עטוואָס מעסיגען; עס זענען אויך נישט אַרויסגעטראָטען לטובת די אידען דער אַלטער ז ש אַ ן פ ו י ל (פריעדריך ריכטער), וועלכער איז דאָך געווען אַ אידען-פריינד, נישט וואַרנהאַגען פאָן ענזע, דער מאַן פון רחל לעווין, וועלכען מען האָט דאָך איצט בעשמירט מיט בלאָטע צוזאַמען מיט די איבריגע אידען, כאָטש זי איז שוין געווען געשמד'ט. שעדליך האָבען זיך אָבער בעגאַנגען אין יענער צייט די געשמד'טע אידען. קיין איין איינציגער פון זיי (אויסער בערנע) איז נישט אַרויסגעטראָטען לטובת די אידען, לפּחות מיט יענעם גערעכטען כעס, וואָס עס מוז דערוועקען אין יעדען מענשען אַן אָנפאַל אויף אַן אומבעוואָפענטען. ר ח ל פון וו אַ ר נ ה אַ ג ע ן, וועלכע האָט מיטגעווירקט מיט איהר פערנעבעלטען סיסטעם דער ענטוויקלונג

פון פילאָסאָפירענדען קריסטענטום, האָט דאַמאָלס געשריבען צו איהר ברודער, לודוויג ר אָ ב ע ר ט, וועלכער האָט אַליין געהאַט בעאַבאַכ־טעט דעם „העפּ־העפּ־שטורם", אויף איהר שטייגער פאָלגענדעס: „איך בין אונענדליך טרויעריג, אַזוי ווי איך בין נאָך קיינמאָל נישט געוועזן. צוליב די אידען. זיי ווילען די אידען איבערלאָזען אין לאַנד, אָבער נאָר כדי זיי צו פּייניגען, צו פעראַכטען, אָבצושפּאָטען פון זיי... צו טרעטען זיי מיט די פיס, אַראָבצושטויסען זיי פון די טרעפּ... די פאַלשע לעהרער פון דער נייער ליעבע צו דער קריסטליכער רעליגיאָן (זאָל מיך גאָט נישט שטראָפען פאַר די רייד!) און צום מיטעלאַלטער מיט זיין קונסט, דיכ־טונג און שרעקליכע מעשים. מען רייצט אָן דאָס פאָלק צו מעשים, צו וועלכע עס האָט נאָך זיין אַלטע געוואוינהייט"... אָבער נישט רחל, נישט איהר ברודער האָבען דערהויבען זייער שטימע לטובת די אידען, כאָטש זייער וואָרט האָט געהאַט אַ געוויסע מאַכט ביי דער געזעלשאַפט און זיי פלעגען זיך דוקא נישט פוילען אַרויסצוזאָגען זייער וואָרט ביי יעדער נישט־וויכטיגער געלעגענהייט.

די אידען האָבען שוין דאַמאָלס אפילו געהאַט אייגענע ליטעראַרישע קרעפטען, אַרויסצוטרעטען אין קאַמף געגען זייערע פיינד. אין דייטש־לאַנד אַליין זענען שוין דאַמאָלס געווען פערציג אידישע שריפטשטעלער, וועלכע האָבען געקאָנט רעדען צום דייטשען פובליקום; אויך צוויי איי־גענע צייטונגען פאַר ספּעציעל אידישע ענינים האָבען די אידען שוין דאַ־מאָלס געהאַט. אויך די טעגליכע פּרעסע האָט זיך פאַר זיי געעפענט און זי פלעגט אפילו דרוקען אַרטיקלען פון אידען וועגען דער אידישער פראַגע, און די אידען זענען טאַקי אויך אָפט אַרויסגעטראָטען מוטיג, צו ענטפערן זייערע אָנפאַלער. דער אַלטער דוד פרידלענדער האָט ווידער דערהויבען זיין שטימע, ער האָט זיך אָבער דערצו גענומען גאַנץ קאָ־מיש. ער האָט גערעדט, ווי איינער, וואָס קאָן כלל נישט פערשטעהן, וואָס עס קומט פאַר אַרום איהם. דאָס קריסטענטום און די דייטשע מלוכה האָט ער געהאַלטען פאַר די העכסטע אידעאַלען און איהם איז קשה געווען, ווי אַזוי קאָנען אָט די אידעאַלען אַרויסווייזען אַזוי פיעל שלעכטסקייט, בפרט נאָך אין נייינצעהנטען יאָהרהונדערט. אָבער אָט די אַלע אידישע שריפטשטעלער זענען געווען צו־שוואַכע קעמפער און זייע־רע קוילען האָבען נישט געקאָנט דורכברעכען דעם דיקען פּאַנצער פונ'ם דייטשען אָבערגלויבען געגען די אידען. דורכצושיסען אַזאַ פּאַנצער האָט מען געמוזט האָבען שאַרפע און שווערע וואַרף־שפּיזען (האַרפונען). און אָט האָט די היסטאָריע אַרויסגעשטעלט צוויי נקמה־מלאכים, וועלכע האָ־בען געשמיסען די דייטשען מיט אייזערנע ריטער, אַרונטערגעריסען זיי פון זייער פערחלומטער, אויסגעטראַכטער הויכקייט, אויף וועלכער זיי האָבען געמיינט זיך צו געפינען און אויפגעדעקט אָהן רחמנות זייער גאַנ־צע נאַקעטקייט און פוסטקייט. די דאָזיגע נקמה־מלאכים, וועלכע האָבען

געבראַכט די דייטשען פיעל מעהר נוצען, איידער זייערע כלומרשטע בעלי־טובות און בעשיצער זענען געווען לודוויג בערנע און היינריך היינע.

צי געהערען בערנע און היינע אויך צו דער אידישער געשיכטע? געווים יאָ, דען נישט בלויז לויט'ן בלוט, נאָר מיט'ן גאַנצען מאַרך פון מח זענען זיי געווען אידען. די בליצען, וועלכע זיי האָבען אָפט געשליידערט אויפ'ן דייטשען הימעל, טיילמאָל אין שענע, ליעבע קאָלירען פון א רעגען־בויגען, טיילמאָל ווי פייער־שטראַהלען—זענען געווען עלעקטריזירטע מח־פונקען פון א תלמוד־איד. אמת טאַקי, אַז אין עפענטליכען לעבען זענען זיי ביידע אַרויסגעטראָטען פון יודענטום, אָבער זיי האָבען דאָס געטהון נאָר, ווי קעמפער, וועלכע קליידען זיך איבער טיילמאָל אויפ'ן פיינד'ס שטייגער און נעהמען זיין פאָהן אין דער האַנד, כדי איהם בעסער צו קאָנען שלאָגען און פערניכטען. צי זיי זענען זיי אַלזאָ געווען בלויז צבוע'אָ־קעס? — ניין, שולדיג זענען בלויז יענע גלחים, וועלכע האָבען לייכטזיניג, אָדער צוליב זייער טפשות גע'שמד'ט זיי, נישט פרעגענדיג ביי זיי בכלל, אויב זיי זענען באמת מאמינים אין גלויבען, וועלכען זיי נעהמען אָן. זייערע געגנער האָבען זיי תמיד געהאַלטען פאַר אידען און אויך געזי־דעלט זיי מיט'ן נאָמען „איד“ אפילו אויך נאָך זייער שמד און אין דער ווירקליכקייט איז איינער פון זיי (היינע) — כאָטש זיינע געפיהלען זענען זעהר ווייניג געווען שטאַנדהאַפט און פלעגען זיך אָפט בייטען — געווען פיעל געטרייער דעם יודענטום, ווי די פריעדלענדער, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פאַר פאַרשטעהער פון יודענטום. ווי גרוים עס איז געווען דער אונטערשיד אין די כאַראַקטערען פון בערנע און היינע, האָבען זיי געקאָנט געהאַלטען ווערען פאַר צווילינג־ברידער, ווי מען האָט געהאַל־טען די דיכטער שילער און געטהע. זיי ביידע האָבען דורכגעבראַכען פענסטער אינ'ם פינסטערען מיטעלאַלטער, מיט וועלכען די דייטשען האָ־בען זיך קינסטליך געהאַט אַרומגערינגעלט, כדי צו פערפינסטערען די ליכטיגקייט און פערדומפען די לופט. בערנע און היינע האָבען אָבער אַריינגעבראַכט אין דייטשען לעבען ביידע זאַכען — אי פרישע לופט, אי ליכטיגקייט. די שאַרפע און לעבעדיגע שפּראַך, וועלכע האָבען נאָך לע־סינגען איבערגענומען בלויז נישט פיעל שריפטשטעלער און געלעהרטע אין דייטשלאַנד, האָבען היינע און בערנע געמאַכט היימיש אין דער דייטשער ליטעראַטור, בעפרייענדיג איהר פון איהר טרוקענהייט און גייסטיגער אָרימקייט, פאַר וועלכע מען האָט אַזוי פיעל אָבגעלאַכט פון איהר ביי די אַרומיגע פעלקער.

אין זייער קינדישער פערביסענקייט געגען די אידען האָבען די „דייטשטומלער“ — די ריהס, די פריעס, די הינדט־ראַדאָווסקים — גע־טענה'ט, אַז דאָס יודענטום קאָן כלל קיינמאָל נישט אַרויסגעבען פון זיך קיין מענשען מיט א שטאַרקען כאַראַקטער, קיין נשמה מיט א פייערדיגען

פערשטאַנד פאַר דער קונסט,קיין עכטען שעפער מיט אַ שטאַרקען גייסט
דאָס לעבען האָט אָבער באַלד בעוויזען, ווי פאַלש עס איז זייער טענה:
דאָס יודענטום האָט אַרויסגעשטעלט אַנ'אַפּאָסטעל פון דער פרייהייט מיט
אַנ'אייזערנעם כאַראַקטער און מיט אַ שפּראַך, וואָס איז געווען עהנליך
צו דער שפּראַך פון די נביאים און די רוימישע קאַטאָנ'ס, און ער האָט
איבערגעקעהרט קאַפּויר אַלע דייטשע בעגריפען פון זייער לעהרע וועגען
דער מלוכה; און דאָס לעבען האָט נאָך דערצו אַרויסגעשטעלט אַ קינסט-
לערישען דיכטער, מיט אַ מישונג פון טיפער אינערליכער פּאָעזיע און
בייסענדער איראָניע, און ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון אַלע דייטשע גע-
מאַכטע קונסט-געזעצען. מען קאָן זאָגען אָהן גוזמא, אַז קיין פאָלק אויף
דער וועלט האָט נאָך נישט געהאַט אַרויסגעגעבען אין איין עפּאָכע אַזעל-
כע צוויי אויסגעצייכענטע פּערזענליכקייטען, יעדער אין זיין פאַך, ווי
היינע און בערנע זענען געווען. אין דער אידישער געשיכטע אָבער זענען
זיי כלל נישט קיין זעלטענע ערשיינונג. בערנע מיט זיין טיפען פיהלען און
שניידיגען וויץ דערמאָנט שטאַרק אָהן דער בייסענד-שענער איראָניע פון
אונזערע נביאים, אָדער פון די „מזמורים“ וועגען „די שאַלקהאַפטיגע
לייט“; אין היינע'ן דערקענען מיר אונזערע אבן-עזרא, אלחריזי, עמנואל
דעם רוימער, וועלכע פלעגען אָבלאַכען פון זיך אַליין, אָבער אין זייער
געלעכטער האָט זיך תמיד געהערט אַ ביטער געפיהל פון וועהטאָג איבער
דעם מענשענס נישטיגקייט בכלל. די פערשידענאַרטיגע בלומען-בעצירונג
פון בערנע—היינע'ס גייסט, שטאַמט פון אידישען שורש. נישט בלויז
זייער וויץ איז געווען אַ אידישער, נאָר אויך זייער געוואַלטיגע שטרעבונג
צום אמת, זייער פערביטערטע שנאה צו יעדער פאַלשקייט, צו יעדען
אַרויסשטעלען זיך אין אַ נישט-געהעריגער פאַלשער בעלויכטונג, זייער
האַס געגען צביעות און געמאַכטער פרומקייט געגען חניפה, געגען רוי-
בערען ווייהרויך פאַר יעדען שטאַרקערען, זייער אבשוי געגען קלינגען אין
די גלעקער פאַר'ן שקר, פאַר דער מענשען-פערקנעכטונג, פאַר דער פער-
קרימונג פון דער גערעכטיגקייט און פאַר אַלערליי רציחות אין יעדער
פאָרם — אַט דאָס אַלץ איז געווען ריין-אידיש. דער דעמאָקראַטישער
פרייהייטס-גליהענדער גייסט, וועלכער איז אין בערנע'ן געווען שטאַרקער
און אין היינע'ן עטוואָס שוואַכער, דער טיפער שפּינאָזישער אַנאַליטי-
שער גייסט, וועלכער איז אין היינע'ן געווען שטאַרקער, איידער אין
בערנע'ן — דאָס אַלץ איז געווען אַ ריין-פּראָדוקט פון אידישען גייסט.
ווען היינע און בערנע וואָלטען געבוירען געווען צווישען קריסטען און
ביי זיי ערצויגען געוואָרען, לויט זייערע טראַדיציעס, וואָלטען זיי נישט
געווען דאָס, וואָס עס איז פון זיי געוואָרען אונטער דער השפּעה פון יו-
דענטום; זיי וואָלטען מיט זייער אָבשפּאָטען נישט געוואָרען קיין פרוכט-
באַרע און נוצליכע קראַפט אָבצופרישען דייטשלאַנד און אויסצו-
וואָרצלען אין איהר אַלץ, וואָס איז פויל און אַלט, פערדאַרבען און שעד-

ליך פאר דער מענשהייט. זיי, די פערקנעכטעטע, זענען געוואָרען בע־פרייער און אויסלייזער פאר זייער פיינד, דען זיי האָבען זיי בעפרייט פון דאָפּעלטען יאָך פון פאָליטישער און געזעלשאַפטליכער פערקנעכטונג. מען קאָן כמעט זאָגען, אז עס קומט א דאנק די ווילדע „דייטשטומלער" פאר זייער וויסטער אַגיטאַציע: זיי האָבען דאָדורך דערוועקט בערנע'ס גייסט און אונטערגעצונדען די גרויסע איינגעהאַלטענע ענערגיע, וואָס האָט געלעבט אין זיין גייסט, טרייבענדיג איהר צו מעשים.

לודוויג בערנע אָדער ליים ברוך איז געבוירען אין יאָהר, ווען מענדעלסאָן איז געשטאָרבען. (געבוירען אין פראַנקפורט 1786, געשטאָרבען אין פאַריז 1837). עטוואָס האָט בערנע געהאַט אין זיין כאַראַקטער פון מענדעלסאָנען. ווי מענדעלסאָן, איז ער אויך געווען א ביישן און אונבעוועגליך, פעהיג, צו בעהערשען זיך אליין און נישט ארויסצוגעהן פון זיין גדר. ביידע האָבען זיי גלייך געשעפּט די עסטעטישע געזעצען אין זיך זעלבסט און נישט פון חדר־ארוים. בערנע איז ערצויגען געוואָרען אויף א בעזונדערן שטייגער. זיין פאָטער, יעקב ברוך, האָט גע־האַט, ווי שוין דערמאָנט, פיעל בעקאַנטשאַפט אין קייזערליכען הויף, וואו ער איז געווען זעהר בעליבט. דאָס איז געווען א מענש, וואָס האָט פער־שטאַנען צו בעהאַלטען זיינע מיינונגען, ווי אַן'עכטער דיפּלאָמאַט; אין רעליגיעזער הינזיכט איז ער געווען העכסט פריידענקענד, מעגליך, אז ער איז אינגאַנצען פריי געווען פון יודענטום, אָבער זיינע קינדער האָט ער ערצויגען אויפ'ן אלטען שטייגער, ווי עס האָט זיך געפיהרט אין דער משפחה. ער האָט גענומען פאר זיי א לעהרער יעקב זאקס, וועלכער איז געווען א משכיל פון פריעדלענדער'ס חדר, און פון אָט דעם לעהרער האָט ער געפאָדערט, אז ער זאָל ערציהען זיינע קינדער, לויט דער אלטער טראַדיציע, נישט דערצעהלענדיג זיי קיין זאך וועגען דער נייער השכלה. אזוי ארום האָט בערנע געלערנט אביסעל תנ"ך, אביסעל תלמוד, אָבער קאַלט, אָהן איבערצייגונג און אינערליכע התפעלות; ער האָט טאַקי אויך באַלד דערשפּירט, אז נישט זיין פאָטער, נישט דער לעהרער זענען שטאַרקע אָנהענגער פון דעם, וואָס זיי לערנען איהם, אינ'ם יונגען בערנע האָט זיך באַלד אָנגעהויבען א אינערליכער קאַמף, אָבער דאָס איז שוין געווען נישט קיין אידעען־קאַמף, נאָר א קאַמף געגען ליעבע און אַכטונג: בערנע האָט אויפגעהערט צו ליעבען און אַכטען זיין אייגען פאָלק און דאָס יודענטום. די ארומיגע אידישע געזעלשאַפט, די סביבה, וואו בערנע האָט געלעבט, איז טאַקי אויך וועניג וואָס מסוגל געווען, צו דערוועקען צו זיך ליעבשאַפט. א רב איז דאַמאָלס געווען אין פראַנקפורט רבי פנחס הלוי הורוויץ (דער בעל „ההפלאה") — א פוי־לישער איד — א חסיד, וועלכער האָט געהאַלטען מענדעלסאָנס איבערזעצ־צונג פון תנ"ך פאר אפּיקורסות. ווי אלע דאַמאָליגע רבנים, האָט ער זיך

אויסגעצייכענט מיט זעהר שענע מדות, אָבער מען האָט געדאַרפט לאַנג געפינען זיך אַרום איהם, כדי אָט די מדות צו דערזעהען. זיין געוועהנ־ליך אויסערליך ערשיינונג האָט געקאָנט דערוועקען בלויז אימה און טייל־מאָל אויך עקעל ביי אַזאַ יונגענמאַן, ווי בערנע. ווען בערנע וואָלט גע־קאָנט זעהען מענדעלסאָנען, וואָלט ער דורך איהם געוויס געוואָרען אַ הייסער פריינד פון זיין פאָלק, אַזאַ מענשען האָט אָבער בערנע נישט בעגעגענט אין דער יוגענד, און דעריבער האָט זיך אין איהם אָנגעהויבען ענטוויקלען אַנ׳אַנטיפּאַטיע צו אידען און צום יודענטום, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזען נאָך אין זיין פריהער יוגענד. אין גיעסען האָט בערנע גע־דאַרפט לערנען ביים פּראָפעסאָר העצעל און צוגרייטען זיך צו אַ וויסענ־שאַפטליכען פאַך. ביים פּראָפעסאָר אין שטוב האָט ער געמוזט אָבהיטען אַלע אידישע מנהגים, אָבער באַלד האָט ער זיך דערפון אָבגעזאָגט און דערווייטערט זיך פון יודענטום אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אפילו מיט דער צייט פערגעסען לעזען העברעאיש. ווערענדיג אַנ׳איינגעהער אין שטוב פון ה ע נ ר י ע ט ע ה ע ר ץ, וואו מען פלעגט אָבלאַכען פון יודענ־טום, איז בערנע ענדליך גאַר אָבגעפאַלען פון איהם, בעזונדערס, ווען הענריעטע האָט איהם געראַטען, נאָך איהר מאַנס טויט, צו ווענדען זיך צום קריסטליך ־ פילאָזאָפישען ש ל יי ע ר מ אַ כ ע ר, האָט איהם דער לעצטער געמאַכט כמעט פאַר אַ שונא־ישראל. ער האָט פעראַכטעט די אידען פון זיין צייט און וועגען דעם אַמאָליגען יודענטום, ווי אויך וועגען די פּאַרצייטיגע גרויסע אידען, האָט ער בכלל געהאַט זעהר פערקעהרטע, פאַלשע בעגריפען. ער האָט זיך גאַרנישט געקאָנט משער זיין, אַז זיין הייסע ליעבע צום אמת האָט ער בעקומען בירושה פון זיין פאָלק, ווי אויך נאָך פיעל אַנדערע גוטע אייגענשאַפטען. ער האָט זיך, למשל, געהאַט פערליעבט אַזוי שטאַרק אין הענריעטע הערץ (וועלכע האָט שוין געקאָנט זיין זיינע אַ מוטער), אַז ער האָט געוואָלט איינגעהמען סם. ער האָט דאָס אָבער נישט געטהון, ווייל זיין אידישע נאַטור, דער קאַלטער אידישער שכל האָט אין איהם געהאָלפען מתגבר זיין זיך אויף זיין תאוה צו דער עלטערער פרוי, ווי צו פרויען בכלל און ער האָט גאַר אָנגעהויבען אָבלאַ־כען פון די יונגעלייט, וועלכע „שמאַכטען נאָך די שווינדזיכטיגע מוידען". דער אידישער געזונטער שכל האָט איהם אויך אָבגעהיט פון לאָזען זיך פערשלעפּען צו־וויט דורך זיינע אידעאַליסטישע שטרעבונגען. איין גע־פיהל האָט אינגאַנצען איינגענומען זיין האַרץ און ער איז איהם געבליבען געטריי זיין גאַנצען לעבען: ד י ל י ע ב ע צ ו פ ר יי ה יי ט. „די בעדייטונג פון גוטעס — שרייבט בערנע — קאָן מען ערקלערען אין אַ פּאָר ווערטער. וואָס איז גוטס? — גליק. און וואָס איז גליק? — פרייהייט. וועגען פרייהייט אָבער ברויכט מען נישט צו פרעגען, וואָס דאָס איז אַזוינס, ווייל זי איז די איינציגע אייגענשאַפט פון שכל, פון גאָט; זי איז אונבעדינגט, און איהר בעדייטונג ליגט אין איהר גופא". — און

דאָס האָט בערנע געשריבען זייענדיג נאָך אַנ'אכצעהן-יעהריגער יונגעל.
און אָט דעם געדאַנק האָט ער געטראָגען אין זיך ביז זיין לעצטען אָטעם,
בלייבענדיג איהם שטענדיג געטריי און מאַכענדיג איהם פאַר אַ מאָטיוו
פון אַלע זיינע מעשים: „דאָס גוטס איז די פרייהייט, די פרייהייט איז
דאָס גוטס, אַ-סער זיי איז קיין גליק נישטאָ“. אָבער ליעבענדיג אַזוי
שטאַרק די פ. ייהייט, איז בערנע פונדעסטוועגען נישט אַריבערגעגאַנגען
אַ געוויסע גרעניץ און נישט געפּרובט אונטערנעהמען פון איהרעטוועגען
אונמעגליכע, נישט קיין בערעכטיגטע מעשים. אַלס עכטער איד, האָט
בערנע גוט אָבגעוואויגען, וואָס מען מעג און מען קאָן טהון און וואָס מען
דאַרף נישט און מען קאָן נישט, וואָס עס מוז בעטראַכט ווערען, אַלס
פוסטער חלום.

און אָט די ליעבע צו פרייהייט, וועלכע האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקע
השפּעה אויף זיין לעבען, צי איז זי נישט געווען אַ פּראָדוקט פון זיין
אידיש בלוט, אָדער לפּחות, פון דער אידישער געשיכטע? — דאָס שווע-
רע און שלעכטע פון דער קנעכטשאַפט, איהר גאַנצע ביטערקייט און
שאַרפקייט האָט געקאָנט שפּירען נאָר אַ איד, וויל אין פערגלייך מיט
דער אידישער לאַגע האָט אויך אַ נעגער אָדער אַ דאַמאָלסדיגער רוסיש-פוי-
לישער „כלאָפּ“ געקאָנט גערעכענט ווערען פאַר אַ פרייען מאַן. פראַנק-
פורט, מיט איהרע ספּעציעלע געזעצען אויף צו דערנידעריגען די אידען,
איז געוואָרען אַ גוטע שול פאַר בערנען, וואו ער האָט זיך געלערנט צו
שעצען, ווי געהעריג איז, די פרייהייט. נאָך אַלס יונגער יונגעל, ווען ער
האָט געזעהען, דאָס איהם איז, אַלס אַ אידען, פערבאָטען צו שפּאַצירען
דאָרט, וואו אַלע געהען, נאָר ער מוז געהן אויף שטויביגען וועג,
וואו די פוהרען פאָהרען; ווערענד יעדער לומפּיגער בעטלער, יעדער
שכור פון די קריסטען האָט געהאַט דאָס רעכט אויסצורופען צו איהם:
„מאַך מאָרעס יודע!“ — נאָך דאַמאָלס האָט שוין אין איהם אָנגעהויבען
שפּראָצען און וואַקסען דער געדאַנק, אַז „קנעכטשאַפט איז אַ קללה און
פרייהייט — אַ ברכה“. — „וויל איך בין געבוירען געוואָרען, אַלס אַ
קנעכט, ליעב איך די פרייהייט מעהר, ווי איהר; יאָ, וויל איך ווייס,
וואָס פאַר אַ טעם קנעכטשאַפט האָט, פערשטעה איך בעסער פאַר אייך
צו שעצען די פרייהייט“.— אָט דאָס פלעגט בערנע איבער'חזר'ען אין
זיין קרייז. אפילו אויך אין זיין שפּראַך איז בערנע געווען אַנ'עכטער איד.
זיין געוואַלדיג שענע שפּראַך, וועלכע פלעגט אַזוי אַלעמען בעצויבערען
מיט איהר קורצקייט און שאַרפקייט, טיעפקייט און אָבגעוואויגענהייט—
אָט די שפּראַך האָט איהר גלייכען נאָר אין „שלמה דעם רייכענ'ס“ משלים
אָדער אין תלמוד. בערנע אַליין האָט דאָס אָבער נישט געוואוסט; עס
איז איהם גאַנץ פרעמד געווען, ווען ער האָט צו פערדאַנקען פאַר די
טייערע אוצרות, מיט וועלכע ער איז אַזוי רייך געבענשט געווען און ער
האָט נאָר פעראַכטעט די אידען און דאָס יודענטום, ווי עס האָבען דאָס

נעטהון זיינע בערלינער פריינד, די דאמאלסדיגע משכילים. נאר איין מאל האט ער מודה געווען, וואס פאר א גליק ער האט געהאט געבוירען צו ווערען א איד: „איך וואלט נישט ווערט געווען די זון צו זעהען, ווען איך וואלט זיך נישט דערמאנט אן דעם גרויסען חסד וואס גאט האט מיט מיר געטהון, בעשאפענדיג מיך אלס א איד און א דייטש צוגלייך און איך וואלט געווען אונדאנקבאר, נאר דערפאר וואס מען האט תמיד אבגעלאכט פון אידען, דען איך ווייס ווי גוט עס איז צו זיין א דייטש, נישט האבענדיג אויך די דייטשע חסרונות". און ווענדענדיג זיך צו די דייטשען האט בערנע געשריבען: ביטע, פערהאסט נישט דעם אידען, וואס לעבט אין מיר; ווען איהר וואלט געווען גלייך צו די אידען, וואלט איהר בעסער געווען, ווי איהר זענט איצט. איהר האט צוגענומען ביי די אידען די לופט, אבער דאס האט זיי פערהיט פון פערפוילט צו ווערען; איהר האט ביי די אידען אין הארצען פערזייהט דעם זאלץ פון אייער שנאה, אבער אט דער זאלץ האט געהיט דאס אידישע הארץ פון קאליע ווערען. א גאנצען ווינטער האט איהר געהאלטען די אידען איינגעשפארט אין א קעלער, פערשטאפענדיג מיט מיסט אלע זיינע עפענונגען, אבער איהר אליין זענט, שטעהענדיג אין דרויסען, איינגאנצען פערפרוירען געווארען. זאל נאר קומען דער פריהלינג וועלען מיר זעהען, ווער וועט געשווינדער אויפבליהען: צי איהר קריסטען, אדער דער איד?" בערנע אליין האט אבער ווייניג וואס געגלויבט אין דער לעבענסקראפט פון יודענטום און פון אידישען פאלק, און געזאגט האט ער אט די ווערטער נאר אין א מאמענט פון כעס געגען די דייטשען, דען ער האט די דאזיגע טיראדע געענדיגט אזוי: „איהר ווייסט דאך, ווי איך חלש נאך די אידען".

בערנע האט געהאט א פיין געפיהל אונטערצושיידען דעם אמת פון שקר, אבער זיין אנשויאונגס-קרייז איז נישט געווען גענוג גרויס. ער האט געזעהען נאר דאס, וואס געפינט זיך הארט נעבען איהם, דאס, וואס מען ברויך באלד צו טהון, אבער נישט די צוקונפט אין דערווייטען; אויך נישט שטענדיג האט ער גוט מבחין געווען צווישען דער אויסערליכער פארם און דעם אינערליכען אינהאלט. דער אנאליטישער פערשטאנד האט נישט געשטראמט ביי איהם פון זיך זעלבסט, ווי נאטירליכער וואסערשטראם, ווי דאס איז געווען ביי היינע; ער האט איהם ערשט געמוזט זוכען און ענטדעקען, דען אלץ, וואס האט נישט געלעבט ביי איהם אין הארצען האט פאר איהם נישט עקזיסטירט. דאס איז אויך געווען די סבה, פארוואס ער האט נישט פערשטאנען צו שעצען ווי געהעריג דאס אידישע פאלק: פון זיין ערשטער יוגענד אן האט ער געזעהען ארום זיך די אידישע פראנקפורטער בערזע-לייט, וועלכע האבען אין זינען נאר די מטבע און די געלד-חשבונות, אדער אזעלכע מענשען, וואס לאכען אב פון יודענטום און פלאפלען וועגען דעם קריסטענטום אויף שלייערמאכערס שטייגער, שעמענדיג זיך מיט זייער פאלק, ווי, למשל, די איינגעהער פון

הענריעטע הערץ'ס סאלאן; און אט האט די דאזיגע סביבה איינגעווארצעלט באלד אין איהם א שנאה צו אידען. ווען ער וואלט פעהיג געווען טיפער אריינצודענקען אין דער פערגאנגענהייט, אדער אפילו אויך אין דער געגענווארט און זעהען טיעף אריין אין אינערליכען לעבען, וואלט ער אויך אין ראטשילד'ס הויז, פון וועלכען ער האט אזוי פיעל אבגעלאכט, געזעהען הייליגע אידעאלען און וואלט פערשטאנען, ווי פיעל און ווי שטארק ער אליין האט צו פערדאנקען די אידען פאר דאס, וואס ער האט פון זיי בירושה.

בערנע איז אבער אויך געבענשט געווען פון דער נאטור מיט א נעזונטען פערשטאנד, וועלכער האט איהם אבגעהיט פון דער מאראלישער שפלות פון רחל לעווין מיט איהר ברודער ראבערט און דער גאנצער כנופיא פון די סאלאנען, וועלכע האבען זיך אבגעווענדעט מיט פעראכטונג פון די אידען, נישט געפינענדיג פאר נויטיג אפילו אנטיילצונעהמען אין אידישען צער, אדער ארויסצוטרעטען לטובת די אידען. בערנע איז נאך אין זיין פריהער יוגענד געוואלדיג אויפגערעגט געווען, ווען מען פלעגט איהם ווארפען אין פנים דאס ווארט: „יודע", און ער האט ריכטיג פאראויסגעשפירט, אז מען וועט עס אים שטענדיג אויפווארפען אלס א חרפה און איהם וועט אויסקומען „אויפצוהויבען זיין לויבען־לאפע, צו שלאגען אלע יענע חמורים, וועלכע מאכען אויף איהם אזא מין אנפאל". ווען ער איז, שוין זייענדיג סטודענט, געקומען קיין פראנקפורט נאך א פאספארט, און דער פאליציי־שרייבער האט געמאכט אויפ'ן פאספארט די אויפשריפט „א פראנקפורטער איד" — „מיין בלוט — שרייבט בערנע — איז אין מיר דאמאלס פערגליווערט געווארען, און איך האב אין הארצען געשוואוירען: איהרווארט נאר, איך וועל שוין אייך אמאל אנשרייבען אלעמען א פאספארט, אז איהר וועט מיך האבען צו געדענקען" — אזוי דערצעהלט עס בערנע אליין.

איין מאמענט האט זיך געקאנט דאכטען, אז בערנע האט אויף זיין דאזיגער שבועה פערגעסען. די פראנקפורטער אידען האבען, ווי שוין דערמאנט, זיך געהאט געקויפט זייער פרייהייט פאר א האלבען מיליאן; און בערנע, וועלכער האט געשטודירט יורי און איז שוין מפורסם געווארען דורך זיינע ערשטע שריפטען, איז געווען פון די ערשטע אידען, וואס האבען בעקומען א שטעלע ביי דער פאליציי. מעגליך, אז בערנע'ס גרויסער גייסט וואלט גאנץ אונטערגעגאנגען אינ'ם שטויב פון די פאליציי־ארכיווען, ווען עס וואלט איהם נישט געהאט געוועקט די שענדליכע חוצפה פון די פראנקפורטער קריסטליכע מיוחסים. דייטשלאנד'ס שאנדע נאך דער מפלה ביי יענא, וועלכע זי האט געהאט כשר פערדינט, האט וועה געטהון בערנע'ן, נישט ווייניגער ווי די קריסטען. און דאס האט איהם אויך געהאט דערוועקט אנצושרייבען אנ'אויפרוף צו די אידען, צו שטעלען זיך אלס פרייוויליגע צום דינסט פאר'ן פאטערלאנד. די דייטשע צענ־

זור האט אבער דעם אויפרוף פערבאטען, „ווייל ער דערוועקט צושטארק דאס פאלק". ווען נאפאלעאן איז ענדליך געפאלען, האט בערנע געהאלטען צוזאמען מיט די דייטשטומלער און איז געגאנגען אין דער ריכטונג אזוי ווייט, אז ער האט אנ'עצה געגעבען, צו פאלגען אלץ, וואס די רעגירונג הייסט. „עס פאסט נישט פאר אונז — האט בערנע דאמאלס געשריבען — צו טראכטען פיעל וועגען די פירשטליכע בעראטונגען. זיי זענען בעסער פאר אונז. מיר האבען דאס שווערד געהאלטען, און זיי האבען אונז געלערנט, וואס צו טהון". בערנע'ס ברודער האט אין דער ווירקליכקייט געקעמפט, צוזאמען מיט נאך פרייוויליגע אידען אין דער דייטשער ארמעע. אבער אויב ער האט געהאט פערגעסען, אז ער איז א איד און זיך געהאלטען נאר פאר א דייטש, האבען דאס נישט פערגעסען די פראנקפורטער מיוחסים, נאר זיי פלעגען איהם תמיד דערמאנען און רייצען איהם, אז ער זאל ערפילען זיין שבועה, וואס ער האט אמאל געשווארען. בערנע האט דער ערשטער געליטען פון דער אלגעמיינער רעאקציע. מען האט ביי איהם צוגענומען זיין שטעלע אין דער פאליציי און געצוואונגען איהם צו בעזעצען זיך, גלייך ווי די איבריגע פראנקפורטער אידען, צוריק אין דער געטא.

דער חוצפה'דיגער אופן, ווי מען האט ביי די פראנקפורטער אידען צוגענומען זייערע רעכט, וועלכע מען האט זיי דריי מאל בעשטעטיגט שריפטליך, האט זעהר שטארק אויפגערייצט בערנע'ס פרייהייטס-ליעבע, און ער האט אנגעהויבען שארפען זיינע פיילען צום קאמף פאר די אידען און געגען די פראנקפורטער אונעהרליכע מיוחסים, וועלכע האבען די „אידענשטעטיגקייט" פון יאהר 1616, אדער, ווי בערנע דריקט זיך אויס: דעם „מיטעלאלטערליכען ראמאן פון רשעות" ווידער געוואלט איינפיהרען אין ניינצעהנטען יאהרהונדערט. זיינע אויפגערעגטע געפיהלען און יעהטאגען אין דער צייט פון דער וואקסענדער רעאקציע האט בערנע אויסגעדריקט דורך די רייד פון א אידישען אפיציר, דעם העלד פון זיינעם א ראמאן: „איהר האט ביי מיר גע'גנבעט מיין שפיעל אין דער קינדהייט, איהר שלעכטע נפשות! אין זיסען בעכער פון דער יוגענד האט איהר מיר ביטערזאלץ אריינגעווארפען און, ווען איך בין אויסגעוואקסען, האט איהר מיך אנגעהויבען צו פערווארפען מיט אייערע פאלשע רכילות און גענומען זיך אבלאכען פון מיר. אבצוהאלטען מיך אויף מיין וועג אין לעבען האט איהר נישט געקאנט, אבער מיעד, פול וועהטאג און אהן לעבענס-פרייד בין איך צו מיין ציעל געקומען... אלע מיינע געפיהלען האט איהר אין מיר אבגעטויט איינעם נאך דעם אנדערן, א גיהנום האט איהר פון מיין לעבען געמאכט; אפילו קיין טרייסט, וואס די נקמה קאן געבען, האב איך נישט; איך בין נישט גענוג שטארק אויף מוחל צו זיין איהר און נישט גענוג שוואך, אויף צו דערנידעריגען זיך ביז נקמה-נעהמען. איך קאן נישט פייזען, ווי זיי אויפ'ן בויך... דו פרעגסט מיך, פארוואס

איך פערלאַז מיין פאַטערלאַנד? איך האָב נישט קיין פאַטערלאַנד, ווי איך האָב נישט קיין פרעמד לאַנד נאָך נישט געזעהען. וואו עס זענען נאָר פאַרהאַן טורמעס, דאָרט איז מיין היים, וואו עס זענען פאַרהאַן רדיפות. דאָרט אָטעם איך די לופט פון מיינע קינדער-יאָהרען. דייטשלאַנד איז פאַר מיר אַזוי נאָהענט, ווי די לבנה".

אַנשטאַט צו נעהמען נקמה פאַר די וואונדען, וואָס די דייטשע שנאה צו אידען האָט געמאַכט איהם און זיינע אידישע ברידער. האָט בערנע זיך געשטעלט אַ שווערערע אויפגאַבע, צו מאַכען פערשווינדען די דאָזיגע שנאה דאַדורך, וואָס ער וועט אויסבעסערן דאָס דייטשע פאָלק. ער האָט פערשטאַנען, אַז די דייטשע שנאה צו די אידען איז נישט קיין צופעליגע זאַך, וואָס קאָן בטל ווערען פון זיך אַליין; איהר סבה ליגט טיעף אין כאַראַקטער פון פאָלק. „דאָס, וואָס די שטאַרקע דייטשען זענען אַזוי קריכעריש פאַר זייערע פירשטען, וואָס זיי יאָגען זיך נאָך כבוד, נאָך מיטוּלען א. ד. ג., ווי די קליינע קינדער; דאָס, וואָס זיי זענען אונוויסענד און גראָב, וועהרענד אין זייער לאַנד זענען פאַרהאַן אַזוי פיעל הויךאון מיטעל-שולען; דאָס, וואָס זיי פערשטעהען אַזוי ווייניג פאָליטיק און געשיכטע — אָט די אַלע חסרונות האָט בערנע געוואָלט אויב נישט אינגאַנצען אויסוואָרצלען, טאָ, לפחות, טיילווייז אָבשוואַכען. דער איד האָט געוואָלט ערציהען פון דאָס-ניי דאָס דייטשע פאָלק. ער האָט איהם געוואָלט אריינגעבען געפיהל פאַר פרייהייט, אַכטונג צו זיך זעלבסט, מעהר שטאָלץ און בעציהונג צו זיינע מיוחסים, מיט איין וואָרט: ער האָט געוואָלט מאַכען, אַז דאָס דייטשע פאָלק זאָל אויפהערען צו זיין קינדיש—נאַריש און ווערען פאָליטיש-אויסגעוואַקסען. אין זיין פרעסע-אָרגאַן „די וואָג" האָט ער אַרויסגעשטעלט נייע אידעאַלען און לויט זיי האָט ער געמאָסטען אַלע דייטשע מעשים און געשעהענישען. לאַכענדיג, האָט ער די דייטשען אַרויסגעזאָגט דעם ביטערן אמת אין אַזאַ פאָרם, ווי זיי האָבען דאָס נאָך קיינמאָל נישט געהערט.

איידער בערנע האָט צוגעטראָטען צו זיין דאָזיגער אויפגאַבע איז ער אַרויסגעטראָטען פון יודענטום. דעם 5-טען יוני 1818 האָט ער זיך געלאָזט אָבשמד'ן אין אָפענבאַך און אַנשטאַט לואי ברוך איז געוואָרען קארל לודוויג בערנע; אָבער אויך ווי וויט ער האָט ווייניג געהאַלטען פון זיין נייער אמונה, קאָן מען זעהען דערפון, וואָס ער האָט ערקלערט, אַז „ס'איז אַ שאַד דאָס ביסעל געלד, וואָס דער שמד האָט געקאָסט". ער האָט נאָר געוואָלט, אַז די קראַפט פון זיינע פיילען, וואָס ער האָט געשאָסען אין דער דייטשער טפשות זאָל נישט אָבגעשוואַכט ווערען דאַדורך, וואָס זיי ווערען געשאָסען דורך אַ אידען. און באַלד האָט זיך דייטשלאַנד דערוואוסט, אַז ביי איהר איז אַ נייער שריפטשטעלער געבוירען, וועלכער דערמאַהנט אָן לעסינגען, וועלכער איז אָבער פיעל העכער פאַר איהם דערמיט, וואָס ער שוועבט נישט אַרום מיט דעה

קונסט אויף די הויכע אייז־בערג, נאָר ער פלאַנצט איהר אין די נידעריגע טהאָלען פון טעגליכען לעבען. בערנע האָט דערלאַנגט דעם דייטשען פאָלק זיין שפיגעל, אין וועלכען מען האָט געמוזט דערזעהען אַלע נישט שענע קנייטשען אין פנים, אַלע מאוסע קרימונגען און לאַמונגען אויף די ליפען און אַרום די אויגען. בערנע'ס וויץ האָט וועהגעטהון, ווייל אין יעדען וויץ האָט מען געזעהען, ווי הויך דער קינסטלער שטעהט, ווי פיעל העכער און שענער ער איז פאַר זיינע געגנער; מען האָט אויך געזעהען, אַז דאָס איז נישט בלויז קינסטלערישער וויץ, נאָר דער ביטערער אמת, וואָס גיסט זיך פון אַ פערבלוטיגטען האַרצען. בערנע האָט דעריבער געמאַכט זעהר אַ טיעפען איינדרוק.

אינ'ם יאָהר, ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען די אָנפאַלען אויף אידען און מען האָט געהערט דאָס ווילדע געשריי „העפ־העפ", האָט בערנע זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און געשריבען זיין אַרטיקעל „וועגען די אידען". „דעם דאָזיגען אַרטיקעל — שרייבט בערנע — האָב איך געברויכט אַ נאָמען צו געבען „וועגען דער גערעכטיגקייט און דעם יושר", אָבער ווען מען וואָלט דאָס פערשטאַנען, וואָלט איך דאָך פערשפּאָרט צו שרייבען". אינ'ם דאָזיגען אַרטיקעל זאָגט אַרויס בערנע דעם גאַנצען ביטערן אמת וועגען די אידישע צוררים פון אַלע צייטען. „אין די שחיטות וועלכע מען פלעגט פּאַרצייטען מאַכען אויף די אידען, איז געלעגען עפּעס אַ מין מזל־זאַך. ווי עס שיינט איז אין גרונד פון די דאָזיגע שחיטות און מערדערייען געלעגען אַ אינסטינקטיוו געפיהל פון כעס געגען דעם יודענטום, וועלכער בלאַנקעט זיך אַרום, ווי אַן עלענדע נשמה פון אַ דער־הרג'עטע מוטער אַרום איהר קינד, דעם קריסטענטום". דערנאָך אַנאַליזירט בערנע די שנאה צו די אידען און ווייזט־אָן איהר אונבעגרינדליכקייט. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט בערנע געשריבען וועגען די דייטשען אַזוי: דעם דייטשען פאָלק בין איך מוחל פאַר זיין שנאה צו די אידען: איך קאָן דאָך נישט בייז זיין אויף קליינע, אונפערשטענדיגע קינדער, וועלכע הויבען ערשט אָן צו לערנען זיך שטעלען פיס און מוזען זיך האַלטען אָן אַ בענקעלע. זיי האַלטען זיך אָן דעם פּאַרקאַן, וואָס מען האָט פאַר זיי אויסגעשטעלט אַרום דער פרייהייט, און לערנען זיך געהען. דאָס דייטשע פאָלק וואָלט הונדערט מאָל אַ טאָג אומגעפאַלען, ווען עס וואָלט נישט געהאַט קיין פאַלשע בעגריפען. איך קאָן אָבער בשום אופן נישט מוחל זיין געוויסע יחידים זייער שנאה צו אידען, וועלכע זעגען אימשטאַנד עטוואָס יאָ צו פערשטעהען".

אַ געוויסער צורר, לודוויג האָלסט, האָט זיך דאַמאָלס אויפגעהויבען געגען די אידען און האָט געגרינדעט אַ ניי פילאָזאָפיש סיסטעם פאַר זיין שנאה צו אידען, — אַ סיסטעם, וואָס בערנע רופט אָן „די העפ־העפ־מעטאַפיזיק". אויף אָט דעם האָלסט איז בערנע אָנגעפאַלען מיט זיין גאַנצען סאַרקאַזם: „די שנאה צו אידען — שרייבט בערנע —

איז איינע פון די פערעפּושטע זומפּען פון גיפט אין אונזער שענעם גו־
טען פרייען פאַטערלאַנד... האָלסט וואָלט געוואָלט אויס'הרג'ענען אַלע
אידען מיט אַ מאָל און, ווען די אידען ווילען זיך פערטיידיגען, ווענדעט
ער זיך צו די אַרומיגע מענשען מיט אַנ'אויסרוף: זעהט נאָר, וואָס פאַר
אַ חוצפּה'דיג פאָלק דאָס איז! זיי לאָזען זיך נישט אַראָבהאַקען דעם
קאָפּ!"... און ווייטער: „צי זענען דען די אידען שלעכטע עלטערן פאַר
זייערע קינדער און ווילדע זיהן פאַר זייערע עלטערן? צי זענען דען זיי־
ערע פרויען, חלילה, אונגעטריי זייערע מענער, און די אידען פאַלשע
פריינד פאַר זייערע חברים? צי זענען זיי מערדער, רויבער, גנבים? צי
פערקויפען זיי זיך צו זנות, שכרות, פערגעניגענס, דעם קאָרטען־שפּיעל?
צי פערברענגען זיי בכלל זייער לעבען אין שלעכטע תאוות? ווען דאָס
וואָלט אַזוי געווען וואָלט איך דער ערשטער דאָס אָנגעוויזען. אָבער זיי
לעגען נישט אַריין די האַנד אין וואַסער, זיי נעהמען גרויסע פּראָצענטען,
זיי פערדינען אויף צעהן איילען פערקויפטע שיטז אַ גאַנצען אַכטעל
אייל, און ווען איינער פון זיי פערקויפט אין יאָהר 10 מיליאָן אייל, פער־
דינט ער דערביי עטליכע צעהנדליג טויזענד איילען... איהר האָט פיינד די
אידען, נישט צוליעב זייערע שלעכטע מדות, נאָר צוליעב אָט די איילען
שיטז. דאָס וואָס איהר רופט אָן „רעכטע" זענען כלל נישט קיין „רעכטע",
דען אויך אַ בהמה און חיה האָבען דאָך אַזאַ רעכט — אַ רעכט אויף צו
זוכען שפּייז, צו עסען, צו טרינקען, צו שלאָפען, צו האָבען קינדער —
איידער איהר שענקט די בהמה, האָט זי דאָך ביי אייך אַזעלכע רעכטע.
נאָר דעם אידען ווילט איהר אָט די רעכטע נישט געבען... ענטפערט מיר
נאָר, איהר פראַנקפורטער, האַמבורגער, לובעקער לייט: איהר קלאָגט זיך
אויף די אידען, אַז זיי זענען זיך עוסק אין קליין־האַנדעל און, ווען אַ איד
וויל זיך בילדען און בעשעפטיגען זיך מיט אַ פרייע פּראָפעסיע, לאָזט
איהר איהם נישט. איהר מוזט געבען אַנ'ענטפער, איך לאָז אייך
נישט אָב! פאַרוואָס מעגען נאָר פיער אידען זיין דאָקטוירים? און פאַר־
וואָס טאָר אַ איד נישט זיין קיין אַדוואָקאַט? נאָך מיט אַ יאָהר צעהן
צוריק האָט איהר אין אייערע פרייע שטעדט אויך אַזוי געדריקט די
קאַטוילען, ווי איהר רודפ'ט איצט די אידען. צי פערשטעהט איהר העון
נישט, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען די אידען וועלען אייך צווינגען
צו אָנערקענען זייערע מענשען־רעכט? אָה, איהר ווילט אָבער נאָר תמיד
זיין געצוואונגען. מיט'ן גוטען ווילען וועט איהר אַליין קיינמאָל נישט
טהון, נאָר מען מוז אייך תמיד שלעפען פאַר די אויערן, צווינגען אייך.
שעמט זיך, פע, אַ חרפּה!"... און לסוף: „איך ליעב נישט די אידען אָדער
די קריסטען, איך ליעב די פרייהייט, איך ליעב די מענשען און וואָלט גע־
וואָלט, אַז זיי זאָלען פריי זיין, ווייל די פרייהייט איז די ציערונג פון'ם
מענשען. זי איז אויך דער לעבענס־נערוו פון מיין פעדער, ביז
מיין פעדער וועט טעמפּיג ווערען אָדער מיין האַנד וועט מיך

אַבטריקענען... די איצטיגע נייע שנאה צו די אידען וועט נישט וואַקסען, זי איז בלויז דער לעצטער קראַמפּף פון דער שטאַרבענדער רעאַקציע. זאָל דאָס זיין אַ טרייסט פאַר די גערודפטע"...

בערנע איז אָבער געווען אַ שלעכטער נביא און פאָראויסזאָגען די צוקונפט איז כלל נישט געווען זיין זאַך. בערנע האָט בכלל שלעכט פערשטאַנען געשיכטע, ווען ער האָט געקאָנט גלויבען און פאָדערן, אַז די אידען זאָלען פערגעסען זייער טויזענד־יעהריגע פערגאַנגענהייט און ווערען עכטע דייטשען. אין דער היגזיכט איז היינע געשטאַנען פיעל העכער פאַר איהם.

פערלאג „יהודיה"

אידישע פאלקס-געשיכטע

פון

פראפעסאר צבי גרעטץ

איבערזעצט דורך י. שפירא.

זעכצעהנטער באנד

ווארשא.

Druk. „RENOMA", W-wa, Karmelicka 17, tel. 243-78

אינהאלטס-פערצייכניס פון זעכצעהנטען באנד.

די רענעסאנס-עפאכע.

פיערטער קאפיטעל (פארטזעצונג)

זייטע:

די רעאקציע — — — — — — — — — 18—3

פינפטער קאפיטעל

די רעליגיעזע רעפארם און די אידישע וויסענשאפט (1840—1818) — 70—19

די רענעסאַנס-עפּאָכע.

פיערטעס קאַפּיטעל (פאָרטזעצונג)

די רעאַקציע

היינריך אָדער האַרי היינע (געבוירען אין דיסעלדאָרף 1799, געשטאָרבען אין פּאַריז 1854) איז נאָך אויסער דעם געווען אין האַרצען אונענדליך מעהר איד, ווי בערנע; ער האָט אפילו אויך געהאַט אַלע אידישע מעלות און חסרונות אין אַ פיעל העכערער מדרגה, ווי בערנע. בערנע'ס גייסט איז געווען, ווי אַ דורכזיכטיגער קוואַל וואַסער, וואָס שטראָמט זיך רוהיג אויף גלאַט טהאַל-שטיינדלעך און נאָר געוואַלדיגע שטורמס קאָנען אין איהם אַנהויבען טרייבען כוואַליעס און אויפשלינגען שוים; היינע'ס גייסט דאַגעגען איז געווען ווי אַ קעסעל-גרוב: אויבען שפּילען זיך אין טויזענדער קאָלירען די זונען-שטראַהלען, שויענדיג ווי אין אַ רעגענבויגען, אָבער די שיפען, וואָס קומען אונטער נאָהענטער ווערען אַריינגעשלעפּט אין טיעפען אָבגרונד און צושמעטערט, אויב זיי זענען נישט גענוג פעסט געבויט. היינע איז געווען אויך אַזאַ טיעפער דענקער, ווי אַ מאַלערישער דיכטער. אויך אַזאַ שטרענגער קריטיקער, ווי אַ ליעבענסווירדיגער אָבשפּאָטער, אויך אַזוי פיעל אָריגינעלע געדאַנקען, ווי וואונדערליכע געזאַנג-מאָטיווען. היינע האָט נישט גענוצט צו זוכען דעם אמת, ווייל דער אמת האָט שטענדיג געוואוינט ביי איהם אין האַרצען. אין היינע'ס געלעכטער איז געלעגען מעהר אמת און איבערצייגונג, איידער אין פיעל שטראָף-רייד פון אַ מוכיח מיט אַ הייסען טעמפּעראַמענט. ער האָט שטענדיג געשטרעבט צו הויכע אידעאַלען, פאַר וועלכע מען זאָל קאָנען ווידמען דאָס גאַנצע לעבען און בזקען זיך פאַר זיי; נישט געפינענדיג אָבער אַזעלכע אידעאַלען, פלעגט ער אָבלאַכען פון יענע פאַלשע געטער, פאַר וועלכע עס האָבען זיך געבוקט און געריכערט ווייהרויך אַנדערע מענשען. אַלענפאַלס האָט היינע טיעף פערשטאַנען די געשיכטע מיט איהרע פערוויקעלטע ערשיינונגען. היינע האָט קיינמאָל נישט מוחל געווען אויפ'ן אינהאַלט צוליעב דער שענער פאָרם. ער אליין האָט אפילו אויך פיעל מאָל אַ טעות געהאַט, אָבער געשפּיעלט האָט ער מיט זיינע איבערצייגונגען קיינמאָל נישט. די פּאָליטיק איז כלל

נישט געווען זיין פאך, דען ער איז פיעל נאהענטער געשטאנען צו דער קונסט, איידער צו דער פאליטיק; דעריבער האט ער זיך אויך אבגעווענדעט פון איהר, נאך איידער ס'איז פאר אלעמען קלאר געווארען, אז דער דייטשער ליבעראליזם וועט נישט פיהרען צו א וועלכען ס'איז פאזיטיווען ציעל. די רעליגיעזע איבערצייגונגען האבען זיך אפט געביטען ביי היינען, אבער זיינע מדות, זיין כאראקטער זענען תמיד געבליבען די זעלבע און ער האט קיינמאל נישט געשריבען עטוואס, וואס זאל זיין געגען זיינע איבערצייגונגען אין יענעם מאמענט. אויב ער האט זיך א צייט לאנג געהאלטען ביים פאלשען פילאזאפישען סיסטעם, וואס פערגעטערט דעם מענשען, האט ער דערנאך אליין מודה געווען, אז ער האט געהאט א טעות, און אבגעלאכט פונ'ם דאזיגען סיסטעם. זיין שטארקער צוטרוי אין זיינע פריינד, אפילו אויך פאר יענע, וואס זענען איהם כלל נישט געווען געטריי באמת, דערוויזט, אז ער איז נישט געווען אזא עגאאיסט, ווי מען פלעגט אויף איהם זאגען און ווי ער אליין פלעגט טיילמאל ריידען וועגען זיך. געוויס, קיין גרויסער חסיד איז היינע מיט זיינע מדות נישט געווען, אבער אויך נישט אזא זינדיגע נשמה, ווי מען וואלט עס געקאנט מיינען לויט זיינע שריפטען אין בייסענדער סאטירע. ער האט זיך קיינמאל נישט געהאט אבגעזאגט פון זיינע טיעפע איבערצייגונגען און מיינונגען ווי אויך פון זיין פיינעם געשמאק אבצושעצען ערהאבענע, הויכע ענינים, און איז אויך נישט געווען אזוי טיעף ערגעבען די תאוות, ווי ער שטעלט זיך פאר טיילמאל פאר'ן לעזער. ער האט פשוט איזיסגעטראכט אויף זיך פערשידענע חטאים, ווי דער שטייגער איז פון אלע דיכטער און ארטיסטען. אויסער דעם איז ער געווען זעהר נערוועז און בשעת א נערווען-אטאקע איז ער פעהיג געווען, צו שרייבען אזעלכע זאכען, וואס ער וואלט קיינמאל נישט געשריבען אין א רוהיגער שטימונג. אבצוזאגען זיך אבער עפענטליך פון די אייגענע רייד, האט ער געהאלטען פאר א חרפה.

היינע האט טיעף און שטארק געליעבט זיין מוטער, — א זאך, וואס מען קאן וועגען בערנע'ן כלל נישט זאגען. בעטי פאן געלדערן, היינע'ס מוטער, איז געווען א טאכטער פון א מעדיקער, פון זעהר א שענער אידישער משפחה און, לויט ווי טייל זאגען, פון א משפחה וואס איז דערהויבען געווארען צום אדעל-שטאנד. היינע האט איהר געעהרט און הויך געשעצט כל ימיו. אין דער יוגענד האט היינע וועגען איהר געזונגען:

שטאלץ צו זיין בין איך געוואוינט
טיילוויז ווילדער יונג — א פראכט;
זעלבסט דעם קעניג נישט געשוינט
ווען ער וואלט מיך שטרענג בעטראכט.

אָבער, ליעבע, זיסע מוטער
אין דיין געגענוואַרט, דער גוטער,
ביי מיין גאַנצען שטאָלץ, געמיין
פיהל איך, טיילמאָל מיך, גאַנץ קליין.

די דאָזיגע קלוגע מוטער, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף איהר דיכטערישען זוהן, איז שטאַרק נוטה געווען צו אַ רעליגיעזען לעבען און האָט ערצויגען איהרע קינדער אינ'ם גייסט פונ'ם ריינעם יודענטום: דער אינערליכער רעליגיעזער קריזיס, וועלכער האָט דערווייטערט בערנע'ן פון יודענטום נאָך אין זיין פריהער יוגענד, איז גאַנץ פרעמד געווען היינע'ן, וועלכער האָט אין דער יוגענד אָבגעהיט אַלע אידישע געבאָטען. היינע האָט אפילו פיעל וועניגער געלערנט פון דער אידישער רעליגיאָן, ווי בערנע, אָבער דאָס ביסעל, וואָס ער האָט יאָ געהאָט געלערנט איז איהם געווען ליעב און טייער און ער האָט עס ניעט פערגעסען קיינמאָל, וועהרענד בערנע האָט, ווי שוין דערמאָהנט, פערגעסען אפילו, ווי אַזוי צו לעזען אַ אידיש וואָרט. היינע'ס ליעבע צום יודענטום איז אין איהם קיינמאָל נישט אויסגעלאָשען געוואָרען אינגאַנצען, כאָטש ער האָט פיעל אויך פון איהם אָבגעלאַכט. בעזונדערס מיט זיין טיעפען פערשטעהען דאָס יודענטום האָט ער פיעל געהאַט צו פערדאַנקען זיין פריהער יוגענד, וועלכע ער האָט, ווי אַ זיסען חלום, קיינמאָל נישט געקאָנט פערגעסען. אויך דער צויבער, וואָס הערשט אינ'ם אינערליכען אידישען פאַמיליען-לעבען, האָט שטענדיג אָנגעפילט היינע'ס האַרץ און געגעבען איהם די מעגליכקייט ריכטיג אָבצושעצען, וואָס עס איז גוט און ליעב אינ'ם מענשענס אויגען. אויך אינערליכע שווערע וועהטאָגען האָט היינע געהאַט איבערצולעבען — אַ זאַך, אָהן וועלכער קיין דיכטער קאָן נישט דערגרייכען צו אַ הויכער מדרגה — און אָט די וועהטאָגען האָבען ביי איהם ווייך געמאַכט דאָס האַרץ, אָבער אויך געשטאַרקט עס, בעלעהרענדיג, ווי אַזוי צו פערשטעהען ריכטיג דאָס לעבען און אונטערשיידען פון אמת ביז שקר. זייענדיג ערצויגען אין געזעלשאַפט פון אידעאַליסטען, האָט היינע געמוזט, מיט אַ קאָפּ, פול מיט דער אַלטער ליטעראַטור און זיסע ראָמאַנטישע חלומות, זיך אָבגעבען מיט אַ געוואוינליכער ארבייט ביי אַ סוחר, וויל זיינע עלטערן זענען נישט געווען גענוג רייך, צו קענען איהם שטיצען. זיין סוחרישע בעשעפטיגונג איז איהם אויסגעקומען צו האָבען דוקא אין האַמבורג און פראַנקפורט, וואו מען האָט זיך בעצויגען מיט פיינדשאַפט צו יעדען אידעאַליזם און די סוחרים האָבען זיך בכלל אויסגעצייכענט מיט זייער קאַרגקייט און שלעכטהערציגקייט. אין דער יוגענד האָט היינע געהאַט געזעהען, ווי די פראַנצויזישע הערשאַפט פערשפרייט זיך אין דייטשלאַנד. און מיט איהר — אויך די אידישע פרייהייט, און לסוף איז איהם אויסגעקומען צו לע-

בען אין צוויי שטעדט, וואו מען האט די אידען פערקנעכטעט מיט דער גרעסטער אכזריות און אויפ'ן שענדליכסטען אופן, גאר ווי אין די מיטעלאלטערליכע צייטען. היינע'ס ארבייט אין דער באנק (פון יאהר 1818 ביז פריהלינג 1819), צו וועלכער ער איז כלל נישט געוועזן פעהיג, די ליעבע צו איינער פון זיינע קרובות, אויף וועלכע ער האט נישט געהאט קיין שום האפנונג, זיין אבהענגיגקייט פונ'ם רייכען פעטער, וועלכער האט איהם געצוואונגען צו שטודירען די יוריספרודענץ, „די אייזערנע געזעצען פונ'ם סיסטעם פון אייגענוציגקייט און געלד־ליעבע“ — א וויסענשאפט, וועלכע האט איהם קיינמאל נישט פעראינטערעסירט — אט דאס אלץ האט זיך אנגעזאמעלט אין א קורצע צייט און איהם פערשאפט א שרעקליכע עגמת־נפש און פערביטערונג, וועלכע האט זיך פערגרעסערט נאך בעזונדערס צוליעב דעם, וואס ער איז געבענשט געוועזן מיט א פיינעם, צארטען געפיהל און א פייערדיגער פאנטאזיע, וועלכע האט אין זיינע אויגען פערגרעסערט זיינע יסורים און געמאכט זיי שארפער פאר זיין פיהלענד און ליעבענד הארץ. היינע איז אבער געוועזן צושטאלץ, ארויסצוווייזען פאר עמיצען זיינע יסורים, און ער האט זיך געיהרט מעשה־גליקליכער, רייכער מאן, וועלכער לאכט זיך אויס פון אלץ. נישט האבענדיג קיין עשירות, ווי עס האט געפאסט פאר זיין ליעבע צו א פערפיינערטען לעבען און צו פאלקאמענער אונאבהענגיגקייט, האט היינע זיך געשפירט העכסט אונגליקליך אין זיין פריוואטען לעבען און ער האט ביסלעכווייז אויך פערלוירען זיין אמונה אין די הויכע אידעאלען פון דער יוגענד. אין אזא צושטאנד וואלט ער זיכער אונטערגעגאנגען מאראליש און גייסטיג, ווי פיעל אנדערע פעהיגע יונגע לייט אין זיין צייט. אבער צום גליק איז ער געוועזן א הויך בעגאבטער דיכטער, און די דיכטונג, און די שענהייט זענען געוועזן זיין היילינגטום, זיין בית־המקדש, וואו ער איז געוועזן דער כהן־גדול, און אט דאס האט איהם אבגעראטעוועט פון אונטערגאנג. אין דער ערשטער צייט איז די סאטירע, דאס אבלאכען געוועזן פאר איהם א מיטעל צו בעהאלטען זיינע אינערליכע יסורים, זיין אינערליכען חורבן פון אלע שענע האפנונגען; ביסלעכווייז אבער האט ער זיך אנגעהויבען דערמיט צו בעדיענען אלס מיט א געוועהר אינ'ם קאמף געגען זיינע געגנער, און טיילמאל פלעגט ער דאדורך אויפרייצען זיי אויך אפילו געגען זיינע אינערליכע אנשויאונגען.

פאר'ן יודענטום, אדער ריכטיגער: פאר'ן אידישען פאלק, פאר דער אידישער מערטירער־געשיכטע און דעם תנ"ך האט היינע געהאט אין טיפען הארצען זעהר א ווארימע ליעבע, וואס איהר בעדייטונג האט ער זיך אבער אליין נישט געקאנט ערקלערען, ווי געהעריג איז. דאס גרויסע, גרייז־גראהע עלטער פון יודענטום, די קראפט פון אידישען פאלק צו עקזיסטירען, נישט אכטענדיג אויף אלע יסורים און צרות, וואס מען טהוט איהם אן, האט דערוועקט אין היינען א געפיהל פון כבוד צום אי־

דישען פאָלק. ציימענוויז האָט היינע זיך געשפּירט זעהר שטאָלץ דער-
מיט, וואָס ער געהערט צו אַזאַ אַלטען אַדעל, ווי אידען זענען. שפּעטער
אויף דער עלטער האָט היינע דאָס טיעף געפיהלט און עס איז פון איהם
נישט קיין שפּיעל מיט ווערטער, ווען ער האָט געשריבען: „איך זעה שוין
איצט, אַז די גריכען זענען געווען נאָר שענע אינגלעך, אָבער די אידען
זענען תמיד געווען עלטערע, מיושב'דיגע לייט, מיט אַ געוואַלדיג שטאַר-
קען, נישט געבויגטען כאַראַקטער; אַזוי זענען זיי געווען נישט בלויז
אין די גאַנץ אַלטע צייטען פון זייער געשיכטע, נאָר אויך איצט זענען
זיי אַזעלכע געבליבען, נישט אַכטענדיג אויף די אַכטצעהן הונדערט-יעה-
ריגע רדיפות און ענוים, וואָס מען האָט זיי אָנגעטהון. איך האָב די אי-
דען שוין בעסער דערקענט און פערשטעה זיי צו בעוואונדערן. ווען די
גאוה מיט דער אָבשטאַמונג וואָלט נישט געווען אַ נאַרישקייט און אַ
סתירה געגען זיך זעלבסט, וואָלט איך געקאָנט זיין העכסט שטאָלץ דע-
רויף, וואָס מיינע עלטערן שטאַמען פון בית-ישראל, וואָס איך קום
אַרויס פון יענע קדושים, וועלכע האָבען דער וועלט געגעבען אַ גאָט און
אַמאָראַל און האָבען געקעמפּט מיט מסירת-נפש אויף אַלע שלאַכט-
פעלדער פון דעם געדאַנק". — די דאָזיגע איבערצייגונג איז געלעגען איינ-
געשלאָפען אין טיעפען האַרצען ביים דיכטער נאָך פון דער פריהער-
יוגענד אָן. נאָר ערשט אויף דער עלטער האָט זי זיך דערוועקט, אַלס אַ
ווירקענדע קראַפט. ער האָט אָבער נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל טהון
מיט'ן יודענטום, ווי אַזוי ער זאָל זיך צו איהם בעציהען. דער אידישער
קרייז, וואו עס האָט נאָך געהערשט תמימות, זיטליכקייט און הויכע
צדקות, האָט איהם אָבגעשטויסען פון זיך מיט זיין אונעסטעטישען אוי-
סערליכער פאָרם. זיינע אויגען האָבען נישט געקאָנט באַלד דורכדרינגען
דורך דער אויסערליכער הילע, כדי צו דערזעהען דעם אינערליכען זיל-
בער-בליק; דער קרייז וויעדער פון די פרייערע אידען, אין וועלכען ער
האָט אַליין געלעבט אין דער יוגענד — פריעדלענדער, בן-דוד, יאַקאָבסאָן
און זייערע יונגע 'אַנהענגער — די האָבען אַליין געהאַט נישט פיעל סימ-
פאַטיע פאַר'ן אַלטען יודענטום, אַז זיי זאָלען משפיע זיין צו גוטען אויף
היינע'ן לטובת דעם יודענטום. אין די האַלב-אידישע קרייזען, אין וועלכע
ער פלעגט אַריינקומען, זייענדיג אין בערלין, האָט ער געהערט און גע-
זעהען דוקא אַ גרינדליכע פעראַכטונג פאַר די אידען און דעם יודענטום
און אַ ראָמאַנטישע ליעבשאַפט פאַר'ן קריסטענטום.

היינע איז אָבער נישט געווען אַזוי וועניג זעלבסטשטענדיג אין זיין
דענקען, ווי בערנע, אַז ער זאָל בויגען זיינע קניע פאַר די אָבגעטער פון
זיין צייט; זיין ערגעבענהייט צום יודענטום האָט ער זיך נישט געלאָזט
פערטרייבען דורך פוסטע וויצען און נאַרישע חכמות. ער האָט זיך פיעל
מעהר פעראייניגט מיט אַ קרייז יונגע לייט, וועלכע האָבען זיך געשטעלט
אַ ציעל צו דערהויבען דאָס יודענטום דורך איינפלאַנצען אייראָפּעאישע

קולטור ביי די אידען און דערביי האט ער אויף זיך אויך מקבל געווען די אלגעמיינע שבועה פון די חברים פון קרייז, — א שבועה, וועלכע זיי האבען אבער בפירוש נישט געגעבען, נאר געטראגען זי אין הארצען — נישט ארויסצוטרעטען פון יודענטום צוליעב א שטעלע, אדער פראקטישען נוצען. היינע האט דאמאלס גענומען אויף זיך די אויפגאבע, מיטצוווירקען דעם קרייז אין זיין קולטורעלער טעטיגקייט צווישען די אידען. אויך פאר די פוילישע אידען, וועלכע אלע פלעגען פעראכטען, איז היינע ארויסגעטראטען אלס מליץ־טוב און, געפינענדיג זיך אין פויזען (1822) אין א מאיאנטעק פון זיינעם א בעפריינדעטען גראף, האט ער אבגעדרוקט א מאמר וועגען פוילען, וואו ער שרייבט וועגען די אידען: „צווישען דעם פויער און דעם פוילישען פריץ שטעהען אין פוילען די אידען, וועלכע האבען זיך געדארפט רעכענען פאר די אמת'ע מעשטשאנעס אין לאנד; אבער אין די ערשטע צייטען זענען די אידען אין פוילען געשטאנען אויף א פיעל העכערער קולטור, ווי די פוילישע פריצים; איידער די לעצטע האבען זיך נאך געהאט אנגעאייגנעט די אויסערליכע פראנצויזישע פארם און זיך בעשעפטיגט נאר מיט מלחמה, האבען די אידען זיך עוסק געווען מיט זייער אידישער וויסענשאפט און זייערע רעליגיעזע ספרים, פאר וועלכע זיי זענען פערטריבען געווארען פון זייער אלט געליעבט פאטערלאנד און פערלוירען יעדע פרייד אין לעבען. אבער אין דער אייראפעאישער קולטור האבען די אידען אין פוילען קיין פארטשריטען נישט געמאכט און האבען זיך פערטיעפט אין זייער פלפול, ערפינדענדיג דערין טויזענדער משונה'דיגע געדאנקען און פארמען. אבער נישט אכטענדיג אויף דעם משונה'דיגען שטריימעל, וואס דער פוילישער איד האט אויף זיין קאפ און די משונה'דיגע מיינונגען אין זיין קאפ, בעציהה איך זיך מיט פיעל מעהר עהרע צום פוילישען, איידער צום דייטשען אידען, וועלכער טראגט שוין אויפ'ן קאפ א שענעם הוט און אין קאפ האט ער זשאן פאול. דער אידישער טיפ איז דאדורך געבליבען גאנץ אין פוילען, ווייל דארט צומישט זיך נישט דער איד מיט דער ארטיגער קריסטליכער בעפעלקערונג. דער פוילישער איד מיט זיין שמוציגער קאפאטע, מיט זיין פערפלאנטערטען בארד און משונה'דיגע דרכים איז מיר ליעבער פאר א וועלכיי ס'איז אידישען דזשענטעלמאן, בעקרוינט מיט די באנק־פאפירען“...

היינע וואלט מיט זיין גאנצער גרויסער קראפט געקעמפט פאר'ן יודענטום, ווען דאס יודענטום גופא, דאס הייסט, זיינע געבילדעטע פארשטעהער וואלטען געקאנט דערוועקען צו זיך אכטונג ביי דער ארומיגער וועלט מיט זיינע אייגענע בעציהונג צום יודענטום; ווען ער וואלט ארויסגעוויזען דאמאלס יוגענד־קראפט און לעבענספעהיגקייט מיט זיין גרויסען עלטער און מיט זיין אנציהענדען אינהאלט און פארם. היינע האט אין זיין אונגעדולדיגקייט געוואלט, אז דאס יודענטום זאל פלוצ־

לינג צובּרעכען זיינע שווערע קייטען, ווי די אידישע לעגענדע דערצעהלט
דאס וועגען משיח'ן, וועלכער געפינט זיך איינגעשמידעט אין רוים;
איהם וואלט זיך געוואלט, אז דער אידישער געבויגטער רוקען זאל זיך
פּלוצלינג אויסגלייכען, דער אָרימער איד זאל פּלוצלינג פון זיך אַראָב-
ווארפען זיינע פערשמוציגטע שמאַטעס און אין א העלען פּרימאָרגען ערשיי-
נען געקליידעט אין ריטערליכע קליידער מיט אַ שווערד אין דער זייט,
אַלס בליהענדער יונגערמאַן, שטאָלץ און שעהן. דער אידישער פּעריוונ-
גונגס-פּראָצעס האָט איהם אויסגעוויזען צו-לאַנגזאַם, די מיטלען, וואָס
מען האָט דערצו אָנגעווענדעט — צו-קליינליך און דאָס חנפ'ענען פון די
בּערלינער אידישע משכילים דער הערשענדער קריסטליכער קירכע —
צו-עקעלהאַפטיג, צו-פיעל עהנליך צו די מעשים פון אַ טאַלפּע... „מיר
האָבּען נישט מעהר קיין כח אַ באָרד צו טראָגען, צו פאַסטען תעניתים,
פיינד צו האָבען און צו ליידען שנאה — אָט, וואו עס ליגט דער מאָטיוו
פון דער אידישער רעפאָרמאַציע. די איינציגע געצעהלטע לייט, וועלכע
האָבען איבּערגענומען זייער גאַנצע השכלה ביי די קאָמעדיאַנטען,
ווילען געבען דעם יודענטום אַ נייע דעקאָראַציע. דעם סופלער הייסען
זיי אָנטהון אַ האַלז-באַנד אָנשטאָט אַ באָרד, דעם גאַנצען אָקעאַן ווילען
זיי אַריינגיסען אין פּאַפּירען-טאָפּ... אַנדערע ווילען נאָך אויך זיך אָננעה-
מען עפּעס אַ קליינליכען קריסטענטום, וועלכען זיי ווילען אַ נאָמען גע-
בּען יודענטום... אויך איך — איז היינע זיך מודה — האָב ווייניג קראַפט
אויף צו טראָגען אַ באָרד און לאָזען פון זיך אָבלאַכען דעם המון“... דאָס,
וואָס די רעפאָרמירטע אידען האָבען אָנגענומען אין זייערע שוהלען די
מנהגים און צערעמאָניעס פון די קריסטליכע קירכען, איז היינע'ן געווען
עקעלהאַפטיג, דאַגעגען דאָס פעסטהאַלטען זיך פון די פאַרצייטיגע אי-
דען אָן די אַלטע מנהגים האָט אין איהם דערוועקט דעם גרעסטען דרך
ארץ: „נאָך מיט פיעל יאָהר צוריק — שרייבט היינע — האָב איך גע-
שפּירט אַ גרויסען דרך ארץ און ליעבשאַפט צו דער רבנות, וועלכע
געהט זיך אין איהר וועג גראַדע און האַלט זיך פעסט אָן איהר אַלט
סיסטעם, און דורך היסטאָרישע בעטראַכטונגען האָט דאָס דאָזיגע גע-
פיהל זיך אין מיר נאָך מעהר „פערשטאַרקט“. בעזונדערס שטאַרק האָט
זיך אָבּער ארויסגעוויזען זיין צוגעבונדענקייט צום יודענטום. אונטער'ן
האַס, וואָס האָט זיך אין איהם דערוועקט צו זיינע פיינד, פעראַכטער
און פערפאָלגער זוי אויך געגען די, וואָס, האָבענדיג בעקומען זייער רע-
ליגיאָן און מאָראַל פון אידישען פאָלק, האָבען זיי עס דערפאַר איינגע-
שלאָסען אין תפיסה און בעוואָרפען מיט שמוץ. היינע'ס אַנטיפּאַטיע
געגען דער קירכע איז געווען טיעף און אונמעגליך צו פערטרייבען.
אינ'ם וואָרט „אדום“ האָט ער אַריינגענומען אַ גאַנצע וועלט פון קאָכענ-
דעם כעס, שפּירענדיג אַ געפיהל פון נקמה געגען דער געצענדיענערישער
און שפּעטער קריסטליכער רוים, וועלכע האָט מערדעריש גערודפט און

געפּיינינט דאס אידישע פאלק.

נאָך מעהר האָט אָבער היינע פיינד געהאַט די איבערלויפער, די וועלכע פערלאָזען די אידישע פאהן און, צוליעב זייער פריוואַטען נוצען ווענדען זיי זיך אָב פון זייערע ברידער און פעראייניגען זיך מיט'ן פיינד. קיין ערנסטע איבערצייגונגען האָט היינע זיך בשום אופן נישט געקאָנט פאָרשטעלען ביי אַ געשמד'טען אידען; דער שמד איז אַ זעלבסט-אבנאַרעריי, אָדער אפשר גאָר אַ ליגען. די שנאה צו די משומדים האָט היינע געווידמעט זיין דראַמאַטישע ריכטונג אַלמאַנזאָר (געענדיגט 1823). ער האָט אָבער נישט געפונען פאָר פאַסענד צו לאָזען דאָרט אַרויסטרעטען די אידען, וועלכע זאָגען אַרויס זייער ביטערן וועהטאָג און זייער צאָרן אין פייערדיגע פערזען; דעריבער לעגט ער אריין זיינע רייד אין מויל די מויערן, די מחמדאַנער פון גראַנאַדא, וועלכע דאָס בלוטיגע שפּאַניען האָט אויך געצוואונגען צום שמד, און זיי זענען דערנאָך אַרומגעגאַנגען מיט אַ צובראָכענעם האַרצען ווענען דער דאָזיגער טבילה. פון די פערזען זעהט מען אָבער, אַז זיי דריקן אוים דעם אידישען וועהטאָג:

נישט קום אריין צו מיר אין נעסט,
פערמייד איהם, וואייך איהם, ווי די פעסט:
דאָרט שפּראָצט אַ נייער גלויבען.

— — — — — — — — — — —

מיט צוואַנגען וועט מען דאָרט דאָס האַרץ
פון ברוסט ביי דיר אויסרייסען,
אַ גיפטיג שלאַנג אַריינטהון, שוואַרץ,
אויף אייביג דיך צו בייסען...
דאָרט וועט מען גליהענד הייסען בליי
דיר גיסען אויף דיין עלענד קאָפּ,
און דו — דו שטום און שוויג, נית שריי
ווען ס'פּלאַצט דאָס האַרץ פון וועהטאָג.
דיין נאָמען — אַנדערש קלינגט ער דאָרט,
אַ נייעם נאָמען גיעט מען דיר,
עס זאָל דיין גוטער מלאך דיך
נישט מעהר געפינען דורך זיין וואָרט,
ווען ער וועט רופען דיך צו זיך.

היינע האָט פאָר קיינעם נישט געלייקענט, אַז זיין דאָזיגע דראַמע איז נישט קיין פרוכט פון זיין ריינער דיכטערישער שעפונג, נאָר פון זיין שנאה צום געוועלטיגענדען גלויבען, און אין דער ווירקליכקייט האָט די דאָזיגע דראַמע געגען איהם דערוועקט פיעל שנאה. „פון אַלע זייטען

— שרייבט היינע — שפיר איך די דאזיגע שנאה צו מיר; פיעל פון מיינע פריינד האבען זיך פון מיר אבגעווענדעט, וואס שטארקער זייער פריינדשאפט צו מיר איז געווען, אלץ גרעסער איז איצט זייער שנאה. אלע שטרעבען מיר שלעכטס צו טהון". — בשעת מען האט די דראמע אלמאנזאר צום ערשטען מאל געשטעלט אין ברוינשווייגע אין טעאטער (20-טען אויגוסט 1823) זענען זיינע שענע לידער תחלת געפעלען געווארען, אבער לסוף, ווען מען האט זיך דערוואוסט אז דער דיכטער איז א איד, איז אין טעאטער געווארען א געוואלדיגער טומעל, וועלכער האט זיך אויסגעלאזט מיט א מאוס'ן סקאנדאל. אבער דאס אלץ האט ווענינ[ער] געווירקט אויף היינע'ס ערגעבענהייט פאר'ן אלטען אידישען פאלק, און ער האט אפילו אויך אין דער אויפגערעגטער שטימונג געטראכט גאנץ ערנסט וועגען דערהויבען דעם כבוד פון אידישען פאלק דורך זיינע לידער. דער תהלים פונ'ם אלטען דיכטער אויף [illegible] ברע[illegible] בבל'ס טובע איז איהם נישט ארויסגעגאנגען פון זינען:

„אין דורשט זאל קלעפען מיר די צונג
„צום גומען, און עס זאל אבדארען
„מיר די רעכטע האנד, ווען כ'וועל,
„ירושלים, דיך פערגעסען!"

אין יענער צייט האט היינע זיך שטארק פערטיעפט אין דער אידישער געשיכטע. אין זיין „רב פון באכאראך" האט ער געוואלט לעבעדיג שילדערן די טרויעריגע סצענעס פון דער אידישער געשיכטע, ווי נאר ער אליין האט דאס געקאנט. צום דאזיגען צוועק האט ער זיך איינגאנצען געווידמעט דער אידישער געשיכטע, כדי צו קאנען מאלען א גענויעס בילד; זיין פאנטאזיע האט נאר געוואלט בעלויכטען דאס בילד, אבער נישט אויסטראכטען, ערפינדען איהם. דען מאטעריאל האט ער דערצו געפונען גענוג. דער פיינפיהלענדער דיכטער האט זיך נישט דערשראקען פאר דער אונאנגענעהמער ארבייט אין די פערשטויבטע, שמוציגע ביכער פון די אלטע צוררים, דען ער האט פערשטאנען אויך פונ'ם שטויב עטוואס עכטס ארויסצוגעפינען. „דער גייסט פון דער אידישער געשיכטע — שרייבט ער — עפענט זיך מיר אלץ מעהר און מעהר". אבער אין דער צייט, וואס היינע האט זיך פערטיעפט אין דער אידישער געשיכטע און זייענדיג פול התלהבות פאר'ן יודענטום, האט ער נישט געפונען קיין איינציג פריינדליך ווארט פאר'ן קריסטענטום — אין דער צייט האט ער זיך אין דער שטיל אין דער הייליגער שטאדט אבגע'שמד'ט (28-טער יוני 1825). פערשעמט, ווי א מיידעל, וואס האט בעגאנגען אנ'אונריינע טהאט האט ער וועגען דעם מודיע געווען זיין פריינד מאזער אין זיין בלומענשפראך: „א יונגער שפאנישער איד, פון טיעפען הארצען א איד, וועל[כער]

בער לאָזט זיך אָבער אָבשמד'ן צוליעב די פערגעניגענס פון לעבען, שרייבט צום יונגען יהודה אַברבנאל און שיקט איהם זיין ל'עד. מעגליך, שעמט ער זיך מודיע צו זיין איהם וועגען זיין נישט־שענע טהאַט, דער־פאַר שיקט ער איהם זיין ליעד. אָבער טראַכט נישט פיעל וועגען דעם". אין זיין טאָג־ביכעל האָט היינע דאַמאָלס אריינגעשריבען די פאָלגענדע פערזען:

און דו ביזט צום צלם געקראָכען,
צום צלם, וואָס דו היים פעראַכט,
וואָס אָט נאָך פאַר איינינע וואָכען
האָסטו צו צוטרעטען געדאַכט...

נאָך זיין שמד איז היינע געוואָרען א נאָך מעהר פערביטערטער פיינד פון קריסטענטום, א שטיינער, ווי דער שמד האָט איהם געבראַכט צו ברעכען זיין געטריייען בונד מיט זיין פאָלק, צו פערגעסען זיין כבוד און צו ווערען פאַלש געגען זיך אליין. „איך פערזיכער דיך — שרייבט ער צו זיין פריינד מאָזער — אז ווען די געזעצען וואָלטען מיר געהאַט ערלויבט צו גנבענען זילבערנע לעפעל, וואָלט איך זיך נישט גע'שמד'ט". אליין גע'שמד'ט, האָט היינע זיך העכסט געשפירט צופרידען, ווען דער מטיף פון האַמבורגער היכל, שלמה גאָטהאָלד, האָט אין זיין געגענוואַרט אבגעלאַכט פון די משומדים, וועלכע שמד'ען זיך, כדי א שטעלע צו בעקומען, ווען אויך דער אַנפיהרער פון „יונג־איזראעל", דער גרינדער פון דעם „קולטור־פערבאַנד", איזידאָר גאַנז, האָט זיך געשמד'ט, איז היינע אויף איהם העכסט בייז געווען און האָט עס איהם נישט געקענט מוחל זיין, ווייל איהם האָט קיין זאַך דערצו נישט געצוואונגען. נאָכמעהר איז היינע בייז געוואָרען, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז גאַנז רעדט אָן נאָך פיעל יונגע אידען, מיט קליינמוטיגען כאַראַקטער, אז זיי זאָלען זיך שמד'ען. „אויב גאַנז טהוט דאָס צוליעב איבערליכער איבערצייגונג — האָט היינע געזאָגט — איז ער א נאַר; אויב אָבער ער וויל עמיצען חנפ'ענען, איז ער א „נבל". אויך אויף זיין פריינד מאָזער איז היינע בייז געווען, פאַרוואָס ער האָט איהם נישט געשטראָפט פאַר זיין שמד, ווי דאָס האָט געדאַרפט טהון א מענש, וואָס דער אמת איז ביי איהם טייער. היינע האָט בכלל געהאַלטען די שמד־בעוועגונג פאַר א חרפה פאַר זיין צייט. „עס פרעהט מיך — שרייבט ער — וואָס פרידלענדער און בן־דוד זענען שוין אלט און זיי וועלען בלייבען אידען: זאָל מען האָטש נישט קאָנען זאָגען, אז אין אונזער צייט איז קיין איינציגער איד נישט געבליבען געטריי דעם יודענטום".

היינע איז אָבער נישט געווען דער מענש, וואָס זאָל נאָכאַנאַנד זיצען און קלאָגען זיך. ווי באַלד דער שמד איז שוין געווען א פערגאַנגענע זאַך, האָט ער זיך בעמיהט, צו פערטרייבען זיין חרטה. זיין פיהרען א ווילדען לעבען פול פערגעניגענס און הוליאַנקעס אין דער ערשטער צייט נאָך זיין שמד, איז געווען אויך בלויז א מיטעל, ווי אזוי צו בעפרייען זיך פון דער

ביטערער חרטה. וואס האָט איהם נישט געלאָזט צורוה. ער האָט אין יע-
נער צייט אנגעהויבען אויך זוכען פעהלערען אין אידען און אין יודענטום,
כדי דערין צו געפינען א פערענטפערונג פאר זיין שמד, און אין אָט דער
שטימונג האָט ער אפט אַרויסגעזאָגט אויך זעהר ביטערע ווערטער געגען
דעם יודענטום, ווי למשל: „דאָס יודענטום איז נישט קיין רעליגיאָן, נור
אַנ'אונגליק". באלד האָט ער אויך אָנגעהויבען זיך איינרעדען, אז אייגענט-
ליך איז גאר קיין אונטערשיעד נישט צווישען יודענטום און קריסטענטום,
דעןביידע רעליגיעס זענען געגרינדעט אויף אַסקעטיזם, דאס הייסט, אויף
תעניתים און תפלות, אויף אָבטויטען דעם גוף, גדי צו דערהויבען דאדורך
די נשמה. ער האָט דעריבער גלייך אָבגעלאכט אי פון יודענטום, אי פון
קריסטענטום, ערקלערענדיג, אז ער איז גאָר איינער פון די פאַרציטיגע
גריכען און זיין צוועק איז „אָבצוגעבען דעם גוף צוריק זיין רעכט". וואָס
מען האָט ביי איהם צוגענומען לטובת דער נשמה. וואָס מעהר היינע האָט
זיך אַריינגעלאָזען אין לעבענס-לוסטיגקייט. אַלץ מעהר האָט ער זיך דערווי-
טערט פון אידען און פון אידענטום; אָבער אין די רוהיגערע, מעהר מיושב'-
דיגע מאָמענטען, פלעגט זיין נטיה צום יודענטום זיך ווידער דערוועקען
אין איהם, און דאמאָלס פלעגט ער אַרויסווייזען, ווי טיעף און ריכטיג ער
פערשטעהט דאס יודענטום און די אידישע געשיכטע. בעזונדערס שטארק
האָט ער אָנגעוויזען אויף די צניעות פון די אידישע פרויען. די אידישע
צניעות שטאמט, מעגליך, נאָך פונ'ם אַלטען אבשוי, וואָס די אידען האָ-
בען געהאַט צו די אונציכטיגע רעליגיאנען פון די אלטע פעלקער, אשור
און בבל, וועלכע עקזיסטירען נאָך עד היום נור אין אַנ'אַנדער פאָרם, לויט'ן
תאראַקטער פון דער צייט. מיט זייער זיטליכקייט שטעהען די אידען פיעל
נעהנטער צו דייטשע פעלקער...— ערקלערט היינע—און דער תאראַקטער
פון די אידען און די דייטשען האָט אין זיך אזוי פיעל געמיינזאַמע שטרי-
כען, אז מען קאָן מיינען, דאָס דייטשלאנד איז דאָס אייראָפּעאישע ארץ-
ישראל. אבער אפילו נישט בלויז דייטשלאנד, נאָר אַלע אייראָפּעאישע פעל-
קער ד ע ר ה ו י ב ע ן זיך צום זיטליכען מצב, אין וועלכען די אידען זענען
א מאָל געווען; די אידען זענען פון אייביג אָן געווען שטאַרק אָנגעבונדען
אָן זייער תורה, אן דעם געדאנק פון גערעכטיגקייט און פרייהייט, וועלכער
שטעקט אין איהר, ווי די עכטע נייע קאָסמאָפּאָליטישע רעפובליקאנער—
פרייהייט און גלייכהייט איז געווען די אידישע רעליגיאָן.— בערנעס איינ-
זייטיגקייט האָט איהם געבראכט דערצו, אז ער האָט אויף דער עלטער
אָנגעהויבען זעהען אין קאַטוילישען פויפסטהום די פערווירקליכונג פון די
נייע געדאַנקען, וועלכע זענען איהם טייער געווען. היינע האָט אָבער מיט
זיין פיעלזייטיגקייט געפונען זיי אין יודענטום. וועגען תלמוד האָט היינע
אַרויסגעזאָגט זעהר פיעל נישט-שענע זאכען אין זיינע שווערע מאָמענטען,
אָבער אויך וועגען איהם האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ טיעף וואָרט: די אידען—
האָט היינע ערקלערט — האָבען צו פערדאנקען נאָר דעם תלמוד דאָס, וואס

זיי האָבען אַזוי העלדיש זיך געהאַלטען געגען דעם איינפלוס פון קריסטליכען רוים, ווי פאַרצייטען געגען דער געצענדינערישער קולטור".— אין די עלטערע יאָהרען, ווען אַ נערווען-קראַנקהייט האָט נאָך ליכטיגער געמאַכט דעם שפּיגעל פון זיינע געדאַנקען, און ער האָט אָנגעהויבען פערשטעהען, וויפיעל העכער עס שטעהט די זיטליכקייט, וועלכע איז געבויט אויף רעליגיעזיטעט, איידער די שענהייט, לויט ווי די תאוה בעפוצט איהר,— דאַמאָלס האָט זיך היינע אומגעקעהרט אינגאַנצען צוריק צו זיין יוגענד-ליבע, צו זיין פערעהרונג פאַר'ן יודענטום. זיינע „ודוים" (1853—1854) זענען דורך און דורך אַ לויב-געזאַנג פאַר דער אידישער געשיכטע און פאַר דעם אידישען פאָלק און מען זעהט, אַז דער דיכטער רעדט דאָרט מיט דעם גאַנצען הארצען. דער תנ"ך איז דעם פיינפיהלענדען דיכטער שטענדיג געווען טייער: „די אידען— שרייבט היינע—האָבען זיך געמעגט טרייסטען נאָך דעם פערלוסט, וואָס זיי האָבען געהאַט, פערלירענדיג ירושלים און דעם אָרון-העדות ; אַזאַ פערלוסט איז זעהר גרינג אין פערגלייך מיט'ן תנ"ך, דעם טייערען אוצר, וועלכער וועט קיינמאָל נישט צושטערט ווערען—וועלכען זיי האָבען אָבגעראַטעוועט. אויב ביי מיר האָט זיך צוריק דערוועקט דאָס רעליגיעזע געפיהל, האָב איך דערפאַר צו פערדאַנקען נאָר דעם תנ"ך, דעם דאָזיגען הייליגען ספר, וועלכער איז פאַר מיר געווען נישט בלויז אַ קוואַל פון אמונה, נור אויך פון פייערדיגסטער בעוואונדערונג. איך האָב פריהער נישט בעזונדערס שטאַרק געליבט משה'ן, משמעות, דערפאַר, וואָס דער גריכישער (העלענישער) גייסט האָט אין מיר געוועלטיגט איבער אַלעם און איך האָב נישט געקענט מוחל זיין דעם אידישען געזעצגעבער זיין שנאה געגען בילדער". ביסלעכווייז האָט היינע אָנגעהויבען צו פערשטעהן, ווי אַזוי צו שעצען דעם גרויסען אידישען מאַן: „עס דאַכט זיך מיר—שרייבט ער—אַז איך האָב שוין איצט דאָס רעכט צו גלויבען, דאָס איך פערשטעה שוין משה'ס גרויסע בעדייטונג... זיין געשטאַלט ווירקט ערדריקענד אויף מיין אייגענער פּערזענליכקייט. ווי גרויס איז די דאָזיגע ריזען-געשטאַלט! ווי קליין איז דער באַרג סיני, ווען אָט דער משה איז אויף איהם געשטאַנען! דער דאָזיגער באַרג איז נאָר אַ פּיעדעסטאַל פאַר'ן גרויסען מאַן, וואָס זיין קאָפּ דערגרייכט ביז אין הימעל אַריין, וואו ער רעדט מיט גאָט... איך האָב ערשט אנגעהויבען פערשטעהן, אַז אָט דער משה, וועלכער האָט, דאַכט זיך, אַזוי שטאַרק פיינד געהאַט די קונסט, איז אין דער ווירקליכקייט אַליין געווען אַ גרויסער קינסטלער. אָבער זיין קונסט איז, ווי די קונסט פון זיינע מצרים'ער לאַנדס-לייט, געווען געריכטעט אויף קאָלאָסאַל אייביגע זאַכען... ער האָט געבויט מענשען-פּיראַמידען, געשניצט מענשען-אָבעליסקען; ער האָט גענומען אַ אָרעמען שבט פון פּאַסטוכער און בעשאַפען פון איהם אַ פאָלק, וואָס האָט אויך געדאַרפט אויסלאַכען זיך פון דער קראַפט פון הונדערטער יאָהרען — אַ גרויס פאָלק, אַן'אייביג פאָלק, אַ הייליג פאָלק, גאָט'ס אַ פאָלק, וואָס דאַרף דינען פאַר אַלע פעלקער פון

דער ערד אַלס אַ מייסטער, וואָס זאָל ווערען אַ פּראָטאָטיפּ (אַ שורש) פאַר דער גאַנצער מענשליכקייט: ער האָט בעשאַפען דאס פ אָ ל ק י ש ר א ל.... און ווי איבער דעם גרויסען מייסטער גופא, האָב איך אויך נישט תמיד גערעדט מיט דעם געהעריגען געפיהל פון עהרע וועגען זיין ווערק—דעם אידישען פאָלק, אין מיטעלאַלטער, ווי אויך אין אַנדערע עפּאָכען געפינט מען נאָר וועניג אַזעלכע גייסט-העלדען, ווי ביי די אידען, ווייל די אידען האָבען תמיד געקעמפט מיט אַ פערהילט געזיכט און, ווי זייער פאָלקס-כאַראַקטער איז וועניג בעקענט דער וועלט, אזוי ווייסט מען אויך וועניג וואס וועגען זייערע מעשים. נאָך עד-היום זענען די אידען א געהיימניס פאר די פעלקער, ווי זיי זענען עס געוועזען אין מיטעלאַלטער. עס וואָלט זעהר גלייך געווען, אז די פעלקער זאלען זיך מיט די אידען בעסער בעקענען און פערשטעהן ערשט רעכט דאדורך, וועגען וואָס דער נביא האָט זיין נבואה געזאָגט...“

„יא, יא, די אידען, וועלכע די וועלט איז שולדיג א דאַנק דערפאַר וואָס זיי האָבען א גאָט געגעבען, האָבען דער וועלט אויך ג אָ ט ’ ס וו אָ ר ט, דעם תנ“ך געגעבען. זיי האָבען איהר געראַטעוועט פון באַנקראָט אין דער רוימישער מלוכה און אין די גרעסטע מהומות פון פעלקער-וואַנדערונג האָבען די אידען אָבגעהיט זייער טייערען אוצר, דעם תנ“ך, ביז די פּראָטעסטאַנטען האָבען אָט דעם אלטען ספר ביי זיי אויפגעזוכט און איבערזעצט אין די שפּראַכען פון אַלע לענדער און פעלקער, פערשפּרייטענדיג איהם דאדורך אויף דער וועלט. אין ווייטען, קאַלטען צפון פון אייראָפּא (סקאַנדינאַוויען און בריטאַניען), ווי אויך אין אַמעריקא, איז דער אידישער תנ“ך און דער אידישער גייסט אַזוי היימיש געוואָרען, אַז עס דאַכט זיך טיילמאַל, דאָס מען געפינט זיך דאָרט צווישען די אידען אין א אידישלאַנד. איך רעדט שוין נישט וועגען דעם גרעסטען טייל שטעדט אין אַמעריקא, וואו מען פיהרט זיך פּינקטליך גענוי לויט דעם אלטען אידישען תנ“ך... די מוסר-תורה פונ’ם אַלטען יודענטום בליהט דאָרט, ווי פּאַרציטען אויף דעם ירדן און די בערג לבנון. מען קאָן גוט זיין אויך אָהן פּאַלמען (טייטעל-בוימער), ג ו ט ז י י ן א י ז ב ע ס ע ר ו ו י ש ע נ ה י י ט... דאָס לאַנד יהודה איז אין מיינע אויגען שטענדיג געווען, ווי א שטיק מערבֿ-לאַנד, וואָס איז נבלע געוואָרען אין די מזרח-לענדער; אין דער ווירקליכקייט איז דאָס דאָזיגע לאַנד מיט דעם פאָלק, וואָס האָט אין איהם געוואוינט, מיט זיין גייסט-רעליגיאָן, מיט זיינע ריינע מדות-טובות און כמעט אַסקעטיזם (נזירות, אָבגעזונדערטקייט פון דער וועלט), בכלל מיט זיין גאַנצען אַבסטראַקטען וועזען— געוועזען דער היפוך פון די אַרומיגע לענדער און פעלקער, וועלכע האָבען געדינט צו די געטער פון דער נאַטור און אָבגעגעבען זיך אַלערליי מיני תאוות, פערברענגענדיג זייער גאַנצען לעבען אין הוליאַנקעס און אונזיכטליכקייטען, וועהרענד די אידען האָבען זיך בעאַרבייט זייער לאַנד און געפיהרט א שטיל, רוהיג לעבען אין מעשים טובים און מצוות און זינגענדיג זייערע וואונדערליכע תהלים-געזאַנגען צו גאָט.

ווער עס בעטראכט נור גוט די פארציייטיגע אידישע געשיכטע און זייער לעבען, מוז נשתומם ווערען זעהענדיג, ווי שטארק דאס אידישע פאלק האט ליעב געהאט די פרייהייט, ווערענד ביי די ארומיגע פעלקער, אפילו אויך ביי די, וואס האבען אזוי שטארק געליעבט די פילאזאפיע, איז די קנעכט־שאפט געווען דער הויפט־יסוד פון זייער פאלקס און מלוכה־לעבען. אויב משה דערמאנט יא ווענען קנעכטשאפט אין זיינע געזעצען, איז עס, ווייל ער איז נישט געווען קיין פאנטאזיאר, וואס זאל זיך אונטערנעהמען פיה־רען א קאמף געגען א זאך, וועלכעס איז אונמעגליך געווען אין יענער צייט מבטל צו מאכען איננאנצען; ער האט אבער די קנעכטשאפט ארומגעשטעלט מיט אזעלכע געזעצען, אז אויך דא זאל מעהר הערשען דער יושר און די גערעכטיגקייט, דאס רחמנות און גנאָד, איידער דער גראבער כח. ער האט זיך אויך בעמיהט, צו געבען א מאראלישען זין דעם געזעץ פון אייגענטום און איינגעפיהרט צוליעב דעם א „יובל", ווען יעדער בעקומט צוריק זיין נחלת, וואס זיינע עלטערן האבען איהם געהאט איבערגעלאזען; די נחלה אבער פון די עלטערן איז דאס ערשטע און טייערסטע פערמעגען וואס עס האט א פאלק, וועלכעס בעארבייט זיין לאנד. ווי שטארק פערשידען איז אט דאס געזעץ פונ'ם רוימישען געזעץ ווענען „חזקה", וועלכעס שטיצט זיך נור אויפ'ן שטארקען קולאק: ווער עס האט די מאכט, יענער פערהאפט. משה האט נישט מבטל געמאכט דאס פערמעגען־געזעץ, ווייל ער האט געוואלט, אז יעדער מענש זאל זיך האבען זיין אייגען ווינקעלע און קאנען איהם בעארבייטען, זיין אייגען שטיקעל ברויט צו האבען און נישט זיין געצוואונ־גען צו מוזען געהן פערדינען, אדער פערקויפען זיך פאר א קנעכט. די פרייהייט פון דער פערזאן איז תמיד געווען דאס הויפט־אידעאל פונ'ם אי־דישען גרויסען געזעצגעבער און זי איז קענטיג אין אלע זיינע געזעצען, וואס ער האט פאר דעם אידישען פאלק געגעבען. די קנעכטשאפט דאגעגען איז איהם געווען גרינדליך פערהאסט... „אויב דער קנעכט וועט נישט וועל־לען פערלאזען זיין הערר אין דער געזעצליכער צייט, ער וועט נישט וועל־לען פריי זיין, שלאג איהם צו זיין אויער צו דיין טהיר!"— אה, אונזער גרויסער לעהרער, משה רבנו! גיעב מיר א האמער מיט צוועקעס און איך וואלט גענומען אלע אונזערע רוהיגע קנעכט, די וועלכע טראגען שווארצע קנעכט־קליידער בעפוצט מיט רויטע, פערגאלדעטע עפאלעטען, כ'וואלט זיי מיט זייערע לאנגע אויערן אלעמען צוגעשלאגען צו די בראנדענבורגער טויערען..."

היינע האט פיעל טיפער פערשטאנען דעם הויפט־געדאנק פון יודענ־טום, איידער פיעל מענשען אין זיין צייט אפילו אויך צווישען אידען. דער גייסט פון דער אידישער תורה און פון דער אידישער געשיכטע איז אריינ־געדרונגען אין דאזיגען אידישען זוהן, וועלכער האט זיך געהאט פערבלאנ־דזשעט און זיין פאלק פערלאזען, און אט דער גייסט האט איהם ענטדעקט אזעלכע זאכען, וואס נאר וועניג מענשען האבען דאמאלס פערשטאנען אין

זייער גאנצער טיעפקייט און קיינער האט זיי אפילו נישט געשפירט אינ'ם יודענטום. און ווי טיעף היינע האט פערשטאנען די גרויסע חכמה, וואס שטעקט אין דער אידישער תורה, און ווי גרויס און מעכטיג עס איז געוועזן דער אידישער קאמף פאר'ן גייסט אין משך פון טויזענדער יאהרען פון דער אידישער געשיכטע, אזוי גוט האט ער אויך פערשטאנען און אבגעשאצט דעם גרויסען ווערט פון גאלד, וואס עס ענטהאלט די אידישע פאעזיע פון מיטעלאלטער , די פאעזיע פון רבי יהודה הלוי, דעם עכטען אידישען פאלקס- און רעליגיאנס-טרובאדור. מיט זיין צויבער-שטעקעלע האט היינע אויפגעוועקט פון קבר רבי יהודה הלוי'ס שאטען און האט איהם בעוויזען פאר דער גרויסער אייראפעאישער וועלט אין זיין גאנצער אידעאלער שענקייט און אין פייער פון זיין נאציאנאלער התלהבות. ביז צו זיין לעצטען אטעם האבען אין היינען געקעמפט צוויי וועלט-געשיכטליכע פרינציפען: די צניעות'דיגע זיטליכקייט פון יודענטום און די פארמען-שענקייט פון דער גריכישער וועלט; ביידע האט ער זיי בעוואונדערט, אבער קיין אויסגלייך צווישען זיי האט ער נישט געקאנט געפינען

„די סתירות זענען דא,
נאטירליך, שוין צו-גרוים:
דער גרעק—ער וויל נאר לעבען,
דער איד—ער ליעבט זיין גאט
נאר פייער-פלאם, גאנץ היים
„די דאזיגע מלחמה געהט קיינמאל נישט אוועק:
דער אמת און די שענהייט קעמפפען אהן אנ'עק".

היינע אליין האט אויך געשפירט, אז די הארמאנישע פערמישונג פון ביידע עלעמענטען איז די אויפגאבע פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציע; אבער ער האט די דאזיגע פערמישונג נישט געקאנט פערווירקליכען. און פון אט דעם קאמף שטאמט היינעס אינערליכע צובראכענקייט.

די אידישע וועלט האט פיעל צו פערדאנקען אט די ביידע אבטריניגע זיהן איהרע, היינע'ן און בערנע'ן. אויב זיי איז אפילו אויך נישט געלונגען אינגאנצען צו פערטיליגען די שנאה צו אידען, האבען זיי אבער פארט בעוויזען איהר אנצוטהון א צוימעל. דאס וואס היינע האט א מאל געזאגט, דערמאהנענדיג זיך וועגען די אנפאלען אויף אידען מיט די געשרייען „העפ-העפ": „אזעלכע זאכען קאנען שוין מעהר נישט פארקומען, ווייל די פרעסע איז א גוט געוועהר און עס זענען פארהאן צוויי אידען, וועלכע האבען א שארפע דייטשע שפראך—איינער בין איך און דער אנדערער איז בערנע"— אט די נבואה היינע'ס איז אינגאנצען מקוים געווארען. אזוי שלעכט און גראב ווי פריהער, זענען שוין קיין אנפאלען אויף די אידען אין דייטשלאנד מעהר נישט פארגעקומען. די ריהס, פריעס און אנדערע אידען-פרעסער, וועלכע האבען זיך דערוואוינגען צו ערקלערען, אז די אידען זענען א פאלק אהן העכערע טאלענטען, האבען שוין מעהר נישט געקאנט לעסטערן

אויף אזא אופן. אבער מעהר פאר די אידען האט דייטשלאנד געהאט צו פערדאנקען איהרע דאָזיגע צוויי אידישע ערציהער. א גאנצען אוצר פון פרוכטבארע געדאנקען האבען זיי פאר די דייטשען געעפענט. אויסשיטענדיג פון איהם שטיקער גאָלד און דימענטען, ווי עכטע צוויי מלכים, וואס שיטען דעם פאָלק גאָלדענע מטבעות אויף זייער דורכרייזע. זיי האבען בעשאפען פאר'ן דייטש אַן עלעגאנטע שפראך, פול מיט ליכטיגע געדאנקען און שען און גלאט דורך איהר פארם. און האבען פאר איהם געעפענט דעם היכל פון דער פרייהייט. דאס יונג-דייטשלאנד, וואס האט זיין געגענווערטיגען צושטאנד און דאס בעפרייאונגס-יאהר 1848 בעשאפען אין דייטשען לאנד, איז א קינד פון די דאָזיגע צוויי אידען. אינטריגאנטען, רכילות-טרעגער און די דייטשע געהיים-פאָליציי האבען גאנץ גוט פערשטאנען, וואס זיי רעדען, ווען זיי האבען געטענה'ט, אז דאס יונג-דייטשלאנד זענען די אידען: אהן דעם אידישען גייסט וואלטען די דייטשען טאקי נישט געווארען קיין קעמפער פאר דער פרייהייט. די אידישע שונאים האבען געמיינט צו שענדען די פרייהייט'ס קעמפער דאדורך, וואס זיי האבען זיי גערופען „זשידעס", באמת אבער האבען זיי דעם אידישען כבוד דאדורך געראטעוועט און די דייטשען האבען זיי געגעבען א דיפלאם פון גייסטיגער ארים-קייט נענען זייער איינענעם ווילען. אבער דערמיט ענדיגען זיך נאך נישט די נוטע מעשים פון בערנע און היינע פאר דייטשלאנד: זיי האבען געלערנט די פראנצויזען צו עהרען און שעצען די דייטשען און געמאכט א סוף צום אבשפאטען פון זיי פאר זייער שווערקייט און אונבעוועגליכקייט. בערנע און היינע האבען די ערשטע מקרב געווען איינעם צום אנדערן ביידע פעלקער, דאס דייטשע און פראנצויזישע, פעראייניגענדיג די דייטשע עמקות מיט דער פראנצויזישער לייכטקייט און שענהייט. זיי האבען די ערשטע צוטריבען די שווערע וואלקענס, וואס זענען געלעגען צווישען ביידע פעלקער: די דייטשען האבען זיי געלערנט אראבצושטייגען פון זייער פערחלומטער הויכקייט, און די פראנצויזען אויפצוהויבען זיך העכער, און אזוי ארום האבען ביידע פעלקער זיך בעגעגענט אויפ'ן מיטען וועג, נישט אכטענדיג אויף זייערע פאלשע געגענזייטיגע מיינונגען ווי אויך דערויף, וואס מען האט זיך בעמיהט צוצעשיידען זיי, כדי לייכטער צו קאָנען זיי פערניכטען. היינע און בערנע זענען געווען די פאדער-קעמפער און פאראויסזאגער פון א נייער עפאכע.

פינפטעם קאפיטעל

די רעליגיעזע רעפארם און די אידישע וויסענשאפט

(1840—1818)

נישט אזוי געשווינד, ווי די אידען, האט דאס יודענטום זיך געקאנט בעפרייען פון זיין קנעכטשאפט. כמעט צוויי טויזענד יאהר האט דאס יודענטום געפיהרט א קאמף פאר זיין עקזיסטענץ מיט יעדען נייעם פאלק און יעדיין נייעם גייסט, וועלכע זענען ארויסגעטראטען אין דער געשיכטע — מיט די גריכען און רוימער, מיט די פארטהען און נייע פערזען, מיט די גאטען און סלאווען, מיט די אראבער און מיט די מיטעלעלטערליכע איזערנע ריטער, מיט די מאנאכען פון אלערליי ארדענס און מיט די לוטעראנישע קנאים — שטענדיג, שטענדיג האט דאס יודענטום געדארפט קעמפען און פערטיידיגען זיך. וואס זשע איז פאר א וואונדער, אויב עס איז בעדעקעקט געווארען אינ'ם דאזיגען לאנגען קאמף מיט שווערע וואונדען, מיט שטויב און שמוץ, וועלכע האבען זיין גאנצע פיזיאנאמיע פערחושכ'ט? כדי צו בעשיצען זיך אזא לאנגע צייט געגען דעם אונאויפהערליכען שטורם פון די פיינדליכע כחות, האט דאס יודענטום זיך געמוזט אנטהון אין א דיקען פאנצער, דורך וועלכען עס זאל צו איהם גאר נישט קאנען אריינדרינגען מן הצד, אבשליסען זיך אינגאנצען פון דער ארומיגער וועלט און בעהאלטען זיך אין זיין ענגען קרייז. און דאס יודענטום האט זיך אזוי גוט צוגעהאוינט צו זיין שווערען פאנצער, אז עס איז כמעט מיט איהם צוזאמענגעוואקסען און געווארען איין ארגאניזם. עס האט שוין אפילו גאר נישט בעוואלט שיידען זיך מיט'ן דאזיגען פאנצער, ווייל עס האט זיך תמיד געדארפט האלטען גרייט צו נייע פערטיידיגונגען געגען אויסערליכע פיינד. קאנענדיג זיך פערלאזען בלויז אויף אייגענע כחות און געפינענדיג אין זיך אליין אלע זיינע הצטרכות, זייענדיג נאך דערצו אבגעשטויסען פון דער אויסערליכער וועלט, בעזונדערס, זינט סוף דעם פופצעהנטען יאהרהונדערט, ווען מען האט זיינע אנהענגער פערטריבען פון שפאניען און פארטוגאל, האט דאס יודענטום זיך אויסגעשפינט און אויסגעוועבט אן'אייגענם פערחלומט וועלטעל און אריינגענומען אין זיין דענקען און זיין פאנטאזיע סגולות מיט לחשים און אלערליי צויבער־פארמען, כדי צו בעטויבען די יסורים, וואס זיינע אנהענגער האבען געהאט אויסצושטעהען, לייכטער מאכען זיי צו טראגען, אדער גאר אויף זיי צו פערגעסען.—פלוצלונג אבער זענען זיינע זיהן געוועקט געווארען דורך א שטעכערינגען זונען־שטראהל פון זייער חלום און האבען דערזעהען א ווירקליכקייט, וועלכע זיי האבען בעטראכט פערוואונדערט, ווייל זי איז זיי גאר פרעמד געוועזען. תחילת האבען זיך ביי זיי די אויגען נאך פעסטער פערמאכט, כדי נישט צו פערלירען די פריהערדיגע שענע חלום־בילדער. זיי האבען אין דער נייער צייט און אין

דער נייער לאגע זיך נישט געקאנט בעקוועם איינארדנען און האבען מורא
געהאט, אז דאס איז בלויז פאר זיי א נייער נסיון, א נייער מין תחבולה,
וואס דער שונא האט געגען דעם יודענטום אנגעווענדעט אין זיין קאמף.
דאס יודענטום האט לגמרי פערגעסען, אז, נישט אכטענדיג אויף זיין פול-
קאמער אבגעזונדערטקייט פון דער וועלט, האט ער אריינגענומען אין זיך
אויף זיין לאנגער רייזע אין דער וועלט פיעל פרעמדע עלעמענטען, וועלכע
האבען זיך אין איהם אזוי גוט איינגעלעבט און ווייטער ענטוויקעלט, דאס
מען האט געקאנט מיינען, אז דאס אלץ איז זיין אייגען בלוט און מארך
און נישט קיין פרעמדס. דורך די גרויסע רדיפות און ענוים, שחיטות און
שריפות על קדוש השם, איז ביי'ם יודענטום אבגעשוואכט געווארען דער
זכרון און אויך זיין פעהיגקייט צו דענקען האט עטוואס געליטען פון די
יסורים, וואס פלעגען זיך פערגרעסערען מיט יעדען טאג, עס האט דערי-
בער נישט געקאנט תחלת זאמלען זיינע כוחות און אנהויבען אונטערזוי-
כען, וואס איז אין איהם אייגענס און וואס פרעמדס. ביי די דייטשע אי-
דען האט דאס יודענטום דורכ'ן אריינגעהמען פערווילדעטע און מיאוס'ע
פוילישע מנהגים בעקומען א בארבארישען חאראקטער און ביי די איטאל-
יענישע אידען האט עס דורך רבי יצחק לוריא (אריז"ל) און רבי
חיים וויטאל בעקומען א קבליסטישען זין. די נייע מנהגים, וועלכע
האבען צוגענומען די פרימיטיווע איינפאכקייט און שענהייט ביי'ם יודענ-
טום, זענען ארויסגעטראטען בולט אי אין די אידישע עפענטליכע תפלות
אין די שוהלען, אי אין זייערע דרשות, אי ביי חתונות, אי ביי הלויות
המת , קורץ—דוקא אין יענע צערעמאניעס , וועלכע ווערען געמאכט
עפענטליך. גראדע די אפיציעלע פערטרעטער און ערקלערער פון יודענ-
טום, די רבנים און חזנים פלעגען ערשיינען אין א האלב ווילדער געשטאלט,
אדער ווי רוחות—בעשווערער און מופתים-מאכער. די צייט האט נאך דא-
מאלס נישט געהאט געשאפען ביי אידען קיין גרויסע לייט, וועלכע זאלען
זיין אימשטאנד אונטערצושיידען דאס געזונדע קערן פון יודענטום פון
זיין אנגעוואקסענער גראבער הילע, דעם עיקר פונ'ם טפל. כדי צו קאנען
דערווייטערען מיט א מילדער האנד די צוגעקומענע העסליכע פארמען פון
יודענטום און מאכען דאס לאנגזאם, שריט ביי שריט אהן געוואלדטאטען,
נישט בעליידיגענדיג דאס תמימות'דיגע געפיהל פון דעם ווענינ פערשטענ-
דיגען המון, האט מען דערצו געברויכט צו האבען א גרויסע פערזענליכ-
קייט, א מימוני (רמב"ם) אדער א מענדעלסאן מיט מעהר ענערגיע. אזא
פערזענליכקייט איז אבער ביי אידען דאמאלס נישט געווען. אין דער
איצטיגער איבערגאנגס-צייט האבען ביי אידען בכלל געפעהלט מענשען
מיט קלארע קעפ און ריינער אידישער איבערציינונג, מיט פעסטען חאראק-
טער און אנערקענטען אנזעהען. עפעס וואס אפיציעלעס האבען די אידען
אפילו שוין דאמאלס יא געהאט—די פראנצויזישע סנהדרין און דאס קאנ-
סיסטאריום, וועלכע זענען געווען אפיציעלע אינסטיטוציעס און האבען זיך

געקאנט אויסקעמפען אנ'אויטאריטעט צווישען אידען. אבער זייערע מנהיגים, רבי דוד סאנצהיים, רבי אברהם דע קאלאניא און זייערע נאכפאלגער, האבען נישט געהאט קיין פערשטאנד פאר דער נויטווענדיגקייט צו פעריונגערען דאס יודענטום. די נויטווענדיגע רעפארם—נישט אין לייב און לעבען פון יודענטום, נאר אין דער פערפיינערונג פון זיין אויסערליכער פארם, אין בעזייטיגען זיין צוואקס—אט די נויטווענדיגקייט האט נישט געפונען דאמאלס קיין רעכטע לייט, וואס זאלען די זאך נעהמען אין זייערע הענד און דורכפיהרען איהר. ווייל אבער עס האבען געפעהלט די רעכטע מענשען, האט די צייט אליין גענומען זיך פאר דער ארבייט און דאדורך זענען ענטשטאנען שווערע סכסוכים און קאמפפען. נישט לייכט האט געדארפט זייז פאר דעם יודענטום דאס טוישען זיין אויסערליכע פארם.

די דאזיגע פערענדערונג פון יודענטום, וועלכע די צייט אליין האט דורכגעפיהרט, האט געשטאמט פון דייטשלאנד, ווייל מענדעלסאן איז אויך געווען א דייטשער איד. יענע גרויסע אויפגאבע, וואס האבען געהאט גענומען אויף זיך פארצייטענס די אלעקסאנדרינישע אידען און שפעטער טיילוויז אויך די שפאנישע און פראוואנסאלע אידען—די אויפגאבע צו פעראייניגען דאס יודענטום מיט דער אלגעמיינער קולטור—האבען אויף זיך גענומען איצט אויך די דייטשע אידען. אבער זיי האבען שוין געהאט פערלאזען דעם גייסטיגען מאמענט דערצו, דעריבער האט זייער ארבייט נאר אריינגעבראכט א מהומה ביי אידען. אין די שווערע מלחמות, וואס די אידען אין דייטשלאנד האבען געהאט צו פיהרען אויף שריט און טריט פאר זייער בירגער־רעכטע, פאר דעם דערהויבען זיך פון זייער שפלות, ווען זיי האבען איבעראל זיך בעגעגענט נאר מיט אבשפאטונגען און רדיפות, ווען מען האט זיי תמיד דערמאנט אויף זייער עלענדקייט,— אין אט דער מלחמה האבען זיך ארויסגעוויזען צוויי טרויעריגע ערשיינונגען: יענע אידען, ביי וועלכע דאס געפיהל פאר שענהייט האט זיך ענטוויקעלט, זענען נעשוואומען מיט דעם שטראם און וואס ווייטער אלץ מעהר פערפרעמדט געווארען פון יודענטום; אויב זיי זענען נאך אינגאנצען נישט ארויסגעטראטען פון יודענטום, האבען זיי עס פעראכטעט, ווייל עס איז געווען פאר זיי א שטערונג אין לעבען. אין זייערע אויגען איז דאס יודענטום געווען א מומיע, דאס הייסט, א פערשטיינערטער מת, אדער נאר א נשמה אהן א גוף, וואס בלאנקעט זיך ארום אין דער וועלט, נישט געפינענדיג זיך קיין רוה אין ערגיץ און אהן קיין שום ציעל, ווי א יאמער־בילד פאר וועלכען עס איז נישטא קיין הילף. נאר נישט פיעל פון דער דאזיגער געבילדעטער אידישער קלאס האבען געהאט אזא ליכטיגען גייסט, ווי היינע אין זיינע ליכטיגע מאמענטען צו קאנען פערשטעהן די אמת'ע הויכע בעדייטונג פון יודענטום, צו דערקענען אין דער מומיע א לעבעדיגען ארגאניזם, וועלכער ליגט נאר אין היגהער־פלעט, אבער אין דער ווירקליכ־

קיום רינט נאָך אין זיינע אדערן מעכטיג דאָס בלוט און נישט היינט-מאָר-
גען קאָן עס אראָבוואַרפען פון זיך זיין מתים-קיטעל, אויפברעכען זיין ארון
און אונטערנעהמען אַ קאַמף מיט די לעבעדיגע כוחות. די אידישע מעהר-
הייט דאָגעגען, די, וועלכע האָבען נאָך געשפירט א טיפע ליבע צו דער
אַלטער מוטער, וואָס איהר פנים איז פון עלטער און דחקות צוקנייטשט גע-
וואָרען, צו דער מוטער פון אלע רעליגיאָנען—זיי האָבען זיך פעסטגעהאַל-
טען אָן יודענטום מיט אלע זיינע אלט-נייע אָנגענומענע פאָרמען, צו וועל-
כע זיי זענען געוואהנט געוועזען פון קינדהייט אָן און טייער געהאַלטען
זיי, כדי נישט צו זיין גלייך צו די משכילים, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען
פאַר פאלקס - פעררעטער. „זיי האָבען געליעבט די שטיינער און טייער
געשעצט דעם אלטען שטויב“. דאָס איז שוין אָבער נישט געוועזען די פּאַר-
צייטיגע תמימות'דיגע חסידות, וועלכע האָט קיין געגנער פאר זיך נישט
געהאַט; דאָס איז געוועזען אַ חסידות א פערביסענע, א ליידענשאַפטליכע
און א אויפגערעגטע, ווי די חסידות פון די ערשטע צייטען פון די מכביי'ם,
וועלכע האָט געקעמפט מיט די העלעניסטען, די „בוגדים געגען דעם אי-
דישען בונד“. זיי האָבען געזעהען ווי די אמונה ווערט שוואכער פון טאג
צו טאג, ווי דער אינערליכער צעמענט, וואָס פעראייניגט און האַלט אויף
דאָס אידישע פאלק, ווערט צעבראָכען, און פיעל מיטגלידער פאלען אָב,
איבערגעהענדיג אין לאַגער פון די שונאים—דאָס האַרץ האָט זיי וועה גע-
טהון צו זעהען דאָס, און דערפון האָט געשטאַמט זייער שטאַרקע אויפ-
רעגונג. דאָס יודענטום איז אין זייערע אויגען געוועזען אינגאַנצען, אזוי ווי
עס איז, א ריזען-פּאַלאַץ, וואָס איז געבויט פון פיעל בעזונדערע שטיינער,
וועלכע האָבען דורך זייער שווערקייט פעסטגעהאַלטען און געטראָגען איי-
נער דעם אַנדערען. זיי האָבען דאריבער מורא געהאַט, אַז דער גאַנצער
בנין וועט איינפאלען, ווי נאָר מען וועט ריהרען איינעם פון זיי. זיי האָבען
שוין אליין אויך געהאַט פערלוירען זייער גלויבען אין דער פעסטקייט און
לעבענספעהיגקייט פון יודענטום, האָטש זיי זענען גרייט געוועזען מוסר-
נפש צו זיין זיך פאַר איהם, און אָט האָבען זיי נישט געוואָלט מותר זיין
אויפ'ן קלענסטען חלק זיינעם, אפילו אויף דער אונרעגעלמעסיגער שפּראַך
(אויפ'ן פוילישען זשארגאָן) און אויף די קלענסטע מנהגים אין דער שוהל
און אין לעבען. יעדע נאָכגיביגקייט אין אָט דער ריכטונג האָבען זיי גע-
האַלטען פאַר אַ בגידה אין יודענטום אוי אין די אינטערעסען פון אידי-
שען פאָלק.

צו מאַכען א פשרה צווישען אָט דיביידע פיינדליכע צדדים און
ריכטונגען, איז געוועזען גאָר אונמעגליך, און דאָך האָט עס אונטערנענומען
זיך דורכצופיהרען מיט א גראָבער האַנד א מענש, וואָס איז כלל דערצו
נישט פעהיג געוועזען. ישראל יעקבסאָן האָט דער ערשטער געמאַכט
די התחלה צו רעפאָרמירען דאָס יודענטום. ווי נאָר עס איז איינגעאָרדענט
געוואָרען דאָס וועסטפאלישע קאָנסיסטאָריום און ער איז בעשטימט געוואָ-

רען צו שטעהן בראש, איז ער אַרויסגעטראָטען מיט דעם איינפיהרען א נייע אָרדנונג, וועלכע האָט געהאַט צוויי זייטען. פון דער שוהל האָט ער אויסגעשלאָסען אלץ, וואָס איז העסליך, אַנשטויסענד, משונה'דיג-שרייענד, בעזונדערס דאָס געפילדער מיט די ווילדע העויות און געזאַנג ביי'ם דאַווי-נען. די דרשות האָבען, פערשטעהט זיך, געדאַרפט געהאַלטען ווערען אין א ריינער און שענער דייטשער שפּראַך. ער האָט אָבער אויך איינ-געפיהרט מנהגים און פאָרמען, וועלכע ער האָט גענומען אין דער קריסטליכער קירכע: דייטשע תפלות, אויסער די העברעאישע, נייע דייטשע לידער, גע-שמאַקלאָזע און פּוסטע, צוזאַמען מיט די טיפע און רייך-לירישע מזמורים פון תהלים, די קאָנפירמאַציע פאַר מיידלעך און אינגלעך ביי זייער אָריינ-טרעטען אין א געוויסען אַלטער — א מנהג, וואָס האָט קיין שום יחוס נישט אין יודענטום. יעקבסאָן האָט נישט געשפּירט, ווי שרעקליך מיאוס עס זעהט אויס די אַלטע מאַמע אין די קליידער פון דער יונגער טאָכטער. זיין ערשטען שענעם „היכל", וועלכען ער האָט געגרינדעט מיט'ן אייגענעם געלד אין זיזען (17-טען יולי 1810) האָט ער געעפענט מיט גרויס פּאַראַד ביי א פּובליקום, וואָס איז בעשטאַנען מעהר פון קריסטען איידער פון אי-דען. די קריסטען זענען געקומען פּשוט אָנקוקען דאָס מאָדנע בעשעפעניש און די גלחים האָבען לכבוד דער נייער שוהל געקלונגען אין די גלאָקען. פּלוצלונג האָבען די פערזאַמעלטע אין שוהל דערהערט די שטימען פון אָנ-אָרגעל, וועלכען יעקבסאָן האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין א שוהל און באַלד נאָכדעם איז יעקבסאָן אַרויפגעשטיגען אויף דער בימה אָנגע-קליידעט, ווי א קריסטליכער גלח, און געהאַלטען א רעדע אויף דייטש... א האַלבערשטאַדטער גלח האָט איהם דערפאַר געווידמעט א ליעד, אין וועלכען ער לויבט איהם אלס „איינעם פון אהרן'ס אייניקלעך, וועלכער געהט האַנד-ביי-האַנד מיט די גלחים פון רוים און אויגסבורג".

יעקבסאָנס השפעה אינ'ם וועסטפאַלישען אידישען קאָנסיסטאָריום איז געוועזען זעהר גרויס, און דעריבער האָבען פיעל אידען, צווישען זיי אויך דער רב, ר ב י ל י ב ב ע ר ל י ן, זיך נישט דערוואויגען אַרויסצוטרעטען גע-גען איהם און זיינע רעפאָרמען. דאָס האָט צוגעגעבען יעקבסאָנ'ען מוט, און ער האָט זיך גענומען איינפיהרען רעפאָרמען מיט געוואַלד אין אַלע וועסט-פאַלישע קהלות, סטראַשענדיג, אַז יענע קהלה, וואָס וועט אין איהרע שוה-לען נישט לאָזען איינפיהרען זיינע רעפאָרמען, וועט ער איהרע שולען לאָזען פערמאַכען. אזא דעספּאָטיזם האָט אבער אַרויסגערופען א כעס מצד די חסידים. דער רב, ר ב י ש מ ו א ל א י י ג ע ר (געשטאָרבען אין ברוינשוויג 1842) וועלכער איז בכלל געווען א מענש, וואָס האָט ליעב געהאַט דעם שלום, איז אַרויסגעטרעטען מיט א שאַרפען פּראָטעסט געגען די נייע התנהגות, פּאַראויסזאָגענדיג, אַז דורך דעם איינפיהרען תפלות אויף דייטש אין די שוהלען וועלען די אידען פערגעסען זייער אַלטע נאַציאָנאַלע שפּראַך—העברעאיש און דאַדורך וועט אָבגעשוואַכט ווערען דער איינ-

ציגער בונד, וואָס פעראייניגט אלע אידען אויף דער גאנצער וועלט. יעקבסאָן האָט זיך אָבער ווענינ וואָס געקימערט וועגען אזעלכע פראַגען. ווי עס שיינט, האָבען די חרדים זיך בעקלאָגט ביי'ם וועסטפאלישען קעניג זשעראָם אויף יעקבסאָנ'ס דעספּאָטיזם, און דער קעניג האָט איהם געמאַכט פאָרוואורפען וועגען דעם, ערקלערענדיג, אז מען קאָן אין רעליגיעזע זאכען נישט צווינגען עמיצען, ווייל דאָס איז אַ זאַך, וואָס הענגט אָב פון יעדענס חאַראַקטער און פערשטאַנד. ווי עס שיינט, האָט יעקבסאָן דאַן בעפוילען איינעם פון די מיטגלידער פון קאָנסיסטאָריום, מענדעל שטיינהארד, אז ער זאָל אָנשרייבען אַ מאמר לטובת די נייע תקונים און אָנווייזען, אז דער תלמוד אליין האָט אויך אזעלכעס געפאָדערט.

די וועסטפאלישע מלוכה האָט זיך נישט לאַנג געהאלטען. צוזאַמען מיט דעם איינפאלען פון דער דאָזיגער מלוכה איז אָבער אויך געפאלען יעקבסאָנ'ס גדלות און שררות'שאַפט. קומענדיג קיין בערלין, האָט יעקבסאָן דאָרט באלד (1815) איינגעאָרדענט ביי זיך אין שטוב אַנ'איינעם „היכל" מיט דעם רעפאָרמירטען גאָטעס-דינסט — מיט דייטשע תפלות, כאָר און געזאַנג. אויך אַנ'אָרגעל האָט ער געוואָלט אהין אריינברענגען באלד, אָבער דער אָרט איז אין זיין הויז צו קליין געווען דערצו. שפּעטער האָט דער באַנקיער יעקב בעער (דער פאָטער פון בעוואוסטען קאָמפּאָזיטאָר מאיר-בער) געשאַנקען דערויף אַ גרויסען זאל (1817), וואוהין מען האָט אויך אריינגעבראַכט אַנ'אָרגעל. צוליעב דעם נצחון פון די דייטשען איבער נאַפּאָלעאָן און דער גרינדונג פון דער הייליגער „אליאַנס", איז אין איירָאָפּאַ אריין אין דער מאָדע די קירכליכקייט; אויך די אידישע משכילים זענען דערמיט אָנגעשטעקט געוואָרען, חאָטש פריהער זענען זיי גאנץ ווייט געווען פון אַ שוהל און פון תפלות. אזעלכע „האלבע בעלי-תשובה", אָבער נישט פאר'ן יודענטום נאָר פאר דער געמאַכטער פרומקייט, האָבען זיך אָנגעהויבען פערזאַמלען אין יעקבסאָנ'ס היכל, כדי דאָרט „הייליג צו ווערען און א פרום געמיט צו בעקומען". מיטגלידער פאר דער נייער שוהל האָט געגעבען „די געזעלשאַפט פון די פריינד" („חבורת הידידים"). אזוי האָט זיך געגרינדעט די ערשטע אידישע רעפאָרם-פּאַרטיי—אַ קליינע קהלה אין דער אלגעמיינער אידישער קהלה, וועלכע האָט אָבער געהאַט אַ גרויסע צוקונפט, צוליעב דער משונה'דיגקייט פון די אלטע אידישע שוהלען מיט זייערע אונמענגליכע מנהגים, ווי אויך צוליעב דער ריהרעוודיגקייט פון דער פּאַרטיי גופא. דער צענטר פון נייעם גאָטעס-דינסט איז געווען די דייטשע דרשה, וועלכע יעקבסאָן פלעגט מייסטענס האלטען אליין. די נייע דרשה האָט געהאַט גרויס חן ביי די יונגערע אידען, ווייל די דרשות פון די רבנים און פון די פּוילישע אָדער מעהרישע אַרומפאָהרענדע „מגידים" זענען שוין געווען צו געשמאַקלאָז און צו אבשטויסענד אין יענער היינזיכט. די בערלינער יעקבסאָנישע, אדער בעער'שע ערשטע שוהל איז געוואָרען אַ שולע פאר נייע „מטיפים" (פּרעדיגער). יעקב אויער-

באך, **עדוארד קליי** און **ק. ס. גינזבורג**, זענען געווען די ערשטע מטיפים, וועלכע האבען זיך דארט פראקטיש ערצויגען; דאס זענען געווען מענשען פון מיטעלמעסיגען טאלענט סיי בכלל, סיי אין דער רעדנערישער קונסט, א שטייגער, ווי מען וואלט בביון ארויסגעשטעלט אייגפאכע מענשען, אנשטאט די פריהערדיגע רבנים־דרשנים מיט זייער חריפות און איבערגעשפיצטקייט. די פרומע אידען האבען זיך אבער געקלאגט ביי דער פרייסישער רעגירונג אויפ'ן דאזיגען „היכל", און אט האט די פריי־סישע רעגירונג פלוצלונג פערמאכט דעם היכל. **פרידריך ווילהעלם** דער דריטער האט פיינד געהאט אלע נייע אנפיהרונגען און אויך אין אידישען לעבען האט ער עס נישט געקאנט סובל זיין, ווייל ער האט דערין געזעהען א סימן פון רעוואלוציאנערע מעשים. דער מטיף קליי איז דאמאלס אבגעגאנגען קיין האמבורג, כדי צו זיין דירעקטאר פון א נייער פריי־שולע, וואס עס האבען געגרינדעט עטליכע רייכע אידישע עלטערן פאר זייערע קינדער, דארט האט קליי דערוועקט די משכילים צו גרינדען א היכל, לויט יעקבסאנס מוסטער

אויך צווישען די האמבורגער אידען האט דאמאלס געהערשט די געקינסטעלטע פרומקייט, אדער קירכליכקייט. די האמבורגער אידען, וועלכע זענען בכלל ווייט געווען פון רעליגיאן, האבען זיך געשעמט פאר זייערע שכנים, די קריסטען, פארוואס זיי האבען נישט קיין רעליגיאנס־לעבען און דעריבער האבען זיי איצט אויפגענומען פריינדליך קליי'ס פארשלאג. קיין נייע פראגראם האט קליי נישט געהאט, ער האט קאפירט יעקבסאנען: מזמורים און תפלות אויף דייטש, דייטשע דרשות און אנ'ארגעל. ער אליין האט מחבר געווען א בוך מיט תפלות און מזמורים אין עכטען פראטעסטאנטישען זין, אהן קיין שום אינהאלט און ריח פון פאעזיע, א בוך, וואס איז כמעט ווי געווען אויסגערעכענט מעהר פאר אונפערשטענדיגע קינדער, איידער פאר דערוואקסענע אידען, זיהן פון א אלט פאלק. פונדעסטוועגען האבען זיך אבער נאך געפונען אויך אין האמבורג אידען, וועלכע, זייענדיג משכילים און ליעבהאבער פון אלץ, וואס נייע איז, האבען זיי דאך אבער זיך געשפירט נאך צו־שטארק צוגעבונדען צום יודענטום, בעזונדערס, צו דער העברעאישער שפראך, אז זיי זאלען קורץ און גוט ווע־לען אננעהמען קליי'ס פראגראם. אין שפיץ פון דער דאזיגער פארטיי זענען געשטאנען **ברעסלוי** און **יצחק זעקיל פרענקעל** (געשטארבען אין האמבורג 1833), וועלכער איז בעוואוסט דורך זיין איבערזעצונג פון די „כתובים אחרונים" פון גריכיש און העברעאיש. אלס גוטער קענער פון העברעאיש, האבען ברעסלוי און פרענקעל אויסגעקליבען פון אלטען אוצר פון דער אידישער פאעזיע תפלות, וואס האבען געדארפט פערטייטשט ווערען מיט די דייטשע לידער. דאס איז געווען אייגענטליך א פשרה פון שלעכטע סוחרים, ווייל נישט דער אינהאלט, נישט די פארם האבען געפאסט איינע צו דער אנדערער. לערך פופציג משפחות האבען זיך

פעראייניגט צוזאמען אין דער דאָזיגער נייער רעפאָרמירטער קהלה, דער
„טעמפעל - פעראיין" (האמבורג 1818). בשעת דעם חנוכת-הבית פון נייען
טעמפעל, האָבען יונגע מיידלעך געזונגען אין כאָר צוזאמען מיט יונגע
לייט. דאדורך האָט מען געוואָלט מאַכען דעם גינסטיגען איינדרוק, וואָס
דער טעמפעל גופא האָט נישט געמאַכט; אָבער דאס האָט אויך אַרויסגע-
רופט אַ שטאַרקע אויפרעגונג צווישען די געגנער פון טעמפעל. קליי איז
געווען א צו-מיטעלמעסיגער מענש, אז ער זאָל קאָנען דערהאַלטען די יונ-
גע רעפאָרם-קהלה א לענגערע צייט, באלד האָט אָבער די קהלה (די
„טעמפלער", ווי מען האָט זיי גערופען) געפונען א געשיקטען מטיף,
גאָטהאָלד סאלאָמאָן, וועלכער איז געוואָרען פאַר איהר אויך אַנ-
ענערגישער מנהיג. סאלאָמאָן האָט געהאַט מעהר ידיעה אין תנ"ך און אין
דער העברעאישער ליטעראטור, דערצו אויך אַ לעבעדיגער גייסט, האָט ער
דעריבער פערשטאַנען בעסער, ווי אַזוי צו בעקליידען דעם יונגען, נאַקעטען
קינד, אז זיין פוסטקייט און נאַקעטקייט זאל זיך נישט וואַרפען אַלעמען
אין די אויגען. אבער ער האָט דעם נייעם טעמפעל געגעבען א פראָטעס-
טאַנטישען שניט, נישט קלאָר מאַכענדיג פאר זיך אליין, וואָס פאר אַנ-
אָרט דאס יודענטום וועט פערנעהמען נעבען דעם קריסטענטום. פון סאָ-
לאָמאָנ'ס צייט אָן האָבען די דייטשע דרשות אין די כאָר-שוהלען אָנגע-
הויבען ארויסווייזען א געוויסע השפעה אויף די דייטשע אידען. אנשטאַט
דעם פארצייטיגען בית-המדרש איז מען איצט געקומען צו דער דייטשער
רעדע פון מטיף, וועלכע איז אָבער גאַנץ אָפט געווען גאָר פוסט, אהן אינ-
האַלט. די טענער פונ'ם אָרגעל האָבען דערוועקט אינ'ם האַרצען פונ'ם
פובליקום געפיהלען אהן א נאָמען און אהן א חשבון, פערטרייבענדיג בלויז
די רייכקייט פון געפיהלען, מיט וועלכע עס איז אַזוי שטאַרק געבענשט
געווען דאָס אַלטע יודענטום, די האָפנונגען אויף דער אידישער גאולה
(משיח) האָט מען פערטריבען פון דער עפענטליכער שוהל, נישט אבגע-
בענדיג זיך קיין חשבון וועגען איהר פאלקסטימליכער בעדייטונג. אייני-
גע רעפאָרמירטע אידען האָבען שוין אפילו אויך אָנגעהויבען טראַכטען
וועגען אויסטיילען זיך אינגאַנצען פון דער אידישער קהלה און נישט דאַר-
פען צאָהלען קיין שטייערן פאר איהר. פאַר יענע אידען אָבער, וועלכע האָ-
בען געקוקט טיפער אין דער זאך, חאָטש זיי זענען אליין שוין אויך געווען
ווייט פון פרומקייט, איז דאָס דאָזיגע נאָכטהון פון די מטיפים דער
קריסטליכער קירכע, סיי אין זייער קליידונג, סיי אין זייערע בעוועגונגען
און דרשות, געווען זעהר אונאָנגענעהם, און די רעפאָרמירטע שוהל האָט
זיי מעהר אָבגעשטויסען פון זיך, איידער צוגעצויגען. זיי האָבען דעריבער
פאָראויסגעזאָגט, אז לאנג וועט זיך דער „טעמפעל" ביי אידען נישט האַל-
טען. אבער די גרינדער פון טעמפעל האָבען געהאָפט, אז די נייע שוהל
מיט איהר שענער פארם און קליינע פאַרענדערונגען, וואָס זי שטעלט דעם יונ-
גען אידען, וועט ווירקען אנציהענד אויף דעם יונגען דור, אפילו אויך אויף

יענע, וועלכע האָבען זיך שוין שטארק דערווייטערט פון יודענטום. אין
דער ווירקליכקייט איז דעם טעמפעל דאָן געלונגען אבצוהאַלטען א טייל
אידען פון שמד, אָבער אויף לאַנג האָט אזא מיטעל נישט געקאָנט ווירקען.

עס פערשטעהט זיך, אז די גרינדונג פון טעמפעל האָט ארויסגערו־
פען א שפּאַלטונג ביי אידען. ביז יענער צייט זענען געוועזן בלויז „אַלט־
מאָדישע" און „ניי־מאָדישע" אידען, ווי זיי האָבען זיך אָנגערופען
איינע די אַנדערע, אָבער פון קיין פּאַרטיי מיט א בעזונדער פאָהן האָט
מען נישט געוואוסט, ווי מען האָט אויך נישט געוואוסט פון א בעזונדערען
קאַטעחיזים (גלויבענס־פאָרמולען). אפילו די אלט־פרומע אידען זענען קיין
פּאַרטיי נישט געווען, דען חאָטש זיי זענען געווען אין דער גרויסער מעהר־
הייט . און אפילו אין האַמבורג האָבען זיי לייכט געקאָנט דערדריקען
די „ניימאָדישע" מיט זייער צאָהל, פונדעסטוועגען זענען זיי נישט ארויס־
געטראָטען פעראייניגט און געשלאָסען מיט וועלכע עס איז מעשים. מען
האָט נאָר געהערט זייער זיפצען אויף דער „אפּיקורסות", וואס האָט
זיך פערשפּרייט ביי אידען, ווי אויך אויף דער אָבגעשוואכטקייט פון יו־
דענטום דורכ'ן שטארקען אָרויסטריט פון די עברינים. די אַלט־פרומע אי־
דען האָבען נישט געהאָט קיין ענערגישען מנהיג ; דער כבוד פון די רבנים
ביי אידען איז געשווינד פערשוואונדען געוואָרען אין משך פון איין איינצי־
גען דור. די גרויסע דייטשע קהלות האָבען זייער לעדיג געוואָרענעם כסא־
הרבנות נישט בעזעצט מיט אנדערע רבנים, וואָס זאָלען האָבען ביי אידען
א גרויסע אויטאָריטעט. בערלין, וואו דער פערקריסטעלטער קרייז פון די
פרידלענדער האָט דורך זיין עשירות געהאָט די הויפּט־דעה אין דער
קהלה,— בערלין האָט געגעבען א ביישפּיעל און די איבריגע קהלות הא־
בען נאָכגעטהון. די מיאוס'ע וכוחים און רייסעגישען, די מחלוקת מיט די
חרמות פון דער צייט פון רבי יעקב עמדען און רבי יהונתן אייבשיץ הא־
בען די ערשטע אונטערגעגראָבען דעם רבניש'ען גוטען נאָמען און זייער
כבוד; די משכילים מיט זייערע אבשפּאָטונגען האָבען געטהון דאָס איברי־
גע. אין דער נייער צייט האָט מען שוין געפאָדערט פון די רבנים א וועלט־
ליכע בילדונג, לפחות, א גוטע דייטשע שפּראך, אזעלכע רבנים האָט מען
אָבער אין דייטשלאַנד און בפרט אין פּוילען נישט געקאָנט געפינען. און
אָט דאס איז געווען די סבה, פאַרוואָס די קהלות זענען געבליבען אָהן
רבנים. די פּראַגער רבנות נאָך רבי יחזקאל לאנדוי , די האַמבור־
גער נאָך רבי רפאל הכהן און די פראַנקפורטער נאָך רבי פנחס
הלוי הורוויץ, זענען געבליבען נישט פערנומען. אַנשטאט די
מפורסם'דיגע רבנים, זענען ארויסגעטראַטען דיינים—מענשען, וועלכע
האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער עניוות און שוואכקייט צו קעמפּפען
מיט די רייכע און תקיפע בעלי־בתים, וועלכע האָבען פון זיי גאַנץ ווע־
ניג געהאַלטען...

צוזאמען מיט דעם כבוד פון דער רבנות זענען אויך געפאַלען די

ישיבות אין פּראַג, פראַנקפורט, אלטאָנאַ—האַמבורג, פירט, מעטש,
האַלבערשטאַדט, וואו עס האָבען פריהער געלערנט נישט וועניגער, ווי צו
טליכע הונדערט „בחורים". די מייסטע יונגע לייט האָבען זיך געלאָזט
געהן לערנען אין די גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטען, אַנשטאַט דעם, וואס
זיי האָבען פריהער געלערנט נאָר תלמוד. דער חורבן פון די ישיבות האָט
זיך פערשפּרייט אויך אין פּוילען, נאָכדעם ווי די דאָרטיגע ישיבה־בחורים
און תלמידי־חכמים האָבען פערלוירען די אויסזיכט צו בעקומען א כסאַ־
הרבנות אין דייטשלאַנד אדער אין פראַנקרייך. א טייל יונגע לייט פון פּוי־
לען האָבען אנגעהויבען אויסצוואַנדערען קיין דייטשלאַנד, כדי דאָרט צו
שטודירען, די איבערגעבליבענע האָבען זיך געווידמעט דער קבלה און
חסידות. נאָר פיער גרויסע רבנים זענען אין יענער צייט נאָך געבליבען ביי
אידען אין מערב־אייראָפּאַ — רבנים, וועלכע האָבען דורך זייער גרויסער
למדות און פּאַטריאַרכאַלישען כאַראַקטער געהאַט אַן'אַלגעמיינע אויטאָ־
ריטעט. דאס זענען געווען: ר ב י מ ר ד כ י ב ע נ ע ט פון ניקאָלסבורג
(געשטאָרבען אין קאַרלסבאַד 1829), ר ב י י ע ק ב פון ל י ס א (דער בעל
„חוות־דעת" געשטאָרבען 1832), ר ב י ע ק י ב א א י י ג ע ר, (געשטאָרבען
אין פּאָזען 1838) און זיין איידעם, ר ב י מ ש ה ס ו פ ר פון פראַנקפורט
(געשט. אין פּרעסבורג 1840). די דאָזיגע פיער רבנים האָבען דורך זייער
שאַרפען פּלפּול געשטאַרקט די יונגע תלמידים און צוגעצויגען זיי צו דער
ישיבה. א בעזונדערס גרויסען שם האָט געהאַט רבי עקיבא איגער מיט זיין
שאַרפען מח און שענע מדות, בפרט מיט זיין גרויסער ענוות. טויזענדער
תלמידים זענען ארויסגעקומען פון זיינע ישיבות אין פריעדלאַנד און אין
פּאָזען. ער איז אָבער געווען א מענש, וואס האָט ליעב געהאַט דעם שלום
און איהם האָט אויך געפעהלט די קראַפט פון דער איניציאַטיווע; ער
פלעגט בכלל אויסמיידען אלע שריט, וואס וואָלטען געקאָנט אַנמאַכען א
טומעל. פון א גאַנץ אַנדער כאַראַקטער איז געווען זיין איידעם, רבי משה
סופר, א פאַנאַטישער קנאי און א ריהרעוודיגער קעמפפער דורך חרמים.
ער האָט געהאַט מוט און ענטשלאָסענהייט און ער האָט געקאָנט ווערען א
ערנסטער קעמפפער געגען דער רעפאָרם; אבער ער מיט זיינע חברים
זענען געשטאַנען צו ווייט פון קאַמפּס־צענטער, אַז זיי זאָלען קאָנען דאָרט
אַנפאַלען אויפ'ן פיינד, אדער אַרויסשטעלען געגען איהם זייער פאָהן.
זיי האָבען אויך לגמרי נישט פערשטאַנען די בעדייטונג פון דער נייער
ריכטונג, וועלכע די צייט און מיט איהר די אידישע וועלט האָבען גענומען.
זיי האָבען נישט געקענט דעם פיינד, אויף וועלכען זיי זענען אַנגעפאַלען.
אדער זיי האָבען איהם פעראכטעט צו־שטאַרק און ממילא זענען זיי פאַר
איהם אויך נישט געווען געפעהרליך. ווען ס'האָט זיך זיי געטראָפען אַנ־
ערנסטע פראַגע, אדער ס'האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט א געפעהרליכע לאַ־
גע, האָבען זיי נישט געקאָנט זיך געבען קיין עצה, נאָר זיי פלעגען ארויס־
געהמען זייער אלט פערראָסטעט געוועהר און געבראַכט דערמיט נאָך

מעהר שאדען דער זאך, פאר וועלכער זיי זענען ארויסגעטרעטען, וויל זיי האבען דאדורך בעוויזען זייער שוואכקייט. זייער אונבעהאלפענקייט האט זיי אליין אונטערגעזאגט, ווי שוואך און אבגעלעבט זיי זענען. אזוי ארום איז די אלט־פרומע, ארטאדאקסישע (ווי זייערע געגנער האבען זיי א נאמען געגעבען, אנטלייהענדיג דעם היינגען נאמען ביי דער קריסטליכער קירכע), אדער די קאנסערוואטיווע פארטיי איז געבליבען אהן א מנהיג, אהן א פאהן, אהן א פראגראם און אהן א צוזאמענהאנג. בעזונדערס שטארק האט איהר אבער געפעהלט דאס הויפט־געוועהר צו אזא קאמף — די ליטערארישע שפראך, דורך וועלכער מען וואלט געקאנט ווירקען אויף דער עפענטליכער מיינונג ביי אידען, פיהרען איהר און אבהאלטען איהר פון איהר פוסטקייט און פון די דברים בטלים, מיט וועלכע מען האט איהר געשפייזט. דאס פעלען פון בילדונג האט ביטערליך נקמה גענומען אן די אלטע פרומע אידען.

דאגעגען האט די איגנערע פארטיי, די רעפארם - ליבענדע, אדער יעקבסאנ׳ס אנהענגער, געהאט גענוג אי רעדנער, אי שריפטשטעלער, אי אנ׳אנפיהרער מיט א גאנצען פאק הילכיגע פראזען, מיט וועלכע מען האט געקאנט מאכען א שארפען איינדרוק אויף די ווענינג פערשטענדיגע. בעזונדערס שטארק האט מען דאמאלס בענוצט די ווערטער „דער גייסט פון דער צייט“ און „השכלה“, מען האט פאראויסגעזאגט, אז די איגנערע פארטיי וועט מנצח זיין און קאנען הערשען, דען זי האט געהאט אי מוט, אי זיכערהייט אין איהר נצחון, דערצו איז זי געוועזען זעהר חוצפה׳דיג און נישט קיין גרויסע מפונקת אין אויסקלייבען מיטלען צום קאמף. יעקבסאן האט געוואוסט גאנץ גוט, אז דער האמבורגער טעמפעל וועט זיך אנשטויסען אויף שוועריגקייטען און די פארצייטיגע רבנים וועלען איהם ערקלערען פאר א אפיקורסות; ער איז געשטאנען אין פערבינדונג מיט די אונטערנעהמער און האט געוואוסט, אז דער סענאט שטעהט אויף דער זייט פון די פרומע אידען און ער וועט פערמאכען דעם טעמפעל, פונקט ווי עס האט דאס געטהון דער פרייסישער קעניג. ער האט אויך געוואוסט, אז פיעל מיטגליעדער פון דער האמבורגער רעפארמיטער קהלה זענען בכלל געוועזן צו שוואך צו קאנען האלטען זיך געגען גרויסע שוועריגקייטען. יעקבסאן האט דעריבער זיך משתדל געוועזן, אז רבנים זאלען מסכים זיין אויף די נייע שוהל־סדרים פון האמבורגער טעמפעל. צווישען די רבנים אין דייטשלאנד האט ער אבער נישט געקאנט געפינען אפילו קיין איינציגען, וועלכער זאל איינשטימען אויף זיינע נייע הנהגות. און דעריבער האט ער זיך פערבונדען מיט א געוויסען אוואנטוריסט, אליעזר ליבערמאן פון עסטרייך, וועלכער האט זיך געלאזען אויף דער רייזע. כדי צו פערשפרייטען די בשורה וועגען די רעפארמען. דורך ליבערמאנ׳ען האבען די רעפארמירטע אידען זיך דערוואוסט, אז אין אונגארן און אין איטאליען קאן מען געפינען רבנים און האלב־רבנים, וועלכע וועלען איינשטימען אויף דער

רעפאָרמאַציע פון דער שוהל. יעקבסאָן האָט זיך געווענדעט צו אַ די רבנים מיט זיינע שאלות וועגען הוקא נישט וויכטיגע ענינים, און דער רב רבי אהרן חאָרינער פון אונגארן—א מענש א לייכטזיניגער און אויך א גאַנץ קנאַפּער למדן, און ער האָט עס מסכים געווען אויף די רעפאָרמען. דער רב פון אפען, רבי משה קוניץ, א מענש מיט א מבולבל'ן מוח, האָט אויך געגעבען זיין הסכמה אויף די רעפאָרמען. נאָך צוויי ערב־רבנים פון איטאַליען, ש ם־ט ו ב ש מ ו ן פון ליוואָרנאָ און י ע ק ב ו י ט א ר׳ ק א נ ט י האָבען אויף זיי מסכים געווען. ליבערמאַן האָט צוזאַמענגענו־מען זייערע הסכמות און נאָך דערצו אויסגעטראַכט, אַז די ירושלים'ער רבנים האָבען בפירוש גע'פסקנ'ט, אַז מען מעג האַלטען אַן אָרגעל אין א שוהל. די הסכמות האָט מען אָבגעדרוקט און פערשפּרייט, כדי מטהר צו מאַכען דאַדורך די רעפאָרמען פון ערשטען מאָמענט אָן. אלס חאַראַקטע־ריסטיק פון ליבערמאַנ'ס פּערזענליכקייט, דאַרף מען נאָך צוגעבען, אַז ער האָט זיך שפּעטער גע'שמד'ט.

און בשעת די רעפאָרמירטע אידען האָבען זיך אַזוי שטאַרק משתדל געווען פאַר זייער נייער אויפטהועכץ, האָבען די אלט־פרומע אידען גאָר נישט געטהון געגען זיי. אין האַמבורג איז דאַמאָלס קיין רב נישט געווען נאָר דריי דיינים: ר ב י ב ר ו ך ע ו ז ר׳ ס, ר ב י מ ש ה י ע ק ב י פ ה און ר ב י מ י כ א ל ש פ י י ע ר. די גאַנצע קהלה, וועלכע איז, ווי געזאָגט, על פי רוב בעשטאַנען פון פרומע אידען, איז אפילו געווען אויף זייער צד, אבער זיי אליין האָבען נישט געטהון און זיך בעגרענעצט בלויז מיט א קליינער מודעה, וועלכע זיי האָבען אויסגעהאַנגען אין די שוהלען א פּאָר טעג נאָך דער עפנונג פון טעמפּעל (26־טען אקטאָבער 1818), אַז אַלע פרומע אידען דאַרפען מתפלל זיין נאָר פון אַלטען סדור, ווייל אין נייען פעהלען פיעל ענינים, אויף וועלכע מען טאָר נישט מותר זיין. די מודעה האָט אָבער ווייניג וואָס געווירקט, ווייל די מנהיגים פון דער קהלה האָבען בעפוילען באַלד אַראָבצונעהמען איהר, זייענדיג בייז, פאַרוואָס די דיינים האָבען זיך פריהער נישט מישב געווען מיט זיי וועגען דעם. שפּע־טער האָבען די דיינים אפילו יאָ געפועלט ביי די מנהיגים, אַז זיי זאָלען לאָזען שיקען נאָך די גבאים פון טעמפּעל און ערקלערען זיי, אַז מען טאָר נישט דאַווענען פון זייער סדור, ווייל ער איז נישט לויט די נוסחאות פון די אַלטע אידישע סדורים, אָבער די גבאים פון רעפאָרמירטען טעמפּעל האָבען זיך נאָר אויסגעלאַכט פון זיי (8־טען נאָוועמבער).

דער טעמפּעל־פעראיין האָט נאָך אויך בעקומען אַ שטיצע פון אַזאַ אָרט, אויף וועלכען ער האָט זיך גאָר נישט גערעכנט — אַ מאָראַלישע שטיצע, וואָס האָט אין האַמבורג גופא געהאַט אַ בעדייטענדעס געוויכט. א ל ע ז ר (לאַזאַר) ר י ס ע ר (געשט. 1828), דער פאָטער פון'ם קעמפּער פאַר דער אידישער גלייכבערעכטיגונג (גבריאל ריסער) האָט שטענדיג זיך גערעכענט צווישען די אַלט־פרומע אידען אַלס איידעם פונ'ם בעוואוסטען

רב רבי רפאל הכהן, איז ער געווען א גרויסער תלמודיסט און די רעכטע האנד פונ'ם רב אין אלע זיינע מעשים. נאך זיין שוועהר'ס טויט איז ער געבליבען אהן פרנסה; פון זיין האפנונג צו ווערען א דיין האט זיך נישט אויסגעלאזען, דעריבער האט ער זיך געמוזט נעהמען פאר א שטיקעל עסק און איז געווארען אגענט פון די שפיעל-צעטלעך און האט בעקומען די הויפט-אגענטור פון דער לובעקער לאטעריע. ער האט מחבר געווען זיין שוועהר'ס ביאגראפיע אויף העברעאיש און האט דארט ערקלערט וועגען זיך, אז ער איז איהם געווען א געטרייער תלמיד מען קאן דעריבער לייכט פערשטעהען, ווי שטארק עס האבען זיך פערוואונדערט די האמבורגער אידען פוןביידע קעמפענדע צדדים, ווען זיי האבען ערהאלטען ריסער'ס עפענטליכען בריעף „צו מיינע גלויבענס-גענאסען אין האמבורג" (דעצ. 1818), וואו ער טרעט ארויס אלס א מליץ טוב אויפ'ן טעמפעל און זי-דעלט מיט שארפע אויסדריקען די דיינים, אנרופענדיג זיי „צבועים, חנפים, וועלכע פערמעהרען מחלוקת ביי אידען און שטערען די קינדער, אומצוקעהרען זיך צוריק צו זייערע עלטערן". ער האט פערגליכען די שטי-לע תפלה-שטימונג, וואס האט געהערשט אין טעמפעל, מיט'ן טומעל אין די אלטע שוהלען און געפונען, אז דער טעמפעל שטעהט דעריבער פיעל הע-כער פאר דער אלטער שוהל.

פון די אלטע רבנים איז תחילת ארויסגעטראטען געגען דעם טעמפעל רבי עקיבא איגער (דער צווייטער און נישט דער מפורסם פון פא-זען) דער אלטאנא'ער רב; די איבריגע רבנים אבער האבען טיילווייז גארנישט געענטפערט אויף די שאלות וועגען איהם. ביסלעכווייז אבער איז דער ענין קלאר געווארען און אין פיעל קהלות האבען די רבנים זיך דערהויבען מיט זייערע איסורים אויפ'ן טעמפעל. די האמבורגער דיינים האבען נעמליך פאר-מולירט אין קורצען, אז זיי זענען ארויסגעטראטען געגען דעם טעמפעל צו-ליעב פאלגענדע דריי טעמים: מען האט דארט מקצר געווען דעם נוסח פון דער תפלה, דאס הייסט, מען האט ארויסגערופען פון די תפלות די האפנונג אויף משיח'ן, מען האט דארט איינגעפיהרט צו דאוונען פיעל תפלות אויף דייטש און אריינגעבראכט אן'ארגעל. אויף די דאזיגע טענות האבען מסכים געווען די ראבינאטען פון פירט, מאינץ, ברעסלוי און האנאווער, די ראבינאטען פון די איטאליענישע שטעדט טריעסט, מאדענא, פאדוא, מאנ-טוא, ליווארנא, די ראבינאטען פון די פוילישע שטעדט פאזען, ליסא און נאווימש, די רבנים פון פראג, רבי משה סופר פון פרעסבורג, דער אשכנזי-שער רב אין אמשטערדאם, די הויפט-רבנים אין פראנצויזישען קאנסיס-טאריום — אלע האבען זיי ערקלערט עפענטליך, אז די רעפארם פונ'ם טעמ-פעל איז א אמת'ע אפיקורסות און אנ'ארויסטרעטען פון יודענטום. די פאר-רבנים, וועלכע האבען פריהער געהאט געגעבען זייער הסכמה אויפ'ן טעמ-פעל, האבען זיך איצט געמוזט אבזאגען דערפון. בעזונדערס שארף זענען ארויסגעטרעטען געגען דעם טעמפעל רבי משה סופר און רבי מרדכי

ב ע נ ע ט. אָבער זיי תאָבען מיט זייער פראָטעסט אביסעל פערזוימט, און
דער טעמפעל־פעראיין האָט זיך דערוויל פערשטארקט. בּיסלעכווייז האָ־
בען זיך אָבער פעראייניגט אויך די רבנים. 18 ראַבינאַטען אין דייטשלאַנד
האָבען ארויסגעגעבען אַנ'איסור אויפ'ן טעמפעל און זיין נייען סידור, אָבער
דאָס איז געווען נישט פיעל. דאס פראַנצויזישע קאָנסיסטאָריום האָט גע־
שוויגען. די טעמים, וואָס די רבנים האָבען געהאַט אַרויסגעשטעלט געגען
דעם טעמפעל, זענען טיילווייז געווען נישט קיין וויכטיגע, טיילווייז נאָר קינ־
דיש מיט זייער תמימות: דאָס וואָרט פון דין איז געווען געגען זיי. די גרוי־
סע צאָהל פון די פסקים, וואָס די רבנים האָבען געהאַט ארויסגעגעבען אין
פערשידענע צייטען, האָבען ערלויבט צו מאַכען פשט'לעך אהין און אהער,
ווי איינער האָט פערלאַנגט. די רבנים האָבען געקאָנט אַרויסשטעלען א יי ן
וויכטיגע טענה: ע ל פ י ד י ן מעג מען איינפיהרען די נייע הנהגות אין
טעמפעל, נאָר ל ו י ט'ן ג יי ס ט פון תלמודישען יודענטום מוז מען דאָס
אַסר'ן. צו אזוי הויך האָבען זיך אָבער די דאמאָלסדיגע רבנים נישט דער־
הויבען.

דערצו איז נאָך צוגעקומען דאס, וואָס דער אָנהויב פון דער מחלוקת
וועגען דעם טעמפעל איז פאָרגעקומען אין יאהר פון די פּאָגראָמען און די
אויסרופען „העפ־העפ“ געגען די אידען, וועלכע האָבען געבושעוועט
אויך אין האַמבורג, און די רייכערע אידען, די וועלטליכערע, זענען
דערום צוריק געשטויסען געוואָרען צו זייערע אידעענברידער, קעמפּפענ־
דיג אונטער זייער פאָהן. די האַמבורגער אידישע סוחרים, די מיטגלידער
פון טעמפעל־פעראיין, וועלכע פלעגען קומען אויפ'ן לייפציגער יריד דוקא
אויף פסח און ימים־נוראים, האָבען צוזאמען מיט די בערלינער סוחרים,
אָנהענגער פון טעמפעל, געגרינדעט דאָרט א שוהל פאַר מיידלעך (סעפּט.
1820), און דער קאָמפּאָזיטאָר מאיר־בער האָט אָנגעשריבען געזאַנג־לידער
פאַר דעם חנוכת־הבית. פאַר אַ מטיף האָט מען בעשטימט י ע ק ב א ו י ע ר־
ב א ך אויף דער גאנצער יריד־צייט און דאדורך איז דער טעמפעל שטארק
מפורסם געוואָרען צווישען די פיעל אָנגעקומענע אידען פון פערשידענע
שטעדט און לענדער. די האַמבורגער רעפאָרם האָט דאדורך בעקומען פיעל
נאָכמאַכער. אויך דאָרט אפילו, וואו עס איז אונמעגליך געווען דורכצופיהרען
די רעפאָרם מיט אלע איהרע פרטים, האָט מען, לפחות, איהר איינגעפיהרט
טיילווייז. אזוי, למשל, האָט מען אין קאָרלסרוה, קעניגסבערג און ברעסלוי
איינגעפיהרט די קאָנפירמאַציע.

דער ערשטער אָבשפאַר פאַר דער געגנערישער פאַרטיי, וועלכע האָט
געדאַרפט ארויסשטעלען א דאַמבע געגען די חוואַליעס פון דער רעפאָרמאַ־
ציע, איז בעשאפען געוואָרען גראָד דורך דעם טעמפעל גופא. דער בעשע־
פער פון דער דאָזיגער פאַרטיי איז אפילו אליין אויך געווען אַ מענש, וואָס
איז מיט איין פוס געשטאַנען א ו י ס ע ר ן ת ח ו ם פון רבניש'ען יודענטום,
אָבער פונדעסטוועגען האָט ער געשטרעבט צו בעפעסטיגען און רעכטפער־

טינגען איהם, ווייל ער איז געווען געגען דער מאלפישער נאכמאכעריי און האט געהאלטען, אז די זאך דארף זיך ענטוויקלען אויפ'ן נאטירליכען אופן, לויט דער אלטער היסטארישער ענטוויקלונג פון יודענטום. דאס איז געווען יצחק בערנאס (געבוירען מאינץ 1792, געשט. האמבורג 1849). ער האט איינגעארדענט א בעוואוסטזיניגע געגנערישע פארטיי געגען דער אבערפלעכליכער און קליין-משכילישער רעפארם. יצחק בערנאס איז געווען א תלמיד פון דער דאמאלסדיגער דרום-דייטשער שולע פון קרייצער, קאננע און אקען, וועלכע האט געשטרעבט צו זעהען אין דער נאטור און אין דער געשיכטע, און גרופירונגען, צאהלען, פארבען און נעמען נאר געארדענטע געדאנקען, צובראכענע טיילען פון א געוואלדיג גרויסען ריעזען-שפיגעל, וואס זיין הויפט-זין איז אונענדליך גרויס. ביי דער דאזיגער שיטה האט זיך אויך געהאלטען שעלינג; די שיטה האט געזוכט א צוזאמענהאנג צווישען די ווייטסטע געשעהענישען און זאכען, וואו דער געוועהנליכער פערשטאנד האט געזעהען בלויז דעם שפיעל פון צופאל. אלס תלמיד פון דער דאזיגער שול, האט יצחק בערנאס אויך אנגעהויבען בעטראכטען דאס יודענטום אין זיין היסטארישער ענטוויקלונג, ווי אויך אין זיין ארגאניש ענטוויקעלטער ליטעראטור. בערנאס איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט פיעל טיפער פאר מענדעלסאנ'ען דערקענט דאס יודענטום און זיין היסטארישע בעדייטונג. זיין פעהלער איז, מעגליך, געווען, וואס ער האט געהאט צופיעל געדאנקען און דעריבער צופיעל געזוכט און געפונען און, בעזונדערס, וואס ער האט דעם געדאנקען נישט געגעבען די פאסיגע פארם, נישט געפינענדיג פאר איהם קיין געהעריגע ווערטער. צוליעב זיין גרויסע עשירות אין געדאנקען, האט ער געקוקט מיט א געפיהל פון רחמנות אויף דער געדאנקען-ארעמקייט פון די רעפארמירטע מטיפים, וועלכע האבען געוואלט דעם גרויסען גייסט פון יודענטום איינהילען אין די ענגע רעהמלעך פון א קאטעחיזים פאר קליינע און גרויסע קינדער. די פריעדלענדעריאנער זענען פאר איהם געווען דער בעגריף פון יעדער אבערפלעכליכקייט און בעגרענעצטקייט. זיי האבען געמאכט אויף איהם דעם איינדרוק פון א חבריא, וואס האט זיך בעזעצט אין א גרויסען פיראמידען-טעמפעל און געוואלט זיך דארט איינארדנען בעקוועם, לויט די איינפאכע הויזליכע בעדערפענישען.

בערנאס'עס געדאנקען-גאנג, מיט וועלכען ער האט דאס יודענטום פון זיינע אלטע ספרים און געשיכטע צוריק ענטדעקט און אויפגעבויט, איז אונז נאר האלב בעקאנט. בערנאס האט ליעב געהאט מעהר צו בעלעהרען אין זיינע דרשות, איידער אין זיינע שריפטען און האט זיך געשראקען איבערצוגעבען זיינע געדאנקען דעם פאפיר. דער „ביבלישער אריענט", וועלכען מען האלט פאר זיינס א ווערק, ענטהאלט נאר דעם פונדאמענט פון א פאדער-שטוב, וועלכער האט געדארפט אריינפיהרען אין א פאלאץ, וואס זאל איינפליסען צו זיך א העכסטען עהרענגעפיהל. א רב פון אלטען שנים

וואלט דעם „ביבלישען אריענט״ , אויב ער וואלט נאר געקאנט וויסען זיין אינהאלט, פעראורטיילט אלס אפיקורסות, נאכמעהר ווי מענדעלסאנ׳ס אדער ווייזעלס ווערק. אבער ווען דער מחבר וואלט אפילו געהאט דער־וועקט נאר דעם איין איינציגען געדאנק, אז דאס יודענטום האט א וועלט־געשיכטליכע בעדייטונג, און דינט אלס א מוסטער־בילד פאר די פעלקער, וואלט שוין דאס אליין אויך געווען גענוג אנצוווייזען דעם מחבר אנ׳עהרען־שטעלע אין דער אידישער געשיכטע. דער דאזיגער געדאנק איז אפילו נישט ערשט דורך איהם ענטדעקט געווארען; די אלטע אידישע ספרים, בעזונדערס די נביאים, בעטאנען דאס גאנץ שארף; עס איז ביי זיי דער הויפט־געדאנק פון פיעל נבואות, אבער די פיעל יסורים, וואס דאס אידי־שע פאלק האט איבערגעלעבט און די קנעכטשאפט פונ׳ם יודענטום האט דעם דאזיגען געדאנק פערגעסען געמאכט, און די אידען גופא האבען שוין מעהר ווענען איהם נישט געוואוסט.

בערנאס׳עס אונגעוועהנליכע בעגאבטקייט און זיינע גרינדליכע אנ־שויאונגען האבען איהם באלד שטארק קונה שם געווען. די האמבורגער קהלה, וועלכע האט געזוכט א קראפט געגען דעם טעמפעל־פעראיין, האט איהם דעריבער אויסגעקליבען פאר זיך פאר א רב. דאס איז געווען זעהר א געלונגענער שריט מיט א גרויסער בעדייטונג. בערנאס איז געווען א יונגע קראפט, וואס איז גוט געווען פעראייניגט מיט דער וועלטליכער בילדונג. זיין וואהל פאר דער האמבורגער רבנות (1821) האט געמאכט א שטארקען רושם, ווייל דאס איז געווען דער ערשטער רב מיט א גרינד־ליכער וועלטליכער בילדונג אבער א טיכטיג וויסענשאפטליך געלערנטער רב. אויך דאס איז געווען א צייכען פון דער נייער צייט: בערנאס האט נישט געוואלט אננעהמען דעם טיטול ר ב, נאר ח כ ם, ווי דאס איז געווען דער מנהג ביי די פארטוגעזישע אידען. דער נאמען ר ב האט פערלוירען ביי אידען דעם פארצייטיגען חן. זייענדיג געטריי זיין אנטיפאטיע פאר דער נאכמאכעריי פון די רעפארמירטע מטיפים, האט ער אויסגעמיטען אלע דאזיגע נייע פארמען און טענצערייען, וועלכע זענען פאר זיי געווען דער עיקר. אין זיינע דרשות זענען אי די פארם, אי דער אינהאלט געווען גרינדליך פערשידען פון די דרשות פון יעקבסאנ׳ס לייט. היינע, וועלכער האט זיך דאמאלס נאך אינטערעסירט מיט דעם יודענטום, איז, זייענדיג אין האמבורג, געקומען הערען בערנאס׳עס דרשה. היינע איז געווען א אויסגעצייכענטער מבין אי אויפ׳ן אינהאלט אי אויף דער פארם, און זייז אורטייל וועגען בערנאס׳ן האט ער ארויסגעזאגט א׳ן פאלגענדע ווער־טער: „כ׳האב געהערט בערנאכ׳ן דרש׳ענען... קיינער פון די אידען פער־שטעהט איהם נישט; דאס איז א גייסטרייכער מאן אין האט פיעל מעהר פערשטאנד, ווי קליי, סאלאמאן אויערבאך דער עדינבער און דער צוויי־טער״. דורך זיינע שטילע מעשים טובים האט בערנאס זיך קונה שם גע־ווען באלד ביי די פרומע אידען און זיי האבען פאר איהם גרויס דרך ארץ

בעקומען. די שטרענגסטע פרומע אידען האבען נישט געפינען עפעס וואס
געגען בערנאס'ן, ווייל ער האט זיך נוהג געווען אין אלץ לויט דעם שטרענ-
גען דין און דעריבער האבען זיינע תקונים, וועלכע זענען דאך אין גרונד
אויך געווען רעפארמען, נושא חן געווען אויך ביי די פרומע אידען, און
זיי האבען אנגעהויבען איהם נאכצוטהון. מעהר נאך האט ער פועל געווען
מיט זיינע טיפע און גייסטרייכע ערקלערונגען פאר די דערוואקסענע אי-
דען. דאדורך האט ער בעקומען תלמידים, וועלכע זענען איהם געווען שטארק
איבערגעגעבען. ווען בערנאס וואלט נאכמעהר אנגעטרויט זיין פאפיר,
ווען ער וואלט נישט בלויז פיעל מענשען בעשאפען, נאר אויך ספרים,
וואלט זיין בעדייטונג זעהר גרויס געווען אין דער אידישער געשיכטע.

אויף אנ'אנדער שניט האט געווירקט אויך אזוי וואוילטעטיג און
דערהויבענד א גאנץ אנדער מין פערזענליכקייט, וועלכע איז תחילת גע-
ווען א תלמיד פון דער יעקבסאנישער שול, נאר ער האט פערשטאנען
אראבצונעהמען פון דער רעפארם אלץ, וואס איז געווען אין איהר אנ-
שטויסענד פאר אנ'אלט-פרומען און געמאכט דעם ניי-רעפארמירטען נא-
טעם-דינסט סימפאטישער פאר זיי. דאס איז געווען יצחק נח מאנהיימער
(געבוירען אין קאפענהאגען 1793 געשטארבען אין ווין 1864), וועלכער
האט געקאנט בעטראכט ווערען אלס א פערעדעלטער אידישער טיפ; אין
איהם איז פעראייניגט געווען העכסט הארמאניש דער רייכער און געזונ-
דער אינהאלט פון פארצייטיגען אידען מיט דער שענער אייראפעאישער
קולטורעלער פארם. דאס אינערליכע און אויסערליכע לעבען, ערנסטקייט
און וויציגקייט, התלהבות און קלוגשאפט, אידעאלעם לעבען און פראקטי-
שע זיכערקייט, א דיכטערישע שטימונג מיט א גוטער מאס קריטישען
פערשטאנד, קינדישע מילדקייט און זיכערע אבלאכונג — דאס אלץ האט
זיך אין איהם הארמאניש פעראייניגט. אנ'אנפיהרער פון א ווילדער מחנה,
וואס וואלט מיט זיינע פראים געגרינדעט א קאלאניע אין מיטען פון די
העכסטע געפאהרען און מלחמות און זיך דערנאך מיט זיין חבריא צוזא-
מען אזוי שען אויסגעבעסערט, אז ער וואלט איינגעארדענט א קולטורע-
לען, מוסטערהאפטען ישוב, וואלט געווים נישט געהאט קיין גרעסערען
פערדינסט, ווי מאנהיימער פאר דער ווינער אידישער קהלה. דאס פעלד-
לאגער פון מעטערניך און פראנץ דעם ערשטען, וועלכע האבען געגעבען
די אידען פאלקאמע גלייכבערעכטיגונג אויפ'ן ווינער קאנגרעס, האבען
פונדעסטוועגען נישט סובל געווען קיין אידען אין זייער אייגענעם לאנד.
נאר אלס אנ'אויסנאהם האט מען אין ווין אריינגעלאזען איינינע אידישע
רייכע משפחות מיט זייערע לייט, געבענדיג זיי א משונה'דיגען נאמען:
די גע'סובל'טע (טאלערירטע) אידען. די דאזיגע „גע'סובל'טע" אידען זע-
נען געווען פון פערשידענע לענדער און צווישען זיי איז קיין שום צוזא-
מענהאנג נישט געווען; זיי האבען נישט געהאט קיין רעכט פאר זייער
קהלה, נישט געטארט האבען קיין אייגענע שוהל, קיין רב, קורץ, געזעצ-

ליך איז זיי, אלס א רעליגיעזע עדה, אלץ געווען פערבאָטען. פונדעסטוועגען אָבער האָבען איינינע אוואַנטוריסטישע מיטגלידער בעקומען א חשק איינצואָרדנען דאָרט א דייטשען גאָטעס־דינסט, לויט דעם מוסטער פון האַמבורגער טעמפעל, און די רעגירונג האָט זיי דערין טיילמאָל צוגעגעבען מוט, א צווייטען מאָל—אליין זיי געשטערט. וועהרענד די דאָזיגע וויענער משכילים האָבען אויף פערשידענע אופנים און זייטיגע וועגען זיך דערשלאגען אנ׳ערלויבניש צו בויען א טעמפעל, האָבען זיי אויך איינגעלאדען מאַנהיימער׳ן פאר א מטיף (יוני 1825), זיי האָבען אָבער אויך דאָ גענוזט ארומגעהן דאָס געזעץ, וועלכע האָט נישט ערלויבט אנ׳אויסלענדישען אידען צו בעזעצען זיך אין ווין. מאַנהיימער האָט דעריבער געמוזט אָננעהמען א נאָמען, וואָס איז געווען כלל נישט לויט זיין כבוד, כדי דאדורך צו בעקומען וואָהנונגס־רעכט אין וויען.

מאַנהיימערס ערשטע און לעצטע וואָרט אין זיין נייעם ווירקונגס־קרייז איז געווען: מען דארף נישט ארויסרופען קיין שפאלטונג אין דער אידישער וועלט, נישט גרינדען קיין נייע סעקטעס, נישט בעליידיגען די אלט־פרומע אידען דורך צו־פרייע שפרונגען, נישט אָבצושטויסען זיי, נאָר צוציהען זיי צו די נייע פאָרמען ביסלעכווייז. אין דאָזיגען זין האָט ער דורכגעפיהרט א נייע געמעסינטע אָרדנונג אין דער שוהל. נאָר די טפל׳ע מנהגים, די נישט־שענע, האָט מאַנהיימער דערווייטערט פון דער נייער שוהל, ער האָט אָבער דאס נייע בעלעבט צוריק מיט זיין אויסדרוקפולען וואָרט; ער האָט אויך איבערגלאזען די העברעאישע שפראַך און ארויסגעשטויסען דעם אָרגעל מיט די דייטשע לידער, צום גרויסען פערדרוס פון זיינע פריהערדיגע חברים. נאָכמעהר ווי בערנאַס, האָט מאַנהיימער דורכגעפיהרט און פערווירקליכט דעם שלום צווישען דעם אלטען און נייעם. אין מאַנהיימער׳ן, ווי אויך אין נייעם ווינער טעמפעל (זיין חנוכת־הבית איז פארגעקומען אין אפריל 1826) האָבען זיך פערייניגט דאָס מזרח־לאנד מיט דעם מערב־לאַנד. און אויך א חזן, אנ׳אמת׳ער קינסטלער אין זינגען, האָט זיך געפונען פאר דעם ווינער טעמפעל, וועלכער האָט מיט זיין רייכער שטימע געגעבען די העברעאישע תפלות א וואונדערליכען אויסדרוק און איבערגעארבייט די אלטע אידישע סקאַרבאָווע ניגונים אין וואונדער־שענע מעלאדיען. מען האָט געקאָנט זאגען, אז אי דער ווינער טעמפעל, אי די נייע ווינער קהלה זענען לכתחילה בעשאַפען געוואָרען נאָר דערויף, אויף צו פעראייניגען דאָס אלטע מיט דעם נייעם, צו פעריונגען דאס ערשטע און געבען דעם צווייטען די אלטע קראַפט און זין. דער כעס פון די פארצייטיגע פוילישע אידען איז ביסלעכווייז אָבגעשוואַכט געוואָרען דורך מאַנהיימער׳ס מילדע דרשות און דער שענער אָרדנונג, וואָס ער האָט אין שוהל איינגעפיהרט. דער טאָן, וואס האָט דא געקלונגען, האָט דערוועקט די געמיטער אין די הערצער פון די קהלה־מיטגליעדער און באלד האָט זיך דאָס אויך אָבגערופען אין

פיעל ווייטע און נאהנטע קהלות אין אונגארן און בעהמען, וועלכע האבען
אנגעהויבען נאכצוטהון ווין און איינגעאָרדענט א „רעגוליערען גאטעס-
דינסט“. אזש ביז גאליציען האט געווירקט דער גוטער וויענער בייזשפיעל.
ביסלעכווייז האט די טעטיגקייט פון האמבורגער „חכם“ בערנאס און פון
ווינער מטיף מאנהיימער, געפונען א אבקלאנג אין פיעל דייטשע קהלות.
מען האט אנגעהויבען אויפצונעהמען געבילדעטע רבנים, וועלכע האבען
דער אידישער שוהל צוריק געגעבען דעם כבוד און שענע פארם, וועלכע
זי האט א לאנגע צייט געהאט פערלוירען. אויף די פראנצויזישע און אי-
טאליענישע אידען האט די נייע ריכטונג בעקומען א גרויסע בעדייטונג.
דאס אידישע קאנסיסטאריום אין פראנקרייך, וועלכע האט נישט פער-
שטאנען אויסצונוצען איהר קראפט, בשעת פראנקרייך איז נאך געווען
שטארק, האט איצט אליין אנגעהויבען איבערצונעהמען אויף זיך די
השפעה פון די דייטשע אידען. די איטאליענישע קהלות, על כל פנים יע-
נע, וואס זענען אריין אין דער עסטרייכישער מאכט, האבען זיך אויך אונ-
טערגעגעבען דער השפעה פון די דייטשע אידען, חאטש דארט פלעגט מען
שוין פון אלטע צייטען אן האלטען די דרשה אין שוהל אדער אויף איטאל-
יעניש, אדער אויף שפאניש, און די מנהגים אין שוהל זענען בכלל נישט
געווען אזוי אבשטויסענד, ווי אין דער אלטער פויליש-דייטשער שוהל.
אבער דארט האט געלעבט איין מענש, וועלכער האט פיעל שאדען געבראכט
בכיון. דאס איז געווען יצחק שמואל רגיו (געבוירען 1784 געשטארבען
1855), וועלכער האט מיט זיינע סתירות'דיגע גענג און אויבערפלעכליכ-
קייט, פיעל מעהר געשטערט די ארטיגע קהלות צו דערהויבען זייער כבוד,
איידער געבראכט זיי נוצען אין דער הינזיכט. רגיו האט געשריבען פיעל
ספרים אויף העברעאיש און זיין שפראך איז נישט שלעכט, אבער אלץ,
וואס זיין פעדער האט ארויסגעגעבען, צייכענט זיך אוים מיט אויבער-
פלעכליכקייט.

אין דער צייט, וואס דער געלעהרטער דייטשער המון האט געווארפען
שטיינער אויף די אידען, מאכענדיג א ווילדען ליארם „העפ-העפ“, האבען
זיך פעראייניגט דריי אידישע יונגע לייט, כדי צו גרינדען א מין רעוואלו-
ציאנערען בונד נעגען דער אונטאלעראנטער „קריסטליכער מלוכה“. אלע
דריי זענען זיי געווען דורכגעדרונגען מיט אנ'ערנסטער אידעאלער שטרע-
בונג. דאס זענען געווען: לעאפאלד (יום-טוב ליפמאן) צונץ (געבוי-
רען אין דעטמאלד 1794 געשטארבען אין בערלין 1886) דער פאהנטרעגער
און אפאסטאל פון דער העגעל'שער פילאזאפיע, עדוארד גאנז (גע-
שטארבען 1839) און ענדליך, א בוכהאלטער, היינעס פריינד, וועלכען
היינע פלעגט רופען „די פראכט-אויסגאבע פון אווירקליכען מענשען, דאס
עכטע בילד פון „נתן החכם“ לעסינגס“,— משה מאזער — א מענש, וואס
האט אינגאנצען געלעבט אין דער וועלט פון ביכער. די דאזיגע דריי אי-
דען האבען זיך פעראייניגט (27-טען נאוועמבער 1819) צום צוועק, כדי

צו גרינדען א „פעראיין פאר קולטור און וויסענשאפט ביי אידען“.

ארום די דאזיגע דריי יונגע לייט האבען זיך צוזאמענגענומען נאך פיעל חברים, און אויך די פערשטיינערטע מענדעלסאָניאנער, בן-דוד און דוד פריעדלענדער, זענען צו זיי צוגעשטאנען. פערשטעהט זיך, אז יעקבסאָן האט אויך נישט געפעהלט דארט, וואו מען האט געדארפט צושטעהן מיט א עצה און מיט מעשים. בסך-הכל האט דער פעראיין געהאט א ערך פופציג מיטגלידער אין בערלין, צוואנציג מיטגליעדער אין האמבורג, צווישען די לייט פון טעמפעל-פעראיין און נאך איינעגע חברים אין פערשידענע ערטער. ווי שוין דערמאנט, איז אויך היינע שפעטער אריינגעטרעטען אין פעראיין און געפיהרט פאר איהם א פראפאגאנדע. פאר יעדען חבר, וואס איז אריינגעטראטען אין דעם דאזיגען ארדען האט מען געשטעלט די ערשטע בעדינגונג, אז ער זאל בלייבען געטריי דעם יודענטום, פעסטהאלטען זיך געגען די הבטחות פון דער קירכע, כדי צו דינען פאר א גוטען ביישפיעל דעם יונגען דור. ווען דער פעראיין וואלט געווען געטריי דעם דאזיגען פראגראם, האט ער געקאנט האבען א גרויסע בעדייטונג אלס פראטעסט געגען דער שמד-בעוועגונג, ווייל זיינע גרינדער זענען על פי רוב געשטאנען אויף דער העכסטער מדרגה פון דער אייראפעאישער בילדונג, און שוין דער פאקט פון זייער פעראייניגען צום דערמאנטען ציעל , האט געקאנט האבען א שטארקע מאראלישע בעדייטונג. אבער דער פעראיין איז נישט געבליבען געטריי דעם דאזיגען פראגראם און דערצו האט ער זיך נאך גענומען אויפטהון זעהר ברייטע און גרויסע מעשים, וועלכע זענען כלל נישט געווען געמאסטען נאך זיינע כוחות. אויך האט דער פעראיין אנגענומען א פאלשען שטאנדפונקט, נעמליך : אויב די אידען וועלען ווערען גוט געבילדעט, בעשעפטיגען זיך מיט דער קונסט און וויסענשאפט, מיט לאנד-ארבייט און מלאכות, אנשטאט מסחר, וועט די דייטשע שנאה צו די אידען באלד פערשווינדען. די טעווטאנען מיט יעקב'ס זיהן וועלען זיך באלד ברידערליך אומארמען, און די מלוכה וועט זיי געבען גלייכבערעכטיגונג. דעריבער האט דער פעראיין געוואלט — עס קלינגט קאמיש: וואס ער האט נאר געוואלט!! — שולען, סעמינאריען און אפילו אקאדעמיען גרינדען פאר די אידען, אינדוסטריע, קונסט, אגריקולטור, ווי אויך וויסענשאפטליכע ארבייט ביי אידען צו שטיצען , די אידען אפילו אויך ערציהען אין א גוטען געזעלשאפטליכען טאן. פון די אקאדעמיעס איז אבער געווארען בלויז א קליינע פריוואט-שולע, וואו די געבילדעטע מיטגלידער פון פעראיין האבען געלערנט מיט ארעמע בחורים, וועלכע פלעגען קומען פון פוילען קיין בערלין שטודירען; דאס זענען געווען ישיבה-בחורים, וואס זענען פון דער אפענער גמרא ענטלאפען, כדי „השכלה“ צו לערנען. באלד אבער האבען די גרינדער פון פעראיין איינגעזעהן, אז זיי האבען געבויט לופט-שלעסער,

און אז זייערע קולטור־פעראיינען האבען ווייניג ערפאלג אין דער אידישער געזעלשאפט. זיי האבען דעריבער זיך ארונטערגעלאזען פון זייער הויכען טאן און בעגרענעצט זיך דערויף, וואס זיי האבען זיך בעשלאסען צו דער־וועקען ביי אידען א חשק צום שטודיום און בפרט צו "חכמת ישראל"— צו אידישער וויסענשאפט. פאר אט דער לעצטער וויסענשאפט האבען זיי אויך א זשורנאל געגרינדעט „די וויסענשאפט פון יודענטום". אבער די פיהרער אליין האבען אויך נישט קלאר געוואוסט, וואס מען ברויכט דע־רונטער צו פערשטעהן, וואס מען דארף דא בויען און וואס בעפרוכפערן. היינע האט זיך דערפאר נאך א קלארער בעטראכטונג, דערווייטערט פון זיי.

דאס יונג־ישראל, די גרינדער פון קולטור־פעראיין, האבען זיך אבער תחילת שטארק צוגעהערט צו דער לעהרע פון פילאזאפישען שטריק־מענצער, העגעל, פונקט ווי ער וואלט געווען א נביא, און יעדעס ווארט זיינס וואלט געווען הייליג. זיי האבען איהם נאכגעפלאפעלט: דאס יודענ־טום איז, א שטיינער, די רעליגיאן פון גייסט, וועלכע האט איהר גייסט פערלוירען, און דאס קריסטענטום האט די גאנצע געשיכטע איינגעשלונ־גען, כדי ארויסצוגעבען זי צוריק א בענייעטע און א פערעדעלטע. עדוארד גאנז האט געהאלטען אין איין רעדען פון „אונגעשטילטען אידען־שמערץ", געטראכט האט ער אבער דערביי וועגען זיין אייגענעם „פריוואטען־שמערץ"—פארוואס ער האט, צוליעב זיין אידישער רעליגיאן נישט געקאנט בעקומען קיין שטעלע ביי דער פרייסישער רעגירונג. וואס פאר א ציעל האט געדארפט האבען די וויסענשאפט פון יודענטום, וועלכע דער קול־טור־פעראיין האט געדארפט דערוועקען און פערשפרייטען? גאנז האט גערעדט וועגען דעם אין אזא הויכער שפראך, מיט אזעלכע אנגעבלאזע־נע פראזען און העגעליאנישע מליצות, אז מען האט געקאנט זעהען, דאס די פאהן־טרעגער אליין וויסען נישט, וואס זיי ווילען, און צו וואס זיי רופען דעם המון צו געהען נאך זיי.

פון דער נעבעלהאפטיגקייט פון ציעל האט מען נישט פיעל געקאנט ערווארטען, און אט האט דער פעראיין דאס דערוויזען בעשיינפערליך אין די ביכלעך פון זיין נייעם זשורנאל. די ארטיקלען זענען דארט געווען על פי רוב העגעליאנישע חקירות אין א וויסטען, געהיימניספולען טאן, אדער זיי האבען זיך אבגעגעבען מיט וויסענשאפט, וועלכע האט געטויגט נאר פאר א גאנץ קליינעם קרייז. היינע, וועלכער האט ליעב געהאט אפען ארויסצוזאגען זיינע געדאנקען, האט ערקלערט אויך קורץ און שארף: „דער גרעסטער טייל פון זשורנאל טויג נארנישט, צוליעב זיין קוידערוועל־לישער פארם". „פועל'ט דאך ביי די מיטארבייטער,— שרייבט ער צום רעדאקטאר,— אז זיי זאלען מעהר בעארבייטען זייער שפראך, ווייל אהן דעם וועלען זיי גארנישט פועל זיין מיט זייערע שרייבעכצען". מיט אזא מין קוידערוועלישער שפראך אלזא האט דער פעראיין געוואלט פערעדלען

און דערהויבען נישט בלויז די אידישע וועלט, נאָר אויך דאָס יודענטום. אין זיין בעריכט וועגען דעם פעראיין קלאָגט זיך גאַנז, אז מען פערשטעהט נישט ביי אידען די גרינדער און זייער אויפטהו. „די התלהבות פאר דער רעליגיאָן, די פעסטקייט פון די אַלטע בעציהונגען זענען פערשוואונדען געוואָרען, אבער קיין נייע בעגייסטערונג איז נישטא, קיין נייע בעציהונגען זענען נישט בעשאפען געוואָרען. מען איז געבליבען ביי יענער כפירה־השכלה, וועלכע איז בעשטאַנען אין דער פעראַכטונג און אַבלייקענונג פון דעם, וואָס איז פאַרהאַן, נישט געבענדיג זיך די מיה צו געבען דעם יודענטום א נייען אינהאַלט".

אזא וואונדער אויפצוטהון איז אָבער דער פעראיין לגמרי נישט פעהיג געווען. אנשטאַט א גטיין, האָט ער אַרויסגעאַרבעט א וואָלקען, און וויל דאָס האָט איהם דורכגענעצט, אנשטאַט צו ענטציקען, איז ער געוואָרען בייז, פול טענות אויף דער וועלט און געטרויערט אין קינות (עלעגיען), פול וועלט־שמערץ. באמת איז דער פערדרוס פון פעראיין געווען זעהר גרויס: לא די, וואָס די סימפּאַטיע צו איהם האָט זיך נישט געשטאַרקט, איז זי געוואָרען נאָך קלענער. דער זשורנאַל מיט זיין וואונדערליכער שפּראַך פון דור־הפלגה , האָט נישט געהאַט קיין לעזער, דער פעראיין האָט נישט געהאַט קיין הכנסה, איינינע מיטגלידער זענען אפילו נאָך אַנטלאָפען פון דער פאהן און, נישט אכטענדיג אויף דער שבועה, זענען זיי איבערגעגאַנגען צום קריסטענטום. גאַנז אליין האָט שוין געהאַט ברעה צו שמד'ען זיך, וועהרענד ער איז נאָך געשטאַנען אין פעראיין און געהאַלטען זיינע לאַנגע רעדעס וועגען דעם יודענטום. אזוי אַרום איז זיך דער פעראיין לסוף געשטאָרבען שטיל, נישט בעוויינט און נישט בעאָבטעט. דער הויפּט־פיהרער פון פעראיין, גאַנז, וועלכער איז געווען רייך געווען צו קאָנען בלייבען א איד, איז אויך אַריבערגעלאָפען צום קריסטענטום, פערמעהרענדיג עם מיט נאָך איין סקעפּטיקער און אונגלויבער. דעריבער איז היינע אויף איהם אזוי בייז געווען און האָט עס איהם נישט געקאָנט מוחל זיין אפילו נאָך זיין טוידט, חאָטש ער איז אליין געווען גע'שמד'ט. „גאַנז'עס שמד איז בעזונדערס געווען עקעלהאַפט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַגיטאַטאָר פאר דעם יודענטום און האָט געהאַט איבערגענומען אויף זיך געוויסע פליכטען פון א פּרעזידענט. „עס איז שוין מקדמונים א הייליגער חוב, אז דער קאַפּיטאַן איז דער לעצטער, וואָס פערלאָזט דאָס שיף, ווען עס האַלט ביי'ם אונטערגעהן. גאַנז האָט זיך אָבער אַרויסגעראַטעוועט דער ערשטער".— דער דריטער אין טריאומוויראַט פון פעראיין, לעאָפּאָלד צונץ, איז איינער אליין געבליבען געטריי דעם יודענטום. ער האָט אפילו אויך געצווייפעלט, אָבער ער האָט נישט פערצווייפעלט און דער אידישער אויסבעסערונג. ער האָט אַנגעוויזען, מיט וואָס די קוראַציע אדער די פּעראַלקאָמונג פון דער אידישער פעריונגונג דאַרף זיך אָנהויבען. „דאָס, וואָס וועט בלייבען איינציג גאַנז גאָכ'ן איצטיגען מבול,— האָט צונץ ערקלערט—

איז די וויסענשאפט פון יודענטום; דען זי לעבט אויך אפילו ווען הונדערטער יאהרען לאנג זאל זיך פאר איהר קיין פינגער נישט אויפהויבען. איך בין מודה, אז צוזאמען מיט דער ערגעבונג פאר גאט'ס געריכט איז פאר מיר די בעשעפטיגונג מיט דער דאָזיגער וויסענשאפט געוועזען מיין איינציגע טרייסט און הילף. ווייל איך האָב געזעהען. אז איך דרש'ען אין א מדבר, האָב איך אויפגעהערט צו דרש'ענען, אבער נישט כדי צו ווערען אונגעטריי מיינע אייגענע רייד״.

אבער ווען דער פעראיין, וועלכער האָט אזוי הויך אָנגעהויבען און אזוי נידעריג געענדיגט, וואָלט מעהר נישט פועל געווען ווי צו דערוועקען די ליעבשאפט צו דער אידישער וויסענשאפט, זענען דאך זיינע חלומות און מעשים נישט געווען אומזיסט. אין דער געשיכטע ווערט נישט פערפאלען קיין איינציג קערענדעל. געוויס, אין בערלינער באדען, וואָס די פריעדלענדער און יעקבסאָנ'ס האָבען פערזאמדיגט, האָט אויך אָט דאס קערנדעל נישט געקאָנט שפּראָצען און וואקסען. א רבניש'ע אקאדעמיע, וועלכע דער דאמאָלסדיגער בערלינער ראבינאט האָט געוואָלט גרינדען מיט נוטע קרעפטען, כדי צו ערציהען א יונגען דור פון רבנים, האָט אפילו נישט זוכה געווען די וועלט צו דערזעהען. אָבער גאָר פון אַנ'אַנדער זייט, וואו מען האָט עס גאָר נישט ערווארטעט, איז ענטשטאַנען, ווען אפילו אויך נישט קיין פאָלקאָמע רעטונג, טאָ, לפּחות, די אויסזיכט, אז זי וועט א מאָל קומען.

די אידישע וויסענשאפט האָט אויסגעלייכט דעם באָדען פאָר א גרויסען וואונדער פון דער אידישער אויפלעבונג; זי האָט דאָס אידישע פאָלק צו תחית-המתים דערהויבען. ביים אויפלעבען פון פאָלק האָט זי איהם די אויגען געריבען, געהאָלפען איהם צו זאמלען זיינע אַלטע זכרונות, געשילדערט פאָר איהם לעבעדיג דאָס גרויסע צוויבער-בילד פון דער פערגאנגענהייט, כדי עס זאָל זיך ערשט רעכט קאָנען ארומקוקען אין דער נעגענווארט; דאָס אידישע פאָלק האָט זיך דערבייַ דערשפּירט אי אַלט, אי יונג, רייך מיט גרויסע זכרונות, אָבער אָרים מיט ערפאַהרונג, שטעהענדיג אין אינערליכסטען צוזאמענהאַנג מיט'ן גראָהען אַלטערטום און דאך נאָך אזוי יונג, ווי עס וואָלט נעכטען געבוירען געוואָרען. צוערשט האָט דאָס אידישע פאָלק גוט בעטראַכט זיינע גרויסע מאָנומענטען, וואָס זיין גייסט האָט בעשאַפען, — מאָנומענטען, וועלכע זענען אינ'ם משך פון דער לאַנגער צייט איינגעפלאָכטען געוואָרען אין דער פעלקער-געשיכטע און האָבען געבוירען אַנ'עשירות פון נייע געשטאַלטען, — און אָט די מאָנומענטען האָט עס געזוכט צו געפינען דעם וועג-ווייזער אין די פערוויקעלטע נעגנען (אינ'ם לאַבירינט) פון זיין אַלטער געשיכטע. אָט דאָס איז קודם-כל די בעדייטונג פון דער אידישער וויסענשאפט — די לעבענדיגע פערגעגענווערטיגונג פון דער אידישער געשיכטע און פון זיין איינענאַרטיגער תורה. זי האָט געוועקט די איינגעשלאָפענע קראַפט פון אידישען גייסט און

ארייננעגעבען דעם אידישען פאָלק א צוטרוי צו זיינע אייגענע כחות, אז
עס זאָל קאָנען אויך אין דער צוקונפט וויתקען, ווי אין דער פערגאַנגענ־
הייט. א געפיהל פון כבוד און דרך־ארץ פאַר זיך אַליין האָט זיך דערוועקט
אין א טייל פונ'ם אויפגעלעבטען פאָלק, און ער האָט אָנגעהויבען פיהרען
א קאָנקורענץ מיט די יונגערע פעלקער און לעבען ווייטער, לויט זיין אײ־
גענער נאַטור און אייגענשאַפטען, וועלכע ער האָט זיך ערשט אויסגעלערנט
הויך צו שעצען און נישט רויט ווערען מעהר אין פנים נישט מיט זיין
פאָלק, נישט מיט זיין תורה, נישט שטאַמלען ווייטער פערשעמט און דער־
שראָקען, ווען מען וועט ביי איהם וועגען דעם פרעגען. מען האָט געקאָנט
מיינען, אז די אידישע וויסענשאַפט האָט זיך אויך בכיון בעמיהט צו פער־
שטאַרקען אָט די געפיהלען, דען דחקא אין יענער צייט זענען ביי אידען ענט־
שטאַנען גרויסע קינסטלער אין דער מוזיק, מאַלעריי און פּאָעזיע,—קינסט־
לער פון דער העכסטער מדרגה, וועלכע זענען געבליבען געטריי זייער פאָלק און
דאַדורך דערהויבען זיין כבוד. אמת, דאָס פערשטאַרקען זיך פון זעלבסט־
געפיהל, בעוואוסטזיניגקייט און זעלבסט־צוטרוי האָט אפילו געשטאַמט
בכלל פון דער אַלגעמיינער פּאָליטישער דערוואַקסענהייט (רייפקייט) אין
צוזאַמענהאַנג מיט דער ענטוויקעלטער וויסנשאַפט און טעכניק, אָבער די
אידישע וויסענשאַפט האָט בעזונדערס שטאַרק דערהויבען אין דער
היינזיכט די אידען.

אַלע פעלקער און שבטים, וועלכע האָבען אינ'ם געגענוועַרטיגען
מאָמענט געוואָלט אַרויסווייזען זייער זעלבסטשטענדיגקייט און לעבענס־
פעהיגקייט, האָבען קודם כל זיך בעמיהט צו דערווייזען, אז זיי שטאַמען
פון א גאַנץ אַלטער צייט; זיי האָבען דעריבער אַרויסגענומען פון אַלטע
אַרכיוועןדי בילדער פון זייערע אבות און זייערע פאָהנען, כדי דאַדורך
צו דערווייזען, אז זיי האָבען שוין איבערגעלעבט גליקליכע און אונגליק־
ליכע צייטען, אַרויסגעוויזען אי שוואַכקייט אי קראַפט, געהאט אי נצחונות
אי מפלות, דערוויזען אויך אויפ'ן געביט פון גייסט, פיעל אויפצוטהון און
ממילא האָבען זיי אויך רעכט ווייטער צו עקזיסטירען און וואַקסען. דאָס
אידישע פאָלק האָט פערשפּאָרט צו געהן זוכען זיינע בעריהמטע מעשים
און די מאָנומענטען פון זיין גייסט. אפילו אין דער פערקנעכטעטער גע־
שטאַלט איז ער אויך אין דער היינזיכט נישט געשטאַנען גאַנץ נאַקעט און
אָהן קראַפט. איין יאָהרהונדערט צום צווייטען האָט וועגען דעם הויך עדות
געזאָגט. מען האָט זיך נאָר גערדאַרפט צו־הערען צו זייער שטימע אָדער,
לפחות, נישט לאָזען איהר פערהילכען דורך די שטימען פון די פּערזענליכע
אינטערעסען און אייגעננוציגקייט. צוערשט איז אַרויסגעטראָטען די אי־
דישע געשיכטע, צו דערווייזען איהר אייגענע גרויסקייט. דורך די טויזענ־
דער אונגערעכטיגקייטען פון דער צייט האָט זי פערלוירען איהר אמת'ע
פיזיאָנאָמיע און מען האָט מעהר נישט געוואוסט וועגען איהר גרויסער
בעדייטונג. אונטער דער אכזריות און די רציחות פון זייערע פיינדער זע־

נען די אידען נישט געווען אימשטאַנד אָבצוהיטען אין זייער זכרון אַלע גרויסע געשעהענישען פון דער פערגאַנגענהייט; נאָר טיילווייז און אין אַ נישט ריכטיגער פאָרם זענען זיי געווען פאַר זיי בעקענט. קריסטליכע פאָרשער, וועלכע עס האָט געצויגען צו זיך די גרויסקייט פון געגענשטאַנד, האָבען זיך אפילו יא געהאַט בעמיהט, צוזאמענצושטעלען א אידישע היסטאָריע פון די פראַגמענטען, וואָס זיי האָבען געהאַט; אָבער דאָס בילד איז אויסגעקומען נישט ריכטיג און נישט גענוי, ווייל עס האָבען אין איהם געפעהלט גאַנצע טיילען, די ליכטיגע פאַרבען זענען בלאַס געוואָרען און די שאָטענס זענען געווען מעהר ווי דאָס געמאָלטע, אָדער זיי זענען בכיון געמאַכט געווען שווארץ. אפילו אזעלכע אידישע מליצים טובים, ווי ד א ת ם און ג ר ע ג ו אַ ר, וועלכע האָבען פלייסיג געבלעטערט אין דער אידישער געשיכטע, האָבען איהר נישט געקאָנט ריכטיג פערשטעהען. העכער הונדערט יאָהר איז אַריבער, זינט דער עהרליכער פראַנצויזישער גלח באַנאַזש האָט געשענקט זיין אויפמערקזאַמקייט דער אידישער געשיכטע און האָט זי געשילדערט, כאָטש אפילו אויך, נאָר ווי איינגעפאַלענע טיילען פון אַ גאַנצען בנין. און אָט איז אויך געקומען אַנ'אַמעריקאַנישע פרוי, אַ גלח'ס ווייב, חנה אדאמ'ס פון באָסטאָן, איז שטאַרק פערוואונדערט געוואָרען פונ'ם גאַנג פון דער אידישער געשיכטע און געשריבען דאָס, וואָס זי האָל געוואוסט פון גלות בבל ביז דער נייעסטער צייט (לאָנדאָן 1818), אָבער נישט האָבענדיג די מעגליכקייט צו וויסען די פאַקטען פון זייער מקור און אונטערשיידען צווישען אמת און שקר, האָט זי זיך סומך געווען בלויז אויף דריטע און פיערטע הענד. די אידישע געשיכטע איז פאַר איהר וויכטיג געווען בלויז אלס אַ קוואַל, פון וואַנען עס שטאַמט דאָס קריסטענטום; און יעדער פאַקט, ווען א איד האָט אָנגענומען דאָס קריסטענטום, איז פאַר איהר געווען א העכסט וויכטיגע געשעהעניש, ניט אונטערשיידענדיג דערביי קיין אָרט און צייט. צוליעב טויזענדער טעמים איז זי כלל נישט געווען מסוגל, צו שילדערן די אידישע געשיכטע אפילו ווייט פון דער וואהרהייט; זי האָט נאָר געקאָנט צוזאמענשטעלען איינינע חלקים פון איהר, נישט מעהר, און דעריבער האָט איהר ווערק אפילו אויך פאַר דער מיסיאָנערישער געזעלשאַפט נישט געקאָנט האָבען קיין בעדייטונג אפילו אויך נאָכדעם ווי זי האָט פיעל איבערגעמאַכט אין אדאמ'ס געשיכטע. עס פעהלט האָרט דער עיקר: די גרויסע פארזיכטיגקייט, וואָס איז נויטיג אין אזא אַרבייט און דער ריינער, הייליגער אמת.

עס איז ענדליך געקומען די צייט, ווען די אידען האָבען געדאַרפט צונעהמען ביי די קריסטען דעם מאָנאָפּאָל אויף שרייבען די אידישע געשיכטע. ווי שוואַך די אידישע שריפטשטעלער זענען נישט געווען אין דער הינזיכט, ווי קליין עס איז נישט געווען זייער פערשטאַנד און ענטוויקלונג אויף צו קאָנען אַריינדרינגען אין איינגעאַרטיגען גאַנג פון דער וואונדערליכער אידישער געשיכטע, האָבען זיי דאָך אָבער שוין אָט די מעלה, וואָס

זיי האבען פון איהר אראבגענומען דעם קריסטליכען שטעמפעל, וואס עס
האבען אויף איהר ארויפגעלעגט די קריסטליכע שריפטשטעלער, כדי צו
מאכען איהר פאר א טייל פון דער קירכען געשיכטע. צוערשט מוז דער-
מאהנט ווערען דער ערשטער איד, וועלכער האט אנערקענט די גרויסע נא-
ציאנאלע וויכטיגקייט פון דער אידישער געשיכטע און האט איהר טיילווייז
מפרסם געווען. דאס איז געווען א יונגער בעגאבטער מענש, וועלכער האט
שוין אין זיין יוגענד ארויסגעוויזען א דיכטערישען גייסט מיט זיין אפט
אונגליקליכער בעגלייטונג — דער שגעון-קראנקהייט, וואס האט דעם יונגען
מאן געבראכט פריה אין קבר. דאס איז געווען שלמה לעווינסאן
(געבוירען אין אונגארן 1789 געשט. 1822), וועלכער האט, נישט אכטענ-
דיג אויף די גרויסע שטערונגען און שוועריגקייטען, זיך דערשלאגען צו אנ-
אלגעמיינער העכער בילדונג און, בעקענענדיג זיך מיט די גייסטיגע אוצרות
פון די פרעמדע פעלקער, האט ער זיך אויך אויסגעלערנט שעצען די אוצרות
פון זיין אייגענעם פאלק. אין זיין בוך: „פארלעזונגען וועגען דער נייער אי-
דישער געשיכטע" האט ער געגעבען אנ'אלגעמיין בילד, אין וועלכען מען
שפירט א דורכגענגליכען נאציאנאלען אידישען געדאנק; וועגען דעם תלמוד
האט מען אין זיין צייט פון פיעל זייטען געהאט זעהר שלעכטע בעגריפען,
ער אבער ערקלערט, אז עס וועט נאך קומען א צייט, ווען די קריסטליכע
געלעהרטע וועלען שטוינען, בעטראכטענדיג דאס דאזיגע פיראמידאלע גע-
ביידע, וואס דאס אידישע פאלק האט אויסגעבויט. שלמה לעווינסאן האט
נישט לאנג געלעבט, דעריבער האט ער נישט געקאנט פיעל אויפטהון פאר
דער אידישער געשיכטע. א מעהר פאלשטענדיג בילד האט געגעבען דער
אידישער געשיכטע יצחק מרדכי יאסט געב. אין בעריגבורג 1793,
געשט. אין פראנקפורט 1860). ער האט געהאט מעהר מוט פאר צונץ,
וועלכער איז מיט זיין גרויסער געלעהרטקייט געווען, ווי בעשאפען אויף צו
שרייבען א אידישע געשיכטע. יאסט האט דוקא נישט געהאט קיין גרויסע
מיטלען, ער איז אבער צו דער ארבייט צוגעטראטען און זיין פערדינסט
איז גרויס דאדורך, וואס ער האט דער ערשטער געפונען דעם ריכטיגען
וועג אין דאזיגען פערוויקעלטען לאבירינט. אין זיין ערציהונג האט יאסט
דורכגעמאכט דעם שווערען וועג, וואס פיעל דאמאלסדיגע געבילדעטע אי-
דען. פריהער האט ער געלערנט ביי א פוילישען מלמד תלמוד; פונ'ם פער-
דרעהטען פלפול איז ער אריבער צו די לעקציעס פון דער אוניווערזיטעט
מיט'ן דארטיגען פרייען לעבען. די בעסערע יונגע לייט פון דעם מין הא-
בען זיך אליין דורכגעשלאגען א וועג אין דער וויסענשאפט, פעראייניגענדיג
דאס אלט מיט'ן נייעם, די מיטעלמעסיגע דאגעגען האבען זיך איינגאנצען
איבערגעגעבען דעם נייעם איינפלוס פון דער פרעמדער וועלט און מבזה גע-
ווען אין הארצען זייער אלטע תורה, וואס זיי האבען אין דער יוגענד גע-
לערנט. בשעת די אזוי גערופענע פרייהייטס-מלחמות, האט יאסט שטו-
דירט אין געטינגען, וואו ער האט זיך שטארק אבגעגעבען מיט געשיכטע.

דערבײ אָבער איז ער אַרײנגעשלעפּט געוואָרען אין שטראָם פון'ם ענגאַ-
איסטישען דײטשען פּאַטריאָטיזם, וועלכער האָט נישט געקאָנט סובל זײן,
אז עמיצער זאָל זיך אָבגעבען מיט עטוואָס אַנדערש, אויסער איהם. יאָסט'ס
אײנפאַכער, פּראָזאַישער גײסט, זײן נאָהענטע בעציהונג צום פריעדלענ-
דערישען קרײז אין בערלין האָבען געמאַכט פון איהם אַנ'ערגעבענעם
משכיל, און ער איז געבליבען אזעלכער ביז'ן טיפען עלטער. אין א געווי-
סער מאָס האָט מען געקאָנט האַלטען יאָסט פאַר אַ קאָנסערוואַטאָר. אין
טיפען הארצען האָט געלעבט אין איהם דער אידישער פּאַטריאָט, וועלכער
איז געווען צוגעבונדען מיט הייסער ליעבשאַפט צו דער אַלטער העברע-
אישער שפּראַך, אין וועלכער ער האָט געקעמפט געגען די אַלטע רבנים
צוזאַמען מיט די יונגע משכילים. בכלל אָבער איז ער געווען אַ רוהיגער,
שטילער מענש, וועלכער האָט פײנד געהאַט די אויפרעגונג און קאַמפען,
און זײן דאָזיגען גײסט האָט ער אויך אַרײנגעטראָגען אין דער אידישער
געשיכטע.

ווען די קינדישע דײטשטומלער האָבען געפאָדערט, אז מען זאָל די
אידען אַרויסטרײבען פון דײטשלאַנד, און די פּערדרעהטע און גיפטיגע
צוזדים, ריהם מיט זײנע חברים האָבען אין דער אידישער געשיכטע גע-
זוכט נאָר דאָס העסליכע, כדי אָבצולאָכען דאַדורך פון די אידען, האָט אין
יאָסט'ן דערוועקט זיך דער חשק צו װײזען די אידישע געשיכטע אין א
בעסערער בעלײכטונג. ער האָט געוואָלט אײגענטליך פון איהר דערווייזען,
אַז די אידען זענען תמיד געווען רוהיגע בירגער און געטרײע אונטערטאַ-
נען. מיט די רוימישע קיסרים האָבען זײ אפילו יאָ געקעמפט און זיך העל-
דיש געשלאָגען; אָבער דאָס זענען געווען נישט דאָס גאַנצע אידישע פאלק,
נאָר די היציגע מחות, די קנאים, וואָס זײערע שגעונות קאָן מען נישט
אַרויפוואַרפען אלס אַ חטא אויפ'ן גאַנצען פאלק. די אידען בכלל זענען זיך
שטענדיג געווען כשר'ה נשמות, וועלכע האָבען, חלילה, קײנמאָל נישט גע-
שאַכטען און געפרעסען קײן קריסטליכע קינדער און האָבען בכלל נישט
פערדינט אלע פאַרוואורפען, וואָס מען מאַכט זײ. נאָר די פירושים און
זײערע יורשים, די רבנים, זײ זענען געווען שרעקליכע מענשען, פול מיט
אבערגלויבען און פינסטערניש. אָט דאָס איז דער גרונד־געדאַנק, דער
הויפּט־טאָן פון דער אידישער געשיכטע אין יאָסט'ס שילדערונג. הײנ-
טיגען טאָג איז שוין איבעראל אָנערקענט געוואָרען, אז אזא בעטראַכטונג
פון דער אידישער געשיכטע איז אײנזײטיג; פונדעסטוועגען האָט אָבער
יאָסט א גרויסען פערדינסט מיט זײן געשיכטע. פאַר זײן צײט איז עס
געווען עטוואָס נײעס און די נויטווענדיגסטע יסודות פון דער געשיכטע—
צײט און אָרט—האָט ער גענוי בעגרענעצט. די קריסטען, וועלכע האָבען
פאַר איהם די אידישע געשיכטע בעארבײט, האָבען אלע אָהן אויסנאָהם,
אפילו אויך באַנאַזש, דוקא אט דעם וויכטיגען פונקט אדער גאָר פאַלש
בעהאַנדעלט, אדער זײ האָבען איהם נעבעלהאַפטיג בעשטימט. יאָסט האָט

אויסער דעם אויפמערקזאם געמאכט אויף די קוועלען פון דער אידישער געשיכטע, וועלכע זענען נאך דאמאלס געווען על פי רוב גאר אונבעקאנט אדער וועניג בעארבייט. די העלדענהאפטע אידישע געשיכטע האט ער אפילו בעארבייט צו טרוקען, צו גייסטיג-ארעם, צונעהמענדיג ביי איהם יענעם גלאנץ, וואס האבען אין איהר אויך געזעהען אפילו די קריסטליכע ארענטליכע בעאבאכטער. פון א פיעל טויזענד-יעהריגער דראמא איז ביי איהם געווארען א זאמלונג פון צוריסענע, קליינליכע ערצעהלונגען; צווישען די אלט איזראעליטען (בני ישראל), די אבות און די חברים פון די נביאים און תהלים-זינגער, און די שפעטערדיגע אידען, די תלמידים פון די רבנים, האט יאסט אויסגעגראבען א קינסטליכען תהום און זיי שארף אבגעגרענעצט איינס פון די אנדערע, א שטייגער, ווי די צווייטע וואלטען גארנישט געשטאמט פון די ערשטע, נאר זיי וואלטען זיין אבגעהאקט פון א שטיין. יאסט איז געווען צופיעל פראזאיק, צו וועניג דיכטער, דעריבער האט ער אין דער געשיכטע געזעהען נור צופעליגקייטען אהן א צוזאמענהאנג און פעראייניגענדען געזעץ. זיין „געשיכטע" איז דעריבער אייגענטליך א נייע אויפלאגע פון דער געשיכטע, וואס באנאזש האט געגעבען,— אנאופלאגע, נאטירליך, א פערבעסערטע און פערברייטעטע.

אבער פונדעסטוועגען — מען מוז עס פיעל מאל איבער'חזר'ען— האט יאסט פיעל אויפגעטהון מיט זיין אונפאלקאמענער בעארבייטונג פון דער אידישער געשיכטע, זיין אונפאלקאמענהייט שטאמט טיילוויז אויך דערפון, וואס עס האט איהם געפעהלט נויטיגע ידיעות און אמונה. כדי צו קאנען ארויסבעקומען פון די פערשאטענע שאכטען פון דער אלטער אידישער געשיכטע דאס ריינע גאלד, האט מען געדארפט האבען די אמונה, אז עס געפינט זיך דארט, און די פעהיגקייט צו קאנען איהם ענטדעקען און דערקענען. יאסט'ן האבען געפעהלטביידע זאכען. די דאזיגע ביידע איינענשאפטען האבען אבער געהאט צוויי פערזענליכקייטען אין גאליציען, און פון זיי שטאמט דאס טיפע דערקענען פון גרויסען אידישען גייסט, וועלכער האט געווירקט אין דער געשיכטע פון אידישען פאלק; זיי האבען אויך פערזייהעט די ערשטע זוימען, וועלכע האבען געבראכט שפעטער די שענסטע פרוכטען: קראכמאל און ראפאפארט האבען די ערשטע ארויסבעקומען די טייערסטע רודא (מעטאל-ערד) פון אונטער דער ערד און אויך בעוויזען דעם וועג, ווי אזוי מ'דארף עס ארויסבעקומען און בעארבייטען זיי האבען דערוועקט דעם חשק צו דער דאזיגער ארבייט, וועלכער האט עס ערשט רעכט מעגליך געמאכט, אז אין א משך פון דרייסיג יאהר זאל אראבגענומען ווערען די שווערע חורבן-שיכטע פון דער גרויסער אידישער פערגאנגענהייט און עס זאל דערונטער ארויסגענומען ווערען דאס געטליכע בילד, וואס ליגט טיעף בעהאלטען אין יודענטום. זיי זענען געווען די גרינדער פון א נייער שולע, וועלכע מען קאן אנרופען די גאליציאנישע.

רבי נחמן הכהן קראכמאל (געבוירען אין בראדי 1785, גע-

שטאַרבען אין טאַרנאָפּאָל 1840) איז געווען א זוהן פון א תקיפ'ען סוחר, וועלכער האָט זעהר ליעב געהאַט די וויסענשאַפט און געמאַכט אפטע נסיעות קיין דייטשלאַנד געשעפטסהאַלבער. קראָכמאַל האָט נאָך איבערגענומען די לעצטע שוואַכע שטראַהלען, וואָס האָט ארויסגעגעבען די אונטערגעהענדע מענדעלסאָנישע שולע. מענדעלסאָן איז געווען קראָכמאַל'ס אידעאַל, און אין זיין בילדונג איז קראָכמאַל געגאַנגען אויף מענדעלסאָנ'ס שניט. אלס פיערצעהן-יעהריג אינגעל, האָט מען איהם חתונה געמאַכט און געבראַכט אין קליינעם שטעדטעל זשאָלקעוו — אַ חסידיש שטעדטעל, וואו מען האָט פיינד געהאַט די השכלה. דאָרט האָט זיך קראָכמאַל אין דער שטיל געווידמעט דער אלטער פילאָזאָפישער ליטעראטור, לויט ווי ער האָט איהר געפונען אין די אידישע קוועלען. די נשמה פון אידישען געלעהרטען פון זעכצעהנטען יאָהרהונדערט, רבי עזריה מן האדומים (דע-ראָסי), וועלכער איז אין זיין צייט געהאַלטען געוואָרען פאר אַ אפיקורס, איז איצט ווי מגולגל געוואָרען אין רבי נחמן קראָכמאַל. אָבער אויך די נייע דייטשע פילאָזאָפען האָט קראָכמאַל בשתיקה פלייסיג געלערנט. וואָס מעהר די פרומע אידען און די חסידישע רודפים פון די משכילים אין פוילען האָבען נאָכגעשפּירט יעדען, וואָס האָט נאָר גענומען אין האַנד אַריין א נישט-העברעאיש בוך, אָדער אַ העברעאיש „נישט כשר'ן" ספר, אויסער דעם תלמוד און קבלה-ספרים, כדי איהם צו רודפ'ן, אלץ זיסער איז געווען די דאָזיגע בעשעפטיגונג בשתיקה פאר קראָכמאַל מיט זיינע חברים. אונטער דעם סויבעל-שטריימעל האָט קראָכמאַל אָנגעזאַמעלט אין זיין קאָפּ א טיפע ידיעה אין תלמוד, אי נייע געדאַנקען, וועלכע קעמפּפען געגען דעם תלמוד און זיין גאַנצען סיסטעם. קיין קאַמף האָט אָבער קראָכמאַל מיט קיינעם נישט אונטערגענומען, דען ער איז בטבע געווען צופיעל פחדן און צופיעל געלעהרטער, כדי עפּעס וואָס אונטערצונעהמען געגען דער ארומיגער פאַנאַטישער סביבה. ער האָט בכלל אויסגעמידען יעדע מחלוקת, האָט אָבגעהיט אלע חומרות אין לעבען מיט זייער גאַנצער גענויאיגקייט און פּינקטליכקייט, אבי מען זאָל איהם לאָזען צורות. ער האָט בכלל פיינד געהאַט אָבצולאַכען פון אַלטע, בעליבטע מנהגים, זייענדיג אַ קאַלט-בלוטיגער, מיושב'דיגער מענש, — א פוילישער מענדעלסאָן, האָט מען געקאָנט זאָגען. פונדעסטוועגען איז איהם אָבער נישט געלונגען אויסצומיידען אינגאַנצען דעם חשד מצד די חסידים. קראָכמאַל האָט געפיהרט א קאָרעספּאָנדענץ מיט א קאַראַאימישען חכם, וואָס האָט געוואוינט אין א נאָהנט שטעדטעל, און אָט האָט מען איהם חושד געווען, אז ער וויל זיך פעראייניגען מיט די קאַראַאימען און אַרויסטרעטען געגען דעם תלמוד. עס איז די חסידים אויך געלונגען אַרויסצובעקומען ביי'ם קאַראַאים קראָכמאַל'ס אַ בריעף, וואו ער ריהמט איהם אין מליצות, ווי דער מנהג איז דאַמאָלס געווען; דעם דאָזיגען בריעף האָט מען פערעפענטליכט אין לעמבערג און געמאַכט א רעש, אז קראָכמאַל איז אַנ'אפיקורס, א קאַראַאימער. קראָכמאַל איז דערפון זעהר

אונרוהיג געוואָרען און האָט נאָכמעהר אָנגעהויבען היטען זיך, כדי נישט צו פערשטאַרקען געגען זיך דעם חשד, דאָס איז אויך געוועזן די סיבה, פאַר וואָס קראָכמאַל האָט נישט געוואָלט אָבגעבען אין דער פרעסע זיינע שריפטען.

דערפאַר אבער פלעגט קראָכמאַל עפענען זיין גאַנץ האַרץ און אַרויסשיטען פון דאָרט די רייכסטע אוצרות פאַר זיינע חברים און תלמידים. געטהון האָט ער דאָס ווידער נישט אין אַ שטוב, ווייל „די ווענד האָבען אויערן", נאָר אויפ'ן פרייען פעלד. פאַר זיינע צוהערער, וועלכע זענען אַלע געוועזן ערצויגען אויפ'ן תלמוד און געוואוינט צו פערשטעהן אַ ענין אויף דעם וואונק, האָט ער געקאָנט רעדען אין קורצען, אהן לאַנגע פירושים. אויף אזא אופן האָט ער זיי איבערגעגעבען אַ גאַנצע וועלט מיט פילאָזאָפישע חקירות, וואָס וואלטען געגען איהם דערוועקט אַ געוואלדיגען שטורם צווישען די חסידים, אויב מען וואָלט זיך נאָר דערוואוסט, אין וואָס זיי זענען בעשטאַנען. קראָכמאַלס לערנען מיט זיינע חברים און תלמידים האָט פאַר די לעצטע געהאַט אַ בעזונדערען חן, ווייל דאס איז געוועזן פונקט דער היפוך פון תלמודישען לערנען. אַנשטאט פלפול און פערדרעהענישען מיט המצאה'לעך, האָט קראָכמאַל זיי איבערגעגעבען אין קורצע און קלאָרע אויסדריקען דעם תוך פון דער פילאָזאָפיע. די בעשעפטיגונג מיט דער דייטשער פילאָזאָפיע איז פאר איהם אַליין אויך געוועזן אַ גוטער חדר, דען ער האָט דאָרט אויסגעלערנט זיך צו דענקען לאָגיש און דיסציפלינירען זיינע געדאנקען. קיין אייגענע פילאָזאָפישע געדאנקען האָט ער אפילו גראָד נישט פיעל געהאַט ערפונדען, כאָטש איהם האָט זיך, ווי עס שיינט, געדאכט, אז דוקאָ דערין בעשטעהט זיין גאַנצע קראַפט. אבער די פילאָזאָפישע בעטראַכטונג פון דער געשיכטע, בעזונדערס פון דער אידישער, אַ קלאָרען איבערבליק איבער איהרע פערוויקעלטע און פערדרעהטע וועגען — דאָס האָט קראָכמאַל דער ערשטער געגעבען. ער האָט אויך אָנגעוויזען, ווי אַזוי מען קאָן אויסנוצען די רייכע אוצרות פון תלמוד פאַר דער אידישער געשיכטע, ווי אַזוי מען קאָן דורך אַ מיקראָסקאָפ בעאָבאַכטען אָט יענע קליינע פעדימלעך, וואָס שניידען זיך דורך אין די גרויסע פערדרעהטע לאַבירינטען פון תלמוד, און דורך זיי צוזאַמענשטעלען אַ לעבעדיג בילד פון דער אַלטער, שוין לאַנג פערגעסענער און אָבגעשטאָרבענער וועלט. אמת, נישט אַלע בעשלוסען קראָכמאַל'ס האַלטען־אויס די קריטיק, ווייל אין אַלע נישט־אידישע קוועלען האָט ער זיך געמוזט סומך זיין אויף איבערזעצונגען, אָבער זיין שאַרף אויג, און זיין גרויסע ליעבע צו דער אידישער וויסענשאַפט האָבען איהם כמעט תמיד געפיהרט צו דערקענען דעם אמת. ער האָט אויך דערוועקט תלמידים צום פאָרשען און געגעבען זיי דעם ריכטיגען שליסעל, ווי אַזוי צו קענען לייענען אין די אַלטע, כמעט היעראָגליפישע קוואַלען. און כאָטש ער האָט פון זיינע ענטדעקונגען וועניג וואָס געשריבען, איז דאָך זיין נאָמען באַלד בעוואוסט געוואָרען ווייט

איבער די גרעניצען פון זיין לאַנד. די בערלינער קהלה, וועלכע האָט פון פריעדלענדערס צייט אָן געפיהרט אַ טיפע אַנטיפּאַטיע געגען די פוילישע אידען, האָט איהם געוואָלט נעהמען פאַר אַ רב. ער האָט גע'שמ'ט, אַלס דער ערשטער געלעהרטער אין דער אידישער וויסענשאַפט און אין דייטשלאַנד האָט ער געהאַט פיעל בעוואונדערער.

דער בעסטער און בעגאַבטעסטער פון זיינע תלמידים איז געווען רבי שלמה יהודה ליב ראַפּאָפּאָרט (געבוירען אין לעמבערג 1790, געשט. אין פּראַג 1867), וועלכער איז איהם כמעט איבערגעשטיגען בעזונדערס צוליב דעם, וואָס ער האָט פיעל מעהר פאַר איהם געשריבען און געדרוקט. ראַפּאָפּאָרט האָט געשטאַמט פון אַנ'אַלטער יחוס-משפחה, אַ משפחה פון חכמים און לומדים, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט פון איטאַליען קיין פוילען. אַלס מענש פון פיינער מילדקייט, תמיד מיט אַ ליעבליכען שמייכעל אויפ'ן פּנים, מיט אַ פיינעם וויץ, וואָס ריהרט קיינעם נישט אָן, און פולער ליעבע צו געזעלשאַפט, איז ראַפּאָפּאָרט געווען אין יעדער געזעלשאַפט זעהר אַ בעליעבטע, אַנציהענדע פּערזענליכקייט. נאָך גאָר אַלס יונג קינד איז ראַפּאָפּאָרט אַריינגעבראַכט געוואָרען אין דער ישיבה, וואו ער האָט זיך באַלד אויסגעצייכענט מיט זיין שאַרפען קאָפּ און גרויסער חריפות, אָבער אויך פריה איז ראַפּאָפּאָרט געוואָרען האַלב אונגעטריי דעם תלמוד, וועלכען ער האָט פערביטען אויף דער השכלה — אויף וויסענשאַפט און דיכטונג. אַמייסטען האָט איהם געצויגען צו זיך די אידישע געשיכטע, און ער האָט דער ערשטער אויפמערקזאַם געמאַכט די אידישע געזעלשאַפט אויף פיעל אַלטע פּערזענליכקייטען, וואָס האָבען אַ בעדייטונג פאַר דער געשיכטע. אין אַ משך פון אַ קורצער צייט (1829—31) האָט ער געשריבען פיעל ביאָגראַפיען פון געשיכטליכע פּערזענליכקייטען און זיי רייך בעלויכטען מיט זיין טיפען קריטישען פערשטאַנד, עפענענדיג דאַדורך די בעדייטונג פון יודענטום און זיין אינערליכער געשיכטע. ראַפּאָפּאָרט האָט אין דער הינזיכט פיעל מעהר אויפגעטהון פאַר קראָכמאַל, ווייל ער האָט פיעל מוט געהאַט אין זיך. נישט געלאָזט זיך אָבשרעקען דורך די חסידים, וועלכע האָבען איהם ערקלערט פאַר אַנ'אפּיקורוס, און איז זעהר שאַרף אַרויסגעטראָטען געגען זיי אין קאַמף אויף צו פערטיידיגען זיינע אידעען. די וויסענשאַפטליכע בעוועגונג אין יודענטום, וועלכע האָט פון יענער צייט אָן אָנגעהויבען פערשטאַרקען זיך אַלץ מעהר, שטאַמט כמעט אינגאַנצען פון ראַפּאָפּאָרט'ן, דען נישט דער אָנפאַנגס-קוואַל, וועלכער ליגט בעהאַלטען ערגעץ וואו צווישען געדיכטע קוסטעס און גראָזען און וואַרפט פון דאָרט אַרויס זיין שטיל, קלאָר וואַסער'ל, האָט די בעדייטונג, נאָר דער מעכטיגער שטראָם, וואָס ווערט דערפון און פליסט ברייט און גרויס פאַר דער גאַנצער וועלט, טראָגענדיג שווערע שיפען, בעפייכטענדיג גרויסע און ווייטע פעלדער און מאַכענדיג זיי פרוכטבאַר. די גרויסע בעדייטונג, וואָס ראַפּאָפּאָרט האָט

דערגרייכט, קאָן מען ארויסזעהען דערפון, וואָס ער איז אויסגעקליבען געוואָרען פאַר אַ רב־הגליל אין טאַרנאָפּאָל און באַלד נאָכדעם — פאַר'ן ערשטען רב אין פראַג — אַ רב אַ פּאָליאַק קיין דייטשלאַנד אייגעלאַדען, אָבער ביי וועלכע פערענדערטע אומשטענדען!

אין זיין שטרעבונג צו דער אידישער וויסענשאַפט איז אָבער ראַפּאָפּאָרט נישט געשטאַנען אַליין. אין גאַליציען האָבען זיך שוין דאַמאָלס ארויסגעוויזען נייע שפּראָצונגען, וואָס האָבען געשטרעבט אַראָבצוּוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון די חסידישע קנאים. נאַפּאָלעאָנ'ס מלחמות האָבען דורכגעמישט די גאַנצע וועלט און בעקענט געמאַכט צווישען זיך די ווייטעסטע ברידער; דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז פיעל אַלטע מנהגים זענען בטל געוואָרען כמעט פון זיך אַליין; פון דער אַנדער זייט האָט די חסידות זיך שוין צופיעל געהאַט פערשטאַרקט און פערכאַפּט די ממשלה כמעט אין אַלע אידישע גאַליציאַנישע קהלות; דאָס האָט אָבער ארויסגערופען אַ ווידערשטאַנד צווישען די פערשטענדיגערע טיילען פון דער אידישער געזעלשאַפט, וועלכע האָבען אונטערגענומען מיט איהר אַ שאַרפען קאַמף דורכ'ן פערשפּרייטען השכלה צווישען אידען. אין בראָדי, לעמבערג און טאַרנאָפּאָל האָבען זיך איינגעאָרדענט קליינע קרייזלעך, צו ווירקען אין דער דאָזיגער ריכטונג. דער איניציאַטאָר איז געווען יוסף פערל פון טאַרנאָפּאָל (געבוירען 1773, געשט. 1839), וועלכער האָט געגרינדעט אַ הויכע שולע פאַר אידען, וואָס איז שפּעטער געוואָרען אַ מוסטער פאַר אַנדערע. אין זיין ספר „מגלה טמירין“ (1819) לאַכט אָב יוסף פערל פון די ווילדע חסידישע געננ און פון זייער אונוויסען אין דער העברעאישער שפּראַך. פערל האָט זיך פעראייניגט מיט די משכילים אין דייטשלאַנד און איז אריינגענומען געוואָרען אין קולטור־פעראיין אַלס געעהרטער מיטגליד. אין דער רייכער האַנדעלס־שטאָדט בראָדי האָבען זיך די יונגערע אידען פעראייניגט נאָכצוטהון די דייטשע אידען און געשטיצט די יונגעליים, וואָס האָבען געשטרעבט צו הויכע בילדונג. אין לעמבערג, וואו ראַפּאָפּאָרט האָט געוואָהנט, האָט זיך איינגעאָרדענט אַ מין ליטעראַרישע אידישע געזעלשאַפט דורך דער איניציאַטיווע פונ'ם רייכען און געבילדעטען אידען יהודה ליב מיזעס (געשטאָרבען 1831), וועלכער פלעגט שטיצען יונגע לייט אין זייער שטרעבונג צום שטודיום מיט געלד, עצות און, דער עיקר, מיט זיין רייכער ביבליאָטעק אין העברעאישע און אייראָפּעאישע שפּראַכען — אַ זאַך, וואָס איז אין גאַליציען געווען אַ גרויסע זעלטענהייט.

פונ'ם דאָזיגען קרייז איז ארויסגעקומען אַ יונגער אידישער קינסטלער, וואָס זיינע ווערק ווערען נאָך עד היום געלעזען מיט פערגעניגען. דאָס איז געווען יצחק ערטער (געבוירען אין אַ דאָרף ביי פּשעמישל 1792, געשט. אין בראָדי 1851). אין זיינע שריפטען האָט ער געשטרעבט צו דערוויזען די פּוילישע אידען, אין וואָס פאַר אַ נאַרישע און משונה'דיגע דרכים זיי

געהען אין זייער ווילדער חסידות און פוסטער לומדות. אָבער די העברע=
אישע שפּראַך, אין וועלכער ערטער האָט דאָס בעוויזען צו טהון, איז גע=
ווען אַזאַ שעגע און לעבעדיגע, אַז זיינע ספרים האָבען אויסער דעם דער=
מאָהנטען ציעל דערגרייכט נאָך איין גרויסען רעזולטאַט: זיי האָבען דער=
וויזען די לעבעדיגקייט פון העברעאיש און איהר זעלטענע שענהייט, ווי
אויך די לעבענס=פעהיגקייט פון אידישען פאָלק, וואָס קאָן נאָך אַרויסגע=
בען עטוואָס עהנליכעס אין אַן אַלטער שפּראַך, וועלכע מען האָט דאַמאָלס
שוין געהאַלטען אין געוויסע קרייזען פאַר געשטאָרבען. ערטער'ס פאָטער
איז געוועזן אַ איד אַנ'אָרימאַן, אַ שטיקעל לאַנד=אַרבייטער, אָבער זיין זוהן
האָט ער, ווי אַלע אידען, אָבגעגעבען אין אַ חדר און געלאָזט איהם לערנען
גמרא. קיין תנ"ך האָט מען מיט איהם נישט געלערנט און צו דרייצעהן
יאָהר האָט מען איהם חתונה געמאַכט מיט אַ רב'ס אַ טאָכטער. אַ קורצע
צייט שפּעטער איז דאָס יונגעל ערטער שוין געוועזן אַנ'אַלמן און באַלד
חתונה געהאַט צום צווייטען מאָל. זיין צווייטער שוועהר האָט איהם גע=
האַלטען אַ געוויסע צייט „אויף קעסט“, אָבער דעם נדן האָט ער איהם
נישט אָבגעגעבען. זייענדיג אָרים, האָט ערטער געלעבט צוזאַמען מיט די
חסידים, פיהרענדיג אַ וויסט לעבען ביי אַ גלעזעל שנאַפּס און הערענדיג
די מעשיות וועגען די מופתים פון די צדיקים. לאַנג האָט אָבער ערטער
נישט געקאָנט פערטראָגען אַזאַ מין לעבען. צופעליג האָט ער זיך בעקענט
מיט אַ משכיל, וועלכער האָט איהם בעקענט געמאַכט מיט די שריפטען
פון שלמה מיימון און משה מענדעלסאָן. יצחק ערטער איז געוואָרען אַנ=
אַנדער מענש; זיין בעציהונג צו די חסידות האָט זיך אינגאַנצען געענ=
דערט, אָבער פון יודענטום האָט ער זיך נישט אָבגעווענדעט, ווי פיעל אַנ=
דערע. פערקעהרט: אַרבייטענדיג אויף דער אייגענער ערציהונג, האָט ער
אויך געשטרעבט אויסצובעסערן דאָס יודענטום. כדי צו בילדען זיך, איז
ערטער געקומען קיין לעמבערג, וואו ער האָט זיך בעקענט מיט נאָך פיעל
יונגעלייט, וואָס זענען אַזוי ווי ער געוועזן שוין פערהייראַטעט, אָרים און
געטראַכט וועגען אַ שטודיום. דאָרט האָט ער אויך דערזעהען ראַפּאַ=
פּאָרט'ן, פאַר וועלכען ער האָט געהאַט גרויס דרך=ארץ פאַר זיין גרויסער
לומדות אין וויסענשאַפט. די נייע סביבה האָט ערטער'ן גאָר ווי בעצוי=
בערט. די פיעל יונגעלייט, וואָס האָבען מיט'ן גאַנצען האַרצען, אָהן זיי=
טיגע פניות און כונות געלערנט די וויסענשאַפט און בעדינט זיך מיט
דער העברעאישער שפּראַך, ווי מיט אַ לעבעדיגער; דער עלטערער פון
דער חבריא, ראַפּאָפּאָרט, מיט זיין פריינדליכער אויפנאַהמע פאַר יעדען
יונגענמאַן, וואָס האָט געהאַלטען אין לערנען און שטודירען, די אָפטע
שפּאַצירען קיין זשאָלקיעוו „צום גרויסען רבי'ן“ קראָכמאַל, וועלכען אַלע
האָבען פשוט פערגעטערט, דאָס אַלץ איז געוועזן ווי געבוירען פאַר ערטערס
דיכטערישער נשמה. דריי יאָהר האָט דאָרט ערטער פערבראַכט אין לער=
נען חכמה און וועגען די דאָזיגע יאָהרען האָט ער שטענדיג דערמאָנט, ווי

וועגען דער גליקליכסטער צייט פון זיין לעבען. דערביי האָט זיך אָבער אויפגעהויבען אַנ'אמת'ער שטורם צווישען די חסידים געגען אָט די נייע אפיקורסים. אין אַ געוויסען פריהמאָרגען האָט מען אין לעמבערג דערזעהען אין די שוהלען אויסגעהאנגענע מודעות פונ'ם רב רבי יעקב אורנשטיין, וועלכער האָט מתרה געווען, אַז ער וועט לעגען אַ חרם אויף די פיער משכילים ראפאפארט, ערטער, נאַטקיש און פאסטאר, וועלכע פערשטויסען די אידישע יוגענד פון גאָט און פיהרען זיי צו אפיקורסות. אריינלעגען פראָסט אין חרם האָט דער רב מורא געהאַט, ווייל דאָס איז געווען פערבאָטען נאָך דורכ'ן קייזער יאָזעף, דעריבער האָט דער רב געשריבען, אַז ער איז בלויז מתרה, כאָטש אַלע האָבען געוואוסט, אַ דאָס הייסט אַנ'אמת'ער חרם. די זאַך האָט געמאַכט אַ גרויסען רעש, און די עסטרייכישע רעגירונג האָט געצוואונגען דעם רב מבטל צו מאַכען דעם חרם. בעזונדערס האָט דער ענין געמאַכט אַ שלעכטען איינדרוק, וואָס דער רב איז אַרויסגעטראָטען בלויז געגען די אָרימע יונגעלייט, און נישט דערוואויגען זיך אַנצוריהרען די רייכע משכילים, וועלכע זענען, לויט זיין אַנשויאונג, געווען פיעל מעהר שולדיג ווי זיי. ראַפאָפּאָרט האָט פונ'ם חרם וועניג וואָס געליטען, ווייל ער איז געווען אונאָבהענגיג פון עמיצען, כאָטש רייך איז ער נישט געווען. דאָס האָט איהם אפילו אויך נישט געשטערט צו ווערען שפּעטער אַ רב אין טאַרנאָפּאָל און פּראָג.

מעהר פאַר אַלעמען האָט אָבער געליטען דערפון יצחק ערטער, וועלכער איז געווען זעהר אָרים און געמוזט אויסהאַלטען זיך און זיין משפחה דורכ'ן לערנען מיט קינדער, אַלס מלמד און לעהרער. די עלטערן האָבען פשוט מורא געהאַט פאַר די חסידים צו געבען אַזאַ אפיקורוס זייערע קינדער. ערטער איז אַלזאָ געווען געצוואונגען אויסצוואַנדערן פון לעמבערג קיין בראָדי, ער האָט אָבער גענומען אויף זיין שטיינער אַ שאַרפע נקמה פונ'ם רב אורנשטיין מיט זיינע לייט. מיט זיין שאַרפער סאַטירישער פעדער האָט ער זיי געשטעלט אַנ'אייביג אַנדענקען און געמאַכט זיי צו שאַנד און צו שפּאָט.

אין לעבען האָט ערטער געהאַט די זעלביגע הצלחה, וואָס אַלע אמת'ע דיכטער, וועגען וועלכע מען זאָגט, אַז זיי זענען געקומען אויף דער וועלט, נאָכדעם ווי זי איז צוטיילט געוואָרען צווישען די גליקליכערע. ערטער האָט תמיד געליטען דחקות. מעדיצין האָט ער שטודירט, ווען ער איז שוין געווען אַ טאַטע פון דערוואַקסענע טעכטער; האַבענדיג דערנאָך זיין אָרים אויסקומעניש אַלס רופא, פלעגט ער ביינאַכט זיצען און שרייבען, אַרבייטען אויף דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך, און ענדליך איז געקומען דער טויט אין זיינע בעסטע יאָהרען, ווען ער האָט ערשט געהאַלטען אין זיין בעסטער דיכטערישער אַרבייט. ערטער האָט פיעל אויפגעטהון פאַר'ן אויפלעבען פון יודענטום: ער האָט בעגייסט די שפּראַך

און בעשאפען דאדורך כמעט א נייעם ארגאן פאר דער אידישער וויסענשאפט און קונסט.

אין יענער צייט איז פלוצלונג פארגעקומען א היסטארישע געשעהעניש, וואס האט אויפגערודערט איירָאפּא ביז אין אירע פונדאמענטען. איירָאפּא איז דאמאלס שוין געווען אויסגעניכטערט פון איהר פריהערדיגער התלהבות, אבער איצט איז זי אריינגעפאלען אין אזא אפאטיע, אז זי איז שיער גאר טעמפיג געווארען. פלוצלונג האט אין מערב א שטראהל געטהון א בליץ אויפ'ן ליכטיגען הימעל, ס'האט אנגעהויבען דונערן און ס'איז געווארען א רעש, אז מען האט געקאנט מיינען, דאס די וועלט געהט אונטער. די פראנצויזישע יולי-רעוואלוציע (1830) איז געווען אנ'אמת'ער וואונדער: קיינער האט זי נישט פאראויסגעזעהען, אדער פארגעברייט, און די, וואס האבען אין איהר אנטיילגענומען, האבען געווירקט סטיכיש, נישט וויסענדיג אליין, וואס זיי טהוען. די פראנצויזישע קעניגליכע בורבאנישע דינאסטיע, וואס האט געמאכט יד-אחת מיט די יעזואיטען, מיינענדיג, אז עס וועט איהר געלינגען אויף אייביג אבצושטעלען די פרייהייטס-שטרעבונג, האט איצט געאיילט זיך צו אנטלויפען פון וויסטען פחד, וואס איז אויף איהר געפאלען. אלע אירע תחבולות, וואס זי האט געהאט אנגענומען אויף אבצושטעלען דעם פראגרעס און איינשמידען אין קייטען דאס פאלק, זענען פלוצלונג, ווי זייפענבלאזען, זיך צופלויגען. און ווי קיינער האט נישט ערווארטעט, אז די בורבאנישע דינאסטיע זאל אונטערגעהן, אזוי האט אויך קיינער נישט געטראכט, אז זייער יורש לואי פיליפ זאל עולה לגדולה זיין. לואי פיליפ איז געווען איינער פון די מלכים, וואס מען קאן אויף זיי זאגען, אז זיי האבען זייער קרוין בעקומען פון די באריקאדען און פון דער בלאטע פון דער גאס. ער איז געווען דער ערשטער קעניג אין פראנקרייך, וואס האט אנגעהויבען חנפענען די פארטייען פון דער פאלקס-פרייהייט. אט די פלוצלונגע גאולה, וואס א פאלק האט זיך געבראכט כמעט אהן בלוט-פערגיסונג, האט געמאכט א געוואלדיגען רושם אויף דער וועלט.

די פאלקס-פרייהייט, וואס אלע האבען וועגען איהר געזאגט, אז זי שטרעבט צו בלוט-פערגיסען, איז ערשינען אין א געשטאלט פון גנאד, רחמנות און פערגעבונג. א פרישע יוגענד-שטימונג האט ארומגענומען די איירָאפּעאישע פעלקער, — א שטימונג, וועלכע האט געזאלט צעשמעלצען דעם דיקען אייז אין די הערצער פון די דעספאטען און פערניכטען דעם לעצטען רעשט פון מיטעלאלטער. די פערשטענדיגערע מענשען האבען שוין דאמאלס אנגעהויבען פאראויסזעהען, וואס עס וועט פארקומען, ווען די פעלקער גופא וועלען ווערען די איינענע בעלי-בתים. איבעראל האט דאס פאלק אנגעהויבען אראבווארפען פון זיך דעם יאך פון די פערקנעכטער. אין בעלגיען, שפאניען, איטאליען, פוילען, אפילו אויך אין דייטשלאנד, וואו מען איז קנעכטיש געטריי געווען די פירשטען, האט דאס פאלק

זיך אויפגעטרייסעלט און אָנגעהויבען שטרעבען צו איינענער פרייהייט. די בעסערע מענשען אין אייראָפּא האָבען דעריבער אָנגעהויבען האָפען און גלויבען, אַז ס'איז נאָהענט די צייט, ווען זייערע אידעאַלען וועלען פערווירקליכט ווערען.

די דאָזיגע איבערקעהרעניש האָט אויך אינדירעקט געבראַכט נוצען דעם יודענטום, ווי בכלל אַלע גרויסע געשעהענישען אין דער געשיכטע. די אידישע גלייכבערעכטיגונג אין פראַנקרייך, כאָטש זי איז געווען בעשטעטיגט דורך דער קאָנסטיטוציע, איז אונטער די מלכים לודוויג דעם 18-טען און קאַרל דעם 10-טען אַלץ מעהר און מעהר אַרומגעשניטען געוואָרען, ווייל די הויפּט-דעה האָבען געהאַט די קאַטוילישע גלחים און זיי האָבען נישט געוואָלט, אַז די אידען זאָלען האָבען גלייכע רעכט מיט די קריסטען. די אידען האָבען אונטער די דאָזיגע לעגיטימיסטישע מלכים נישט בעקומען קיין איינציגע מלוכה-שטעלע, כאָטש די צאָהל פון די אידען אין פראַנקרייך איז דריי מאָל גרעסער געוואָרען (150,000), ווי זי איז געווען בשעת דער ערשטער רעוואָלוציע, און די פראַנצויזישע אידען זענען שוין איצט געווען אויך פיעל קולטורעלער, ווי פריהער. די התחלה צו זייער בעגרענצונג איז שוין אויך געמאַכט געוואָרען. די אַזוי גערופענע שאַכטע (דאָקומענט - דיפּלאָם (Charte) האָט אָנערקענט די קריסטליכע רעליגיאָן פאַר דער הערשענדער אין דער מלוכה, און דאָס יודענטום האָט מען בלויז סובל געווען (טאָלערירט). די קריסטליכע גייסטליכע זענען בעפרייט געוואָרען פון מיליטער-פליכט, די אידישע — נישט. מען האָט שוין אויך געהאַט אָנגעהויבען פיהרען אַ פּראָפּאַגאַנדא געגען די אידען און מען האָט געקאָנט לייכט פאָראויסזעהען, אַז אויב די רעאַקציע וועט זיך געהן ווייטער מיט איהר דרך, וועלען די אידען פערלירען אַלע זייערע אויסגעקעמפטע רעכטע. די יולי-רעוואָלוציע האָט דעריבער געהאַט פאַר די אידען אַ גרויסע בעדייטונג. די ערשטע פערזאַמלונג פון די דעפּוטאַטען אונטער דעם קעניג פיליפּ, וועלכע האָט געוואָלט פערווירקליכען די שאַרטע, האָט באַלד איינגעזעהען, אַז מען האָט געמאַכט אַנ'אונטערשיעד צווישען אידען און קריסטען, און זי האָט דעריבער גלייך געטראַכט וועגען מבטל מאַכען דעם דאָזיגען אונטערשיעד. איין דעפּוטאַט (וויענע) האָט פאָרגעלעגט (אויגוסט 1830), אַז מען זאָל פון דער קאָנסטיטוציע אינגאַנצען אויסשטרייכען דעם פונקט וועגען אַ מלוכה-רעליגיאָן און אויסהאַלטען די אָנגעשטעלטע פון אידישען קולט (די כלי קודש) אויפ'ן חשבון פון דער מלוכה גלייך מיט די פון דער קאַטוילישער און פּראָטעסטאַנטישער אמונות. דער דאָזיגער פאָרשלאַג האָט אויך נושא-חן געווען ביי אַלע דעפּוטאַטען, נישט מעהר, מען האָט ערקלערט, אַז אין דער קאָנסטיטוציע פּאַסט נישט אַריינצוברענגען אַזאַ פראַגע, וועלכע איז אין גרונד בלויז אַ פינאַנסיעלע. אַ פּאָר מאָנאַט שפּעטער (נאָוועמבער 13) האָט דער בילדונגס-מיניסטער אַליין אַריינגעטראַגען אַ געזעץ-פּראָיעקט וועגען אויסגלייכען די רעכטע פון דער

אידישער רעליגיאָן מיט די רעכטע פון די איבריגע רעליגיאָנען און אַז די מלוכה־קאַסע זאָל אויסהאַלטען אויף איהר חשבון די שוהלען און רבנים, פונקט ווי מען האַלט אויס די קירכע מיט די גלחים. אין דער ערקלערונג צום געזעץ־פּראָיעקט האָט דער מיניסטער אָנגעוויזען, אַז זינט די אידען האָבען בעקומען גלייכבעריכטיגונג, האָבען זיי דערוויזען, דאָס זיי זענען עס ווערט, און דעריבער מוז מען ענדליך אויך זייער רעליגיאָן געבען גלייכבערעכטיגונג. דאָס געזעץ איז אויך דאַמאָלס אָנגענומען געוואָרען מיט אַ גרויסער מעהרהייט פון 221 שטימען פון 282.

נישט אַזוי לייכט איז עס געווען אין דער אויבערשטער פּאַלאַטע (Pai: kammer) דורכצופיהרען דאָס געזעץ וועגען דער גלייכבערעכטיגונג פון יודענטהום. דאָרט האָבען נאָך געהאַט די הויפּט־דעה די קאָנסערוואַטיווע פּריצים (ביי גרעץ אין אָריגינאַל: „די קעפּ מיט'ן צאָפּ"). דער בילדונגס־מיניסטער, מערילהוי, האָט דעריבער געמוזט אָנווענדען זיין גאַנצען רעדנערישען טאַלענט, כדי צו שטימען די פּריצים גינסטיג פאַר'ן געזעץ־פּראָיעקט. ער האָט קודם כל געדאַרפט ענטפערן אויף דער פראַגע, ווי ווערט זיין, אויב עס וועלען ענטשטעהן נאָך פיעל אַנדערע רעליגיעזע סעקטעס, צי קאָן דען די מלוכה זיי אַלעמען מחזיק זיין מיט איהרע הוצאות. מערילהוי האָט דעריבער אָנגעוויזען די גרויסע בעדייטונג פון יודענטום, וועלכע קאָן נישט בעטראַכט ווערען אַלס אַ סעקטע: ווען אַ רעליגיאָן — האָט דער מיניסטער געזאָגט — האָט אַ דאָפּעלטען כאַראַקטער: אי זי עקזיסטירט טויזענדער יאָהרען, אי זי האָט פיעל אָנהענגער; ווען די דאָזיגע רעליגיאָן ווערט אין אַלע וועלט־טיילען געעהרט און געאַכטעט דורך איהרע אָנהענגער, איז עס אונמעגליך איהרע דיענער (די כלי קודש) אָבצוזאָגען אין שטיצע, וועלכע איז נאָר אַ סימן פון הויכאַכטונג מצד דער בירגערליכער געזעלשאַפט פאַר יעדער רעליגיאָן. אַלע דאָזיגע בעדינגונגען ערפילט די אידישע רעליגיאָן. „איהר וויעג איז פיעל עלטער פאַר'ן קריסטענטום, האָט מערילהוי געזאָגט — די גרויסע ענוים, וואָס משה'ס תלמידים זענען אויסגעשטאַנען אין פיעל הונדערטער דורות פון זייערע פיינד, בעווייזען אַמבעסטען די גרויסע קראַפט, וואָס שטעקט אין דער דאָזיגער רעליגיאָן". — נאָך אַנדערע שענע ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען אויף דער טריבונאַ פון דער אויבערשטער פּאַלאַטע. מען האָט דערמאָהנט די נעמען פון יענע גרויסע אידען, וועלכע האָבען געלאָזען נאָך זיך ליכטיגע שפּורען אין דער וועלט־געשיכטע: פ י ל ו ן, ד ע ר ר מ ב ם און מ ש ה מ ע נ ד ע ל ס אָ ן. ביי דער אָבשטימונג (יאַנואַר 1831) האָבען זיך פון 89 אַרויסגעזאָגט 57 לטובת דער פאָלקאָמער גלייכבערעכטיגונג פון יודענטום אין דער מלוכה. אַזוי אַרום איז אין פראַנקרייך איינגעפאַלען די לעצטע וואַנד, וואָס האָט אָבגעשיידעט די אָנהענגער פון יודענטום פון די אָנהענגער פון קריסטענטום. דער קעניג לואי פיליפּ האָט בעשטעטיגט (8־טען פעברואַר) דאָס געזעץ, אַז די פראַנצויזישע רבנים דאַרפען צו־גלייך

מיט די קאטוילישע און פראטעסטאנטישע גלחים בעקומען פענסיע פון דער מלוכה־קאסע. אויך דאס ראבינער־סעמינאריום, וועלכעם מען האט מיט א קורצער צייט פאר דעם (אויגוסט 1829) געגרינדעט אין מעץ (College-Rabbinique) אויף אויסצובילדען רבנים פאר די פראנצויזישע אי־דען, איז אנערקענט געווארען פאר א מלוכה־אנשטאלט און טיילוויז אויס־געהאלטען געווארען אויפ'ן חשבון פון דער מלוכה. — אין פראנקפורט ד'מאין האט אין דער זעלבער צייט דער סענאט געמאכט א פארשלאג, אז מען זאל די אידען, לפחות, בירגערליך, אויסגלייכען מיט די קריסטען, נעמליך, אז מען זאל מבטל מאכען די בעגרענצונג פונ'ם רעכט פאר אידען אויף חתונה האבען. אבער פון ניינציג מיטגלידער פון סענאט האבען צוויי דריטעל געשטימט געגען דעם...

אין אנדערע דייטשע שטעדט האט די בעפרייענדע יולי־רעוואלוציע אויך ארויסגערופען נייע „העפ־העפ"־געשרייען פון גראבען המון, אבער די געבילדעטערע געזעלשאפט האט דאס אויפגענומען מיט צופרידענהייט, למשל, אין מינכען, ברעסלוי און אנדערע שטעדט. די דאזיגע ערשיינונגען, וועלכע האבען שרעקליך אויפגערעגט די אידעלערע געמיטער, האבען דער־וועקט ביי די אידען א געוואלדיגען קעמפער, וועלכער האט זיי ארויסגע־געבען א געפיהל פון אכטונג פאר זיך זעלבסט. דאס איז געווען גבריאל ריסער (געבוירען 1806, געשט. 1860), א פערזענליכקייט פון דער איי־דעלסטער דענקונגס־ארט; יעדער נערוו אין איהם איז געווען דורכגעדרונ־גען מיט מוטיגקייט. ווי שוין דערמאהנט, איז ער געווען דער זוהן פון אליעזר ריסער, וועלכער האט זיך געהאט ארויסגעזאגט גינסטיג פאר דער האמבורגער רעפארם־פארטיי, און אנ'אייניקעל פונ'ם גרויסען האמבורגער רב, רבי רפאל הכהן, וועלכער האט געשטאמט פון פוילען. גבריאל ריסער איז געווען אינגאנצען א קינד פון דער נייער צייט; אבער ווערענד בכלל איז ער שוין געווען אינגאנצען א דייטש, סיי לויט זיין כאראקטער, סיי לויט זיין אופן דענקען, און דאס יודענטום, אלס א זויער־טייג אין דער לאנגער רייהע פון דער פעלקער־געשיכטע, איז איהם געווארען גאנץ גלייכ־גילטיג, האט ער פונדעסטוועגען געקעמפט פאר'ן כבוד פון יודענטהום און זיין הויכען ווערט. נישט דעם פערזענליכען נוצען, וואס ער האט געקאנט האבען פון דער אידישער בעפרייאונג, איז איהם אין זינען געלעגען, נאר אנ־אונבעוואוסטזיניגעס געפיהל פון צוגעבונדענקייט צום אידישען פאלק האט איהם דערצו געטריבען. מיט אנ'איידעלען כעס האט ער פארגעהאלטען די דייטשע רעגירונגען א שפיעגעל, אין וועלכען ער האט זיי געוויזען, אז זיי גיבען נישט די אידען זייערע מענשענרעכטע, נאר כדי צו בעוועגען זיי צו שמד'ן זיך און בעגעהן אזוי ארום א פאלשע שבועה און א שענדליכע טהאט, וויל דער שמד קומט פאר בלויז צוליעב אנ'איינענוציגען ציעל און נישט צוליעב איבערצייגונג. „ווי אזוי קאן דער דערוואקסענער מענש אכטונג האבען פאר אנ'אמונה (די קריסטליכע), וואס איהרע פערעהרער מוזען איהם

ערשיינען אלס שאנד-מעקלער (קופלער), וועלכע שטרעבען עמיצען צו פערפיהרען, ווי אלערליי אנדערע מעקלער, דורכ'ן בלאסק פון געלד, אז מען זאל איהר (די אמונה) אננעהמען אהן ליעבע, אהן איבערצייגונג, בלויז צו ליעב דעם וואס מען וועט דערפון האבען נוצען?" — אויך די אידען האט ריסער זייער שפיגעל בעוויזען, יענע שפל'דיגע אידען נעמליך, וועלכע האבען זיך אבגעשיידעט פון אידישען פאלק, כדי צו פיהרען א לעבען פול פערגעניגענס, אדער כדי דורך זייערע שקרים זיך צו קויפען גלייכבערעכטיגונג, אדער וואס האבען, לפחות, זייערע קינדער געפיהרט צום שמד, כדי אויסצוגלייכען פאר זיי דעם וועג אין פראקטישען לעבען. „דאס געפיהל פון עהרע — האט ריסער אויסגערופען צו זיי — פאדערט, אז אפילו דער, וואס איז ווירקליך נוטה צו דער הערשענדער רעליגיאן, זאל זיך פון זיין פאלק נישט אבזאגען, כל זמן דאס פאלק האט זיך נאך נישט אויסגעקעמפט קיין פאלקאמע גלייכבערעכטיגונג". ריסער האט אויך געוואלט גרינדען פעראיינען, וואס זאלען קעמפען פאר דער אידישער גלייכבערעכטיגונג. מענשען פון גלייכע מיינונגען זאלען זיך פעראייניגען און בלייבען געטריי דעם ליידענדען פאלק, ביז דער קאמף פאר איהם וועט זיך ענדיגען מיט ערפאלג. צעהן יאהר פריהער האט עדואַרד גאנז זיך נישט דערוואוינען ארויסצושטעלען אזא פראגראם אין זיין קולטור-פעראיין; אבער צווישען גאנז און גבריאל ריסער איז געלעגען די יולי-רעוואלוציע. אויך פון קריסטען האט ריסער געפאדערט, אז זיי זאלען אנטייל נעהמען אין אזא פעראיין, וויייל פאר בעסער דענקענדע מענשען פון יעדער רעליגיאן דארף דאס זיין אנ'עהרען-זאך, צו קעמפען פאר דער בעפרייאונג פון פערקנעכטעטע.

ריסער'ס ווארט האט געווירקט, דען עס איז געזאגט געווארען אין דער רעכטער צייט, און די געמיטער זענען איצט מעהר מסוגל געווען אויפצונעהמען עס. דער טאן פון פעסטען גלויבען און זיכערקייט, מיט וועלכען ער האט פאראויסגעזאגט, אז דער ענדליכער נצחון פון דער פרייהייט מוז קומען, האט קונה לבבות געווען, צו האפען און גלויבען מיט איהם צוזאמען. אויך אייניגע געשעהענישען זענען דאמאלס פארגעקומען, וועלכע האבען זיין נבואה פערשטארקט. צום ערשטען מאל האט מען אין ענגלישען פארלאמענט גערעדט וועגען דער פאלקאמער גלייכבערעכטיגונג פון די אידען און געטהון האט מען עס לויט דער התעוררות פון די קריסטליכע בוחרים אין לאנדאן און ליווערפול; די בעדייטענדע פארטיי-אנפיהרער אין פארלאמענט האבען גערעדט לטובת די אידען. נאך אונערוואַרטעטער איז פאר אלעמען אין דייטשלאנד פארגעקומען דער בעשלוס פון דער רעגירונג אין העסען, צו געבען די אידען גלייכבערעכטיגונג. העסען איז געווען די ערשטע דייטשע מדינה, וועלכע האט די אידען די פאלקאמע פרייהייט געגעבען. דאס האט צוגעגעבען ריסער'ן מוט, צו קעמפען ווייטער פאר זיין האפנונגס-אידעאל. ריסער איז קיינמאל נישט מיעד געווארען צו קעמפען פאר דער זאך, וועלכער ער האט זיין לעבען געווידמעט, אבער שטענדיג

אין פאר איהם געווען דער עיקר דער ווערט און כבוד פון אידישען פאלק און נישט דער מאטעריעלער נוצען. „אפילו די אונבעדייטענדסטע צערעמאניע פון אידישען ריטואל האט נישט געדארפט געבראכט ווערען פאר א קרבן צוליעב דער גלייכבערעכטיגונג, ווען מען קאן זי נאר דערגרייכען דורך אזא קרבן" — האט ריסער ערקלערט ביידע צדדים צוגלייך. די דייטשע רעגירונגען און די פאלקס־קלאסען האבען פערלאנגט פון די אידען, אז זיי זאלען ווערען משכילים און זיך אבזאגען פון יעדען אבערגלויבען, אבזאגען זיך פון תלמוד און פון דער אמונה אין משיח. און ס'האבען זיך געפונען אידען, וואס האבען פערגעסען אן יעדער אכטונג צו זיך אליין און פארגעלעגט דער רעגירונג, צו געבען גלייכבערעכטיגונג נאר יענע אידען, וועלכע תאבען זיך אבגעזאגט פון תלמוד. אזא מסחר מיט דער אמונה האט ריסער ערקלערט פאר א חרפה. ווען די באדענער אידען האבען ריסער'ן, אלס דאנק, געגעבען א מתנה דאס בילד פונ'ם אידישען קינסטלער אפענהיים, וואס שטעלט פאר א אידישען יונגען סאלדאט, וועלכער קומט פלוצלונג אהיים צו זיינע עלטערן, בשעת זיי זיצען און פייערן שבת־קודש, האט ריסער אין זיין דאנק־בריעף געשריבען פאלגענדעס: „ס'איז א נארישקייט מצד דעם פאטער, ווען ער וויל אנטהון זיין זוהן דוקא פארצייטיגע קליידער, אבער דער זוהן, וואס שעמט זיך מיט זיין פאטער, איז א נבל, און א נבל איז אויך דער דור, וואס שעמט זיך מיט זיין אלטערטום". די דאזיגע מיינונג, וועלכע ריסער האט ארויסגעזאגט מיט דער שטארקסטער איבערצייגונג, איז דורך דער יוגענד אנגענומען געווארען מיט דער גרעסטער ליעבשאפט, ווייל ארויסגעזאגט האט עס נישט אנ'אלט־פרענקישער פרומער איד, נאר א יונגער יוריסט, א מענש, וואס די דייטשע וועלט איז איהם געשטאנען פיעל נאהענטער, ווי די אידישע. ריסער האט די אידישע פראגע געמאכט פאר א פונקט אינ'ם פראגראם פון דייטשען ליבעראליזם דורך זיין קאמף געגען די אידען־פרעסער פאולוס, עדוארד מייער, פפיצער, פארשטרעקפום און אלע פיינד פון דער פרייהייט אין די דייטשע פארלאמענטען (Ständekammern) דאס יונגע דייטשלאנד און אלע, וועלכע זענען ארויסגעטרעטען אין קאמף געגען דער קנעכטשאפט, זענען פון דאמאלס אן געצוואונגען געווען אויפצושרייבען אויף זייער פאהן די רעליגיאנס־פרייהייט און די גלייכשטעלונג פון אלע קלאסען. אבער פיעל גרעסער איז ריסער'ס פערדינסט אין אידישען לעבען גופא: ער האט דערהויבען אין די דאמאלסדיגע דייטשע אידען דעם געפיהל פון כבוד פאר זיך זעלבסט און מבטל געמאכט די נארישע שעמעוודיגקייט, וואס די אזוי גערופענע אידען־משכילים האבען געהאט מיט זייער נאמען איד.

געפיהרט דורכ'ן גדאנק, אז די אכטונג פאר זיך זעלבסט און דאס זעלבסטבעוואוסטזיין פון דער אידישער וועלט קאנען אמשטארקסטען געוועקט ווערען נאר דורכ'ן בעקענען זיך מיט דער אידישער פערגאנגענהייט, האט יום טוב ליפמאן (לעאפאלד) צונץ מיט זיין וויסענשאפטליכער אר־

בייט בעלויכטען איהרע א וויכטיגע זייט. מיטארבייטענדיג ביים זשורנאל פונ׳ם קולטור-פעראיין, האט ער געוויזען דעם וועג, ווי אזוי צו בעארבייטען די אלטע אידישע קוועלען. דעם גאנצען גרויסען אוצר פון זיין רייכער וויסענשאפט האט צונץ אויסגענוצט אויף צו בעלייכטען און פעריונגען דאס אידישע פאלק. אין זיין ספר „די גאטעס-דינסטליכע פארטרעגע״, דאס הייסט, וועגען די דרשות אין די שוהלען, זייער ענטוויקלונג, פערשפרייטונג און ירידה, ווי אויך זייער נייער אויפלעבונג (1832), האט צונץ זיך געשטעלט א ציעל צו דערווייזען, אז אין מיטעלאלטער זענען די אידען נישט געווען א געמיינער קבוץ פון מענשען אהן שענע מדות און גוטען געשמאק, ווי די אידישע פיינד האבען געזאגט, נאר זיי זענען בעשטאנען פון גייסטיג הויך ענטוויקעלטע קהלות, וועלכע האבען בעשאפען און אויסגעארבייט אנ׳אייגענע קולטור פאר זיך, אנטייל נעהמענדיג אויך אין דער אלגעמיינער קולטור. „פון אייביג אן — שרייבט צונץ — געפינען מיר ביי די אידען שענע מנהגים, וועלכע האבען געהאט דאס ציעל, צו דערנעהנטערען די מענשען, וועלכע זענען אריינגעטהון מיט אלע זייערע חושים אין זייערע פריוואטע אינטערעסען אין געמיינע תאוות, צום רעיון פון דער געטליכקייט. די שבתים און יום-טובים, די קרבנות און פערזאמלונגען, די תפלה-בצבור און די דרשות — דאס אלץ האט געדארפט געבען א טרייסט דער געפלאגטער נשמה, א שטיצע פאר די מיעדע הערצער, א מאראלישע לעהרע דעם גאנצען פאלק און, ענדליך אויך, דערווארימען ביים אידען אין הארצען דאס פייער פון ליעבע צו זיין פאלק און זיין תורה, כדי מען זאל גרייט זיין מוסר-נפש צו זיין זיך דערפאר. שוין א פאר טויזענד יאהר, ווי אידען האבען זייער לאנד און ממשלה פערלוירען, אבער זייער שוהל איז ביי זיי געבליבען, און זי איז געווען פאר זיי די איינציגע נאציאנאלע אינסטיטוציע, וואו זיי האבען כח געשעפט, צו לעבען ווייטער״.

צונ׳ס ספר איז געווען אנ׳עכטע ארבייט פון א דייטשען געלעהרטען: טרוקען אבער ריין וויסענשאפטליך, געגרינדעט אויף קלארע בעווייזען. צונץ האט דער ערשטער פערצייכענט פיעל פאקטען, וועלכע זענען נישט בעוואוסט געווען, ווי געהעריג; דעריבער האט ער געמאכט א שטארקען איינדרוק און דערוועקט פיעל שריפטשטעלער, צו ארבייטען אין דער זעלבער ריכטונג. דער ספר „די גאטעס-דיענסטליכע פארטרעגע״ האט אפילו געהאט נאך איין צוועק אויך: ער האט געדארפט מיטוויחקען, אז די אידען זאלען בעקומען גלייכבערעכטיגונג און איינפיהרען רעליגיעזע רעפארמען, אבער דער הויפט-צוועק איז געווען — די וויסענשאפטליכע פארשונג אין דער אידישער געשיכטע, וועגען וועלכער די קריסטען האבען דאמאלס געטענה׳ט, אז די אידען זענען כלל נישט פעהיג צו אזא ארבייט

די אידישע וויסענשאפט, וועלכע האט זיך אנגעהויבען שטארק ענטוויקלען, האט פאר זיך באלד בעשאפען נייע ארגאנען, וואו זי האט געקאנט פארגעטראגען ווערען. דער עלטסטער און וויכטיגסטער ארגאן צווי-

שען זיי איז געווען דער „כרם חמד" (דער „אידעלער וויינגאַרטען"),
וואָס האָט געגרינדעט שמואל לייב גאָלדבערג פון טאַרנאָפּאָל;
דער „כרם חמד" האָט אין אַ משך פון צעהן יאָהר מיטגעווירקט צו בע־
לייכטען פערשידענע זייטען פון יודענטום. די אידישע געשיכטע האָט
אָבער דאָרט פערנומען דעם וויכטיגסטען אָרט. יונגע לייט און עלטערע אי־
דען האָבען איינע איבער די אַנדערע זיך בעמיהט מפרסם צו זיין פערשי־
דענע חקירות אין דער אידישער וויסענשאַפט און געשיכטע, כדי אַז דער
געוועהנליכער אידישער לעזער, אָדער דער דאַמאָלסדיגער רוב פון פאָלק
זאָל זיך דערמיט בעקענען. די מיטאַרבייטער פון זשורנאַל זענען על פי רוב
געווען גאַליציאַנער אידען און דעם אָנגעזעהענסטען אָרט האָט צווישען זיי
פערנומען ר' שלמה ראַפּאָפּאָרט. אויך נחמן הכהן קראָכמאַל האָט זיך גע־
לאָזט בעוועגען דורך ראַפּאָפּאָרטען אָבצודרוקען דאָרט אונטער זיין איינע־
נעם נאָמען עטליכע קאַפּיטלעך פון זיין גרויסען ספר („מורה נבוכי הזמן").
פון די דייטשע אידען האָבען דאָרט מיטגעאַרבייט נאָר צוויי געלעהרטע:
דער פליסיגער צונז און דער בעגייסטערטער יחיאל זאַקס, וועלכע
האָבען, ביי זייער גאַנצער פערשידענהייט אין בעטראַכטען דאָס יודענטום,
ביידע בעררייכערט די אידישע וויסענשאַפט יעדער אויף זיין אופן.

די קליינע מחנה פון די אידישע פאָרשער האָט בעקומען אַ נייע פער־
שטאַרקונג פון איטאַליען, וואו די אידען זענען אַ לאַנגע צייט געווען פער־
שלאָפען און האָבען זעהר ווייניג אַנטייל גענומען אין דער אידישער גע־
שיכטע. דאָס זענען געווען: דער וואונדערליכער האַלב־רב רעדזשיא
(רעגיו) פון געריז, דער רב גיראָנדי פון פּאַדוא, דער רייכער פּרי־
וואַט־מאַן אַלמאַנצי, דער רופא שמואל וויטאַ דעלאַ
וואָלטאַ פון מאַנטוא און בעזונדערס אָבער, שמואל דוד לו־
צאַטאַ (שד"ל, געבוירען אין טריעסט 1800, געשטאָרבען אין פּאַדוא 1865).

לוצאַטאָ האָט, ווי איינער פון די פאָרצייטיגע עכט־אידישע חכמים,
עוסק געווען אין דער אידישער וויסענשאַפט מיט אַלע זיינע כחות, נישט
אַכטענדיג אויף זיין אָרימקייט און שווערע אומשטענדען אין לעבען. אין
דער וויסענשאַפט פון דער העברעאישער שפּראַך, אין איהר גראַמאַטיק,
אין דער עקזעגעזע, אין איהר פּאָעזיע און בעזונדערס אין זיינע איינענע
שירים האָט לוצאַטאָ דערגרייכט צו אַ הויכער מדרגה, און קיינער אין זיין
צייט איז איהם דערין נישט איבערגעשטיגען. קיין דיכטער איז ער אפילו
אליין כלל נישט געווען, אָבער אין דער קונסט צו שרייבען שירים האָט ער
קיין גלייכען נישט געהאַט. אין יאָהר 1829 איז אין פּאַדוא געגרינדעט גע־
וואָרען די ערשטע רבנישע הויכשולע (Collegio rabbinico) דורך דער
עסטרייכישער רעגירונג, כדי אויסצובילדען דאָרט געלעהרטע רבנים־פילאָ־
זאָפען. לוצאַטאָ איז געווען איינער פון די ערשטע פּראָפעסאָרען אין דער
דאָזיגער הויכשולע און דאָרט האָט ער געהאַט די געלעגענהייט צו ווידמען
זיך דער וויסענשאַפטליכער ערקלערונג פון תנ"ך און בעלייכטען דעם ריכ־

טיגען געדאנק פון די נביאישע רעדעס. די פארשונגען פון ראפאפארט אין דער אידישער געשיכטע האבען איהם דערוועקט, אבצוגעבען זיך אויך מיט די דאזיגע שטודיען און ער האט בעוויזען דערין פיעל וויכטיגעס אויפצוטהון.

דורך דער צושפרייטונג פון די אידען אין אלע לענדער זענען פערלוידען געווארען די שענסטע בלעטער פון זייער געשיכטע פון דער שפאניש־פראנצויזישער עפאכע. די דאזיגע שענע בלעטער צוריק צו געפינען האט זיך אנגעהויבען בעמיהען לוצאטא, און אין איטאליען האט זיין בעמיהונג געהאט ערפאלג, ווייל די גערודפטע אידען זענען פון פראנקרייך און שפאניען געגאנגען צו־ערשט דורך איטאליען. דארט האבען דעריבער זיך אבגעלעגט צוערשט די אוצרות פון זייער ליטעראטור, וועלכע זענען אבער געלעגען א גאנץ לאנגע צייט בעגראבען, דען מען האט זיך געשראקען פאר די שלאנגען־אויגען פון דער אינקוויזיציע. אפילו ספרים, וועלכע זענען אין איטאליען געדרוקט געווארען, האט מען נישט לייכט געקאנט בעקומען. לוצאטא האט זיי דורך זיין פלייסיגקייט אויפגעזוכט און מפרסם געווען אין זשורנאלען אדער אין בעזונדערע מאנאגראפיען. דורך איהם האט די אידישע געשיכטע אין מיטעלאלטער בעקומען ערשט איהרע נויטיגע פונדאמענטען, איהר בעפארבונג און בעלייכטונג. אויב מען רופט קראכמאל און ראפאפארט די פאטערס פון דער בעארבייטונג פון דער אידישער געשיכטע, איז לוצאטא איהר מוטער. ערשט דורך איהם איז מעגליך געווארען דייטליך צו דערקענען, נרופירען און צונלידערן דאס, וואס איז ביז דאמאלס געווען בעוואוסט נאר בכלל און איינגעהילט אין א נעבעל־שלייער. די אויפשפראצונג פון דער העברעאישער פאעזיע, איהר אויפלעבונג אין רבי יהודה הלוי'ס צייט, ווי בכלל דאס רייכע גייסטיגע לעבען פון די אידען אין שפאניען האט לוצאטא דער ערשטער אויפגעדעקט. ביז זיין לעצטען אטעם האט לוצאטא נישט אויפגעהערט צו זוכען און צו נישטערן אין אלטע כתבים. ער האט אליין ארויסגעגעבען א גאנצען אוצר אלטע ספרים און דערוועקט אויך די פריינד פוז דער אידישייר וויסענשאפט נאכצוטהון דאס איינענע.

צוזאמען מיט'ן העברעאישען זשורנאל „כרם חמד“, וואס איז געווען געווידמעט דער אידישער וויסענשאפט, זענען אויך ענטשטאנען זשורנאלען אויף דייטש, וועלכע האבען אבגעגעבען א גרויסען ארט דער אידישער וויסענשאפט: „דער איזראעליטיש פרעדיגט־ און שוהל־מאגאזין“ (1834 — 1836), דער „היברו רעווי“ (ענגליש), ארויסגעגעבען דורכ'ן פארטוגיעזישען „חכם“, רפאל, אין לאנדאן (1835), „די אלגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס“ (געגרינדעט דורך לודוויג פיליפסאן אין יאהר 1837 און עקזיסטירט נאך עד היום). אלע דאזיגע פרעסע־ארגאנען האבען בעלויכטען פערשידענע עפאכען אין דער געשיכטע פון אידישען פאלק. אבער די לעהרע פון יודענטום, זיין הויפט־יסוד, צוליב וועלכען דאס אידישע פאלק האט

פערנומען א בעזונדערן ארט צווישען די פעלקער און איז געווארען א פאלק פון מערטירער און קדושים, — דאס האט מען נאך נישט געהאט בעלויכ־טען. געטהון האט עס דער דאקטאר שלמה לודוויג שטיינהיים (געבוירען 1790 אין אלטאנא, געשטארבען אין ציריך 1866), אנ'אוהב נאמן פון גבריאל ריסער. שטיינהיים איז געווען א זעהר טיעפע נאטור, וועלכע האט זיך דערהויבען מיט איהר קלארען דענקען ביז צו דער הויכער, ליכ־טיגער זון. אין איהם האט זיך ענטפלעקט דער אידישער געדאנק אין זיין משיחישער קראפט — א געדאנק, אהן וועלכען דאס יודענטום דארף בע־טראכט ווערען ווי א פוסטער טויזענד־יעהריגער חלום — נעמליך, אז דאס אידישע פאלק מוז ערפילען א גרויסע שליחות, און אז די אידישע תורה און דער גורל פון אידישען פאלק שטימען איין איינגאנצען מיט דער דא־זיגער גרויסער אויפגאבע. שטיינהיים איז אבער געווען נישט בלויז א מענש מיט א רייכען קוואל פון געדאנקען, ער האט אויך געהאט א רייכע פארם, צו בעקליידען זיינע געדאנקען, צו מאכען זיי אנציהענד און שען. מען וואלט איהם געקאנט פערגלייכען מיט רבי יהודה הלוי, דעם אידיש־קאס־מיליאנישען דיכטער־פילאזאף, ווען ער וואלט נאר געהאט מעהר דיכטערי־שע בעגאבונג. זיין ערשט ווערק „די געזאנגען פון עובדיה בן עמוד פון גלות" האט אפילו נישט קיין גרויסען דיכטערישען ווערט, אבער דא גע־פינען זיך שוין פרוכטבארע קערנדלעך פון געדאנקען, וועלכע דער דיכטער פערזייהעט. דער אינהאלט פון „געזאנג" איז פאלגענדער: א אידישער חכם (עובדיה) אין לאנד מצרים זאגט פאראויס זיין זוהן אין דער צייט פון די פטאלעמייער די צוקונפטיגע גרויסקייט און שפלות פון אידישען פאלק: די כונת פון דער געטליכער השגחה און איהר ווערק איז, אז א שוואך פאלק וואס דארף מודיע זיין דער וועלט וועגען גאטס השגחה, זאל לעבעדיג דער־האלטען ווערען, ליידענדיג צווישען מיליאנען פיינד רדיפות און ענוים אין א משך פון טויזענדער יאהרען און ווערענדיג געשאכטען, ווי אקסען. אונזערע אבות זענען נאך אין גאנץ אלטע צייטען געהייליגט געווארען פאר כהנים און א הייליג פאלק:

„דו אליין, דו אייביג פאלק,
„מאסענווייז צושפרייט צווישען פעלקער,
„דו ביזט כהן, דו ביזט קרבן —
„עדות בלוטיגער פון גאט..."

און אט צוליעב וואס דאס אידישע פאלק האט אונטערגענומען זיין וואנדערשאפט איבער דער גאנצער וועלט: ס'האט געדארפט איבעראל פער־שפרייטען די ליכטיגע קערנדלעך פון א ריינער גאטס־פערעהרונג און פון הויכע מדות־טובות. פון דער דאזיגער הויך האט שטיינהיים געזעהען די אידישע פערגאנגענהייט און צוקונפט אין העלער ליכטיגקייט. אלע רעטע־נישען אין לעבען פון אידישען פאלק האבען אנ'ערקלערונג בעקומען, אלע פראגען — אנ'ענטפער. די כהונה־אויפגאבע, וואס איז געשטעלט געווארען

פאר'ן אידישען פאלק, האט געדארפט זיין אנ'אויפגאבע צו ליידען יסורים; דאס אידישע פאלק, אלס דער גואל פון דער מענשהייט, האט געמוזט טראגען א קרוין פון דערנער, האט געמוזט דערנידעריגט ווערען צו קנעכטשאפט. דערין האט שטיינהיים בעלויכטען בלויז דעם גרונד-געדאנק פונ'ם נביא ישעיה דעם צווייטען (ס'הייסט: ישעיה פון קאפיטעל מ' ביז ס"ו).

נאר די אידישע געגענווארט איז געוועזן פאר שטיינהיים א רעטעניש. דאס, וואס די זיהן פון אידישען פאלק זענען פון איהם פערפרעמדעט געווארען, דאס מיאש זיין זיך פון זיך אליין, די פעראכטונג פאר דער אידישער תורה און פאלק, די טעגליך פארקומענדע שמד'ערייען, און וועלכע איינציגע האבען דאמאלס שוין געזעהען דעם נאהענטען אידישען אונטערגאנג, א שטיינער, ווי דער כהן-גדול וואלט געוואלט אליין מחלל זיין זיין כהונה — דאס אלץ איז געווען פאר שטיינהיים א שרעקליך אונגליק, נעבען וועלכען ער האט געוואלט ווירקען. און אט דאס איז געווען דער צוועק פון זיין געזאנג „עובדיה", וואו ער האט אויסגעארבייט א גאנצען געדאנקען-סיסטעם וועגען דער בעדייטונג פון יודענטום. „איך האב נישט מורא פאר די צייטען פון עלענד און דחקות — זאגט עובדיה צו זיין זוהן, — דאן האלטען זיך די שותפות ליידענדע אלע פעסט איינער אן דעם אנדערן, פונקט ווי די רינדער אונטער'ן יאך; כ'האב אויך נישט מורא פאר די צייטען, ווען ס'הערשט אלגעמיינע פרייהייט, געפעהרליך זענען נאר יענע צייטען, ווען די רדיפות ווערען מעסיגער, אבער נישט בטל אינגאנצען, ווען די פרייהייט איז נאהענט, אבער נאך נישט דערגרייכט. אין אזעלכע צייטען ווערט דאס אבפאלען פון די עלטערן, דער שמד, לפנים א כבוד-יאך און נוצליך. פאר דער דערוויילינגער לעבענס-בעקוועמליכקייט ווערט פערשטויסען דאס אייביגע לעבען. אט דאס איז די אמת'ע אונגליקס-צייט". שארף פאלט אן שטיינהיים אויף יענע פוסטע מתות, וועלכע זאגען זיך אב פון אידישען פאלק:

דער קבר בעדעקט נישט די האנט,
וואס האט זיך געשטרעקט נעגען פאטער;
דער קבר בעדעקט נישט דעם מויל,
וואס האט זיין ליעבע מאמען פערשאלטען.
און דו — דער פערפרעמדעטער מענש!
דו שמד-יונג!
דיין ביטער געשלאגענעם פאטער
האסטו מיט אכזריות פערלאזען;
צוטראטען, געשענדעט דאס בעסטע
מיט חרפות, זלזולים און גראב —
די שונאים צו פרייד און שפאט...
און קינדער, ווי דו האסט געבוירען,
מיט שטיינער צושפאלטען דעם קאפ זיי

דיין פאטער, און פליקען זיין באָרד..
ס'פערשילט דיך מיין ליעד!
עס רוישט געגען דיר מיין געזאנג
ציונס-ליעד האט פעראכטונג פאר דיר!

אבער נישט בלויז פערשילטען האט געוואלט שטיינהיים, נאר אויפקלערען און איבערצייגען. ער האט זיך געווענדעט נישט צו די גליקליכע פרעהליכע און רייכע, נאר „צו דער יוגענד מיט איהר שמערץ און בענקעניש, מיט איהר פיהלבארקייט פאר ליכטיגקייט און גערעכטיגקייט". איהר האט ער געווידמעט זיין געדאנקען-רייך בוך: „די געטליכע ענטפלעקונג, לויט דער אידישער רעליגיע"*). מיט א טיעף פילאזאפישען אנאליז האט שטיינהיים ארומגענומען דעם גאנצען אינהאלט פון יודענטהום און איז געקומען צום בעשלוס, אז עס איז די ערהאבענסטע און העכסטע רעליגיאן, דאס פלאי-פלאים („וואונדער דער וואונדער"), וואס נאר דורך איהם קאן דער' נאכרעכענדער מענשליכער גייסט געפינען אן'אמת'ע בעפרידיגונג. שטיינהיים איז דרייסט צוגעטראטען צו דער פראגע: וואס איז עס דען אייגענטליך אט דאס הויך געריהמטע און טיעף אבגעלאכטע יודענטהום? אלע אידישע דענקער האבען זיך געשפירט גליקליך, ווען ס'איז זיי געלונגען צו דערווייזען, אז די יסודות פון יודענטהום שטימען איין מיט דער אלגעמיינער פילאזאפיע איבער דער גייסטיגער וועלט, אדער דאס זיי זענען, לפחות, זיי נישט סותר. אין דער לעצטער צייט האט אבער די אויטאריטעט פון שכל גופא באנקראטירט, נאכדעם ווי דער קעניגסבערגער פילאזאף קאנט האט געמאכט אזא איבערקעהרעניש אין דער פילאזאפישער וועלט, ווי ראבערספיער אין דער פאליטישער. דערווייזענדיג, אז דער שכל איז כלל נישט אימשטאנד צו ענטדעקען וואהרהייטען אין דער מעטאפיזיק, וואס געגען זיי זאל נישט זיין וואס אנצווענדען, ווייל אדער די שלוסען פון שכל זענען זיך תמיד סותר איינער דעם אנדערן, אדער זיי זענען בכלל זעהר בעגרענצט, ווי אלע כחות פונ'ם מענשען און ממילא מוזען זיי זיהרען צו פעהלערן. שטיינהיים האט דעריבער איינגעזעהען, אז, פאר א רעליגיאן איז זעהר א שלעכטער סימן, אויב זי מוז זיך שטיצען בלויז אויפ'ן שכל, און ער האט דערפאר ארויסגעשטעלט פאלגענדע ערקלערונג: אינגאנצען איינשטימיג מיט'ן שכל איז בלויז די געצענדיענעריי אין אלע איהרע פערשידענע מדרגות, — די געצענדיענעריי, וואס האט אזוי פיעל אונגליקען געבראכט אויף דער וועלט, אין וועלכער „די רויבער, גנבים, נואפים און קנאבען-שענדער האבען געפונען א מוסטער פאר זייערע מעשים ביי זייערע געטער", — די געצענדיענעריי, אין וועלכער אפילו די בעסערע מענשען צייבענען זיך אוים מיט זייער קנאה, אויסגעלאסענקייט,

*) „די אפענבארונג נאך דעם לעהר בעגריף דער סינאגאגע". 1835 — ערשטער טייל, 1856 — צווייטער טייל, 1863 — דריטער טייל און 1865 — פירטער טייל.

ניאוף, נקמה־דורשטיגקייט און אונגערעכטיגקייט. און אויב דאָס קריסטענטום — האָט שטיינהיים ווייטער ערקלערט — מיינט זיך באמת אָבצוזאָגען אינגאַנצען פון יודענטהום (ווי דאָס איז אריין אין דער מאָדע זינט די צייטען פון שלייערמאַכער און העגל), וועט עס אראָבפאַלען ביז דער נידעריגער מדרגה פון דער געצענדיענערײ. ליעבע און שנאה, אהרימאַן און ארמוז (די פערסישע געטער פון דער פינסטערניש און ליכטיגקייט), דער משיח און דער שטן מיט אלע זייערע פערשידענע שפילען, די אייביגע מאַטעריע, פאַר וועלכעביידע כוחות פיהרען תמיד אַ קאַמף און, ענדליך, די אונערביטליכע נויט—אָט דאָס זענען די גרונד־געדאַנקען פון דער נאַטירליכער רעליגיאָן. דער מענש אליין ווערט אויך אונטערטעניג אונטער דער שווערער מאַכט פון דער נויט:

לויט אייביגע אייזערנע
גרויסע געזעצען,
דאָ מוזען מיר אלע
דורכלויפען דעם קרייז
פון געמאָסטענעם לעבען—

ווי די געטער, אַזוי אויך די פריסטער און חכמים; ווי דער קעניג אַזוי אויך זיינע אונטערטאַנער". געגען דעם דאָזיגען גראָבען, אָדער פערפיינערטען הײדענטום טרעט ארויס דאָס יודענטום מיט לגמרי אנדערע געדאַנקען. עס אַנערקענט אַ פערזענליכען גאָט, וועלכער פעראייניגט זיך נישט מיט דער נאַטור און צעטיילט זיך נישט אויף צוויי פרינציפען. דאָס יודענטום אַנערקענט, אז גאָט האָט בעשאַפען די וועלט פון גאָרנישט, נישט פון א פריהער אייביג עקזיסטירענדער מאַטעריע. דאָס יודענטום בעטאָנט שאַרף די מענשליכע פרייהייט און דעריבער אויך די פעראַנטוואָרטליכקייט פונ'ם מענשען פאַר זיינע מעשים. די דאָזיגע און עהנליכע וואָהרהייטען האָט דער מענשליכער פערשטאַנד נישט ארויסגעבראַכט פון זיך אליין. ער האָט עס גאָרנישט געקאָנט טהון, נאָר אויפ'ן בארג סיני זענען זיי ענטפּלעקט געוואָרען. אָבער נישט אכטענדיג דערויף וואָס זיי זענען ענטדעקט געוואָרען דעם מענשען מן הצד, זענען זיי אַזוי קלאָר און איבערצייגענד, אז דער שכל מוז זיי אָננעהמען און אָבזאָגען זיך, צוליעב זיי, פון זיינע אייגענע בעשלוסען, וואָס זענען געגרינדעט בלויז אויף דער לאָגיק, פונקט ווי ער מוז אויך אָננעהמען די געזעצען פון דער נאַטור, וועלכע זענען פאַר איהם נישט פערשטענדליך און ער קאָן זייער זין נישט איינזעהען. דער גייסט פון דער אידישער תורה (די סינאַגאָגע) איז שאַרף אָבגעגרענעצט, לויט שטיינהיים, נישט בלויז פון דער געצענדינערישער מיטאָלאָגיע, נאָר אויך פון דער קריסטליכער קירכע. „כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים"— דען פון ציון קומט ארויס די געטליכע לעהרע און גאָט'ס וואָרט פון ירושלים — דאָס דאָזיגע שוין האַלב־ערפילטע נבואה־וואָרט האָט שטיינהיים אויסגעשטראַכען מיט אמת'ער התלהבות.

ווי באלד נאר שטיינהיים האט געפונען, אדער געמיינט, אז ער האט געפונען, די נשמה פון יודענטום, האט ער זיך פאר איהר אנגעצונדען פלאם פייער, ווייל זי האט איהם געעפענט די אויגען אויף צו פערשטעהען די אידישע פערגאנגענהייט, אזוי אז ער האט אפילו אנגעהויבען הויך צו שעצען די טעטיגקייט פון די פארצייטיגע רבנים, פון וועלכע מען האט אין יענער צייט אזוי פיעל אבגעלאכט. „זיי, די פאטערס פון דער אידישער רעליגיע, האבען טיעף פערשטאנען די הויכע בעדייטונג פון זייער טעטיגקייט. זיי האבען די ערשטע אנגענומען די הארבע תורה; די שווערע דינים וואס זיי האבען פאר דעם פאלק ארויסגעגעבען, האבען זיי קודם־כל אליין העכסט שטרענג אבגעהיט, פיעל שטרענגער, ווי דאס פאלק וואלט עס געקאנט און געטהון... און ווען מען האט געדארפט געהן אין טוידט אריין פאר דער אידישער תורה, פאר דער גאנצקייט פון אידישען פאלק, זענען זיי געגאנגען די ערשטע, אויף זיי איז עס געלעגען די שווערע אויפגאבע אביצעהיטען די אידישע תורה געגען דער אנגענעהמער געצענדינעריי, וועלכע איז אזוי נאהענט דער נאטור פון מענשען.

אין זיין „אפנבארונג” האט שטיינהיים ענטדעקט, אדער ריכטיגער, ענטפלעקט פאר דער וועלט פיעל פערגעסענע וואהרהייטען. אין זיין צייט האט קיינער נישט פערשטאנען אזוי טיעף ווי ער דעם גרונד־כאראקטער פון יודענטום, אויב אפילו אייניגע פון זיינע השערות און בעשלוסען קאנען נישט אויסהאלטען די קריטיק. שטיינהיים האט אבער געמאכט א שוואכען איינדרוק אויף מענשען פון זיין צייט, חאטש ער האט גערעדט וועגען דעם יודענטום און מסביר געווען איהם כמעט מיט א התלהבות פון די פארצייטיגע נביאים און מיט א העכסט שענער שפראך.

וואס האט זיך געשטעלט צווישען איהם און דער אידישער געזעלשאפט? פארוואס איז איהם נישט געלונגען צו ווערען א לעהרער און א מנהיג פון דער אידישער יוגענד, וועהרענד ער האט געהאט דערצו אלע נויטיגע מדות?

דערפאר, וואס ער האט מיט זיין אייגענעם לעבען נישט געקאנט דינען פאר א ביישפיעל, דערפאר וואס ער האט א ל יי ן זיך נישט צוגעווענדעט צו דעם אידישען פאלק, „וואס איז אין יענער צייט אלץ מעהר פער”יתום’ט געווארען”, צו פייערען מיט אידען צוזאמען זייערע יום־טובים און טרויערן מיט זיי צוזאמען אויף זייער פערגאנגענהייט. שטיינהיים אליין איז זעהר ווייט געווען פון דער אידישער געזעלשאפט און פון אידישען לעבען...

אלע דאזיגע וואהלטעטיגע ערשיינונגען, — די אויפקלערונג פון יודענטום דורך דעם בעארבייטען איהם וויסענשאפטליך און די אכטונג, מיט וועלכע מען האט זיך אנגעהויבען בעציהען צו אידען אין קריסטליכע קרייזען א דאנק דעם, וואס ביי אידען גופא האט זיך דערוועקט די זעלבסטאכטונג — צוליעב אלעם דעם האט מען געקאנט מיינען, אז די אויסערליכע בעציאונג פון יודענטום וועט פארקומען אויף א פרידליכען אופן, אהן

קאמפפען און ליידענשאפטליכער אויפרעגונג. מען האט אלז מעהר אנגעהויבען אויסקלייבען פאר רבנים יונגעלייט מיט א הויכער אקאדעמישער בילדונג, וועלכע האבען דורך זייערע שענע דייטשע דרשות און אנדערע מיטלען בעה'תנ'ט דאס יודענטום אין די אויגען פונ'ם נייעם דור און ממילא אויך געדארפט אבהאלטען די יוגענד פון שמד, פון אנטלויפען פון די אידישע רייהען. ווי עס האט אויסגעוויזען, זענען די אלט-פרענקישע רבנים שוין דאמאלס נאר פערשוואונדען געווארען פון אידישען לעבען אבזאגענדיג זיך פון אונפרוכטבארען קאמף מיט די נייע שטרעמונגען. אבער פלוצלונג איז דער כלומרש'טער שלום פערשוואונדען געווארען, ווען עס האט פון איין זייט זיך געלאזט הערען אנ'אויפרוף צום קאמף און פון דער אנדערער זייט — אנ'ענטפער, נישט ווייניגער שארף, ווי דער ערשטער. די סתירה צווישען דער אלטער און נייער וועלט און די אונמעגליכקייט פון א שלום צווישען זיי, איז דערוועקט געווארען דורך צוויי יונגע לייט, וועלכע האבען געלערנט ביידע אין איינער און דער זעלבער אוניווערזיטעט, האבען זיך ביידע צוגעגרייט צו דער רבנות און געווען זעהר פריינדליך איינער מיט'ן אנדערען, נישט פאראויסזעהענדיג כלל אז זייערע נעמען וועלען א מאל ווערען זאמעל-נעמען פאר אידישע פארטייען. די דאזיגע סתירות און פערביטערטע קאמפפען האבען געשטאמט פון **אברהם גייגער** און **שמשון רפאל הירש**, ביידע רייך בעגאבטע זענען זיי, לויט זייערע מיינונגען און טעמפעראמענט, געווען איינער דעם אנדערען אנטיפאטיש. גייגער איז געווען א מענש מיט א פרעהליכען געמיט. וואס האט געליעבט די געזעלשאפט, און איז געווען פיעל-זייטיג געלערנט אדער לפחות, מסתל איינצוזאפען און פערשטעהן פערשידענע געביטען פון דער וויסענשאפט; הירש דאגעגען האט מעהר נוטה געווען צו ערנסטקייט, צו א איינזאמען, אבגעשלאסענעם לעבען, און איבערגעגעבען בלויז זיינע אייגענע בעליעבטע געדאנקען.

אברהם גייגער (געבוירען אין פראנקפורט דמאין 1810, געשטארבען אין בערלין 1875) האט געשטאמט פון א רבנישער משפחה, אבער ער איז געווען א פערביטערטער פיינד פון תלמוד און פון רבנישען (תלמודישען) יודענטום; ער איז דעריבער געווען א פערברענטער אנהענגער פון רעפארמען. **רבי שמעון רפאל הירש** (געבוירען אין האמבורג 1812, געשטארבען אין פראנקפורט 1888) האט געשטאמט פון א משפחה פון סוחרים און איז געווארען א בעוואפענטער קעמפער פאר דעם אלטען רבנישען יודענטום, אין וועלכען ער האט זיך נישט געוואלט אבזאגען פון דער קלענסטער קלייניגקייט. ביידענס לעבען און טעטיגקייט האט זיך קאנצענטרירט אין **איין** פונקט: גייגער האט געשטרעבט אינגאנצען מבטל צו מאכען דאס יודענטום אין יענער פארם, וואס דער תלמוד האט איהם געגעבען, און הירש דאגעגען האט זיך בעמיהט פעסט צו האלטען זיך ביי'ם תלמוד, ביי די רבנישע אויטאריטעטען און ביי אלע אלטע אידישע מנהגים.

גייגער האָט אָנגעהויבען דעם קאַמף מיט דער גריגדונג פון „אַ וויסענשאפטליכער צייטונג פאַר דער אידישען טעאלאָגיע (1835). דער צוועק פון דער צייטונג איז פון אָנהויב אָן געווען—דער קאַמף. מיט עכטער יוגענד־מוט האָט די צייטונג אָנגעהויבען רעדען מיט אַ הויכען טאָן, אַ שטייגער, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט ערקלערען פאַר דעם העכסטען בית־דין ביי אידען, וואָס אלע זענען מחויב אויסצוהערען פון איהם אי זיין לויב, אי זיין פאָרוואורף. מוטיג איז דער זשורנאַל אַרויסגעטראַטען געגען דער אַנטיסעמיטישער חוצפה פון די כלומרשטע געלעהרטע אידישע צוררים און האָט געקעמפט אויך געגען דער קליינמוטיגקייט פון יענע אידען, וועלכע האָבען געהאַלטען דאס קריסטענטום פאַר'ן אמת'ען אידעאַל פון יודענטום. אלס אַ פערדינסט פון גייגער'ס זשורנאַל דאַרף גערעכענט ווערען דאס, וואָס ער האָט געווידמעט זיין אויפמערקזאַמקייט געוויסע עפּיזאָדען און פערזאָנען פון דער אידישער געשיכטע, וועלכע מען האָט אינגאַנצען, אָדער נאָר האַלב געהאַט פערנאַכלעסיגט צוליעב שנאָה, נעמליך—די קאַראַאימען, „די בענאַבטע צווייפלער און חונפים".

גייגער'ס זשורנאַל האָט דורך זיין ריהרעוודיגקייט און שטורמעריי אַריינגעבראַכט לעבען און בעוועגונג אין די אידישע קרייזען, אַ לעבעדיג בלוט־שטראָם אין דער אידישער וויסענשאַפט און האָט אויך פּאָפּולאַריזירט איהר אין די וויטעסטע אידישע קרייזען. ווער קאָן איצט אָבוועגען, אויב דער דאָזיגער שטורם האָט געבראַכט דאַמאָלס מעהר שאַדען אָדער מעהר נוצען דעם יודענטום? דער זשורנאַל האָט אָבער פערשפּרייט אין יודענטום טיעף בעדייטענדע פאַלשע מיינונגען, ערקלערענדיג דאָס יודענטום פאַר אַ טעאָלאָגיע, דאָס הייסט—פאַר אַ רעליגיאָן פון תפלות און „אַני מאַמינ'ס", און די פערטרעטער פון יודענטום, די רבנים, האָט ער גלייכגעשטעלט מיט די פּריסטער פון אַנדערע רעליגיאָנען, וועלכע דאַרפען נאָר אָבריכטען אַ גאָטעס־דינסט. אין גרויס האַסטיגקייט און איילעניש האָט די רעפאָרם־פאַרטיי באַלד געוואָלט איינפיהרען אין לעבען די געדאַנקען, וועלכע מען האָט נאָך נישט געהאַט, ווי געהעריג איז, בעטראַכט, אָדער, ווי די פאָרמעל הריקט זיך אויס, „צוצופּאַסען די תורה צום לעבען". די אידישע וויסענשאַפט איז פאַר גייגער'ן געווען נישט אַ צוועק פאַר זיך גופא, נאָר אַ מיטעל אויסצולעדיגען דאָס יודענטום פון זיין איינהאַלט, וועלכע איז זיין הויפט־כאַראַקטער. דעם אמת מוז מען אפילו זאָגען: גייגער האָט מיט לויבענסווערטער מוט געקעמפט געגען די אידישע געלד־זעק, געגען זייערע עשירים און פוסטע מוחות, וועלכע זענען געלאָפען צום שמד, נישט גלויבענדיג אין קריסטענטום און האָבען נאָכגעמאַכט אָהן קיין שום פערשטאַנד אלע קריסטליכע מנהגים אין זייער היימישען לעבען, דערוועקענדיג דאָדורך בלויז די אונצופרידענהייט פון די קריסטליכע העכערע קרייזען. אבער דאָדורך, וואָס ער האָט געוואָלט פערטרייבען פון דער שוהל די אלטע זכרונות

און מיטלען צו לערנען דאָס פאלק, מאַכענדיג די דייטשע דרשה און די תּפלות אויף דייטש פאר א צענטער פון גאָטעס־דינסט און דעם מטיף פאר א נשמה־פערזאָרגער, וועלכע אלע מוזען געהאָרכען, האָט ער ביי'ם יודענטום אָבגעצאַפּט דאָס געזונדע בלוט, אַריינגעבענדיג איהם אַנשטאט דעם — ליחה; אזוי ארום האָט נייגער, געגען זיין ווילען, מיטגעווירקט דעם אָבפאל פון יודענטום, אונדירעקט האָט אָבער נייגער אויך דערין געבראַכט נוצען.

די אלט־פרומקייט, וועלכע האָט ביז דאמאָלס אדער סתם מרעיש־עולם געווען געגען דער נייער ריכטונג, אָדער זי האָט זיך בעצויגען צו איהר גאר שטום און אין בעסטען פאל גערעדט בלויז אין רעטעניש, ווי למשל, יצחק ברנייס האָט עס געטהון — אָט די אַלט־פרומקייט איז איצט געצוואונגען געוואָרען אַרויסצוזאגען זיך קלאָר. זי האָט דערוועקט א גרויסען ספק בכלל, אויב די רעפאָרם, וועלכע די מאָדערניסטען האָבען געפאדערט, איז גוט און נוצליך. „די נײנצעהן בריעף וועגען דעם יודענטום“ פון בן־עוזיאל (1896) וועלכע עס האָט מחבר געווען רבי שמשון רפאל הירש, זענען נעווען די עכטע שטימען פון א קרעפטיגען פראָטעסט געגען דער שטרעבונג צו מאַכען דאָס יודענטום פאַר א אויבערפלעכליכע רעליגיאָן, א רעליגיאָן, וואָס האָט נישט מעהר ווי א פאָר דייטשע לידער און תפלות, אביסעל דייטשע דרשות און בר־מצוה־צערעמאָניעס. דאָס איז געווען די התחלה פון א קאַמף צווישען צוויי פערשידענע גרונד־אַנשויאונגען. — א קאַמף, וועלכער האָט זיך נאָך עד היום נישט געענדיגט. דער דאָזיגער קאַמף איז אויסגעבראָכען אָבער בלויז אין דייטשלאנד, און די אידען פון די אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער האָבען איהם כלל נישט געשפירט. וואָרום צוליעב דעם, וואָס די דייטשע אידען איז אַזוי שווער אָנגעקומען אראָבצוווארפען פון זיך די אלטע חרפּה און דערשלאגען זיך צו א יונגער פרייהייט, האָבען פיעל געבילדעטע אידען געמיינט, אז שולדיג איז דערין נאָר זייער רעליגיאָן, וועלכע איז שטארק פערשידען פון דער קריסטליכער, זיי זענען דעריבער געווען גרייט צו ברענגען איהר פאַר א קרבן, אבי נאָר צו בעקומען גלייכבערעכטיגונג.

ווי וואונדערליך! טיפער־זעהענדע קריסטען האָבען בעוואונדערט די געצעלטען פון יעקב אין זייער איינפאַכקייט, פריי פון יעדער אויסערליכער בעפוצונג, וועהרענד די אידען גופא האָבען זיך געשפירט דערין ענג און געוואָלט אויסטוישען זייער אוהל־מועד, זייער אָרון מיט די לוחות אויף די צערעמאָניעס און די פּאראַדען פון דער קירכע. צוויי פּאָעטיש־געשטימטע קריסטליכע געלעהרטע, זענען איבערראַשט פון דער וואונדערליכער ערשיינונג, וואָס דאָס געיאגטע און געפּלאָגטע אידישע פאָלק האָט נאָך אין דער לעצטער צייט בעשאפען א ניי־העברעאישע פּאָעזיע, מאַכענדיג שפּראָצען אין די ווינטער־פרעסט די שענסטע פריהלינגס־בלומען, — די דאָזיגע צוויי געלעהרטע האָבען זיך דעריבער משתדל געווען בעקענט צו מאַכען די קריסטליכע קרייזען מיט דער העברעאישער שפּראַך און דיכטונג, צו

וועלכער זיי האָבען דערוועקט א ליעבע. „די געשיכטע פון דער נײ־העברעאישער פאעזיע“ פון פראַנץ דעליטש (1836) און די „העברעאישע כרעסטאמאַטיע“ פון אדאָם מארטינעט (1837) מיט דעם נאָמען תפארת־ישראל זענען א כבוד, וואָס קריסטען האָבען דערלאַנגט דעם אידישען גייסט. ביידע קריסטליכע מחברים בעוואונדערן די נישט אויפהערענדע אידישע שעפּפערישע קראַפט און די ענטוויקלונגס־פעהיגקייט פון העבראַאיש. חאטש זיי האָבען בכלל נישט פיעל געוואוסט וועגען דער נייער העברעאישער ליטעראַטור. און בלויז אין אָט דער זייט פון אידישען גייסט האָבען זיי שוין אויך געזעהען א ריכטיגען בעווייז, אַז דאָס אידישע פאָלק איז אונשטערבליך. „קיינער קאָן נישט אַבלייקענען,— בעמערקט פראַנץ דעליטש—אַז דאָס אידישע פאָלק איז מעהר ווערט דערמאָנט צו ווערען פאַר אַלע פעלקער, אַז זיין געשיכטע און ליטעראַטור זענען, נאָך דער קירכליכער, די ערשטע ווערט געלערנט צו ווערען און אריינטראַכטען זיך אין זיי. די פאעזיע איז אַ גרויסער טייל פון דער דאָזיגער קאָלאָסאַלער ליטעראַטור־מאַסען און דאָס ריכטיגסטע בילד פאַר דער געשיכטע פון דער פּסיכאָלאָגיע פון אידישען פאָלק. דאָס מזרח־לאַנד געפינט זיך אין גלות אין צענטער פון מערב־לאַנד און פון די טרעהרען, וואָס די אידען פערגיסען אין זייער ליבע און בענקשאַפט נאָך דער אלטער היים, קוועלט ארוים זייער פאעזיע“.

מאַרטינעט האָט געוואָלט בעקענען זיך מיט „דער הויך, טיעפקייט און ברייטקייט פון אידישען גייסט אין אונזער צייט און די אוצרות פון זייער אייגענער ליטעראַטור“ און ער האָט זיך געשפירט גליקליך, וואָס ער האָט געפונען א וויכטיגען, טיפען און אין יעדער בעציהונג גרויסאַרטיגען טייל פון דער דאָזיגער ליטעראַטור. זיין „אויסוואַהל“ (זיין חרעסטאָמאַטיע) האָט געזאָלט „ראַטעווען דעם כבוד“ פון דער נײ־העברעאישער ליטעראַטור און מאַכען פון „דער מזרח־לענדישער, פרעכטיג בליהענדער בלום, וועלכע איז פערפלאַנצט און אויסגעוואַקסען געוואָרען אויפ'ן באָדען פון מערב־לאַנד,— א שמעקעדיגען קראַנץ צו בינדען, כדי צו דערוועקען פאַר איהר פערעהרונג“.

פון די אידישע רעפאָרם־אַנהענגער, די הויפּט־מיטארבייטער פון „וויסענשאַפטליכען זשורנאַל“, האָבען אָבער נישט פיעל געשפירט אָט די התלהבות פון די קריסטליכע געלעהרטע. זיי האָבען געהאַלטען אין איין קלאָגען זיך אויף דעם קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צווישען אידען נעגען דער רעפאָרמאַציע. דען זיי האָבען זיך געשראָקען, אַז דאָס וועט זיי נאָכמעהר דערווייטערען פון זייער ענדליכען ציעל — פון דער פאלקא־מעד אידישער עמאַנציפּאַציע.

ע נ ד ע.